STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06287

IBER TSVANTSIK LATAYN-AMERIKANER LENDER

Jacob Beller

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org



יעקב בעלער

יעקב בעלער

איבער צוואַנציק לאַטיין־אַמעריקאַנער לענדער

(באַגעגענישן מיט יידן אין ווייטע ווינקלען)

★

פאַרלאַג „יידיש"
עקוואַדאָר 637

בוענאָס־איירעס, 1953

IMPRESO EN LA ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINE
Copyright by
JACOBO BELLER
New York - Bs. As.

J A C O B O   B E L L E R

A TRAVES DE VEINTE PAISES LATINOAMERICANOS

(IMPRESIONES Y REPORTAJES)

ACROSSTWENTY LATIN AMERICAN COUNTRIERS

(OBSERVATIONS AND IMPRESSIONS)

★

E D I T O R I A L   ''I D I S C H''
Ecuador 637

BUENOS AIRES — 1953

Este libro se terminó de imprimir el día 20 de Agosto del año 1953 en la Imprenta Zlotopioro Hnos., Gascón 1231, Buenos Aires, República Argentina.

***

אין יאָר 1946 האָב איך געמאַכט מיין ערשטע רייזע איבער די לאַטיין־אַמעריקאַנער לענדער, אָנהויבנדיק פון מעקסיקע ביז אַרגענטינע, ווו איך בין מיט יאָרן צוריק געווען אַ תושב. אין יאָר 1948 האָב איך די לענדער באַזוכט צום צווייטן מאָל; איייניקע פון זיי האָב איך באַזוכט צום דריטן און פערטן מאָל. איך האָב, פאָרנדיק איבער די לענדער, געזאַמלט גאָר וויכטיקן מאַטעריאַל פון אַלגעמיינעם און יידישן לעבן, מיטן ציל דאָס צו באַאַרבעטן אין אַ בוך־פאָרם. אַ סך ענדערונגען זענען דאָרט פאָרגעקומען אין די לעצטע פאָר יאָר. איך גיב די איינדרוקן מיינע דאָ אין בוך, ווי איך האָב זיי געזען בעת מיינע נסיעות. צו די היסטאָרישע דאַטעס וועגן יידן אין פערו האָב איך באַנוצט די מאַטעריאַלן פון דעם בוך פון דעם היסטאָריקער עלקאַן אַדלער: "Jews in many Lands"

יעקב בעלער

לאַ פאַלדאַ — קאָרדאָבער בערג — יאַנואַר 1953

פון זעלבן מחבר דערשינען:

„פון מיין היים אין גאַליציע" — טיפן און בילדער, לאָנדאָן, 1927.

„איבער ווייטע ימען" — דערציילונגען, ניו־יאָרק, 1942.

„ארץ־ישראל 1948" — רייזע־רעפּאָרטאַזשן, בוענאָס איירעס, 1948.

מיין ליבער, אומפאַרגעסלעכער מאַמען

די קדושה

טאָבע בת ר׳ אלתר חיים ז״ל

— אומגעקומען אין רײשער געטאָ —

אַ מצבה אויף איר אומבאַקאַנטן קבר.

מיט דער באַן פון ניו־יאָרק קיין מעקסיקע

דער אויטאָמאָביל גליטשט זיך איבער די ניו יאָרקער גאסן אויפן וועג צו „פּענסילווייניע סטיישן". בראָדוויי איז איצט, נאָך האַלבער נאַכט, איינגעטונקען אין אַ ים פון ליכט; אויפשריפטן און רעקלאַמעס פון טעאַטערס, קינאָס און נאַכט־לאָקאַלן, גלאַנצן און שימערירן אין פאַרשיידענע ליכט־קאָלירן: רויט, בלוי, גרין. פון דער טיימס־סקווער־געביידע פינקלען אַראָפּ אין פייערדיקע אותיות די לעצטע נייעס. דער מענטשן־שטראָם איז איצט דאָ, אויפן „ווייסן וועג", אַ סך גרעסער ווי ביי טאָג; דער טעמפּאָ — שטאַרקער און רוישיקער. טויזנטער קומען און גייען פון די טעאַטערס, קינאָס און נאַכטלאָקאַלן. די איינציקע וואָס רוען דאָ איצט, נאָך האַלבער נאַכט, זענען די וואָלקנקראַצער־געבײַדעס; די טויזנטער פענצטער פאַר־לאָשן, רוען זיי זיך איצט אויס נאָך אַ שווערן טאָג אַרבעט און דרימלען אָנגע־שפּאַרט אין די פינצטערע הימלען.

אַ פּאָר מינוט בלויז, און איך געפין זיך אויף דער פּלאַטפאָרם ווו עס שטייט גרייט צום אָפּפאָרן דער צו „ניו יאָרק — מעקסיקע" איבער סיינט־לואיס. אין קאָנטראַסט צו דער דרויסנדיקער ליכטיקייט און רויש, איז דאָ שטיל. די ליכט אין צוג אויסגעלאָשן, די פענצטער פאַרהאָנגען מיט ווייסע פאָרהענגלעך, כדי נישט צו שטערן די פּאַסאַזשירן אין שלאָפוואַגאָן. דער קאָנדוקטאָר ווייזט מיר אָן מיין פּלאַץ אין שלאָפוואַגאָן. דער צוג רוקט זיך שטיל אַרויס פון דער סטאַנציע און וויגט זיך וואָס אַמאָל שנעלער אַוועק פון שטאָט. איך קוק אַרויס דורכן פענסטער פון מיין וואַגאָן: די טויזנטער פייערן און פייערלעך קוקן פון ווייטן אויס ווי אַ גרויסער פייערדיקער זייל וואָס בליאַסקעט אויף אַ לאַנגן מהלך. דער לעצטער פּאַס ליכט איז פאַרשוווּנדן. דער צוג וויגט זיך איצט מיט דער גרעסטער שנעלקייט... אַ גוטע נאַכט ניו יאָרק! אַ גוטע נאַכט בראָדוויי!

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

דורכן פענצטער פון וואַגאָן האָט אַריינגעקוקט אַ טונקעלער בלויער הימל, וואָס איז וואָס אַמאָל העלער געוואָרן. איך קוק אַרויס: מיר געפינען זיך איצט

אין דעלעווער אויפן וועג קיין ווילמינגטאָן. רויכערדיקע זיילן קרייזלען זיך פון צענדליקער פאַבריק־קוימענס אין דער טונקלקייט פון אָנקומענדיקן מאָרגן.

די פאַבריקן ארבעטן שוין אין „פולער קראַפט״. ס׳איז זעקס אזייגער אין דער פרי. די נאכט־שיכט גייט אַרויס פון דער ארבעט; די פאַבריק־קוימענס צעפייפן זיך; לאנגע שורות אַרבעטער באווייזן זיך פון אלע וועגן. מיר דערנענטערן זיך קיין וואשינגטאָן. פון וויטן נאָך קאָן מען זען דעם ריזיקן קופאָל פון דער קאַפּיטאָל־געביידע. א פּאָר מינוט בלויז, דער צוג בלייבט שטיין אין „יוניאָן־סטאנציע״ — די שענסטע באנסטאנציע אין אמעריקע, וואָס איז געבויט פון בארימטן אמעריקאַנער אַרכיטעקט בוירנהאם. איך האָב איצט די געלעגנהייט צו באַאָבאַכטן די רעגירונגס־געביידעס וואָס שפּרייטן זיך אויס אויף אַ לאַנגן שטח אין דער לענג און ברייט פון פּענסילווועניא עוועניו: די „קאַפּיטאָל״־געביידע, ווו עס געפינט זיך דער אַמעריקאַנער קאָנגרעס, דער סענאַט, דער סופרים־קאָרט (העכסטער גע־ריכט), די קאָנגרעס ביבליאָטעק — איינע פון די שענסטע געביידעס אין דער וועלט, בארימט מיט איר ארכיטעקטור. גלייך אין שכנות געפינט זיך דאָס „ווייסע הויז״, דער רויטער קרייץ, די „אמעריקאַנער געאָגראַפיק געזעלשאַפט״, די גע־ביידע פון דער „פּאַן אמעריקאַן יוניאָן״ — פון וואַנען עס פלאטערן איצט, גאַנץ פרי, די פענער פון די איין און צוואנציק אמעריקאַנער לענדער — און אנדערע רעגירונגס געביידעס, געבויט פון ווייסן מאַרמאָר, וואָס בילדן פאַר זיך אַ „ווייסע שטאָט״.

פון וואשינגטאָן שניידט דער צוג אריין אין דער „סאוט״. די זון ווערט וואָס אַמאָל שטאַרקער און דערמאָנט איך, אז איר געפינט זיך אין אַ גאַנץ אַנדערן טייל פון אַמעריקע. מיר פאָרן פאַרביי צענדליקער באַווינטע שטעטלעך, פאַרמס; אַפּט־מאָל שניידט זיך דער צוג דורך אין סאמע מיטן פון שטעטל, און איר קענט זען דעם אויסזען פון די שטעטלעך, וועלכע זעגען זיך ענלעך ווי א טראָפּן וואַ־סער: אין מיטן שטעטל — א „מעין סטריט״ מיט דער וואָלוואָרט־געביידע; גלייך לעבן איר — אַ „קרעסגע״־געשעפט פון „פינף און צוואנציק ביז אַ דאָלער״; אַ סיטי־האָל (שטאָט־הויז), אַ קינאָ־טעאַטער, וואָס אנאָנסירט דעם זעלבן פילם ווי בראָדוויי; א קלויסטער, און גלייך, א צווייטע געביידע מיט א קופאָל, אויף וועלכער איר קאָנט לייענען די גאָלדענע אותיות: „אין זה כי אם בית אלוהים״. די געביי־דעס, געסלעך און גאסן און די ארכיטעקטור פון די הייזער — די זעלבע.

פון סיינט־לואיס, אויפן וועג קיין טעקסאס ענדערט זיך דער קלימאט און דאָס אַרומיקע בילד. וואָס נענטער איר קומט קיין טעקסאס, אלץ הייסער ברענט די זון. אין פאָרט וואָיט, די ערשטע שטאָט אין טעקסאס, דערזעט איר שוין א געמיש פון שפּאַנישן און אַמעריקאַנער סטיל. אפילו דער ענגליש קלינגט דאָ אַנדערש; אַ ווייכער „סאוטערן־אקצענט״ וואָס האָט אין זיך דעם מוזיקאַלישן קלאַנג פון דער

שפּאַנישער שפּראַך. איר הערט דאָ שוין שפּאַניש. די גאַנצע פּראָווינץ האָט אַמאָל געהערט, צו מעקסיקע. אין יאָר 1836 האָט זי געווונען איר אומאָפּהענגיקייט און געוואָרן אַ טעריטאָריע פאַר זיך. צען יאָר שפּעטער איז זי געוואָרן דער אַכט און צוואַנציקסטער שטאַט פון די פאַראייניקטע שטאַטן. די אַנגלאָ־זאַקסן האָבן דאָרט אריינגעשטעלט אַ פוס נאָך אין די קאָלאָניאַלע צייטן, ווען די שפּאַניער האָבן געגעבן אַ דערלויבעניש צו מאָזעס אויסטין דאָרט צו קאָלאָניזירן דריי הונדערט אַנגלאָ־זאַקסישע קאָלאָניסטן. יוסטאָן איז די גרעסטע שטאָט פון דער פּראָווינץ, און דער גרעסטער אויל־צענטער פון דער גאַנצער „סאַוט". זי געפינט זיך איבּגאַנצן פופציק מייל פון „גאָלף אָוו מעקסיקע" און פינף און צוואַנציק מייל פון גאַלוועסטאָן — די שטאָט ווו מ'האָט אַמאָל געמאַכט אַ פּרווו פון אַ יידישן קאָלאָניזאַציע־פּלאַן. ווען איך האָב אין יאָר 1940 באַזוכט די גאַנצע פּראָווינץ ביז גאַלוועסטאָן, האָט יוסטאָן דאַן געהאַט אַן איינוווינערשאַפט פון דריי הונדערט פיר און אַכציק טויזנט, און די פּראָווינץ איז, לגבי די אַנדערע טיילן פון לאַנד, געווען צוריקגעשטאַנען, צוליב דעם הייסן קלימאַט דאָרט. היינט האָט יוסטאָן כמעט פאַרטאָפּלט איר איינוווינערשאַפט: זי פאַרמאָגט אַריבער זעקס הונדערט און צען טויזנט איינוווינער, און איז זיך אינדוסטריעל שטאַרק צעוואַקסן און יאָגט זיך מיט אַן אַמעריקאַנער אימפּעט צו פאַרנעמען אַ פּלאַץ צווישן די גרעסטע שטעט פון אַמעריקע. איבער גאַנץ טעקסאַס זענען אויסגעוואַקסן פאַבריקן און פאַרשיידענע נייע אינדוסטריען. סאַן אַנטאָניאָ האָט שוין אַן אויסזען כמעט פון אַ מעקסיקאַנער שטאָט; אפילו די רעגירונגס־געביידעס זענען אַ געמיש פון אַמעריקאַנער און שפּאַנישן סטיל; פאַראַן דאָרט גאַנצע קוואַרטאַלן ווו עס וווינען מעקסיקאַנער.

לאַרעדאָ איז די לעצטע אַמעריקאַנער שטאָט. דאָ געפינט זיך די אינטערנאַציאָנאַלע בריק וואָס טיילט אָפּ ביידע לענדער — אַמעריקע און מעקסיקע. דריי טעג און צוויי נעכט גייט דער „זונשיין־צוג" פון ניו יאָרק ביז לאַרעדאָ. פון דאָרט ביז נועוואָ לאַרעדאָ — אינגאַנצן צוויי קילאָמעטער — דויערט דריי שעה צייט. אויך אויף דער מעקסיקאַנער זייט איז פאַראַן אַ שטאָט מיטן זעלבן נאָמען. ווען דער צוג בלייבט שטיין אין אַמעריקאַנער לאַרעדאָ קומט די מעקסיקאַנער גרענעץ־קאָנטראָל. אייערע רייזע־דאָקומענטן ווערן קאָנטראָלירט; אויב איר האָט יאָ אַ וויזע, אָדער נישט, שפּילט דאָ נישט קיין ראָלע, — די הויפּטזאַך: איר זייט אַ „טוריסטאַ" וואָס פאָרט קיין מעקסיקע אויסגעבן געלט. גיט מען אייך אַ טוריסטןקאַרטע און דער קאָנטראָל־באַאַמטער ווינטשט אייך אַ „בוען סאַלוד". קוים פאָרט איר אַריבער די אינטערנאַציאָנאַלע בריק, פאַלט איר אַריין אין אַן אַנדערער וועלט. עס קומט אייך פאָר ווי איר וואָלט געזען אַ פילם און די סצענע אויפן עקראַן האָט זיך מיטאַמאָל געביטן: נאַקעטע גאַסן, פול מיט שטויב; אַלטע אָפּגעלאָזענע הייזער; אָנשטאָט דעם גע־יעג, רויש און בראַזג אויף יענער זייט, —

אַ שטילע רויִקייט, צו וועלכער איר קאָנט זיך שווער צוגעוווינען. שוין יאָרן ווי איר האָט זיך איינגעהזרט דעם אמעריקאַנער געבאָט: עֶמעץ איז תמיד פאַר דיר! ווילט איר יענעם איבעריאָגן... מיט איינמאָל פאַרשווינדט דאָס יאָגעניש און האַ־וועניש, קיינער וויל אייך נישט איבעריאָגן, — צו וואָס איילן זיך, אַז מאָרגן איז אויך אַ טאָג און מאָרגן הייסט אין די לענדער — „מאַניאַנאַ"... דער אַמעריקאַנער טוריסט, וועמען דאָס יאָגעניש און האַוועניש איז אַריין אין בלוט, האָט גרויסע צרות און האַרצקלאַפּעניש פון אָט דעם וואָרט... וואָס הייסט — היצט ער זיך, — דער האָטעל־אייגנטימער האָט אים צוגעזאָגט בייטן דאָס צימער מאָרגן; אַ מעקסיקאַנער פריינט האָט אים צוגעזאָגט צו באַגעגענען מאָרגן... און אלע האָבן קיין וואָרט נישט געהאַלטן, — קיינער איז נישט געקומען... אַפילו דער קעלנער וואָס באַדינט אים אין רעסטאָראַן טוט די אַרבעט אַזוי פּאַוואָליע, אַז ער מוז צווישן איין שפּייז אין דער אַנדערער וואַרטן מינוטן לאַנג... ענטפערט אים דער מעקסיקאַנער, פאַר וועמען ער האָט זיך אויסגערעדט דאָס האַרץ: — פּאַסיענסיאַ (געדולד) די צוויי ווערטער מוז זיך דער רייזנדער איבער די לאַטיין־אַמעריקאַנער לענדער גוט איינחזרן, און דער עיקר מוזט איר מיט זיי ביידע שלום מאַכן און זיי אָננעמען ווי אַ אַ פרומער ייד באהבה... אויב נישט איז אייך נישטאָ וואָס מקנא צו זיין. קודם־כל וועט אייך דער לאַטיין־אַמעריקאַנער זאָגן אַז „מאַניאַנאַ" מיינט נישט מאָרגן, — עס מיינט פשוט „מירן זען", אָדער אין אַ פאַל ווען איר זענט צודרינגלעך אין אייערס אַ פאַרלאַנג, זאָגט ער אייך „מאַניאַנאַ", וואָס מיינט ווידער „אַ צווייטן מאָל". אויב איר נעמט אָן, אַז דאָס מיינט טאַקע גלייך מאָרגן, איז אייך קיינער נישט שולדיק. דער לאַטיין־אַמעריקאַנער וועט אייך אויפוויזן, אַז עס פּאַסירט זעלטן, אז אַ „לאַטינאָ" זאָל אַוועקפאַלן אין גאַס פון אַ האַרצ־שלאַג; דאָס רוב פון זיי וויסן גאָרנישט וואָס אַן אולסער אין מאָגן, אַז...; אויף דעם ענטפערט ווידער דער אַמעריקאַנער, אַז מ'לעבט נישט צוויי מאָל, און מען דאַרף אַריינכאַפּן וואָס מער און אַרויסקוועטשן פון לעבן וואָס מער.

מעקסיקע פאַרכאַפּט אייך מיט איר'ע נאַטור־שיינע פּאַנאָראַמעס און פּראַכט־פולע געביידעס; רייכקייט און אָרעמקייט, גרויסשטאָטישע רחבות, מיט ענגע, אָפּ־געלאָזענער אָרעמקייט. אויף דער זעלבער גאַס — פּאַרקן מיט די שענסטע פלאַנצן און בלומען וואָס פאַרשיכורן אייך מיט זייער ריח, גלייך לעבן אויסגעטריקנטע, זאַמדיקע גאַסן פון איינגעפאַלענע הייזער; אין איין גאַס גייט אָן אַ רוישיקע באַ־וועגונג פון אַ הודזשען און פייפן פון טראַמווייען, אויטאָמאָבילן, אויטאָבוסן, — אַ פּאָר טריט אַוועק פון דער גאַס, איר פאַרנעמט זיך אויף אַ זייטיקן וועג, און... איר קאָנט זיך קוים גלויבן, אַז דאָס געפינט איר זיך אין דער זעלבער שטאָט. די הויפּט־גאַסן: מאַדיירא, סאַן כואַן דע לעטראַן, כואַרעז, פּלאַזאַ דע רעפאָרמאַ, בוקאַ־

רעלי, — דאָס זענען גאַסן וואָס האָבן זיך נישט צו שעמען מיט זייער אויסזען און גלאַנץ, קעגניבער די הויפּט־גאַסן פון די גרעסטע וועלט־שטעט. עס איז איצט דער טוריסטן־סעזאָן אין מעקסיקע און איר באַגעגנט דאָ מער אַמעריקאַנער ווי מעקסיקאַנער. אַריבער זעכציק מיליאָן דאָלער גיבן דאָ אויס אַמעריקאַנער טו־ריסטן אין סעזאָן וואָס דויערט פון יולי ביז סעפּטעמבער. אין די חדשים איז אייך שווער דורכצוגיין יענע גאַסן און זיך אַרויסצורייסן פון די הענט פון מציאות־פאַרקויפער וואָס לויערן אויף אייך אין אַלע ווינקלען; זיי דערשמעקן אייך פון מיילן ווייט. די פיינסטע לעדער־אַרבעט, מיט אַ לוח פון אַצטעקן אויף דער צווייטער זייט, קינסטלעך אויסגעאַרבעט; די שענסטע זילבער־אויסאַרבעטונגען, וואָס נעמט וואָכן, אויסצואַרבעטן, פון אייזערנעם גערודל; שטריקערייען, צונויפגעפלאָכטן און אויסגעוועבט פון צענדליקער קאָלירן און פאַרבן. — זיי וויסן די שוואַכקייט פון אַמעריקאַנער און זייער אַפּעטיט צו אַנטיקן. נאָך צודרינגלעכער זענען די לאָטעריע־צעטלען־פאַרקויפער; זיי באַלאַגערן אייך אין גאַנצע סטאַדעס און פאַרזיכערן אייך, אַז דאָס זייט איר, דער „אַמעריקאַנער", דער גליקלעכער צו געווינען דאָס „גרויסע געווינס". די לאָטעריע איז אין מעקסיקע געגרינדעט געוואָרן מיט אַריבער צוויי הונדערט יאָר צוריק פון מאַרקיז דע קרוז. פריער האָט זי געהערט צו פאַרשיידענע געזעלשאַפטן און אינסטיטוציעס. איצט ווערט זי קאָנטראָלירט פון דער מעקסיקאַנער רעגירונג. די באַפעלקערונג גיט אויס אַריבער צוויי הונדערט מיליאָן פּעזעס אַ יאָר אויף לאָטעריע־צעטלען. די דריי גרעסטע מעקסיקאַנער צייטונגען „נאַווידאַדעס", „עקסעלסיאָר" און „אוניווערסאַל" האָבן ענגלישע זייטן. חוץ דעם דערשיינט דאָרט אַן ענגלישע טעגלעכע צייטונג „מעקסיקאָן העראַלד", אַ מימעאָגראַפירטער ענגלישער „בולעטין" וואָס ווערט אייך געבראַכט פריי אין אייער האָטעל — „עסטאַ סעמאַנאַ" (די וואָך), וועלכער דערשיינט איןביידע שפּראַכן, — אַ מין וועגווייזער חוץ פאַר מעקסיקע אויך פאַר די שכנהשע צענטראַל־אַמעריקאַנער לענדער: ווי גוואַטעמאַלאַ, האָנדוראַס, קאָסטאַ ריקאַ. דאָרט ווערט אויך אָנגעוויזן די היסטאָרישע פּלעצער, די נאַטור־רייכקייט און שיינקייט פון לאַנד, וועלכע עס לוינט זיך אייך צו באַזוכן.

מעקסיקע האָט אַ סך ענלעכקייטן צו אייראָפּעישע שטעט. אירע קאַפעען זענע[illegible] אַ קאָמבינאַציע פון לאַטיין־אַמעריקאַנער און אייראָפּעישע קאַפע־הייזער, — ד[illegible] איז אַן אַטראַקציע פאַרן אַמעריקאַנער טוריסט, וועלכער זעט דאָס זעלטן אין [illegible] ריקאַנער שטעט, יעדע קאַפע האָט זיך זיין פּובליקום. דער פּלאַץ פאַר אַמ[illegible] נער איז אין „סאַנבאָרן קאַפע", וואָס איז אַ רעסטאָראַן מיט אַ קאַפע צוז[illegible] אינעווייניקסטע אַטמאָספער איז צוגעפּאַסט פאַר די וואָס זוכן מעקסיקאַ[illegible] און עקזאָטיק: אַלטע מעבל פון די קאָלאָניאַלע צייטן, די קאָלנערנס קאָסטיומען פון פאַרשיידענע מעקסיקאַנער שבטים, גרויסע ברייטע

עס טראָגן די האָלענדישע פרויען פון פירסלאַנד, — דאָרט פאַרברענגט די מעקסיקאַנער אַריסטאָקראַטיע צוזאַמען מיט די טוריסטן. איר דערקאָנט דאָ גלייך, ווער עס איז אַ מעקסיקאַנער און ווער אַן אַמעריקאַנער; כאָטש נאָך די קליידער נאָך איז שווער צו אונטערשיידן — דער אַריסטאָקראַטישער מעקסיקאַנער קליידט זיך ווי אַן אַמעריקאַנער. דער מעקסיקאַנער זיצט רויק, טרינקט דאָס קאַוועלע, הערט זיך צו צו דער מוזיק פון אַ גיטאַרע, וואָס צעגיסט זיך אין אַ מעקסיקאַנער סענטימענטאַלער מעלאָדיע; דער אַמעריקאַנער באַוועגט זיך שנעל, טרינקט שנעל דאָס קאַוועלע, און לייענט אפילו די צייטונג בליץ שנעל, ווי עמעץ וואָלט אים נאָכגעיאָגט, און הערט זיך ווייניק צו צו דער סענטימענטאַלער מוזיק.

דער מחבר און אַ גרופּע אויסלענדישע קאָרעספּאָנדענטן איבער די גאַסן אין מעקסיקע

די אַנטוויקלונג פון מעקסיקע איז יאָרן לאַנג אָפּגעהאַלטן געוואָרן. צוערשט אין 1910 צוליב דער דעמאָקראַטישער רעוואָלוציע; שפּעטער ווידער — צוליב דעם אַלגעמיינעם וועלט־קריזיס. ערשט נאָכן דרייסיקסטן יאָר האָט זיך אָנגעהויבן איר אויפבוי און אינדוסטריאַליזאַציע אין פולן שוווּנג. פּרעזידענט לאַזאַראָ קאַרדענאַס האָט אָנגעהויבן אַ אינדוסטריאַליזאַציע־פּלאַן אויפן גרויסן מאַסשטאַב. דער שפּעטערדיקער פּרעזידענט, ווילאַ קאַמאַטשאָ, האָט געגעבן די נייע אונטערנעמונגען און

פאַבריקן פינף יאָר פריי פון שטייערן. דאָס האָט צוגעצויגן אויסלענדישן קאַפּי־טאַל; באַזונדערס האָט אַמעריקאַנער קאַפּיטאַל אָנגעהויבן אַריינפליסן אין לאַנד. עס זענען אויסגעוואַקסן פאַבריקן און נייע אינדוסטריען. אין יאָר 1944 האָבן די נייע אונטערנעמונגען באַטראָפן צוויי און דרייסיק מיליאָן דאָלער. אַ יאָר שפּעטער איז די סומע אַרויף אויף זעכציק מיליאָן. און אַזוי כסדר האָט די סומע געהאַלטן אין פאַרגרעסערן זיך. די נייע אונטערנעמונגען נעמען אַרום: שטאָל־ווערק אין מאָנטערעי, שטאָל־פאַבריקן אין מאָנקלאָוואַ — די פּראָווינץ פון קאָהאַטווילאַ, כעמי־קאַלישע פאַבריקן, צעמענט, ראַיאָן, פאָדעם, פּאַפּיר־פאַבריקן, האָלץ פאַר פּאַפּיר, גלאָז־פאַבריקן. די אינדוסטריען האָבן אויך אָן עקספּאָרט צו די שכנהשע לאַטיין־אַמעריקאַנער לענדער. עס זענען אויך אויפגעלעבט און פאַרשטאַרקט געוואָרן איר אויל־ און קוילן־פּראָדוקציע. מיט עטלעכע דרייסיק יאָר צוריק איז מעקסיקע געווען די צווייטע נאָך אַמעריקע מיט איר אויל־פּראָדוקציע — הונדערט דריי און ניינציק מיליאָן פעסלעך אויל אַ יאָר. צוליב דער נישט זיכערער פּאָליטישער לאַגע און אומרוען איז די פּראָדוקציע אַראָפּ אויף דריי און דרייסיק מיליאָן פעסלעך. אין יאָר 1939, ווען מעקסיקע האָט נאַציאָנאַליזירט די אויל־אינדוסטריע, איז זי אַרונטערגעפאַלן צום זיבעטן פּלאַץ פון דער וועלט־פּראָדוקציע. ווענעזועלאַ האָט דערווייל, אין דער צייט, פאַרגרעסערט איר אויל־פּראָדוקציע אויף דריי מאָל אַזוי פיל און פאַרנומען דעם צווייטן פּלאַץ אין דער וועלט־פּראָדוקציע. מיטן דורכפירן די נייע אינדוסטריאַליזאַציע־פּלענער האָט מעקסיקע אָנגעהויבן צו גיין צוריק באַרג־אַרויף און אָנגעהויבן פּראָדוצירן צוויי און זיבעציק פעסלעך אויל אַ יאָר — די העלפט וואָס זי האָט פּראָדוצירט מיט אַריבער דרייסיק יאָר צוריק.

אין יאָר 1931 האָט די מעקסיקאַנער פילם־אינדוסטריע פאַרמאָגט צוויי קליינע פילמען, און אין יאָר 1944 — האָט מיר איבערגעגעבן סעם ווישניאַק, אַ ייִדישער כלל־טוער פון מעקסיקע, איינער פון די פּיאָנערן אין דער מעקסיקאַנער פילם־אינדוסטריע — האָט שוין מעקסיקע פאַרמאָגט אַ גאַנצע רייע סטודיעס, און די סומע פון פּראָדוקציע האָט דערגרייכט אַן אַכציק מיליאָן דאָלער, און האַלט אין אײן פאַרגרעסערן איר פּראָדוקציע. מעקסיקאַנער פילמען האָבן אַ מאַרק אין אַלע לאַטיין־אַמעריקאַנער לענדער. דער זעלבער וווּקס איז אויך פאָרגעקומען אין אַנדערע אינדוסטריען: די טעקסטיל אינדוסטריע האָט פאַרגרעסערט איר פּראָדוק־ציע אויף זיבעציק מיליאָן דאָלער; דאָס פאַרלאַג־וועזן איז, אין משך פון צען יאָר צייט, פאַרגרעסערט געוואָרן אויף צען מאָל אַזוי פיל; אין מאָנטערעי אַליין זענען, זייט די נייע אינדוסטריאַליזאַציע־פּלענער, צוגעקומען פיר הונדערט נייע אינ־דוסטריען.

שפּורן פון דער ייִדישער פאַרגאַנגענהייט אין מעקסיקע, וואָס האָט זיך אָנגע־הויבן נאָך אין דער קאָלאָניאַלער עפּאָכע, ווען די שפּאַניער האָבן דעראָבערט דאָס

לאַנד, געפינט מען נאָך היינט צו טאָג אין די ווייטסטע ווינקלען פון לאַנד, ווו עס ווינען די אוראייניקלעך פון יענע ערשטע אנוסים וואָס האָבן באהאלטענערהייט אָפּגעהיטן די ייִדישע אמונה און זיי איבערגעגעבן צו די שפּעטערע דורות. א דריי טויזנט אזעלכע געפינען זיך היינט צו טאָג אין מעקסיקע. אפילו שוין דאן ווען דאָס לאנד איז באפרייט געוואָרן אין דער רעוואָלוציע פון 1970 פון דער ברוטאַלער קאטוילישער מאכט, האָבן די באהאלטענע ייִדן נישט געקאָנט עפנטלעך אָפּריכטן זייערע תפילות, צוליב די פאנאטישע קאטאָליקן וואָס האָבן זיי פערזענלעך פארפאָלגט.

איך האָב אויף מיין רייזע איבער מעקסיקע באַזוכט צוויי אַזעלכע קהילות, וואָס האָבן א גרויסע ענלעכקייט צו די אוראייניקלעך פון די אנוסים, וואָס רופן זיך איצט „קריסטיאנאָס נועוואָס", וועלכע איך האָב אָנגעטראָפן אין די צוויי דערפער אין בעזשא לאָס מאָנטעס אין פּאָרטוגאל; אויך דאָרט זענען א סך מנהגים אין משך פון דורות פארגרייזט געוואָרן. די ערשטע קהילה געפינט זיך אין א פאָרשטעטל פון מעקסיקא סיטי. זייער שיל געפינט זיך אין אן אָרעמער געגנט, ווו אין דער פּאַטיאָ פון אן אלט הויז קאָנט איר זען א „מגן דוד". צוזאמען מיט א גרופּע ייִדישע טוריסטן פון אמעריקע זענען מיר דאָרט געווען ביים שבתדיקן דאווענען. די מתפללים — מענער און פרויען, מיט ריין אינדיאנישע שטריכן: קענטיק — ארבעטער, אָנגעטון אין ביליקע, ווייסע, לייווענטענע קליידער און „רעבאזאס" (א מין מעקסיקאנער פאָנטשאָס) — האָבן געדאוונט, געזונגען אייניקע תפילות אויף העברעיִש, און דער אָנפירער פון דער קהילה, א מעקסיקאנער אדוואָקאט, לאורעאנאָ ראמירעז, וואָס איז אויך זייער בעל־תפילה, האָט לכבוד די באזוכער, צו זיי גערעדט אין שפאניש. בעת קריאת התורה האָט יעדער פון זיי געמאכט די ברכה אויף העברעיִש און אויך אונדז, די געסט, האָט מען מכבד געווען מיט עליות.

די צווייטע קהילה פון די אָפּשטאַמליקע פון די אנוסים האָב איך באזוכט אויפן וועג פון מעקסיקע קיין גואַטעמאַלא. דאָס דאָרף „ווינטא פראטא", ווו די קהילה געפינט זיך, איז עטלעכע אכציק מייל פון פאטשוקא, נאָענט פון דער גואטעמאלער גרענעץ. סעניאָר ענריקאָ טעלעז, דער פרעזידענט פון דער קהילה, האָט מיר איבערגעגעבן אייניצלהייטן וועגן דער קהילה: אַ דריטל פון דאָרף, וואָס פאַרמאָגט הונדערט און פופציק איינוווינער, זענען ייִדן. דער גרעסטער טייל פון זיי געהערן צו צוויי משפחות: טעלעז און גאָנזאלעס. יום כפור און תשעה־באב פאסטן זיי, פסח עסן זיי מצות. זיי שעכטן בהמות און עופות; די שיל איז דאָס איינציקע געבעטהויז אין דאָרף. איך האָב מיטגעדאווענט מיט זיי שבת און געהאט די געלעגנהייט צו באַאָבאַכטן דאָס שילעכל, אָנשטאָט אַ ספר־תורה האָב איך דאָ דערזען א... ביבל אין שפאַניש — דעם אלטן און נייעם טעסטאמענט ארויסגעגעבן פון

אַ מיסיאָנערישער, קריסטלעכער אָרגאַניזאַציע. אַן איינפאַכער לאָמפּ פון נאַפט איז געהאָנגען אין סאַמע מיט; אין צווייטן ווינקל — אַ לוח מיט העברעיִשע אויפשריפטן. אָנשטאָט אַ לייכטער ביים עמוד, איז געהאנגען א חלבן ליכט. אויף דער וואנט — אַן אויסגעמאָלענער „מגן־דוד״, און ביים סאמע מזרח־וואנט — אין שפּאַניש און העברעיִש אַן אויפשריפט פון גאָלד־קאָליר־אותיות „שמע ישראל״. דער בעל־תפילה, וואָס לערנט מיט זיי אויך תנ״ך, איז אַן אַביסיניער, מיטן נאָמען גיליערמאָ פּעניא, א בעקער, וואָס וווינט אין פּאַטשוקא און קומט דאָ אהער יעדן שבת, אויף זיינע הוצאות, דאווענען פארן עמוד און לערנען מיט די קינדער. ענריקאָ טעלעז דערציילט מיר, אז מיט פערציק יאָר צוריק, האָבן זיי געוווינט אין זאמארא. האָט דאָרט אויסגעבראָכן קעגן זיי א פּאָגראָם. זיין זיידע, ראמאָן גיזאָן, איז אויפגע־פּאָדערט געוואָרן צו שמדן זיך, און ווען ער האָט זיך אנטזאגט, האָט מען אריינגע־לייגט אים אין א פּעל פון א בהמה, אונטערגעצונדן די פּעל און ער איז אויסגע־גאנגען פון יסורים. צוליב דעם — דערציילט מיר סעניאָר ענריקאָ — זענען אלע יידן פון דאָרט אנטלאָפן און דאָ געקויפט ערד, ווייל עס איז דאָ דאן נישט געווען ארום קיין שום מענטשלעכער ישוב.

די דערמאָנטע אור־אייניקלעך פון די אנוסים, און די אנדערע גרופּעס וואָס געפינען זיך אין אַנדערע געגנטן, פירט צוריק צו יענער צייט, ווען דאָס לאנד איז אנטדעקט געוואָרן, און נישט געקוקט אויף דעם שטרענגן פארבאָט פון די פאָרשטייער פון דער קאטוילישער קירך, אז קינדער פון אנוסים טאָרן זיך נישט באַזעצן אין די ניי־אַנטדעקטע לענדער, האָבן אַ גרויסע צאָל אנוסים אַן אָנטיילגע־נומען אין דער דעראָבערונג, און שפּעטער, אין דער אנטוויקלונג פון די נייע לענדער. אין יאָר 1523 — צוויי יאָר שפּעטער, נאָכדעם ווי די שפּאַניער האָבן דעראָבערט מעקסיקא — איז דאָרט ארויסגעגעבן געוואָרן דער ערשטער אורטייל קעגן אַן אנוס. פינף יאָר שפּעטער זענען צוויי אנוסים, פערנאנדאָ אלאָנסאָ און פראנציסקאָ מאָראלעס, פארברענט געוואָרן אין סאנטיאגאָ טלאלטעלאלקא. פון יאָר 1538 ביזן יאָר 1599 זענען אין מעקסיקע פאָרגעקומען פיר און זיבעציק פּראָצעסן קעגן אנוסים. באזונדערס איז וויכטיק אָנצוווייזן אויף די צוויי קדושים, לויס דע קארבאכאל דע לא קועווא און זיין פּלימעניק מיטן זעלבן נאָמען, — דער ערשטער איז געווען אַן אדמיראל פון שפּאַנישן פלאָט. דער וויצע קעניג האָט אים באשטימט פאַר מאַיאָר פון טאמפּיקא. דער שפּאַנישער קעניג פיליפּ דער צווייטער האָט אים געגעבן די דערלויבעניש צו אנטוויקלען און באפעלקערן א טעריטאָריע וואָס איז געווען אַ דריטל פון מעקסיקע. ער האָט קאָלאָניזירט די געגנט צווישן פּאנוקא און טאמפּיקא, אנטדעקט דאָרט זילבער־מינעס, געגרינדעט די אינדוסטריעלע שטאָט מאטרעי; האָבן אים זיינע שונאים פארמסרט צום וויצע קעניג. מ׳האָט אים ארעס־טירט און עס איז פארפירט געוואָרן קעגן אים א פּראָצעס. ער איז פאַר הארצ־

ווייטיק געשטאָרבן אין תפיסה. זיין פּלימעניק איז אומגעקומען אויף אַ נאָך מער דראַמאַטישן אופן: נאָכדעם ווי מ׳האָט אים געפּייניקט מיט די שווידערלעכסטע יסורים, האָט ער געמאַכט אַ פּרוּוו צו באַגיין זעלבסטמאָרד. ווען מ׳האָט אים גע־געבן דאָס לעצטע וואָרט, האָט ער מוטיק דערקלערט, אַז ער איז גרייט צו שטאַרבן פאַר דער ייִדישער אמונה. (לויט עס דערציילט מ. בערגער אין זיינע מאַטעריאַלן פון דער ייִדישער געשיכטע אין מעקסיקע.)

*

די שרעקלעכע פאַרפאָלגונגען פון דער אינקוויזיציע האָבן דאַן אָנגעוואָרפן אַ מורא אויף די איבעריקע אַנוסים. אַ גרויסער טייל פון זיי האָט זיך אויסגעמישט מיט דער אַרומיקער באַפעלקערונג; די אַנדערע האָבן זיך צעשפּרייט איבער די ווייטסטע ווינקלען פון לאַנד און שטילערהייט אָפּגעהיטן די ייִדישע דינים, וועלכע זענען איבערגעגעבן געוואָרן פון איין דור צום צווייטן. ערשט אין יאָר 1917, ווען עס איז געגעבן געוואָרן די נייע קאָנסטיטוציע, האָבן זיי עפנטלעך אָנגעהויבן אָפּ־היטן די ייִדישע דינים וואָס זענען ביי זיי פאַרבליבן ביזן היינטיקן טאָג.

חוץ איינצלנע ייִדישע אימיגראַנטן וואָס זענען פריער געקומען קיין מעקסיקע און זיך אַסימילירט, איז דער אָנהייב פון דער ייִדישער אימיגראַציע פאַרגעקומען אויפן זעלבן אופן ווי אין די אַנדערע לאַטיין־אַמעריקאַנער לענדער: צוערשט זענען געקומען די ספרדים: ייִדן פון טערקיי, סיריע און אַנדערע אַראַבישע לענדער; אונדזערע אייראָפּעישע ייִדן האָבן אָנגעהויבן קומען קיין מעקסיקע נאָך דער ערשטער וועלט מלחמה. אין די יאָרן ווען די אימיגראַציע געזעצן אין די פאַריי־ניקטע שטאַטן זענען שטרענגער געוואָרן, זענען אַ גרויסער טייל ייִדישע אימיג־ראַנטן געקומען קיין מעקסיקע, כדי פון דאָרט צו קומען קיין אַמעריקע. אַז די לאַגע פון די ייִדישע אימיגראַנטן אין יענע יאָרן איז אין מעקסיקע נישט געווען קיין גוטע, קען מען זען פון דעם, וואָס ייִדישע אימיגראַנטן, וועלכע האָבן זיך שוין דאַן דאָרט געפונען, האָבן געוואָרנט ייִדן אין אייראָפּעישע לענדער נישט צו קומען קיין מעקסיקע. נישט געקוקט אויף דעם מצב, האָט זיך דאָך אין יאָר 1922 קאָנצענטרירט אַ ייִדישער ישוב. און דאָס ערשטע שילעכל מיטן כאַראַקטעריסטישן נאָמען „נדחי ישראל״ איז אין יענעם יאָר געגרינדעט געוואָרן פון אָרטאָדאָקסישע ייִדן; די וועלטלעכע ייִדן האָבן געגרינדעט אַ „י. ל. פּרץ־פאַריין״. דאָס דערמאָנטע שילעכל איז היינט צו טאָג די גרעסטע קערפּערשאַפט פון די מעקסיקאַנער ייִדן.

ייִדישע אימיגראַנטן האָבן אין מעקסיקע אָנגעהויבן מיט דער ספּעציפישער ייִדישער פּרנסה פון די לאַטיין־אַמעריקאַנער לענדער: מיטן פּעקל אויף די פּליי־צעס, וואָס מען רופט דאָרט „אַבאַנעראָס״. באַדנדיק זיך אין שוויס, געקלאַפּט אין פרעמדע טירן, אָן אַ שפּראַך, האָט מען אויף שטום־לשון זיך אָנגעהויבן אַרויפ־

אַרבעטן. פון פעקל איז מען אַריבער צו א „פועסטאָ" — א מין אָפן קרעמל אין אַן אָפענעם מארק־פּלאַץ; האָט דאָ פאסירט דאָס זעלבע ווי אין שכנהשן גוואטע־מאלא: א באפעל, אז די ייִדן מוזן אָפּליידיקן אלע „פועסטאָס". עס פארשטייט זיך, אַז די גזירה איז געקומען צוליב מסירות פון ניט־ייִדישע קרעמער, וועלכע האָבן דערזען קעגן זיך א פעיִקערן קאָנקורענט. דאָס איז גראָד געווען א גרויסע טובה פאר די ייִדן. מען האָט מיר אָנגעוויזן דעם פּלאַץ פון די פועסטאָס, ווו מ'האָט די ייִדן פארבאָטן צו שטיין מיט זייערע סחורות; דאָרט שטייען היינט מעקסיקאַנער, וואָס קויפן זייערע סחורות אין ייִדישע פאבריקן — ביי די, וועלכע מ'האָט נישט דערלויבט צו שטיין דאָרט...

מיטן אינדוסטריעלן אויפשוווּנג פון לאנד זענען אויך געוואקסן די ייִדן, וואָס האָבן געגעבן אַ וויכטיקן ביַיטראָג צו דעם אויפשוווּנג. עס זענען אויסגע־וואקסן ייִדישע פאבריקאנטן און גרויסע געשעפטן. די ייִדישע ענערגיע און דער־פאַרונג האָט דאָ געהאט די געלעגנהייט ארויסצוּוויזן אירע פעיִקייטן: מעבל־פאבריקאנטן, טריקאָטאזש־אינדוסטריע, טעקסטיל, כעמישע־געשעפטן, פילם־אינ־דוסטריע, און אין צענדליקער אנדערע אינדוסטריען, ספעציעל אין עקספּאָרט און אימפּאָרט זענען ייִדן שטאַרק פארטראָטן. פון די אָרעמע געסלעך, ווו מ'האָט גע־וווינט גרינערהייט, איז מען אַריבער צו די שענסטע און רייכסטע געגנטן פון שטאָט: אין היפּאָדראָמאָ, טשאַפּולטופּעק, דאָרט ווו עס האָט אַמאָל געוווינט דער קעניג מאַקסימאַליאַן, — מ'האָט אויסגעבויט שיינע, רחבותדיקע פּאַלאַצן וואָס ציִען אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט מיט זייער ארכיטעקטור. האַדסאָן סטרוד, דער אויטאָר פון „טיימלעס מעקסיקאָ", האָט מיר, בעת מײַן באזוך אין מעקסיקע, דערציילט, אז אַן אמעריקאַנער ריעל עסטייט ביוראָ האָט אים איבערגעגעבן, אַז ייִדן זענען די בעסטע קונים פון הייזער אין די אַריסטאָקראַטישע און רייכע געגנטן פון שטאָט. די דרייסיק טויזנט ייִדן האָבן אויך אויסגעבויט א פארצווייגטן געזעל־שאפטלעכן אפּאַראַט, וואָס נעמט אַרום שילן, שולן און געזעלשאפטלעכע און קול־טורעלע אינסטיטוציעס.

***

רעפּאַרמאַ. 19.. זונטיק דעם 7טן יולי אין דער פרי, דער אַריינגאַנג אין גרויסן טויער איז געפּאַקט מיט מענטשן; יונג און אַלט, אַלע אין נאַציאָנאַלע קאָסטיומען פון פארשיידענע מעקסיקאַנער שבטים. אַן אָרקעסטער מיט אַלט־מאַדישע מוזיק־אינסטרומענטן וואַרט אויף א באפעל. פון אַלעמענס ליפּן הערט איר צוויי ווערטער: מיגעל אלעמאַן!

אויבן, אין א ספּעציעלן זאַל אויף וועלכן איר קענט לייענען מיט גרויסע אותיות: „פּרענסאַ עקסטראַנכערא", וואַרטן א פופציק אויסלענדישע קאָרעספּאָנ־

דענטן, צענדליקער פאָטאָגראַפּישע אַפּאַראַטן זענען גרייט, אַלעמענס בליקן זענען איצט געווענדט צו דעם גרויסן אַריינגאַנג וואָס איז געפּאַקט מיט מענטשן.

פּלוצים דערהערט זיך דורך דער אָנגעשטרענגטער שטילקייט אַן אויסרוף „וויוואַ אַלעמאַן!" די מוזיק שפּילט דעם מעקסיקאַנער נאַציאָנאַלן הימען, באַגלייט פון אויפּבּרויזנדע געשרייען; אַ שלאַנקער מאַן מיט צוויי באַגלייטער רייסט זיך דורך אַ וועג דורך דער מענטשן־מאַסע וואָס קנוילט זיך אַרום אים; פרויען און קינדער וויינען פאַר שמחה, אַן אַלטע פרוי פאַלט אים אויפן האַלדז און קושט אים; אַנדערע זענען גליקלעך, אַז זיי קענען אים אָנרירן בלויז. אַ ספּעציעל ליד, וואָס קלינגט ווי אַ היימיש שטיקל חזנות, ווערט געזונגען. איינער זאָגט אַ פּסוק, אַנדערע ענטפערן ווי משוררים. פון דער אַנדערער גאַלעריע הייבן מעכאַניש אָן שיסן די פאָ־טאָגראַפישע אַפּאַראַטן. די אויסלענדישע קאָרעספּאָנדענטן מאַכן שנעלע סטענאָ־גראַפישע באַמערקונגען. די ניו יאָרקער קאָרעספּאָנדענטן פון דער „אינטערניי־שאָנאַל ניוס סערוויס" מורמלען שטיל: וואָלט דיסנעי! מיר קוקן אַלע נענטער, — יאָ, דער מעקסיקאָנער פּרעזידענט־קאַנדידאַט האָט אַ גאָר גרויסע ענלעכקייט צו דעם אַמעריקאַנער פילם־צייכענער וואָלט דיסנעי... אַ מילד סימפּאַטיש פּנים, אַן אָפענער שמייכל, אַ לענגלעך פּנים מיט שאַרפע שטריכן, אָנגעטאָן אין אַן איינפאַכן בלויען אָנצוג און אַ ווייס העמד, מיט אַ וויינרויטלעכן קראַוואַט. ענטפערט ער מיט אַ לייכטן בויגן זיך אויף די באַגריסונגען פון דער אויסלענדישער פּרעסע.

אַ פּאָר מינוט שפּעטער, און ראַמאָן בעטעטאַ, דעם פּרעזידענטס רעכטע האַנט, שטעלט פאָר דעם פּרעזידענט פאַר די פאַרטרעטער פון דער אויסלענדישער פּרע־סע. דער באַקאַנטער אַדוואָקאַט, אַלעכאַנדראָ קאַריאָ, דער הויפּט פון דעם פּרעסע־דעפּאַרטאַמענט פון פּראָפּאַגאַנדע, שטעלט פאָר די קאָרעספּאָנדענטן פאַרן פּרעזי־דענט, יעדן ביי זיין נאָמען.

אָט הייבן זיך אָן די פראַגן, איינע נאָך דער אַנדערער:

— וואָס איז אייער שטעלונג וועגן דער שפּאַנישער פראַגע, וועלכע ווערט איצט פאַרהאַנדלט אין ניו יאָרק? — זייט איר פאַר שטרענגע מאָס־רעגלען קעגן דער איצטיקער שפּאַנישער רעגירונג?

מיגעל אַלעמאַן שמייכלט בעת ער ענטפערט, אַז די פראַגע פון שפּאַניע ווערט דאָך איצט פאַרהאַנדלט און דער איצטיקער פּרעזידענט אווילאַ קאַמאַטשאָ האָט דאָך שוין גענומען אַ שטעלונג צו דעם פּראָבלעם...

— „איך וועל ערשט איבערנעמען די רעגירונג אין זעקס חדשים שפּעטער".

איך נוץ אויס די געלעגנהייט און גלייך, נאָך דער פראַגע וועגן שפּאַניע, ווענד איך זיך צו מיגעל אַלעמאַן:

— וואָס איז אייער שטעלונג צו דער ישראל פראַגע, וועלכע ווערט איצט אויך פאַרהאַנדלט ביי די זיצונגען פון די פאַראייניקטע פעלקער אין ניו־יאָרק?

אלעמאנס אויגן זענען געווענדט צו מיר... איך זע, אז קיינער האָט דאָ אזא פראגע נישט דערוואַרט, נאָך מער פון אלעמען, האָט זי נישט דערוואַרט דער פרעזידענט־קאנדידאט... מיגעל אלעמאַן קוקט מיר גלייך אין די אויגן:

— דעם זעלבן ענטפער, וואָס איך האָב נאָר וואָס געגעבן אייער קאָלעגע וועגן דער שפּאנישער פראגע, קאָן איך אויך אייך ענטפערן...; דער איצטיקער פרעזי־דענט האָט זיכער שוין גענומען א שטעלונג צו דער פראגע...

פארלאָרן דעם ערשטן „רונד" — באמערקט דער אמעריקאנער קאָרעס־פּאָנדענט פון דער „אַסאָשייטעד פּרעס", — ער האָט זיך דיפּלאָמאטיש אַרויס־געדרייט...

איצט קומט די צווייטע פראגע: — וואָס איז אייער מיינונג וועגן טרומאַנס אינטעראמעריקאנער באוואָפענונג־פּלאַן? — דער שמייכל אויפן פרעזידענטס פּנים ווערט לענגער און מילדער... איך — זאָגט ער, קוקנדיק מיט שארפע בליקן אויף די קאָרעספּאָנדענטן — בין פאר יעדער קאָאָפּעראציע פון די אמעריקאנער לענדער. הייסט עס, — כאַפּט זיך דער זעלבער קאָרעספּאָנדענט אין א זיגרייכן טאָן — איר זייט פאַר טרומאַנס פּלאַן? — אָן אַ וועלכער עס איז עמאָציע, ענטפערט דער פרע־זידענט ווידער:

— דער פּראָבלעם פון די אמעריקאנער לענדער איז פאר מיר זייער און זייער וויכטיק. איך בין פאר א שטאַרקער פאַרברידערונג און קעגנזייטיקער הילף פון אלע אמעריקאנער לענדער... — נישט דערמאָנענדיק דירעקט דאָס וואָרט „טרומאַן". צום צווייטן מאָל, — רוימט מיר איין מיין שכן: — ער האָט זיך ווידער קונציק אַרויסגעדרייט...

איצט קומט ווידער א פראגע: —„וואָס גלויבט איר, זענען אין דער איצטיקער צייט די הויפּט־פּראָבלעמען פאַרן מעקסיקאַנער פאָלק, וואָס איר וועט זוכן צו לייזן, ווען איר וועט איבערנעמען די פרעזידענטשאַפט?"

מיגעל אלעמאנס פּנים איז איצט ערנסטער געוואָרן. דער אָפענער מילדער שמייכל איז מיט איינמאָל פארשוווּנדן.

— דריי הויפּט־פּראָבלעמען, וועלכע זענען א לעבנס־פראגע פארן מעקסיקאַ־נער פאָלק, וועלכע איך וועל מיט מיין גאנצער קראפט זוכן צו לייזן — האָט ער געענטפערט — זענען: עסן, עסן און עסן!

***

אונדזערע אויטאָמאָבילן גליטשן זיך איבער די ענגע, אָרעמע מעקסיקאנער געגנטן; דאָס פירט מען אונדז, אויסלענדישע קאָרעספּאָנדענטן, ווייזן ווי אזוי דאָס מעקסיקאנער פאָלק שטימט, צום ערשטן מאָל, פריי און דעמאָקראטיש. די שטאָט

זעט איצט אויס ווי אַ מיליטערישער לאַגער, פול מיט מאַשין־געווער, ביקסן און אפילו קאַנאָנען, ווו דאָס אויג דערגרייכט נאָר. אַ וואַרעמע, מילדע זון שפּיגלט זיך אין די גלאַנצנדיקע מיליטערישע באַיאָנעטן; די גאַסן זענען אָפּגעשלאָסן; די גרויסע אויפשריפט: „פּרענסאַ" אין פראָנט פון אונדזערע אויטאָמאָבילן עפנט גלייך אַלע מיליטערישע פאַרצוימונגען; דער אָפיציר שמייכלט, ווי איינער רעדט: אדרבא, קומט און איבערצייגט זיך, אַז מיר קענען אויך זיין דעמאָקראַטיש, אויב מיר ווילן נאָר. מיר זענען אָנגעקומען אין דער באַרימטער געגנט „לאַ באָלסאַ" (ווו מען פלעגט אמאָל זיך דאַרפן האַלטן ביי די קעשענעס...), אַ געגנט וואָס דערמאָנט די ענגע, שמוציקע אינטערנאַציאָנאַלע געסלעך פון די פּאָרט־שטעט. די אָרעמסטע פון די אָרעמסטע זענען געשטאַנען אין לאַנגע שורות; מענטשן, יעדער מיט זיין וואַל־צעטל אין דער האַנט, מיט אָפּגעריסענע קליידער, מידע פּנימער פון שווערער אַרבעט; פון די פענצטערלעך, וואָס האָבן אויסגעזען ווי מייזן־לעכער, האָבן אַרויסגעקוקט גאַנצע טוצן קינדערלעך.... פון ערגעצווו האָבן אָפּגעהילכט אין דער לופט אַ פּאָר שאָסן... און דער עולם האָט זיך אָנגעהייבן צו צעלויפן; אָבער באַלד האָט מען זיך באַרויִקט, אַז דאָס זענען בלויז „פייערווערק"... נישט קיין ביקסן. צוערשט האָבן די פּנימער, וואָס האָבן אויסגעזען אויפן אויג ווי פאַריזער אַפּאַשן, געקוקט אויף אונדזערע אמעריקאַנער קליידער מיט זייערע בליקן, אָבער באַלד זענען אָנגעקניפּט געוואָרן „דיפּלאָמאַטישע באַציונגען" דורך אונדזערע ווייבערישע פּאַרטרעטערשאַפט, און אַ שוכפּוצער מיט אָפּגעריסענע טראַנטעס און שיך־קעסטל, — דאָס גאַנצע קלאַפּערגעצייג אין האַנט — איז געווען דער ערשטער וואָס האָט אונדז „אָנערקענט"; — „וויוואַ לאַ פּרענסאַ! וויוואַ לאָס אמעריקאַנאָס!" — האָט ער נאָך אַ פּאָר שמייכלען פון אונדזער „ווייבערטום" אויסגערופן, און באַלד האָט זיך דערהערט אַ כאָר: „וויוואַ לאַ פּרענסאַ! וויוואַ אלעמאַן! וויוואַ על פּרעסידענטע!"

איך האָב זיך אויסגעמישט מיט די צענדליקער מענטשן, וועלכע זענען גע־שטאַנען אין לאַנגע שורות. אַ שווער־פאַרהאָרוועטער אַרבעטער אין אַרבעטס־קליידער האָט מיר געוויזן מיט שטאָלץ אויף דעם קעסטעלע, אויף וועלכן ער האָט אונטערשטראָכן דעם נאָמען פון מיגעל אלעמאַן: — „על פּרעסידענטע מיאָ"! — האָט ער מיר מיט שטאָלץ באַמערקט, און זיינע פינצטערע אויגן האָבן מיט איין מאָל אויפגעלויכטן...

**
*

„אַלעמאַן!" — דאָס וואָרט איז ווי אַ כשוף דורכגעגאַנגען יעדע ווילע דורך דער לאַנגער שורה. עפּעס ווי אַ לעגענדע פון אַ וויטן, צוגעזאָגטן לאַנד, האָט דער נאָמען אַ גאַנצן טאָג, יענעם זונטיק, פאַר מיר געקלונגען פון צענדליקער מיילער

פון די מעקסיקאַנער פאָלקס־מאַסן... דער היינט איז אַזוי טרויעריק, האָפט מען, אַז דאָס צעטל מיט דעם קעסטעלע „אַלעמאַן", וואָס מען האָט אונטערגעשטראָכן וועט ברענגען מער ווי „טאָרטיאַס און פריכאָלעס"... שעהנלאַנג, זענען זיי דערפאַר געשטאַנען כדי צו האָבן אַ געלעגנהייט אַריינצוּוואַרפן דאָס גליקלעכע צעטל אין צויבערקעסטל, וואָס וועט פאַרוואַנדלען זיין אָרעם, ענג, פינצטער צימערל אין אַ פּאַלאַץ...

דריי אַזייגער נאָכמיטאָג. די אויסלענדישע פּרעסע לאָזט זיך וווילגיין ביי געדעקטע טישן ביי אלעמאַנס אַ „גוטן ברודער". דער מעקסיקאַנער שריפטשטעלער סאלאָמאָן דע לאַ סעלוואַ פּירט אָן אַ מין „רביסטוווע", און באַמיט זיך קנעלן מיט די אויסלענדישע זשורנאַליסטן, מעקסיקאַנער פּראָבלעמען: — איר — מוסרט ער זיי אין אַ האַלב־ערנסטן און האַלב־הומאָריסטישן טאָן — זייט אַלע געווען ביי דעם פּרעזידענט, געהאַט מיט אים אַן אינטערוויו, געפרעגט פראַגעס, אָבער.... איר ווייסט קיינער נישט, פאַרוואָס דער פּרעזידענט האָט אַזוי פיל גערעדט וועגן אַ „טענעסי וואַלי פּלאַן" פאַר מעקסיקע; דייוויד ע. ליליענטהאַל, פון ניו יאָרק, איז דאָ געווען מיט אַ צייט צוריק, און געוואָרן אַ גאַנצער ברודער מיט מיגעל אַלעמאַן, — און ווייסט איר וואָס ביידע האָבן צווישן זיך גערעדט? — אַ שטייגער וואָס? — האָט אַ נייגעריקער קאָרעספּאָנדענט אַ פרעג געטאָן: — אונדזער פּרעזידענט־קאַנדידאַט — האָט סאלאמאַן דע סעלוואַ שנעל געענטפערט, — האָט דייוויד ליליענטהאַלן געלערנט טאַנצן אַ „באַמבאַ"...

ווען מען האָט שוין געהאַלטן ביי נאָך אַ כוסה, האָט אַ יונגער מעקסיקאַנער זשורנאַליסט געהאַלטן אַ מוסר־רעדע צו די „אַמעריקאַנאָס": — דאָס דעמאָקראַטישע אמעריקאַנער פאָלק און די אמעריקאַנער פּאָליטיק אין אויסלאַנד זענען צוויי באַזונדערע זאַכן, — האָט ער אָנגעהויבן, — ביי אייך אין לאַנד זייט איר דעמאָקראַטיש, אָבער ביי אונדז, — אונדז האַלט איר פאַר „סאַלוואַכעס". דערפאַר ווילן מיר אַ פּרעזידענט, וואָס איז פריי פון אַמעריקאַנער איינפלוס. מיר — איז ער אַריין אין התלהבות — ווילן נישט קיין אַמעריקאַנער אינטערווענץ. פּאַדיזשאַ איז צו פּאָפּולער ביי אייך און איז אַ גאָר נאָענטער שמעלקע מיט „וואָלסטריט". מיר, — האָט ער אין אַ גאָר הויכן טאָן פאַרענדיקט, — ווילן אַ „מעכיקאָ ליברע!" דער קלוגער סאלאָמאָן דע לאַ סעלוואַ, האָט בעת־מעשה געלאַכט אין זיינע דיקע וואָנצעס און הנאה געהאַט...

שפּעט ביינאַכט געפין איך זיך אויף פּלאַסאַ דע לאַ רעפאָרמאַ. פון די גרויסע אמעריקאַנער וואָלקן־קראַצער, וואָס האָבן זיך חוצפּהדיק געריסן צו די הימלען, האָבן געפינקלט לאַנגע פּאַסן ליכט, מיט גרויסע רעקלאַמעס פון „גענעראַל מאָטאָרס", „שעװלי", „קאָקאַ קאָלאַ", און נאָך אַמעריקאַנער פּראָדוקטן. האָב איך

פּלוצים צופוסנס פון די ריזיקע וואָלקנקראַצער באַמערקט קופּעס מענטשן. אין זייט צוויי הימלאָזע, עלטערע פּרויען און א מאַן, ליגנדיק אויף די האַרטע, קאַלטע שטיינער; און פון א צווייטער זייט, גלייך ביי א גרויס שו־פענצטער פון א געשעפט אַ לא „פינפטע עוועניו", ווו איר האָט ביי דער שיין פון דער ליכט געקאָנט זען פּרייזן פון העמדער פון אריבער הונדערט פּעזעס, זענען געלעגן פיר הימלאָזע קינדער איינגעפּלאָכטן איינער אין אנדערן, צוגעדעקט מיט צייטונגס־פּאַפּיר. מיר איז מיט איין מאָל קלאָר געוואָרן די באַדייטונג פון די צוויי ווערטער „מעכיקאָ ליברע!"...

מיט דער באַן פון מעקסיקע קיין גואַטעמאַלאַ

שפעט ביינאַכט איז דער אַזוי־גערופענער עקספרעס „מעקסיקאָ סיטי־וועראַ־קרוז", נאָך אַ גאַנצן טאָג זאַמדיקע מדבריות, אָנגעקומען אין דעם טראַפּישן פּאַרט.

ביי דער טיר פון וואַגאָן האָבן זיך אויף מיין באַגאַזש אַ וואָרף געטון אַ מחנה טרעגער, צווישן זיי פּרויען, באַהאָנגען מיט עופּהלעך אין קינסטלעך־פּאַרקניפּטע שאַלן. איידער איך האָב צייט געהאַט אַרויסצורעדן אַ וואָרט, און צוויי פון מיינע רענצלעך געפינען זיך שוין אויפן רוקן פון אַ יונגן, ברוינעם מעקסיקאַנער. די אַנדערע צוויי האַלט פעסט אַ קליין יינגל.

צוליב דער בייעס אין די מעקסיקאַנישע ציימונגען, אַז מאָרגן וועלן די געפאַנגענע נאַציס פון דער פעסטונג אין פּעראָטע, וועלכע געפינט זיך טאַקע דאָ אין וועראַ קרוז, אַרויסגעלאָזט ווערן פריי, האָב איך זיך צוגעאיילט מיט מיין רייזע אַהערצו, כדי מיט אייגענע אויגן צו זען אַזאַ „פּייערלעכע צערעמאָניע". גאַנץ פרי בין איך שוין מיט הונדערטער אַנדערע נייגעריקע און פריינט פון די געפאַנגענע געשטאַנען און געוואַרט, כדי צו זען ווי די העלדן וועלן אַרויס פון דער פעסטונג, און... אָנשטאָט אַרויסצוקומען ווי באַזיגטע, זענען זיי גאָר אַרויס מיט אַן אָרקעסטער פון אַקאָרדאָנס און האַרמאָניקעס, אונטער די הוראַ־געשרייען פון די פּאַרזאַמלטע, האַלטנדיק די קעפּ אין דער הויך און זינגענדיק דאָס מעקסיקאַנער ליד „לאַ גאַלאַנדרינאַ"... ווי העלדישע זיגער... ווען איך האָב אָפּגעציילט הונדערט פיר און זיבעציק אויסגעפּרעסענע לעבער־ווורשט־פּנימער, אויסגעפּוצטע ווי צו אַ זיגרייכן יום־טוב, האָב איך זיך מער נישט געקענט באַהערשן, דאָס בלוט האָט אין מיר אויפגעקאָכט... מיט מיין פּרעסע־קאַרט האָב איך זיך דורכגעריסן אַ וועג צו אַ מעקסיקאַנער הויכן באַאַמטן, וועלכער איז געזעסן צוזאַמען מיט איניקע מיליטערלייט ביים אַרויסגאַנג, נאָכדעם ווי ער האָט פּאַרענדיקט די נאָבעלע אַרבעט. אַן צערעמאָניעס האָב איך זיך אַליין פּאָרגעשטעלט: „איך בין אַן אַמעריקאַנער זשורנאַליסט, איר קענט מיר אפשר זאָגן וואָס פאַר אַ שמחה דאָס איז? טויזנטער מעקסיקאַנער סאָלדאַטן האָבן געקעמפט פּרייווויליק מיט דער אַמעריקאַנער אַרמיי און אַ סך פון זיי זענען דערשאָסן געוואָרן פון די נאַציס,

מיליאָנען ייִדן זענען פון זיי אויסגעקוילעט און פאַרברענט געוואָרן, און איר פּראָוועט פאַר זיי דאָ אַ צערעמאָניע?!" אַלע האָבן מיך איבערראַשט אָנגעקוקט. די מיליטערלייט האָבן געשוויגן.. דער הויכער באַאַמטער האָט מיר אין אַ נישט זיכערן טאָן אָפּגעענטפערט: „סעניאָר, דאָס איז אַ באַפעל פון..."

אויפן צווייטן טאָג האָבן די צייטונגען דערציילט, אַז יעדער פון די נאַציס האָט באַקומען טויזנטער מעקסיקאַנער פּעזעס ווי אַ מתנה פון דער מעקסיקאַנער רעגירונג, און אַז זיי ווערט דערלויבט צו בלייבן אין לאַנד ווו זיי ווילן נאָר, און קענען אַפילו ווערן מעקסיקאַנער בירגער. אויף די בילדער, וואָס האָבן פאַרגע־שטעלט דעם העלדישן מאַרש פון די באַפרייטע נאַציס, האָט מען געקענט זען ווי דער סעקרעטאַר פון אינערן־מיניסטער דערלאַנגט זיי דאָס געלט און ביי דער זייט איז געשטאַנען דער נאַצי בומער איינס פון מעקסיקע, ווילי יורגענס, צוקוקנ־דיק זיך צו דער צערעמאָניע...

**
*

מיין האָטעל געפינט זיך ביים ים, די לופט איז ווי אָנגעשוואָלן מיט אַ נאַסע קרענקלעכע פייכטקייט וואָס ווערט יעדע ווייל שווערער און שטיקנדיקער. וואָס מער עס דערנענטערט זיך דער טאָג, אַלץ פייכטער און נאַסער ווערט די לופט. איך קוק אויף די מענטשן אין גאַס און כמעט אַלע האָבן איין קאָליר אין פּנים, אַ מין קראַנקהייט וואָס מאַכט דאָס אויסזען מיד און געל. די קינדערלעך — אַלע אָן אַ טראָפּן בלוט אין זייערע יונגע פּנימלעך. עס איז איצט, זאָגט מען מיר, אין סאַמע מיטן זומער־סעזאָן. אָבער אויך אין די אַנדערע צייטן איז נישט בעסער.

ווערא קרוז איז דער גרעסטער מעקסיקאַנער פּאָרט וואָס פאַרבינדט זי מיט דער גאַנצער וועלט. פון דאַנען קומען און גייען שיפן אין אַלע דרום־אַמעריקאַנער לענדער ווי אויך קיין אייראָפּע. די שטאָט מאַכט אַ גוטן איינדרוק מיט אירע אַלטע הייזער און קירכן, אַלע פעסט צוזאַמענגעפלאָכטן איינער צום אַנדערן, מיט לאַנגע פּאַסאַזשן, וואָס דינען פאַר די פאַרבייגייער ווי אַ באַשיצונג אין רעגן־סעזאָן.

אין ווערא קרוז געפינען זיך פּופּצן ייִדישע משפּחות, וואָס זענען מיט יאָרן צוריק דאָרט פאַרוואָרפן געוואָרן, דאַן, ווען ס'איז אָנגעגאַנגען אַ מאַסן־אימיגראַ־ציע אין די דרום־אַמעריקאַנער לענדער. אַמאָל — האָבן מיר די דאָרטיקע ייִדן דערציילט, — זענען געווען מער ייִדן, אָבער זיי זענען זיך צעלאָפן. געווען אַפילו דאָרט אַ ייִדישע שולע. היינט געפינט זיך דאָרט בלויז אַ קבוצה פון „השומר הצעיר" — דאָס איז כמעט דער איינציקער צייכן פון ייִדישן לעבן.

דער קליינער, ווייט־פאַרוואָרפענער ייִדישער קיבוץ האָט פאַר מיר געהאַלטן אַ „דין תורה". דער באַשולדיקטער איז געווען אַ ייִדישער שרייבער פון קובאַ,

וואָס האָט טאַקע דאָרט, אין ווערא קרוז, אַ שוועסטער, וועלכע ער האָט באַזוכט, און שפּעטער האָט ער זיי „באַשריבן" אין אַ מעקסיקאַנישער יידישער צייטונג, אַז זיי האָבן מער נישט אין זינען, נאָר געלט מאַכן. היתכן? — האָבן זיי גע־טענהט — ווי אַזוי פאַרשוואַרצט מען עס זיי ביי דער יידישער וועלט? גיבן מיר דען נישט פאַרן קרן היסוד, פאַרן קרן קימת, פאַר אַלע יידישע הילפס־אַקציעס מיט אַ ברייטער האַנט?

מען וויזט מיר די ציפערן פון די סומעס פון די פאַרשיידענע הילפס־אַק־ציעס, וואָס דאָס ביסל יידן האָבן געגעבן.

די באַן וואָס דאַרף אייך פירן פון ווערא קרוז קיין סוטשאַטי, די לעצטע מעק־סיקאַנער שטאָט, קיין גואַטעמאַלאַ, זעט אויס ווי שלום עליכמס „בערדיטשעווער טראַמווייען": אַלטע, צעבראָכענע וואַגאָנען מיט לאַנגע בענק, אָנגעפּאַקט פון אַלע זייטן מיט מענטשן און פּעקלעך, אַזוי, אַז די צווייטע קלאַס און אויך די ערשטע קלאַס איז גיכער ענלעך צו דער אַמאָליקער דריטער קלאַס אין די היימישע שטעטלעך. לויטן רייזע־פּלאַן דאַרף די באַן אַוועקגיין צען אַזייגער אינדערפרי, אָבער שוין לאַנג פאַר דער באַשטימטער צייט שטייען לאַנגע שורות מעקסיקאַ־נער מיטן גאַנצן באַגאַזש אויף די קעפּ און וואַרטן ביי דער קאַסע צו קויפן אַ בילעט. דער באַאַמטער אינעווייניק האָט אָבער צייט. איר זעט בפירוש דורכן פענצטערל ווי ער זיצט זיך געמיטלעך אויף אַ שטול, פונקט ביי דעם האַלב־אָפענעם פאַרהאַנגל, און כאַפּט אַ געשמאַקן דרימל...

צוואַנציק מינוט איידער די באַן גייט אַוועק עפנט זיך דאָס פענצטערל און דער בילעטן־פאַרקויף הויבט זיך אָן. שטעלט אייך פאָר די סצענעס וואָס שפּילן זיך דאָרט אָפּ. איר האָט קיין אַנדער ברירה נישט, ווי אַריינצוגיין אין וואַגאָן, ווי צענדליקער אַנדערע פּאַסאַזשירן, אָן אַ באַן־בילעט, און זיך פאַרלאָזן אויפן יושר פון קאָנדוקטאָר.

כאָטש מיר האָט מען געזאָגט ביי דער קאַסע, אַז דער צוג האָט נישט קיין שלאָף־וואַגאָן, אָבער פאַר אַן „אַמעריקאַנאָ" איז אין מעקסיקע אַלץ דאָ. איר דאַרפט אָבער נישט מאַכן קיין טעות, אַז דאָס איז טאַקע אַן אמתער פּולמאַן. פון די בענק ווערט ביינאַכט געמאַכט אַזאַ מין קאָמבינאַציע־בעט, וואָס דערמאָנט מיך אין די האַרטע בענק אין דער היימישער ישיבה. דאָס עסן איז אויך לויטן געשמאַק פון קוכער. עס ווענדט זיך, נאַטירלעך, אין דער צאָל פּאַסאַזשירן; אַזוי ווי מיר זענען אין גאַנצן אַ זעקס־זיבן און קיין ספּעציעלע שפּייזן לוינט זיך אים נישט צוצוגרייטן, מוזט איר עסן וואָס אים געפעלט.

גאַנצע צוויי טעג ווי די באַן שניידט דורך מדבריות, פאַרוואַקסענע פון אַלטע פעלדזן און שטיינער. צייטנווייז זעט איר גאַנצע שורות לאַנגע שפּיציקע פעלדזן אַזוי אויסגעפורעמט פון די וואַסער־פאַלן, אַז זיי זעען אויס ווי גרויסע מענטשן־

ריזן פון עוג מלך הבשנס צייטן. עס דאַכט זיך איך, אַז דאָס זענען זיי אַזוי זיך איינגעשלאָפן און באַלד־באַלד וועלן זיך די ריזן אויפכאַפּן און אָנהויבן צו באַווייזן זייערע כּוחות...

די פּאַנאָראַמע בייט זיך; די באַן שניידט זיך איצט אַ וועג דורך זאַמדיקע מדבריות, פלאַכע פעלדער, זעלטן ווען איר דערזעט אַ גרעזל. פון צייט צו צייט דערזעט איר ווי פון אַ הויפן שטויב דערהויבט זיך אַ לאַנגער סאָמברעראָ, אַ כּפול שמונהדיקער שטרויענער קאַפּעליוש, און אונטער אים דערזעט איר צוויי אויגן וואָס קוקן אַזוי זיך גלייכגילטיק אַרום, און רויכערט זיך רויִק אַ ליולקע. די צוויי שוואַרצע אויגן קוקן אויף דער באַן, וואָס יאָגט זיך איצט פאַרביי די זאַמדיקע מדבריות, און זיי שמייכלען ווי איינער רעדט: צו וואָס אַזאַ יאָגעניש? איך האָב צייט!

דאָס בילד האָט זיך מיט אַמאָל געענדערט. אַ פּאָר וואַסער־פאַלן וואָס קומען זיך צוזאַמען אין אַ טייך, האָבן פון זיך אַליין באַוואַסערט און באַפרוכפּערט די זאַמדיקע פעלדזן; גאַנצע שטיקער ערד אַרום קוקן איצט אויס ווי אַ קינסטלעך געשטריקטער דיוואַן, פול מיט פאַרבן און קאָלירן, אין וועלכע עס שפּיגלען זיך איצט, נאָך האַלבן טאָג, די פייערדיקע זון־שטראַלן. פון ליידיקן חלל שיילט זיך מיט אַמאָל אויס אַ שטעטל, ווי אַרויסגעשאָסן פון די בערג, וועלכער דער מעקסיקאַנער האָט אַזוי פאַרהייליקט אין „סיעררא סאַנטאַ". די באַן בלייבט שטיין, און איר זעט פּאָר איך הונדערטער ברייטע קאַפּעליושן, ווי משופּעדיקע טורעמס; יונג און אַלט, פרויען און מענער, אַלע אין אַזעלכע קאַפּעליושן. מען באָט אייך אָן מציאות: האַנט־שניצערייען, שטעקנס אויסגעשניצט ווי שלאַנגען, דיוואַנעס, אייגנאַרטיקע פרוכטן, מאכלים באַפּעפּערט און באַזאַלצן. דער ריח פון געבראָטן פלייש רייצט די נאָז־לעכער. איר קוקט אַרויס פון וואַגאָן, און איר זעט, אַז טאַקע דאָ גלייך נעבן דער סטאַנציע, ווערט דאָס פלייש געבראָטן אויפן פייער און פאַרקויפט די פאַרבייפאָרנדיקע פּאַסאַזשירן. לאַנגע פּאַסן פון אַ געקנעטענער מאַסע, וואָס די פאַרקויפער רופן „דולסע", האָבן דעם בעסטן דערפאָלג ביי די פּאַסאַזשירן.

אָט אַזוי חזרט עס זיך איבער כּמעט יעדע שעה. מיר געפינען זיך איצט שוין נישט ווייט פון פּאַטשולאַ — די לעצטע גרויסע שטאָט ביי דער גוואַטעמאַלער גרענעץ.

די קליידונג און דאָס אויסזען פון די איינוווינער בייט זיך יעדע צוויי שעה. אָט דערזעט איר מענער און פרויען אָנגעטון אין מאָדנע שוואַרצע קליידער; ביידע האָבן לאַנגע האָר און עס איז אָפט שווער אונטערצושיידן צווישן אַ זכר און אַ נקבה; ביידע אין שמאָלע קאַפּעליושן, וואָס זענען אַנדערש ווי די מעקסיקאַנער „סאָמבעראָס". זיי רעדן צווישן זיך קיטשווע, — אַ מין אינדיאַנער דיאַ־

לעקט; דאָס זענען די רעשטלעך פון אינדיאַנער שבטים וואָס ווינען דאָ אין די טויזנטער. די מעקסיקאַנער רעגירונג גיט זיי פולשטענדיקע אויטאָנאָמיע. יעדער שבט האָט אַ „שעף", אַ מין גובערנאַטאָר, וואָס קען אויך שפּאַניש, ווייל דער גרעסטער טייל פון זיי קען נישט קיין שפּאַניש, און ער איז דער וואָס פאַר־בינדט די רעגירונג מיט זיין שבט און איז דער פאַראַנטוואָרטלעכער באַאַמטער. נישט אַלע אָבער רעדן דעם זעלבן דיאַלעקט און טראָגן די זעלבע קליידער. איך האָב אַ פּאָר סטאַנציעס ווייטער ווידער באַמערקט אַזאַ מין שבט, אָנגעטון אין

גוואַטעמאַלער פרויען פאַרקויפן פרוכטן און היימיש־געמאַכטע שפּייזן.

לאַנגע אַטלאַסענע פעלערינעס מיט ווייסע קאַלנערס און קאַפּעליושן, ענלעך צו דעם בילד פון ברוך ספינאָזאַ... זיי זענען בטבע זייער שווייגנדיקע; קומען אַרויף אין וואַגאָן, זעצן זיך אַוועק, קוקן אַרויס דורכן פענצטער און שווייגן. ווייזט אויס, אַז קיין גאָר גרויסע ליבע צווישן זיי און די מעקסיקאַנער איז נישטאָ. עפּעס דאַכט זיך איך, אַז זייערע פּנימער דערציילן פון קריוודעס. אַ שאָד, וואָס איך קען זיך מיט זיי נישט צוזאַמענרעדן. עס איז אויך צווישן זיי שווער אונטערצו־שיידן ווער עס איז אַ מאַן אָדער אַ פרוי, ווייל די מענער טראָגן אויך נישט קיין הויזן, נאָר מאָדנע קליידלעך. ווען איך האָב זיך אָנגענומען מיט מוט און גע־פּרוווט מיט איינעם פאַרבינדן אַ געשפּרעך, האָב איך, ווי עס ווייזט אויס, גראָד געטראָפן אַ פרוי, וועלכע האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן און איז אַ צעטומלטע רויט געוואָרן...

פאַרנאַכט צו, אויפן דריטן טאָג פון אַזאַ נסיעה, ווען מיינע זייטן האָבן שוין לענגער נישט געקענט אויסהאַלטן די האַרטע ברעטער פון „פולמאַן", האָט זיך די באַן אָפּגעשטעלט אין פּאַטשולאַ, די רייזנדיקע האָבן זיך דאָרט געביטן. די באַן וואָס גייט דאָרט צו דער גוואַטעמאַלער גרענעץ איז איצט פול געוואָרן מיט אַן אַנדערן סאָרט פּאַסאַזשירן. דאָס פּאָרט מען צו דער גרענעץ, כדי פון דאָרט אַריבערשמוגלען פאַרשיידענע סחורות וואָס קאָסטן אין מעקסיקע אַ סך ביליקער, ווייל גוואַטעמאַלאַ האָט כמעט גאָרנישט קיין אינדוסטריע; דאַקעגן האָט זי אַ וואַלוטע וואָס איז אַזוי הויך ווי דער אַמעריקאַנער דאָלאַר.

פלוצלינג הער איך אַ שמועס אין אַ כלומרשטן ענגליש וואָס איז פאַרבראַקט מיט יידישע ווערטער; איך הער איצט דייטלעך אַ קלינגענדיקן וואַרשעווער יידיש באַגלייט מיט אַ פּאָר ענגלישע ווערטער: יעס סער, קויפט מציאות, אינגלישמען, אַמעריקאַן! און גלייך נאָך דעם אַ פּאָר באַקאַנטע היימישע קללות... אָט איז דער אויסשרייער וואָס פאַרקויפט כלומרשט קאָנטראַבאַנד. ער זיצט לעבן מיר, אָנגעטון אין אַ היטל פון אַן ענגלישן מאַטראָז. ער לייגט מיר פאָר זיין „קאָנטראַבאַנד" באַגלייט מיט דעם זעלבן נוסח ווי צו אַלע אַנדערע פּאַסאַזשירן.

— שלום עליכם אַ ייד — שטרעק איך אויס מיין האַנט צו דעם ענגלישן מציאות־פאַרקויפער.

— עליכם שלום — ציט ער די ווערטער וואָס לענגער, באַגלייט מיט אַ יעס־סער! — אַזוי, אַ ייד? אַן אַמעריקאַנער ייד? אַ לאַנדסמאַן פון וואַרשע? — אַלע פּאַסאַזשירן קוקט איצט אַריבער צו אונדז. — ר׳ ייד — הויבט ער אָן שנעל און שלינגט ממש די ווערטער, — דאָס פאַרקויף איך זיי, אַמעריקאַנער און ענגלישן קאָנטראַבאַנד, איר פאַרשטייט? — איצט זענען אַלע פּאַסאַזשירן אין וואַגאָן זיכער, אַז דאָס איז טאַקע סחורה קאָנטראַבאַנד, ווייל אָט רעדט דער ענגלישער מאַטראָז מיט אַן אַמעריקאַנער „ענגליש"... מען רייסט זיך צו אים פון אַלע זייטן.

ער איז אַ וואַרשעווער פון די נאַלעווקעס, דערציילט ער מיר. ער וווינט שוין אין מעקסיקע אַ שאָק מיט יאָרן, און וואָס טוט נישט אַ ייד צוליב פּרנסה? איז ער געוואָרן אַן ענגלישער מאַטראָז.

— פאָרט מיר לחיים ולשלום, — שרייט ער צו מיר פון די טרעפּלעך, — האָט אַ גליקלעכע רייזע! און ער איז פאַרשוווּנדן.

שפּעט ביינאַכט זענען מיר אָנגעקומען קיין סוטשאַטי. פון אַלע פּאַסאַזשירן זענען בלויז פאַרבליבן אַ פּאָר פרויען וואָס פאָרן קיין גוואַטעמאַלאַ. די איבעריקע פּאַסאַזשירן האָבן, ווייזט אויס, אַנדערע וועגן ווי אַזוי זיך אַריבערצופּאַקן קיין גוואַטעמאַלאַ מיט די געשמוגלטע סחורות. אויף דער סטאַנציע איז פינצטער. דער איינציקער וואָס געפינט זיך דאָרט, איז דער אייגנטימער פון האָטעל וואָס טראָגט דעם קלינגענדיקן נאָמען „נועוואָ מונדאָ"... ער וואַרט עס אויף די פּאַ־

סאַזשירן, וועלכע קומען דאָ אָפּט, כדי אַריבערצוגיין די גרענעץ קיין גוואַטעמאַלאַ. דער האָטעל באַשטייט פון פינצטערע, ליידיקע צימערן מיט „קאַטרעס" (לייוונטענע בעטלעך, אויפגעצויגן אויף האָלץ). דאָס שטרוי פון ששת ימי בראשית... פון אַלע זייטן טראָגן זיך ריחות; דאָס זשומען פון פליגן און מאָסקיטאָס שפּילט ווי אַ גרילצנדיקע מוזיק. די מאָסקיטאָס דאָרט טראָגן מיט זיך מאַלאַריע און עס איז געפערלעך פון זיי צו כאַפּן אַ ביס. איך האָב אַפילו מיט זיך מיטגענומען אַ מין פייערווערק וואָס דינט צו פאַרטרייבן די מאָסקיטאָס; דאָס איז אַ מין צונויפגעדרייטע מאַסע, וועלכע רויכערט זיך אַ גאַנצע נאַכט און דער ריח פאַרטרייבט די מאָסקיטאָס, אָבער דאָ העלפט עס נישט. ווייזט אויס, אַז פון די אַרומיקע ריחות וואָס טראָגן זיך פון אַלע זייטן, איז דער ריח פון מיין אַנטי־מאָסקיטאָ פייערווערק קאַליע געוואָרן. אַלע ווילע אַטאַקירן מיך מאָסקיטאָס פון אַלע זייטן, וואָס וואַרפן זיך אויף מיר ווי כוואַליעס...

אויסער מאָסקיטאָס, האָב איך, אין דער האַלבער טונקלקייט פון שוואַכן באַלויכטענעם צימער, באַמערקט, אַז אין צימער געפינען זיך נאָך לעבעדיקע חיהלעך וואָס באַהאַלטן זיך אין די לעכער... אָבער זיי ווערן וואָס אַמאָל דרייסטער און דערנענטערן זיך צו מיר. איך האָב קיין אַנדער ברירה נישט געהאַט, ווי מיט אַ שטעקן צוריקשלאָגן איין אַטאַקע נאָך דער אַנדערער, ביז פון די קליינע האַלב־אָפענע פענצטערלעך האָבן זיך אָנגעהויבן באַווייזן שאָטנס פון אָנקומענדיקן טאָג. דאַן האָב איך ערשט דערזען אין וואָס פאַר אַ חזיר־שטאַל איך האָב זיך געפונען אַ גאַנצע נאַכט.

מיר באַקומען פרישטיק אַ שטיקל טרוקן ברויט מיט קאַווע. איך בעט אַ שטיקל פּוטער. — נישטאָ, — ענטפערט האַלב־בייזלעך דער איטאַליענישער אייגנטימער פון האָטעל „נוּעוואָ מונדאָ" (די נייע וועלט).

מיד, נישט אויסגעשלאָפן, הונגעריק, און אַפילו נישט האָבנדיק ווו זיך אינדערפרי צו וואַשן, גרייטן מיר זיך אַריבערצושיפן איבערן טייך אויף יענער זייט, קיין גוואַטעמאַלאַ.

אַ פּאָר האַלב־נאַקעטע טרעגער באַווייזן זיך; זיי קוקן אויס ווי די אַראַבער, בויגן זיך אין דרייען מיט קנעכטישער אונטערטעניקייט. — סעניאָר! סעניאָר אַמעריקאַנאָ (אַמעריקאַנער)! מיר ווילן נישט קיין געלט, מיר זענען גרייט נישט בלויז דיינע זאַכן אַריבערצוטראָגן איבערן וואַסער, נאָר דיך אַליין, סעניאָר. יאָ — ווייזט מיר איינער פון זיי מיט אַ ווילד־צעוואַקסענע באָרד זיינע נאַקעטע מוסקולן וואָס זעען אויס ווי בראָנדז, — מיר ווילן אַמעריקאַנער ביילאָן־זאָקן, סעניאָר מיאָ (מיין הער), די סעניאָריטאָס (פריילינס) האָבן ליב אַמעריקאַנער ביילאָן־זאָקן...

באַלאָדנט מיט אונדזערע זאַכן, לאָזן זיך די מעקסיקאַנער טרעגער צום מעקסיקאַנער צאָל־אַמט. אָבער צוערשט קומען מיר צו אַ האַלב־צעבראָכענער בודקע

וואָס האָט אויף זיך די מעקסיקאַנער נאַציאָנאַלע פאַרב. אַ סאַנטשאָ־פּאַנטשאָ, מיט ברייטע שטיוול און נאָך ברייטערע וואַנצעס, קוקט איבער אונדזערע פּאַספּאָרטן. אַלע האָבן אויף זיך די נויטיקע אויסרייזע־וויזעס פון לאַנד. אָבער זיי געפעלן אים נישט. פערא אַמיגאָ (אָבער פריינט), אַמפּערט ער זיך מיט אונדז, עס טויג נישט. ער קען אונדז נישט אַריבערלאָזן די גרענעץ, דאָס מיינט אַרויסלאָזן פון מעקסיקע... פאַרוואָס? אַזוי גלאַט, אַסי עס לאַ קאָסאַ (אַזוי זעט אויס דער ענין), עס טויג נישט?

איך האָב זיך אַרויסגערוקט דער ערשטער, דערלאַנגט אים אַ מעקסיקאַנישן צענערל און די גלאַנציקע אויגן האָבן גענומען שמייכלען: עסאָ עס (דאָס מיינט דער פסוק...) און אַזוי זענען מיר צו צום מעקסיקאַנישן צאָל־אַמט, וואָס האָט דעם ציל אויפצופּאַסן מיר זאָלן נישט אַרויספירן מעקסיקאַנער פּראָדוקטן פון לאַנד. מיר דערקלערן אים, אַז מיר זענען דורכרייזנדיקע, אָבער אויך ער, דער באַאַמטער, האַלט זיך ביי זיינס. עס טויג ווידער נישט... איר האָט נישט קיין קאָנטראַבאַנד?! פאַרוואָס האָט איר טאַקע נישט? ווידער אַ צענערל און עס גייט ווייטער ווי געשמירט...

די בריק וואָס פאַרבינדט מעקסיקע מיט גוואַטעמאַלאַ איז צעבראָכן: איין העלפט ליגט און ווייקט זיך אין וואַסער, די אַנדערע — הענגט אין דער לופט, אוןביידע לענדער, ווייזט אויס, זענען גרויסע אָנהענגער פון דעם דרום־אַמעריקאַנער ווערטל: מאַניאַנאַ (מאָרגן).

ביז צום וואַסער פאָרן מיר צו אויף אייזלען. נישטאָ דאָ דערווייל קיין אַנדערער טראַנספּאָרט־פאַרקער. אונדזערע רענצלעך ווערן אויפגעלאָדנט אויף אַנדערע אייזלען, און מיר — אויף אַנדערע. רייט איך אַזוי אויפן אייזל אונטער דער ברע־נענדיקער זון.

אַ פּאָר מינוט בלויז און מיר קריכן אַריין אין שיפלעך ווי לאַנגע, ענגע מול־טערס, אין וועלכע אונדזערע אַלטע באַבעס פלעגן באַקן ברויט אין דער אַלטער היים, און מיט דער הילף פון אַלטמאָדישע לאָפּעטעס מאַנעווורירן האַלב־נאַקעטע פישער. אַזוי האָבן מיר זיך געגליטשט איבערן וואַסער וואָס טיילט ביידע לענדער אַ האַלבע שעה צייט, און מיר האָבן זיך געפונען אויף דער אַנדערער זייט אין דער ערשטער שטאָט פון דער גרעניץ פון גוואַטעמאַלאַ.

***

ווי נאָר איר שטעלט אַראָפּ אַ פוס אויף דער יבשה אין גוואַטעמאַלאַ, ציט איר אויף זיך די שאַרפע פאַרשנדע בליקן פון דער גרעניץ־וואַך וואָס לאָזט פון אייך נישט אַראָפּ קיין אויג. אַזוי שנעל ווי דאָס קליינע שיפל, וואָס האָט אונדז געפירט איבערן טייך צווישן מעקסיקע און גוואַטאַמאַלאַ, איז צוגעבונדן געוואָרן מיט שטריק צו דיקע ביימער, האָט אונדז די גרעניץ־וואַך אַרומגערינגלט. מיר

זענען אַריינגעפּירט געוואָרן אין שטרויענעביידלעך וואָס זענען באַשיצט פון דער זון, אַ פּאָר שריט פון ברעג. דער פּאַס־קאָנטראָל איז נישט געווען אַזוי שטרענג. דערפאַר אָבער האָבן זיי זיך אַ וואָרף געטון צו אונדזער באַגאַזש ווי אויסגעהונגערטע וועלף. יעדע קלייניקייט איז עטלעכע מאָל דורכגעקוקט געוואָרן. מיין רייזע־טאַש און מיין רענצל זענען דורכגענישטערט געוואָרן. דער גרויסער טיש פון שטרויענעם ביידל איז פול געוואָרן מיט זאַכן. עס האָט אויסגעקוקט ווי אין אַן אמתער קראָם. נאָכדעם האָט זיך אָנגעהויבן אַ דינגעניש וועגן יעדער זאַך באַזונדער.

ביי דער אונטערזוכונגס־אַרבעט, וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן לויט דעם דייטשן סיסטעם, „גרינטלעך און פּינקטלעך", האָט זיך גאַנץ באַזונדערס אויסגעצייכנט איינער פון די גרעניץ־באַאַמטע מיט אַ דיקלעך פּנים פון בייעריש ביר און לעבער־ווורשט. ער האָט די אַרבעט געטון מיט אַ באַזונדערן פאַרגעניגן; פאַראורזאַכט אַ שרעקלעכן חורבן אין אונדזער באַגאַזש.

דאָס, האָט מען מיר שפּעטער איבערגעגעבן אין גוואַטאַמאַלאַ, זענען די רעשטלעך פון אוביקאָס דיקטאַטור.

נאָך אַ שטרענגער אונטערזוכונג וואָס האָט זיך געצויגן שעהן־לאַנג, האָבן מיר זיך געפונען אין דעם איינציקן האָטעל וואָס דאָס שטעטל פאַרמאָגט. כדי זיך אָפּצוקילן פון דער שרעקלעכער זון, וואָס האָט געשרפעט אָן רחמנות, האָט מען אין אַ האָלצערנעם קאַסטן אָנגעגאָסן וואַסער, און שטייענדיק געכאַפּט אַ פּרימיטיווע באָד... שפּעטער ביינאַכט, ווען איך בין שוין אין מיין צימער געשמאַק געשלאָפן, נאָך אַזאַ שווערער נסיעה, האָט אַ שטאַרקע קרעפּטיקע שטימע גערופן מיין נאָמען.

— דאָס רעדט — האָט די שטימע איבערגעחזרט — די זיכערהייטס־פּאָליציי!

עס האָט זיך אָנגעהויבן די אויספאָרשונג: וואָס איז דיין פּראָפעסיע? פון וואַנען און וווהין פאָרסטו? ווי לאַנג ווילסטו בלייבן אין גוואַטעמאַלאַ?

איך האָב קיין מענטש אין דער אַזוי שטאַרק־פינצטערער נאַכט נישט געזען, נאָר בלויז געהערט דורכן אָפענעם פענצטער די פראַגעס, וואָס זענען מיר געשטעלט געוואָרן... און שפּעטער האָב איך פאַרשטאַנען, אַז דאָס האָט מען בכיוון מיך אויפגעוועקט פון אַ געשמאַקן שלאָף, כדי מיך צו צעטומלען, פעסטצושטעלן צי די אינפאָרמאַציעס וואָס איך האָב אינדערפרי געגעבן ביי דער גרעניץ זענען ריכטיק.

צוועלף שעה גייט די באַן פון אוטלאַ קיין גוואַטעמאַלאַ, די הויפּטשטאָט פון לאַנד. אין דער לענג און ברייט פון די וועגן ציען זיך קאַפע־פּלאַנטאַציעס; זיי האָבן אַמאָל, פאַר דער מלחמה, געהערט צו דייטשן, וואָס זענען אויף דער אויספאָדערונג פון אַמעריקע אַרויסגעשיקט געוואָרן פון לאַנד. אָבער איצט קומען אַ סך פון זיי צוריק, מיטן אויסרייד, אַז זיי האָבן חתונה געהאַט מיט גוואַטעמאַלער

פרויען. די צייטונגען האָבן אויך פאַרעפנטלעכט אַ סעריע אַרטיקלען, אַז „נאַציס" און „דייטשן" זענען צוויי באַזונדערע באַגריפן...

פון ביידע זייטן פון דער באַנליניע זעט מען פּרימיטיווע, ווייס־ציכטיקע הייז־קעס וואָס ציִען זיך אין אַ זיג־זאַג, צווישן אַ שורה־הייזער — אַן אַלטערטימלע־כער קלויסטער. מען זעט ווי מאַן און ווייב מיטן גאַנצן בני בית גייען איצט, גאַנץ פרי, אין די קאַפע־פּלאַנטאַציעס צו דער אַרבעט. אַמאָל באַשטייט דאָס „בני בית" פון אַ גרויסן פּאַק וואָס די פרוי טראָגט פעסט צוגעבונדן אין איר שאַל; דאָס זענען צוויי־דריי קינדערלעך וואָס זי טראָגט אויף זיך. אַמאָל לויפן זיי נאָך צופוס.

מאַן און ווייב טראָגן די זעלבע „סאָמבעראָס" וואָס זענען אַ ביסל שמאָלער און העכער ווי די מעקסיקאַנער סאָמבעראָס, און די זעלבע קליידער: דער מאַן — ווייס־לייוונטענע הויזן, און די פרוי — אַ לאַנג קלייד פון אַליין אויסגעאַרבעטער לייוונט.

ווען די באַן בלייבט שטיין, טראָגן פאַרביי אינדיאַנערינס, אויף די קעפּ, אין קוישן, פּרוכטן. איר קוקט זיך איין אין זייערע פּנימער, און די גליִענדיקע אויגן קוקן אויף אייך, „אַן אַמעריקאַנאָ" וועלכער קומט פון אַ רייכן לאַנד, אַ ביסל פאַרשעמטע, מיט אַראָפּגעלאָזענע אויגן. אויסערלעך קוקן זיי אויס געזונטע, אָבער די שטערבלעכקייט צווישן זיי איז גאָר גרויס, צוליב דער שווערער אַרבעט. זיי הויבן אָן אַרבעטן אַלס קליינע קינדער. אַ פרוי ביז פינף און צוואַנציק יאָר איז שוין דאָרט אָפּגעלעבט, ווערט פאַררעכנט פאַר אַ זקנה...

דער אינדיאַנער איז בטבע זייער איימפּערזיכטיק, נישט געקוקט וואָס ער איז ווייט פון זיין אַ גוטער מאַן. די פרוי מוז אויספירן די שווערסטע אַרבעטן, אָבער ער איז אַ ליידיקגייער, ווייל ער איז פון העכערן געשלעכט. ער גייט פאָראויס, מיטן קאָפּ אין דער הויך, און די פרוי גייט נאָך, אַ דערשלאָגענע, מיט אַן אַראָפּ־געלאָזטן קאָפּ. זי איז אַ שקלאַף צו איר מאַן און צו די קינדער, אָבער זי היט אָפּ שטרענג מאָראַל.

אויף יעדער סטאַנציע חזרט זיך איבער די זעלבע סצענע: פרויען מיט לאַנגע קוישן אויף די קעפּ פאַרקויפן אייך פאַרשיידענע סאָרטן פּרוכטן, מאָדנע געקאָכטע מאכלים — געפעפערטע און באַזאַלצן, און אַליין־געמאַכטע זיסע געטראַנקען. און אויב איר זענט אַ מפונק און גוואַטעמאַלער מאכלים שמעקן אייך נישט, האָבן זיי פאַר אייך אמתע אַמעריקאַנער קעז־סאַנדוויטשעס פאַרפּאַקט אין ווייסן דורכזיכ־טיקן פּאַפּיר, אָבער דאָס איז אַ ספּעציעלער אַרטיקל פאַר די „טוריסטאָס", פאַר וועלכע מ׳לאָזט זיך באַצאָלן אַ ספּעציעלן פּרייז.

די באַן האָט זיך אָפּגעשטעלט, דער קאָנדוקטאָר האָט אויסגערופן — גוואַטע־מאַלאַ! און ווידער די זעלבע סצענע; מ׳רייסט מיר פון די הענט מיין באַגאַזש

און די אויטאָמאָביל־שאָפערן רייסן זיך איבער מיר. איך בין מקנא די איבעריקע פּאַסאַזשירן, זיי האָבן מער מזל, זיי לאָזט מען צורו. איך אַן אויסלענדער, האָב איך, ווייזט אויס, אַ ספּעציעלע פּריווילעגיע...

**
*

די שטאָט גוואַטעמאַלאַ מאַכט אַן אויסערגעוויינלעכן איינדרוק מיט איר ריינקייט און זויבערקייט — זי פֿאַרדינט מיט רעכט איר נאָמען „די שווייץ פון צענטראַל־אַמעריקע”. אין סאַמע מיטן שטאָט, פּונקט קעגנאיבער דעם שענסטן פּאַרק, געפינט זיך דער „פּאַלאַסיאָ נאַסיאָנאַל” צוזאַמען מיט אַנדערע רעגירונגס־געביידעס; איז דאָס די שענסטע געביידע אין די צענטראַל־אַמעריקאַנער לענדער. די ביימער פון פּאַרק קעגנאיבער זענען אַזוי צעוואַקסן און צוזאַמענגעקניפּט, אַז זיי בילדן אַ דאַך אַרום די דורכגייער און איר קענט דאָרט שעהן לאַנג זיצן באַ־שיצט פון דער שטאַרקער זון. בלויז אַ פּאָר שריט אַוועק פון פּאַרק און איר געפינט זיך אין גוואַטעמאַלאַס האַנדלס־צענטער, די אַזוי גערופענע „פינפטע עוועניו”. פּראַכטפולע געשעפטן מיט די מאָדערנסטע איינריכטונגען, אויסלענדישע אַרטיקלען צוזאַמען מיט היימישע אויסאַרבעטונגען; קינאָ, טעאַטערס, קאַפעען און באַקוועמע האָטעלן לויטן לעצטן וואָרט אין אַרכיטעקטור.

די אמתע פאַרב און קאָליר פון לאַנד דערזעט איר ערשט ווייטער צו, אין דער „מערקאַדאָ סענטראַל” — איינער פון די גרעסטע מאַרק־פּלעצער אין צענ־טראַל־אַמעריקע, און ציט זיך אויף אַ שטח פון מײלן. דאָרט קענט איר זען דאָס אמתע נאַטירלעכע גוואַטעמאַלאַ. דער גרעסטער טייל פון די פאַרקויפערינס דאָרט זענען פרויען וואָס קומען אין שטאָט אַריין באַלאַדנט מיט אַ קויש, און פון דער פאַרקניפּטער שאַל קוקט אַרויס אַ לעבעדיק, קליין נפשל. אָבער עס פעלן דאָ אויך נישט מענער סוחרים וואָס קומען אין גאַנצע קאַראַוואַנען מיט זייערע סחור־רות פון די ווייטסטע געגנטן פון לאַנד. דער מאַרק איז איינגעטיילט אין פאַר־שיידענע טיילן. פון ווייטן זעט די מערקאַדאָ אויס ווי אַ רעגנבויגן פון פאַרבן: די פּאַנטשאָס פון יעדער געגנט זענען פון אַן אַנדערער פאַרב; אַזוי אויך די מענער־קאַפּעליושן. שווער זיך דורכצורייסן אַ וועג צווישן די קויפער און פאַרקויפער. טאָג־טעגלעך פאַרנעמען די פאַרקויפער דעם זעלבן פּלאַץ. ווי ער פאַרנעמט נאָר דעם פּלאַץ, באַווייזט זיך דער שטייער־אינספּעקטאָר באַגלייט פון צוויי אינדיאַנער, וואָס נעמט ביי אים גלייך אויפן אָרט דעם שטייער, וועלכער באַשטייט פון אַ פּאָר סענט. צוערשט קומט איר אין דעם סאַלאַלאַ־מאַרק. דאָ קענט איר קויפן גרינסן און פרוכטן פון הונדערטער מינים — פיש פון סאַנטאַ קאַטאַרינאַ, פלוימען פון קאַטאַרינעמאָס, און אַ מין סאָרט פרוכט וואָס איז ווי עפּל; אָראַנזשן פון סאַנטאַ

קרוז, הונדערט און פופציק באַנאַנעס פאַר פינף און צוואַנציק סענט, וואָס קומען פון טשישאַקאַ, ווו עס איז דער גרעסטער שטח פון גואַטעמאַלאַס פלאַכלאַנד. איר זעט דאָ אַפילו ברויטן אין געפלאָכטענע קוישן, וואָס אינדיאַנער האָבן מײלן־ווייט געטראָגן אויף די פּלייצעס אין שטאָט אַריין צו פאַרקויפן. אין אַ צווייטער זייט פון מערקאַדאָ סענטראַל זעט איר וואָלענע דעקן אויסגעשטריקט אין די שענסטע קאָלירן — זיי קומען פון נאַהולאַ טשיטישי, קאַסטעמאַנגאַ; סאַנדאַלן און קוראַטשאַס (אַ סאָרט געפלאָכטענע שיך) פון אַגועטאַ און סעררא דע אַראָ (די גאָלדענע בערג), אָדער אַ שטעקן פון אַ שלאַנג; ווייסע וואָלענע שאַלן מיט שפּיצן; פרויען־קליידער אויגעשטריקט מיט דער האַנט, קראָקאָדילן אויסגעאַרבעט אין דער פאָרם פון האַנט־טאַשן, און אַז איר ווילט אײַך איבערכאַפּן דאָס האַרץ, האָט איר טאַקע דאָ, אין דער מערקאַדאָ סענטראַל, פון אַלדאָס גוטס: היימישע געמאַכטע ווורשטן, מעקסיקאַנער „טאָרטיזשאָס״, היימישע געמאַכטע געטראַנקען וואָס האָבן, ווי די פאַרקויפערין פאַרזיכערט אײַך, אַלע טעמים — „ווילט איר זיס, זויער, קאַלט, וואַרמס... דאָ קריגט איר אַלץ, סעניאָר אַמעריקאַנאָ! — בעט זיך בײַ מיר אַ יונגע, בראָנדז־ברוינע אינדיאַנערין — מײַנע טאָרטיזשאָס האָבן אַ געשמאַקערן טעם ווי די מאכלים אין בעסטן האָטעל פון שטאָט, וואָס קאָסטן פופציק מאָל אַזוי פיל...״

פרייטיק איז אין מערקאַדאָ סענטראַל דער הויפּט־יאַריד; דאַן הייבט זיך אָן אַ מין עולה רגל זיין פון די ווייטסטע געגנטן פון לאַנד צו דעם יאַריד. גאַנצע קאַראַוואַנען ציִען זיך פון מײלן ווייט, וואָס נעמט טעג און נעכט, אַזש פון דער מעקסיקאַנער גרענעץ. מיט יאָרן צוריק פלעגט דאָרט דער האַנדל אָנגיין אויף בייטן איינער בײַ דעם אַנדערן פּראָדוקטן. טאַקע אויף דעם זעלבן פּלאַץ ווו עס געפינט זיך איצט די מערקאַדאָ סענטראַל פלעגט אָנגיין דאָס טוישן מיט פּראָ־דוקטן: זאַלץ פאַר ברויט, באַנאַנעס פאַר אַ קלייד, אַ טאָרטיזשאַ פאַר אַ ביסל קע־ראָסין. אָבער די לעצטע יאָרן האָט זיך דאָרט דער מסחר צווישן די מאַיאַ־שבטים אַנטוויקלט צוליב דעם גרויסן טוריסטן־שטראָם וואָס קומט קיין גואַטעמאַלאַ, און צוליב דעם אַריינדרינגען פון שטאָטישע אַרטיקלען אין די ווייטסטע פאַרוואָרפנ־סטע ווינקלען. מ׳גייט אָפּט לאַנגע שטרעקעס צופוס איבער בערג פון טויזנטער מעטער די הייך, אָדער מ׳שיפט זיך אַריבער מיט היימיש־געמאַכטע לאָדקעס דעם טייך אַטיליאַן; מ׳שלעפּט מיט זיך, אָדער אויף אייזלען, די גרעסטע משאות אין שטאָט אַריין, כדי צו פאַרקויפן די היימישע סחורות און פאַרן געלט קויפן שטאָ־טישע אַרטיקלען. אַמאָל איז דער טעגלעכער פּראָפיט פערציק סענט, פון וועל־כע מ׳דאַרף ערשט גלייך אויף דער שטעלע באַצאָלן די פאָר סענט שטייער, און אַמאָל דאָס אויך נישט...

גראָד ווען איך בין געווען אין גואַטאַמאַלאַ איז דאָרט אָנגעגאַנגען אַ שאַרפע

פּראָטעסט־באַוועגונג קעגן ענגלאַנד, איבער דעם שטרייט וואָס גוואַטאַמאַלאַ פירט אָן קעגן דער ענגלישער אָקופּאַציע פון בעלישע. פון די ווענט האָבן אַראָפּ־געקוקט גרויסע פּלאַקאַטן מיט אַ גרויסן הונט וואָס האַלט אין אָפענעם מויל אַ שטעקן מיט דער אויפשריפט „בעלישע", און אונטער דעם בילד די אויפשריפט: „די געשיכטע פון דוד און גלית חזרט זיך איבער". טויזנטער סטודענטן האָבן דורכגעפירט דעמאָנסטראַציעס איבער די גאַסן און פאַר דער בריטישער אַמבאַ־סאַדע, שרייענדיק, אַז ענגלענדער זענען פּיראַטן און „טאַקסידאָס"; געפאָדערט פון דער רעגירונג צו באַווייזן, אַז די אַרמיי איז נישט בלויז פאַר פּאַראַדן... גלייך אַוועקשיקן אַהין די אַרמיי אַרויסצוטרייבן די ענגלענדער. דער ענגלישער פּלאַץ האָט גלייך אַהינגעשיקט די קרייצערס „דעוואָנשיר" און „שעפילד" מיט דעם גלאָשעסטער רעגימענט...

דער סכסוך וועגן בעלישע, וואָס רופט זיך איצט בריטיש האָנדוראַס, ציט זיך שוין פון יאָרן, היות דער אינדזל איז רייך אין פאַרשיידענע סאָרטן האָלץ, פלעגן דאָרט קומען בריטישע האָלצהעקער פון זשאַמייקאַ. צוזאַמען מיט זיי זענען אַהינצו אויך געקומען פּיראַטן און ים־רויבער. אין יאָר 1670 האָט מאַדריד גע־געבן ענגלאַנד דאָס רעכט און דערלויבעניש צו אַנטוויקלען האָלץ־אינדוסטריע אין די וועלדער. די דערמאָנטע דערלויבעניש איז בלויז געווען אַ געשעפטלעכע — אַ סימן, אַז אין אַ שפּעטערער מלחמה האָט שפּאַניע געוואָלט אַרויסטרייבן די ענגלענדער פון דאָרט. נאָכן זיג פון נאַפּאָלעאָן און די באַפרייאונג פון צענטראַל־אַמעריקע, האָט גוואַטאַמאַלאַ געטענהט, אַז זי איז די יורשטע פון אַלע שפּאַנישע רעכטן, און דער אינדזל געהערט צו איר. ענגלאַנד האָט אָבער כסדר אָנגעהויבן אויסברייטערן אירע גרענעצן אין בעלישע וואָס ווייטער, און אין יאָר 1821 האָט גרעגאָר מעקרעגאָר זיך באַשטימט פאַרן קאַציק פון די דאָרטיקע אינדיאַנער. גוואַטאַמאַלאַ האָט פּראָטעסטירט — זענען ביידע געקומען צו אַ הסכם, געחתמעט אַן אָפּמאַך, אַז ענגלאַנד פאַרפּליכטעט זיך צו מאַכן אַ וועג פון קאַריבעישן ברעג ביז גוואַטעמאַלאַ פאַרן אויסטויש פון בעלישע. ענגלאַנד האָט איר צוזאָג נישט געהאַלטן און דער אָפּמאַך איז בטל געוואָרן. גוואַטאַמאַלאַ האָט אין יאָר 1930 באַנייט אירע פאָדערונגען אויף בעלישע; עס זענען אויסגעבראָכן צוזאַמענשטויסן ביי דער גרענעץ. דערווייל איז געקומען די וועלט־מלחמה. גוואַטאַמאַלאַ האָט אין צייט פון דער מלחמה נישט געוואָלט אָנטון קיין שאָדן ענגלאַנד, און געוואַרט ביז נאָך דער מלחמה. אַזוי ווי ענגלאַנד מאַכט זיך נישט וויסנדיק, האָט זיך אין לאַנד אָנגעהויבן אַזאַ שטורעם.

ווען איך האָב באַזוכט סוף 1949 גוואַטאַמאַלאַ צום צווייטן מאָל, האָט דאָרט געהערשט קריגס־צושטאַנד. דאָס פאָלק האָט דאָרט רעוואָלטירט קעגן איר דיק־טאַטאָר. נאָך אין יאָר 1944 האָבן זיי אַראָפּגעוואָרפן גענעראַל אוביקאָ, און, ווי אין

די אַנדערע צענטראַל־אַמעריקאַנער לענדער, האָט זיך דאָרט איבערגעחזרט די אַלטע געשיכטע: דער אַראָפּגעוואָרפענער דיקטאַטאָר האָט צוגעזאָגט דעמאָקראַ־טישע וואַלן, און אַן אייגענער מענטש, גענעראַל פעדעריקאָ פּאָנצע, איז אויסגע־ווילט געוואָרן פאַרן פּרעזידענט. דאָס פאָלק איז נישט צופרידן געווען, און הונ־דערט סטודענטן, אַרבעטער זענען אַרעסטירט געוואָרן; און דער ניי־דערוויילטער פּרעזידענט האָט אָנגעהויבן צוריקצוגיין אין אוביקאָס וועגן. צוויי יונגע אָפיצירן, פראַנציסקאָ שאַוויער אַראַנאַ און קאַפּיטאַן כאַקאָבאָ אַבענז, האָבן אָנגעפירט די רעוואָלוציע קעגן דעם ניי־דערוויילטן פּרעזידענט: זיבעציק סטודענטן האָבן זיך



דער פּרעזידענטן־פּאַלאַץ אין גואַטעמאַלאַ

מיט זייער הילף אַריינגעגנבעט אין דעם פאָרט „גואַרדיא דע האָנאָר" (ערן־וואַך), דערשאָסן דעם קאָמענדאַנט, גענומען די פעסטונג פון וואַנען זיי האָבן באַשאָסן די שטאָט. טויזנט אַכט הונדערט טויטע זענען דאַן געפאַלן און דער פּרעזידענט פּרעדריקאָ פּאָנצע האָט געמוזט אַנטלויפן זוכן שוץ אין דער מעקסיקאַנער אַמבאַ־סאַדע — דאָרט ווו עס זענען פריער געזעסן זיינע פּאָליטישע קעגנער, די אָנ־פירער פון דער רעוואָלוציע. די געשאַפענע „כונטא" וועלכע האָט אָנגעפירט די רעוואָלוציע, אין וועלכער ס׳איז אויך געווען קאָראָנעל אַראַנאַ, האָט באַשטימט פאַרן פּרעזידענט ד״ר כואַן כאָסע אַרעוואַלאָ. אַראַנאַ איז געווען דער קריגס־מיניסטער און דער שטאַרקסטער קאַנדידאַט פאַר פּרעזידענט צו די וואַלן, וועלכע האָבן באַ־

דאַרפֿט פֿאַרקומען אין 1950, האָבנדיק הינטער זיך די אַרמיי. דער פֿאַרטיידיקונגס־מיניסטער, כאַקאָבאָ אַבענז, האָט זיך אויך באַטראַכט פֿאַר אַ קאַנדידאַט צו די קומענדיקע פּרעזידענטן־װאַלן, האָט זיך צװישן בײדע געשאַפֿן אַן אָנגעשטרענגטע באַציִונג: דער קריגס־מיניסטער האָט אָפּגעזאָגט דעם הױפּט פֿון לופֿט־פֿלאָט װאָס איז געװען אַן אײגענער מענטש פֿון פֿאַרטײדיקונגס־מיניסטער, און צו דעם צו זענען זיבן פֿון קריגס־מיניסטערס מענטשן אױסגעװײלט געװאָרן אין העכסטן „פֿאַרטײדיקונגס־קאָנסול". דאָס האָט נאָך מער פֿאַרשאַרפֿט די אָנגעשטרענגטע סיטואַציע. די ראַדיאָ פֿון דער דאָמיניקאַנער רעפּובליק, דער שטענדיקער שונא פֿון פּרעזידענט אַרעוואַלאָ, האָט איבערגעריסן איר שטענדיקע אױדיציעס מיט אַ „העלאָ גואַטאַמאַלאַ! קאָראָנעל אַראַנאַ היט דיך, דײַן לעבן איז אין געפֿאַר!... מ׳גרייט זיך דיך צו דערמאָרדן!" אַ פּאָר טעג שפּעטער, װען דער קריגס־מיניסטער איז געפֿאָרן צום טײַך אַמאַטיליאַן, צװעלף מײַל פֿון שטאָט, צוריקפֿאָרנדיק איבער אַ בריק, האָט אַ צװײטער אױטאָמאָביל אויף זײ געעפֿנט אַ פֿײַער פֿון אַ מאַשין־געװער; דער קריגס־מיניסטער מיט זײַנע צװײ באַגלײטער זענען דערשאָסן געװאָרן; דער געהײמניספּולער אױטאָמאָביל איז פֿאַרשװוּנדן געװאָרן. די אַרמיי האָט געפֿאָדערט די רעגירונג זאָל גלײַך רעזיגנירן... אָפֿיצירן זענען צוגעפֿאָרן צום פּאַלאַסיאָ נאַסיאָנאַל אין טאַנקן, אױפֿפֿאָדערנדיק די רעגירונג גלײַך צו רעזיגנירן. דער פּרעזידענט האָט געענטפֿערט: „מײַן טערמין איז זעקס יאָר, אַ מינוט נישט װײניקער". די אַרמיי האָט געדראָט צו באַשיסן דעם פּרעזידענטן־פּאַלאַץ פֿון פֿאַרט „גװאַרדיאַ דע האָנאָר". אַ רעגירונגס־אַעראָפּלאַן האָט אַראָפּגעװאָרפֿן אַ פֿאָדערונג פֿאַר װאָפֿנשטילשטאַנד אָן באַדינגונגען; די אָנפֿירער פֿון דעם אױפֿשטאַנד האָבן אָנגענומען. דערװײַל זענען אָנגעקומען פֿאַרשטאַרקונגען און... קאָראָנעל כאַרכע באַרא באַרדיאַס, דער אָנפֿירער פֿון דעם אױפֿשטאַנד, האָט זיך געראַטעװעט אין דער סאַן סאַלװאַדאָריאַנער אַמבאַסאַדע.

דער דערמאָרדעטער קריגס־מיניסטער איז געװען אַ גרױסער ייִדן־פֿרײַנט, פֿלעגט אָפֿט קומען צו ייִדישע חתונות. זײַענדיק אַמאָל אויף אַ חתונה בײַ טערקישע ייִדן, זענען אים נישט געפֿעלן די מאכלים...

— עפּעס „טערקישע", האָבן נישט קײן ייִדישן טעם — האָט ער געזאָגט.

פֿון גואַטאַמאַלאַ אױס ציִען זיך די פֿעדים פֿון אַ קאָמוניסטישע פּראָפּאַגאַנדע איבער גאַנץ צענטראַל־אַמעריקע. זי איז הױפּטזעכלעך געצילט קעגן די פֿאַראײניקטע שטאַטן. אין מײַנע שמועסן מיט פֿאַרשײדענע צײַטונגס־לײַט, רעגירונגס־באַאַמטער, האָב איך באַקומען דעם אײַנדרוק, אַז גואַטאַמאַלאַ איז איצט דער הױפּט־צענטער פֿון דעם אַמאָליקן אומאַנסקי־פּלאַן, װאָס איז געװען געפּלאַנט פֿון מעקסיקע אױס, און איז — מיטן טױט פֿון סאָװיעטישן אַמבאַסאַדאָר קאָנסטאַנטין אומאַנסקי, און צוליב די שטרענגע מיטלען װאָס די מעקסיקאַנער רעגירונג האָט

אַנגענומען קעגן די קאָמוניסטן — אַריבערגעטראָגן געוואָרן קיין גוואַטאַמאַלאַ. די סאָוויעטישע רעגירונג האָט ספּעציעל געשיקט קיין מעקסיקע אַ ייִד, כדי אַזוי אַרום דורך אים אָנקניפּן פאַרבינדונגען מיט די דאָרטיקע ייִדן, וואָס זאָלן איר בייהילפיק זיין ביי די דאָרטיקע רעגירונגען. אויך איר מיליטערישער אַטאַשע אין די צענטראַל־אַמעריקאַנער לענדער איז געווען אַ ייִד, קאָראָנעל אלף פון לאָמזשע, וואָס האָט נישט בלויז גערעדט ייִדיש, נאָר אַפילו העברעיִש, און זיך באַרימט, אַז ער האָט געענדיקט אַ העברעיִשע תרבות־גימנאַזיע. איך האָב זיך מיט אים, בעת מיין רייזע איבער די צענטראַל־אַמעריקאַנער לענדער, באַגעגנט. ייִדן אין מעקסי־

דער קריגס־מיניסטער אַראַניאַ אויף אַ ייִדישער חתונה, מיט חתן־כלה צוזאַמען

קע האָבן אים געפּראַוועט באַנקעטן, אויף וועלכער ער האָט נאַטירלעך באַוויזן ווי די סאָוויעטן־רעגירונג איז באַזעלט מיט אהבת ישראל... אַזוי אין אַלע לענ־דער האָט ער געזוכט די פאַרבינדונגען מיט די דאָרטיקע ייִדן, כדי דורך זיי אָנ־צוקניפּן פאַרבינדונגען מיט די דאָרטיקע רעגירונגען און איינוווינער. די הויפּט־פּונקטן פון יענעם פּלאַן זענען אין ערשטער ריי: אַרויסצושטופּן אויסלענדישן קאַפּיטאַל מיט דער הילף פון רעגירונגס־באַשרענקונגען אויף זייערע פּראָפיטן, און אַרויסרופן שטענדיקע אומצופרידנקייט ביי די דאָרטיקע אַרבעטער און פּאַר־מערס, זיי זאָלן פאָדערן העכערע שכירות און פאַרדינסטן; אַזוי אַרום אָפּשניידן

די פּראָדוקציע פאַר אויסלאַנד, שטערן מיט אַלע מעגלעכקייטן די פאַראייניקונג פון די צענטראַל־אַמעריקאַנער לענדער וואָס זאָלן אַנטיילנעמען אין דעם פאַר־טיידיקונגס־פּלאַן פון די פאַראייניקטע שטאַטן, אַריינדרינגען אין די סינדיקאַטן און פאַרשיידענע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס, און דאָרט אַרויסרופן אַנטי־אַמעריקאַ־נער געפילן, פון דאָרט אויס צו סאַבאָטירן, אין פאַל פון אַ דריטער וועלט־מלחמה, די אינדוסטריעס וואָס זענען וויכטיק פאַר דער אַמעריקאַנער קריגס־מאַשין. די הויפט־וואָפן קעגן די פאַראייניקטע שטאַטן איז די פּראָפּאַגאַנדע פאַר פרידן... אַוועקצושטעלן פאַר די דאָרטיקע פעלקער די אַמעריקאַנער רעגירונג אַלס אַ בלוטדורשטיק פאָלק וואָס זוכט מלחמה, און דעם סאָוויעטן־פאַרבאַנד — פאַר אַ כשר לעמעלע, וואָס איז גאָט די נשמה שולדיק און זוכט נאָר פרידן.

***

גוואַטאַמאַלאַ איז אַנטדעקט געוואָרן אין יאָר 1524 פון שפּאַנישע עקספּע־דיציעס און איז געווען דריי הונדערט יאָר דער הויפּטזיץ פון די שפּאַנישע דע־ראַבערער פאַר אַלע צענטראַל־אַמעריקאַנער לענדער. אין יאָר 1823 האָט זיך געגרינדעט די יוניאָן פון די צענטראַל־אַמעריקאַנער לענדער, און אין יאָר 1839 איז זי געוואָרן אַ רעפּובליק פאַר זיך אַליין. פון 1898 ביזן יאָר 1944 האָט זי געהאַט צוויי דיקטאַטאָרן: מאַנועל עסטראַדאַ קאַברעראַ און גענעראַל כאָרכע אוביקאָ. אויף איר שטח פון פינף און פערציק טויזנט סקווער מייל פאַרמאָגט זי אַ באַפעלקערונג פון צוויי מיליאָן זיבן הונדערט זיבן און אַכציק טויזנט. זעכציק פּראָצענט מאַיאַ־אינדיאַנער, די איבעריקע באַפעלקערונג איז אַ געמישטע.

אין גוואַטאַמאַלאַ זענען פאַראַן לעבעדיקע שפּורן פון אַ יידישער פאַרגאַנגענ־הייט. אַ דאָרטיקער יידישער תושב, כוליאָ זיידלער, איינער פון די ערשטע יידישע אימיגראַנטן, האָט מיר דערציילט, אַז דער דאָרטיקער הויפּט־פּראָקוראָר איז אַמאָל געקומען צו אים, אים געבעטן אויסטאָן זיין רעקל, פאַרגליכן ביידנס אָדערן: מיר — האָט אים דער הויפּט־פּראָקוראָר געזאָגט — זענען פון דער זעלבער ראַסע... אַן אַלטער אינדיאַנער האָט אים — האָט ער מיר דערציילט — פאַרקויפט אַלטע מטבעות מיט אַ מגן דוד און אָפּגעריסענע יידישע אותיות. פאַראַן דאָרט אַפילו אַן אַלטע גאַס מיטן נאָמען „קאַזשע לאָס כודיאָס" (די יידן־גאַס). אָפיציעל האָט זיך די יידישע איינוואַנדערונג קיין גוואַטאַמאַלאַ אָנגעהויבן מיט די ספרדישע יידן וואָס געפינען זיך דאָרט אַריבער זיבעציק יאָר. צוואַנציק יאָר שפּעטער זענען געקומען יידן פון פויזן. די ספרדישע יידן דאָרט קומען הויפּטזעכלעך פון אַלעפּאַ און סאַלאָניקי; זיי האָבן נאָך מיט אַ פערציק יאָר צוריק אויסגעבויט אַן אייגענע שול מיטן נאָמען „מגן דוד". אונדזערע יידן פון מזרח־אייראָפּעיִשע לענדער זענען אַהינגעקומען צווישן ביידע וועלט־מלחמות; דאָס זענען געווען אַזעלכע אימיגראַנטן

וואָס האָבן אין אַנדערע לאַטיין־אַמעריקאַנער לענדער זיך נישט געקענט איינ־אָרדענען, האָט מען „אַנטדעקט״ נייע לענדער. אַ צוויי הונדערט יידישע משפחות געפינען זיך סך־הכל אין גוואַטעמאַלאַ. די ספרדישע און דייטשע יידן פאַרנעמען זייער וויכטיקע פּאָזיציעס אין דער דאָרטיקער אינדוסטריע; איר קענט, גייענדיק איבער די גאַסן פון שטאָט, לייענען די אויפשריפטן אשכולי, צדיק, מזרחי, און גלייך לעבן זיי דייטש־יידישע נעמען: ענגעל, היינערמאַן (איצט ישראל־קאָנסול דאָרט). אונדזערע יידן האָבן דאָרט אָנגעהויבן מיטן פּעקל אויף די פּלייצעס און האָבן זיך אַרויפגעאַרבעט צו גרויסע געשעפטן צוליב אַ גזירה... דער געוועזענער גוואַטאַמאַלער דיקטאַטאָר, כאָרכע אוביקאָ, איז געווען אַן אָפענער סימפּאַטיקער מיטן נאַציזם, און אַפילו געהאַלטן אַ ספּעציעלן איבערזעצער, וועלכער האָט פאַר אים איבערגעזעצט היטלערס „מיין קאַמף״ און מוסאָליניס רעדעס. גראָד ווען היטלעריזם האָט גענומען גיין באַרג אַרויף אין די מזרח־אייראָפּעישע לענדער, האָט ער אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז אַלע יידישע אימיגראַנטן וואָס באַשעפטיקן זיך מיט „קליענטעלע״ (גיבן סחורה אויף אויסצאָלן) טאָרן מער נישט אָנגיין מיט זייער פּראָפעסיע און מוזן ביז אַכט און פערציק שעה פאַרלאָזן דאָס לאַנד. טאַקע דער ערשטער יידישער אימיגראַנט, כוליאָ זיידלער, האָט אַוועקגעשיקט אַ טעלעגראַם צו אַ ניו־יאָרקער יידישער אָרגאַניזאַציע און געבעטן הילף. די טעלעגראַם איז קאָנפיסקירט געוואָרן און אַ באַפעל איז אַרויסגעגעבן געוואָרן, אויפזוכן דעם אַרויסשיקער פון דער טעלעגראַם... דורך אַ דורכרייזנדיקן איז געלונגען צו וויסן געבן קיין אַמעריקע די גזירה, און ווען מ׳האָט דעם ייד אָפּגע־זוכט און געבראַכט פאַרן פּרעזידענט, האָט ער אים געלאָזט וויסן, אַז די גזירה איז מאָדיפיצירט געוואָרן: מ׳וועט זיי נישט אַרויסשיקן פון לאַנד. האָבן יידן באַין ברירה געעפנט געשעפטלעך און... איצט פאַרמאָגן זיי די שענסטע געשעפטן אין האַרץ פון שטאָט, די שענסטע לוקסוס ווילעס אין די נאַטור־שיינע געגנטן ווייט אַוועק פון שטאָט.

***

אויף אַ וואַנט פון אַ הויז געבויט לויטן שפּאַנישן סטיל, אין איינעם פון די שטילע, רויִקע גאַסן פון גוואַטעמאַלאַ, האָט אַראָפּגעקוקט אַ גרויסער פּראָפּאַגאַנדע־פּלאַקאַט מיט אַ מערקווירדיקן אָנהייב, וואָס האָט גלייך פאַרכאַפּט מיינע בליקן און נאָך מער מיין נייגעריקייט: „על מעסיאַס כודיאָ״ (דער יידישער משיח), און גלייך אונטן, מיט דיקע, פעטע אותיות אַ צווייטע שורה: גאַרסיאַ גראַנאַדאָס... די קעגנער פון דער רעגירונגס־פּאַרטיי, וואָס אויף איר ליסטע האָט גאַרסיאַ גראַנאַ־דאָס קאַנדידירט אַלס פּרעזידענט, האָבן אים באַשולדיקט, אַז ער איז נישט גענוג פּאַטריאָטיש פאַר זיין אייגן לאַנד; האָט מער אַרבעט אַוועקגעגעבן פאַר די יידן

צו באַקומען אַן אייגענע מדינה, און אַז אַלע ייִדן פון דער גאַנצער וועלט באַטראַכטן אים פאַר זייער משיח...

די פּאָליטישע לאַגע אין לאַנד איז דאַן געווען אַן אָנגעשטרענגטע. דער קריגס־מיניסטער, אויך אַ ייִדן־פריינט, דער צוקונפטיקער קאַנדידאַט פאַר פּרעזידענט, וואָס איז געווען זייער באַליבט ביי אַלע קלאַסן, איז אין מיטן העלן טאָג דערשאָסן געוואָרן אין זיין אויטאָמאָביל פון באוואָפנטע אָנפאַלער. דער „פּאַלאַסיאָ נאַסיאָנאַל״ (דעם פּרעזידענטס פּאַלאַץ) האָט אויסגעזען ווי אַ מיליטערישע פעסטונג, מיליטערישע פּאַטרולן האָבן געהיט די שטאָט, און עס איז כמעט אוממעגלעך געווען צו פאַרבינדן זיך מיט וועלכן ס׳איז רעגירונגס־אַמט. פונדעסטוועגן, האָב איך באַשלאָסן, אַז צו זיין אין גוואַטעמאַלאַ און נישט צו זען דעם ליבעראַלסטן לאַטיין־אַמעריקאַנער שטאַטסמאַן, דעם אמתן פריינט פון ייִדישן פאָלק, ווי זיינע לאַנדסלייט רופן אים — „על מעסיאַס כודיאָ״, — וואָלט געווען אַ פאַרברעכן. עריק וו. הייגערמאַן, דער ישׂראל־קאָנסול אין גוואַטעמאַלאַ, האָט מיך פאַרבונדן מיט גאַרסיאַ גראַנאַדאָס; דערהערנדיק, אַז אין גוואַטעמאַלאַ געפינט זיך אַן אויסלענדישער ייִדישער זשורנאַליסט, האָט ער מסכים געווען אונדז אויפצונעמען ביי זיך אין זיין הויפּט־קוואַרטיר.

צו דער באַשטימטער צייט זענען מיר אין דעם פּריוואַט־אויטאָמאָביל פון ישׂראל־קאָנסול צוגעפאָרן צו דער רעגירונגס־געביידע, וווּ גאַרסיאַ גראַנאַדאָס האָט געהאַט זיין ביוראָ. פון דער פּראַכטפולער פּאַלאַסע, פון וועלכער עס האָבן געבלאָזן מילדע נאַכט־ווינטלעך, וואָס האָבן דערמאָנט די פאַרנאַכטן אין ישׂראל, האָבן מיר זיך פאַרקירעוועט אין אַ זייטיקער גאַס און געבליבן שטיין פאַר אַ מאָדערן־געבויטן בנין.

— דאָ — האָט דער ישׂראל־קאָנסול באַמערקט — האָט גאַרסיאַ גראַנאַדאָס אַ ספּעציעלן דעפּאַרטאַמענט, וואָס האָט נישט קיין נאָמען, מיט גאָר וויכטיקע פונקציעס — אפשר די וויכטיקסטע פון אַלע אַנדערע.

אַ מינוט בלויז, און מיר האָבן זיך געפונען אין אויפנאַם־צימער. דאָ האָב איך ערשט דערזען, אַז מיר זענען נישט די איינציקע וואָס וואַרטן אים צו זען. פאַרשידענע קלאַסן מענטשן פון די גוואַטאַמאַלער איינוווינער זענען געזעסן אין דעם איינפאַכן, אָבער ציכטיק־אויסגעשטאַטן וואַרטע־צימער. צווישן זיי, אפילו אַ פּויער אין זיין נאַציאָנאַלן טראַכט; אַן אינדיאַנער פון אַ ווייטער געגנט; יונגעלייט, אויף וועלכע איר דערקענט גלייך, אַז דאָס זענען סטודענטן.

— דאָס — דערקלערט מיך דער ערן־קאָנסול פון ישׂראל — קומען זיי מיט טענות, קריוודעס און בקשות צום „ייִדישן משיח״...

אַ פאַרמער וואָס האָט נישט צו באַצאָלן קיין שטייער דער רעגירונג, און בעט מ׳זאָל אים אָפּוואַרטן ביז דער שניט וועט זיך איבעראַיאָר פאַרבעסערן. אַ באַאַמ־

טער וואָס קומט זיך באַקלאָגן אויף אַ קריוודע, אַ יונגער סטודענט וואָס גלויבט, אַז ער האָט פעיִקייטן און האָט נישט קיין געלט ווייטער צו שטודירן. אַ סטודענט, וואָס האָט אַ דאַנק זיין אינטערווענץ באַקומען אַ סטיפּענדיום צו שטודירן אין אויס־לאַנד, קומט אים איצט באַדאַנקען.

— אָפּט — באַמערקט מיך מר. עריק היינערמאַן — קענט איר צווישן די באַזוכער געפינען יִידן פון גוואַטעמאַלאַ, וואָס קומען אויך בעטן אַ טובה ביים „יִידישן משיח"...

די ווענט זענען באַצירט מיט בילדער פון דער געשיכטע פון דעם פאַרבנרייכן לאַטיין־אַמעריקאַנער לאַנד וואָס האָט דעם פאַרדינטן נאָמען: די שווייץ פון צענ־טראַל־אַמעריקע. פון די מאַסיווע ביכער־שרענק האָבן אַרויסגעקוקט ווערק פון וועלט־באַרימטע יוריסטן, דענקער, שריפטשטעלער און וויסנשאַפטלער, צווישן זיי — איינציקע ווערק איבער יִדישע פּראָבלעמען אין שפּאַנישער איבערזעצונג.

די סעקרעטאַרין האָט אונדז געמאָלדן, אַז גאַרסיאַ גראַנאַדאָס איז אונדז גרייט צו זען אין זיין אַרבעטס־צימער. מיט זיין כאַראַקטעריסטישן סימפּאַטישן שמייכל האָט ער אונדז באַגריסט מיט אַ העברעיִשן „שלום!". להיפּוך צו דעם, ווי איך האָב אים געזען בעת זיין באַזוך אין די קיבוצים אין ישראל, אַרומגערינגלט מיט יונגער זאַרגלאָזער פרייד, טאַנצנדיק אַ „הורא" מיט דער חברה, האָט ער איצט אויסגעזען ערנסט, ווי אַן אמתער שטאַטסמאַן, אָבער ער האָט גלייך אָנגעהויבן מיט אַ וויץ פון זיין באַזוך אין ישראל.

כדי נישט צו דערהרגענען מיין אינטערוויו, צו וועלכן איך האָב זיך אַזוי שטאַרק צוגעגרייט, בין איך אַריבער צו דער ערשטער פראַגע. אָבער גאַרסיאַ גראַנאַדאָס האַלט אין איין רעדן מיט באַגייסטערונג וועגן ישראל, וועגן די קיבו־צים, וועגן דער יוגנט.

— אַזאַ יוגנט — פאַלט ער אַריין אין עקסטאַז — האָב איך זעלטן־ווו עס איז געווען; אַזוי פיל אידעאַליזם, הלוואי אויף אונדזער גוואַטעמאַלער יוגנט געזאָגט געוואָרן. די קיבוצים (דאָס וואָרט רעדט ער אַרויס אין העברעיִש) זענען אַ געַ־לונגענער עקספּערימענט, וואָס דאַרף ווערן אַ מוסטער פאַר אַנדערע לענדער. דער מוסטערהאַפטער אָרגאַניזירטער אַפּאַראַט וואָס איך האָב אָנגעטראָפן אין ישראל האָט מיך איבערראַשט. דאַן — שטעלט ער זיך אַ ווייל אָפּ — ווען אייער מדינה איז נאָך געווען אַ „מלוכה אונטערוועגנס", האָב איך געזען, אַז איר פאַרמאָגט אַלץ, אין וואָס אַ מלוכה נויטיקט זיך: אַן אידעאַליסטישע יוגנט וואָס איז גרייט אַוועקצוגעבן דעם לעצטן טראָפּן בלוט פאַר איר פאָטערלאַנד, דערפאַרענע שטאַטס־מענער און דיפּלאָמאַטן, וויסנשאַפטסלייט וואָס האָבן באַרייכערט כמעט די גאַנצע וועלט... ווען איך האָב דאַן באַזוכט פּאַלעסטינע, דאָס איצטיקע ישראל — פאַר־בעסערט ער זיך, — בין איך געקומען צום באַשלוס, אַז ישראל אַלס יִדישע

מלוכה איז די איינציקע לייזונג פאַר דעם אַנגעווייטיקטן פּראָבלעם פון אַ פאַר־פאָלגטן און געקריוודעטן פאָלק, קעגן וועמען די וועלט איז באַגאַנגען אַ גרויסן פאַרברעכן, און איך האָב זיך דאַן ערנסט אָנגעהויבן צו פאַראינטערעסירן מיטן ייִדישן גורל.

דאָ האָב איך פאַר זיך דערזען אַ מעגלעכקייט צו שטעלן אַ פראַגע:

— זענט איר ווען עס איז פריער — האָב איך אים איבערגעריסן — געווען באַקאַנט מיט דעם ייִדישן פּראָבלעם, אײדער איר האָט באַזוכט דאָס ייִדישע היימ־לאַנד, אַלס מיטגליד פון דער אויספאָרשונגס־קאָמיסיע פון די פאַראייניקטע פעל־קער?

—ניין! — האָט ער שנעל אָפּגעענטפערט. — איך האָב פריער כמעט נישט געהאַט קיין שום אינטערעס פאַרן ייִדישן פּראָבלעם, פאַר די פאָדערונגען פון ייִדישן פאָלק אויף ארץ ישראל. וועגן ציוניזם האָב איך אַזוי פיל געוווסט, ווי עס ווייסט יעדער איינער וואָס איז באַקאַנט מיט וועלט־פּאָליטיק און מיט די אַלגע־מיינע פּאָליטישע פּראָבלעמען. יאָ, איך האָב געוווסט וועגן די שטרעבונגען פון דר. טעאָדאָר הערצל, דעם גרינדער פון פּאָליטישן ציוניזם, און שפּעטער אויך וועגן דער באַלפור דעקלאַראַציע, אָבער אין תוך איז מיר דאָס גאַנצע ייִדישע פּראָבלעם געווען כמעט אינגאַנצן אומבאַקאַנט.

— ווען — האָב איך גאַרסיאַ גראַנאַדאָסן געשטעלט אַ צווייטע פראַגע — איז אייך דאָס ייִדישע פּראָבלעם און די פאָדערונגען פון ייִדישן פאָלק געוואָרן נאָענטער?

— אין דער לעצטער וועלט־מלחמה — האָט דער ליבעראַלער שטאַטסמאַן געענטפערט — ווען ס'האָט פּאַסירט די גרויסע טראַגעדיע, בעת מיליאָנען ייִדן זענען פאַרברענט געוואָרן אין די קרעמאַטאָריומס. דאַן האָב איך זיך ערנסט פאַר־טראַכט, אַז מען דאַרף עפּעס טון פאַר די ייִדן, וועמענס טראַגעדיע איז אַזוי גרויס, נאָר דערפאַר, ווייל זיי האָבן נישט קיין אייגן לאַנד. איך האַלט — האָט גראַנאַדאָס צוגעגעבן, — אַז ווען דאָס ייִדישע פאָלק וואָלט פאַר דער לעצטער וועלט־מלחמה געהאַט אַן אייגענע מלוכה, ווי קליין זי זאָל נישט געווען זיין, וואָלט היטלער נישט געוואַגט זיין טאָטאַלע אויסראָטונג פון די ייִדן. האָבנדיק דעם כבוד צו זיין דער פאַרטרעטער פון מיין לאַנד ביי די סעסיעס פון די „פאַראייניקטע פעלקער״, און שפּעטער אַ מיטגליד פון דער „יון״־אויספאָרשונג־קאָמיסיע וואָס איז געפאָרן קיין ארץ־ישראל, האָב איך געהאַט די מעגלעכקייט צו פאַרווירקלעכן מיין פאַרלאַנג צו העלפן, אויף ווי ווייט עס איז מיר מעגלעך געווען, צו באַפרידיקן די גערעכטע פאָדערונגען פון ייִדישן פאָלק. און איך האָב זיך געשטעלט אין אַ פּאָזיציע פון אָפענער סימפּאַטיע מיטן ייִדישן פאָלק, ביז צו זיין ענדגילטיקן פּאָליטישן זיג ביי דער אָפּשטימונג אין לייק סוקסעס.

— עקסעלענץ — האָב איך ווייטער באמערקט — מיר האלטן שוין א סך ווייטער ווי דאן, נאָך אונדזער פּאָליטישן זיג; מיר האלטן איצט שוין נאָך א זיג אויף דעם מיליטערישן פראָנט, בעסער געזאָגט, אויף א סך פראָנטן... ישראל איז איצט א יידישע מדינה מיט הונדערטער נייע קיבוצים, מיט א מוסטערהאפטער יידישער ארמיי, וואָס האָט געקעמפט און באזיגט זיבן פיינטלעכע ארמייען...

— יאָ — האָט גארסיאַ גארנאדאָס, א צופרידענער געשמייכלט — איך האָב דעם קאמף פון דער יידישער ארמיי שטאַרק נאָכגעפאָלגט. א סך פונקטן, וועלכע זענען דערמאָנט געוואָרן אין די פּראָנט־נייעס, אין די באַריכטן אין די צייטונגען,



פון רעכטס צו לינקס: האַנס הײנערמאַן — ישראל קאָנסול אין גוואַטע־מאַלאַ, גאַרסיאַ גראנאדאָס און יעקב בעלער

זענען מיר געווען באקאנט פון מיין באזוך אין ישראל. מיט א טייל פון די יידישע אַרמיי־קאָמאנדירן האָב איך אפילו געהאט די געלעגנהייט פערזענלעך צו רעדן נאָך דאן, ווען זיי האָבן זייערע פּלענער צוגעגרייט אין געהיים. די יידישע ארמיי האָט שוין דאן געהאט איר „אונטערערדישן" גענעראַל־שטאַב. מיר איז דאן נישט געבליבן קיין שום צווייפל, אז אין פאל, אויב די אַראַבישע לענדער וועלן נישט אננעמען דעם באשלוס פון דער „יון" און אַרויסטרעטן אין אן אָפענער מלחמה, וועט די יידישע ארמיי, אויב מען וועט איר נאָר געבן א פרייע האנט, זיך אן עצה

געבן מיט די שכנהשע אראבישע לענדער. איך — האָט ער ווייטער באמערקט — האָב נאָך מיין באַזוך אין ישראל אויף א פרעסע־קאָנפערענץ אין ניו־יאָרק דער־קלערט, אז צווישן די אַראַבישע לענדער האָט עבר־הירדן די איינציקע גוט־אָרגאַ־ניזירטע ארמיי, ווייל זי איז אויסגעבילדעט געוואָרן פון א פרעמדער מאכט (ער האָט אויסגעמיטן צו דערמאָנען דעם נאָמען ענגלאנד). איך האָב אויך דאן פאַר־אויסגעזאָגט אז די „הגנה" וועט זיי באַזיגן, און איך בין צופרידן אז מיינע פאַר־אויסזעונגען זענען פאַרווירקלעכט געוואָרן.

— וואָס איז אייער מיינונג וועגן דער איצטיקער אָנגעשטרענגטער פּאָליטי־שער לאגע צווישן מדינת ישראל און אירע שכנים? און בכלל וועגן דער אלגע־מיינער אָנגעשטרענגטער פּאָליטישער סיטואַציע און איר שייכות מיט מדינת ישראל?

— דאָס וואָס איך האָב געזאָגט מיט יאָרן צוריק — האָט גארסיא גראנאדאָס געענטפערט אויף מיין פראגע — בעת איך האָב באַזוכט ישראל, אז זי קאָן לעבן בשלום מיט אירע אַראַבישע שכנים און אַפילו שפּילן אַ גרויסע ראָלע אין דער אנטוויקלונג פון נאָענטן מזרח — דאָס באַטאָן איך איצט נאָכאַמאָל; וואָס איז שייך דעם אלגעמיינעם פּאָליטישן גערענגל צווישן מזרח און מערב און דעם איינפלוס אויף מדינת ישראל, האָבן די מערב־דעמאָקראטיעס, לויט מיין מיינונג, א פיל שטאַרקערן איינפלוס אויף מדינת ישראל, ווי דער מזרח־אייראָפּעישער צד. סאָ־וועטרוסלאנד האָט קיין שום איינפלוס נישט אין ישראל. איך ווייס גאַנץ גוט, אז די קאָמוניסטישע פּארטיי אין ישראל האָט גאָר קיין ווירקונג נישט אין לאנד.

— און וואָס איז אייער מיינונג — האָב איך געשטעלט מיין לעצטע פראגע — וועגן אונדזער צווייטער מלחמה, איך מיין — האָב איך זיך פאַרבעסערט — וועגן אונדזער מלחמה אויפן עקאָנאָמישן פראָנט אין מדינת ישראל?

— איר באַנוצט דעם ריכטיקן אויסדרוק — מאַכט מיר גאַרסיאַ גראַנאַדאָס אַ קאָמפּלימענט — עס איז א צווייטע מלחמה, וואָס די יונגע מדינה וועט זיכער אויך געווינען. דער אונטערשיד איז בלויז — האָט ער צוגעגעבן — אז די איצטיקע מלחמה נויטיקט זיך אין ניכטערער, קאלטער אויסגערעכנטקייט, ניט אין באַ־גייסטערטן אידעאליזם פון דער יוגנט אויפן מיליטערישן פראָנט. אָבער איך האָב צוטרוי צו דער סטראַטעגיע פון די ישראל־דיפּלאָמאַטן. פונקט ווי איך האָב עס געהאט צו אירע מיליטערישע קאָמאנדירן, פונקט אזוי האָב איך צוטרוי צו דער דיפּלאָמאַטיע פון די אמעריקאנער ציוניסטן, ווייל די איצטיקע עקאָנאָמישע מלחמה דאַרף אויסגעקעמפט ווערן מיט זייער הילף, און איך האָב צוטרוי צו די ייִדן פון דער גאַנצער וועלט; אויב זיי האָבן געקענט בויען פרעמדע לענדער, וועלן זיי דען נישט קאָנען בויען זייער אייגן לאנד?"...

מיר האָבן זיך פריינטלעך געזעגנט. פאָרנדיק מיט עריק היינערמאַן, דעם ישראל ערן־קאָנסול, א דייטשער ייִד מדור דורות, צוריק צו מיין האָטעל, האָט ער כסדר געהאַלטן אין איין איבערחזרן:

— „איר האָט געהערט, ווי עס האָט גערעדט א גויז?"... אָבער באַלד האָט ער זיך צוריקגעכאַפּט: „אזא אידעלן מענטש קען מען נישט רופן גוי... אין העברעיש איז דאָ א פיל פּאַסיקערער נאָמען פאַר אזא פיינעם אידעלן מענטש: איינער פון די חסידי אומות העולם".

ער האָט מיר אויך דערציילט, אז נישט אַלע לאַנדסלייט זיינע זענען באַזונדערס צופרידן מיט גראַנאַדאָסעס חברן זיך מיט ייִדן. בעת עס זענען אָנגעגאַנגען די פאַרהאַנדלונגען אין לייק סוקסעס, ווען גראַנאַדאָס האָט אַזוי מוטיק פאַרטיידיקט די ייִדישע פאָדערונגען, און האָט שפּעטער אָפּגעגעבן אַזאַ גינסטיקן באַריכט נאָך זיין באַזוך אין ישראל, האָבן א סך גוואַטעמאַלער דאָס נישט געקאָנט לײדן. באַזונדערס האָבן די סיריער, וואָס וווינען אין גוואַטעמאַלא אין א באַדייטנדער צאָל, אָנגעפירט קעגן גראַנאַדאָסן א העץ־פּראָפּאַגאַנדע. זיינע פּאָליטישע שונאים האָבן דאָס אויסגענוצט בעת ער האָט לעצטנס קאַנדידירט פאַר פּרעזידענט. מיך וואָלט גאָרנישט איבערראַשט, אויב דער פאַקט, וואָס גאַרסיא גראַנאַדאָס, דער קאַנדידאַט פון דער רעגירונגס־פּאַרטיי, האָט פאַרלוירן די וואַלן, האָט געהאַט עפּעס צו טאָן מיט זיין חברשאַפט צום ייִדישן פאָלק.

מיט אַן אָמניבוס פון גוּאַטעמאַלאַ קיין סאַן סאַלוואַדאָר

מיין רייזע פון גואטעמאלא קיין סאן סאלוואדאָר האָב איך געמאכט מיט אן אָמניבוס, אָדער, ווי מען רופט עס אין יענע לענדער, אַ קאַמיאָנעטע.ביידע לענדער זענען פאַרבונדן דורכן געפלאנטן „פאַן־אַמעריקאנער וועג", וואָס דאַרף פאַר־בינדן אלע לאטיין אמעריקאנער לענדער, פון ניו יאָרק ביז בוענאָס־איירעס. דער דאָזיקער וועג איז א טייל פון דער „גוטער שכנהשאפט" פאָליטיק. די קליינע לענדלעך, וואָס האָבן אויף דעם חשבון אַרויסבאקומען ביי אמעריקע הלוואות, האָט יעדער פאר זיך אויסגעבויט אזא שטרעקע אויף וויפל עס איז נויטיק פאר איר קאָמוניקאציע און פטור אן עסק; פאר דעם איבעריקן טייל זאָל זיך פרייער אָמעריקע און נאָכדעם גאָט זאָרגן... אויב עס געפעלט נישט אמעריקע, זאָל זי שיקן אירע אַרבעטער בויען אַ וועג אין די טראָפּישע זומפּן.

צוליב די גרויסע היצן ווערן די רייזעס, מיינסטנס, אין יענע לענדער געמאַכט ביינאכט. די קאמיאָנעטע פאָרט אַרום איבער פארשיידענע געגנטן פון שטאָט אויפ־קלייבנדיק די פאסאזשירן נאָך האלבער נאכט. היות מיין האָטעל האָט זיך געפונען אין צענטער פון שטאָט, בין איך געווען דער ערשטער פּאַסאַזשיר, און אַזוי אַרום געהאט די געלעגנהייט דורכצומאכן א רייזע איבער די פארשיידענע געגנטן פון שטאָט נאָך האלבער נאכט, ווו די קאמיאָנעטע האָט אויפגענומען, וואָס אמאָל מער, נייע פאסאזשירן. אין א הינטערגעסל ערגעץ ווו, ווייט אוועק פון צענטער פון שטאָט, איז די קאמיאָנעטע שטיין געבליבן פאַר א קליינער הייזקע וואָס איך האָב, צוליב דער פינצטערקייט פון דער נאַכט, נישט געקאָנט אונטערשיידן אויב עס איז געבויט פון בלעך אָדער ליים. פון דאָרט האָט זיך אַרויסגעקליבן אַ גאנצע משפחה וואָס האָט דאָ, אין גואַטעמאלא, געזוכט „גליקן", איצט פאָרן זיי צוריק קיין סאן סאלוואדאָר; משמעות, בעסער היימישע אָרעמקייט ווי פרעמדע... שלעפּט מען מיט דעם גאנצן פארמעגן, וואָס באַשטייט פון אַ הילצערנעם בעט, צוויי בענקלעך און אַ פּעקל קליידער, וואָס ווערט אויפגעלאָדנט אויפן דאַך פון דער קאַמיאָנעטע. די באַלאָדענע קאמיאָנעטע לאָזט זיך ווידער אין אן אנדערן טייל שטאָט. ווידער די זעלבע אָרעמע געסלעך, און די פּאסאזשירן, אַלע כמעט מיטן זעלבן אויסזען: ערנסטע, פאַרהאָרעוועטע אַרבעטער און אָפּגעצערטע פּנימער,

וואָס דערמאָנען אייך, נישט ווילנדיק, די אָרעמקייט אין די היימישע שטעטלעך, ווו מען פלעגט מיטן ביסל אָרעמקייט זוכן גליקן אין אַן אַנדערער שטאָט. ווען אונדזער קאַמיאָנעטע איז שוין באלד געווען איבערפולט, האָבן מיר זיך אָפּגעשטעטל פאַר אַ גאָרטן פון אַ ווילע, פון וואַנען עס זענען אַרויסגעקומען דריי פאסאזשירן מיט א גאנץ אנדערן אויסזען ווי די אַרומיקע פאסאזשירן. זיי האָבן זיך אַלע דריי צוזאמען אוועקגעזעצט שווייגנדיק, און די קאַמיאָנעטע האָט זיך געלאָזט צום אָפּענעם וועג קיין סאן סאלוואדאָר.

ווען אין דרויסן האָט גענומען בלויען אויף טאָג, האָבן מיר זיך שוין געפונען ווייט אַוועק פון גואטעמאלא. אויסער קליינע „פּועבלאָס" מיט קליינע, פארביקע הייזער פון האָלץ, בלעך און ליים, בלייבט די קאַמיאָנעטע שטיין אין א שטעטל, וואָס האָט אַ פּלאַסע אין סאמע צענטער; אַ מין איינפּאָר־הויז, ווו מיר קאָנען איבערכאַפּן עפּעס, און אויף שנעל באקוקן דאָס שטעטל וואָס האָט אינגאנצן צוויי אָדער דריי געסלעך, מיט הייזער פון גלאנציקן שטיין, און א קלויסטער וואָס קוקט אויס ווי אַן אלטערטימלעכער דענקמאָל מיט אויסגראווירטע אויפשריפטן. פאר יעדער סטאַנציע, און אמאָל אפילו אין סאמע מיטן וועג, שטעלט זיך אונדזער קאמיאָנעטע אָפּ, און עס קומען אַרויף מיליטערישע פּאָסטן נעמען די ליסטע פון די פּאַסאַזשירן. יעדער ווערט אָנגערופן ביים נאָמען, דער שאָפער באַקומט דעם צייכן, אז ער קאָן ווייטער פאָרן. נאטירלעך, קום איך תמיד דער ערשטער צוליב מיין נאָמען וואָס קומט גלייך נאָך דער „א". איך זע, אָבער, אז חוץ מיין נאָמען פיגורירן נאָך אנדערע דריי פּאסאזשירן אין סאמע אויבנאָן. מילאָ, איך, אַן „עקסטראַנכעראָ" און נאָך צו דעם אַ „פּעריאָדיסטא", פארשטיי איך וואָס מיין כבוד ווערט דאָרט אזוי שטאַרק אָפּגעהיטן, עס זאָל מיר חלילה קיין בייז אויג נישט שאַטן... אָבער וואָס פאר מיוחסים זענען עס די דריי פּאסאזשירן וואָס זיצן שווייגנדיקע אין דער צווייטער ריי פון מיר? איך זע אויסדריקלעך, אז איך און די דריי פּאסאזשירן זענען דאָ די אויסדערוויילטע; אז יעדער פריערדיקער מיליטערישער פּאָסטן גיט פּאָרויס צו וויסן דעם צווייטן וועגן אונדז.

די גרענעץ צווישן ביידע לענדער באשטייט פון צוויי ביידלעך מיט די פענער וואָס שטעלן פאָר די נאציאָנאלע קאָלירן פון גואטעמאלא און סאן סאלוואדאָר. צוערשט הייבט זיך אָן דער פּאס־קאָנטראָל און... איך באקום גלייך די „ענטראדא" קיין סאן סאַלוואַדאָר. אַזוי — די אַלע אנדערע פּאַסאַזשירן. די דריי שווייגנדיקע פּאַסאזשירן ווערן פארהאלטן און עס הייבט זיך אָן א דינגעניש, — מ'מוז ווארטן ביז דער דירעקטאָר פון אימיגראציע ביוראָ וועט קומען פון נאָענטן שטעטל. דערפאר גייט דאָס שוין נישט אזוי לייכט מיט דער אדואנא (צאָלאַמט); די גרענעץ־וואך וויל וויסן, וואָס איז דאָס פארא געהיימע שריפט פון די ביכער און צייטונגען וואָס געפינען זיך אין מיין באגאזש? האָב איך אָבער מזל: א סערזשאנט פון דער

סאַלוואַדאָריאַנער אַרמיי, וועלכער האָט אַמאָל געדינט אין דער אַמעריקאַנער אַרמיי אין שיקאַגאָ, קומט מיר צו הילף, צערעדט זיך מיט מיר אין ענגליש, וואָס רופט אַרויס ביי זיינע חברים אַ גרויסן דרך ארץ — אַזוי, אַז מיינע יידישע ביכער און זשורנאַלן איז די שפּראַך פון „אַמעריקאַנאָס"!... — די אַנדערע פּאַסאַזשירן האָבן שוין נישט אַזאַ מזל: די אָרעמע פרוי, אַ סאַלוואַדאָריאַנער בירגערין, בעט רחמים, מ'זאָל איר לאָזן דורכפירן איר ביסל אָרעמקייט, אָבער עס העלפט נישט; דאָס אַלטע בעט ווערט אַראָפּגענומען פון דאַך פון דער קאַמיאָנעטע, — מען טאָר עס נישט אַריינפירן אין לאַנד... אַ בעט איז אין סאַן סאַלוואַדאָר, ווייזט אויס, אַ לוקסוס, פאַר וועלכן מ'דאַרף בעטן אַ ספּעציעלע דערלויבעניש... מיר זענען אַריבער די גרענעץ, אָן די דריי שווייגנדיקע פּאַסאַזשירן. ערשט אויף מאָרגן, ווען איך האָב איבערגעלייענט די סאַן סאַלוואַדאָריאַנער צייטונג, האָב איך זיך דערוווּסט ווער עס זענען געווען די דריי שווייגנדיקע פּאַסאַזשירן וואָס זענען מיט מיר געפאָרן אין דער „קאַמיאָנעטע" און פאַרהאַלטן געוואָרן ביי דער גרענעץ. דער דעמאָלסטיקער פּרעזידענט פון סאַן סאַלוואַדאָר, קאַסטאַנעדאַ, האָט געוואָלט ווייזן פאַרן פאָלק, אַז ער איז דעמאָקראַטיש און דערלויבט אַלע שונאים פון זיין רעזשים צוריקצוקערן זיך פון גלות. דער אַראָפּגעזעצטער פּרעזידענט, סאַלינאַס, מיט זיינע צוויי באַגלייטער האָבן אויסגענוצט די אַמנעסטיע און געוואָלט צוריקקומען קיין סאַן סאַלוואַדאָר, אָבער דער באַפעל איז געווען: אַריינלאָזן דעם אַלטן פּרעזידענט, די אַנדערע צוויי באַגלייטער — נישט. איך בין טאַקע נישט קיין פּרעזידענט און אַפילו נישט קיין געוועזענער פּרעזידענט, אָבער אַ „געהויבענער גאַסט", ווייזט אויס, בין איך יאָ געווען אין סאַן סאַלוואַדאָר, ווייל גלייך אויפן צווייטן טאָג האָב איך געהאַט ביי זיך אין האָטעל אַן אומדערוואַרטעטן באַזוך פון אַ פּאָליציי־אַגענט, וועלכער האָט מיך, נאָכן דערלאַנגען אַ „בוען ווענדאַ", אַ מין שלום עליכם — געפרעגט, אויב ער קאָן מיר עפּעס בייהילפיק זיין אין סאַן סאַלוואַדאָר? פאַר איינוועגס האָט ער מיר געשטעלט אַ פּאָר פראַגן, למשל, צי בין איך נישט אַמאָל געווען אין סאָוועט־רוסלאַנד? אויב איך ווייס עפּעס וועגן בעקער־שטרייק וואָס גייט איצט אָן אין סאַן סאַלוואַדאָר? וואָס האַלט איך וועגן אַ דריטער וועלט־מלחמה? און, למשל, וואָס רעכן איך צו שרייבן אין די צייטונגען פון סאַן סאַלוואַדאָר? ווייל אויב איך דאַרף עפּעס, וועלכע עס איז אינפאָרמאַציע, איז מען עס מיר גרייט צו געבן, און אויב איך וויל ערגעץ צופאָרן, גיט מיר די פּאָליציי פרייע רייזעס, און איז פאַר מיר גרייט צו טון אַלץ מעגלעכעס... איך האָב זייער שיין באַדאַנקט פאַר דעם פריינטלעכן אָנבאָט, ענטפערנדיק, אַז איך האָב נאָך דערווייל נישט באַשלאָסן וואָס איך וועל שרייבן פון סאַן סאַלוואַדאָר, — איך מוז ערשט אָנקוקן די שטאָט...

סאַן סאַלוואַדאָר געפינט זיך אין אַן אָנגעשטרענגטער לאַגע; זי שרעקט זיך

פאר דער קאָמוניסטישער פּראָפּאגאנדע וואָס קומט פון איר שכנותדיקער גואטע־מאלא און זי איז נאָך אלץ אונטערן שווערן איינדרוק פון איר אייגענער דיקטאטור, וועלכע האָט געפירט צו בלוטיקע צוזאמענשטויסן אין דער צייט פון דער לעצטער וועלט־מלחמה.

ווען איך בין דאָרט געווען מיט א צייט צוריק, צום ערשטן מאָל, קומענדיק מיט אַן עראָפּלאַן פון גואטעמאלא, איז דאַן גראד אָנגעקומען קיין סאן סאלוואדאָר דער געוועזענער פּרעזידענט פון דער געוועזענער פעלקער־ליגע אין זשענעווע, דר. גוסטאוו גערערע, אַליין א סאלוואדאָריאנער. ביים אָפּווארטן אים ביים לופט־פּאָרט האָבן דאָרטיקע סטודענטן דורכגעפירט א דעמאָנסטראציע, געפאָדערט פון פּרעזידענט, וועלכער איז דאָרט אָנוועזנד געווען ביים קבלת פנים פון אזא געהויי־בענעם גאסט — אָפּזאָגן פון קאבינעט דעם אויסערן־מיניסטער העקטאָר ע. סערא־נאָ, דעם אינערן מיניסטער נאפּאָלעאָן וויעדא אלמיראנדא און מיניסטער העקטאָר עסקאָבאר. זיי האָבן פארטיילט פּראָפּאגאנדע קעגן די מיניסטאָרן. צוליב מיין ניי־געריקייט האָב איך שפּעטער געהאט צרות ווען דער עראָפּלאַן האָט זיך אראָפּגע־לאָזט אין טעגוסיגאלפּא, די הויפּטשטאָט פון האָנדוראס. נעמענדיק אזא פּראָפּא־גאנדע בלעטל פון די דעמאָנסטרירנדיקע סטודענטן, איז דער אָפּיציר פון דער פּאָליציי גלייך אריין אין עראָפּלאַן, און דער ערשטער זיך געווענדט צו מיר מיט א שטרענגער פראגע וואָס האָט מיך אביסל פארדראָסן. — איך האָב אים געענטפערט: — כ׳האָב גאָרנישט בדעה צו לאַנדן אין טעגוסיגאַלפּאַ, איז צו וואָס דאַרף איך אייך ענטפערן אויף אייער פראגע? — יאָ — האָט ער געענטפערט — איר געפינט זיך פּאָרט אויף האָנדורעסער באָדן... — אויב אזוי — האָב איך אים אָפּגעענטפערט —האָט איר א ברירה, די צען מינוט וואָס דער עראָפּלאַן געפינט זיך דאָ, מיך נישט ארויסלאָזן אויף אייער טעריטאָריע... אויך האָנדוראס ציטערט פאר דער קאָמוניסטישער פּראָפּאגאנדע וואָס קומט פון גואטעמאלא.

סאן סאלוואדאָר איז דאָס קלענסטע לאנד אין די צענטראל־אמעריקאנער לענדער. זי איז דאָס פרוכטבארסטע לאנד אין יענעם קאָנטינענט. זי איז אויך דאָס באוווינטסטע לאנד, און מיט די קלענסטע צאָל אנאלפאבעטן אין צענטראל־אמעריקע. איר שול־סיסטעם איז שטאַרק אנטוויקלט. איר באפעלקערונג פון א מיליאָן מיט אכט הונדערט ניין און אכציק טויזנט איז א געמיש פון אכט און זיבעציק פּראָצענט מעסטיצאס, עלף פּראָצענט — אינדיאנער, און עלף פּראָצענט — ווייסע. איר קליינער שטח פון דרייצן טויזנט הונדערט זעקס און זיבעציק סקווער־מייל איז דער פרוכטבארסטער און קולטיווירטסטער צווישן די לענדער אין צענטראל־אמעריקע. אכציק פּראָצענט פון איר באָדן איז פּראָדוקטיוו און באארבעט. דער גרעסטער טייל פון איר פּראָדוקציע איז — קאפע. די איבעריקע פּראָדוקטן אירע זענען: באַנוול, קאָרן, רייז, טאַבאַק, קאַקאָאַ און צוקער. זי פּאָר־

מאָגט א קליינע אינדוסטריע פאַר איר לאָקאַלן געברויך. זי האָט אויך א קליינעם קוואַנטום פון גאָלד, זילבער, קופּער, צינק און מערקור. זי איז דאָס איינציקע לאַנד אין צענטראַל־אַמעריקע, וואָס האָט נישט קיין פּאָרט אין אַטלאַנטישן ים. זי האָט בכלל נישט קיין פלאַכלאַנד און איז אַרומגערינגלט מיט רויכערדיקע ווולקאַנען, צווישן זיי, דער ברענענדיקער ווולקאַן „אילאָפּאַנגאָ", וואָס געפינט זיך אין שכנות פון אַ לאַדונגס־פּלאַץ פאַר אַעראָפּלאַנען. צוויי הונדערט פינף און פופציק טויזנט אַקער ערד פאַרנעמט איר קאַפע־פּראָדוקציע וואָס האַלט אַן א שטענדיקן וווקס. פון דער צאָל געהערט מער פון דער גרעסטער טייל צו א פּאָר משפחות פון רייכן קלאַס; דריי און פערציק פּראָצענט פון דער קאַפע־פּראָדוקציע געהערט צו פיר פּראָצענט בעלי־בתים, בעת צוויי און פערציק פּראָצענט פּלאַנטאַטאָרס־פּלאַנצער האָבן בלויז צוויי פּראָצענט מיט פיר צענטל אין זייער רשות. אין יאָר 1952 האָט סאַן סאַלוואַדאָר פּראָדוצירט צוויי און צוואַנציק מיליאָן פונט באַנוול — אַ מיליאָן מער ווי מיט אַ יאָר צוריק. אויף אַן אַקער וואַקסט אין סאַן סאַלוואַדאָר דריי הונדערט איין און דרייסיק פונט וואַטע, בעת אין די פאַראייניקטע שטאַטן — בלויז דריי הונדערט עלף. זי האָט שוועריקייטן מיט איר עלעקטרישער קראַפט, און צוליב דעם באַנוצט זי א גרויסע טייל פון האָלץ, וואָס איז געווען א סכנה, אַז זי זאָל אינגאַנצן בלייבן אָן וועלדער. מיט א צייט צוריק איז אויסגעבויט געוואָרן א גרויסע הידראָ־עלעקטרישע סטאַנציע, אויסנוצנדיק די קראַפט פון אירע טייכן לעמפּאַ־טייך און גואיכאַ, — דאָס וועט לייזן דאָס פּראָבלעם. עס איז אויך אויסגעבויט געוואָרן א צוויי מיליאָן דאָלאַרדיקע בריק איבערן טייך „לעמפּאַ", וואָס מען רופט דאָרט „פּוענטע דע אָראָ" (די בריק פון גאָלד); דאָס וועט עפענען א רייכע און גרעסערע אַגריקולטורעלע אַנטוויקלונג, און א נייעם וועג ביים ברעג ביז גואַטעמאַלאַ. עס ווערט אויך אויסגעבויט אַ מולטי־מיליאָנענדיקער פּאָרט אין אַקאַכוטאַ ביים פּאַציפישן ים.

פּעדראָ דע אַלווואַראַדאָ, איינער פון קאָרטעס לייטענאַנטן, האָט אין יאָר 1525 דעראָבערט סאַן סאַלוואַדאָר, און אַ צייט לאַנג איז דאָס געווען אַ טייל פון גואַטעמאַלאַ, ביז די צענטראַל־אַמעריקאַנער רעוואָלוציע קעגן שפּאַנישן יאָך אין יאָר 1821, אַכצן יאָר שפּעטער, נאָכדעם ווי די פאַראייניקונג פון די צענטראַל־אַמעריקאַנער לענדער איז אויפגעלייזט געוואָרן. און זייט יענער צייט איז די פּאָליטישע לאַגע דאָרט נישט סטאַביליזירט. די ערשטע פרייע וואַלן זענען דאָרט פאָרגעקומען אין יאָר 1831. דער ניי־דערוויילטער פּרעזידענט, אַרטוראָ אַראוכאַ, איז אַראָפּגעזעצט געוואָרן דורך א רעוואָלוציע פון זיין אייגענעם גענעראַל וואָס האָט אים פאַראַטן, מאַקסימילאַנאָ הערנאַנדעז מאַרטינעז, וועלכער האָט דרייצן יאָר צייט אָנגעהאַלטן א שטרענגע דיקטאַטור איבערן לאַנד און דערשטיקט יעדן פּרווו פון די אונטערדריקטע בירגער אים אַראָפּצוואַרפן. סאַן סאַלוואַדאָריאַנער

וועלן איך נאָך ביזן היינטיקן טאָג, מיט שרעק אין די אויגן, דערציילן די גרויל־טאַטן פון יענעם דיקטאַטאָר וואָס איז אַליין געווען אַן אָפּשטאַמלונג פון אַ שקלאַפן־משפּחה און האָט אַפילו נישט געקענט זיך אונטערהתמען. זיין נאָמען האָט יאָרנלאַנג אַנגעוואָרפן אַ מורא אויפן סאַלוואַדאָריאַנער פאָלק, פּונקט ווי אוביקאָ אין שכנהשן גוואַטעמאַלאַ, — ביז עס האָבן זיך קעגן אים אָנגעהויבן אָפענע אַרויסטרעטונגען, און דאָס פאָלק האָט זיך אָנגעהויבן בונטעווען. די ערשטע וואָס זענען אַרויס קעגן זיין דיקטאַטור זענען געווען די סטודענטן. אַ דעפּוטאַציע וואָס איז געגאַנגען אין פּרעזידענטס פּאַלאַץ אים איבערגעבן אַ דעקלאַראַציע, איז מער ניט צוריק־



דער פּרעזידענטן־פּאַלאַץ אין סאַן סאַלוואַדאָר

געקומען. דאָס האָט נאָך מער אויפגערייצט די געמיטער פון פאָלק... וואָכן לאַנג האָט זיך געגאָסן בלוט אין די גאַסן פון שטאָט, אָבער מאַקסימילאַנאָ הערנאַנדעז מאַרטינעז האָט די מאַכט נישט געוואָלט אַרויסלאָזן פון האַנט און מיט בלוט דער־שטיקט יעדן פּראָזוך קעגן אים. די אינטערווענץ פון אַמעריקע און אַ גענעראַל־שטרייק האָבן אים אַראָפּגעוואָרפן פון זיין מאַכט.

סאַן סאַלוואַדאָר איז בעת דער לעצטער וועלט מלחמה געווען אַ נעסט פון נאַצי־פּראָפּאַגאַנדע. אַ גרויסער טייל פון די דאָרטיקע קאַפע־פּלאַנטאַטאָרס, דייטשן, זענען געווען פאַרברענטע היטלעריסטן און געשטאַנען אין דינסט פון היטלעריזם.

פון דאָרט פלעגן זיי אָנפירן שפּיאָנאַזש קעגן אמעריקאַנער שיפן אין פארשיידענע צענטראַל־אמעריקאַנער פּאָרטן. נאָך יעדן אומגליק וואָס פלעגט פּאַסירן מיט אַן אמעריקאַנער שיף פלעגן די שפּורן פירן צו די ברעגן פון סאַן סאַלוואַדאָר. אַמאָל האָט זיך דאָרט אויך באַוויזן אַ דייטשער סובמאַרין, וואָס איז באַדינט געוואָרן פון אַ באַהאַלטענער גרופּע, וועלכע האָט זיי דאָרט אָפּגעוואַרט און זיי באַדינט מיט די נויטיקע זאַפּאַסן. די נאַצישע ארמייען האָבן דאַן אָפּגעהאַלטן איין זיג נאָכן צווייטן און דאָס לאַנד איז צוגעגרייט געוואָרן צו אַ זיכערן זיג פון די נאַציס. חוץ דער פּראָפּאַגאַנדע פון די דאָרטיקע דייטשע אײַנוווינער, זענען אויך דייטשע אָפיצירן געווען די אָנפירער פון דער דאָרטיקער מיליטערישער שולע. היטלער האָט באַשטימט פאַר יענע לענדער ספּעציעלע „מאַרקן”, זיי פאַרוואַרפן מיט די בעסטע מאַשינען און מאַטעריאַלן, פאַר אַ ספּעציעלן פּרייז און ספּעציעלן געלט, וואָס האָט זיי געגעבן דאָס רעכט צו קויפן אַלע נויטיקע מאַטעריאַלן פאַר אַ העלפט פון פּרייז. נאָך איידער די מלחמה האָט אויסגעבראָכן; כדי אַרײַנשטעלן אַ פּוס דורך אַ הינטער־טיר אין די לענדער פון וועסטערן העמיספער, צעברעכן די אמעריקאַנער אינדוסטריע, אָפּשניידן איר דעם לאַטיין־אַמעריקאַנער מאַרק. ווען די מלחמה האָט אויסגעבראָכן איז שוין דאָרט דער באָדן געווען אַ צוגעגרייטער; דער דאַמאָלסטיקער פּאָליציי־שעף פון סאַן סאַלוואַדאָר איז געווען אַן אָפענער נאַצי־סימפּאַטיקער.

די אמעריקאַנער געהיים־דינסט איז געלונגען צו קומען אויף די שפּורן פון אַ רייכן דייטשישן פּלאַנטאַטאָר וואָס האָט געוווינט אין אַ ווייט־פאַרוואָרפענער געגנט אַרום סאַן סאַלוואַדאָר. האָט זי זיך געווענדט צו דעם פּאָליציי־שעף — איר אַרויסצוגעבן דעם פאַרדעכטיקן קאַפע־פּלאַנטאַטאָר. דער פּאָליציי־שעף האָט זיך מיט פאַרשיידענע תּירוצים אַרויסגעדרייט. אין אַ שיינעם טאָג האָט לעבן דער קאַפע־פּלאַנטאַציע געלאַנדעט אַן אמעריקאַנער מיליטערישער ים־עראָפּלאַן, מיט אַ מאַנשאַפט אין פולער מיליטערישער באַוואָפענונג, אַרומגערינגלט דאָס הויז פון דעם דייטש און אים געגעבן אַ באַפעל גלייך מיטצוגיין. ער האָט געבעטן די דערלויבעניש זיך צו פאַרבינדן מיטן פּאָליציי־שעף פון סאַן סאַלוואַדאָר; אָבער אָנשטאָט אים צו דערלויבן צו פאַרבינדן זיך מיטן פּאָליציי־שעף, איז ער אַרײַנגעזעצט געוואָרן אין אַעראָפּלאַן און אָפּגעפלויגן קיין אמעריקע. אין זיין הויז האָט מען ביי דער אונטערזוכונג געפונען אַ געהיימען ראַדיאָ־טראַנסמיסאָר, שפּיאָנאַזש־פּלענער, מיט אַ ליסטע פון גאָר הויכע מיליטערלייט. דער פּאָליציי שעף האָט גלייך רעזיגנירט. אָבער מיט דעם האָט זיך דער ענין נישט פאַרענדיקט. ווען עס האָט אויסגעבראָכן דער גענעראַל־שטרייק קעגן דיקטאַטאָר מאַרטינעז, האָט ער געבעטן אַזיל־רעכט אין אמעריקע און איז אַוועק אין אַ מיליטערישן עראָפּלאַן קיין ניו־אָרלעאַנס, איבערגעבנדיק די רעגירונג צו קאָלאָנעל אַסמין אגיערא ע סאַלינאַס —

איינער פון זיינע מענטשן. דאָס פאָלק איז נישט געווען צופרידן, און די נייע רע־גירונג איז געצווונגען געווען, אונטערן דרוק פון פאָלקס־צאָרן, צו באַשטימען נייע וואלן אויפן ערשטן מערץ 1945, פינף חדשים נאָכדעם ווי קאָלאָנעל סאלינאַס האָט איבערגענומען די מאכט. און ביי יענע וואלן איז קאַסטענעדאַ קאַסטראָ אויס־געוויילט געוואָרן פאַרן פּרעזידענט פון סאַן סאַלוואַדאָר. דריי יאָר שפּעטער איז קעגן דער רעגירונג אויסגעבראָכן אַ רעוואָלוציע, אָנגעפירט פון מאַיאָר אָסקאַר אָסאָריאַ. עס איז געגרינדעט געוואָרן אַ רעוואָלוציאָנערע „כונטאַ" מיט מאַיאָר אָסקאַר אָסאָריאַ אַלס אָנפירער. אַ יאָר שפּעטער האָט ער רעזיגנירט, כדי צו געבן אַ געלעגנהייט דורכצופירן וואלן, ביי וועלכע ער איז אויסגעוויילט געוואָרן מיט אַ ריזיקער מאַיאָריטעט. זיין פּאָפּולאַריטעט איז דאַן געווען שטאַרק ביי די וויילער, צוליב דעם, וואָס די פּרייזן פון קאַפע זענען דאַן געווען די העכסטע, און די פריינטשאַפט פון זיין פּאַרטיי צו דער יוניאָן און אַרבעטער־פירער האָט אים גע־געבן אַזאַ מאַיאָריטעט. מאַיאָר אָסקאַר אָסאָריאַס פּאַרטיי „פּאַרטידאָ רעוואָלוציאָ־נאַריאַ דע אוּנידאַד דעמאָקראַטיקאַ" איז אין סאַן סאַלוואַדאָר די מיטלוועגס־פּאַרטיי צווישן לינקס און רעכטס.

**
*

סאַן סאַלוואַדאָר פאַרמאָגט אַ קליינעם יידישן קיבוץ פון אַ זעכציק יידישע משפחות. כמעט אַלע פון זיי ספרדים און דייטשע יידן וואָס האָבן אַהין איינגע־וואַנדערט, פּונקט ווי אין דער שכנהשער גוואַטעמאַלאַ, פון פּויזן. פאַר דער לעצטער וועלט מלחמה איז דאָרט געווען אַן ערך הונדערט מזרח־אייראָפּעיִשע יידן; אָבער אונטער דער דיקטאַטור פון מאַקסימיליאַנאָ הערנאַנדעז האָבן אַלע פון דאָרט געמוזט אַנטלויפן. דאָס האָט פּאַסירט דאַן ווען מאַרטינעז האָט קעגן זיך אַליין פאַבריצירט אַ „רויטע רעוואָלוציע", כדי אויף אַזאַ אופן פּטור צו ווערן פון אַלע זיינע שונאים. דאַן איז אויך געווען אַ קרבן דער יידישער אימיגראַנט פון בעסאַראַביע, פסח סאַדאָווניק, וועלכער איז אין סאַמע ברען פון דער „רויטער רעוואָלוציע" אָנגעקומען פון אַ פּראָווינץ־שטעטל, ווו ער איז געווען איינמאָנען געלט ביי זיינע קונים. ער איז דערשאָסן געוואָרן מיט זיין סאַלוואַדאָריאַנער באַ־גלייטער וואָס האָט ביי אים געאַרבעט, אונטער דער באַשולדיקונג, אַז ער האָט אָפּגעשניטן טעלעגראַפן־דראָטן פאַר די „רויטע רעוואָלוציאָנערן". דאַן האָט געדראָט אַ סכנה פאַר אַלע איינגעוואַנדערטע יידן, וואָס זענען אויף דער אינטער־ווענץ פון אַמעריקע געראַטעוועט געוואָרן. אָבער זיי האָבן געמוזט פאַרלאָזן דאָס לאַנד.

צווישן די עלזאַסער און פּויזנער יידן דאָרט, געפינט זיך די משפחה ליבעס. דער פאָטער פון דער משפחה האָט איבערגעלאָזט אַ גרויסע סומע געלט פאַר דעם

העברעיִשן אוניווערזיטעט אין ישראל. ערנעסטאָ ליבעס איז איצט דער קאָנסול פון מדינת ישראל אין סאַן סאלוואדאָר; דער צווייטער זון האָט אויסגעוואנדערט קיין מדינת ישראל, ווו ער ווידמעט זיך צו וויסנשאַפטלעכע־ און פאָרשונגס־אַרבעט אין העברעיִשן אוניווערזיטעט. די צווייטע פּראָמינענטע משפחה דאָרט, איז די ספרדישע משפחה דע סאלאַ. ערשט מיט אַ קורצער צייט צוריק האָבן די דאָרטיקע יידן פארענדיקט די געביידע פאר אן אייגענער שיל, וואָס איז געבויט געוואָרן פון אַ קאָלאָמביאַנער יידישן ארכיטעקט. איך בין געווען אין דער נייער שיל, און דער ראַבינער דאָרט, וואָס איז אויך חזן, מוהל און לערער, האָט מקבל שבת געווען.

מען האָט מיר אין סאַן סאַלוואַדאָר דערציילט פון אַ מערקווירדיקן פאַל פון יידישער סאָלידאַריטעט: אַ פּאָר וואָכן פאַרן אויסברוך פון דער לעצטער וועלט מלחמה האָבן זיך אַ פּאָר הונדערט יידישע אימיגראַנטן געראַטעוועט קיין קאָסטאַ־ריקאַ. אַלע האָבן געהאַט מיט זיך וויזעס פון די קאָסטאַריקאַנער קאָנסולאַטן אין אויסלאַנד. האָט מען זיי נישט געוואָלט אַראָפּלאָזן אין קאָסטאַ ריקאַ און די שיף האָט זיי צוריקגעפירט קיין איראָפּע. אַ גליק, וואָס דער פּאַרוואַלטער פון דער איטאַליענישער שיפס־קאָמפּאַניע אין סאַן סאַלוואַדאָר איז געווען אַ ייד, האָט ער גלייך צו וויסן געגעבן די סאַן סאַלוואַדאָריאַנער יידן, אַז די יידן ווערן צוריקגעשיקט, און ווער וויסט וואָס מיט זיי וועט דאָרט פּאַסירן. האָט מען אינטערווענירט אין די הויכע פענסטער און זיי האָבן באַקומען די דערלויבעניש צו לאַנדן אין סאַן סאַלוואַדאָר, מיט דעם באַדינג, אַז די דאָרטיקע יידן דאַרפן זיי די גאַנצע צייט אויסהאַלטן, ביזן פאַרענדיקן פון דער מלחמה. האָבן זיי טאַקע אויפן חשבון פון די דאָרטיקע יידן געוווינט אין פיינסטן האָטעל.

גייענדיק איבער די גאַסן פון סאַן סאַלוואַדאָר האָט זיך מיר געוואָרפן אין די אויגן די מאַסיווע, מאָדערנע געביידע, דער האָטעל „נועוואָ מונדאָ״, וואָס ציט אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט מיט איר אייראָפּעיִשן סטיל און מיט איר מגן־דוד אין סאַמע מיטלפּונקט פון אַריינגאַנג. ווי קומט אַ מגן־דוד אין אַזאַ פאַרוואָרפענעם ווינקל און נאָך דערצו אין שענסטן, גרעסטן האָטעל, אין סאַמע צענטער פון שטאָט? האָט מיר דער אייגנטימער אין אַ ווינער דייטש געענטפערט: — וואָס דען האָבן זי ערוואַרטעט, איך זאָל אין מיין האָטעל אַרויסהענגען אַ צלם...

ניקאַראַגואַ — דאָס לאַנד פון טייכן און ווולקאַנען

ניקוראַגואַ, אַ קליין רירעוודיק לענדל, האָט אַמאָל מיט יאָרן צוריק פאַר־נומען די פראָנט־זייטן פון דער אַמעריקאַנער פרעסע. טאָג־טעגלעך זענען אין די צייטונגען דערשינען באַריכטן וועגן די ניקוראַגואַנער, וואָס האָבן אָנגעפירט אַ קאַמף קעגן דעם אַמעריקאַנער מיליטער דאָרט, און וועגן די געוואַגטע איבער־פאַלן, וואָס דער פירער פון אויפשטאַנד, סאַנדינאָ, האָט אָנגעפירט קעגן די אַמע־ריקאַנער. ווען איר קומט קיין ניקוראַגואַ, די הויפּטשטאָט פון דעם קליינעם לענדל, מאַכט איר אויף מויל און אויערן און פרעגט זיך, ווי אַזוי אַזאַ קליין לענדל האָט געהאַט מוט אָנצופירן אַ קאַמף קעגן דער אַמעריקאַנער אַרמיי. מען דערציילט אייך אַפילו וועגן אַן אָפיציעלע קריגס־דערקלערונג וואָס די ניקוראַגואַנער האָבן דער־קלערט קעגן אַמעריקאַנער פלאָט. צוועלף הונדערט מאַן האָבן זיך אַריינגעזעצט אין דער איינציקער קריגסשיף, וואָס דאָס לאַנד פאַרמאָגט, און געפאָרן זוכן דעם אַמעריקאַנער קריגס־פלאָט, כדי אים צו אַטאַקירן...

דערציילט מען ווייטער, ווען אַן אַמעריקאַנער קריגסשיף האָט דערזען די דאָזיקע „שטרויענע העלדן", האָט זי איינמאָל אויסגעשאָסן און געטראָפן, געמאַכט אַ לאָך אין דער איין און איינציקער ניקוראַגואַנער קריגסשיף, און מיט זייערע ברייטע קאַפּעליושן, וואָס קוקן אויס ווי מענטשלעכע טורעמס, האָבן זיי אויס־געשעפּט דאָס וואַסער וואָס האָט פאַרפלייצט די שיף און זיך צוריקגעקערט צום ברעג... פּרעזידענט רוזוועלט האָט אָנערקענט דעם העלדישן געוואַגטן קאַמף פון אַזאַ קליין לענדל און, אָנשטאָט ווייטער שיקן מיליטערישע עקספּעדיציעס, האָט ער אַהינגעשיקט טעכניקער און אינזשעניערן כדי צו אַנטוויקלען דאָס לאַנד, און געגעבן דער דאָרטיקער רעגירונג אַן הלוואה צו בויען דעם „ראַמאַ וועג" — דאָס איז דער ניקוראַגוער טייל פון „פּאַן־אַמעריקאַן וועג", וועלכער דאַרף פאַראייניקן אַלע אַמעריקאַנער לענדער. ער שניידט דורך דאָס לאַנד עטלעכע מייל פון מאַנאַגואַ און לויפט ביז ראַמאַ, ביי דעם אַטלאַנטישן ברעג. אַמעריקע האָט באַקומען אַ קאָנ־צעסיע פון ניקאַראַגואַ צו בויען אַ קאַנאַל, וואָס זאָל דאָרט פאַראייניקןביידע ימען — דעם אַטלאַנטישן און פּאַציפישן — אויפן זעלבן סיסטעם פון פּאַנאַמאַ־

קאַנאַל. דער טייך ניקוראַגואַ איז נאָענט צו אַ צווייטן טייך סאַן כואַן, וואָס קען אים לייכט פאַרבינדן מיטן אַטלאַנטישן ים. דער טייך מוז אָבער פאַרגרעסערט ווערן פאַרן שיף־טראַנספּאָרט, און אַ זיבעצן מייל יבשה דאַרף נאָך דורכגעשניטן ווערן. ווען די אַרבעט וועט פאַרענדיקט ווערן, וועט דער קאַנאַל זיין אַ בעסערע פאַרבינדונג צווישןביידע ימען ווי עס איז דער פּאַנאַמאַ־קאַנאַל. אַ שעה פאָרן פון לופט־פּאָרט איז מאַנאַגואַ און איר געפינט זיך אין סאַמע צענטער פון מאַנאַגואַ. אונטערן שאָטן פון ברייט־צעוואַקסענע פּאַלמען־ביימער, וואָס שטיקן זיך אין דער הייס־גליִענדיקער זון, ציִען זיך שורות הייזער, פון פאַרשידענע סאָרטן פון שטיי־נער, געפאַרבט אין פאַרשידענע קאָלירן; פון האָלץ, וואָס איז אין אַנדערע לענדער אַ לוקסוס, געבויט לויטן אַלטן קאָלאָניאַלן סטיל; און פּונקט קעגנאיבער זיי — מאָדנע בודקעס פון ברעטער און שטרוי. די הויפּט־געביידעס, וואָס וואַרפן זיך אייך אין די אויגן, זענען: דער רעגירונגס פּאַלאַץ, וועלכער געפינט זיך לעבן אַ פּראַכטפולן פּאַרק פון פאַרשיידענע פלאַנצן און בלומען; די געביידע איז איינ־געטיילט אין אַ סדר, צוערשט אַ מאַסיוו גרויס הויז, נאָכדעם אַ רייע הייזער וואָס בילדן אַרום אַ גאַנצן בלאָק פון הייזער, — דאָ געפינען זיך אַנדערע רעגירונגס־געביידעס. און נישט ווייט פון דאָרט געפינט זיך די רעזידענץ פון פּרעזידענט — אַ פּאַלאַץ וואָס איז ענלעך צו אַ ריזיקער פעסטונג. ער איז אַזוי געבויט, אַז פון יענער געביידע קען מען לייכט באַאָבאַכטן וואָס עס קומט פאָר אין שטאָט און מיילן ווייט אַוועק פון שטאָט. אַרום יענע געביידעס געפינט זיך דער געשעפטלעכער צענ־טער פון מאַנאַגואַ.

נישט ווייט פון אַ צווייטן פּאַרק, קעגנאיבער דער מאָדערנער געביידע פון אויסערן מיניסטעריום, ווו עס געפינט זיך אויך דער אימיגראַציע־דעפּאַרטאַמענט פון לאַנד, און ווו איר מוזט זיך רעגיסטרירן ביים אַריינקומען און אַרויספאָרן פון לאַנד און באַצאָלן אַ קאָפּ־שטייער, געפינט זיך דער מאָדערנער אַמעריקאַנער „גראַנד האָטעל“, ווו עס ווינען צום גרעסטן טייל אויסלענדער. אַרום יענער געגנט קענט איר נאָך ביזן היינטיקן טאָג געפינען שפּורן פון יענער פּראָספּעריטי, וואָס די אַמעריקאַנער האָבן מיט זיך געבראַכט אין דער צייט פון דער לעצטער וועלט־מלחמה, ווען זיי האָבן דאָ אין ניקוראַגואַ געהאַט זייערע באַזעס. נאָך היינט איז דער „גראַנד האָטעל“ אַרומגערינגלט מיט דאָרטיקע איינוווינער וואָס זוכן דאָרט אַ לייכט פאַרדינסטל: שיכפּוצער, לאָטעריע־צעטל־פאַרקויפער; פרויען באָטן אייך אָן האַנט־שטריקערייען; שאָפערן פון טאַקסיס און היימישע פורמאַנעס מיט פערד און וועגעלעך, וואָס קנאַקן נאָך מיט דער בייטש, — זיי זענען אייך גרייט צו פירן איבער דער שטאָט, צו באַקענען אייך מיט אירע זעענסווירדיקייטן, אויב איר ווילט זען דעם אָדער יענעם ווולקאַן וואָס איז נישט ווייט פון דער הויפּטשטאָט; דעם טייך מאַנאַגואַ, פון וואַנען מ׳האָט ערשט אַרויסגעשלעפּט אַ געפערלעכן

שארק פון אַזוי פיל קילאָ און טוריסטן פאָרן אים אַהין אָנקוקן; אָדער גאָר דעם קאַטעדראַל, דער שענסטער אין דער וועלט; און וואָס איז מיט דעם נאַטור־מוזעאום? און אַז דאָס אַלץ נעמט אייך נישט, איז אפשר פילט זיך דער „אַמעריקאַנאַ" איינזאַם? איז ער אייך גרייט צו פירן אין אַ קלוב, ווו איר וועט הערן ניקאַראגוער מוזיק און נאַציאָנאַלע טענץ, וואָס איר זעט זיי אין קיין לאַנד פון דער וועלט. און טאַקע דאָ, גלייך אויפן אָרט, זינגט ער פאַר אייך אויס אַ מעלאָדיע פון יענער נאַציאָנאַלער מוזיק, און וואַרפט שוין אַ פוס אויף אַ פוס, כדי פאַר אייך אויסטאַנצן אַ מוסטער פון אַ ניקוראגוער טאַנץ... און אַז דאָס אַלץ נעמט אייך פאָרט נישט, איז אפשר האָט איר צו פאַרקויפן אַמעריקאַנער דאָלאַרן? דאָס אויך



דער אַלגעמיינער אויסזיכט פון מאנאגוא

נישט, סעניאָר מיאָ? איז ווייניקסטנס אַן אַמעריקאַנער סיגאַרעט — דאָס האָט איר דאָך זיכער פאַר מיר?...

די שטאָט אַליין געפינט זיך אויפן טייך מאַנאַגואַ. זי ליגט פאַרזונקען צווישן פערציק אַרומיקע בערג, אַ טייל פון זיי וואָס האָבן מיט צייטן צוריק נאָך געשפּיגן מיט לאַוועס, און דער פאַרבליבענער שטויב לאָזט זיך אָפּט אַראָפּ איבער דער שטאָט, ווו די היץ שרפעט ווי אין אַ גיהנום. די בערג אַרום דער שטאָט פאַרשטעלן די ווינטלעך פון טייך און פאַרגרעסערן נאָך מער די שטיקנדיקע היץ דאָרט. דער טייך מאנאגוא איז פופצן פיס העכער ווי דער צווייטער טייך ניקוראגוא און האָט אין זיך הונדערטער סאָרטן פיש וואָס וואָלטן געווען אַ ברכה פאַרן לאַנד — פאַרמאָגט אָבער דער טייך שארקס, וואָס פאַרניכטן פון צייט צו צייט מענטשלעכע לעבנס. דער שאַרק בייסט אָפּ ביי זיין קרבן אַ האַנט אָדער אַ פוס, און ער שטאַרבט

פון בלוט־פאַרלוסט וואָס איז נישט מעגלעך אָפּצושטעלן בעת יענער געפינט זיך אין וואַסער. פאַראַן אָבער געניג מוטיקע פישפאַנגער וואָס פאַרמעסטן זיך מיט פרימיטיווע מיטלען אפילו קעגן די שאַרקס אַליין, און אין אַ סך פאַלן געלינגט עס טאַקע זיי.

אויף איר שטח פון זיבן און פופציק טויזנט און הונדערט דריי און פערציק סקווער מייל, געפינען זיך אַריבער אַ מיליאָן און אַ האַלב איינוווינער. פון זיי זענען ניין און זעכציק פּראָצענט מעסטיצאָס, זיבעצן פּראָצענט — ווייסע, און די איבעריקע — אינדיאַנער און נעגער. יאָרן לאַנג האָט דאָס לאַנד געליטן פון שטענדיקע אָנפאַלן און פאַרשיידענע רויב־עקספּעדיציעס פון פּיראַטן און אַוואַנ־טוריסטן פון דער גאַנצער וועלט, פאַר וועלכע ניקאַראַגואַ, מיט אירע נאַטירלעכע רייכטימער און נאַטור־שיינקייט, איז געווען אַ צוציִונגס־קראַפט... אַזוי שפּעט ווי אינגאַנצן מיט אַ הונדערט יאָר צוריק, האָט ווילהעלם וועיק אָרגאַניזירט רויב־עקספּעדיציעס פון אַוואַנטוריסטן. פון די חורבנות און פאַרגאָסענעם בלוט איז אַרויסגעוואַקסן אַ רירעוודיק פאָלק; די וועלט איז איבערראַשט געוואָרן פון דעם מוט, מיט וועלכן דאָס ניקאַראַגוער פאָלק האָט געקעמפט פאַר זיין פרייהייט און עקזיסטענץ.

דאָס לאַנד ציט זיך אין אַ שמאָלן פּאַס צווישן טייכן, ימען, ווולקאַנען און דזשונגלס. אין דעם שמאָלן פּאַס זענען קאָנצענטרירט איר אַגריקולטור און צענד־ליקער מינעראַלן־ און נאַטור־אוצרות. דאָס פלאַכלאַנד, וואָס געפינט זיך איינ־געזונקען צווישן די בערג, איז דער שלעכטסטער טייל און דער קלימאַט איז דאָרט דער ערגסטער — סוב־טראָפּיש און דומפּיק הייס און שטיקנדיק. די ערד איז פאַרברענט פון די לאַוועס און נישט פרוכטבאַר. דער העכסטער ווולקאַן אין ניקאַראַגואַ איז דער „מאַמאָטאַמבאָ“, וועלכן איר קענט זען אויף אַ מהלך די ווייט. דערפאַר זענען אָבער די געגנטן אַרום די וואַסער־ברעגן די פרוכטבאַרסטע און נאַטור־שענסטע פון לאַנד. די שטעט — רינאַ, ריוואַס, לעאָן און גראַנאַדאַ גע־פינען זיך ביי די ברעגן פון טייכן און אָזיערעס און נאָענט צום פּאַציפישן ים. אין גראַנאַדע איז דער קלימאַט בעסער ווי אין יענעם שטח וואָס איז פאַרזונקען צווישן די בערג; זי געפינט זיך צופוסנס פון טייך ניקוראַגואַ. לעאָן איז איינע פון די באַוועגלעכסטע שטעט אין ניקוראַגואַ; זי האָט אויך אַ טייך און געפינט זיך בלויז אַ האַלבע מייל פון ים־פּאָרט פון פאַנעלאָע, וואָס איז, צוליב מילדערן קלימאַט, ווי מאַנאַגואַ. זי שטאָלצירט מיט איר יחוס, וואָס איר גרינדער איז געווען פאַנזע דע לעאָן. אירע הייזער זענען מיינסטנס געבויט אין קאָלאָניאַלן סטיל און קוקן אויס ווי פעסטונגען. אַפילו איר קאַטעדראַל זעט אויס ווי אַ מאַסיווע פעסטונג. אין יאָר 1813, ווען אַ רויב־עקספּעדיציע איז באַפאַלן די שטאָט, האָבן דרייסיק קאַנאָנען געדונערט אויף דער קאַטעדראַל און זי באַשעדיקט, אָבער זיי האָבן זי

נישט געקענט פאַרניכטן. זי איז צעשטערט געוואָרן פון אַ ווולקאַן־אויסברוך אין זעכצנטן יאָר, און אויף דאָסניי צוריק אויפגעבויט געוואָרן. צוליב איר נאָענטקייט צום ים און צוליב איר מילדערן קלימאַט, איז דאָרט קאָנצענטרירט די באַשרענק־טע ניקוראַגועער אינדוסטריע, און ,הויפּטזעכלעך, דער עקספּאָרט פון אירע פּראָ־דוקטן און אַזוי אויך דער אימפּאָרט פון די נויטיקסטע מאַשינען און מאַטעריאַלן, וואָס זי מוז אָנקומען, הויפּטזעכלעך, צו די פאַראייניקטע שטאַטן. פּונקט אַזוי היסטאָריש און שטאָלץ איז גראַנאַדע אויף דער יחוסדיקער פאַרגאַנגענהייט פון אירע איינוווינער, אין וועלכן עס פליסט ריין שפּאַניש בלוט. האָבןביידע שטעט געקעמפט אַ גאַנץ יאָרהונדערט פאַר דעם נאָמען הויפּטשטאָט. גראַנאַדאַ איז די פעסטונג פון די קאָנסערוואַטאָרן, לעאָן — פון די ליבעראַלן; איז געקומען מאַנאַ־גוא און אויסגעכאַפּט דעם נאָמען פאַר זיך און זי איז פאַרבליבן די הויפּטשטאָט ביזן היינטיקן טאָג. דאָס לאַנד איז היינט צו טאָג פאַרבינדן מיט די מאָדערנסטע טראַנספּאָרט־פאַרבינדונגען, ברוקירטע וועגן, באַן־ליניעס און אַעראָפּלאַנען, וואָס דערגרייכן אין די ווייטסטע געגנטן פון לאַנד. דאָס גיט די מעגלעכקייט אויס־צונוצן די מינעראַל־ און נאַטור־אוצרות וואָס געפינען זיך דאָרט, אין די אַרומיקע דזשונגלס, און אַרום אירע צענדליקער אָזיערעס און טייכן: קאַפע, קאַקאַאָ, רייז, טאַבאַק, קאָרן, באַנוול, צוקער — אַפילו גאָלד און זילבער. זיי געפינען זיך הויפּטזעכלעך אין די ווייטסטע דזשונגלס, ווו עס איז ביז מיט יאָרן צוריק נישט מעגלעך געווען קיין טראַנספּאָרט. ניקאַראַגואַ איז דער הויפּט־עקספּאָרטער קיין אַמעריקע פון פאַרשיידענע סאָרטן פון טייערסטן און קאָסטבאַרסטן האָלץ, צווישן זיי דאָס וועלט־באַרימטע מאַגאַהאַני־האָלץ, וואָס געפינט זיך אין די דזשונגלס אַרום די טייכן פון פּארטע קאַבעזאַ. דער מאַגאַהאַני־בוים וואַקסט נישט אין וועל־דער, ווי אַנדערע ביימער, נאָר אויף איזאָלירטע פּלעצער. ער איז הונדערט פוס די הייך און מ׳געפינט אים אויס פון דער לופט, מיט דער הילף פון אַן אַעראָפּלאַן, לויט זיינע רויטע בלעטער. לויטן געזעץ מוז מען אויף דעם פּלאַץ, ווו מ׳שניידט אויס אַ מאַגאַהאַני־בוים, פּלאַנצן אַנדערע צוויי. דאָס מאַגאַהאַני־האָלץ ווערט פאַר־ווענדעט, חוץ פאַר די טייערסטע מעבל, אויך פאַר יענע טיילן פון אַעראָפּלאַנען ווו מ׳דאַרף אָנווענדן מעטאַל. נאָך אַ רעגן באַקומט דאָס האָלץ אַ קאָליר פון רויט בלוט. די איינוווינער פון יענע געגנטן באַנוצן זיך מיט דעם טייערן האָלץ אויס־צובויען אַ שטוב, אַ לאָדקע, און פאַר אַן אָרון נאָכן טויט.

דאָס לאַנד געפינט זיך אין אַ פּאָליטיש־אָנגעשטרענגטער סיטואַציע, אַן אײ־בערבלייבעניש פון איר אַמאָליקער שטורמישער פאַרגאַנגענהייט. אין יאָר 1932 איז, בעת דער פּרעזידענטן־וואַלן, פאַרגעקומען אַזעלכע צוזאַמענשטויסן צווישן צוויי צדדים, אַז די אַמעריקאַנער אַרמיי האָט געמוזט איינשטעלן אָרדענונג. דער דעמאָלטיקער אויסגעוויילטער פּרעזידענט, כואַן ב. סאַקאַסאַ, האָט אָבער נישט

אויסגעהאַלטן זיין טערמין און אַ צווייטער גענעראַל, אַנאַסטאַסיא סאַמאַזאַ, האָט דורכגעפירט אַ רעוואָלוציע און אין יאָר 1936 איבערגענומען די מאַכט. ער איז אין 1939 ווידער דערווײלט געוואָרן, און זינט דער צייט פאַרבליבן דער פאַקטישער בעל־הבית פון ניקאַראַגואַ. אין יאָר 1947 זענען פאָרגעקומען פּרעזידענטן־וואַלן, אין וועלכע עס איז אויסגעווײלט געוואָרן פאַר פּרעזידענט ד״ר לעאָנאַרדאָ ארגועלא. אָבער דער אמתער באַלעבאָס איז אַלץ פאַרבליבן אַנאַסטאַסיא סאַמאַזאַ, וועלכער האָט דיקטירט די פּאָליטיק פון לאַנד. היות דער ניי־דערווײלטער פּרעזידענט האָט נישט געהאַט קיין גרויס חשק צו גיין אין זיינע דרכים, האָט אים אַנאַסטאַסיא סאַמאַזאַ גלייך משלח געווען... און דער קאָנגרעס האָט אויף זיין פּלאַץ אויסגעווײלט סאַמאַזאַס אַ מענטש, וויקטאָר ראָמאַן ריאָס. ביי די וואַלן אין יאָר 1950 האָט אַנאַסטאַסיא סאַמאַזאַ זיך באַרעכנט, אַז עס טויג נישט זיך צופיל צו פאַרלאָזן אויף פרעמדע הענט, און... צוריק איבערגענומען די מאַכט.

ניקוראַגוא איז איינע פון די אַזוי גערופענע „באַנאַנע־רעפּובליקן" — אַ צונאָמען פאַר די צענטראַל־אַמעריקאַנער לענדער, אויף וועלכע נאַפּאָלעאָן האָט אַמאָל געזאָגט, אַז טערקיי און די צענטראַל־אַמעריקאַנער לענדער זענען אומגליקלעך, נישט איבער זייער געאָגראַפישן ווערט, נאָר דערפאַר וואָס זיי ווערן רעגירט פון... טערקן און צענטראַל־אַמעריקאַנער. די פיר צענטראַל־אַמעריקאַנער לענדער טיילן זיך איין אין צוויי ריכטונגען מיט זייערע רעגירונגען; ניקוראַגוא און האָנדוראַס ווערן דאָרט פאַררעכנט פאַר רעכטע רעגירונגען, און קאָסטאַ ריקאַ און גואַטעמאַלאַ פאַר לינקע. מ׳דאַרף אָבער נישט זיין אונטערן איינדרוק, אַז די דערמאָנטע לענדער האַלטן זיך אַזוי שטרענג ביי זייער „לינקער" אָדער „רעכטער" ריכטונג; אַז מען דאַרף צוליב פּאָליטיק, פאַרבייט מען די יוצרות. אָט האָט גאָר די לינקע רעגירונג פון פּרעזידענט כואַן כאָסע אַרעוואַלאַ, בעת עס איז אויסגעבראָכן אין קאָסטאַ ריקאַ אַ רעוואָלוציע קעגן אויסגעווײלטן פּרעזידענט, וועלכן מ׳האָט געהאַלטן פאַר אַ פאַשיסט און רעאַקציאָנער, און די לינקע רעגירונג פון פריערן פּרעזידענט האָט די וואַל נישט געוואָלט אָנערקענען, האָט אַנאַסטאַסיא סאַמאַזאַ גאָר געהאַלטן מיטן לינקן פּרעזידענט, און די „לינקע" רעגירונג פון פּרעזידענט כואַן כאָסע אַרעוואַלאַ — מיט דער רעכטער רעגירונג. גואַטאַמאַלער אַעראָפּלאַנען, וואָס האָבן געבראַכט בלומען קיין קובאַ, האָבן אין פינצטערע נעכט צוריקגעפירט ביקסן, און פון דאָרט זענען זיי געבראַכט געוואָרן קיין קאָסטאַ ריקאַ צו העלפן דער רעכטער רעגירונג צו געווינען די רעוואָלוציע. קאָסטאַריקאַנער רעוואָלוציאָנערן האָבן געכאַפּט ניקוראַגואַנער באַוואָפנטע „פרייוויליקע" וואָס זענען אַריבער די קאָסטאַריקאַנער גרענעץ, כדי צו העלפן דער לינקער רעגירונג, און אויך אַמאַזאַ האָט געשיקט אַעראָפּלאַנען העלפן דער דאָזיקער רעגירונג וואָס האָט נישט געוואָלט אַראָפּ פון פּרעזידענטן־בענקל. און ווען די רעכטע רעוואָלו־

ציאַנערן האָבן געזיגט, האָט אַנאַסטאַסיאָ סאמאזא געגעבן אַ שטעלע אין זיין רעגי־רונג דעם עקס־פּרעזידענט פּיקאדא ־מיכאלסקי. פּערזענלעכע סיבות שפּילן דאָ אַ גרעסערע ראָלע ווי פּאָליטישע ליניעס... עס האָט זיך געהאַנדלט אין ביזנעס: ניקוראַגוא האָט געהאַט אַ קאָנטראַקט מיט דער משפחה פון לינקן עקס־פּרעזידענט אויף אַ גרויסן קוואַנטום בהמות מיט נאָך גרעסערע פּראָפיטן, און ווען די רעכטע רעגירונג פון אטיליא אולאטע בלאנקא וועט געווינען, וועט אנאסטאסיא סאמאזא פאַרלירן פּראָפיטן. פּרעזידענט כואַן כאַסע ארעוואלא ווידער, האָט פאַרבויגן זיין לינקיזם, כדי ווידער צו שעדיקן זיין שונא אנאסטאסיא סאמאזא...

**
*

דער אַנטדעקער פון ניקוראגוא, אין יאָר 1522, איז געווען ביל גאָנזאַלעס דאַווילאַ. אַ סברה, אַז ער איז געווען אַ זון פון אנוסים. זייענדיק דער שאַץ־מייסטער פון גובערנאַטאָר פון דער פּראָווינץ היספּאַניאָלאַ, האָט ער געבעטןביים קעניג די דערלויבעניש צו זוכן נייע לענדער צווישן אַטלאַנטיק און שטילן אָקעאַן. אין מיטן וועג האָט ער צווישן ביידע אָקעאַנען אַנטדעקט אַ שטאָט מיט פערציק טויזנט איינוווינער, וואָס האָבן זיך דערנערט פון פיש־פאַנגעריי און געלעבט בשלום. ער האָט דאָס לאַנד פאַרנומען אָן שוועריקייטן, און אויך די שכנהשע לענדער: האָנדוראַס, סאַן סאַלוואַדאָר און קאָסטאַ ריקאַ — וואָס רופן זיך „גאָלפאָ דולסע״. שפּעטער האָט ער געפירט אַ קאַמף מיט בערנאַנדעס דע סאָטאָ, וואָס האָט ביי אים געוואָלט צונעמען די טעריטאָריעס. ביידע זענען שפּעטער גע־נומען געוואָרן געפאַנגען פון אַ דריטן — לאָס קאַיעס — און אים, גיל גאָנזאַלעס דאַווילאַ, איז געלונגען צו אַנטלויפן צוריק קיין שפּאַניע. עס איז נישט אויסגע־שלאָסן, אַז די השערה איז ריכטיק, ווייל אַ סך קינדער פון אנוסים האָבן אָנטייל־גענומען אין דער אַנטדעקונג און דעראָבערונג. אויך לואיס דע טאָרעס, וועלכער האָט באַגלייט קאָלומבוסן אויף זיין ערשטער רייזע איז, פאַראַן אַ סברה, געווען אַ ייד.

עס איז נישט אויסגעשלאָסן, אַז אַ זון פון די אנוסים האָט איבערקערט די אַמאָליקע איינוווינער פון ניקוראַגוא צו דעם קאַטוילישן גלויבן. די געשיכטע פון יענער דעראָבערונג דערציילט, אַז ביל גאָנזאַלעס דאַווילאַ האָט דעם שעף פון שבט ניקוראַגוא, אויף ווענענס נאָמען דאָס לאַנד הייסט, געגעבן אַ מתנה אַ העמד, אַ רויט היטל און אַ זיידן קלייד, און אַז זיי האָבן מיט אים געפירט אַ דיסקוסיע, כדי אים איבערקערן צו דער קאַטוילישער רעליגיע; און צווישן די פראַגן וואָס דער ניקאַראַגואַ־שעף האָט אים געפרעגט איז אויך געווען, צי דער קעניג פון שפּאַניע איז אויך אומשטערבלעך?...

נאָך ביל גאָנזאַלעס דאַווילאַ זענען געקומען אַנדערע דעראָבערער פון שפּאַניע, געפירט צווישן זיך אַ בלוטיקן קריג און אַרויסגעשלעפּט פון לאַנד וואָס מער

גאָלד. דער קריג צווישן די דעראָבערער האָט דאָרט אָנגעהאַלטן לאַנג און איז אַריבער צום שפּאַנישן געריכט. אין יאָר 1850 איז ווידער דאָרט אויסגעבראָכן אַ בירגערקריג. דאָס לאַנד איז אַזוי אָפּגעגאַנגען אין טייכן בלוט, און אַ סך איינוווינער זענען אַנטלאָפן פון דאָרט. צו די אַלע אייגענע צרות האָט דאָרט געלאַנ־דעט אַ בריטישע עקספּעדיציע, פאַרכאַפּט די פּראָווינץ סאַן כואַן דעל נארטע, און דאָרט באַשטימט אַ גובערנאַטאָר; פאַרביטן דעם נאָמען פון טייך אויף אַ ריין ענגלישן נאָמען „גרעפאַן”. אַזוי שנעל ווי די בריטישע מאַטראָזן זענען אַוועק, האָט די ניקוראגוער רעגירונג אַרעסטירט דעם גובערנאַטאָר. זענען די ענגלענדער געקומען אין אַ גרעסערע צאָל, אָנגעמאַכט אַ חורבן און אַרויפגעצוווּנגען מיט געוואַלד די אָנערקענונג פון איר פּופּע־קעניגרייך. ניקוראגוּא האָט אַפּעלירט נאָך יושר צו אַמעריקע און ענגלאַנד, אָבער אָן רעזולטאַטן. ערשט אין יאָר 1860, ווען עס איז אונטערגעשריבן געוואָרן דער קלאַיטאָן־בולוואַר־אָפּמאַך, און עס איז פאַר־באַטן געוואָרן „די קאָלאָניזאַציע מיט געוואַלד”, איז די מאָסקיטאָ־נעגער מיטן ענגלישן פּופּע־גובערנאַטאָר אָפּגעשאַפט געוואָרן; אָבער אינערלעכע רעוואָלוציעס און אינטריגעס האָבן דאָרט אָנגעהאַלטן יאָרן לאַנג.

***

אַ פערציק־פופציק ייִדישע משפחות געפינען זיך היינט צו טאָג אין ניקוראַ־גוּאַ. דאָס זענען צום גרעסטן טייל אימיגראַנטן פון אַנדערע צענטראַל־אַמעריקאַ־נער לענדער, וואָס האָבן געזוכט נייע פּלעצער, ווו מ׳קען האָבן מער מזל. שפּעטער האָבן זיי געבראַכט קרובים, געחלומט צו מאַכן אַ פּאָר טאָלער און צוריקגעפאָרן אַהיים; אָבער די ביידע וועלט־מלחמות האָבן דעם חלום צעשטערט, און אין ניקו־ראַגוּאַ איז פאַרבליבן אַ ייִדישער קיבוץ. צום גרעסטן טייל קומען די דאָרטיקע ייִדן פון בעסאַראַביע. טאַקע דאָרט הייבט זיך אָן, ווי דאָס באַרימען זיך די דאָרטיקע ייִדן, — „די פּאַראייניקטע שטאַטן פון נאָוואָסעליץ” און שפּרייטן זיך אויס פון דאָרט איבער אַלע דרום־ און צענטראַל־אַמעריקאַנער לענדער, ווי קאָ־לומביאַ, ווענעזועלאַ, פּערו, בראַזיל — אַזוי ווייט ביז אַרגענטינע. נאָוואָסעליץ אַליין איז געווען אַ שטאָט אין בעראַסאַביע מיט אַ פּאָר טויזנט ייִדן; אָבער אין די לאַטיין־אַמעריקאַנער לענדער געפינען זיך צען מאָל אַזוי פיל נאָוואָסעליצער ייִדן ווי אין אַמאָליקן נאָוואָסעליץ. דאָס קומט פון דעם וואָס די יעדענטיצער, סאַ־קאַראַנער און סאַמאַניטצער זענען אָנגעשלאָסן אין די „פּאַראייניקטע שטאַטן פון נאָוואָסעליץ”. דאָס זענען היימישע פּשוטע פאָלקסמענטשן, ווי עס האָט זיי גע־שילדערט דער פאַרשטאָרבענער בעסאַראַבער לאַנדסמאַן, אַ ראַביי, אין זיין בע־סאַראַבער „ערד”, — ייִדן וואָס טראָגן אייך אַנטקעגן אַ האַרציקן שלום־עליכם מיט כבוד.

דער קליינער קיבוץ דאָרט פֿאַרמאָגט אַ „קלוב כודזאָ", וואָס רופֿט זיך מיט אַ פּשוטן נאָמען, און אַלע וויסן גלייך, אַז דאָס איז אַ קלוב פֿון ייִדן. איר דאַרפֿט בלויז פֿרעגן אַ ניקוראַגוער וועלכן איר טרעפֿט אין גאַס, ווו עס געפֿינט זיך דער „קלוב כודזאָ", וועט ער אייך גלייך אָנווייזן דעם פּלאַץ. דער קלוב איז איינגעטיילט אין צווייען: אין איין זייט געפֿינט זיך די ביבליאָטעק און אין דער אַנדערער זייט לייענט איר די אויפֿשריפֿט אויף דער וואַנט וואָס טיילט אָפּ די צווייטע אָפּטיילונג, „בית תפילה", — דאָרט איז די שיל: אַן ארון־קודש מיט ספרי־תורות, מ'דאַוונט פֿרייטיק צו נאַכטס, שבתים און יום־טובים. אין ניקאַראַגואַ וווינען אַ באַדייטנדיקע צאָל אַראַבער. ווען עס האָבן זיך אין די צייטונגען אָנגעהויבן באַווייזן די נייעסן וועגן דעם ישראל־פּראָבלעם, איידער עס איז פֿאָרגעקומען די אָפּשטימונג אין דער „אונ", האָט די דאָרטיקע פּרעסע אַרויסגעוויזן אַ שטאַרקע סימפּאַטיע צו די ייִדישע פֿאָדערונגען. זי איז טאַקע שפּעטער געווען פֿון די ערשטע לאַטיין־אַמעריקאַנער לענדער וואָס האָט ביי דער אָפּשטימונג געשטימט פֿאַר אָנערקענען אונדזער רעכט אויף מדינת־ישראל. בעת מיין ערשטן באַזוך דאָרט, האָט אַ ניקוראַגוער שרייבער, פֿראַנציסקאָ וועהיל, אין דער דאָרטיקער צייטונג „נועוואַ פּרענסאַ", געשריבן אַ סימפּאַטישן אַרטיקל, אַז דאָס ייִדישע פֿאָלק, וואָס איז היינט צו טאָג די אונטערדריקסטע ראַסע, פֿאַרדינט גערעכטיקייט און יושר, און אַז ניקאַראַגואַ, וואָס האָט אַליין געפֿירט אַ קאַמף פֿאַר איר אומאָפּהענגיקייט, ווייסט אָפּצושאַצן דעם קאַמף וואָס די ייִדן פֿירן פֿאַר זייער אָנערקענונג. די ייִדן דאָרט איז געלונגען צו באַאיינפֿלוסן די דאָרטיקע אינטעלעקטואַלן און הויכע רעגירונגס־מענטשן; זיי האָבן געגרינדעט אַ „פּראָ־פּאַלעסטינע ליגע", צווישן וועלכע עס איז אויך געווען דער דעמאָלסטיקער קאַנדידאַט און שפּעטערער פּרעזידענט פֿון ניקאַראַגואַ, ד"ר לעאָנאַרדאָ אַרגועלאָ, וועלכער איז טאַקע געוואָרן דער ערן־פּרעזידענט פֿון דער ליגע. ווי נאָר די נייעס און יענער אַרטיקל זענען דערשינען אין דער ניקאַראַגוער פּרעסע, האָט זיך באַוויזן אַן אַרטיקל פֿון דער „אַראָבישער ליגיע" מיט דער אונטערשריפֿט סאַלאָמאָן זאַרוק — סעקרעטאַר, מיט אַ שאַרפֿער אַטאַקע אויף די ייִדן, און מיט די אַלט־באַקאַנטע באַשולדיקונגען. צום סוף פֿון אַרטיקל האָט דער סעקרעטאַר אויפֿגעפֿאָדערט די ניקאַראַגוער, אַז זיי זאָלן זיך נישט לאָזן פֿאַרפֿירן פֿון ייִדישע ליגנס און אָפּגעלייקנט דעם באַריכט, אַז דער פּרעזידענט־קאַנדידאַט איז דער ערן־פּרעזידענט פֿון דער „פּראָ־פּאַלעסטינאַ ליגע". די ייִדן האָבן נישט געשוויגן און פֿאַרעפֿנטלעכט דעם בריוו פֿון ערן־פּרעזידענט, וועלכער האָט זיי באַפֿולמעכטיקט די נייעס באַקאַנט צו מאַכן פֿאַר דער עפֿנטלעכקייט, אַז ער האָט אָנגענומען אַן אַמט. די דאָרטיקע לייענער האָבן אַזוי אַרום זיך באַקענט מיט די גערעכטע ייִדישע פֿאָדערונגען און בכלל מיט ייִדישע פּראָבלעמען. די אַראַבער האָבן ווידער געענטפֿערט און די ייִדן זענען

נישט שולדיק געבליבן... געענדיקט האָט זיך מיט דעם, וואָס די ייִדן האָבן סוף־כּל־סוף די אַראָבער פאַרשטאָפּט די מײַלער. די ניקאַראַגוער עפנטלעכקייט איז פאַרבליבן מיטן ייִדישן צד. אין דער ליגע האָבן זיך דאַן אָנגעשלאָסן מיניסטאָרן, אוניווערזיטעט־פּראָפעסאָרן און אפילו דער פּרעזידענט פון העכסטן געריכט אין לאַנד. דער אָנפירער פון יענער דיסקוסיע, דער גרינדער פון דער „פּראָ־פּאַלעס־טינאַ ליגע", איז ד״ר לאשלא ווייס — אַן אַמאָליקער תּלמיד פון דער מונקאַ־טשער העברעיִשער גימנאַזיע, וואָס איז איצט מגולגל געוואָרן אַלס פּראָפעסאָר פון עקאָנאָמיק אין דאָרטיקן אוניווערזיטעט און איז איצט דער ישׂראל־קאָנסול אין ניקאַראַגואַ.

פּרייטיק־צונאַכטס בין איך געווען דער גאַסט פון די דאָרטיקע ייִדן אין „קלוב כּודיִאַ". צוערשט האָט דער סעקרעטאַר פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַ־ציע, שאול וואַלמער, אַ היימישער משׂכּיל וואָס געדענקט נאָך גירסא דינקתּא, מקבל שבת געווען און איז אַרײַנגעפאַלן אין אַ יום־טובדיקן ניגון... ווען מען האָט פאַרענדיקט דאָס דאַווענען, איז מען אַריבער אין דער צווייטער זייט, ווו איך האָב אָפּגעגעבן אַ גרוס פון ייִדן אויף דער גרויסער וועלט. ווען איך האָב פאַר־ענדיקט, האָט דער פּרעזידענט פון „קלוב כּודיִאַ", אברהם גאָרין, אַ קלאַפּ געטון אין טיש און געזאָגט: „ייִדן, איר האָט נאָר וואָס געהערט וואָס דער גאַסט האָט דערציילט וועגן ייִדישע צרות, איז לאָמיר אָנהויבן דעם קאַמפּיין". ווען איך האָב באַמערקט, אַז איך בין נישט געקומען ווי אַ דעלעגאַט, האָבן די ייִדן מיך גע־פרעגט: אויב אַזוי, איז צו וואָס זענט איר געקומען קיין ניקאַראַגואַ?

דער גרעסטער טייל פון די ייִדישע געשעפטן אין מאַנאַגואַ געפינען זיך אַרום דער מערקאַדאָ. אין יענער געגנט האָבן ייִדישע אימיגראַנטן אָנגעהויבן מיטן פּעקל אויף די פּלייצעס, און טאַקע אויף דער זעלבער גאַס געעפנט קרעמלעך, וואָס זענען היינט צו טאָג אויסגעוואַקסן אין גרויסע קראָמען, און מען מאַכט אַ לעבן נישט צו פאַרזינדיקן. אויף יענער גאַס טאַקע, אין געשעפט פון פּרעזי־דענט פון „קלוב כּודיִאַ", איז די ייִדישע קיביצאַרניע. דאָרט קומט מען זיך צונויפ־מען כאַפּן אַ היימיש ייִדיש וואָרט אין אַ סאַמע וואָכעדיקן טאָג. פאַראַן געגנוג צייט אין ניקאַראַגואַ, מ׳יאָגט זיך דאָרט נישט ווי אין ניו־יאָרק. דאָרט רעדט מען וועגן די לעצטע ייִדישע נײַס וואָס האָט אָהינצו דערגרייכט נאָך וואָכן און אָפּט נאָך חדשים; נאָכדעם גייט מען אַריבער צו די אייגענע נײַעס פון „שטעטל" מאַ־נאַגואַ: ווער למשל עס האָט אַ שידוך געטון מיט דער טאָכטער, אָדער וועלכער בחור עס איז געפאָרן קיין מעקסיקע אָדער קיין אַמעריקע זוכן אַ כּלה. וואָס איז דאָ פּאָר בחורים זייער שווער, ווײַל די מיידלעך וואָס וואַקסן דאָ אונטער זענען נאָך גאָר יונגע. מיידלעך פון דער עלטער הײַם זענען אַהער, אין אַזאַ פאַרוואָרפן ווינקל, נישט געקומען; בחורים יאָ. האָבן זיי איצט אַ שווער פּראָבלעם צו געפי־

נען כלות... דער טעמפּאָ פון גרויסשטאָטישן לעבן איז דאָ פרעמד. מען קוויקט זיך מיט קאַלטע געטראַנקען וואָס פאַרטרייבן אויף אַ וויל דעם דורשט, און מען דערמאָנט מיט בענקשאַפט די אַמאָליקע צייטן אין היימישן בעסאַראַבער שטעטל, ווו מען האָט טאַקע נישט געהאַט אַזעלכע מאכלים ווי דאָ, נאָר מאַמעליגע מיט ברינדזע, אָבער ווו מען איז געווען אַ סך געזונטער — „איי, זענען דאָס געווען צייטן"...

ווען איך האָב באַזוכט ניקאַראַגואַ צום צווייטן מאָל איז שוין די פּרעזי־דענטשאַפט פון „קלוב כודזאַ" אַריבער צו כאָסע ריטעלני, אַ היימישער אינטעלי־גענט פון פּוילן, וואָס האָט פאַרבלאָנדזשעט צווישן בעסאַראַבער, באַגליקט, און געוואָרן איינער פון די רייכסטע מענטשן פון לאַנד. ער האָט אַמאָל געוואָלט גרינדן אין איינעם פון די אַמעריקאַנער לענדער אַ ישיבה פאַר צענטראַל־אַמעריקע. בעת איך בין דאָרט געווען צום צווייטן מאָל האָט פּאַסירט, אַז אַ ייִד ווען די דאָרטיקע ייִדן האָבן אַריינגעלייגט אין חרם פאַר נישט געבן קיין ביישטייערונגען פאַר די ייִדישע הילפס־אַקציעס, איז פּלוצים געשטאָרבן פון אַ האַרץ־שלאַג. ווען די נייעס איז באַקאַנט געוואָרן, פּונקט ווען אַלע ייִדן האָבן זיך פאַרזאַמלט אויף אַ בר־מצוה, האָט מען גלייך ביים מנין אויפגעהויבן דעם חרם און דעם מת גע־בראַכט צו קבורה אויפן ייִדישן בית־עולם.

קאָסטאַ ריקאַ — דאָס לאַנד פון דעמאָקראַטיע און ייִדן־שנאה

קאָסטאַ ריקאַ רופט זיך „די פּערל פון צענטראַל־אַמעריקע". זי איז שטאָלץ אויף איר דעמאָקראַטישער טראַדיציע פון רעליגיעזער פרייהייט און פרייער פּרע־סע. יעדער קאָסטאַריקאַנער וועט אייך מיט שטאָלץ אָנווייזן, אַז נאָך אין יאָר 1840 האָט דער דעמאָלטיקער פּרעזידענט, כואַן מאַרא, זיך אַנטקעגן געשטעלט די פאַנאַטישע כוחות פון דער קירכע, ווען זיי האָבן געוואָלט פאַרברענען אַפּיקור־סישע ביכער. אָנשטאָט צו פאַרברענען די ביכער, האָט ער געגעבן אַ באַפעל, מ'זאָל נאָך מער אַזעלכע אַריינבריינגען אין לאַנד אַריין. קאָסטאַ ריקאַ — באַרימט ער זיך פאַר אייך — גיט אויס אַ פינפטל פון איר בודזשעט אויף דערציִונג. זי איז דאָס געבילדעטסטע לאַנד אין צענטראַל־אַמעריקע און דאָס פרייעסטע לאַנד, — אַלע פּאָליטישע פליכטלינגע באַקומען דאָרט אַזיל־רעכט... און זי פאַר־מאָגט אַ ריינע ווייסע ראַסע.

אָבער גראָד אין יענעם דעמאָקראַטישן, פרייען, געבילדעטן לאַנד, האָב איך אָנגעטראָפן אַזאַ שנאה צו ייִדן וואָס האָט קיין גלייכן נישט אויפן גאַנצן לאַטיין־אַמעריקאַנער קאָנטינענט. ווען איך בין אָנגעקומען אין סאַן כאָסע, די הויפּטשטאָט פון דער הונדערט פּראָצענטיקער ווייסער ראַסע, און זיך באַגעגנט מיטן ערשטן ייִדישן כלל־טוער, האָט ער מיר מיט אַ שווער געמיט דערציילט, אַז די ייִדן דאָרט לעבן אין שרעק; די שנאה צו זיי נעמט אָן וואָס אַמאָל שאַרפערע, דראָענדע פאָרמען. דעם זעלבן פאַרנאַכט בין איך, זיצנדיק אין דאָרטיקן ייִדישן קאַפע־הויז, געוווען אַן עדות פון אַן אַנטיסעמיטישער פּראָפּאַגאַנדע וואָס איז ענלעך צו דער פּראָפּאַגאַנדע פון נאַצי־דייטשלאַנד ערב דעם אויפשטייג פון היטלעריזם: אַ גרויסער לאַסט־אויטאָמאָביל איז פאַרבייגעפאָרן און פון אים האָט זיך געשאָטן ווי אַ רעגן פּאַמפלעטן, ווו עס האָט זיך געלייענט: „קויפט נישט ביי ייִדן, — זיי זויגן אונדזער בלוט! זיי פאַרסמען די וואַסערן, זיי ברענגען מיט זיך אַנשטעקנ־דיקע קראַנקייטן; טרייבט אַרויס די ייִדן פון „מערקאַדאַ" און ראַטעוועט דאָס קאָסטאַריקאַנער פאָלק!" אונטערגעשריבן איז געווען: „קאָמיטע דע דעפענסאַ נאַ־סיאָנאַל". די „מערקאַדאַ" איז די געגנט, ווו די איינגעוואַנדערטע ייִדן האָבן קליינע

קרעמלעך. נאָך יאָרן פון שווערע אַרבעט און נויט, וואָס די צוויי הונדערט ייִדישע משפּחות האָבן באַשיכט און באַקליידט די קאָסטאַריקאַנער און זיך דערוואָרבן אַ שטיקל פּאַרמעגן. דאָרט האָב איך אויך צוגעקוקט אַ פּיינלעכע סצענע, ווי אַ קאָסטאַריקאַנער האָט אין אַ ייִדיש געשעפט צוגענומען זאַכן און געוואָלט אַוועקגיין; ווען דער ייִד האָט ביי אים געמאָנט געלט, האָט ער געמאַכט אַ געוואַלד, אַז דער ייִד האָט אים אַטאַקירט... עס האָבן זיך גליך געפינען עדות וואָס האָבן דאָס אַליין געזען; די פּאָליציי האָט געמאַכט אַ פּראָטאָקאָל, — מיט וואָס עס האָט זיך פאַרענדיקט, ווייס איך נישט. אָבער דאָרטיקע ייִדן האָבן מיר דערציילט, אַז אין אַ סך פאַלן באַצאָלט דער ייִד נאָך אַ שטראָף... איך האָב זיך דאָרט אָנגעשטויסן אין אַ שאַרפער אַנטי־ייִדישער פּראָפּאַגאַנדע אויך אין דער פּרעסע, וואָס איז נאַטירלעך פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די אַרויסטרעטונגען. צוויי אַזעלכע ייִדן־העצערישע אַרטיקלען האָב איך געלייענט: איינער אין „דיאַריאָ דע קאָסטאַ ריקאַ" פון 13טן סעפּטעמבער, און דער צווייטער אין „אַהאָראַ" פון 17טן סעפּטעמבער. די ייִדן — האָט געשריבן דער אויטאָר אַלעכאַנדראָ גאַרסיאַ — זענען אַ פאָלק וואָס שוין צוויי טויזנט יאָר ווי די וועלט פאַרפאָלגט זיי. אַפילו אין פּאַלעסטינע וויל מען זיי נישט אַריינלאָזן. נאָכדעם קומען מיאוסע באַשולדיקונגען אויפן חשבון פון ייִדישן פאָלק, וואָרט־ביי־וואָרט איבערגעשריבענע רעדעס פון געבעלסן. איך האָב אויך בייגעוווינט אַ סצענע אין אַ דאָרטיק קינאָ־טעאַטער וואָס האָט געוויזן אַן אַמעריקאַנער בילד מיט די „וויכטיקסטע נייעס פון חודש": ווי באָמבעס האָבן צעשטערט דעם „קעניג דוד־האָטעל" אין ירושלים און דער קאָמענטאַטאָר האָט דערציילט ,אַז דאָס האָבן געטון „טעראָריסטאַס כודיאָס" (ייִדישע טעראָריסטן). וואָס פאַר אַ געוואַלד עס האָט זיך אויפגעהויבן צווישן פּובליקום! אַ טייל פון זיי האָבן געהירזשעט ווי די פערד: „אַ חוצפּה ייִדן האָבן עס צו וואַרפן באָמבעס!..." אַנדערע ייִדן גאָר, נישט די ווי אין קאָסטאַ ריקאַ, ווען מען דערגייט די יאָרן. און אויב דאָס איז נאָך ווייניק געווען צו קילן מיין „ייִדישע רציחה" אין קאָסטאַ ריקאַ, האָט מיין מזל מיר באַשערט, אַז פּונקט דאַן איז דאָרט געקומען דער אַמע־ריקאַנער ייִדישער מולטי־מיליאָנער סעמועל ראַזאַף, דער בויער פון דער מאָסק־ווער אונטערגרונד־באַן, וועלכער האָט דאַן פאַרהאַנדלט מיט דער קאָסטאַריקאַנער רעגירונג, וואָס נויטיקט זיך תמיד אין געלט, וועגן אַן הלוואה פון הונדערט מיליאָן דאָלאַר; און אַ „צופאַל", אַז גראָד דאַן האָט אויך אַ ייִדישע אָרגאַניזאַציע אין אַמעריקע פאַרהאַנדלט וועגן אַ קאָלאָניזאַציע־פּלאַן אויף אַ טעריטאָריע צווישן פּאַנאַמאַ און קאָסטאַ ריקאַ. די צייטונגען האָבן געליאַרעמט, אַז די רעגירונג וויל פאַרקויפן דאָס לאַנד צו אַ כודיאָ. סעמועל ראַזאַף האָט איינגעלאַדן די צייטונגס־ייִנגלעך, די אָרעמע פון די אָרעמסטע אין אַלע לענדער, געפּראַוועט פאַר זיי אַ באַל אין גרעסטן לוקסוס־האָטעל אין קאָסטאַ ריקאַ, און זיי דערציילט, אַז

ער איז אַמאָל געווען זייערער אַ פאַך־קאָלעגע, פאַרקויפט צייטונגען אין די גאַסן. דאָס האָט די אַנטיסעמיטן נאָך מער פאַרדראָסן, און זיי האָבן געוואָרנט דאָס קאָסטאַריקאַנער פאָלק פאַר דער „יידישער געפאַר" וואָס לויערט אויף זיי.

דער קאָלאָניזאַציע־פּלאַן איז געפאַלן געוואָרן אין דער געגנט פון טשיריקי, קאַנאַס גאַרדאַס, צווישן ביידע לענדער — קאָסטאַ ריקאַ און פּאַנאַמאַ — אַ געגנט פון מילדן קלימאַט, וואָס איז צוגעפּאַסט פאַר אייראָפּעער, און די קאָלאָניסטן האָבן זיך דאָרט באַדאַרפט באַשעפטיקן מיט הינער־צוכט און האָדעווען בהמות. דער אַלאַרם וועגן דער געפאַר פון יידישער קאָלאָניזאַציע איז אויך אַריבער צו דער שכנהשער פּאַנאַמאַ. דער קאָלומניסט פון „פּאַנאַמאַ אַמעריקאַן" איז שאַרף אַרויסגעטראָטן קעגן אַ יידישער קאָלאָניזאַציע צווישן די ביידע לענדער, און ביי דער געלעגנהייט געשאָטן פעך און שוועבל אויף יידן, געוואָרנט די פּאַנאַמעניער, אַז זיי וועלן ברענגען שפּעקולאַציע און שווינדלערייען. די צייטונג האָט וועגן דער פראַגע געעפנט אַ דעבאַטע. אַ גרופּע לייענער, וועלכע האָבן זיך אונטערגעשריבן „נישט־יידישע לייענער פון דער אַמעריקאַנער זאָנע" האָבן פּראָטעסטירט, וואָס די צייטונג דערלויבט איר קאָלומניסט, אין אַזאַ פרייער רעפּובליק ווי פּאַנאַמאַ, צו באַנוצן זיך מיט אַזעלכע אויסדריקן קעגן יידן, אַנווייזנדיק אויף דעם גרויסן בייטראַג וואָס יידן האָבן צוגעטראָגן צו דער אַנטוויקלונג און וווּקס פון אַמעריקע; אַ יידישער פּליטלינג וואָס האָט זיך אונטערגעשריבן „אַ רומענישער די פּי" האָט געשריבן: איך בין אַ שווער־אַרבעטער און בין דאַנקבאַר פּאַנאַמאַ, וואָס זי האָט מיך אַריינגעלאָזט אין לאַנד, נאָכדעם ווי איך האָב זיך געראַטעוועט פון קרעמאַטאָריום, ווו מיין גאַנצע משפּחה איז פאַרברענט געוואָרן. איך קען נישט פאַרשטיין, אַז איצט, ווען דאָס בלוט פון זעקס מיליאָן יידן איז נאָך נישט פאַרטריקנט געוואָרן, זאָל אַ צייטונג אין אַ פרייער רעפּובליק דריקן אַזאַ גיפטיקן מאַטעריאַל קעגן יידן?...

אַ צווייטע צייטונג, די „לאַ נאַסיאָן", וואָס ווערט רעדאַגירט פון אַ ליבעראַל, ד"ר אַדאָלפאָ לאַ גוואַרדיאַ, אַ געוועזענער פּרעזידענט פון פּאַנאַמאַ, מיט וועמען איך האָב, בעת מיין באַזוך דאָרט, גערעדט די געלעגנהייט צו האָבן אַ שמועס טאַקע אין זיין רעדאַקציע, און ער האָט אַרויסגעוויזן סימפּאַטיע און פאַרשטענדעניש פאַר יידישער דערגרייכונג און פּראָבלעמען, איז אויך שאַרף אַרויסגעטראָטן קעגן די אַטאַקעס אויף יידן אין דער פּרעסע. די „פּאַנאַמאַ אַמעריקאַן" האָט זיך אַנט־שולדיקט און אָפּגעשטעלט די דעבאַטע.

צו קיין יידישער קאָלאָניזאַציע צווישן פּאַנאַמאַ און קאָסטאַ ריקאַ איז סיי ווי נישט געקומען, ווען איך האָב דאָן אויפגעזוכט דעם יידישן מיליאָנער סעמועל ראַזאָף — וואָס איז אַזוי גוט באַקאַנט געווען אין ניו־יאָרקער יידישע קרייזן מיט זיין פּשטות און וואַרעם יידיש האַרץ — אין זיין האָטעל און אים געפרעגט וועגן זיינע פאַרהאַנדלונגען מיט דער קאָסטאַריקאַנער רעגירונג, האָט ער מיר אין אַ

האַרציקן יידיש דערציילט: דער מיניסטער... האָט מיט מיר גערעדט וועגן דער הלוואה. האָב איך אים אַ פרעג געטון, וואָס איז מכוח דעם יידישן קאָלאָניזאַציע־פּלאַן? האָט ער אָנגעהויבן דרייען מיט דער נאָז און שטאַמלען. האָב איך אים באַלד אָפּגעשנאַצט די נאָז... און פאַרמאַכט דעם פּיסק: נישטאָ קיין יידישע קאָלאָניזאַציע — נישטאָ קיין הלוואה.

אין קאָסטאַ ריקאַ האָט זיך דאַן גראָד געפינען דער קובאַנער שטאַטסמאַן און סענאַטאָר גוסטאַוואָ גוטיערעז, וועלכער איז, נאָך אַ באַזוך אין ארץ־ישראל, אַרומגעפאָרן איבער די לאַטיין־אַמעריקאַנער לענדער, ווו ער האָט געגעבן רעפעראַטן וועגן זיינע איינדרוקן פאַר נישט־יידישן פּובליקום פון אינטעלעקטואַלן, וועלכע האָבן זיך גרופּירט אַרום די דעמאָלט געשאַפענע „ליגעס פּראָ־פּאַלעסטינאַ". האָב איך מיט אים באַשלאָסן צו באַזוכן דעם דעמאָלטיקן פּרעזידענט פון לאַנד, טעאָדאָראָ פּיקאַדאָ־מיכאַלסקי, אַ ליבעראַל, וועמענס רעגירונג האָט אַפילו אין יענע לענדער געהאַט אַ שם פאַר אַ לינקער, און אים פרעגן, פאַרוואָס ער דערלאָזט אין זיין לאַנד אַזעלכע אָפענע אַרויסטרעטונגען קעגן יידן. שוין ביים סאַמע פּרעזידענטן־פּאַלאַץ זענען מיר איבערגעשניטן געוואָרן פון אַ מיליטערישן פּאַראַד: דער פּרעזידענט האָט אויפגענומען אַן אויסלענדישן אַמבאַסאַדאָר, וואָס האָט אים איבערגעגעבן זיינע קרעדענציאַלן; אַן אָרקעסטער האָט געשפּילט די נאַציאָנאַלע הימנען פוןביידע לענדער, אַן אָפּטיילונג פון דער קאָסטאַריקאַנער קליינער אַרמיי — די קלענסטע אין יענע לענדער — האָט פּאַראַדירט; דער פּרעזידענט און דער אַמבאַסאַדאָר, אָנגעטון אין גאַלאַ. צוקוקנדיק זיך צו דער צערעמאָניע, איז מיר געקומען אויפן געדאַנק דער ביטערער גורל פון מיין אייגן פאָלק... אַ פאָלק, ווי די קאָסטאַריקאַנער, וואָס פאַרמאָגט קוים אַריבער אַ האַלבן מיליאָן איינוווינער, האָט אַן אייגענע רעגירונג, אַן אַרמיי, אַ לאַנד, — און מיר? נאָך די שחיטות און גאַז־אויוונס פאַרמאָגן מיר היינט צו טאָג אַריבער צען מיליאָן יידן, און מיר דאַרפן איצט בעטן רחמים ביי ענגלאַנד אַריינצולאָזן היימלאָזע יידן קיין ארץ־ישראל... איך האָב דאַן מיינע געפילן נישט געקענט קאָנטראָלירן און זיי אַרויסגעזאָגט צום קובאַנער שטאַטסמאַן: „איך קען אייך פאַרזיכערן — האָט גוסטאַוואָ גוטיערעז מיר געענטפערט — עס וועט נישט נעמען לאַנג און איר וועט זען ווי אַ יידישער מיניסטער וועט אויפגענומען ווערן מיט אַזאַ פּאַראַד און איר וועט הערן זינגען אייער נאַציאָנאַלן הימן..." אינגאַנצן צוויי יאָר שפּעטער האָב איך געזען אַ סך פּאַראַדן פון אונדזער זיגרייכער אַרמיי מאַרשירן איבער די גאַסן פון תל־אביב. נאָך אַ יאָר שפּעטער האָבן אָפּטיילונגען פון דער אַמעריקאַנער אַרמיי געפירט אין אַ פּאַראַד דעם פּרעמיער פון יידישן היימלאַנד איבער די ניו־יאָרקער גאַסן צום סיטי־האָל (ראַטהויז) און הונדערט טויזנט יידן האָבן, מיט טרערן פון פרייד, געזונגען די התקוה. — האָב איך זיך דערמאָנט אין יענעם קור־

באַנער שטאַטסמאַן, ווי אין די ווערטער פון איינעם פון די חסידי אומות העולם; זיי זענען מקוים געוואָרן.

דער פרעזידענט פון קאָסטאַ ריקאַ איז געווען באַשעפטיקט. אויפגענומען האָט אונדז דער דערציִונגס־מיניסטער — אַן אַלטער סימפּאַטישער מאַן, אַקאָסטאַ. ווען מיין באַגלייטער האָט מיך פאַר אים פאָרגעשטעלט: „אַ ייִדישער זשורנאַליסט", האָט דער אַלטער, נאָבעלער שטאַטסמאַן מיר פאַרזיכערט, אַז ער אַליין שטאַמט פון ייִדן... ער האָט מיר צוגעזאָגט צו אַראַנזשירן אַ באַגעגעניש מיטן פרעזידענט. ווען איך האָב מיטן פרעזידענט, אַ פּאָר טעג שפּעטער, געהאַט אַן אינטערוויו, און באַרירט דעם ייִדישן פּראָבלעם אין קאָסטאַ ריקאַ, האָט ער מיר געענטפערט: אונ־דזער לאַנד איז אַ דעמאָקראַטיע, ווו עס הערשט פרייע פּרעסע, און מ'קען קיינעם נישט פאַרבאָטן שרייבן און רעדן וואָס ער וויל; איך פאַרזיכער אייך אָבער — האָט ער צוגעגעבן — אַז די פּאָליציי שטייט אויף דער וואַך... (דער ברודער פון פרעזידענט איז טאַקע געווען דער פּאָליציי־שעף). פּיקאַדאָ־מיכאַלסקי מאַכט אַ פיינעם אינטעליגענטן איינדרוק. ער איז דער זון פון אַ קאָסטאַריקאַנער באַרימטן אַדוואָקאַט וואָס האָט שטודירט אין פּאַריז און זיך דאָרט פאַרליבט אין אַ פּוילישע מיידל; ער טראָגט טאַקע די נעמען פון טאַטע און מאַמע — פּיקאַדאָ־מיכאַלסקי, און די גאַנצע צייט פון זיין פרעזידענטשאַפט האָבן די שונאים אים גערופן „פּאָ־ליאַקאָ". די אַנטיסעמיטן האָבן זיך באַנוצט מיט דעם, אָנווייזנדיק, אַז די „פּאָ־ליאַקאָס" (אַזוי רופט מען דאָרט די ייִדן) האָבן פאַרכאַפּט דאָס לאַנד און איינער פון זייערע מענטשן איז דער פרעזידענט פון קאָסטאַ ריקאַ...

***

רעגירונגען האָבן זיך אין קאָסטאַ ריקאַ שנעל געביטן, אָבער דער ייִדישער פּראָבלעם איז אַלץ געבליבן דער זעלבער... ווען איך בין לעצטנס פאַרבייגעפלויגן קאָסטאַ ריקאַ, אויפן וועג פון פּאַנאַמאַ קיין ניקאַראַגואַ, זענען דאָרט פאָרגעקומען גאָר שאַרפע אַרויסטרעטונגען קעגן ייִדן; די לאַגע איז דאָרט געווען אַזאַ ערנסטע, אַז מ'האָט מורא געהאַט פאַר בלוט־פאַרגיסונג. די איצטיקע רעגירונג פון פרע־זידענט האָט נישט געמאַכט קיין פאַרזוך אָפּצושטעלן די שרעקלעכע ייִדן־שנאה, „נאָר דאַן, ווען עס וועט קומען צו בלוט־פאַרגיסונג — האָט דער פרעזידענט דערקלערט די אויסלענדישע קאָרעספּאָנדענטן — וועט די רעגירונג זיך אַריינ־מישן". ווען אַ ייִדישע דעפּוטאַציע האָט געפאָדערט ביי אַן אוידיענץ, ער זאָל באַשיצן זייערע פאַרמעגנס און לעבנס, האָט דער פרעזידענט געענטפערט: „אונטער דער קאָסטאַריקאַנער קאָנסטיטוציע האָט יעדער רעכט אויסצודריקן זיין מיינונג שריפטלעך אָדער דורך ווערטער; איר קענט אייערע קלאָגעס ברענגען פאַרן קאָנגרעס און ער קען אָננעמען לעגאַלע מיטלען..." אין זעלבן קאָנגרעס געפינט

זיך איצט אַ פּראָיעקט, אַריינגעטראָגן פון אַנטיסעמיטישע קאָנגרעסלייט, וואָס צילט צו נאַציאָנאַליזירן דעם האַנדל, פאַרבאָטן אויסלענדער צו האָבן געשעפטן, און אונטערנעמונגען זאָלן געהערן נאָר צו קאָסטאַריקאַנער בירגער. די לאַגע האָט אָנגענומען אַזאַ דראָענדע גפאַר, אַז אין דער לעצטער מינוט האָט זיך די רעגירונג דערשראָקן, אַז די צוגעגרייטע מאַסן־דעמאָנסטראַציע קעגן די ייִדן איבער די גאַסן זאָל נישט אויסגענוצט ווערן פון אירע פּאָליטישע קעגנער קעגן איר אַליין. האָט דער זיכערהייטס־מיניסטער פאַרבאָטן די דעמאָנסטראַציע אָפּצוהאַלטן אין גאַס, נאָר אין זאַל, אינעווייניק ביי פאַרמאַכטע טירן.

ייִדן האָבן זיך אָנגעהויבן צו באַזעצן אין דעם לאַנד מיט אַ זעכציק יאָר צוריק, ווען עטלעכע צענדליק ספרדישע משפחות זענען אָנגעקומען אַהינצו פון קוראַסאַאָ און פון אַנדערע קאַריבעיִשע אינדזלען. זיי האָבן זיך שנעל אויסגעמישט מיט די קאָסטאַריקאַנער.

אַן ערך זעקס טויזנט ייִדישע נפשות געפינען זיך אין לאַנד. דער גרעסטער טייל פון זיי וווינט אין דער הויפּטשטאָט סאַן כאָסע. אויך דאָרט האָבן ייִדן געהאָלפן אַנטוויקלען די אינדוסטריע פון לאַנד און אַ סך בייגעטראָגן צו איר וווּקס, באַזונדערס די טעקסטיל, לעדער און מעבל־אינדוסטריע. קאָסטאַ ריקאַ איז אַ קליין לענדל, די מעגלעכקייטן זענען דאָרט נישט אַזוי ווי אין די גרעסטע לאַטיין־אַמעריקאַנער לענדער; עס זענען נאָך ביזן היינטיקן טאָג דאָרטן פאַראַן אַ גאַנץ גרויסע צאָל ייִדישע אימיגראַנטן, וואָס ציִען זייער חיונה פון קליִענטעלע.

אין דער אָרעמסטער געגנט פון סאַן כאָסע געפינט זיך דאָס קאָפע־הויז, ווו עס קומען זיך צוזאַמען טאָג־טעגלעך אונדזערע ייִדן צו כאַפּן צוזאַמען אַ היימישן שמועס, אָדער גלאַט אַזוי הערן אַ ייִדיש וואָרט. דאָס קאָפע־הויז ווערט גערופן אויפן נאָמען פון דער בעל־הביתטע, „קאָפע ראַצע”. איר קענט דאָרט באַקומען אַ היימיש מאכל, — וואָס האָט טאַקע אַ היימישן טעם, — געפילטע פיש, ציבעלע־פלעצלעך און אַפילו היימישע קנישעס. ייִדן פון סאַן כאָסע זענען צום גרעסטן טייל לאַנדסלייט; מען קען איינער דעם אַנדערן פון דער היים. דאָס זענען ייִדן פון צוויי שטעטלעך פון פּוילן: זשעליכאָוו און אָסטראָוצע. יעדער קען דאָרט דעם אַנדערנס יחוס. רעשט זיך דאָרט אַ גאַנצן טאָג מיטן אמתן פּוילישן אימפּעט — אַ שטיק אַמאָליקע נאַלעווקעס האָט זיך פאַרקליבן דאָ אין דער ווייטקייט, מיט אַלע אירע קאָלירן און פאַרבן. דער פּוילישער ייִד האָט אין זיך אַ מין אומרויִקע באַוועגלעכקייט, און ווו איר זאָלט נישט קומען, אין עק וועלט, וועט איר אים צווישן אַנדערע ייִדן גלייך דערקענען.

אין אָט דעם קליינעם ישוב פון איבער טויזנט ייִדן טרעפט איר אַזאַ טומל, וואָס איז גרעסער ווי אין אַנדערע ישובים, ווו עס געפינען זיך צען מאָל אַזוי פיל ייִדן. עס ברענגט לעבן, באַוועגלעכקייט, און אַ סך איניציאַטיוו; עס פאַרטרייבט

די עלנטקייט און אומעט. פּוילישע ייִדן האָבן אין זיך דאָס שבת־יום־טובדיקע וואָס י. ל. פּרץ האָט אַזוי כאַראַקטעריזירט: מען קהלט זיך, מען גיט איינער דעם אַנ־דערן עצות, מען קריגט זיך, און מען בעט זיך איבער. מען חלומט פון לענדער ווו עס איז גוט פאַר ייִדן.

דער ערשטער טיפּ, מיט וועלכן איך האָב געשלאָסן מיין ערשטע באַקאַנטשאַפט אין „קאַפע ראַצע", האָט זיך אין קאָסטאַ ריקאַ אויסגעזוכט אַ ספּעציפישן מסחר: ער, פּליקער, קויפט אָפּ ביי ייִדן זייער חלק עולם הבא... אויך אויף מיין חלק איז אָט דער ייִד געווען אַ בעלן, נישט געקוקט וואָס איך האָב אים פאַרזיכערט, אַז קיין גאָר גרויסן חלק וואַרט אויף מיר נישט דאָרט אויף יענער וועלט... אָבער דער ייִד איז געווען גרייט מיט מיר צו שליסן די טראַנזאַקציע...

פאַרנאַכט, ווען דאָס קאַפע־הויז איז געווען געפּאַקט, האָט איינער דעם אַנדערן דערציילט די גליקן פון אַ גאַנצן טאָג אַרומלויפן. קענט איר דערפון זיך דערוויסן די שווערע פּרנסות צו וועלכע מען האָט זיך גענומען, כדי צו מאַכן אַ לעבן. איינער טראָגט אַ פּעקל — די באַרימטע לאַטיין־אַמעריקאַנער פּרנסה; אַ צווייטער, האָט זיך שוין אַרויפגעאַרבעט אויף אַ שטיקל דרך; דער דריטער באַקומט סחורה געשיקט פון אַמעריקע, און שניידט זיך אויף אַן אימפּאָרטער פון אויסלענדישע סחורות. מען דערציילט זיך איינער דעם אַנדערן וועגן די „טשוועקעס", מיט וועלכע מען האָט גרויסע צרות — זיי ווילן נישט באַצאָלן די חובות; אַנדערע — גיבן עצות.

אין אַ ווינקל זיצן אַ חברה גרינע און כאַפּן אַ שמועס וועגן אַן אַנדער לעבן וואָס מען האָט אַמאָל געפירט, און אַז עס איז דאָ ענג, מ'וואָלט זיך געדאַרפט אַרויסכאַפּן אין אַ גרעסערן ייִדישן ישוב. אָבער... ווו האָט מען דאָס געלט און די כוחות?... אייניקע טראַכטן וועגן פאָרן טאַקע גלייך קיין ישראל; אַנדערע האָבן שוין באַקומען צוגעזאָגט וויזעס קיין אַמעריקע.

דאָס ווינקל, דאַכט זיך אייך אויס, איז אייך אַזוי נאָענט באַקאַנט... ערשט מיט אַ קורצע צייט צוריק האָט איר זיי געזען אין איטאַליע, אַרום „וויאַ יוניאָנע", אין מילאַנאָ, אין דעם „ייִדישן קאַפע" אין עקוואַדאָר... די זעלבע פּנימער, די זעלבע טענות און עוולות און די זעלבע פּלענער.

שפּעט ביינאַכט, ווען דאָס קאַפע־הויז האָט זיך אָנגעהויבן אויסליידיקן, האָט איר באַלד געקענט אונטערשיידן צווישן די וואָס האָבן יאָ משפּחות, צו וועמען אַהיים צו גיין, און צווישן די, אויף וועלכע עס וואַרט אַ האַרט געלעגער ערגעץ ווו, אין אַן איינזאַם צימערל, וואָס ווערט נאָך איינזאַמער אין דער פרעמדער און ווייטער עלנטקייט. אין רעש און טומל האָבן זיי זיך נישט אַרויסגעזען. איצט אָבער זיצן זיי איינזאַמע, יעדער אויף אַ באַזונדער בענקל. דער עלנט שרייט אַראָפּ פון זייערע בענקענדיקע פּנימער. זיי דערפילן, איצט נאָך האַלבער נאַכט, זייער ווייטיק

שטאַרקער און גרעסער; דערמאָנען זיך אין די פייערן פון די קרעמאַטאָריעס, ווו עס זענען פאַרברענט געוואָרן זייערע נאָענטע. אַנדערע פון זיי זענען שוין אין דעם טראָפּישן ווייטן לענדל לאַנג־יאָריקע תושבים. דאָ האָט מען אויף די הייסע, פרעמ־דע גאַסן צעטרענצלט די יונגע בחורישע יאָרן... אַנדערע ווידער האָבן פון מויל אָפּגעשפּאָרט אויף שיפסקאַרטן, כדי צו ברענגען דאָס ווייב מיט די קינדער פון פוילן, און אַז מען האָט דערלעבט די גליקלעכע מינוט — זענען געקומען די נאַציס און זיי פאַרברענט אין די גאַז־קאַמערן. ווו זאָלן זיי איצט גיין נאָך האַלבער נאַכט? וועמען וואַרט אויף זיי אין איינזאַמען צימערל? קוקט מען אין דער אומבאַ־קאַנטער ווייטקייט... מען וויל זיך כאָטש עפּעס ווען דערמאָנען, כאָטש די פּנימער פון פרוי און קינד...

איינער פון זיי האָט זיך דערנענטערט צו מיין טיש: — „מען קען מיט אייך רעדן?" — „זיכער" — האָב איך אים אָפּגעענטפערט. — „איר פאַרשטייט — האָט ער נאָך אַלץ נישט אַ זיכערער אָנגעהויבן: — איר זענט דאָך אַ וועלט־מענטש, אַ שרייבער... וועט איר מיר זיכער געבן אַן עצה. איך — האָט ער אָנגעהויבן, ווי ער זאָל זיך פאַר מיר וועלן פאַרענטפערן — איך האָב דאָך נישט געקענט פטרן מיינע יונגע יאָרן. קיין יידישע מיידלעך זענען נישט געווען, האָב איך חתונה גע־האַט מיט אַ היגע, אַ שטילע גוטע פרוי. מיר האָבן צוויי פיינע קינדערלעך, אַלץ וואָלט געווען גוט, זי האָט זיי טאַקע דערצויגן קאַטויליש, אָבער וואָס האָט עס מיך געאַרט? קיין צדיק בין איך קיינמאָל נישט געווען, איך בין נישט רעליגיעז. איצט אָבער, ווען די נאַציס האָבן אין אָשוויענטשים פאַרברענט מיין פאָטער, האָב איך זיין בילד אויפגעהאָנגען ביי מיר אויף דער וואַנט. דאָס איז מיין איינציקער זכר... האָט זי דאָס בילד פון דער „הייליקער מאַריע" אויפגעהאָנגען פונקט נעבן מיין פאָטערס... „ביידע, זאָגט זי, זענען הייליקע". ווען איך האָב זיך אין אַ נאַכט אויפגעכאַפּט, האָב איך זי דערזען קניענדיק פאַרן בילד פון מיין פאָטער און די הייליקע מאַריע... אדרבה — קוקט ער אויף מיר — איר זענט דאָך אַ מאָדערנער מענטש, גיט מיר אַן עצה... זאָל איך זי, מיין ווייב, און קינדער איבערלאָזן? אדרבא?..."

*****

קאָסטאַ ריקאַ האָט דעם געזונטסטן קלימאַט אין די צענטראַל־אַמעריקאַנער לענדער, די גאַסן סיסטעמאַטיש צוזאַמענגעשטעלט. זעלטן ווען איר זעט דאָרט אַ ברוין־הויטיק אָדער שוואַרץ פּנים. דער גרעסטער טייל קאָסטאַריקאַנער קוקן אויס ווי אייראָפּעער. פאַרשטייט זיך, אַז איר געזונטער קלימאַט האָט דאָ אַ סך צו זאָגן, אָבער דאָס איז נישט די סיבה וואָס איר באַפעלקערונג איז אַ ווייסע. קאָסטאַ ריקאַ האָט אַמאָל מיט יאָרן צוריק געלייזט איר „אינדיאַנער־פּראָבלעם" אויף אַ גאַנץ „פּשוטן" אופן... די ערשטע דעראָבערער פון לאַנד האָבן אַן צערע־

מאָניעס ליקווידירט די אינדיאַנער — איז צוליב דעם אַ ריינע ווייסע ראַסע. איר דערציִונגס־סיסטעם איז דער בעסטער אין צענטראַל־אַמעריקע: מיט אַ נעץ פון העכערע אוניווערזיטעטן, טעכניקומס, עקאַנאָמיק, אַדוואָקאַטור און דענטיסטעריי. אין יאָר 1941 זענען אַלע פאַראייניקט געוואָרן אונטער איין נאַ־ציאָנאַלן אוניווערזיטעט. פאַראַן אין סאַן כאָסע, די הויפּטשטאָט מיט אַ באַ־פעלקערונג מיט עטוואָס אַריבער זעקס און אַכציק טויזנט איינוווינער, אַן אָרקעס־טער וואָס פּאַסט זיך פאַר אַ מיליאָנען־שטאָט. אַזוי פאַרמאָגט די שטאָט אויך אַן אייגענע אָפּערע, וואָס האָט נאָך מיט אַ פערציק יאָר צוריק אָפּגעקאָסט אַ מיליאָן דאָלאַר. בעת מען האָט די נאַציאָנאַלע אָפּערע געבויט, האָט מען אַהינצו געבראַכט קינסטלער־אַרכיטעקטן פון איטאַליע, זיי זאָלן די מאַלערייען און דעקאָראַציעס צופּאַסן צו דעם כאַראַקטער און אויסדרוק פון לאַנד, וואָס זאָל מיט זיך פאָר־שטעלן קאַפע און באַנאַנעס — די הויפּט־פּראָדוקציע פון לאַנד. די דאָרטיקע אָפּערע קען זיך פאַרגלייכן מיט „בעזשאַ־אַרטעס־טעאַטער" אין מעקסיקע און טעאַטער קאָלאָן אין בוענאָס־איירעס. אַ האַלב טוץ צייטונגען דערשיינען אין סאַן כאָסע, חוץ דעם אַ רייע זשורנאַלן און מאַגאַזינען, צווישן זיי דער ליבעראַלסטער זשורנאַל „על רעפּאָרטאָריאָ אַמעריקאַנאָ".

קאָסטאַ ריקאַ צייכנט זיך אויך אויס מיט דער שיינקייט פון אירע פרויען, וואָס איר זעט נישט אין גאַנץ צענטראַל־אַמעריקע. עס איז מיר געוואָרן אויפ־פאַלנד, ווען איך האָב געזען איבער די גאַסן פון סאַן כאָסע שיינע, יונגע פרויען, אָנגעטון אין קליידער ווי גלחטעס, באַהאָנגען מיט הייליקע בילדער, — האָט מען מיר געזאָגט, אַז דאָס זענען פרויען וואָס האָבן זיך מתודה געווען אויף זייער זינד, און כדי אָפּצוקומען די שטראָף זייערע, מוזן זיי אַזוי אַרומגיין אַ יאָר צייט אין די קליידער פון דער קירכע, כדי יעדער זאָל זען, אַז זיי האָבן געזינדיקט און זענען איצט נזירות...

נישטאָ קיין זיכערער דאַטום וועגן איר אַנטדעקונג. וואַרשיינלעך, האָט קאָ־לומבוס דאָס לאַנד אַנטדעקט אין יאָר 1502, און אין יאָר 1530 איז זי געוואָרן אַ שפּאַנישע פּראָווינץ, רופנדיק זיך מיטן נאָמען „קאָסטאַ ריקאַ" (דער רייכער ברעג). אויף איר שטח, וואָס איז אינגאַנצן ניינצן טויזנט צוויי הונדערט מיט עפּעס סקווער מייל, געפינט זיך אַ באַפעלקערונג פון זיבן הונדערט און פינף און ניינציק טויזנט איינוווינער. אַריבער זיבן און ניינציק פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג זענען ווייסע; איינס אַ האַלב פּראָצענט — שוואַרץ, און קוים איין פּראָצענט — אינדיאַנער. אין יאָר 1821, ווען די צענטראַל־אַמעריקאַנער לענדער האָבן רע־וואָלטירט קעגן שפּאַניע, איז זי געוואָרן אַן אומאָפּהענגיקע רעפּובליק פאַר זיך. ביזן יאָר 1838 איז זי געווען אַ מיטגליד פון דער צענטראַל־אַמעריקאַנער יוניאָן. חוץ קליינע טעריטאָריאַלע סכסוכים מיט אירע צוויי שכנים, פּאַנאַמאַ און ניקאָ־

ראַגוואַ, זענען דאָרט נישט פאָרגעקומען קיין רעוואָלוציעס, ווי אין די אַנדערע אַרומיקע לענדער. ערשט אין יאָר 1948 האָט דאָרט אויסגעבראָכן אַ בירגערקריג וואָס האָט אָפּגעקאָסט אַ סך קרבנות. ביי די וואַלן, וואָס זענען דאַן פאָרגעקומען, האָט אָטילאָ אולאַטע בלאַנקאַ באַזיגט דעם צווייטן פרעזידענט־קאַנדידאַט פון דער רעגירונגס־פּאַרטיי. פרעזידענט פיקאַדאָ־מיכאַלסקי און דער געוועזענער פּרע־זידענט ראַפאַעל קאַלדעראָן גוואַרדיאַ האָבן נישט געוואָלט דערלאָזן זיין דערוויי־לונג, און דער קאָנגרעס האָט די וואַל אַנולירט. דאָס האָט געפירט צו אַ בירגער־קריג צווישן די אָנהענגער פון פרעזידענט און פון ניי־דערוויילטן פּרעזידענט, וועמען די קעגן פאַרטיי האָט פאָרגעוואָרפן, אַז זיי זענען פאַלאַנגיסטן און פאַשיסטן.



דער לופט־פּאָרט פון סאַן כאָסע

צוזאַמען מיט דעם ניי־דערוויילטן פּרעזידענט האָט אויך געקעמפט כאָסע פיגערעס, אויך אַ געוועזענער קאָסטאַריקאַנער פּרעזידענט, וואָס האָט מיט אַ צייט צוריק געמאַכט אַ רייזע קיין ישראל און אָנגעשריבן אַ באַגייסטערטן אַרטיקל וועגן דעם וואָס ער האָט דאָרט געזען.

דער בירגערקריג אין קאָסטאַ ריקאַ איז נישט פאַרבליבן קיין לאָקאַלער; די אַנדערע צענטראַל־אַמעריקאַנער לענדער האָבן געהאָלפן ביידע קעמפנדיקע צדדים. צוליב אייגענע אינטערעסן האָבן זיך דאָ געביטן די יוצרות... די לינקע רעגירונג פון פּרעזידענט כאָסע אַרעוואַלאָ אין גואַטאַמאַלאַ האָט געהאָלפן מיט אַעראָפּלאַנען און אַמוניציע דער רעכטער פאַלאַנגיסטישער רעגירונג פון אָטילע אולאַטע בלאַנקאַ,

און די רעכטע רעגירונג פון פּרעזידענט אַנאַסטיסאָ סאָמאָזאַ פון ניקאַראַגואַ, האָט געהאָלפן די לינקע רעגירונג פון פּרעזידענט פּיקאַדאָ־מיכאַלסקי. די רעבעלן זיינען געלונגען צו פאַרכאַפּן די עראָפּלאַנען פון די אַמעריקאַנער טראַנספּאָרט־קאָמפּאַניעס דאָרט, זיי פאַרוואַנדלט אין באָמבאַרדיר־עראָפּלאַנען; מיט דער הילף פון די עראָפּלאַנען געבראַכט אַמוניציע פון גואַטעמאַלאַ. דעם צוואַנציקסטן אַפּריל האָבן די רעגירונגס־כוחות זיך אונטערגעגעבן; עס איז געגרינדעט געוואָרן אַ כונטאַ וואָס האָט געשאַפן אַ נייע קאָנסטיטוציע און באַשטעטיקט די וואַל פון פּרעזידענט אַטילאַ אולאַטע בלאַנקאַ.

אין פּאַנאַמאַ קאַנאַל

דאָס ערשטע וואָס וואַרפט זיך אין די אויגן דעם ניי־געקומענעם אין פּאַנאַמאַ, איז דער גרויסער קאָנטראַסט צווישן די צוויי שטעט וואָס זענען אַזוי נאָענט איינער צום אַנדערן — קריסטאָבאַל און קאָלאָן. קריסטאָבאַל איז די אַמעריקאַנער זאָנע, קאָלאָן — פּאַנאַמאַ. קריסטאָבאַל איז אַן אַמעריקאַנער פּרעכטיקע פּראָווינץ־שטאָט ערגעצוו אין ניו ענגלאַנד, אויסגעבויט שיין, ציכטיק און מאָדערן, די גאַסן געפּלאַסטערט, פּאַלמען־ביימער אַרום די הייזער, וואָס פאַרשטעלן די ברענענדיקע זון, קלובן, רעסטאָראַנען, וווּ איר באַקומט אַמעריקאַנער שפּייזן, מיט דער באַקאַנטער אַמעריקאַנער ריינקייט און היגיענע, וואָס שפּיגלט אַרויס פון יעדן ווינקל; אין די קאַפעטעריעס קומען א סך „פּאַנאַמעניענס" זיך איבערכאַפּן דאָס האַרץ ביי די אַמעריקאַנער „גרינגאָס"... קאָלאָן איז ענלעך צו א פּאָרט־שטאָט ערגעצוו אין מיטעלן מזרח. די היץ ברענט דאָרט אומרחמנותדיק, די לופט פול מיט פייכטקייט, דער רעש און טומל גייט דאָרט אָן בייטאָג און ביינאַכט, דער אויסקוק פון די הויפּטגאַסן, די פּנימער, און די סצענעס וואָס מען באַגעגנט דאָרט, דערמאָנען אייך די גאַסן אַרום פּאָרט אין אַלעקסאַנדריע. אַ פּאָר שריט אַוועק פון אַמעריקאַנער פּערטל — פּאַרביקע דיוואַנעס און פאַרשיידענע קאָלירן ערגעצוו פון באַגדאַד, יאַפּאַנעזישע קימאָנעס, זיידענע שירעמס פון די פיליפּינען, מעקסיקאַנער „פּאָנטשאָס", עקוואַדאָריאַנער שטרויענע קאַפּעליושן „מעיד אין פּאַנאַמאַ" (די באַקאַנטע פּאַנאַמאַ קאַפּעליושן), אַ שאַרפער ריח פון מאָדנע מאכלים וואָס ווערן טאַקע אויפן אָרט צוגעגרייט צו אייער געשמאַק... אויסגעמישט מיטן ריח פון ביליקע פּערפומען און פּודער פון דער באָבע יאַכנעס צייטן; אַלץ האָט דאָ אַהער געפונען אַ וועג, לעגאַל אָדער אומלעגאַל. פאַרשיידענע „מציאות־פּאַרקויפער" אין מאַטראָזן־היטעלעך פון צענדליקער שיפן פון דער וועלט באָטן אייך אָן קאָנטראַבאַנד פון זייערע שיפן וואָס שטייען דאָ אין פּאָרט.

פּאַנאַמאַ פאַר זיך אַליין, איז דער גרעסטער אינטערנאַציאָנאַלער פּאָרט אין דער וועלט. ביז פאַר דער מלחמה איז פּאַנאַמאַ געווען אַ פרייער פּאָרט, וווּ עס זענען געקומען אַוואַנטוריסטן און גלאַט פאַרדעכטיקע טיפּן פון אַלע עקן וועלט, אויסגעשפּיגענע אונטערוועלט־מענטשן, וועמען די ערד און די לופט זענען ערגעץ וווּ אין א לאַנד הייס געוואָרן, האָבן דאָ געקענט לאַנדן. דאָ האָבן ביידע ימען אויס־

געשפּיגן געשטראַנדעטע מאַטראַסן פֿון אַלע זיבן ימען, מיט דעם געזאַלצענעם ריח פֿון ים־וואַסער אין זייערע קליידער און ווילדער אומבאַגרענעצטער תאווה. דער־מאָנט פּאַנאַמאַ אַזוי פֿיל פּאַרדעכטיקע נאַכט־לאָקאַלן. אין קאָלאָן אַליין, דער צווייטער פּאָרט פֿון פּאַנאַמאַ, זענען פֿאַראַן טויזנט אַזעלכע לאָקאַלן, פֿון וואַנען עס טראָגט זיך טאָג און נאַכט אַ ווילדער דזשאַז. דאָ האָט איר אַ גאַנצע פֿעלקער־ליגע, פֿון אַלע נאַציאָנען: יאַפּאַנעזער, טערקן, גריכן, אינדיאַנער, הינדוסן, שפּאַניער, כינעזער. נישטאָ אַ ראַסע אויף דער וועלט, וואָס איז דאָ נישט פֿאַרטראָטן. צו דעם קומען ערשט צו די מישלינגען, וואָס זענען אַ פּראָדוקט פֿון דער אומבאַשרייבּ־לעכער אויסגעלאַסנקייט וואָס הערשט דאָרט. דאָס זענען די מיאוסטע מענטשן, וועלכע עס איז מיר אויסגעקומען צו זען. דאָס פּנים פֿול מיט משונהדיקע פֿלעקן, אַ מין קינס צייכן פֿאַר דער זינד פֿון עלטערן. די היץ ברענט דאָ אומברחמנותדיק, און דאָס פֿאַרגרעסערט די אומבאַגרענעצטע תאווה. אין הייס־גליענדע נעכט, ווען איר קומט צו אַ געוויסער געגנט, ווו עס שטייט אין ענגליש אויפֿגעשריבן: דאָ איז דער אַריינגאַנג פֿאַר אַמעריקאַנער סאָלדאַטן פֿאַרבאָטן״, קענט איר הערן אין אַלע שפּראַכן ליבעס־דערקלערונגען.

די הייזער זעען אויס ווי אַלטע טורמעס. די פֿענצטער אַרומגעצוימט מיט גרויסע מאַסיווע אײַזערנע שטאַכעטן, וואָס יאָגן אויף אײַך אָן אַן אומהיימלעך געפֿיל. אָפּט קוקן פֿון אָט־די שטאַכעטן צו אײַך אַרויס גליענדע אויגן פֿון פֿאַר־דעכטיקע טיפּן, אַפֿילו אין דער שפּעטער שעה נאָך האַלבער נאַכט הערט זיך פֿון אַלע זייטן אַ שכּור געזאַנג.

דער „פּאַנאַמעניען״ איז זאָרגלאָז און לוסטיק אַפֿילו דאַן, ווען ער האָט ניט מיט וואָס איבערצולעבן דעם טאָג. אַזוי איז אויך דער אינטערנאַצ׳אָנאַלער וואַנטוריסט, וואָס איז אויסגעשפּיגן געוואָרן פֿון די מוטנע וואַסערן פֿון ביידע ימען אויף די הייס־גליענדע גאַסן פֿון פּאַנאַמאַ.

פּאַנאַמאַ, וואָס איז אַמאָל געווען אַ טייל פֿון קאָלאָמביע און איז אין יאָר 1888 געוואָרן אַ זעלבסטשטענדיקע רעפּובליק, פֿאַרנעמט אַ שטח פֿון פֿיר און דרייסיק טויזנט קוואַדראַט מייל. זי פֿאַרמאָגט אַרום זיבן הונדערט זעקס און פֿערציק טויזנט איינוווינער, פֿון וועלכע אַ פֿערטל וווינען אין די שטעט קאָלאָן און פּאַנאַמאַ, די הויפּטשטאָט פֿון לאַנד. די איבעריקע טיילן פֿון לאַנד זענען באַדעקט מיט ווילדע דזשאָנגלס און בערג. אירע נאַטירלעכע אוצרות זענען: אויל, גאָלד, קופּער, אײַזן און קוילן. ניינציק פּראָצענט פֿון איר עקספּאָרט וואָס באַשטייט הויפּטזאַכלעך פֿון באַנאַנעס, רייז, קאַפֿע, צוקער, קאַרטאָפֿל — קויפֿט אַמעריקע. אַ העלפֿט פֿון איר באַפֿעלקערונג איז באַשעפֿטיקט ביים פּאַנאַמאַ קאַנאַל; אַריבער פֿופֿציק מיליאָן דאָלאַר אַ יאָר צאָלט די אַמעריקאַנער רעגירונג אויס שכירות צו אירע סאָלדאַטן און ציווילע אָנגעשטעלטע אין פּאַנאַמאַ־קאַנאַל. אין מלחמה צייט איז די דערמאָנטע סומע אַ סך גרעסער געווען; אַמעריקע זאָל אָפּשטעלן די צאָלונגען בלויז אויף איין חודש און אויפֿהערן איר אַרבעט דאָרט, וואָלט די רעפּובליק, וואָס איז אינגאַנצן

אַזוי גרויס ווי די אַמעריקאַנער שטאַט אין דער מיטל־וועסט — מינעאַפּאָליס, צו־זאַמענגעבראַכן.

חוץ די אַרבעט אין פּאַנאַמאַ־קאַנאַל, האָט אויך די אַמעריקאַנער רעגירונג אָן אָפּמאַך לויט „פּונקט פיר“, — דורכפירן אַ געזונטהייט און סאַניטאַרישן פּראָ־יעקט, — די טראָפּישע קראַנקהייטן, ווי געלער פיבער און מאַלאַריע, וואָס זענען ביז ערשט נישט לאַנג געווען פאַרשפּרייט אין פּאַנאַמאַ, זענען אַ דאַנק דעם פּראָיעקט באַזייטיקט געוואָרן.

פּאַנאַמאַ ליידט פון אַ סוב־טראָפּישן קלימאַט. נישט בלויז איז דאָרט זייער הייס די לופט, נאָר אַפילו די „פּאָליטישע לופט“ דאָרט איז שטענדיק אָן אָנגע־גליטע און פול מיט דינאַמיט, וואָס רייסט אויף פון צייט צו צייט... מיט אַ דריי יאָר צוריק האָט דאָרט פּאַסירט, אַז אין איין וואָך האָט פּאַנאַמאַ געהאַט דריי פּרע־זידענטן... אייגנטלעך איז דער דאָרטיקער פּאָליציי־שעף דער הערשער פון דער רעפּובליק; ער מיט זיינע דריטהאַלבן טויזנט פּאָליציי זענען צו דער זעלבער צייט אויך די אַרמיי פון לאַנד. זעצט אַראָפּ און אַרויף פּרעזידענטן... ווען דער דעמאָלטי־קער פּרעזידענט טשעניס, האָט דעם פּאָליציי־שעף כאָסע רעמאָן פאַרגעוואָרפן, אַז ער איז פאַרמישט אין אַ מאַנאָפּאָל פון שלאַכטהייזער און אָמניבוס־קאָמפּאַניעס, וועלכע באַרייסן די באַפעלקערונג, האָט דער פּאָליציי שעף אַראָפּגעוואָרפן דעם פּרעזידענט און אַליין איבערגענומען די רעגירונג. אַ פּאָר טעג שפּעטער האָט ער אַזוי מאַניפּולירט, אַז אַרנולפאָ אַריאַס איז פּלוצים אויסגעוויילט געוואָרן פאַר פּרעזידענט פון פּאַנאַמאַ. און... אַ קורצע צייט בלויז, נאָכדעם ווי יענער האָט מיט דער הילף פון פּאָליציי־שעף איבערגענומען די פּרעזידענטשאַפט, האָט אים דער זעלבער פּאָליציי־שעף אַראָפּגעזעצט און אַרעסטירט... מיט דעם נאָמען אַרנולפאָ אַריאַס, איז פאַרבונדן אַ גאַר וויכטיקע פּאַסירונג אין דער פּאָליטיק פון פּאַנאַמאַ, וואָס האָט נאָך אַ וויכטיקערע באַדייטונג פאַר אַמעריקע.

אין סאַמע מיט מלחמה, ווען דער פּאַנאַמאַ־קאַנאַל איז פאַר די אַליאירטע אַרמייען געווען איינע פון די וויכטיקסטע באַזעס, איז דער דאָזיקער פאַרשוין גע־ווען דער פּרעזידענט פון פּאַנאַמאַ. אַ צייט לאַנג איז ער געווען אַמבאַסאַדאָר פון זיין רעפּובליק אין דייטשלאַנד און איטאַליע; איינער פון זיינע פּערזענלעכע פריינט, דר. אַנטאָניאָ איזאַשאַ, יאָרנלאַנג פּאַנאַמענישער קאָנסול אין האַמבורג, האָט אים שטאַרק באַאיינפלוסט מיט נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע אידעען; אים איז געלונגען צו באַקומען די שטעלע פון דירעקטאָר פון „פּאָלקס־געזונט“ אין פּאַנאַמאַ. מיט דעם דעפּאַרטאַמענט זענען פאַרבונדן די נאַציאָנאַלע לאַטעריען פון לאַנד, מיינט דאָס אַ גרויסער און ממלא פּאָליטישער איינפלוס אין לאַנד... אַזוי איז אים געלונגען אין יאָר 1940, ווען די היטלעריסטישע אַרמייען האָבן אָפּגעהאַלטן איין גרויסן זיג נאָכן צווייטן, צו ווערן דער פּרעזידענט פון פּאַנאַמאַ. זיין פּרעזידענטן־רעדע איז געווען אַן אָנדייטונג אויף פאַשיזם... ער האָט גלייך פאַרפאַסט אַ נייע קאָנסטיטוציע וואָס האָט אים איבערגעגעבן דיקטאַטאָרישע מאַכט איבער דער רעפּובליק; דאָס

רעכט צו קאָנפיסקירן פּריוואַט אייגנטום. די יוגנט איז גלייך אָרגאַניזירט געוואָרן אין קלובן, נאָכן מוסטער פון דער היטלער־יוגנט; אָרגאַניזירט אן אייגענע ארמיי „גוואַרדיאַ סיוויקאַ". דאָס האָט פּאַסירט, ווען פּאַנאַמאַ האָט זיך געבאָדן אין אַ ים פון פּראָספּעריטי, אמעריקאַנער גאָלד האָט געפלאָסן ווי א וואַסער־שטראָם קיין פּאַנאמאַ. ארנולפאָ אריאַס, דער איינציק־געקרוינטער היטלער פון צענטראַל־אַמע־ריקע איז, לויט אַ פאַרשטענדיקונג מיט זיינע פאַרבינדעטע נאַציס, אונטער דער נאָז פון די אַמעריקאַנער מיליטערישע באַהערדן, אַנגעגאַנגען מיט זיינע פּלע־נער פון נאציפיצירן פּאַנאמאַ. זיין ערשטער שריט איז געווען צוצונעמען אלע געשעפטן ביי די כינעזער און זיי „פּאַנאַמיזירט". דאָס איז געטאָן געוואָרן אויפן אמתן נאַצישן שטייגער. די פאַרמעגנס זענען אוועקגעגעבן געוואָרן צו ארנולפאָ אַריאַס מענטשן. נאָכדעם זענען געקומען אַנדערע באַשרענקונגען, הויפּטזעכלעך געצילט קעגן אויסלענדער, וואָס זענען נישט פון דער „ריינער פּאַנאַמער ראַסע". אין פּאַנאַמאַ געפינט זיך נישט קיין גרויסע צאָל יידן, פונדעסטוועגן איז שוין געווען צוגעגרייט אַן אנטיסעמיטישער געזעץ קעגן זיי, וועלכער איז שפּעטער געפונען געוואָרן פון דער נייער רעגירונג וואָס האָט אַריאַסן אַראָפּגעזעצט. דער „צוקונפטי־קער" צענטראַל־אמעריקאַנער היטלער האָט אויף דער ראַדיאָ געהאַלטן אַן אַנטי־אמעריקאַנער רעדע, אין דעם געפערלעכן מאָמענט, ווען דייטשע סובמארינען האָבן פאַרשטאַרקט זיין אונטערוואַסער־מלחמה אין די וואַסערן פוןביידע ימען.

פּאַנאמענישע שיפן — האָט אריאַס געזאָגט — וועלן נאָר דאַן שיסן, ווען זיי וועלן אַנגעגריפן ווערן. כאָטש פּאַנאַמאַ האָט דאַן, לויט אַ געמיינזאַמען אָפּמאַך, באַ־דאַרפט שטיין אויפן צד פון די אַליאירטע, און האָט אפילו אָפיציעל דערקלערט קריג נאַצי־דייטשלאַנד און יאַפּאַן. די וואָס זענען געווען קעגן זיין נאַצישער פּאָ־ליטיק האָבן זיך געמוזט אָפּטראָגן פון לאַנד, אויב נישט, זענען זיי געווען אין געפאַר „ליקווידירט" צו ווערן. איינער פון זיינע קעגנער, וועלכער איז שפּעטער געוואָרן אויסלאַנדס־מיניסטער, — אַ פריינט פון אַמעריקע, האָט זיך פאַרשטעלט פאַר אַ פרוי. די פּאָליציי פון דער אַמעריקאַנער זאָנע האָט אים אין אַעראָפּלאַן דערקאַנט און זיך, נאַטירלעך, נישט געמאַכט וויסנדיק... אַזוי אַרום האָט ער זיך געראַטעוועט קיין אמעריקע. אמעריקאַנער מיליטערישע באַהערדן אין פּאַנאמאַ האָבן ווי ווייט מעגלעך געוואָלט אויסמיידן א דירעקטע אריינמישונג אין די אינער־לעכע אַנגעלעגנהייטן פון פּאַנאמאַ, כאָטש אין זייערע הענט זענען געווען גענוג באַווייזן און פאַקטן פון זיינע פאַרבינדונגען מיט די נאַציס. די אמעריקאַנער „אינ־טעליזשענט דינסט" האָט געוואַרט אויף א גינסטיקער געלעגנהייט. און אַזאַ גע־לעגנהייט איז געקומען. לויט דער קאָנסטיטוציע פון לאַנד טאָר א פּרעזידענט ניט פאַרלאָזן דאָס לאַנד אָן דער דערלויבעניש פון קאָנגרעס. ארנולפאָ אַריאַס האָט אויף אַ געהיימען אופן פאַרלאָזט פּאַנאַמאַ, אויף אַ רייזע קיין קובאַ. אַ סברה, אַז דאָס האָט ער דאָרט באַדאַרפט באַגעגענען וועמען פון זיינע פאַרבינדעטע, כדי צו

נעמען נייע אינסטרוקציעס. אַזוי שנעל ווי די אַמעריקאַנער געהיים־דינסט האָט זיך וועגן דעם דערוווסט, האָט זי צוויסן געגעבן דעם וויצע־פּרעזידענט לאַ גוארדיא, אַ פריינט פון אַמעריקע. אַן אַ טראָפּן בלוט איז דורכגעפירט געוואָרן א רעוואָלוציע. אַרנולפאָ אַריאַס איז אַראָפּגעזעצט געוואָרן פון פרעזידענטן־בענקל. דאָס האָט אים אָבער נישט אָפּגעהאַלטן צוריקצוקומען קיין פאנאמא און צוריקצופאָדערן זיין אמט. די אמעריקאנער רעגירונג פון איר זייט האָט געהאַט געגוג באוויזן אים צו אַרעסטירן פאַר פאַראַט אין צייט פון מלחמה, איז ער אָבער אויף דער פּאַנאַמער טעריטאָריע... און אמעריקע וויל זיך נישט אריינרייסן אין פרעמדער טעריטאָריע.

מאַכט זיך אַ מעשה, אַז דער אויטאָמאָביל, אין וועלכן אַרנולפאָ אַריאַס איז געפאָרן, פאַרפלאָנטערט זיך „צופעליק" מיט א גרויסן לאסט־אויטאָמאָביל נישט ווייט פון דער אַמעריקאנער זאָנע, און דער אויטאָמאָביל מוז זיך פאַרקערעווען אין א זייט, כדי אויסצומיידן אן אקצידענט, איז דאָס אָבער שוין אין א גאס וואָס געהערט צו דער אמעריקאנער זאָנע; איז בליץ שנעל פון א צווייטן אויטאָמאָביל אַרויסגעשפּרונגען אן אמעריקאנער ייִדישער דעטעקטיוו, מיטן נאָמען אראָנסאָן, אָנגעטון אים קייטעלעך אויף די הענט און אים אַרעסטירט. מ'האָט אים אַרויסגעשיקט פון פאנאמא, און קיין לאנד האָט אים נישט געוואָלט אריינלאָזן, ביז ניקאראגוא האָט זיך אויף אים דערבאַרעמט און אים דאָרט געלאָזט פארבלייבן ביז איבער דער מלחמה. ווי נאָר די מלחמה האָט זיך פארענדיקט, איז ער צוריקגעקומען קיין פאַנאַמאַ. עס האָט ניט גענומען לאַנג און ער האָט דורכגעפירט אַ ניט־געלונגענע רעוואָלוציע קעגן דער פאַנאַמער געזעצלעכער רעגירונג. צוואַנציק פון זיינע מענטשן זענען געפאַלן. ער אליין איז ווידער אנטלאָפן קיין קאַלאָן, אויס־מיידנדיק דאָס מאָל די אמעריקאנער זאָנע... אָבער מיט דעם האָט זיך עס אַלץ נישט פארענדיקט. ער האָט אַלץ געפּרווט צוריקקומען צום פרעזידענטן־בענקל. ענדלעך איז אים געלונגען צוריק צו ווערן פרעזידענט פון פאַנאַמאַ, ווען דער פּאָליציי שעף קאָלאָנעל כאָסע רעמאָן האָט אַראָפּגעזעצט דעם פרעזידענט דר. דאַניעל טשעניס. אָבער דאָס מאָל איז אַרנולפאָ אַריאַס אַרויף אויפן בענקל שוין אַלס „גוטער פריינט פון אמעריקע"... לאַנג האָט אָבער זיין פרעזידענטשאַפט ניט אָנגעהאַלטן. ווייזט אויס, אַז זיינע רעאַקציאָנערע און פאַשיסטישע נייגונגען האָט ער אַלץ נישט פאַרגעסן. ווידער האָט זיך אים פאַרגלוסט צו ווערן אַ דיקטאַטאָר, און ער האָט זיך פארנומען אָפּצושאַפן די קאָנסטיטוציע. אויפגעבּרויזט פון צאָרן קעגן א נייעם פּרווו פון דיקטאטור, האָבן די פאַנאַמענער דעמאָנסטרירט פאַרן פרעזידענטס פּאַלאַץ, געפאָדערט, אַז דער פרעזידענט זאָל גלייך רעזיגנירן. דער אויפבּרויז איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז מען האָט מורא געהאַט פאַר אַ בלוטיקער רעוואָלוציע, און דער זעלבער פּאָליציי־שעף, קאָלאָנעל כאָסע רעמאָן, וואָס האָט אים געמאַכט פאַר פרעזידענט, האָט אים אַראָפּגעזעצט און אַרעסטירט, כדי אים צו שטעלן פאַר א געריכט...

אין פאַנאַמאַ איז דער ענין רעוואָלוציעס זייער אַ לײַכטער. פאַראַן אין פאַ־נאַמאַ אַ גאַס מיטן נאָמען „פּאָרט אָוו זשולאַי״ (פּערטער יולי). אין העלפט פון דער גאַס געהערט צו דער אַמעריקאַנער זאָנע, די אַנדערע העלפט — צו פאַנאַמאַ. קענט איר אין פאַנאַמאַ אין סאַמע העלן טאָג זען אַזעלכע סצענעס, ווי „רעוואָלוציאָנערן״ ווען עס פאַרגלוסט זיך צו מאַכן אַ רעוואָלוציע און אַראָפּוואַרפן די רעגירונג, און אויב עס געלינגט זיי נישט, אַנטלויפן זיי אויף דער צווייטער זייט גאַס, וואָס איז שוין די „אַמעריקאַנער זאָנע״ און האַלטן רעדעס קעגן דער הערשנדער רע־גירונג, שרײַען אַריבער רעוואָלוציאָנערע לאָזונגען, און מ׳קאָן זיי גאָרנישט טון; זיי, הייסט עס, זענען נישט מער אויף פאַנאַמער טעריטאָריע... עס האָט שוין אַפילו אַמאָל פּאַסירט, אַז אַ האַלבער קאָנגרעס מיטן פּרעזידענט, קעגן וועמען עס איז פאָרגעקומען אַ געלונגענע רעוואָלוצ־יע, איז אַריבער אויף דער אַנדערער זייט פון דער גאַס, און דאָרט, אין דעם באַקאַנטן אַמעריקאַנער האָטעל „טיוואָלי״, אָפּגעהאַל־טן סעסיעס... דאָס זענען ריינע אינערלעכע ענינים פון פאַנאַמאַ, אין וועלכע די אַמעריקאַנער מיליטערישע באַהערדן מישן זיך נישט.

אַמעריקע איז הויפּטזאַכלעך פאַראינטערעסירט אין פאַנאַמאַ צו באַשיצן דעם פאַנאַמאַ־קאַנאַל, וואָס איז נישט בלויז אַ טויער צו אירע וואַסער־וועגן, נאָר דער לעבנס־נערוו פון איר באַשיצונג פון ביידע זייטן ימען: פון אַטלאַנטיק און פּאַסיפיק.

אַ באַזוך אין פאַנאַמאַ־קאַנאַל און איר זעט איינעם פון די גרעסטע וווּנדער פון דער וועלט. די געשיכטע פון פאַנאַמאַ־קאַנאַל האָט זיך אָנגעהויבן אין יאָר 1881, ווען דער בויער פון באַרימטן סועץ קאַנאַל פערדינאַנד דע לעסעפּס, האָט געגרינדעט אַן אַקציען־געזעלשאַפט מיטן נאָמען „פראַנצויזישע פאַנאַמאַ געזעל־שאַפט״. כדי צו בויען דעם פאַנאַמאַ קאַנאַל, אין זיבן יאָר צייט, האָט די געזעל־שאַפט אויסגעגעבן פיר הונדערט טויזנט דאָלער און זי האָט בלויז אויסגעבויט צוויי־דריטל פון דער ריזיקער אונטערנעמונג, און פאַרבליבן אָן ווייטערע פאָנדן; האָט מען ווידער רעאָרגאַניזירט די געזעלשאַפט, אַרײַנגעלייגט נײַע סומעס געלט, און ווידער זענען אַוועק צוויי יאָר צייט. אָבער אָנשטאָט אָנצוגיין מיט דער אַרבעט פון פאַרענדיקן דעם קאַנאַל, זענען אין פראַנקרײַך אויסגעבראָכן סקאַנדאַלן וועגן די שווינדלערייען וואָס זענען באַגאַנגען געוואָרן מיט דעם געלט פון די אַקציאָ־נערן. אַמעריקע איז געווען ווילִיק איבערצונעמען די אַרבעט פון קאַנאַל, אָבער פראַנקרײַך האָט די אונטערנעמונג נישט אַזוי לײַכט געוואָלט אַרויסלאָזן פון אירע הענט; ערשט, ווען עס האָבן זיך אָנגעהויבן פאַרהאַנדלונגען מיט ניקאַראַגואַ וועגן אויסבוי־ען דאָרט אַן ענלעכן פּראָיעקט און אַמעריקע איז שוין געווען גרייט אונ־טערצושרײַבן אַ קאָנטראַקט מיט ניקאַראַגואַ, האָט די פראַנצויזישע געזעלשאַפט, וואָס האָט שוין דאַן געהאַט צוויי מאָל באַנקראָטירט, מסכּים געווען צו פאַרקויפן די אונטערנעמונג צו אַמעריקע. די אַמעריקאַנער רעגירונג האָט דאַן איבערגענו־

מען די אונטערנעמונג, געגרינדעט אין יאָר 1894 א נייע „פאנאמא קאנאל קאָמ־פאניע" און באצאָלט פאר דעם פארמעגן פון דער פראנצויזישער געזעלשאפט די סומע פון פערציק מיליאָן דאָלער. האָט אָבער די קאָלאָמביאנער רעגירונג, צו וועמען פאנאמא האָט דאן געהערט, געמאכט אמעריקע גרויסע שוועריקייטן, און עס האָט געהאלטן ביי דעם, אז די גאנצע אונטערנעמונג זאָל דורכפאלן, האָבן די איינוווינער פון פאנאמא אין יאָר 1903 פלוצים געמאכט א רעוואָלוציע קעגן קאָ־לאָמביע און געוואָרן אַן אומאָפהענגיקע רעפובליק. די נייע רעפובליק האָט גלייך דערלויבט דער אמעריקאנער רעגירונג אָנצוהייבן מיט דער ווייטיקער ארבעט פון בויען דעם קאַנאַל, און אַמעריקאנער טעכניקער האָבן באַוויזן צו פאַראייניקן ביידע ימען דורך אויסערגעוויינלעכע פעלדזן, ריזיקע בערג און ווילדן דזשאָנגל — דאָס וואָס די פראנצויזישע טעכניקער האָבן געהאלטן פאר אוממעגלעך.

כאָטש דער דיסטאנץ צווישן ביידע ימען איז דאָ געווען בלויז זיבן און צוואנ־ציק מייל, האָבן די שיפן נישט געקאָנט אַריבער פון איין ים צום אנדערן, נאָר געמוזט שווימען ביז „קאַפּ האָרן", כדי פון דאָרט אַריבערצושווימען פון איין ים צום צווייטן; דאָס איז געווען אַ פאַרלענגערונג פון דער רייזע. איצט, למשל, קאָן אזא גרויסע שיף ווי די „קווין מערי" אין בלויז אכט שעה צייט אַריבערגעפירט ווערן פון אטלאנטיק צום פאסיפיק, אָדער פארקערט. מ'קאָן זיך פאָרשטעלן וואָס דאָס האָט געמיינט פארן אמעריקאנער קריגס־און האנדלס־פלאָט אין מלחמה־צייט, ווען, למשל, א קריגס־שיף האָט זיך גראד געפונען אין די וואסערן פון פאציפישן ים, און מ'האָט באקומען א באפעל מיטאָמאָל דורכפירן אן אקציע אין די אטלאנ־טישע וואסערן... דער פלאָט האָט דורכן קאנאל איינגעשפּאָרט אכט הונדערט און דריי און זיבעציק מייל. ענגלאנד אליין האָט בעת דער לעצטער וועלט־מלחמה דורכגעפירט פינף און זעכציק פראָצענט פון אירע קריגס־מאַטעריאַלן; דער גרעס־טער טייל פון אירע ארמייען פון ניו־זעעלאנד און אויסטראליע צו דעם מערב־פראָנט, זענען דורכגעגאַנגען דעם פאַנאַמאַ קאַנאַל, נישט רעדנדיק פון די ריזיקע מיליטער־טראנספּאָרטן וואָס אמעריקע אליין האָט דורכגעפירט אין מלחמה־צייט דורכן קאנאל.

דער קאנאל איז נישט בלויז א וואסער־וועג אויף דער שטרעקע פון זיבן און צוואנציק מייל, וואָס פאראייניקט ביידע ימען, ער שפרייט זיך אויס א פופציק מייל פון אלע זייטן. ניינצן טאָן דינאמיט האָט זיך געניוטיקט אויפצורייסן א בארג וואָס פארבינדט דעם טשאגרעס טייך — איינער פון די געפערלעכסטע, שטורעמס־טע טייכן אין דער וועלט. דער קאנאל שפרייט זיך אויס אויף א שטח, ווו עס זע־נען אמאָל געווען פעלדזנבערג און איצט שטראָמען דאָרט טאָג און נאכט וואסער־כוואַליעס. צוליב דעם אונטערשייד פון דער פלאַך פון ביידע ימען, מוזן די שיפן אויפגעהויבן ווערן פינף און אכציק פוס פון דער ים־פלאַך.

כדי אויסצומײַדן אַ געפאַר, פאָרן דאָרט שטענדיק אַרום שיפלעך וואָס פאַר־ניכטן די בלומען און דיקע פלאַנצן, וועלכע האַלטן דאָרט אײַן אײַן שפּראָצן און וועלכע זענען אַ סכנה זיי זאָלן זיך צוזאַמענוואַקסן און שטערן דעם פאַרקער.

אַ גאָר אינטערעסאַנט בילד איז צו זען, ווי אַזוי אַ שיף ווערט אַריבערגעפירט פון איין ים צום אַנדערן. צוערשט גייט די שיף אַרײַן אין ספּעציעלע שלעסער, וואָס ווערן צוגעשלאָסן ווי זיפּערס, נאָכדעם ווערן די וואַסער־שלוזן אָנגעפילט מיט וואַסער, וואָס הייבט אָן כוואַליען און רוישן און הייבט אויף מיט זיך די שיף העכער און נידעריקער, אויף אַזוי פיל וויפל עס איז נויטיק, כדי צו קומען צו די



דער פּאַנאַמאַ־קאַנאַל

אַנדערע שלעסער, ווו זי ווערט באַפעסטיקט מיט מאַסיווע אײַזערנע קייטן, כדי ניט צו וואַרפן זיך אַהין און אַהער. דאָס וואַסער ווערט דאַן קונציק אַרויסגעלאָזט; ספּע־ציעלע לאָקאָמאָטיוון וואָס זענען פאַרבונדן מיט די שלעסער, העלפן דער נאַטור אין איר אַרבעט. דער אינזשעניער זיצט בײַם אַפּאַראַט און קאָנטראָלירט דעם שטראָם פון אָנקומענדיקן און אַוועקגייענדיקן וואַסער־שטראָם, — אַזוי פּעקלט זיך די גרעסטע שיף אַריבער פון איין ים צום צווייטן.

די שלעסער פון קאַנאַל זענען הונדערט צען פוס ברייט; איצט, אָבער, ווען דער אַמעריקאַנער קריגס־פלאָט בויט גרעסערע קריגסשיפן און אַעראָפּלאַנען־

טרעגער, ווערן די שלעסער פארגרעסערט און ברייטער, און די אמעריקאנער רעגירונג בויט איבער די אינסטאַלאַציעס. דער אָריגינעלער פּאַנאַמאַ־קאַנאַל האָט געקאָסט די סומע פון דריי הונדערט פינף און זיבעציק מיליאָן דאָלער, בעת ער איז אויסגעבויט געוואָרן. איצט וועלן די נייע שלעסער אליין קאָסטן צוויי הונדערט און זיבן און צוואנציק מיליאָן דאָלער.

די פארטיידיקונג פון פאנאמא קאנאל איז אפשר נאָך מער אינטערעסאנטער ווי דער קאנאל אליין, כאָטש דאָס זענען מיליטערישע סודות, וואָס זענען פארן פרעמדן באַזוכער אומבאקאנט. די קאנאל־זאָנע פארמאָגט פאַבריקן, וועלכע קאָנען פאַרריכטן די גרעסטע קריגס־שיפן פון דער וועלט, מיליטערישע פּאָרטן, לופט־באזעס, אינסטאלאציעס, וואָס געפינען זיך גראד דאָרטן, ווו עס פאלט קיינעם ניט איין; די דזשאָנגלס אַרום, וואָס ערשט מיט אַ צייט צוריק האָט זיך די שיין פון טאָג נישט געקענט דורכרייסן, זענען היינט די מאָדערנסטע לופט־פּאָרטן. מיליטערישע עקספערטן זענען ביי דער מיינונג, אז דער קאנאל קאָן קיינמאָל נישט אטאקירט ווערן פון וואסער אָדער פון יבשה; ריזיקע קאנאָנען און אנדערע אַפּוּער־מיטלען קענען צעשמעטערן דעם גרעסטן פלאָט אַזוי שנעל ווי ער וועט אָפּפייערן דעם ערשטן שאָס. אָנגרייפן דעם קאנאל ווידער פון דער לופט, דארף ערשט באשאפן ווערן אזא לופט־פלאָט וואָס זאָל זיך קאָנען פארמעסטן מיטן אמעריקאנער לופט־פלאָט. חוץ דעם האלט דער לופט־פלאָט א וואכזאם אויג איבערן קאנאל; אלע שיפן וואָס דארפן דורכגיין דעם קאנאל ווערן פון א שטרעקע פון ניין הונדערט מייל ווייט פון קאנאל גוט אונטערזוכט, עס זאָל זיך אמאָל נישט פארגלוסטן א „בייטראָלע שיף" אונטערצוטינקען זיך אין די וואַטערן פון קאַנאל און מיט אירע ברוכטיילן שטערן דעם פאַרקער, אָדער אויפרייסן זיך אין די שלעסער, בעת זי ווערט אַריבערגעפירט פון איין ים צום צווייטן. פון דער יבשה ווידער, איז דער קאַנאַל באַשיצט פון ווילדן דזשאָנגל, ווו עס געפינען זיך נאָך ביזן היינטיקן טאָג גיפטיקע שלאַנגען און אפילו אינדיאנער וואָס זאָגן זיך נישט אָפּ פון אַ שטיקל מענטשן־פלייש.

בלויז פינף מייל אוועק פון קריסטאָבל און איר געפינט זיך אין אַ ווילדן דזשאָנגל פול מיט געפערלעכע אינזעקטן און... נאָך געפערלעכערע קאנאָנען וואָס זענען גרייט יעדע מינוט.

פאנאמא איז דער עלטסטער ייִדישער ישוב צווישן די צענטראל־אמעריקאַנער לענדער. די קהילה „קול שארית ישראל" איז געגרינדעט געוואָרן נאָך אין יאָר 1870. די ייִדן זענען אין יענער צייט אהינגעקומען פון דזשאמאיקא און קוראסאאָ. דער איצטיקער רב פון דער קהילה, דר. ס. ר. עמנואל, איז א באַרימטער היסטאָריקער פון גריכישער ליטעראטור און געשיכטע. די קהילה איז א רעפאָרמירטע. מייסטנס זענען עס ספרדישע ייִדן, זיי זענען אָבער צום גרעסטן טייל אימ־

פאַרטירער און עקספּאָרטירער פון גרויסן פאַרנעם. זייענדיק צווישן צווי ברעגן, איז דער האנדל דאָרט מיט דער דרויסנדיקער וועלט שטאַרק אנטוויקלט. איינער פון די פאַרשטייער פון דער קהילה, מיטן נאָמען דע וואזשא, איז אַ דעפּוטאַט פון דאָרטיקן קאָנגרעס, געהערט צו אַן אָנגעזעענער משפחה און איז א פאנאמעניער מדור־דורות. די קהילה האָט מיט אַ צייט צוריק אָפּגעקויפט דאָס הויז פון יאפּאַנעזישן אַמבאַסאַדאָר — אַ פּראַכטפולן באַקוועמען פּאַלאַץ — פאַר זייער שיל. לויט פאַרשיידענע באווייזן זענען שוין דאָרט געווען יידן א סך פריער פאַר דער דערמאָנטער דאטום; זיי זענען געקומען קיין פאנאמא פון די „ווירדזשין איילאנדס״, (די אינדזלען פון די טויזנט בתולות), ווו עס געפינען זיך נאָך יידן ביזן היינטיקן טאָג און איר גובערנאטאָר דע קאסטראָ איז א פרומער ייד. דאָרט איז מיט יאָרן צוריק פאָרגעקומען אַן ערדציטערניש און א פארפלייצונג, און די יידן זענען געקומען קיין פאנאמא.

די צווייטע יידישע קהילה אין פאנאמא, איז די „שבת־אחים״ — דאָס איז די קהילה פון די טערקישע יידן; דאָס זענען יידן פון סיריע, איראַן. זיי זענען, ווי אין די אנדערע לענדער פון לאטיין־אמעריקאנער קאָנטינענט, שטאַרק פרום און זענען ענג פארבונדן מיט די אנדערע יידישע קהילות.

די דריטע קהילה באשטייט פון אונדזערע יידן: דאָס זענען יידישע אימיגראנטן פון פארשיידענע לענדער פון דער אַלטער היים פון פוילן, רומעניע, ליטע, גאליציע. צום גרעסטן טייל זענען עס אַזעלכע אימיגראַנטן, וואָס זענען אַהערגעקומען פון אנדערע לאטיין־אמעריקאנער לענדער, זוכנדיק דאָ מער מזל; אויך זיי האָבן אויסגעבויט אַ געביידע פאַר אַ קלוב, אַ צענטער און אַ שיל, ווו עס טרעפן זיך דאָרט די הונדערט מזרח־יידישע משפחות וואָס וווינען אין פאנאמא.

אַ פערטע יידישע קהילה געפינט זיך אין דער אמעריקאנער זאָנע —„אַ קאָמיוניטי צענטער״ אויפן נאָמען פון אסתר וויטקין, די פרוי פון ראַביי נחום וויטקין, וועלכער איז טאָקע דער מיליטערישער רב פון דער קאנאל־זאָנע. דער צענטער איז געבויט געוואָרן פון דער אַמעריקאנער רעגירונג, כדי צו פאַראייביקן דעם נאָמען פון דער טראַגיש־אומגעקומענער, וועמענס יונג לעבן איז אָפּגעשניטן געוואָרן, ווען אַ מיליטערישער אַעראָפּלאַן איז אַרויפגעפאַלן אויפן הויז און פאַרברענט דאָס הויז. דער צענטער דינט אויך פאַר אַ שיל פון יידיש־אַמעריקאַנער סאָלדאטן אין פאנאמא־קאנאל.

יידן פילן זיך אין דעם עקזאָטישן לאַנד עקאָנאָמיש פעסט איינגעוואָרצלט. אפילו די וועלכע זענען אהערגעקומען אין די לעצטע יאָרן, האָבן זיך דאָרט גאנץ גוט איינגעאָרדנט. די גרויסע סומעס וואָס די אַמעריקאנער רעגירונג גיט אויס פאַר אירע אָפּטיילונגען אין דער מיליטערישער זאָנע און פאַר די אַרבעטער, האָבן יאָרנלאַנג דאָרט געשאַפן א גינסטיקע מעגלעכקייט פאַר יידישע בעלי־

מלאכות, קליינהענדלער, וואָס זענען אויפגעריכט געוואָרן. פּאָליטיש האָבן זיך די ייִדן דאָרט אויך נישט וואָס צו באַקלאָגן, זיי געניסן פולע פרייהייט און טאָלעראַנץ. אין צייט פון דער מלחמה, ווען דער ליבעראַלער פּרעזידענט ריקאַרדאָ אַדאָלפאָ לאַ גוואַרדיאַ האָט אַראָפּגעוואָרפן דעם רעאַקציאָנערן פּרעזידענט אַרנולפאָ אַריאַס, האָבן אַ באַדייטנדיקע צאָל דאָרטיקע ייִדישע אימיגראַנטן געהאַט די מעגלעכקייט צו ווערן פּאַנאַמער בירגער. איצט קען מען זאָגן איז כמעט נישטאָ קיין אַנטיסעמיטיזם אין פּאַנאַמאַ — אַן אָנשיקעניש פון וועלכן די צענטראַל־אַמעריקאַנער לענדער האָבן אָנגעהויבן ליידן אין די לעצטע יאָרן; דאָ האָט די אַמעריקאַנער רעגירונג, צוליב אירע וויכטיקע מיליטערישע באַזעס וואָס געפינען זיך דאָ, געהאַלטן אַ שאַרף אויג אויף די נאַצי־דייטשן וואָס האָבן דאָ געוווינט — כמעט אַלע זענען בעת דער מלחמה פון דאַנען אַרויסגעשיקט געוואָרן, און די וואָס זענען דאָרט פאַרבליבן האַלטן זיך אין דער מעלה. די ייִדן דאָרט זענען אָפּט, אַזוי צו זאָגן, די פאַרמיטלער צווישן די אַמעריקאַנער און דער דאָרטיקער באַפעלקערונג. זיי האָבן אויך געשאַפן אין לאַנד נייע פּראָדוקציעס, פאַבריקן, וואָס גיבן דער דאָרטיקער באַפעלקערונג אַ געלעגנהייט צו פאַרדינען.

זייענדיק דער שליסל פון ביידע ימען מיט אַן אינטערנאַציאָנאַלן פּאָרט, איז זי אויך געווען אַ פּלאַץ פאַר ייִדישע וואַנדערער וואָס האָבן נישט געקאָנט צוליב באַשרענקונגען פאָרן אין אַנדערע לענדער. אייניקע זענען אַהערגעקומען, כדי פון דאַנען ווייטער צו פאָרן, — אַנדערע, ווידער, האָבן זיך דאָ איינגעלעבט און באַשלאָסן דאָ צו פאַרבלייבן ביז מען וועט האָבן די מעגלעכקייט ווייטער צו וואַנדערן. אָבער נישט אַלע האָבן דאָ געקאָנט אַריבערטראָגן די שרעקלעכע היץ און די נאָך שרעקלעכערע נויט און יסורים, און דאָ, אין דער פרעמדער ווייטקייט, געמאַכט זייער לעצטן חשבון מיטן לעבן. ישעיה ווישניצער, אַ ייִדישער געזעלשאַפטלעכער טוער אין פּאַנאַמאַ, האָט איבערגענומען די אַרבעט פון חסד של אמת צו ברענגען די עלנטע נפטרים צו קבר ישראל און זיי באַזאָרגט מיט מצבות, אויף וועלכע איר קאָנט בלויז לייענען דעם „פה נטמן" מיט אַ נאָמען, און דעם דאַטום ווען דער עלנטער וואַנדערער איז געשטאָרבן. די געשעעענישן נאָך דער איצטיקער מלחמה האָט אָפּגעווישט יעדן מעגלעכן שפּור פון אַ וועלכע עס איז קרובים פון די עלנטע מתים; קיינער ווייסט נישט פון וואַנען זיי זענען געקומען און וווהין עס איז געווען זייער ווייטערער ציל.

ווען איר קוקט זיך נענטער צו צום לעבן פון די ייִדן אין די ווייטע ישובים, דערפילט איר די בענקשאַפט און אומעט וואָס ווייעט פון זיי. אַ גאַנצן טאָג איז מען באַשעפטיקט אין קראָם אָדער פאַבריק; פּאַרנאַכט, ווען די הייסע ים־ווינטלעך בלאָזן מיט אַ מילדער קילקייט און דער רויש פון פּאַלמען ביימער טראָגט זיך איבער די שטילע אַלייען, ווו ייִדן האָבן אויסגעבויט אייגענע ווילעס און פּאַלאַסע־

טעס, וואַקסט דער אומעט שטאַרקער און גרעסער... זיי דערפילן זיך אַליין אויף אַ שיף וואָס שניידט די כוואַליעס צווישןביידע ימען...

קאָלאָן, ליגט צוויי שעה רייזע פון פאַנאַמאַ; דאָס איז די שטאָט פון ווייַן... און געזאַנג. איך האָב מיין באַזוך אין קאָלאָן געמאַכט אין אַ שבת פאַרנאַכט, ווען הייסע ווינטן ווי אין מדבר „סאַהאַראַ" האָבן געבלאָזן אין פּנים מיט פייער, און פון די אַלטע הייס־אָנגעגליטע הייזער האָט זיך געטראָגן אַ פּייכטע, שטיקנדיקע לופט, וואָס האָט אייך פאַרשפּאַרט דעם אָטעם. גרילצנדיקע מוזיק פון ביליקע פּיאַ־נאָס און אַנדערע אַלט־מאָדישע מוזיק־אינסטרומענטן, האָבן זיך געטראָגן אין גאַס און אויסגעמישט מיט די געשרייען פון די מציאות־פאַרקויפער. קאָלאָן פאַרמאָגט טויזנט שענקען, וואָס זענען האַלבע שענקען און האַלבע קאַבאַרעטן; דאָס הייסט, אויב איר ווילט קענט איר דאָרט בלויז שטייענדיק אויף אַ וויַיל כאַפּן אַ טרונק; פון דעם פּלאַץ ווו איר שטייט קענט איר זען דעם גאַנצן זאַל; טאַנצנדיקע פּאָרלעך שוועבן פאַר אייך זאַרגלאָז פאַרביי, און, איר זייט דאָך אויך נישט מער ווי אַ מענטש, אַז איר האַלט שוין ביי דעם צווייטן גלעזל און נאָכדעם קומט אַ דריטס.... שפּאַנט איר שוין אַליין אַריבער די צווייטע אָפּטיילונג. די הויפּט־געסט זענען דאָרט אַמעריקאַנער סאָלדאַטן; עס איז שוין טאָקע נאָך דער מלחמה, אָבער אַמע־ריקע האַלט אויס אין איר באַזע אין פּאַנאַמאַ־קאַנאַל אַ שטענדיקע אַרמיי. סאָל־דאַטן בענקען און זענען איינזאַם אין דער זוניקער פאַנאַמאַ, שטילן זיי די בענק־שאַפט אין די טאַנץ־זאַלן און קאַבאַרעטן. שיפן קומען און גייען פון און צו אַלע זיבן ימען פון דער וועלט, שווימענדיק וואָכן און חדשים לאַנג צווישן הימל און וואַסער, קומען די מאַטראָסן דורשטיקע און בענקענדיקע קיין קאָלאָן. אויף זיי וואַרטן עס די טויזנט לאָקאַלן. עס איז דאָרט קיין נייעס ניט, אַז אין סאַמע מיטן טאַנץ, זאָל פּלוצים אַ קנאַל פון אַ רעוואָלווער דורכרייסן די לופט, און אַ מאַטראָס זאָל זיך וואַלגערן אין אַ טייך בלוט, אָדער איר הערט דאָס געשריי פון אַ מאַטראָס: — אַז מען האָט ביי אים צוגעגנבעט די לעצטע פאַרהאַרעוועטע פּאָר סענט, און צווישן די טאַנצנדיקע פּאָרלעך זאָל זיך דורכרייסן אַ וועג די אַמעריקאַנער מילי־טער־פּאָליציי באַגלייט פון די פּאַנאַמער; מען נעמט אַוועק דעם טויטן, אָדער שווער־פאַרוואונדעטן אין אַ רעטונגס־וואָגן, אָדער מ'שרייבט אַ פּראָטאָקאָל וועגן דער גנבה, און דער טאַנץ גייט ווייטער....

אין אַזאַ שבת ביינאַכט, האָט זיך פאַר מיר אויסגערעדט דאָס האַרץ אַ ייִדי־שער אימיגראַנט פון פּ... וואָס איז פאַרוואָרפן געוואָרן קיין קאָלאָן.

פּרנסה — האָט ער צו מיר געטענהט, — איז דאָ איבער גענוג, אָבער וואָס קומט אַרויס, אַז דאָרט, אין היימישן שטעטל, איז קיין לעבעדיקער נפש נישט פאַרבליבן פון מיין משפּחה... איינער אַליין — קלאָגט ער זיך פאַר מיר — פאַרבליבן אויף דער וועלט, ווי אַן אָפּגעשניטענער צווייג... און ער רעדט זיך אויס

דאָס אָנגעוויטיקטע האַרץ זײַנס, טאַקע אין שענק פון וועלכער ער איז דער בעל־הבית. דער דזשעז־אָרקעסטער רײַסט וואָס אַמאָל העכער די טענער, פון דער האַלב פאַרמאַכטער טיר הערט זיך דאָס זאַרגלאָזע געלעכטער פון די טאַנצנדיקע פּאָר־לעך, די קעלנערס טראָגן די באַשטעלטע געטראַנקען, די קאַסירערן ציילט דאָס אײַנקאַסירטע געלט, — אָבער ער, דער בעל־הבית, — האָט זיך אין דעם גאַנצן טומל דערמאָנט אין זײַן עלנטקייט און אין זײַנע פאַרברענטע קרובים אין די קרע־מאַטאָריומס....

מיט יאָרן צוריק — דערציילט ער מיר שטיל, — האָט ער זיך דאָ אַהער אַרײַנגעגנבעט אויף אַ לאַסט־שיף, אָן אַ פּאַס, אָן אַ וויזע, אָן געלט. דרײַ חדשים האָט ער זיך געשלעפּט אויף דער שיף — מ׳האָט אים געכאַפּט; ער האָט געמוזט אַרבעטן די שווערסטע אַרבעט, אַ קוילן־הייצער, און נאָך שווערע אַרבעט. קומענ־דיק אין פּאָרט, ווען מ׳האָט אים געוואָלט איבערגעבן צו דער פּאַנאַמער פּאָליציי, בין איך — דערציילט ער מיר — געוואָרן אַ האָז... זיך דאָ אײַנגעאָרדנט. ווי איר זעט — גייט דאָס געשעפט נישט שלעכט, אָבער וואָס קומט אַרויס, אַז די עלנט־קייט פרעסט מיך אויף — קוקט ער אויף מיר מיט טרויעריקע בליקן, — חתונה האָבן מיט אַ היגער אײַנגעבוירענער, ווי אַנדערע טוען, קען איך נישט — קלאָגט ער זיך, — מײַן טאַטע איז געווען דער דיין פון שטעטל... איצט, אים, דעם קדוש, אַזוי פאַרשוועכן זײַן אָנדענק.... אַרויספאָרן פון דאַנען, קען איך ניט, — איך האָב נישט קיין שום דאָקומענט. זאָל ער זיך מעלדן צו דער פּאָליציי דאָ, אַז ער האָט זיך דאָרט אַרײַנגעגנבעט? וועלן זיי אים באַשטראָפן, אָדער זאָל ער זיך ווידער אַרויסגנבענען אויף אַ שיף און אַנטלויפן פון דאַנען ווו די אויגן וועלן אים טראָגן? — עצהט ער זיך מיט מיר, — דאָ בלײַבן קאָן ער נישט, ער וועט דער־שטיקט ווערן פון עלנטקייט, פון... אדרבא — קוקט ער אויף מיר — גיט אַן עצה, אפשר ווייסט איר פון אַ לאַנד ווו מ׳קען זיך אַרײַנגנבענען אָן אַ פּאַס?...

***

איך געפין זיך אין הויז פון יצחק גראָס פון ראַזוואַדאָוו, אַמאָל געווען אַ חלוץ, זיך צוגעגרייט צו פאָרן קיין ישראל, אָבער ער איז פאַרוואָרפן געוואָרן גאָר קיין פּאַנאַמאַ. ער האָט שוין אפילו דורכגעמאַכט „הכשרה״. יצחק גראָס שטעלט מיר פאָר זײַן משפחה, זײַן פרוי און צוויי שיינע קינדערלעך. מיר פאָרן באַלד צו אים אין זײַן געשעפט — אַן אויטאָמאָביל־גאַראַזש, פון וועלכן מען מאַכט אַ גאַנץ פײַ־נעם לעבן. דאָ, אין גאַראַזש, הייבט ער זיך ווידער אָן פאַר מיר אויסרעדן דאָס האַרץ דער אַמאָליקער חלוץ. אמת, די טענות זענען אַביסל אַנדערש ווי פון יענעם עלנטן אימיגראַנט; אמת, ער האָט אַ פײַנע משפחה, אַ ווױלע פרוי, קינדער... אָבער טאַקע צוליב זיי, צוליב די קינדער... וואָס וועט מיט זיי פּאַסירן דאָ אין דעם קאָלאָן,

וואָס איז פול מיט טומאה? וואָס פאַר א דערציִונג קאָנען זיי דאָ באַקומען? איז וואָס עצהט איר מיך — פרעגט מיך יצחק גראָס — איך האָב אין קעשענע אַן אַמעריקאַנער וויזע... אַלץ איז פיין, גוט, אָבער... דאָ בין איך דער בעל־הבית פון אַן אויטאָמאָביל־גאַראַזש, און דאָרט אין ניו־יאָרק?

אַ דריי יאָר שפּעטער האָב איך אין דער רעדאַקציע פון דער „יידישער צייטונג" אין ב. איירעס, אין דער אָפּטיילונג „בריוו פאַר קרובים", באַמערקט אויף איין בריוו, וואָס איז געקומען פון ניו־יאָרק, מיט דעם אויפשריפט: יצחק גראָס, פיט סטריט, ניו־יאָרק... איך האָב זיך דערמאָנט אין מיין באַגעגעניש אין פּאַנאַמאַ... און ווען א ב. איירעסער ייִד איז געקומען אָפּנעמען דעם בריוו, האָב איך מיט אים געכאַפּט א שמועס, — יאָ, דאָס איז טאַקע זיין שוואָגער, יצחק גראָס, פון פּאַנאמא, דער אַמאָליקער ראַזוואַדאָוועך חלוץ. ער איז אַוועק פון פּאַנאמא, פאַרקויפט אַלץ, אונטערן פּרייז, פאַר וויפל עס האָט זיך געלאָזט, און אַוועק קיין ניו־יאָרק, ווו ער אַרבעט שווער און וווינט אויף דער אָרעמער איסט סאַיד — אַלץ צוליב די קינדער...

קאָלאָמביאַ — דאָס לאַנד פון קאָנטראַסטן

באָגאָטאַ, די הויפטשטאָט פון קאָלאָמביאַ, רופט זיך מיט דעם סימבאָלישן נאָמען: „די שטאָט פון אייביקן פרילינג״, כאָטש איר זעט דאָ זעלטן ווען די זון. דער הימל איז דאָ שטענדיק אָן אָנגעברוגזטער און פארכמארעטער; איבער די הויכע נאקעטע בערג הענגען רויכעדיקע וואָלקנס; רעגנס און ווינטן זענען דאָרט א טאָג־טעגלעכע דערשיינונג, אָפט אפילו א פּאָר מאָל איבערן טאָג. ווען איר קומט קיין באָגאָטא פון אַן אנדערער קאָלאָמביאַנער שטאָט, ווי מעדעלין אדער קאַלי, מאכט די שטאָט אויף אייך א דערדריקנדיקן איינדרוק. די איינוווינער אָרעם געקליידט, א גרויסער טייל פון די פארבייגייענדיקע מענטשן טראָגן לייַ־ווענטענע פאַנטאָפל, אָנשטאָט שיך. אָנשטאָט מאַנטלען — צעריסענע „פּאָנטשאָס״ וועלכע דער ווינט רייסט פון די מאָגערע און אויסגעהונגערטע קערפּערס. צו דעם צו, די הויכקייט פון אכט טויזנט פוס מאכט אייך פויל און איר דערפילט א אי־נערלעכע און אויסערלעכע מידקייט, שפּרייזנדיק איבער די בלאָטיקע, ליימיקע, ענגע גאסן. איר כאַפּט זיך גלייך, אַז חוץ פון א באַשרענקטן מיטלקלאַס איז דער גרעסטער טייל פון פאָלק פאַרזונקען אין א שוידערלעכער אָרעמקייט. אזוי שנעל ווי איר גייט אַריבער די פּאָר הויפטגאַסן, וואָס פאַרבלענדן אויף אַ ווייל דאָס אויג, שטויסט איר זיך אָן אין נידעריקע, קליינע הייזקעס און מאָדנע שטיבלעך, ווו עס שטיקט זיך אין דער גרעסטער ענגשאַפט די אָרעמע באַפעלקערונג. בלויז צוואַנציק מינוט רייזע פון צענטער געפינט זיך אַ שטעטל — די לעצטע סטאַנ־ציע ווו דער אָמניבוס בלייבט שטיין און פאָרט ווידער צוריק. פּאַר אייערע אויגן אנטפּלעקט זיך א מוראדיק בילד: קליינע שטיבלעך מיט אָפענע לעכער אָנשטאָט פענסטער און טירן. די שטיבלעך זעען אויס ווי שטייגן פון חיות; נישטאָ קיין סדר, קיין גאסן, אפילו דער וועג אויף וועלכן דער אָמניבוס קומט אָן, איז נישט געפלאַסטערט און פול מיט גריבער; קיין וואַסער אינסטאַלאַציעס, קיין באַ־לויכטונג, — אַרום אַ פּרימיטיוון, אָפענעם ברונעם שטייען צענדליקער פרויען און קינדער, שעפּן וואסער אין טעפּ און שיסלען.

איר כאַפּט אייער ערשטן שפּאציר איבער די הויפטגאסן, ווו עס שמעקט

שוין מיט ציוויליזאַציע. די ערשטע וועלכע באַגעגענען איך, דעם פרעמדן, ווענען אַלע דערקענען גלייך, זענען די לאַטערי־צעטלעך־פאַרקויפער: ווי בייזע פליגן באַ־פאַלן זיי איך. שווער זיך אָפּטשעפּען פון זיי, זיי קריכן איך אין פּנים אַריין, פאַרזיכערן איך „דאָס גרויסע געווינס", און אַז דאָס העלפט נישט, רייסן זיי איך פשוט פאַר די קעשענעס. פון אַלע זייטן טראָגט זיך אַ טומל און רעש פון די אויטאָמאָבילן וואָס ליאַרמען און טומלען אַזוי מיט זייערע טרומייטערס. ווען עס קומט נאָך אויס, אַז דער פאַרקער מוז זיך צוליב אַ צופאַל אָפּשטעלן, דאַן איז איך נישט מקנא צו זיין, — דאָס פייפן פון די אויטאָמאָבילן ווערט ווי דאָס רע־ווען פון אָקסן ערגעץ ווו אין אַ שעכט־הויז, און ווו איר זאָלט זיך נישט וועלן אויסבאַהאַלטן וועט איך דאָס ווילדע רעווען דערגרייכן. סיידן אַנטלויפן פון שטאָט... איז די פראַגע מיט וועמען? אַז אַלע אויטאָמאָבילן זענען איצט פאַר־נומען מיטן „פייפן־פאַראַד" וואָס פאַרשאַפט זיי, ווייזט אויס, פאַרגעניגן, — אַזאַ מין ספּאָרט דאָרט.

דער שווייצאַרישער באַדינער פון דעם האָטעל אין וועלכן איך האָב זיך גע־פונען האָט מיר געזאָגט: אויטאָמאָבילן וואָס ווערן באַשטעלט אין די אַמערי־קאַנער פאַבריקן פאַר קאָלאָמביאַ, ווערן באַשטעלט מיט ספּעציעלע טרומייטערס... צו דעם צו, האָט דאָ יעדער קליינער רעסטאָראַנט אַ לאַוד־ספּיקער (הויכרעדער) וואָס שרייט איבער איינער דעם אַנדערן. די קירכן־גלעקער קלינגען דאָ יעדע האַלבע אָדער פערטל שעה. עס נעמט איך נישט לאַנג אויסצוגעפינען, אַז עמעץ האָט דאָ געמאַכט אַ טעות — אַנשטאָט די שטאָט פון „אייביקן פרילינג", האָט גאָר באַדאַרפט זיין די שטאָט פון „אייביקן טומל"...

**
*

דער קאָלאָמביאַנער איז גאָר אַ שטאַרקער אַנהענגער פון דער לאַטיין־אַמע־ריקאַנער טעאָריע „מאַניאַנאַ" און „פּאַסיענסיאַ" — מאָרגן און געדולד. צו וואָס זיך איילן, אַז מאָרגן איז אויך אַ טאָג... אים געפעלט שטאַרק דער טומל, עס פאַרשאַפט אים פאַרגעניגן. ער שפּאַצירט זיך רויק און פּאַוואָליע, אַזוי לאַנג, ביז עס קומט צו אַ מאַשין — דאַן בייט ער די ראָלן מיט דעם אַמעריקאַנער, וואָס יאָגט זיך אַזוי אימפּעטיק איבער די ניו־יאָרקער, שיקאַגער, אָדער דעט־ריאָטער גאַסן. גיט אים אַן אויטאָמאָביל אין די הענט אַריין, דאַן... פאַרלירט ער זיין רויִקייט און הימל עפן זיך... איך בין אַמאָל געפאָרן צום לופטפּאָרט פון באָגאָטאַ מיט אַן אויטאָמאָביל וואָס האָט זיך ווי דער סדר אָנגעשטויסן אין אַ צווייטן, נו, דאַן... כאָטש איך האָב בלויז צייט געהאַט דרייסיק מינוט, האָט דער שאָפער פאַרגעסן אָן די פּאָר פּעזעס פאַרדינסט און אַז ער מוז מיך ברענגען אין

צייט צום לופט־פּאָרט, אַראָפּגעשפּרונגען פון אויטאָמאָביל, געכאַפּט זיך צום מעסער און דאָס זעלבע האָט געטאָן דער אַנדערער... איך האָב געמוזט כאַפּן אַ דריטן אויטאָמאָביל און אַנטלויפן פון דער סצענע אין צייט... דאָס רופט מען „דיגנידאַד" (ווירדע) אויף וואָס דער אָרעמסטער קאָלאָמביאַנער וועט נישט פאַרציכטן; אַ קלייניקייט, איר האָט באַליידיקט זיין שטאָלץ!... אפילו דער לאָטעריע־פאַרקויפער, וואָס וואַרפט אייך די לאָטעריע־צעטלעך פּשוט אין די אויגן אַריין, פאָדערט אויך פון אייך דיגנידאַד! וואָס דאַרפט איר מער — אַ צייטונגס־פאַרקויפער, וועלכער האָט קונציק אַרויסגעכאַפּט מיין פאָונטען־פּען פון וועסטל־קעשענע, און איך האָב אים געכאַפּט ביי דער האַנט... האָט פון מיר אויך געפאָדערט „דיגנידאַד"!

באָגאָטאַ רופט זיך אויך מיט דעם באַשיידענעם נאָמען „אַטען פון דרום־אמעריקע". מען דערציילט אייך, אַז אין באָגאָטאַ זענען פאַראַן מער ביכער־געשעפטן ווי קאַפעען; אָבער איר כאַפּט אַ קוק אויף די אויסלאַגן פון די ביכער־געשעפטן און גלייך לעבן אַנרי באַרבוס „פייער", ליגט זשאָני וויסמילערס בוך „ווי אַזוי צו שווימען"; לעבן סינקלערס „אויל" — ליגט „די געשיכטע פון שלעכטן מיידל"...

דער קאָלאָמביאַנער איז דער בעסטער קאַפע־מענטש אין די לאַטיין־אמעריקאַנער לענדער, ווו די קאַפעען זענען שטענדיק פול מיט מענטשן. ביי אַ „טינטאָ", אַ שוואַרץ קאַפּעלע, ווערט אין קאַפע דיסקוטירט אַלץ אין דער וועלט: פּאָליטיק, געשעפטן, פּאָעזיע, ליטעראַטור און אַנדערע מענטשלעכע פּראָבלעמען. סטודענטן זיצן אין די קאַפעען, ווו זיי שרייבן אַמליבסטן זייערע לעקציעס. איך האָב אַמאָל אין קאַפע געכאַפּט אַ שמועס מיט אַ סתם גאַסט פון אַ קאַפע, ווו מען האָט דיסקוטירט פּאָליטיק, — אַן אויסגעפּוצטער פראַנט מיט צוגעפּוצטע, שפּיציקע וואָנסעלעך. איר האָט געקענט זען, אַז דאָס האָט ער זיך ערשט אָנגעהויבן שניידן אויף פּאָליטיק: — וואָס אַ שטייגער טוען דאָ אַזוי פיל מענטשן בייטאָג אין קאַפע? פון וואָס לעבן אָט־די מענטשן, אַז גאַנצע טעג זיצן זיי אין קאַפע? האָט ער מיר גאַנץ רויִק געענטפערט, אַז דאָס זענען פּאָליטישע קעגנער פון דער איצטיקער רעגירונג. איז אַזוי ווארטן זיי, אַז מ'וועט אַראָפּוואַרפן די איצטיקע רעגירונג פון בענקל, וועלן זיי דאַן אַלע באַקומען רעגירונגס־שטעלעס.. און נאָכדעם — האָב איך אים געפרעגט, — וואָס וועט ווייטער זיין? — וועלן די אַראָפּגעוואָרפענע רעגירונגס־מענטשן זיצן אין די קאַפעען און וואַרטן אויף שטעלעס און מיר וועלן זיצן אין אַנדערע קאַפעען און דיסקוטירן, ווי אַזוי אָנצוהאַלטן אונדזערע שטעלעס...

אויף קאַרערא סעפּטימאַ, אין קאַפע „גאַטאָ נעגראָ" (שוואַרצע קאַץ), דאָרט ווידער קענט איר שוין טרעפן אַ גאַנץ אַנדער פּובליקום; דאָרט ווערן דורכגעפירט

געשעפטלעכע טראַנזאַקציעס, כדי צו באַווייזן איך, אַז עס לוינט זיך נישט צו אַרבעטן און, אַז נישטאָ קיין בעסערע זאַך ווי טאָג און נאַכט זיצן אין קאַפע, — דערציילט מען אייך דאָרט אַזאַ מין געשיכטע:

אַן „אַמעריקאַנאָ" וואָס איז געקומען אין קאַפע האָט זיך געווענדט צו די קאַפע־זיצער מיט דער פראַגע: פאַרוואָס אַרבעט איר נישט, נאָר זיצט גאַנצע טעג אין קאַפע? אויף דעם האָבן אים די קאַפע־זיצער איבערגעפרעגט: און אַז מיר וועלן אַרבעטן, וואָס וועט זיין? וועט איר — האָט דער אַמעריקאַנער געענטפערט — פאַרדינען געלט... און דאַן — האָבן די קאַפע־זיצער געפרעגט, — וואָס וועט דאַן זיין? דאַן — האָט דער אַמעריקאַנער געענטפערט — וועט איר מאַכן נאָך מער געלט. און נאָכדעם? — האָבן די חברה געוואָלט וויסן וואָס וועט זיין, — נאָכדעם — האָט דער אַמעריקאַנער געענטפערט, — וועט איר האָבן גענוג געלט, נישט דאַרפן מער אַרבעטן און זיך אָפּרוען. — איז צו וואָס טויג דער גאַנצער ענין, אַז מיר טוען דאָס שוין איצט... — האָבן די קאַפע־ליידיקגייערס געענטפערט דעם אַמעריקאַנער...

***

ווען איר ווילט זיך באַקענען מיט די קאָלאָמביאַנער שרייבער, מוזט איר באַזוכן די קאַפעען: „אַדאַמסאָן", „קאָלאָמביאַ", „מאַלינאַ". דאָרט טרעפט איר שרייבער פון יעדן סאָרט. דאָרט פּראַוועט די שוין־אַנערקענטע שרייבער און פּאָעטן זייערע טישן. יעדער באַזוכער דאָרט וועט אייך זאָגן, ווער עס איז היינט צו טאָג דער אַנערקענטסטער פּאָעט אין קאָלאָמביאַ. די קרוין פון דער פּאָעזיע האָט גראָד געווונען אַ יונגער פּאָעט, מיטן נאָמען כאָרכע ראָכאַס, וואָס האָט אָנגעהויבן זיין שרייבערישע קאַריערע אַלס צייטונגס־מאַן. צוערשט האָט מען אים שטאַרק אַטאַקירט פאַר זיין נייער ריכטונג, אָבער אַ יונגע גרופּע, וואָס האָט זיך גערופן אויפן נאָמען פון זיינע שאַפונגען „פּיעדראַ אי סיעלאָ" (שטיין און הימל), האָט שווער געקעמפט פאַר זיין אָנערקענונג. איצט איז ער פון דער קריטיק אָנערקענט געוואָרן פאַר זיין „אָריגינאַליטעט און טיפן געפיל". זיין הויפּט־קוואַרטיר איז איצט די פּאָעטישע קאַפע „לאַ פּאָרטאַלעסאַ". ער באַזינגט הויפּט־זאַכלעך די ליבע, קאָלאָמביעסביימער און לאַנדשאַפטן. אין קאָלאָמביאַ, קען מען זאָגן, הערשט אַ שפע אויף פּאָעטן; אפילו איר געוועזענער פּרעזידענט, אָספּינאַ פּערעץ, האָט אונטערגעזינדיקט מיט דער פּען; אַזוי איז אויך איר צווייטער שטאַטסמאַן, אַלבערטאָ זשעראַס קאַמאַרגאַ, וואָס איז געווען דער ערשטער לאַטיין־אַמעריקאַנער אָנצוהאַלטן די שטעלע פון פּרעזידענט פון דער „פּאַן אַמעריקאַנער יוניאָן". אַמבעסטן קאָנט איר זיך איבערצייגן, אַז מ'שרייבט אין קאָלאָמביאַ אַ סך, איז, ווען איר בלעטערט דורך די דאָרטיקע צייטונג „על טיעמפּאָ". „אָפּענע

בריוו״ אין רעדאקציע פארנעמען דאָרט א גאַר אָנגעזעענעם פּלאַץ, און דער גרעסטער טייל פון די „אָפענע בריוו״, זענען וועגן פּאָעזיע, ליטעראַטור און קריטיק. — אמאָל איז דאָס בריוול אליין א פּאָעמע. דאָס וואָס די קאָלאָמביאַנער זענען „געשטראָפט״ געוואָרן מיט דער שרייבערישער „חולאת״, נעמט זיך מעגלעך דערפאַר, וואָס דער קלימאַט איז דאָרט פאַרשיידנאַרטיק. דער „באָגאָטענאָ״ פון דער הויפּטשטאָט באַזינגט די שטענדיקע פּאַרוואָלקנטע הימלען און די נאַקעטע בערג, און די שווידערלעכע אָרעמקייט מיט וועלכע איר שטויסט זיך אָן אין די גאַסן פון באָגאָטאַ. דער „אַנטיאָכענאָ״ פון מעדעלין, באַזינגט ווידער די שיינקייט און די פאַרביקע לאַנדשאַפטן פון זיין שטאָט, וואָס זענען די שענסטע אין קאָלאָמביע. דאָס איז אפשר אויך די סיבה פון די קאָנטראַסטן פון קאָלאָמביאַנער, וועלכער איז צייטנווייז סענטימענטאַל ראָמאַנטיש און ברויזנד ווילד, אָן אַ וועלכן עס איז קאָנטראָל. קאָלאָמביאַ איז דאָס איינציקע לאַנד אין די לאַטיין־אַמעריקאַנער לענדער, ווו איך האָב נאָך היינט צו טאָג געהערט זינגען סערענאַדן אין די שפּעטע נאַכט־שעהן, ווי אין די אַלטע, ליבע, ראָמאַנטישע צייטן, בעת אין די אַנדערע לאַטיין־אַמעריקאַנער לענדער זענען זיי שוין לאַנג אַרויס פון דער מאָדע.

איך האָב א פּאָר מאָל, בעת מיינע באַזוכן, געהאַט די געלעגנהייט צו זען דעם טעמפּעראַמענט און סענטימענט פון קאָלאָמביאַנער פאָלק: אַ דעמאָנסטראַציע קעגן א קינאָ־טעאַטער, שפּעט ביינאַכט, וואָס האָט געהעכערט פּרייזן, איז אזוי ווילד געוואָרן, אז בלויז א פּאָר מינוט און דאָס קינאָ־טעאַטער האָט געברענט... אַ צווייטן מאָל האָב איך בייגעוווינט א פּאָליטישע דעמאָנסטראַציע נאָך האלבער נאַכט פון די אָנהענגער פון די „גאַיטאַניסטן״, וואָס האָבן געטראָגן ברענענדע פאַקלען; די געשרייען פון די דעמאָנסטראַנטן און די פלאַמען פון די פאַקלען נאָך האלבע נאַכט האָבן אָנגעוואָרפן אזא אימה, אז איך האָב דאַן געטראַכט: וואָס אַזאַ מאַסע קאָן אמאָל אָפּטון, ווען זי ווערט ווילד און פאַרלירט דעם קאָנטראָל!

איך האָב זיך אמאָל גאַנץ־פרי אויפגעכאַפּט אין האָטעל „גראַנאַדאַ״ פון די ווילדע געשרייען פון טויזנטער קאָלאָמביאַנער, וועלכע האָבן ארומגערינגלט דעם האָטעל: „וויוואַ קאָנטשיטאַ! וויוואַ קאָנטשיטאַ!״ — איך האָב גאָר נישט געוווּסט, אז דאָס האָב איך דעם גרויסן כבוד צו וווינען אין איין האָטעל מיט דער העלדין די מאַטאַדאָרין קאָנטשיטאַ ציטראָן — א פּערואַנער אָקסן־קעמפּערין, וואָס האָט ערשט נעכטן ביינאַכט באַזיגט מיט איר פייערדיק פערד זעקס ווילדע אָקסן אין דער אַרענאַ פון סאַנטאַ מאַריאַ. ווען די העלדין האָט זיך באַוויזן אויפן באַלקאָן פון האָטעל און געוואָרפן לופט־קושן צום פּובליקום, זענען די מענטשן אזוי ווילד געוואָרן און אָנגעהויבן אַראָפּוואַרפן פון זיך די קליידער, דאָס אָנ־

טועכץ, און עס האָבן אָנגעהויבן פליען צום באלקאָן היטלען, קראוואטן, פּאַנ־טשאָס, אפילו העמדער...

***

באָגאָטאָ, איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1538 פון גאָנסאלעז כימענעז דע קוועסאדא. האָט זי זיך יאָרנלאַנג געהאלטן אין דער שפּאַנישער קאָלאָניאלער פּאָ־ליטיק. איר נאָמען נעמט זיך פון „באקאטא" — די הויפּטשטאָט פון אַן אינדישן שבט מיטן נאָמען טשיביטשא. דאָס לאַנד איז זייער רייך אין פאַרשיידענע מינע־ראַלן און מאַטעריאַלן, ווי בוימוואָל, טאַבאַק, קאַקאָ, צוקער, צינקאָנאַ־פּלאַנצונגען (פון וועלכע עס ווערן געמאַכט דער באַרימטער כינין), זייד, קאָרן און פאַרשיי־דענע סאָרטן פרוכטן. קאָלאָמביאַ פאַרמאָגט אזוי פיל קופּער־מינען ווי טשילע; די גרעסטע צאָל עסמעראלדן־שטיינער, אויף וועלכע זי האָלט אָן אַ באַשרענקטע פּראָדוקציע, און די גרעסטע פּלאַטין־ און גאָלד־מינען אין לאַטיין־אַמעריקע. אירע אויל־פעלדער וואָלטן געקענט פאַרטיילן אויל פאַר גאַנץ לאַטיין־אַמעריקע, געהערן אָבער אירע אויל־קאָנצעסיעס צו אויסלענדישע קאָמפּאַניעס, וואָס האָבן אויך אויל־פעלדער אין שכנהשן ווענעזועלאָ, און עס גלוסט זיך זיי נישט צו קאָנקורירן מיט זייער אייגענער פּראָדוקציע. איר פּאָרט אַרויס פון דער הויפּטשטאָט צו דער „טיעררא קאַליענטע" (טראָפּישן פלאכלאנד), בלויז א האלבע שעה פון באָגאָטאָ, קאָנט איר באגעגענען קוילן־מינען. איר גרויסע טראגעדיע איז יאָרנלאנג געווען די טראנספּאָרט־שוועריקייטן. עס האָט איר גענומען יאָרן אויסצובויען א וועג צו דער עקוואַדאָריאַנער גרענעץ. זי איז נאָך ביז היינט מיט איר פאַרקער אָפּגע־שניטן פון די וויכטיקע טיילן אין לאַנד, ווו עס געפינט זיך צענדליקע מינעראַלן־און נאַטור־אוצרות. די לאַגע האָט זיך א סך פאַרבעסערט מיט דער אנטוויקלונג פון דער אַוויאַציע אין לאַנד; קאָלאָמביאַ איז געווען דאָס ערשטע לאַנד אין דער וועלט, וואָס האָט אין יאָר 1917 איינגעפירט לופט־פאַרקער פאַר טראַנספּאָרט פון משא; קיינער דערמאָנט דאָס היינט נישט, אז א דייטשער ייִדישער אימיגראַנט, וואָס האָט מיט יאָרן צוריק איינגעוואַנדערט קיין קאָלאָמביאַ, ערנעסטאָ קאָר־סיטאס, האָט עס געהאָלפן דער קאָלאָמביאַנער רעגירונג לייזן איר שווערן טראַנס־פּאָרט־פּראָבלעם. ער איז עס געווען דער גרינדער פון פאַר דער מלחמה באַרימ־טער דייטשער לופט־קאָמפּאַניע „סקאָטאַ", וואָס איז שפּעטער, בעת דער לעצטער וועלט־מלחמה, אַריבער צו דער קאָלאָמביאַנער רעגירונג; דאָס איז די היינטיקע רעגירונגס לופט־קאָמפּאַניע „אַוויאַנקאַ", וועלכע רעכנט זיך צווישן די גרעסטע קאָמפּאַניעס אין לאַטיין־אַמעריקע.

זייט דעם יאָר 1945 געפינט זיך קאָלאָמביאַ אין א פּאָליטישן כאַאָס. זעכצן יאָר צייט האָבן די ליבעראַלן דאָרט אָנגעהאַלטן די רעגירונג. אונטער דער פּרע־

זידענטשאפט פון גבריאל טורבאי, א קאָלאָמביאנער פון סירישע עלטערן, ווע־
מען מען האָט אין קאָלאָמביא גערופן „על טורקאָ“, האָט זיך די ליבעראַלע פאַרטיי
געשפּאָלטן. א גרופּע קאָנגרעסלייט און סענאַטאָרן האָבן זיך גרופּירט אונטער
דער פירערשאַפט פון כאָסע אליעזר גאַיטאַן, — אַן אַדוואָקאַט פון פּראָפעס ע,
וואָס האָט — מיט זיינע באָמבאַסטישע רעדעס, ווו ער פלעגט פון זיך רייסן די קליי־
דער, באַרימען זיך, אַז ער שטאַמט פון אינדיאַנער, און אַז ער וועט העלפן די
אָרעמע מאַסן — אַפּעלירט צו די הונגעריקע און אָרעמע. די לינקע ליבעראַלן האָבן
זיך טאַקע גערופן אויפן נאָמען פון זייער גרינדער — „גאַיטאַניסטן“. דער ריס
אין דער ליבעראַלער פאַרטיי האָט דער קאָנסערוואַטיווער פאַרטיי געגעבן א
געלעגנהייט איבערצונעמען די רעגירונג, שאַפן א מין קאָאַליציע רעגירונג. גאַי־
טאַנס פּאָפּולאַריטעט האָט געהאַלטן אין איין וואַקסן, און ביי די שפּעטערע וואַלן
האָט ער שוין פאַרמאָגט א סך מער אָנהענגער ווי די „אָרטאָדאָקסן ליבעראַלן“,
וואָס זענען פאַרבליבן געטריי זייערע פּרינציפּן. דער קאָנסערוואַטיווער פּרעזי־
דענט אספינא פּערעז האָט געהאַט גרויסע שוועריקייטן מיט זיין רעגירונגס־
פּראָגראַם: אכט און צוואַנציק קאָנסערוואַטיווע סענאַטאָרן קעגנאיבער צוויי און
צוואַנציק גאַיטאַניסטן און דרייצן אָרטאָדאָקסן ליבעראַלן. אין קאָנגרעס איז די
לאַגע געווען נאָך ערגער: אכט און פופציק קאָנסערוואַטיווע קעגנאיבער פערציק
גאַיטאַניסטן און איין און דרייסיק ליבעראַלע אָרטאָדאָקסן. פּאָליטישע אַטענטאַטן
און מאָרדן האָבן זיך פאַרמערט טאָג־טעגלעך. די לאַגע האָט דערגרייכט איר
קלימאַקס פּונקט דאַן, ווען די פּאַן אמעריקאַנער קאָנפערענץ איז פאָרגעקומען אין
באָגאָטאַ: די גאַיטאַניסטן זענען געווען שטאַרק אויפגעבראַכט אויף דער רעגי־
רונג, וואָס דער פירער פון דער קאָנסערוואַטיווער פּאַרטיי, לאַורעאַנאָ גאָמעז, וואָס
איז טאַקע געווען דער פּאָרזיצער פון דער פּאַן־אַמעריקאַנער קאָנפערענץ, האָט
זייער פירער נישט דערלאָזט צו ווערן א דעלעגאַט פון דער קאָנפערענץ. אין
סאַמע ברען פון די קאָנפערענץ־זיצונגען, ווען כאָרכע אליעזר גאַיטאַן איז אַרויס
פון זיין ביוראָ, האָט זיך צו אים דערנענטערט אַ מאַן און אים מיט אַ רע־
וואָלווער דערשאָסן. אַ לאָטעריע־צעטל־פּאַרקויפער, וועלכער האָט זיך גראָד
דאָרט געפונען, האָט געכאַפּט דעם מערדער. שיכפּוצער האָבן מיט זייערע קעסט־
לעך אים אַזוי לאַנג געשלאָגן, ביז עס איז פון אים געוואָרן א מאַסע פון קלעפּיק
בלוט... נאָכדעם האָט מען אים אַרומגעבונדן מיט א שטריק און די ווילד־געוואָ־
רענע מאַסע האָט אים געשלעפּט צום פּרעזידענטן־פּאַלאַץ. א צעררייצטע מאַסע
האָט זיך אַריינגעריסן אין פּאַלאַץ, ווו עס איז פאָרגעקומען די פּאַן־אַמעריקאַנער
קאָנפערענץ — צום גליק זיינען די דעלעגאַטן געווען אַוועק אויף מיטאָג — און
אַלץ וואָס איז זיי געקומען אונטער די הענט איז צעשטערט געוואָרן... מיליטער
און פּאָליציי זענען געווען מאַכטלאָז קעגן דעם ווילדן אויפברויז פון די מאַסן;

צענדליקער הייזער זענען פאַרברענט געוואָרן, הונדערטער טויטע האָבן זיך געוואַלגערט איבער די גאַסן. ווען איך האָב צום דריטן מאָל באַזוכט באָגאָטאַ, אויפן וועג פון ווענעזועלא קיין עקוואַדאָר, שוין א פּאָר וואָכן נאָכן 9טן אַפּריל, ווען די שוידערלעכע געשעענישן זענען דאָרט פאָרגעקומען, האָט מען זיך געקענט שאַפן אַ באַגריף וואָס דאָ איז פאָרגעקומען: גאַנצע קוואַרטאַלן זענען געווען פול מיט פאַרברענטע הייזער; ווי איר האָט זיך א קער געטון זענען געווען הילצערנע פאַרצוימונגען, וואָס האָבן פאַרשטעלט די בערג ציגל און ברוכווארג, וועלכע זענען פאַרבליבן פון די פאַרברענטע געביידעס. אײן אייניקע פּלעצער האָט מען שוין באַוויזן אויפצושטעלן נייע געביידעס און אָפּרוימען די פאַרברענטע חור־בות. אויף דעם פּלאַץ, ווו כאָרכע גאיטאַן איז דערמאָרדעט געוואָרן, איז דער טראָטואַר אָפּגעצוימט מיט דיקע קייטן. איבער דעם אָפּגעצוימטן פּלאַץ הענגט א בילד מיט אן אויפשריפט אין אָנדענק פון דעם דערמאָרדעטן. אינעווייניק ווערן טאָג־טעגלעך אריינגעשטעלט וואַזאָנעס בלומען און קריגלעך און פרישע בוקעטן. דאָס פאָלק גייט צו דעם פּלאַץ, ווי צום קבר פון א מארטירער, וואָס האָט פאַר זיי אוועקגעגעבן זייער לעבן, — און גלויבט מיטן גאנצן הארץ, אז ווען נישט וואָס מען האָט אים דערמאָרדעט, וואָלט ער זיי זיכער געווען אויס־געלייזט פון צרות, נויט און הונגער. טאַקע דערפאַר האָט מען אים דערמאָרדעט...
די גאַסן זענען פּאַטרולירט געוואָרן פון מיליטערישע פּאָליציי מיט פולער באַוואָ־פענונג, וואָס האלט מיט פעסטער האנט אָרדענונג אויפן באפעל פון דער רעגירונג וואָס האלט איצט איר מאכט מיט אן אייזערנער האנט.

דער אונטערשייד אין די פאַרשיידענע געגנטן פון לאנד אין קאָלאָמביא, איז נישט בלויז אין קלימאט, נאָר אין דעם אויסערלעכן אויסזען פון די איינוווינער און זייער מענטאַליטעט. „דער קלימאַט מאַכט דעם מענטש" — דער „אַנטיאָכע־נא" פון מעדעלין איז אזוי אנדערש ווי דער „באָגאָטענאָ" פון דער הויפּטשטאָט, אז אייך ווייזט אויס, אז דאָס זענען צוויי באַזונדערע פעלקער... פּונקט אזוי איז דער אונטערשייד צווישן איינוווינער פון קאלי און די הייסטע שטאָט אײן קאָ־לאָמביא, באראנקיזשא, וואָס ליגט ביי די ברעגן פון מאגדאלענא טייך, צוועלף מייל פון ים. די היץ דאָרט קאָן זיך פאַרגלייכן מיטן „טייוולס אינדזל". פאַר פיר אזייגער איז פאַר אייך נישט מעגלעך אראָפּצוגיין אין גאס, און אפילו שוין דאַן ווען איר כאפּט א שפּאציר איבער די גאסן בלויז א פּאָר מינוט, דערפילט איר ווי אייערע קליידער ווערן דורכגעווייקט מיט עמערס שווייס, זיי קלעפּן זיך צום קערפּער. אויך איר אַליין באָדט זיך אין א ים פון שווייס; אלע פאַרבייגייער ווישן זיך די פּנימער, דעם האלדז. דאָס זעלבע זעט איר אין די געשעפטן און קראָמען, ווו די קויפער און פאַרקויפער האלטן אין איין אָפּווישן זיך דעם שווייס. אין האָטעל שטייען בלאָזערס, אין די קאָרידאָרן און אין די צימערן, אזוי אין

אַלע עפּנטלעכע פּלעצער. א פּאָר מאָל אין טאָג מוזט איר בייטן די וועש אויף זיך. לאַנג גיין קאָנט איר נישט אין גאַס, איר מוזט אייך אָפּשטעלן אָדער באַהאַלטן אין שאָטן פון די הייזער, און איר מוזט יעדער ווייל כאַפּן א קאַלטן טרונק, כדי זיך בלויז אויף א ווייל אָפּקילן.„ עס איז נאָך א גליק וואָס די גאַסן דאָ זענען ברייט, און אויף די צענטראַלע גאַסן זעט מען פלאַנצן וואָס ברענגען מיט זיך אַ ביסל לופט. ווען די גאַסן וואָלטן דאָ געווען שמאָל, ווי אין אַנדערע שטעט אין קאָלאָמביע, דאַן וואָלטן מענטשן געפאַלן ווי די פליגן פון דער שרעקלעכער היץ.

וואָס אייך איז אויפּפאַלנד, איז די ריזיקע צאָל שטרוי־דעכער אויף די הייזער אין באַראַנקיזשאַ, וואָס דערמאָנען אייך די שטרוי־דעכער אויף די פּויערישע הייזער אין די היימישע דערפער. די דאָרטיקע איינגעבוירענע טוען זיך ווי עס איז אָן עצה מיט דער ברענענדער היץ. איר קוקט זיך צו צו די פּנימער פון די פאַרבייגייענדיקע ווייסע מענטשן — אַ מאָדנער קאָליר וואָס איז אַש־גרוי, אָן אַ טראָפּן בלוט אין פּנים. נאָך דורכשניטלעך יונגע מענטשן קוקן דאָ אויס זקנים, ווי זיי וואָלטן פאַר דער צייט אַלט געוואָרן. סיידן, אַז איר לעבט אין לוקסוס, האָט זיך ערגעץ ווו אין א פאַרשטעטל אַן אייגענע באַקוועמע ווילע, מיט דינערשאַפט, און אַן אויטאָמאָביל, וואָס איז אייך גרייט יעדער ווייל אוועקצופירן אין א שאָטנ־דיק ווינקל, ווו די ברענענדע זון האָט קיין צוטריט נישט, קענט איר זיך דער־לויבן צו וווינען אין באַראַנקיזשאַ.

קאַלי, וואָס ליגט ביי קאַקאַ־טייך, האָט אַ מילדערן וועטער. אַרומגערינגלט מיט פּאַרקן, בלומען און פלאַנצן, — מאַכט זי אויפן נייגעקומענעם אַ פיינעם אָנגענעמען איינדרוק. א גאַנצן טאָג בלאָזן קילע ווינטעלעך פון טייך, וואָס ציט זיך לענג אויס פון דער שטאָט. קאַלי איז דער הויפּט באַן־פּאַרקער פון לאַנד, אַ שליסל־פונקט פאַר טראַנספּאָרטאַציע פון גאַנצן לאַנד. פון דאַנען גייט אויך די באַן קיין בוענאַ ווענטוראַ — איינער פון די בעסטע אויסגעבויטע פּאָרטן פון מערב־ברעג אין זיד־אַמעריקע, און איז אויסגעבויט געוואָרן מיט די מאָדערנסטע איינריכטונגען פון מאַשינען און מאַגאַזינען, לויט דער קאָפּיע פון דעם פּאָרט אין דער קאַנאַל־זאָנע. זי איז אויך א שליסל־פּאָרט פון לופט־פּאַרקער קיין דרום־אַמעריקע און פאַרן אייגענעם לאַנד. קאַלי ווערט אין קאָלאָמביע גערופן „סיור־דאַד דע לאַס פלאָרעס“ (די בלומען־שטאָט). חוץ איר מילדן וועטער פאַרמאָגט זי אויך שיינע נאַטור־פּלעצער און איז אַרומגערינגלט מיט א קייט פּראַכטפולע בערג. דער וועלט־רייזנדער באַראָן פאָן הומבאָלד, וואָס האָט באַרייזט די דרום־אַמעריקאַנער לענדער, האָט די שטאָט אָנגערופן „דער גן־עדן פון אַמעריקע“.

**
*

מעדעלין, די הויפּטשטאָט פון דער פּראָווינץ אַנטיאָכע, איז די שענסטע געגנט פון קאָלאָמביאַ. די איבעריקע טיילן פון לאַנד קוקן אויף דעם „אַנטיאָכענאַ״ מיט קנאה. מען ווייסט עס גאַנץ גוט, אז אויב עפּעס אן אונטערנעמונג, אן אָרי־גינעלע אידייע, שטעקט הינטער דעם אַן „אַנטיאָכענאַ״... ער איז דאָס צילברעט פון קאָלאָמביאַנער הומאָר; אויף זיין חשבון שפּאסט מען, און אַ סך וויצן דער־ציילט מען וועגן דעם שאַרפזין און אונטערנעמונגס־גייסט פון אנטיאָכענער פון מעדעלין, — פאַרשטייט זיך, אַז אין די שטעכווערטלעך ליגט אַ באַהאַלטענע קנאה צו א פעיקערן און שטאַרקערן. מעדעלין איז נישט בלויז די רייכסטע און שענסטע פּראָווינץ אין קאָלאָמביאַ, נאָר זי האָט אויך דעם בעסטן און געזונטסטן קלימאַט פון לאַנד. די געגנט אַנטיאָכאַ איז אַנטדעקט געוואָרן אין יאָר 1541. די שטאָט מעדעלין איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1616. אירע גרינדער זענען געווען באַסקן, וועלכע זענען אַנטלאָפן פון שפּאַנישער אינקוויזיציע, און אנוסים. ביזן היינטיקן טאָג, וועט דער אַנטיאָכענאַ״ אָפן זאָגן, אַז ער איז אַן אָפּשטאַמונג פון שפּאַנישע יידן וואָס האָבן איבערגענומען די קריסטלעכע רעליגיע. צו יענער צייט האָבן די נייע איינוואַנדערער דאָרט אַנגעטראָפן אן אינדיאַנער־שבט מיטן נאָמען „קאַטיאָס״, וואָס זענען געווען זייער ציוויליזירט צווישן די דעמאָלטיקע אינדיאַנער, און זיי האָבן זיך איינער דעם אַנדערן גוט פאַרשטאַנען: אַנשטאָט באַזיגן און פאַרכאַפּן, האָבן די נייע איינוואַנדערער זיך פריינטלעך צוזאַמענגע־לעבט מיט די איינגעבוירענע אינדיאַנער. יאָרנלאַנג האָבן זיי געלעבט צווישן זיך איזאָלירט, ארומגערינגלט פון די הויכע בערג. יעדער משפחה האָט געהאַט צו אכצן קינדער און מער, וואָס איז נאָך היינט א מאָדע דאָרט, — אזוי אז עס האָט זיך אין משך פון יאָרן געשאַפן א ספּעציעלע ראַסע, וועלכע מען רופט אויך דאָרט „פּאַיסאַס״ — א געמיש פון יידן און באַסקן. זיי זענען באַרימט מיט זייער פּי־צוכט און זענען די בעסטע פּאַרמערס אין דרום־אַמעריקע. אזוי צייכענען זיי זיך אויך אויס אויף אנדערע געביטן פון אינדוסטריע און האַנדל מיט זייער ענערגיע און שאַרפזין. אַזוי פיל יידישע שטריכן ווי איר זעט אין מעדעלין אין די פּנימער פון די פאַרבייגייער אויף שריט און טריט, באַגעגנט איר נישט אין גאַנץ לאַטיין־אַמעריקע; נישטאָ אַזעלכע שיינע פּרויען אין גאַנץ לאַטיין־אַמעריקע ווי אין מעדעלין; הויך, שלאַנק, מיט איידעלע אינטעליגענטע שטריכן, וואָס קוקן איינע נאָך דער אַנדערער אויס ווי באַחנטע יידישע טעכטער. פוןביידע ראַסן — יידן און באַסקן — איז אַרויס דער טיפּ „אַנטיאָכעניאַ״ וואָס האָט אזא שם אין קאָלאָמביאַ. ווען קאָלאָנעל טשאַרלס לינדבערג האָט, נאָך זיין געלונגענע פלי־רייזע איבערן אַטלאַנטיק, באַזוכט אַלע שטעט פון די לאַטיין־אַמעריקאַנער לענ־

דער און צווישן זיי אויך מעדעלין, האָבן אים די שטאָט־טאַטעס פון דער שטאָט בעת דער פייערלעכער אויפנאַמע געזאָגט: „אַריבער אַ יאָרהונדערט זענען די גרינדער פון אונדזער שטאָט, באַסקן, אַנדאַלוזער (פון אַ צווייטער שפּאַנישער געגנט) און ייִדן, פאַרבליבן איזאָלירט אין אונדזערע בערג. זייט דעם אכצנטן

אַן „אַנטיאָכענאָ" אין מעדעלין, וואָס שטאַמט פון ייִדן

יאָרהונדערט האָבן מיר קאָלאָניזירט נייע שטעט און די באַפעלקערונג פון אונדזער שטאָט איז שטאַרק געוואַקסן".

נישט בלויז דערקאָנט איר די ייִדישע אָפּשטאַמונג אין די פּנימער פון די „אַנטיאָכענאָס", נאָר אַ גרויסער טייל פון זייערע נעמען קלינגען נאָך ביזן היינטיקן טאָג ייִדיש: „מעכיאַס" — די רייכסטע אַריסטאָקראַטישע משפּחות פון לאַנד, שטאַמען פון ייִדן, — דער נאָמען איז געביטן פון מעסיאַס (משיח); פּערעץ (פּרץ), סאַנטאַ מאַריא — אַלע סאַנטאַ מאַריאַס — האָט מיר אַ קאָלאָמביאַנער קאָלעגע פאַרזיכערט — שטאַמען פון ייִדן, — מ'האָט אָנגענומען דעם נאָמען, כדי צו באַהאַלטן זיך מיט אַ ריין קריסטלעכן נאָמען פון דער הייליקער מאַריע און נישט ארויסרופן קיין חשד. מיט אַ צייט צוריק איז אפילו דאָרט געקומען אַ וואַנגעלישע אויספאָרשונגס־קאָמיסיע פון אַמעריקע, און פעסטגעשטעלט, אַז... די דאָרטיקע איינוווינער זענען גאָר די פאַרלוירענע עשרת השבטים, וועגן וועלכע די ייִדישע לעגענדע דערציילט.

אָט די שטאָט פירט אַ גאָר שאַרפע קאָנקורענץ מיט דער קאָלאָמביאַנער הויפּטשטאָט און מיטן גאַנצן לאַנד. די דאָרטיקע אוניווערסיטעט איז די בעסטע פון לאַנד. עס געפינען זיך אויך דאָרט אַגראָנאָם־אוניווערסיטעטן און מינען־אינזשעניערי־אוניווערסיטעטן. זי איז אויך דער צענטער פון טעקסטיל און בוימוואָל. אַ רוסיש־ייִדישער אימיגראַנט, בערנאַרדאָ ראַבינאָוויטש, איז איצט דער אייגנטימער פון איינער פון די גרעסטע טעקסטיל־פאַבריקן אין מעדעלין. די שטאָט פאַרמאָגט איצט אַ צווייי הונדערט און זיבעציק טויזנט איינוווינער און איז היינט צו טאָג דער גרעסטער געשעפטס־צענטער אין קאָלאָמביע. דער פאַרקער, אין קעגנזאַץ צו באָגאָטאַ, איז אַ רויִקער; עס איז דאָרט פאַרבאָטן צו בלאָזן מיט אויטאָמאָביל־טרומייטערס. די גאַסן ריין, ציכטיק. אין סאַמע מיטן פון די גאַסן וואַקסן בלומען, סעדער, וואָס פאַרשענערן דעם אויסזען פון דער שטאָט. ביינאַכט קאָנט איר זען אויף יעדן הויז אַ ברענענדיקן לאָמפּ — דאָס איז דער געזעץ פון שטאָט. מעדעלינער פילן זיך גאַנץ היימיש אויף ניו־יאָרקער „פיפט עוועניו". ביז מיט צייטן צוריק האָבן זיי געהאַט ענגערע פאַרבינדונגען מיט פראַנקרייך, ענגלאַנד, וווהין די יוגנט פלעגט פאָרן שטודירן; היינט צו טאָג פאַרנעמט אַמעריקע דעם הויפּטפּלאַץ, — דער גרעסטער טייל פון דער שטודירנדיקער יוגנט אין מעדעלין באַזוכט די אַמעריקאַנער אוניווערסיטעטן.

איצט געפינען זיך דאָרט ייִדישע אימיגראַנטן פון בעסאַראַביע, פּוילן און רוסלאַנד, וואָסערע אכציק ייִדישע משפּחות. זיי פאַרמאָגן אַן אייגענע שולע און אַ שיל, וווּ איך האָב טאַקע געמאַכט מיין ערשטן באַזוך.

אין אַ שטיל אָפּגעלייגטן געסל, ווייט פון הויפּט־צענטער, געפינט זיך די שול. פון דרויסן איז דאָס אַ הויז, ווי אַלע אַנדערע, אָבער אַזוי שנעל איר קומט

אריין, דערזעט איר גלייך אויף די ווענט די בילדער פון דר. טעאָדאָר הערצל, חיים ווייצמאַן, און אַנדערע יידישע גדולים. אין איין זייט געפינט זיך די שולע, אין דער אַנדערער — די שיל. איך בין אַריין אין שיל, וווּ עס איז ליכטיק געווען, און צו מיין גרויס פאַרוואונדערונג, האָב איך דאָרט קיינעם נישט געטראָפן, אויסער אַן אַלטן, הויכן ייד, וואָס איז געשטאַנען ביי דער בימה און אָנגעצונדן אַ גרויסע יום־כיפּורדיק ליכט... זעענדיק מיין פאַרוואונדערונג האָט דער ייד מיר גלייך דערקלערט: „איך אליין הייס שלמה קאָטלער, א בעסאַראַבער, דאָס ליכט צינד איך אָן יעדן טאָג פון דעם יאָר; מיט אַ פּאָר יאָר צוריק, איז דאָ ביי אונדז געשטאָרבן אַן עלנטער יידישער וואַנדערער, מלך ברוינשטיין, פון סאָקאָראַן, בעסאַראַביע, נאָך דעם ווי מען האָט אים אָפּגעשניטן אַ פוס — האָב איך אויף זיך גענומען אָפּהיטן זיין יאָרצייט, און צינד אָן דאָס ליכט, וואָס איר זעט דאָ, יעדן טאָג פון דעם יאָר. אויב עס איז דאָ אַ מנין, זאָג איך אויך קדיש בצבור, און אויב נישט — זאָג איך פאַר זיך אַליין קדיש...

איך האָב שווייגנדיק זיך דערמאָנט אין דוד איינהאָרנס ליד „דער לעצטער בעל־תפילה". ווען איך האָב געקוקט אין די פלעמלעך, וואָס האָבן איצט געוואָרפן זייער צאַנקענדיקן שיין אין דעם קליינעם שילכל, און אויף דעם הויכן ברייטן ייד, וואָס האָט אויסגעזען, ווי אַן איבערגעוואָקסענער בוים...

די צווייטע שטאָט, מיט אַ יידישער פאַרגאַנגענהייט אין קאָלאָמביע, איז קאַרטעכענא. א צוויי שעה רייזע מיט אַן אָמניבוס, אין דער שרעקלעכער היץ, פון באַראַנקיזשאַ, און איר געפינט זיך אין א מערקווירדיקער פאָרט־שטאָט, וואָס איז נאָך ביזן היינטיקן טאָג צום ים־צו אַרומגערינגלט מיט דיקע מאַסיווע ווענט, געבויט פון פעלדזן, זעכציק פוס ברייט און פופציק פוס די הויך. די שפּאַניער, וואָס האָבן די שטאָט אויסגעבויט אין יאָר 1533, האָבן די ווענט אַרום דער שטאָט אויסגעבויט, כדי זי צו פאַרזיכערן פאַר אַן אָנפאַל פונעם אָפענעם ים. בלויז די ווענט זענען ביזן היינטיקן טאָג פאַרבליבן פון דער אַמאָליקער פעסטונג, וואָס האָט זיך געצויגן לענגאויסביים ים־ברעג, וואָס איז באַשטאַנען פון טונעלן, דורכגענג, ווי א מאַזשינאָט־ליניע. היות פון דאָרט אויס פלעגן די שפּאַניער טראַנספּאָרטירן דאָס גאַנצע גאָלד פון אַלע לאַטיין־אַמעריקאַנער קאָלאָניעס קיין שפּאַניע, און צוליב דער רייכקייט פון קאַרטעכענאַ אַליין, פלעגן אַזעלכע אָנפאַלן דאָרט אָפט פאָרקומען. זענען די באַפעסטיקטע ווענט אַרום באַזאָרגט געווען מיט באַאַבאַכטונגס־טורעמס פון וואַנען מ'האָט געקאָנט באַאָבאַכטן א ווייטן מהלך אויפן ים, כדי צו זען, אויב אַ פיינטלעכע שיף דערנענטערט זיך צום פּאָרט. צוליב דער וויכטיקייט פון איר פּאָרט, האָט דער שפּאַנישער קעניג באַשלאָסן צו פאַרוואַנדלען זי אין די שענסטע שטאָט פון זיינע קאָלאָניעס; א קעניגלעכער אַרכיטעקט איז ספּעציעל געקומען און אָנגעהויבן בויען די שטאָט

מיט אינדיאַנער שקלאַפן, און ווען זיי האָבן נישט אויסגעהאַלטן און פון שווע־
רער אַרבעט געשטאָרבן, האָט מען געבראַכט נעגערס פון זיד־אַפריקע. ווען די
אַרבעט האָט זיך געענדיקט, האָט זי אָפּגעקאָסט זעכציק מיליאָן דאָלער, וואָס איז
דאַן געווען אַ גאָר גרויסע סומע. מען דערציילט, אַז ווען מ׳האָט דעם קעניג
איבערגעגעבן די נייעס, אַז קאַרטאַכענאַ איז אויסגעבויט געוואָרן, האָט ער אַרויס־
געקוקט דורכן פענצטער און באַמערקט: „איך וויל זען די ווענט פון קאַרטאַ־
כענאַ — זיי קאָסטן אַזוי פיל, אַז מ׳דאַרף זיי זען פון דאַנען אויס“...

אין סאַמע מיטן קאַרנאַוואַל, ווען עס איז געפּראַוועט געוואָרן די חתונה פון
גובערנאַטאָרס שוועסטער, זענען אָנגעקומען פּיראַטן אויף נידעריקע, שנעל־
לויפנדע שיפלעך, אַז מ׳האָט זיי נישט געקענט באַמערקן פון די טורעמס, און
אויסגערויבט די שטאָט. נאָכדעם זענען געקומען די ענגלענדער און אַרויסגע־
שלעפּט אַזוי פיל גאָלד פון קאַרטאַכענאַ, אַז עס איז נישט געבליבן גענוג פּלאַץ
אויף די שיפן פאַר דעם גאָלד. נאָכדעם איז געקומען אַ מיליטערישע עקספּע־
דיציע פון ענגלאַנד, אָנגעפירט פון אַדמיראַל ווערנאָן. אַכט און צוואַנציק טויזנט
מאַן, 186 שיפן און דריי הונדערט קאַנאָנען. צווישן דער עקספּעדיציע האָבן זיך
אויך געפונען טויזנטער אַמעריקאַנער אָנגעפירט פון לאַורענס וואַשינגטאָן, דער
ברודער פון דזשאָרדזש וואַשינגטאָן. אַזוי זיכער איז דער אַדמיראַל ווערנאָן געווען
ביי זיך, אַז ער האָט מיטגעבראַכט מיט זיך מעדאַלן מיט אַ בילד, ווי דער שפּאַ־
נישער קאָמאַנדאַנט קניט פאַר אים און אונטן די אונטערשריפט: „שפּאַנישער
שטאָלץ באַזיגט ביי ענגלאַנד“. ווערנאָן האָט די מעדאַלן קיינמאָל נישט געהאַט
קיין געלעגנהייט צו באַנוצן: פון זיין גאַנצער מאַנשאַפט איז בלויז אַ פערטל
געלונגען צו אַנטלויפן. די דריי הונדערט קאַנאָנען האָבן אָבער אָנגעאַרבעט
אַזעלכע חורבות אין קאַרטאַכענאַ, אַז עס האָט געדויערט יאָרן, ביז די שטאָט
איז צוריקגעבויט געוואָרן. די דאַטומס און היסטאָרישע פאַקטן דערוויסט איר
זיך — נאָכן איבערלייענען קאָמוניקאַטן, באַפעלן, דעקלאַראַציעס און אַנדערע
פאַרגעלטע דאָקומענטן, וואָס ליגן הינטער גלעזער, אַרומגערינגלט מיט אַלט־
מאָדישע וואָפן, פּאַנצערס, שפּיזן, און מיליטערישע הערבס — אין דאָרטיקן
היסטאָרישן מוזעום, וואָס רעכנט זיך היינט צו טאָג פאַר איינעם פון די אינטע־
רעסאַנטסטע אין די לענדער פון וועסטערן העמיספער.

ערגעץ ווו, אין אַ ווינקל צווישן דאָקומענטן און פּראָטאָקאָלן, פון וועלכע עס
פעלן גאַנצע טיילן, איז מיר געלונגען דורכצולייענען אַ פּאָר באַשולדיקונגען און
אורטיילן פון אינקוויזיציע־טריבונאַל, וואָס האָט זיך טאַקע געפונען דאָרט אין
קאַרטאַכענאַ, ווו עס איז געווען דער הויפּט־טריבונאַל פאַר אַ טייל דרום־אַמע־
ריקאַנער לענדער.

אין יאָר 1609, שרייבט דער פּערואַנער אינקוויזיציע־טריבונאַל צום הויפּט־

פון אינקוויזיציע־טריבונאל אין שפאניע: „מ׳זאָל גלייך שאפן א אינקוויזיציע טריבונאל אין קארטאַכענא, ווייל עס איז פאַראַן אַ פאַרדאַכט, אַז די אלע וואָס האָבן זיך אויסבאהאלטן אין פאָרטוגאל פון דער אינקוויזיציע, זענען אנטלאָפן קיין קארטאַכענא, צוליב דעם, וואָס קארטאַכענא איז א פרייער פּאָרט און עס איז זיי גרינג צו ענטלויפן פון דאָרט ... פון וואנען זיי צעשפרייטן זיך איבער די אנדערע שכנהשע לענדער". די אינקוויזיציע דאָרט האָט געדויערט ביזן יאָר 1818, ווען די ארמייען פון דעם העלד און באפרייער סימאָן באָליוואר האָבן באַזיגט די שפּאַניער און אָפּגעשאַפט די אינקוויזיציע. אכט הונדערט יידישע קרבנות האָט דער אינקוויזיציע־טריבונאל אומגעבראכט אין קארטאַכענא.

איך האָב געוואנדערט איבער די ענגע גאסן פון יענער מערקווירדיקער שטאָט, ווו איר קאָנט נאָך היינט צו טאָג זען הייזער פון די קאָלאָניאלע צייטן, אויסגעזוכט דאָס הויז, ווו עס איז געווען דער אינקוויזיציע טריבונאל און וואָס געפינט זיך נאָך היינט דאָרט פונקט קעגנאיבער דער „פלאסא באָליוואר". היינט צו טאָג איז דאָס אַ שול פאַר מיידלעך. בעת איך האָב די שול באַזוכט, האָבן מיידלעך, אין ווייסע „גוואַרדאפּאָלוואָס" (שטויבמענטל), ווי עס איז די מאָדע אין לאטיין־אמעריקע, געלערנט די היסטאָריע פון קאָלאָמביע... איך האָב גע־קוקט אויף די מאסיווע ווענט פון די צימערן און געטראכט, אַז יעדער שטיין דאָ האָט וואָס צו דערציילן פון יידישע יסורים און פייניקונגען... דאָס הויז איז געבויט ווי פעסטונג. א גרויסער זאל, אין סאמע מ׳טן און אַרום אין א ראָד, צימערן מיט ריזיקע, דיקע ווענט. אין סאמע מיטן צענטער — האָט מען מיר אָנגעוויזן — איז געווען דער טריבונאל. אָבער ווי מערקווירדיק עס איז דער צופאַל, אַז נישט ווייט פון יענעם פּלאַץ האָבן היינט די עטלעכע און צוואנציק יידישע משפחות, וואָס געפינען זיך אין קאַרטאַכענאַ, אַ שילכל, ווו זיי קומען זיך צוזאַמען ימים־טובים און שבתים. אָט דאָס איז יידישער עקשנות, וואָס קיינער האָט נאָך נישט באַזיגט.

***

דער האָטעל־צימער אין קארטעכענא, ווו איך געפין זיך, איז אָפן פון אלע זייטן, ארומגערינגלט מיט פלאנצן און בלומען. אָבער דאָס אלץ העלפט נישט. נישטאָ קיין ביסל לופט אויף א רפואה. איך באָד זיך אין א טייך פון שוויס. פלוצים דערגייען צו מיר יידישע ווערטער... צוויי מענער, אָנגעטאָן אין ברייטע, שטרויענע קאַפּעליושן, אַרומגעוויקלט טיכלעך, וואָס האָבן אַמאָל געהאָט אַ ווייסן קאָליר, ארום די העלדזער — א סגולה פארן שוויס וואָס רינט דאָ פון יעדן טייכנוויז — שמועסן צווישן זיך אויף אַ געשמאַקן בעסאַראַבער יידיש. אַ מינוט בלויז, איך שטיי פאר זייער טישל:

— שלום עליכם, יידן!

ביידע שטעלן זיך אויף, קוקן מיך אָן נייגעריקע:

— פון וואַנען א ייד? און וואָס טוט איר דאָ אין קאַרטעכענאַ?

איך האָב זיך געוווּנדערט, וואָס די צוויי יידן האָבן מיך אַזוי מאָדנע קאַלט אויפגענומען ווען איך האָב זיך אַוועקגעזעצט ביי זייער טיש, געקוקט אויף מיר מיט פאַרדאַכט... ערשט איינער האָט אַרויסגעקוועטשט:

— איר... האָט מיט זיך אַ פּעקל? — אַ שאָד! — איז דער אַנדערער אַריינ־געפאַלן אים אין די ווערטער — קיין גרויסע גליקן וועט איר דאָ נישט מאַכן...

איך האָב זיך געכאַפּט, אַז דאָס האַלטן זיי מיך פאַר אַ קאָנקורענט, וואָס איז זיכער אַהערגעקומען „קלאַפּן" מיטן פּעקל אויף די פּלייצעס.... האָב איך זיי באַרויִקט און זיי דערציילט ווער איך בין. דאַן האָט זיך זייער באַציִונג צו מיר געענדערט. ביידע וווינען זיי אין אַ שטעטל, נישט ווייט פון קאַרטעכענאַ, זיי זענען טאַקע דאָ שוין די צווייטע וואָך, און מ׳מאַכט נישט־שלעכטע געשעפטן, טאַקע מיטן פּעקל אויף די פּלייצעס. די היגע יידן — דערציילט מיר דער צוויי־טער — האָבן זיך שוין אַרויפגעאַרבעט אויף געשעפטן און קראָמען, איז האָבן מיר אויסגעפונען, אַז מ׳קאָן דאָ גוט פאַרדינען מיטן פּעקל... איצט זיצן מיר און וואַרטן אויפן ערשטן פאַרנאַכטיקן ווינטל, כדי אַרויס אויפן גאַס מיט די פּעקלעך...

איך לאָז פון זיי נישט אַראָפּ קיין אויג: די פּנימער רויט צעפלאַמט, אָפּגעבערענט ווי פייער, שווער צו זאָגן זייער עלטער, — אויסגעמאַגערטע, אָפּגעצערטע, קאָן מען נישט שאַצן זייערע יאָרן. „מ׳אַרבעט טאַקע שווער, אָבער מ׳מאַכט אַ טאָ־לער...". „אַז מ׳וועט קומען צו זיך — העלפט אים אַרויס דער אַנדערער — וועט מען זיך באַזעצן אין באַראַנקיזשאַ, אָדער באָגאָטאַ, צווישן יידן"... מיט אַ מאָדנעם געפיל האָב איך זיך געזעגנט מיט די צוויי יידן. „— נוצט אויס די קילע ווינט־לעך און פאָרט צוריק מיטן אָמניבוס קיין באַראַנקיזשאַ, סיי ווי וועט איר דאָ נישט קענען שלאָפן ביינאַכט, די מאָסקיטאָס וועלן אייך אויפפרעסן, דאָרט איז פאַראַן אַ מאָדערנער האָטעל"...

**
*

אַ הייס־גליענדע נאַכט הענגט איבער באַראַנקיזשאַ. די לופט איז ווי גע־שוואָלן פון אַ שטיקנדער פייכטקייט. עס איז איצט נאָך האַלבער נאַכט, די גאַסן זענען אויסגעליידיקט פון מענטשן, יעדער כאַפּט איבער דעם אָטעם נאָך אַ הייסן טאָג, ווען די זון האָט געשפּיגן מיט פייער. איך געפין זיך איצט אין סאַמע צענטער פון שטאָט, קעגנאיבער די ראַדיאָ־סטאַנציע „עמיסאָרא אַטלאַנטיקאַ" פון וואַנען צוויי יידישע קאָלאָמביאַנער בחורים און דאָס יידישע מיידל וואַרעמ־בערג, די טאָכטער פון אַ יידישן כלל טוער, גרייטן צו זייער טראַנסמיסיע צו די איינוווינער פון שטאָט... אָן ענטפער אויף אַ בלוט־בלבול, וואָס איז דאָרט פאָר־געקומען, ווי אין מיטלאַלטער: אַ ייִנגל איז פאַרלוירן געגאַנגען אויף אַ פּאָר טעג,

נאָכדעם, ווען ער איז צוריקגעקומען, האָט ער דערציילט א מעשה, אז ער איז פון ייִדן אריינגעשלעפּט געוואָרן אין א שיל, ווו די ייִדן האָבן אים געוואָלט צאַפּן בלוט... באלד האָט אן ענלעכע מעשה פּאסירט מיט א צווייטן קריסטלעכן ייִנגל, און די לאגע איז דאָרט פאר די זעכציק ייִדישע משפחות געוואָרן גאנץ ערנסט. צייטונגען האָבן די נייעס צעשמירט מיט קאָמענטארן... האָט אָבער די פּאָליציי זיך גענומען צו דער אַרבעט און אויסגעפונען, אז די ייִנגלעך זיינען „ספּעציעל" פארשוווּנדן אויף א צייט, ווו זיי האָבן דערווייל, אין א צווייטער שטאָט, אויף אימיצנס חשבון געלעבט א גוטן טאָג, כדי מ'זאָל קאָנען אויסטראכטן א בילבול אויף די ייִדן.



פון רעכטס צו לינקס: דער קאָלאָמביאַנער ייִדישער שרייבער ש. ברײנסקי, יעקב בעלער און שמעון גובערעג

בייטאָג, ווען די זון האָט אומרחמנותדיק געברענט, בין איך געזעסן אין קאפע „איטאַליא" — אן אָפענער פּלאץ באדעקט מיט פּאלמען־ביימער, געקילט זיך ביי א מין נאציאָנאלן קאָלאָמביאַנער געטראנק, און זיך באקאנט מיט די דאָרטיקע ייִדן, וואָס האָבן דאָרט זייער הויפּט־צוזאַמענקום, זיך צוגעקוקט צו זייער הולך, וואָס איז באַשטאַנען פון אַ פּאָר ווייסע לייכטע הויזן, אַ לייכט העמדל און אַ ברייטן שטרויענעם סאָמברעראָ. די פּנימער זייערע האָבן אינגאַנצן,

דאָ אין דעם הייסן ווינקל פון דרום־אַמעריקע, באַקומען אַן אַנדערע צורה. נישט נאָר האָט זיך זייער קאָליר געביטן, נאָר אויך דער אויסדרוק פון פּנים. איר קענט דאָ שווער אונטערשיידן צווישן אַ ייִד און אַ קאָלאָמביאַנער, איטאַליענער, אָדער אַראַבער. די זון האָט אַלעמען אַזוי אויסגעבאַקן, אַז זיי האָבן אַלע די זעלבע פּנימער און שטריכן. אַ מאָדנע מאַטאָווע קאָליר, וואָס איז נאָר אָפּגעבערענט פון אויבן־אויף, אָבער אַז איר קוקט זיך גוט איין, זעט איר קלאָר די בלוט־אָרעמקייט, און אַז איר קוקט נאָך בעסער, דערזעט איר אין די פּנימער פון די ייִדן, אַ בענקשאַפט און אָפּגעגעסענעם צער, וואָס קומט באַלד צום אויסדרוק ווען איר צערעדט זיך מיט זיי.

באַשטעלט אַ קאַווע, אָדער אַ ווייסן קאַלטן געטראַנק, יעדע ווײַלע קומט אַן אַנדערער ייִד, זיפּצט פאַמעלעך, און די זעלביקע פראַגן, וואָס איך האָב שוין צענדליקער מאָל געענטפערט, הויבן זיך אָן אויפדאַסניי, — פון וואַנען קומט אַ ייִד? געהערט עפּעס פון יענעם שטעטל אין פּוילן? וויפל ייִדן זענען דאָרט לעבן געבליבן? און אפשר האָב איך — קוקט אויף מיר אַ ייִד מיט אַ פּעקל ביי דער זייט, וואָס קומט פון די גאַסן, ווו ער האָט שוין לאַנג געקלאַפּט ביי די טירן פון די קאָלאָמביאַנער — געהערט פון אַ שטעטל יאַנאָוו ביי לעמבערג, אין גאַליציע? יאָ געהערט? — רופט ער אויס באַגייסטערט, און אויף זיין ייִדיש אָפּגע־ברענטן פּנים, וואָס קוקט אויס ווי היימישע, שוואַרצע ליים, צעגיסט זיך אַ שמייכל, — אַזוי, איר קענט דאָס שטעטעלע יאַנאָוו!? און — לאָזט ער אַראָפּ דעם קאָפּ, דער גאַנצער דאַרער קערפּער זיינער ווערט קלענער — אפשר האָט איר געהערט פון מיין פרוי און פיר קינדער... די משפחה עדעלשטיין... דאָס קלענסטע איז...

— משוגענער, — פאַלט אים אַריין אַ צווייטער ייִד אין די רייד — וואָס דרייסטו דעם ייִדן אַ קאָפּ? פון וואַנען זאָל ער קענען דיין ווייב? — אָט אַזוי זאָגט צו מיר דער אַנדערער ייִד. — ווען ער זעט דרייט ער אַ מוח וועגן זיין ווייב און קינדער...

איצט, נאָך האַלבער נאַכט, ווען יעדער זיצט ביי זיך אין דער היים און כאַפּט אַ קיל ווינטל פון די פלאַנצן און פאַלמען־ביימער אַרום די הייזער, איז די בעסטע צייט צו רעדן צו די קאָלאָמביאַנער:

— „קאָלאָמביאַנער! דאָס רעדן מיר צו אייערע נאָבעלע געפילן. גלויבט נישט אין די מיאוסע בלבולים, וואָס בייזוויליקע מענטשן פאַרשפּרייטן אויף אונדז" — איר קענט די ווערטער גאַנץ דייטלעך הערן פון דער ראַדיאָ־סטאַנציע „אַטלאַנ־טיקאָ", זיי קלינגען אין דער שטילקייט פון דער נאַכט. — „אָט האָט איר די אמתע פאַקטן" — קלינגט ווייטער די שטימע פון ייִדישן בחור איבער דער ראַדיאָ־סטאַנציע. די פּראָגראַם בייט זיך. איצט קומט אויף אַ פּלאַטע הערשמאַנס באַרימ־טער „הבט משמים וראה". איך בין נייגעריק צו זען ווי אַזוי עס ווירקן די ייִדי־

שע נגינות דאָ, אין אַ ווייט פאַרוואָרפן ווינקל, [redacted] צווישן די אַנוועזנדיקע אין גאַס, דעם איינדרוק אויף די פּנימער פון די אַרומיקע צוהערער. אין אַ ווינקל פון אויסגעשפּרייטע פּאַלמען־ביימער שטייען אַ קופּקעלע ייִדן און זינגען נאָך וואָרט ביי וואָרט „רבונו של עולם הבט, הבט משמים...״ וואָס אַמאָל העכער. די נייגעריקע קאָלאָמביאַנער קוקן אויף זיי מיט פאַרוווּנדערונג. אָנגעשפּאַרט אין אַ דיקן טע־לעגראַפן־סלופּ, שטייט דער גאַליציאַנער ייִד, וואָס האָט מיך בייטאָג געפרעגט אויף זיין ווייב און קינדער פון יאַנאָוו, זאָגט נאָך יעדער וואָרט ווי אַ הייסע תפילה, און וויינט ווי אַ קליין קינד אויפן קול...

***

שפּורן פון ייִדישער פאַרגאַנגענהייט קאָנט איר טרעפן אין קאָלאָמביאַ אין די וויטסטע ווינקלען פון לאַנד. פאַראַן אפילו אַ סברא, אַז ראָדריגעז באַסטידאַס, וועלכער האָט אַנטדעקט קאָלאָמביאַ, איז געווען פון אַנוסישער אָפּשטאַמונג. אפילו אין דער ווילדער געגנט פון קאָלאָמביאַ־גואַכירא, וואָס גרענעצט זיך מיט ווענעזועלאַ, אין באַיהאַנדאַ, קאַכא דע לא ווילא — ווו עס וווינען אַריבער פופציק טויזנט אינדיאַנער, וועלכע גייען אַרום אין אָדום הראשונס קליידער — געפינט מען אָפּשטאַמלינגען פון ייִדן; איר קאָנט דאָרט געפינען אינדיאַנישע משפחות מיט די נעמען כהן און אַנדערע ייִדישע נעמען.

אין באַראַנקיזשאַ איז פאַראַן אַן אַלט בית־עולם, ווו מ׳קאָן פון אַ טייל מצבות זען, אַז זיי זענען עלטער ווי ז׳בעציק יאָר. אָפּט פּאַסירט, אַז עס שטאַרבט אַן אַדעליקע קאָלאָמביאַנער משפחה רופן די קינדער די „חברה קדישא״, זיי זאָלן באַגראָבן דעם טויטן, דעם ראש פון דער משפחה, — אַזוי איז געווען זיין לעצ־טער ווילן... האָבן מיר די דאָרטיקע ייִדן איבערגעגעבן מערקווירדיקע פאַקטן: קומענדיק צו מקבר זיין אַזאַ מת, זענען די זין, ריינע קריסטן, און אייניקלעך, אָפּי־צירן פון דער קאָלאָמביאַנער אַרמיי, נאָכגעגאַנגען די לוויה צום ייִדישן בית־עולם... מיט אַ צייט צוריק האָט דער האָלענדישער קאָנסול אין באַראַנקיזשאַ גערופן צו זיך אַ פאַרטרעטער פון דער „חברה קדישא״ און אים איבערגעגעבן דעם לעצטן ווילן פון איינעם פון די דאָרטיקע תושבים, אַ יחוסדיקע קאָלאָמ־ביאַנער משפחה, באַגראָבן צו ווערן אויפן ייִדישן בית־עולם. אַלע הוצאות זענען פריִער באַצאָלט געוואָרן צום האָלענדישן קאָנסול.

אין קאַלי, פּונקט ביי די ברעגן פון טייך קאַקאַ, איז פאַראַן אַ בריק, וואָס פאַרבינדט ביידע טיילן שטאָט. די בריק איז אויסגעבויט געוואָרן פון אַ באַ־רימטן אינזשעניער. די ייִדן פון קאַלי רופן זי די „ייִדישע בריק״: אַן אַלטער רייכער, ייִדישער בחור, אָן קרובים, וואָס האָט זיך נישט פאַרגינען דאָס לעבן

און אַפילו זיך נישט פאַרגינען צו רופן אַ דאָקטאָר, ווען ער איז שוין גוט קראַנק געוואָרן, — ערשט ווען ער האָט שוין מער נישט געקענט אַרומגיין אויף די פיס און גערופן אַ דאָקטאָר, איז שוין צו שפּעט געווען... די רעגירונג האָט צוגענומען זיין פאַרמעגן און אויסגעבויט די בריק אין קאַלי. ווי אַ צופאַל, שטייט פונקט קעגנאיבער דער בריק דער דענקמאָל פון כאָרכע אייזיקס, איינער פון די באַרימטסטע קאָלאָמביאַנער שרייבער, דער פאַרפאַסער פון ראָמאַן „מאַריאַ", וואָס האָט אין יענער צייט אַרויסגערופן אַ סענסאַציע מיט זיין שילדערונג פון קאַטוילישײיִדישן לעבן אין קאָלאָמביע. ער איז דאָן, אין יאָר 1867, געקרוינט געוואָרן פאַרן קאָלאָמביאַנער ראָמאַן. אין יאָר 1890 איז דער ראָמאַן דערשינען אין אַן ענגלישער איבערזעצונג, האָט די אַמעריקאַנער קריטיק געשריבן, אַז כאָרכע אייזיקס איז אַ געניאַלער שרייבער און אַז דאָס ווערק דאַרף פאַרנעמען אַ חשוב פּלאַץ אין דער וועלט־ליטעראַטור. אכט הונדערט טויזנט עקזעמפּלאַרן זענען דאָן פון דעם ראָמאַן „מאַריאַ" פאַרקויפט געוואָרן אין די שפּאַניש־רעדנדיקע לענדער, וואָס איז דאָן געווען אַ גאָר ריזיקע צאָל. כאָרכע אייזיקס פאָטער איז געווען אַן ענגלישער ייִד, דער אייגנטימער פון אַ צוקער־מיל מיט אַ קליינער צוקער־פּלאַנטאַציע מיטן נאָמען „לאַ מאַנועליטאַ", וועלכע איז דאָן געטריבן געוואָרן מיט אייזלען; אין יאָר 1864 האָט אַן אַמעריקאַנער, מיטן נאָמען זשיימס עדער, אָפּגעקויפט די צוקער־מיל אין פּאַלמירא, זי פאַרגרעסערט; היינט צו טאָג איז דאָס איינע פון די גרעסטע צוקער־מילן פון לאַנד מיט די מאָדערנסטע מאַשינען, און צוקער־פּלאַנטאַציע פון אַרום זיבן טויזנט אַקער, און הונדערטער אַרבעטער.

***

אַנטיסעמיטיזם איז איצט אין קאָלאָמביע אַ שטענדיקע דערשיינונג. שווער פאַר אַ ייִד צו באַקומען איצט אַ וויזע קיין קאָלאָמביאַ, און די דאָרטיקע דריי טויזנט ייִדן, וואָס האָבן אַהינצו איינגעוואַנדערט אין די לעצטע יאָרן, האָבן דאָרט נישט קיין גרויס נחת. עס האָט דאָרט שוין אפילו פּאַסירט, אַז אַ ווילדער המון, געהעצט פון אַנטיסעמיטן, האָט זיך אַ לאָז געטון צו דער הויפּט־גאַס אין באָגאָטאַ, ווו עס געפינען זיך צום גרעסטן טייל ייִדישע געשעפטן, און געבראָכן די שוייפענצטער מיט אַזעלכע לאָזונגען ווי „מאַטאַד כודיאָס פּאָליאַקאָס!" (הרגעט די פּוילישע ייִדן!). ייִדן האָבן זיך באַהאַלטן און איבערגעלעבט שרעקלעכע מינוטן. דער שאָדן האָט באַטראָפן שווערע טויזנטער. ייִדן האָבן אפילו נישט געוואַגט צו מאָנען זייער שאָדן ביי די פאַרזיכערונגס־געזעלשאַפטן. קאָלאָמביאַ האָט אַ גרויסע באַפעלקערונג פון אַראַבער, סיריער, און צו דעם צו איז קאָלאָמביאַ אַ נעסט פאַר נאַצי־פּראָפּאַגאַנדע נאָך היינט צו טאָג נאָך היטלערס מפּלה. חוץ דער אַראַבישער מפּלה אין ישראל, שפּילט ביי די אַראַבער אויך אַ ראָליע די געשעפטלעכע קאָנקורענץ; ייִדן הויבן אָן וואָס אַ טאָג מער צו פאַרנעמען פּעס־

טערע געשעפטלעכע פּאָזיציעס, העצט מען דעם קאָלאָמביאַנער, וואָס הונגערט און ראַנגלט זיך מיט דער נויט, נישט געקוקט וואָס דאָס לאַנד פֿאַרמאָגט גרויסע רייכטימער און נאַטור־אוצרות, איז אָבער דער קאָלאָמביאַנער בטבע אַ פֿוילער און האַלט ווייניק וואָס פֿון שווער אַרבעטן, און אויב שוין יאָ אַמאָל אַרבעטן, האָט ער לייכטע פֿינגער און דאָס פֿאַרדינסטל ווערט צערונען צווישן די פֿינגער. האָט ער זיך מיטאַמאָל אַרומגעקוקט, אַז די אויסלענדער, וואָס זענען אַ קורצע צייט אין קאָלאָמביאַ, האָבן געמאַכט פֿאַרמעגנס, וווינען בעסער ווי ער, עסן און קליידן זיך בעסער ווי ער, — האָט זיך אין אים דערוועקט אַ ווילדע קנאה קעגן אויסלענדער, וואָס האָבן דאָ, אַ דאַנק זייערע פֿעיִקייטן און שפּאָרזאַמקייט, גע־מאַכט פֿאַרמעגנס. ער האָט צו אַלע אויסלענדער א שנאה, אָבער צום אַמעריקאַנער, ענגלענדער, פֿראַנצויז און אפילו שפּאַניער, מוז ער האַלטן דאָס מויל. קעגן ייִדן אָבער ווערט אים קיינער נישט שטערן — אַ סימן האָט איר: היטלער האָט אויס־געקוילעט זעקס מיליאָן ייִדן און די וועלט האָט זיך נישט וויסנדיק געמאַכט... ווען די איינגעוואַנדערטע ייִדן האָבן אין די שווערע, גרינע יאָרן געוווינט אין נויט, אין אָרימקייט און ענגשאַפֿט צו פֿיר, פֿינף משפחות; דאַן ווען זיי האָבן באַדנ־דיק זיך אין שווייס, געקלאַפּט אין די טירן פֿון די קאָלאָמביאַנער, ברענגענדיק זיי פֿון כל־טוב — דאַן האָבן זיי געשריען, אַז זיי לעבן נישט היגיעניש און אַנ־דערע טענות; איצט האָט מען צו זיי אַ טענה, אַז זיי זענען דאָ פֿרעמדע און לעבן בעסער ווי קאָלאָמביאַנער.

די הויפּט־שולדיקע אין די שטענדיקע ייִדן־העצערייען זענען די נאַציס; אַ טייל פֿון זיי טאַקע קאָלאָמביאַנער, וואָס זענען פֿרייוויליק אוועק אין היטלערס זיג־אַרמייען און נאָך דער גרויסער מפּלה זיינער זענען זיי צוריקגעקומען קיין קאָלאָמביאַ, צוליב דעם וואָס זיי האָבן געהאַט קאָלאָמביאַנער פּרויען; אַנדערע וואָס קומען כסדר אַריין אין לאַנד, בעת ייִדישע אימיגראַציע איז אין גאַנצן פֿאַרבאָטן. זיי ווילן מיט ייִדן־שנאה אויפֿלעבן זייער ראַסן־טעאָריע און קאָלאָמביאַ איז פֿאַר זיי אַ גינסטיקער באָדן. בעת די נאַצישע מאַסן־מערדער זע־נען בעת דעם נירענבערגער פּראָצעס פֿאַראורטיילט געוואָרן, האָט דער קאָלאָמ־ביאַנער סענאַט אָנגענומען אַ „הומאַניטאַרישע" רעזאָלוציע: צו שענקען דאָס לעבן די פֿאַרברעכער. אַ גרויסער טייל פֿון דער קאָלאָמביאַנער פּרעסע האָט פֿאַרטיידיקט די רעזאָלוציע אויפֿן גרונט, וואָס אין קאָלאָמביע עקזיסטירט נישט קיין טויט־שטראָף. אויפֿן צווייטן טאָג, ווען די מערדער זענען אויפֿגעהאָנגען גע־וואָרן, האָב איך אין קאַלי, אין הויפּט־צענטער פֿון שטאָט, און אין אַנדערע גאַסן, געזען גרויסע אויפֿשריפֿטן אין שפּאַניש מיט נאָך גרעסערע האַקן־קרייצן, וואָס האָבן זיך געלייענט: „די טויטע וועלן לעבעדיק ווערן". אין מעדעלין איז אַרויס־געהאָנגען געוואָרן אַ פֿאָן מיט אַ נאַצישן האַקן־קרייץ, און די יאָרצייטן פֿון דעם

טאָג ווערן אין אַ טייל קירכן אין די שטעט אָפּגעריכט תפילות, אָפּן, אונטער דער סאמע נאָז פון דער רעגירונג, און די באַטייליקטע טראָגן סוואסטיקא־אָרעמ־בענדער.

ווי אַזוי עס לעבן די פיר, פינף טויזנט ייִדן אין קאָלאָמביאַ, איז אמבעסטן צו ציטירן אַ בריוו פון אַ דאָרטיקן תושב, אַ פּיאָנער פון דאָרטיקן ישוב, שמעון גובערעג, וואָס איז יאָרן לאַנג געווען דער פּרעזידענט פון דאָרטיקן ייִדישן צענ־טער, אין ניו־יאָרקער „טאָג“:

„היינט — זאָגט זיך אין בריוו — זענען אונדזערע קינדער גאָט צו דאַנקען אויפגעוואַקסן, זיי גייען שוין אין די אוניווערזיטעטן; מיר האָבן שוין אייגענע דאָקטוירים, אינזשעניערן. אַ טייל פון אונדזערע קינדער זענען שוין אליין פאָ־טער פון קינדער. דאָס בילד איז שוין קלאָר און בולט. דער אויספיר איז: וואָס שייך עקאָנאָמיש, האָבן מיר דאָ געשאַפן אַ דור שוואַכלינגען, הילפלאָזע, און דער טרוים פון אַלע איז... אַ רייכער שווער... האָבן מיר שוין אונדזערע קינדער פאַרזאָרגט, — פרעגט זיך דעריבער איצט די פראַגע, וואָס וועט זיין מיט אונ־דזערע אייניקלעך?“

אָט דער אָנגעווייטיקטער פּראָבלעם גילט פאַר אַלע אַנדערע ייִדישע ישובים אין די לאַטיין־אַמעריקאַנער לענדער. די אַמאָליקע ייִדישע אימיגראַנטן זענען אַהינגעקומען נאַקעטע, באָרוועסע, מיט אַ ים פון ענערגיע און אונטערנעמונגס־קראַפט; געאַרבעט שווער און ביטער מיט דער דאָרטיקער פּרנסה — אַ קלאַפּער, אָדער ווי מען רופט עס אין בראַזיל, סעמינאַלטשיק, אָדער קליענטעלטשיק אין ארגענטינע; דער טאַטע האָט איינגעריסן וועלטן און דערגרייכט אַ העכערן לעבנס־סטאַנדאַרט פאַר די קינדער. דער איצטיקער דור איז צוגעוווינט צו אַ בעסער, באַקוועמער לעבן, אים פעלט נישט בלויז די ענערגיע פון טאַטן, נאָר אויך די איניציאַטיוו; ער קאָן נישט קעמפן אַזוי שווער ווי זיין פאָטער דער אימיגראַנט, ער וועט איצט נישט אָנהייבן מיטן פּעקל, ווייל די טעג פון פּעקל זענען שוין לאַנג אַוועק; חוץ דעם האָט ער געענדיקט אַן אוניווערזיטעט... גאָר גרויסע אויס־זיכטן פאַר אַ ייִדישן פּראָפעסיאָנאַל זענען אין די לאַטיין־אַמעריקאַנער לענדער נישטאָ... די עלטערן אַליין האָבן אַרויפגעצויגן דעם לעבנס־ניוואָ, מ'האָט געבויט שיינע הייזער, געקויפט אמעריקאַנער אויטאָמאָבילן. איצט פאָדערט די טאָכטער דעם לוקסוס, וואָס זי באַקומט ביי די עלטערן, און כדי איר דאָס צו געבן, מוז דער יונגערמאַן זוכן אַ רייכע כלה מיט נדן, און אַ שווער ביי וועלכן מ'קאָן זיך אָנלענען... עס האָט זיך אין די דרום־אַמעריקאַנער לענדער אָנגעהויבן די זעלבע נדן־מגפה ווי אין פּוילן, און אַ מיידל, אין יענע טראָפּישע לענדער, פון צוואַנציק יאָר, הייסט שוין אַ פאַרזעסענע מויד. וואָס זשע טוען די טאַטעס וואָס האָבן נישט קיין נדן צו געבן די טעכטער?

ווענעזועלאַ — דאָס לאַנד פון שוואַרצן גאָלד

צוויי מאָל האָב איך באַזוכט ווענעזועלאַ: דאָס ערשטע מאָל אונטער דער ליבעראַלער דעמאָקראַטישער רעגירונג פון דער „כּונטאַ רעוואָלוציאָנאַריאַ", ווען ראָמולאָ בעטאַנקור, אַ געוועזענער זשורנאַליסט, איז געווען איר פּרעזידענט, און אַלע מיניסטאָרן ביז צום פּרעזידענט זענען טיטולירט געוואָרן „בירגער מיניסטער", „בירגער פּרעזידענט!"; אויפן גאַנצן אַמעריקאַנער קאָנטינענט האָט מען די רעגירונג געהאַלטן פאַר אַ ראַדיקאַלע — נישט אַ קאָמוניסטישע. דאָס צווייטע מאָל ווען איך האָב באַזוכט ווענעזועלאַ, האָט שוין ראָמולאָ בעטאַנקור אָפּגעריכט גלות אין אַמעריקע, און די רעגירונג פון ווענעזועלאַ איז שוין געווען אונטער אַ מיליטערישער דיקטאַטור, וועלכע האָט זיך גערופן „כּונטאַ מיליטאַר". ביידע רעגירונגען האָבן נישט אַריינגעלאָזט קיין ייִדן קיין ווענעזועלאַ; נישט די רעגירונג פון ראָמולאָ בעטאַנקור, וואָס האָט אפילו געהאַט ייִדישע פריינט אין אַנדערע לאַטיין אַמעריקאַנער לענדער, ווו ער האָט געמוזט אַנטלויפן אין דער צייט פון דיקטאַטאָר כּואַן וויסנטע גאָמעז, און די באַשרענקונגען זענען נישט לייכטער געוואָרן אונטער דער שפּעטערער מיליטערישער דיקטאַטור.

ווען איך האָב זיך דאָס ערשטע מאָל געווענדעט נאָך אַ וויזע קיין ווענעזועלאַ בלויז אויף אַ באַזוך אין דער קאָלאָמביאַנער הויפּטשטאָט, האָט דער קאָנסול מיך געפרעגט אויף מיין רעליגיע. און היות די רעליגיע מיינע איז נישט פון די פּריווילעגירטע, האָט מען מיר געענטפערט: מ'וועט אָוועקשיקן אַ טעלעגראַמע אין אימיגראַציע־דעפּאַרטאַמענט פון קאַראַקאַס; האָב איך באַצאָלט פאַר דער טעלעגראַם און דער ענטפער איז וואָכן־לאַנג נישט געקומען... זייענדיק אין דער צווייטער שטאָט באַראַנקיזשאַ, האָב איך זיך ווידער געווענדט צום ווענעזועלער קאָנסול דאָרט, און... ער האָט נישט געוואַרט אויף קיין ענטפער און מיר גלייך דערקלערט: דו ביסט דאָך אַ קאַטאָליק? — ניין, נישט געטראָפן — האָב איך געענטפערט, — איך בין גראָד אַ כּודיאָ (אַ ייִד). — אויב אַזוי — האָט זיין פּנים פאַרלוירן די פריינטלעכקייט — מוז מען אָוועקשיקן

אַ טעלעגראַם קיין קאַראַקאַס... — און — האָב איך צוגעגעבן — דער ענטפער וועט קומען מאַניאַנאַ (מאָרגן, וואָס קען אַמאָל אין די לענדער מיינען קיינמאָל נישט...)

— שעמט איר זיך נישט — האָב איך אַן ערנסטער אים געפרעגט — אייער לאַנד, וואָס האָט אַ רעוואָלוציאָנערע רעגירונג, צו דיסקרימינירן קעגן מענטשן פון אַן אַנדערער ראַסע און רעליגיע? ווי קומט ראַסיזם צו רעוואָלוציע?

דער קאָנסול איז נאָך ערנסטער געוואָרן, און קענטיק אַז מיינע ווערטער האָבן אים שטאַרק געטראָפן: — איר... איר פאַרשטייט, די יידן... אַ שווערער, נישט־פּראָדוקטיווער עלעמענט די יידן...

— דאָס — האָב איך נישט געלאָזט פאַרענדיקן, פילנדיק, אַז איך פאַרליר מיין קאָנטראָל, — דאָס זענען דאָך היטלערס טענות...

דער קאָליר פון זיין פּנים האָט זיך געביטן.

— און איך גיב אייך נישט קיין וויזע — האָט ער אַן אויפגערעגטער אויפן קול געענטפערט — און טוט וואָס איר ווילט.

— אויב אַזוי, הער קאָנסול, — האָב איך אים געענטפערט — וועל איך זיין אין קאַראַקאַס אָן אייער וויזע און זיך דאָרט באַקלאָגן פאַר דער „רעוואָלוציאָנערער רעגירונג".

איך האָב אויסגענוצט די געלעגנהייט וואָס אין באָגאָטאַ איז דאַן גראָד פאָרגעקומען די קאָנפערענץ פון דער „פּרענסאַ פּאַן־אַמעריקאַנאַ", צו וועלכער עס איז אויך געקומען אַ גרויסע דעלעגאַציע פון ווענעזועלאַ, — און גראָד די דעלעגאַציע האָט זיך אויף דעם קאָנגרעס איינגעשטעלט פאַר פּרעסע־פרייהייט... דורך אַן איינפלוסרייכן אַמעריקאַנער קאָלעגע האָב איך זיך באַקאַנט מיט איי־נעם פון דער ווענעזועלאַנער דעלעגאַציע, אַן אינוווייניקסטער מענטש פון... און אים געפרעגט: היתכן? מ'קעמפט פאַר פּרעסע־פרייהייט, גלייכהייט, און אים דערציילט דעם גאַנצן ענין מיינעם. אַכט טעג שפּעטער האָב איך באַקומען די וויזע אויף אַ ספּעציעלער רעקאָמענדאַציע. ווען איך בין אָנגעקומען אין קאַראַ־קאַס צוויי טעג שפּעטער, איז אין אַ דאָרטיקער צייטונג דערשינען אַ פראָנט־זייט־נייעס מיט פעטער אויפשריפט: „איז דאָס אמת, אַז ווענעזועלאַ לאָזט נישט אַריין קיין יידן?" היות עס זענען פאָרגעקומען רעוואָלוציעס און רעגירונגען האָבן זיך געביטן, איז בעסער נישט צו דערמאָנען די נעמען פון מיין פּראָטעק־טאָר און פון רעדאַקטאָר פון יענער צייטונג; ווער ווייסט ווו מיינע ווערטער קענען נאָך אַריינפאַלן, און ווער ווייסט, ווו די פּערזאָנען געפינען זיך איצט, און וואָס פאַר אַן אמט זיי פאַרנעמען?

געקומען קיין ווענעזועלאַ, איז מיין ערשטע אַרבעט געווען אויסצוגעפינען, ווי אַזוי די ליבעראַלע רעוואָלוציאָנערע רעגירונג באַציט זיך צו דער פראַגע

פון יידישער איינוואַנדערונג. מעגלעך, אַמאָל אַ קאַפּריז פון אַ באַאַמטן אין אימיגראַציע־דעפּאַרטאַמענט, אָדער פון קאָנסולאַטן אין אַ לאַנד, — און איך האָב אַנגעהויבן נישטערן אין פאַרשידענע ווינקלען, געריעדט פּערזענלעך מיט אימיגראַציע־באַאַמטע, און אַט זענען פאַקטן: אויף דער שיף „גענעראַל סטור־גיס", וועלכע איז ספּעציעל געקומען מיט אַ טראַנספּאָרט היימלאָזע, געשיקט פון דער „איראָ", זענען געווען אַכט הונדערט פערצן איינוואַנדערער: דריי און צוואַנציק פּראָצענט רוימיש־קאַטוילישע, אַריבער זיבן פּראָצענט גריכיש־קאַטוילישע, זעכציק פּראָצענט אָרטאָדאָקסיש־קאַטוילישע, און אַריבער אַכט פּראָצענט פּראָטעסטאַנטן. וועגן די אַנדערע דריי טויזנט הונדערט און זעכציק היימלאָזע, וועלכע זענען געקומען קיין ווענעזועלאַ דעם זעלבן יאָר, קען מען מיר נישט געבן קיין ציפערן. אַזוי אויך וועגן די וואָס זענען געקומען מיט אַ יאָר צוריק — אַן ערך פון טויזנט זיבן הונדערט אַכציק, און נאָך אַ טראַנספּאָרט, וואָס איז געקומען גלייך, ווי נאָר עס האָט זיך פאַרענדיקט די מלחמה. צוגע־געבן האָט מיר דער באַאַמטער, אַז אַ נישטיקע צאָל יידישע אימיגראַנטן זענען געווען צווישן די אַלע טראַנספּאָרטן. האָב איך גערעדט מיט אַ צווייטן, העכערן באַאַמטן פון אימיגראַציע־דעפּאַרטאַמענט, און אַלע האָבן מיר מודה געווען, אַז יידן קומען נישט, ווייל... מ'גיט זיי קיין וויזעס נישט. יידישע היימלאָזע וואָס זענען לעבן געבליבן און געפינען זיך אין די לאַגערן — האָט איינער מיר אויפריכטיק דערקלערט, — זענען נישט קיין געוווּנטשענע אימיגראַנטן; זיי זענען נישט אַרבעטס־פעיִק. חוץ דעם — האָט ער אַנגעהויבן שטאַמלען — מאַך איך נישט די באַפעלן...

אין אַלע לאַטיין־אַמעריקאַנער לענדער זענט איר מיט אַן אַמעריקאַנער פּרעסע־קאַרט אַ „פּערסאָנאַ גראַטאַ"; די רעגירונגס־ביוראָען זענען פאַר אייך אָפן. אָבער דאָ, אין ווענעזועלאַ, איז מיר שווער אָנגעקומען צו זען פּערזענלעך דעם פּרעזידענט, בירגער ראָמולאָ בענטאַקור, דער הויפּט פון דער ליבעראַלער רעוואָלוציאָנערער רעגירונג, וואָס דערלויבט ביי זיך אין לאַנד צו פּראַקטיצירן ראַסן־טעאָריע. אויף מיין צודרינגלעכקייט, האָט מיר דער פּרעסע־שעף פון פּרע־זידענט געראַטן, איבערצולאָזן דעם נאָמען פון דער צייטונג, וועלכע איך פאַר־טרעט. ערשט נאָכדעם האָב איך באַקומען אַן ענטפער, אַז „דער פּרעזידענט איז שטאַרק פאַרנומען מיט ספּעציעלע זיצונגען"; איך זאָל מיינע פראַגן אָנשרייבן אויף פּאַפּיר און דער פּרעזידענט וועט מיר שריפטלעך ענטפערן. דאָ האָב איך זיך געכאַפּט, אַז איך האָב נישט באַנוצט די ריכטיקע טאַקטיק, ווען איך האָב דעם פּרעסע־שעף געוויזן מיין פּרעסע־קאַרט, ווו עס איז אויך געווען דער נאָמען אָנגעשריבן מיט יידישע אותיות... פאַרפאַלן, איך האָב איצט נישט קיין ברירה ווי אָנשרייבן מיינע פראַגן צום רעוואָלוציאָנערן בירגער פּרעזידענט פון ווענע־

זועלאַ, פאַרוואָס ער, אַ ליבעראַל און דעמאָקראַט, דער הויפּט פון אַ רעוואָלוציאָנערער רעגירונג, דולדעט אין זיין לאַנד אַ געזעץ, וואָס דערלויבט נישט קיין ייִדן אַריינצוקומען אין לאַנד. די פראַגע — האָב איך צוגעגעבן — פרעגט אייך אייערס אַ פּראָפעסיאָנעלער קאָלעגע, אַ ייִדישער זשורנאַליסט, וואָס האָט, אפילו אַלס צייטונגסמאַן, נישט געקענט באַקומען קיין באַזוך־וויזע, און געפינט זיך איצט אין אייער רעגירונגס־פּאַלאַץ נאָר צוליב אַן אויסערגעוויינלעכן צופאַל, צוליב וועלכן עס איז אים געלונגען אַריינצוקומען אין לאַנד אויף אַ קורצן באַזוך. דער פרעסע־שעף האָט מיר פאַרזיכערט, אַז אין אַ טאָג־צוויי וועל איך באַקומען אַן ענטפער. דריי טעג שפּעטער האָב איך באַקומען אַן ענטפער, געשריבן אין אַ לאַקריץ־זיסן טאָן:

די געזעצן קעגן ייִדישער איינוואַנדערונג — האָט זיך אין בריוו געזאָגט — זענען נאָך פאַרבליבן פון דער פריִערער רעאַקציאָנערער רעגירונג פון דיקטאַטאָר כואַן וויסענטע גאָמעז, און אַז מיט דער צייט — האָט דער פּרעזידענט־בירגער פאַרזיכערט —׳ וועט מען די פראַגע שטודירן.

נישט אונטער זיין פּרעזידענטשאַפט, און שפּעטער, ווען דער צווייטער רעוואָלוציאָנערער ליבעראַלער פּאָעט, ראָמולאָ גאַזשעגאַס, פון דער זעלבער כונטאַ רעוואָלוציאָנאַריאַ, האָט איבערגענומען די רעגירונג, האָט מען דעם פאַרבאָט קעגן אַריינקומען פון ייִדן אין ווענעזועלאַ נישט געענדערט.

מ׳דאַרף אין אַלגעמיין נישט נעמען ערנסט די רעוואָלוציאָנערן אין די לאַטיין־אַמעריקאַנער לענדער. פּונקט ווי „כונטאַ רעוואָלוציאָנאַריאַ" מיינט נישט קיין ליבעראַלן רעוואָלוציאָנערן רעזשים, מיינט „כונטאַ מיליטאַר" נישט קיין פאַשיסטישן רעזשים. עס ווערן אַמאָל נאָר געביטן די נעמען און די מענטשן, וועלכע פאַרכאַפּן די מאַכט. באַליוויאַנער ייִדן, למשל, האָבן מיר, בעת מיין באַזוך דאָרט, דערציילט, אַז גראָד אונטער דער רעגירונג פון פּרעזידענט ווילאַראָול, וואָס איז שפּעטער דערמאָרדעט געוואָרן, און וועלכן מ׳האָט אין אַנדערע לענדער געהאַלטן פאַר אַ פאַשיסט, זענען די באַציִונגען צו זיי מצד דער רעגירונג געווען בעסערע. אַ סך בעסערע ווי אונטער דער דעמאָקראַטישער רעגירונג פון גענעראַל הערצאָג... אין אַ צווייט לאַטיין־אַמעריקאַנער לאַנד, ווו דער פּרעזידענט איז געווען אַ ליבעראַל און אפילו געהאַט קאָמוניסטישע מיניסטאָרן אין זיין קאַבינעט, זענען, בעת מיין באַזוך דאָרט, די טירן פון לאַנד געווען הערמעטיש פאַרשלאָסן פאַר ייִדישער אימיגראַציע.

ווענעזועלאַ איז דאָס לאַנד פון שוואַרצן גאָלד. אירע אויל־קוואַלן זענען די רייכסטע אויפן אַמעריקאַנער קאָנטינענט. מיליאָנען פעסלעך אויל ווערן טאָג־טעגלעך אַרויסגעצויגן פון אירע אויל־קוואַלן און געשיקט קיין אַמעריקע און איבער דער גאַנצער וועלט. צוליב אירע נאַטירלעכע אוצרות האָלטן אויסלענדישע

רעגירונגען אַן אויג אויף איר... און אַלע האָבן דאָרט געזוכט אַריינצושטעלן אַ פוס. נאָך פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט די דייטשע און ענגלישע רעגי־רונגען ביי איר געמאָנט גרויסע סומעס געלט, וואָס אונטערנעמונגען פון די לענ־דער האָבן דאָרט אַמאָל אינוועסטירט. דייטשלאַנד איז אַזוי ווייט געגאַנגען, אַז זי האָט בלאָקירט די ווענעזועלער ברעגן און אירע קריגסשיפן האָבן באַשאָסן דעם פאָרט. האָט אָבער אַמעריקע דאַן פאַרמאָגט אַ פּרעזידענט מיט אַ שטאַרקן כאַראַקטער און מיט אַ שאַרף אויג אויף דער צוקונפט... טעאָדאָר רוזוועלט, דער דעמאָלסטיקער פּרעזידענט פון די פאַראייניקטע שטאַטן, האָט געשיקט צו דייטש־לאַנד אַ שאַרפע וואָרענונג, אַז ער איז גרייט צו שיקן דעם אַמעריקאַנער פלאָט און באַשיסן די דייטשע שיפן. ערשט דאַן האָט זי באַפרייט די ווענעזועלאַנער וואַסערן און אירע פאָדערונגען איבערגעגעבן דעם האַגער אינטערנאַציאָנאַלן געריכט.

פון איר באַפעלקערונג, פון פיר מיליאָן ניין הונדערט זעקס און אַכציק טויזנט נפשות, זענען פינף און זעכציק פּראָצענט מעסטיצאָס, צוואַנציק פּראָצענט ווייסע, און די איבעריקע — אַ געמיש פון אינדיאַנער און נעגערס. איר נאָמען שטאַמט פון דעם, וואָס דאָס ערשטע שטעטל דאָרט, וואָס מען האָט אַנטדעקט ביים טייך מאַראַקייבאַ, איז ענלעך געווען צו ווענעדיק, — האָט מען איר אַ נאָמען געגעבן „קליין ווענעדיק", דאָס מיינט — ווענעזועלאַ. איר הויפּטשטאָט קאַראַקאַס מאַכט אַ פיינעם איינדרוק מיט איר שנעלן וווקס און טעמפּאָ. ווענע־זועלאַ איז היינט צו טאָג דאָס טייערסטע לאַנד אין לאַטיין־אַמעריקע, מיט אַ פעס־טער וואַלוטע קעגניבער דעם דאָלאַר. עס איז דאָס איינציקע לאַנד, ווו איר קענט פריי קויפן און פאַרקויפן דאָלאַרן. זי האָט גענוג אויסלענדישע וואַלוטע פאַר איר אויל. אַ צימער אין אַ דורכשניטלעכן האָטעל קאָסט צען דאָלאַר, — דאָס איז כמעט צוויי מאָל אַזוי פיל ווי אין ניו־יאָרק. די פּרייזן אויף אַנדערע זאַכן, ווי שפּייז און אַנדערע אַרטיקלען, זענען נאָך טייערער. זי מוז אימפּאָרטירן דעם גרעסטן טייל פון אירע פּראָדוקטן פון אויסלאַנד; אפילו אַ גרויסן טייל פון איר שפּייז־געברויך. אַ פיבערהאַפטער אויפבוי גייט אָן אין קאַראַקאַס; איבער נאַכט וואַקסן אויס ווילעס און פּראַכטפולע, מאָדערנע געביידעס, אויסגעבויט מיט פּראַכט און גלאַנץ — די לעצטע מאָדע אין אַרכיטעקטור. אין דעם נייעם שטאָט־טייל, צופוסנס פון די בערג, זעט מען ווילעס ווי אין די שווייצער בערג אַרום לוצערן. ניו־יאָרקער וואָלקן־קראַצערס רייסן זיך חוצפהדיק צו די לויטערע קאַ־ראַקאַסער הימלען. אויסלענדישער קאַפּיטאַל שטראָמט אַריין און אַרויס קיין ווענעזועלאַ. וועלט־באַרימטע אויל־געזעלשאַפטן, וואָס האָבן דאָרט זייערע קאָנ־צעסיעס, חלומען גאָר נישט, אַז דאָס איז אויף דערווייל. מען פאַרפעסטיקט זיך וואָס שטאַרקער, און מען בויט ביוראָען און ווינונגען מיט דער גרעסטער באַ־קוועמלעכקייט און לוקסוס. נישקשה, אויב די קאָנצעסיע וועט זיך ענדיקן, וועט

מען געפינען נײַע קוואַלן... אין דער געגנט וווּ עס ווינען די אויסלענדער קענט איר זען אַ געמיש פון פאַרשידענע אַרכיטעקטורן און פאָרמען. איר הערט אָפט ענגליש, פראַנצויזיש און אַנדערע אייראָפּעיִשע שפּראַכן. איר באַקומט אין ווע־נעזועלאַ אַ נײַעם מאָדעל אויטאָמאָביל, וועלכער איז ערשט אַרויס פון פאַבריק, אַ סך פריִער ווי אין ניו־יאָרק. אַזוי איז אויך מיט אַנדערע אַמעריקאַנער פּראָדוקטן.

קאַראַקאַס האָט אויך, צוליב איר הויכקייט, אַ מילדערן קלימאַט. אינגאַנצן איז ־זי פון לאַ גואַריאַ, דער הויפּט־פּאָרט פון ווענעזועלאַ, אַ דיסטאַנץ פון זיבן און צוואַנציק מייל; אָבער דער אונטערשייד אין קלימאַט איז אַזוי גרויס, אַז ווען איר קומט פון לאַ גואַריאַ, וווּ די היץ ברענט ווי אין אַ קאַלכאויוון, קיין קאַראַקאַס, דאַכט זיך אײַך, אַז דאָס זענט איר אין אַן אַנדער לאַנד. דרײַ הונדערט יאָר צײַט איז מען דאָרט געפאָרן מיט מויל־אייזלען צוליב די געפערלעכע, שפּיציקע פעלדזן־בערג וואָס דרייען זיך דאָרט ווי שלאַנגען אויף אַ מהלך פון מײַלן. איז איינמאָל דעם דיקטאַטאָר כואַן ווינסענטי גאָמעז נמאס געוואָרן צו פאָרן די שטרעקע אויף אַ פערד, האָט ער געגעבן אַ באַפעל צו מאַכן אַן אויטאָ־מאָביל־וועג צווישן לאַ גואַריאַ און קאַראַקאַס. נישט געקוקט אויף די קרבנות וואָס די אַרבעט האָט אָפּגעקאָסט, איז דורכגעשניטן געוואָרן אַ וועג דורך די געפערלעכסטע פעלזער. בעת אײַער אויטאָמאָביל שנײַדט זיך וואָס אַמאָל העכער באַרג אַרויף, קענט איר, אַראָפּקוקנדיק, זען קליינע פּינטעלעך, וועלכע באַוועגן זיך קוים. די פּינטעלעך זענען אויטאָמאָבילן מיט מענטשן וואָס האָבן, שפּעטער ווי אײַער אויטאָמאָביל, אָנגעהויבן די שלאַנגען־רײַזע באַרג אַרויף קיין קאַ־ראַקאַס. איין שלעכטן דריי מיטן אויטאָמאָביל און איר קענט דאָ צעברעקלט ווערן אויף פּיצלעך, עס זאָל פון אײַך נישט בלײַבן קיין זכר... כאַפּט איר אַ קוק, אָבער, באַרג־אַרויף, שווינדלט אײַך פאַר די אויגן.

מאַראַקייבאַ איז דער העכסטער אויל־צענטער פון לאַנד. די שטאָט אַליין לײַדט פון אַ סוב־טראָפּישן קלימאַט. דאָ איז נאָך הייסער ווי אין לאַ גואַריאַ. די היץ דאָ האָט זיך אַן ענלעכקייט צום טייוולס־אינדזל, וואָס איך האָב באַזוכט. אַ צוגאָב צו דער פײַכטער היץ, הענגען תמיד איבער דער שטאָט רויכערדיקע וואָלקנס פון פאַרשיידענע אויל־קוואַלן, און די ערד אונטן איז פול מיט אויל, וואָס פאַרשטאַרקט די היץ. אַרום שטאָט זענען פאַראַן ברענענדיקע אויל־קוואַלן וואָס ברענען שוין אַ פינף און צוואַנציק יאָר און קיינער פּרוּווט זיי נישט לעשן. מאַראַקייבאַ איז צו שטאַרק באַשעפטיקט; זי דאַרף באַשפּײַזן די מאַשינען פון דער וועלט מיט אויל. די הייס־גליענדיקע זון און רויכערדיקע רויך־וואָלקנס מאַכן פאַרן נײַגעקומענעם דעם אײַנדרוק, אַז דאָס זענט איר אַרײַנגעפאַלן ערגעץ ווו אין אַ גיהנום... אָבער גראַד איז דער דאָזיקער גיהנום אַ גן־עדן פאַר

אויסלענדישע מיליאָנערן. ווענעזועלאַ איז היינט צו טאָג די דריטע אויפן וועלט־מאַרק מיט איר פּעטראָלעום־פּראָדוקציע, און די ערשטע מיט איר אויל־קוואַלן, וועלכע געהערן צום גרעסטן טייל צו אויסלענדישע קאָמפּאַניעס, פון וועלכע דאָס לאַנד באַקומט פּראָצענטן. קענט איר דאָ אין מאַראַקייבאַ זען אויסלענדישע אינזשיניערן פון פאַרשיידענע וועלט־באַרימטע געזעלשאַפטן. אין ערשטער ריי: אַמעריקאַנער, ענגלענדער, האָלענדער, פראַנצויזן, סקאַנדינאַווער, מיט ספּעציעלע מאַשינען וואָס זיי ברענגען מיט זיך, אין די ווילדעניש פון לאַנד, דאָרט ווו מען האָט באַקומען קאָנצעסיעס אויף צו זוכן נייע קוואַלן. אָפּזייענדיק אַ פּאָר



מאָדערנע פּאַלאַצן צופוסנס די בערג אין ווענעזועלאַ

וואָכן אין די וויסטענישן, קומען זיי צוריק שווער פאַרהאָרעוועטע צו די לוקסוס־האָטעלן פון מאַראַקייבאַ אָדער קאַראַקאַס, וואָס זענען אויסגעשטאַט מיטן גרעסטן לוקסוס, אילומינירט מיט די שענסטע לאַנדשאַפטן, און אין דער פּאַטיע — ביימער פון אַלע פרוכטן וואָס דאָס לאַנד פאַרמאָגט. אַ צימער קאָסט דאָרט פינף און צוואַנציק דאָלאַר אַ טאָג; אַ מיטאָג עסן אַריבער צען דאָלאַר; מ׳לאָזט זיך ווילגיין מיט שאַמפּאַניער, מען שיקט טעלעגראַמעס צו די קאָמפּאַניעס אין אויסלאַנד וועגן די „גרויסע געווינסן” וואָס מען האָט דאָ אַנטדעקט. אַנדערע

האָבן נישט געהאַט דאָס גליק צו געפינען קוואַלן אויף זייערע קאָנצעסיעס, נעד־מען זיי זיך עס חלילה נישט צום האַרץ.. מ׳לעבט אַ גוטן טאָג אויפן חשבון פון די רייכע קאָמפּאַניעס: „מ׳וועט גראָבן ערגעץ אַנדערש ווו״; און מ׳זיצט וואָכן און חדשים אין די לוקסוס־האָטעלן.

איר גייט אַרויס פון דער קילער האָטעל לאָבי און אַ שרעקלעכע שטיקנ־דיקע היץ כאַפּט אייך אַרום. איר שפּאַנט אַ פּאָר שריט איבער די גאַסן פון מאַראַקייבאַ און איר פילט די היץ נישט בלויז פון דער ברענענדיקער זון, נאָר אויך פון דער ערד; עס דאַכט זיך אייך, אַז די ערד, אויף וועלכער איז שפּאַנט, איז אויסגעהוילט פון אינעווייניק און פון איר שפּאַרט אַרויס אַ שטיקנדיקער ריח פון הייסע כוואַליעס. איר דאַרפט נישט ווייט גיין און אַ פּאָר מאָגערע פּרויען־הענט, איינגעוויקלט מיט שמאַטעס, אין וועלכע עס זיצן אַמאָל איינס אָדער צוויי קינדערלעך, שטרעקן אויס די הענט בעטנדיק אַ נדבה. נאָך ווייטער אַ פּאָר שריט און אייך דאַכט זיך, אַז דאָס געפינט איר זיך אין די אָרעמסטע טייל־קוואַרטאַלן פון ריאָ דע זשאַניירא, סאַנטיאַגאָ, אָדער באָגאָטאָ. אַפּגעלאָזענע, אַלטע, האַלב־חרובע הייזער אַנטקעגן די ניו־יאָרקער סלאָמס — בוענאָס־איירע־סער קאָנווענטיזשעס זענען פּאַלאַצן. פון קליינע הייזקעס מיט איין פענצטערל קוקן צו אייך אַרויס אַ טוץ קינדישע און בעטנדיקע אייגעלעך... אייך הייבט אָן קלאָר ווערן די שטענדיקע נערוועזיטעט און אומרויִקייט פון ווענעזועלאַנער, און דאָס נישט קענען זיך איינטיילן מיטן פעטן ביסן וואָס די רייכע אויל־קאָמפּאַ־ניעס גיבן דער דאָרטיקער רעגירונג, און פון וועלכע זיי, די אָרעמע, האָבן אַפילו נישט די זכיה צו געניסן די אָראָפּגעפאַלענע ברעקלעך. איר קומט אויפן מאַרק־פּלאַץ אין מאַראַקייבאַ, ווו דאָס אָרעמע פאָלק קויפט איין זיין טעגלעכן געברויך, און עס באַפאַלט אייך אַ מאָדנער געפיל... אַזאַ קליינער דיסטאַנץ פון די אויל־קוואַלן, ווו די ערד שפּריצט מיט עמערס שוואַרצן גאָלד, און דאָ פּייפט דער דלות זיין אייביק ליד. אַזאַ איינגעפונדעוועטע, עלנטע אָרעמקייט.

***

עס איז אַן אָנגענומענער פאַקט, אַז נאָך שפּאַניע איז אין לאַטיין־אַמעריקע מעקסיקע דאָס לאַנד, ווו אָקסנקאַמף איז אַזוי שטאַרק פּאָפּולער. ווען איר געפינט זיך אין ווענעזועלאַ איבערצייגט איר זיך, אַז דאָס איז נישט ריכטיק; אָקסנקאַמף איז אין ווענעזועלאַ מער פּאָפּולער ווי אין אַלע אַנדערע לאַטיין־אַמעריקאַנער לענדער. יעדער רייכער ראַנטשעראָ האָט ביי זיך אַ ספּעציעלן פּלאַץ און ספּע־ציעלע אָקסן, ווו ער פאַרנעמט זיך מיט דעם ספּאָרט, ווי למשל, רייכע אַמערי־קאַנער מיט פערדגעיעג. דער „טאָרעראָ״ (אָקסן־קעמפער), וואָס איז דאָרט אַ

ראָמאַנטישער העלד, ווערט דאָרט מער פאַרגעטערט ווי אַ פילם־סטאַר אין האָליוווד; ער באַקומט פון די שענסטע פרויען חתונה־אָנבאָטן אָדער ליבע־דערקלערונגען. אַ טאָרעראָ פאַרדינט דאָרט אַ נאַכט אַכט ביז צען טויזנט באָלי־ווארס — דאָס איז אַריבער צוויי טויזנט דאָלאַר; לעבט אין גרויס לוקסוס, קליידט זיך אין די טייערסטע קליידער, פאָרט אין פיינסטן אויטאָמאָביל אַרומ־גערינגלט מיט באַדינער און ווערט איינגעלאַדן אין דער פיינסטער געזעל־שאַפט. מיינסטן הייבט דער טאָרעראָ אָן זיין קאַריערע פון אַ שטאַל־יינגל. אַנאַנסן־ביוראָען, ראַדיאָס, רעקאָרדס פון גראַמאָפאָנען דערציילן זיין דערפאָלג איבערן גאַנצן לאַנד. ווען ראָבערטאָ קאָמע פון לימאַ, וועלכן מען רופט דאָ „רוביטאָ" צוליב זיינע בלאָנדע האָר, קומט קיין ווענעזועלאַ — דאַכט זיך אייך, אַז דאָס לאַנד פייערט אַ נאַציאָנאַלן יום־טוב... איך בין געווען אַנוועזנדיק אויף אַן אָקסנקאַמף אין קאַראַקאַס און דאָרט האָב איך געהאַט די בעסטע געלעגנ־הייט זיך צו באַקענען מיט דער מענטאַליטעט פון ווענעזועלאַנער. דער טאָרעראָ, אויסגעפּוצט ווי אַ ריטער אויף אַ פייערדיק פערד, האָט געוואָרט אויפן אָקס, וועמען מען האָט אַריינגעלאָזט פון אַן אַנדערער זייט. מיט דער גאַנצער ווילד־קייט האָט זיך דער אָקס אַ וואָרף געטון צום טאָרעראָ, און דער גערמאַנגל האָט זיך אָנגעהויבן... דער טאָרעראָ האָט אַריינגעשטעקט אַ מעסער אין ווילדן אָקס, דאָס בלוט גיסט זיך, דער אָקס ווערט ווילדער און קעמפט פאַר זיין לעבן... דאָס פּובליקום שרייט מיט באַנומענע קולות, עס הייבן אָן פליִען קאָפּעליושן, ציי־טונגען, מענטל־שליסלען, נאָזטיכלעך; פרויען וואַרפן בלומען און לופט־קושן צו דער אַרענע, וואָס קוקט איצט אויס ווי אַ באַזאַר פון פאַרשיידענע אַרטיקלען. מיינער אַ שכן האָט שוין אַלץ וואָס ער פאַרמאָגט אַהין אַוועקגעוואָרפן, — ער זיצט אַ פאַרשוויצטער און קוקט אויף אַלע זייטן וואָס אַהינצווואַרפן. איין גליק איז, וואָס די פרוי זיינע האָט צופיל וואַג... און עס קומט אים אָן שווערלעך זי אויפצוהייבן... פלוצים ווערט דאָס געשריי העכער און ווילדער: „דעם עק! דאָס אויער!" דאָס איז דער באַווייז, אַז דער טאָרעראָ האָט געזיגט. דער עק און אויער פון אָקס, וואָס ליגט אוממעכטיק אַ שטאַרבנדיקער אויף דער ערד, ווערט אָפּ־געשניטן, און דער טאָרעראָ האַלט בײדע טיילן זיגרייך אין דער האַנט, פאָכעט צום פּובליקום, וואָס איז ווילדער ווי דער אָקס איז געווען מיט אַ פאָר מינוט פריִער... אייזלען שלעפּן אַרויס דעם אָקס. עס באַווייזט זיך באַלד אַ צווייטער, און דער גערמאַנגל הייבט זיך אָן אויף דאָס ניי. אויך דאָס מאָל איז דער טאָרעראָ אַרויס דער זיגער. ווידער האָט זיך געענדיקט דער קאַמף מיט אַ זיג און הוראַ־געשריי פאַרן טאָרעראָ. נאָך אַ פּויזע באַווייזט זיך אַ דריטער אָקס; אין אַ ווילדן געלויף לאָזט ער זיך אין דער אַרענע; דער טאָרעראָ איז פאַרמאַטערט, — מ'זעט קלאָר אין גערמאַנגל, אַז ער איז ביי זיך נישט אַזוי זיכער. דער אָקס האָט אים

מיט די צוויי פאָדערשטע פיס שיעור נישט אַראָפּגעוואָרפן פון פערד... אַ שטיל געמורמל לויפט דורך צווישן פובליקום ווי אַ קאַלט רעגנדל... ווידער האָט דער אָקס זיך אַ וואָרף געטון מיטן גאַנצן כוח צום טאָרעראָ, אַ זעץ געטון מיט די הערנער דעם פערד וואָס האָט געגומען הירזשען אויפן קול... „וואָס פאַר שאַנדע!" — דערהערט זיך דער ערשטער אויסרוף; „וואָס פאַר אַ שלימזל!" — דערהערט זיך אַ צווייטער אויסרוף. פלוצים הייבן זיך אָן פון אַלע זייטן גע־שרייען צום טאָרעראָ, אַרום וועלכן עס וואַלגערן זיך נאָך היטלען, העמדער, קאַפּעליושן, מענטל־שליסלען און בלוזעס: „שלימזל! ליגנער! פייגלינג! בלאָפער! יידענע אין הויזן! האָסט דיר איינגערעדט, אַז אַן אָקס איז אַן אויסגעשטאָפּטע פיגור פון שמאַטעס?... אַראָפּ מיט אים!" — שרייען איצט הונדערטער קולות... אַנשטאָט דעם אָקס פירט מען איצט שנעל אַוועק דעם טאָרעראָ אַ פאַרשעמטן פון דער אַרענע...

***

ווען איך האָב צום צווייטן מאָל באַזוכט ווענעזועלאַ, איז שוין די ווענעזו־עלער רעגירונג געווען אַ מיליטערישע דיקטאַטור מיט אַ רעגירונג וואָס האָט זיך גערופן „כונטאַ מיליטאַר". אויך דאָס מאָל האָב איך געהאַט די געלעגנהייט צו באַזוכן ווענעזועלאַ צוליב אַ צופאַל: מיין אַעראָפּלאַן וואָס האָט מיך געפירט פון קוראַסאַאָ קיין צענטראַל־אַמעריקע איז צוליב אַ שטורעם אָפּגעהאַלטן גע־וואָרן, און אַלע פּאַסאַזשירן האָבן דאָרט באַדאַרפט איבערנעכטיקן. איך האָב באַקומען די דערלויבעניש דאָרט צו פאַרבלייבן פיר און צוואַנציק שעה. מיינע דאָקומענטן האָט מען מיר אַוועקגענומען און איך האָב זיי באַדאַרפט צוריקבאַ־קומען ביי דער פּאָליציי אין קאַראַקאַס. איך האָב דאָס מאָל אָנגעטראָפן די גוט־מוטיקע ווענעזועלאַנער אין אַן אומרויקן און נערוועזן צושטאַנד: — דער הויפּט פון דער „כונטאַ מיליטאַר", דעלעגאַדאָ טשאַלבאַוד, איז פון זיינע שונאים דער־מאָרדעט געוואָרן. די גאַסן זענען פול געווען מיט מיליטערישע פּאַטרולן, און די שטימונג אַרום — אַן אָנגעשטרענגטע. ווען איך בין געקומען צו דער פּאָליציי נאָך מיין פּאַספּאָרט, האָט זיך אָנגעהויבן אַ מין אויספאָרשונג; האָב איך דעם פּאָליציי־באַאַמטן אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז איך בין נישט געקומען קיין ווענעזועלאַ פון מיין אייגענעם ווילן, צו וואָס אַן אויספאָרשונג? — יאָ — האָט ער געענטפערט — איר זענט איצט אויף ווענעזועלאַנער באָדן, מוזן מיר וויסן ווער און וואָס איר זענט... אין מיין קעגנוואַרט האָט ער אָנגערופן די פלי־קאָמפּאַניע, און דער ענטפער איז געווען, אַז דער אַעראָפּלאַן קען נאָך אַלץ נישט ווייטער פליִען. — די פּאָליציי וועט אייך צוריק געבן ווען אייער אַעראָפּ־לאַן וועט זיין גרייט אָפּצופליִען — האָט ער מיר געלאָזט וויסן. און היות, אַז

אין לאַטיין־אַמעריקע איז פאַראַן אַ וואָרט „מאַניאַנאַ" וואָס ברענגט אַמאָל אויך נוצן... ביז איך אין קאַראַקאַס פאַרבליבן גאַנצע זעקס טעג און זיך באַקענט מיט דער פּאָליטישער לאַגע פון לאַנד.

דער זעלבער הויפּט פון דער ווענעזועלאַנער רעגירונג, דעלעגאַדאַ טשאַל־באוד, וואָס איז דערמאָרדעט געוואָרן פון זיינע פּאָליטישע שונאים, האָט זיי טאַ־קע געהאָלפן צו קומען צו דער מאַכט, זיי שפּעטער אַראָפּגעוואָרפן, און פון זיי דערשאָסן געוואָרן. דער גאַנצער פּאָליטישער גרעאַנגל ציט זיך נאָך פון יענע צייטן, פון דער טיראַנישער דיקטאַטור פון ווינסענטי גאָמעז, וואָס האָט זיבן און צוואַנציק יאָר געהאַלטן דאָס לאַנד אין שווידערלעכן צושטאַנד, רעגירט מיט גרויזאַמער מאַכט און פאַרשקלאַפט דאָס פאָלק. די שטענדיקע רעוואָלוציעס און איבערקערענישן זענען די נאָכווייען פון יענעם פעריאָד, פון וועלכן דאָס ווענעזועלער פאָלק קען זיך אַלץ נישט באַרויִקן. דאָס פאָלק שרעקט זיך נאָך אַלץ פאַר יענער פינצטערער מאַכט און איז אַזוי נערוועז און פאַרזיכטיק מיט אירע רעגירער... נאָך ביז היינטיקן טאָג קענט איר דאָרט זען די שפּורן פון דער מוראדיקער דיקטאַטור: אין מאַראַקיי — די שטאָט וואָס דער דיקטאַ־טאָר האָט געהאַלטן פאַר זיינע אַ פעסטונג — קענט איר נאָך זען די אַמאָליקע רעזידענץ זיינע; די מאַסיווע געביידע האָט אַמאָל געהאַט געהיימע קעלערס און פאַרבאַרגענע אַריינגאַנגען, ווי עס פלעגן פאַרשווינדן די, וועלכע האָבן נישט מסכים געווען מיט זיין גרויזאַמער מאַכט. היינט צו טאָג איז די געביידע אַ שיי־נער האָטעל פאַר טוריסטן. זיין צווייטע רעזידענץ האָט דער דיקטאַטאָר געהאַט אין מאַקוטאַ, וואָס איז איצט אַ זומער־פּלאַץ פאַר טוריסטן. אויך דער פּאַלאַץ איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ האָטעל, און מ'האָט דאָרט ערשט באַדאַרפט אויס־האַקן פענצטער, — די צימערן זענען אינגאַנצן געווען אָן פענצטער, כדי מ'זאָל נישט קענען אַריינשיסן. דריי טעג — ווען דער דיקטאַטאָר איז שוין געווען טויט — האָט אַלץ די ראַדיאָ געהאַלטן אין איין פאַרזיכערן, אַז זיין צושטאַנד בעסערט זיך און ער וועט באַלד אַראָפּ פון בעט. ווען דאָס פאָלק האָט זיך דער־וווסט, אַז דער דיקטאַטאָר איז טויט, איז עס ווילד געוואָרן פון פרייד... ווי כוואַ־ליעס האָבן זיי פאַרפליצט די גאַסן, אַריינגעריסן זיך אין זיין פּאַלאַץ, פאַר־ברענט אַלץ וואָס איז געקומען אונטער די הענט, און זיך אָפּגערעכנט מיט די „גאַמעזיסטאַס".

איז אָבער די גאַנצע ישועה אַלץ נישט געקומען: אַ גענעראַל פון דיקטאַ־טאָרס מענטשן האָט איבערגענומען די מאַכט — לאָפּעז קאָנטרעראַס. כדי צו באַרויִקן דאָס פאָלק, האָט ער זיי געגעבן געוויסע פרייהייטן, דערלויבט די פּאָליטיש־אַנטלאָפענע צוריקצוקומען אין לאַנד. ער איז אָבער געווען פאַרזיכטיק נישט אַרויסצולאָזן די מאַכט פון זיינע הענט. אין דער קאָנסטיטוציע האָט ער

טאַקע געהאַט אַ געזעץ, וועלכער דערלויבט נישט דעם פּרעזידענט ווידער דערוויילט צו ווערן, ער האָט אָבער נישט מאָדיפיצירט דעם וואַל־געזעץ, און דער קאָנגרעס האָט געהאַט דאָס רעכט צו דערוויילן אַ פּרעזידענט. — איז איי־נער פון זיינע מענטשן, דער דעמאָסלטיקער קריגס־מיניסטער, איסיאַס מעדינאַ, אויסגעוויילט געוואָרן פאַר פּרעזידענט. צווישן יענע צוריקגעקומענע פּאָליטישע אַנטלאָפענע זענען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן געהאַט חשבונות מיט דעם גאָמעז־רעזשים, צווישן זיי — ראָמולאָ גאַזשעגאָס, איינער פון די פּאָפּולערסטע ווע־נעזועלער שרייבער. אין יאָר 1930 האָט ער אָנגעשריבן אַ רעוואָלוציאָנערן ראָמאַן „דאָניאַ באַרבאַראַ", ווו ער האָט געשילדערט די ליידן און גרעאַנגל פון ווענעזועלער פאָלק אין זיין קאַמף פאַר פרייהייט; דער ראָמאַן איז שטאַרק באַרימט געוואָרן אין לאַטיין־אַמעריקע. ווען מען האָט פאַר וויסענטי גאָמעז, וואָס האָט קיין דיפּלאָמאַטיע נישט פאַרשטאַנען, פאַרגעלייענט דעם ראָמאַן, זענען אים שטאַרק געפעלן די שטעלן, אין וועלכע דער מחבר שילדערט אַזוי שיין די שיינע פּאַנאָראַמעס און לאַנדשאַפטן פון ווענעזועלאַ און די ריין־מענטש־לעכע שטריכן פון די ווענעזועלענער איינוווינער... האָט ער באַשלאָסן, אַז אַזאַ שרייבער, וואָס מאָלט אין אַזעלכע פאַרבן דאָס ווענעזועלענער פאָלק, דאַרף ווערן אַ סענאַטאָר... ראָמולאָ גאַזשעגאָס האָט זיך אָנטזאָגט פון דעם כבוד... האָט דער דיקטאַטאָר באַפוילן: „אָדער אין סענאַט אָדער אין תפיסה!"... ראָמולאָ גאַזשעגאָס איז אַנטלאָפן קיין שפּאַניע. צווישן די צוריקגעקומענע איז אויך גע־ווען זיין תלמיד ראָמולאָ בעטאַנקור. דער דריטער וואָס האָט געהאַט חשבונות מיט די „גאָמעזיסטאָס" איז געווען דעלעגאַדאָ שאַלבאָוד, וועלכער איז אַריין אין דער אַרמיי, כדי צו האָבן אַ געלעגנהייט נקמה צו נעמען פאַר זיין פאָטערס טויט, וואָס איז דערמאָרדעט געוואָרן אין אַ נישט־געלונגענעם אויפשטאַנד קעגן גאָמעזן אין יאָר 1929. אָט די דריי האָבן דורכגעפירט די רעוואָלוציע, וואָס האָט אינגאַנצן אויסגערוימט גאָמעז'ס מענטשן. די „אַקסיאָן דעמאָקראַטיקאַ" — די פּאַרטיי וועלכע איז אָנגעפירט געוואָרן פון די דערמאָנטע צוויי פּאָליטישע פליכטלינגע, האָט זיך צוזאַמענגערעדט מיט דעלעגאַדאָ שאַלבאָוד, וועלכער האָט שוין דאַן געהאַט דעם ראַנג פון אַ קאָלאָנעל אין דער אַרמיי, און זיי האָבן אַראָפּגעזעצט דעם פּרעזידענט איסיאַס מעדינאַ, אים אַרעסטירט און געשטעלט פאַר אַ געריכט פאַרן מיסברויכן דאָס אייגנטום פון פאָלק. מ'האָט נאָך באַצייטנס פאַרכאַפּט שווערע מיליאָנען וואָס דער פּרעזידענט האָט פאַרטיילט צו זיינע מענטשן.ביידע — דער געוועזענער פּרעזידענט לאָפּעז קאָנטרעראַס און זיין פריינט איסיאַס מעדינאַ — זענען אַרויסגעשיקט געוואָרן פון לאַנד און די רעשטלעך פון דיקטאַטאָר גאָמעז זענען אויסגערוימט געוואָרן פון דער רעגי־רונג.

אין דער ניי־געשאַפענער רעגירונג וואָס האָט זיך פּראָקלאַמירט מיטן נאָמען „כונטאַ רעוואָלוציאָנאַריאַ״ זענען אַריין פינף פון דער „אַקסיאָן דעמאָקראַטיקאַ״ און דריי מיליטאַרן, צווישן זיי, קאָלאָנעל דעלעגאַדאַ שאַלבאָוד אַלס קריגס־מיניסטער. ראָמולאָ בעטאַנקור איז געוואָרן פון זיין רעדאַקציעטיש איבערצונעמען די פּרעזידענטשאַפט, און אין אַ צייט שפּעטער איז ביי די וואַלן אויסגעוויילט געוואָרן דער ווענעזועלער פּאָפּולערער שרייבער ראָמולאָ גאַזשעגאָס אַלס פּרעזידענט. דער שידוך צווישן דער „אַקסיאָן דעמאָקראַטיקאַ״ און דער אַרמיי האָט לאַנג נישט אָנגעהאַלטן; עס האָט זיך באַלד אָנגעהויבן אַ שטילער קאַמף צווישןביידע צדדים. ראָמולאָ גאַזשעגאָס האָט גוט פאַרשטאַנען, אַז צופיל פאַרלאָזן זיך אויף דער אַרמיי טאָר ער נישט... האָט ער געוואָלט רעדוצירן די אַרמיי צו פּאָליציי־דינסט... אַזוי אַרום פאַרקלענערן איר מאַכט. אַנשטאָט אָנצונעמען דעם באַשלוס, האָט גאָר די אַרמיי געפאָדערט פיר מיניסטאָרן אין קאַבינעט און נאָך מער איינפלוס אין דער פּראָווינציאָנעלער לאָקאַלער רעגירונג. גאַזשעגאָס האָט זיך נישט געאיילט... האָט די אַרמיי, אונטער דער אָנפירונג פון קריגס־מיניסטער דעלעגאַדאַ שאַלבאָור, געשטעלט אַן אולטימאַטום, — געגעבן דער רעגירונג צייט אַ טאָג. מ׳האָט אָנגעהויבן פאַרהאַנדלען וועגן קאָמפּראָמיסן, אָבער די אַרמיי האָט נישט קיין געדולד... טאַנקען באַגלייט פון מיליטערישע אָפּטיילונגען האָבן זיך אַ לאָז געטון פון די באַראַקן. אין דרייסיק מינוט צייט איז דער פּרעזידענטן־פּאַלאַץ אין מיראַפּלאָוערס באַלאַגערט געוואָרן און פּרעזידענט גאַזשעגאָס איז אַרעסטירט געוואָרן. ראָמולאָ בעטאַנקורן איז געלונגען צו אַנטלויפן קיין אויסלאַנד; אַנדערע פירער פון דער „אַקסיאָן דעמאָקראַטיקאַ״ זענען אַנטלאָפן צו די אויסלענדישע אַמבאַסאַדעס. דער קריגס־מיניסטער דעלעגאַדאַ שאַלבאָוד האָט געגרינדעט אַ נייע רעגירונג פון מיליטאַרן — די „כונטאַ מיליטאַר״. אַ פּאָר טעג פאַר מיין לעצטן באַזוך, איז אין קאַראַקאַס פאַרגעקומען אַ נישט־געלונגענער אָנהויב פון אַ קאָנטער־רעוואָלוציע, ביי וועלכער דער הויפּט פון דער רעגירונג, דעלעגאַדאַ שאַלבאָוד, האָט פאַרלוירן דאָס לעבן.

***

ווענעזועלאַ פאַרמאָגט אַ קליינעם יידישן ישוב. צוליב די אימיגראַציע־באַשרענקונגען אויף יידן זענען דאָרט אין די לעצטע יאָרן, ווען עס איז אָנגעגאַנגען אַן אימיגראַציע אין די לאַטיין אַמעריקאַנער לענדער, זייער ווייניק יידן אַריינגעקומען; כאָטש יידן מיט קאַטוילישע טויף־צעטלען זענען יאָ אַריינגעקומען אין לאַנד, און די פּאָליציי קוקט זיי נישט נאָך, צי זיי גייען אין קירכע... אַריבער טויזנט יידישע משפחות געפינען זיך אין ווענעזועלאַ. דער גרעסטער

טייל אין דער הויפּטשטאָט קאַראַקאַס און אין דריי שטעט מאַראַקיי, מאַראַ־קייבאַ און וואַלענסיאַ. לויט רעגירונגס־רעקאָרדס זענען שוין אין יאָר 1873 דאָרט געווען אַ גרעסערע גרופּע ייִדן; צום גרעסטן טייל זענען דאָס געווען ספּרדישע ייִדן פון נאָענטן אינדזל קוראַסאַאָ, וואָס האָבן דאָרט געפּרוּווט זייער מזל. אין יאָר 1891 איז שוין די צאָל געוואַקסן צו אַ פּאָר הונדערט ייִדישע משפּחות. אין קאָרע, ווו עס וווינען היינט צו טאָג זעקס ייִדישע משפּחות, איז פאַראַן אַ בית־עולם אויף וועלכן עס געפינען זיך די מצבות פון אַן ערך הונ־דערט יאָר צוריק. אַ סך ווענעזועלער באַרימען זיך מיט זייערע ייִדישע עלטער־זיידעס. צווישן אַזעלכע אָפּשטאַמלינגע פון ייִדן געפינט זיך אויך די משפּחה שומאַסאַאַ, וועמענס זיידע עס איז געווען אַ רב אין קוראַסאַאָ, און איז אַהינגע־קומען פון אַמסטערדאַם. אויפן היסטאָרישן בית־עולם אין קוראַסאַאָ געפינט זיך נאָך דאָס משפּחה־קבר פון הרב שומאַסאַא. אין מאַראַקייבאַ וווינען היינט די טעכטער פון דער משפּחה, וואָס האָבן נישט חתונה געהאַט, ווייל זיי האָבן נישט געהאַט קיין ייִדישע מענער מיט וועמען חתונה צו האָבן. אַזוי זענען צענדליקער משפּחות פון דער ווענעזועלער אַריסטאָקראַטיע פון ייִדישער אָפּשטאַמונג. אַ טייל פון זיי מאַכן פון דעם קיין סוד נישט; אַנדערע ווילן וועגן דעם נישט רעדן.

אין יאָר 1917 זענען אין ווענעזועלאַ געווען פינף הונדערט ייִדישע משפּחות. די ווייטערע אימיגראַציע פון ייִדן קיין ווענעזועלאַ איז פאָרגעקומען צווישןביידע וועלט־מלחמות, און אַ קלײנער טייל פון היטלערס קרבנות איז, נישט קוקנדיק אויף אַלע שוועריקייטן, דאָך געלונגען זיך דורכצורייסן קיין ווענע־זועלאַ. צוליב איר „שוואַרצן גאָלד" אַנטוויקלט זיך דאָס לאַנד מיט אַ שנעלן טעמפּאָ, — האָבן ייִדן אויסגענוצט די געלעגנהייט און זיך גאַנץ פיין אַרויפ־געאַרבעט. אַ סך פון יענע, וואָס האָבן אָנגעהויבן מיטן פעקל אויף די פּלייצעס, זענען היינט צו טאָג פאַבריקאַנטן. הויפּטזעכלעך האָבן זיך ייִדן אין ווענעזועלאַ גענומען צו די אימפּאָרט־געשעפטן. דאָס לאַנד איז ענג פאַרבינדן מיט די פאַר־איייניקטע שטאַטן, מיט וועלכע זי פירט אירע הויפּט־מסחרים. וועלכער ייִד פון ווענעזועלאַ האָט עס נישט קיין קרובים אין ניו־יאָרק, שיקאַגאָ אָדער קליוולאַנד? און ווער זאָגט עס, אַז מען דאַרף קענען ענגליש? וואָס איז מכוח מאַמע־לשון וואָס איז היינט צו טאָג אַ וועלט־שפּראַך? האָט מיר אַן אימפּאָרטער פון קאַראַקאַס דערציילט, אַז קומענדיק קיין אַמעריקע האָט ער זיך געוואָלט פאַרבינדן מיט אַן אַמעריקאַנער פירמע, — וואָס טוט ער? אָבער יענער הייסט מיט אַ ריין יענקישן נאָמען קעלי? האָט ער געפּרוּווט רעדן שפּאַניש, נאַטירלעך, מיט אַ גע־מיש פון ייִדישע ווערטער — ער איז ערשט אַ קורצע צייט אין לאַנד און קען

נאָך נישט גוט קיין שפּאַניש, — האָט מיסטער קעלי אַ קוק געטון אויף אים און אַ זאָג געטון אין יידיש: הערט זיך איין ר׳ ייד, וואָס דאַרפן מיר זיך מאַ־טערן, לאָמיר רעדן מאַמע־לשון!... אָבער, איר, מיסטער קעלי, זענט גאָר אַ ייד? — האָט דער קאַראַקאַסער אימפּאָרטער נישט געקענט פאַרשטיין — ווי קומט אַ ייד צו הייסן קעלי? — וואָס פאַרשטייט איר נישט, — האָט מיסטער קעלי גע־ענטפערט — אין מיין שטעטל האָב איך געהייסן יאַנקעלי ב.. האָב איך דעם יאַן אַראָפּגעוואָרפן, איז פאַרבליבן קעלי...

יידן אין ווענעזועלאַ האָבן אויסגענוצט די קאָניוקטור פון לאַנד, זיך באַ־פעסטיקט. די מלחמה האָט באַרייכערט; דאָס לאַנד ווענעזועלאַ האָט געשיקט פעסלעך אויל פאַר דער אַמעריקאַנער קריגסמאַשין, און אַמעריקע האָט צוריק־געשיקט פעסלעך גאָלד... צופוסנס פון די בערג, ווו עס וווינען רייכע אויס־לענדער, קענט איר דאָ און דאָרט זען פּראַכטפולע יידישע ווילעס, טייל אַפילו מיט יידישע נעמען. מען שאַפט זיך אַ שטיקל יידישע סביבה, וואָס הויבט זיך אָן מיט אַ שיל צום דאַווענען, און מ׳האָט אויסגעבויט אַן אייגענעם פּראַכטפולן בנין פאַר דער קינדער־שול. ווענעזועלענער יידן זענען צום גרעסטן טייל פון די בעסאַראַבער שטעט נאַוועסעליץ און סאָקאַראַן. אַסימילאַציע קלעפּט זיך צו זיי זייער שווער. חוץ דעם איז דאָס לאַנד שטרענג קאַטויליש; נישטאָ דאָ קיין פאַרבינדונגען צווישן יידן און נישט־יידן, חוץ ריין געשעפטלעכע; שאַפט מען זיך פון די שטיקלעך און ברעקלעך וואָס מ׳האָט מיטגעבראַכט פון היימישן שטעטל אַן אייגענע סביבה, און מ׳קוקט מיט זאָרג אויף דער יוגנט. מיט וועמען איר רעדט וועט איר הערן די זעלבע טענות: מילא מיט אונדז וועט שוין גאָר נישט פאַסירן, אָבער וואָס וועט ווערן פון אונדזערע קינדער?

קוראַסאַאָ — אַן אינדזל מיט אַ רייכער יידישער פאַרגאַנגענהייט

צוויי שעה פאָרן פון באראנקיזשא (קאָלאָמביא) און דער „פלייאינג דוטשמאַן" פון דער האָלענדישער פלי־געזעלשאַפט לאָזט זיך אַראָפּ אויפן לופטפּאָרט פון קוראַסאַאָ. דער ערשטער איינדרוק, נאָך אַ גאַנצע ריי לאַטיין־אַמעריקאַנער לענדער, וואָס זענען זיך אייגער דעם אַנדערן ענלעך ווי אַ טראָפּן וואַסער, איז, אַז דאָס געפינט איר זיך מיט איינמאָל אין אַ גאַנץ אַנדערער וועלט. ווען איר האָט זיך שוין דערליידיקט מיט דער אימיגראַציע־ און צאָל־רעוויזיעס, וואָס זענען צו אייך פריינדלעך אויפן האָלענדישן שטייגער, דערזעט איר פאַר זיך אַ שטיק האָלאַנד: די גאַסן פון שטאָט די „דאיקס" און קאַנאַלן וואָס ווערן יעדער וויל איבערגעשניטן פון פאַרשיידענע שיפן. די הענג־בריק אין סאַמע צענטער פון שטאָט, וועלכע פאַראייניקט ביידע טיילן פון שטאָט, קוקט אַליין אויס ווי אַ שיף יעדעס מאָל, ווען אַ גרויסע שיף דאַרף פאַרביישווימען, צעטיילט זיך די „שיף" אין צווייען, און דער גאַסן־פאַרקער ווערט אָפּגעשטעלט. קליינע מאָטאָר־שיפלעך פירן די פאַרבייגייער איבערן וואַסער צום אַנדערן טייל שטאָט. די אַרכיטעקטור פון די הייזער שטעלן מיט זיך פאָר צום גרעסטן טייל דעם האָלענדישן סטיל פון זיבעצנטן יאָרהונדערט: די ווענט געפאַרבט מיט ליכטיקע קאָלירן, דער דאַך געדעקט מיט רויטע ציגל, — עס פעלן בלויז די ווינט־מילן. טיילמאָל, ווען איר גייט פאַרביי אַ געסל אין קוראַסאַאָ, דאַכט זיך אייך, אַז דאָס געפינט איר זיך ערגעץ־ווו אין אַ האָלענדיש פישער־דערפל אין פליסינ־גען, אַרום לעעוואַרדען, אָדער ווינשכאָטען. שיפלעך פון אַלע זייטן, און אויף די שיפלעך קענט איר באַגעגענען די אייגנטימער מיט זייער גאַנץ בעל־הבתיש־קייט און בני־בית; דאָס זענען טאַקע זייערע וווינונגען. דאָס ברענגען זיי זייערע פּראָדוקטן אין שטאָט אַריין און פירן פאַרשיידענע סחורות פון דאַנען צוריק.

די צוויי הויפּטגאַסן פון קוראַסאַאָ — די העערנסטראַט און ברעעדסטראַט — גיבן דעם אינדזל דעם אויסזען פון אַ גרויסער שטאָט; געשעפטן פון פאַרשיידענע

ערשטקלאַסיקע אַרטיקלען, וואָס זענען דאָ ביליקער ווי אין אַלע אַנדערע לענדער. קוראַסאַאָ איז אַ פרייער פּאָרט. חוץ טאַבאַק און אַלקאָהאָלישע געטראַנקען, קומט אַלץ אַריין מיט אַ קליינעם אָפּצאָל פון דריי פּראָצענט. בישט געקוקט פון וואַנען זיי קומען: פראַנצויזישער פּערפום, שווייצער זייגערלעך, זייד און טעפּיכער פון די אָריענטאַלישע לענדער, שטיקערייען פון פּאָרטוגאַל, קונסט־שאַלן פון שפּאַניע, איירישע לינען, אַמעריקאַנער אויטאָמאָבילן און וואַשמאַשינען, אַרגענטינער און בראַזיליאַנער לעדער, זילבער־געשיר און קונסט־אויסאַרבעטונגען פון פּערו, — אַלץ קענט איר דאָ זען אין די רחבותדיקע שויפענצטער פוןביידע שטאָט־טיילן „אַטראַבאַנדא" און „פּונדא". די האָלענדישע שפּראַך איז די רעגירונגס־שפּראַך, אָבער אויף שריט און טריט הערט איר דאָ פּאַפּימענטאָ — דאָס איז אַ מין דיאַלעקט, אַ געמיש פון פאַרשיידענע שפּראַכן: שפּאַניש, ענגליש, האָלענדיש.

קוראַסאַאָ איז הונדערט דריי און זיבעציק סקווער מייל גרויס, און איז דער גרעסטער אינדזל פון די וועסט־אינדיעס. זי האָט די מעלה וואָס דער נאָרדוועסט־ווינט, וועלכער קומט פון ים־ברעג, מילדערט איר סובטראָפּישן קלימאַט. אין שכנות פון איר געפינען זיך די אינדזלען ארובא, באנאריא, סאבא, סט. עוסטאטיוס און סט. מאַרטין. פראַנצויזיש קוראַסאַאָ — די אַנדערע העלפט פון דעם אינדזל — ליגט ביים ברעג פון ווענעזועלאַ.

ווען מ'האָט אין 1915 אין ווענעזועלאַ אַנטדעקט גרויסע אויל־קוואַלן אַרום טייך מאראקייבא, אינגאַנצן אַכט און דרייסיק מייל פון דעם אינדזל, איז כדי צו טראַנספּאָרטירן דעם אויל האָט זיך גענייטיקט אַ טיפער און ברייטער וואַסער־פּראָנט מיט מאָדערנע ראַפינעריעס. האָט די „האָלענדישע ראָיאַל קאָמפּאַניע" בשותפות מיט אַמעריקאַנער קאָמפּאַניעס דאָרט אויסגעבויט די גרעסטע אויל־ראַפינעריעס אין דער וועלט. טאַנקעס ברענגען היינט טאָג־טעגלעך אַהין דעם אויל, ווו ער ווערט ראַפינירט און טראַנספּאָרטירט אין אַלע וועלט־טיילן. דאָ, און אין שכנהשן אינדזל ארובא, אַרבעטן די ראַפינעריעס טאָג און נאַכט; איר קענט דאָ דורך די נעכט זען די לויטערע הימלען באַליכטן מיט רויך־וואָלקנס פון די ראַפינעריעס, וואָס קוקן אין דער ביינאַכטיקער טונקלקייט אויס ווי פלאַמיקע צונגען. אין מלחמה־צייט האָבן די צוויי אינדזלען געשפּילט אַ גאָר וויכטיקע ראָלע אין זיג פון די אַליאירטע אַרמייען; זיי זענען געווען דער לעבנס־נערוו פאַר דעם קריגס־ און האַנדלס־פלאָט פון די אַרמייען. די נאַציס איז עס געגאַנגען אין לעבן אָפּצושניידן דעם שטראָם־אויל, וואָס האָט פון דאָרט געפלאָסן פאַר דער קריגס־מאַשין פון די אַליאירטע אַרמייען.

אין אָט דעם פאַרוואָרפענעם אינדזל געפינען זיך נאָך היינט צו טאָג ייִדישע קהילות, וועלכע האָבן הינטער זיך אַ געשיכטע וואָס פירט צוריק צום יאָר 1634, ווען די ערשטע ייִדן זענען אַהינגעקומען פון שפּאַניע איבער די פּאָרפּאָלגונגען

פון דער שפאַנישער אינקוויזיציע. די דאָרטיקע רעגירונג האָט זיי דאַן אויפגענומען מיט אָפענע אָרעמס, זיי געגעבן פולע פרייהייט און גלייכבאַרעכטיקונג. דער האָלענדישער גובערנאַטאָר האָט דאַן אַרויסגעגעבן אַ דעקרעט, אַז די ייִדן פון קוראַסאַאָ ווערן באַפרייט פון שטייער גאַנצע צען יאָר, און זיי געגעבן אַן אייגענעם ייִדישן קוואַרטאַל „יאָדענווייק״, אַזוי האָט טאַקע דער ייִדישער קוואַרטאַל געהייסן.

די נייעס, אַז אין קוראַסאַאָ האָבן ייִדן פרייהייט פון רעליגיע, האָט זיך דאַן צעטראָגן צו די פאַרוואָגלטע אנוסים, וועלכע האָבן זיך דאַן געפונען אין פאַרשיידענע לענדער פון דער נייער וועלט אין אַ שטענדיקער מורא פאַר די אינקוויזיטאָרן, וועלכע האָבן זיי נאָכגעפאָלגט אַפילו אין די לענדער, ווו זיי האָבן זיך געראַטעוועט. זיי האָבן זיך פון אָט די לענדער אַ לאָז געטון קיין קוראַסאַאָ, און עס איז דאָרט אויסגעוואָקסן אַ גרויסער ייִדישער ישוב. ווען האָלאַנד האָט פאַרלוירן די מלחמה מיט פאָרטוגאַל, און בראַזיל איז צוריק פאַרכאַפט געוואָרן פון פאָרטוגאַל, זענען אַ סך פון די דאָרטיקע ייִדן געקומען קיין קוראַסאַאָ. די ספעציעלע שליחים פון שפאַניע, וואָס האָבן אין יענער צייט געהאַט די מיסיע אַרויסצושלעפן פון די לענדער וואָס מער גאָלד, פאַרשפרייטן דעם קאַטויליציזם און פאַרפאָלגן די אַנטלאָפענע ייִדן, וועלכע האָבן אין געהיים אָפגעהיט זייער אמונה, האָבן אָנגעהויבן שיקן אַלאַרמירנדיקע באַריכטן צו דעם הויפט־ פון דער אינקוויזיציע־טריבונאַל אין שפאַניען. אין אַ בריוו פון אַפריל 1672 באַקלאָגט זיך דער הויפט־בישאָף פון קאַרטאַכענאַ, ווו עס איז געווען דער הויפט־טריבונאַל פון די שכנהשע דרום־אַמעריקאַנער לענדער (דערדאָזיקער טריבונאַל איז אָפגעשאַפט געוואָרן פון נאַציאָנאַלן העלד סימאָן באָליוואַר אין יאָר 1819), אַז דאָס אויסגעפינען און דורכפירן די געזעצן פון דער אינקוויזיציע לגבי די געהיימע ייִדן איז איצט זייער שווער געוואָרן, צוליב דעם, וואָס דער אינדזל קוראַסאַאָ איז איצט געוואָרן אַ צענטער פון אָט די „פאַרשאָלטענע נישט־גלויביקע״, וועלכע זענען אַליין אַנטלאָפן פון דער אינקוויזיציע, און צו דעם צו, פאַרשפרייטן זיי אפיקורסות קעגן דער קאַטוילישער רעליגיע אין דער גאַנצער געגנט...

אין אַ צווייטן בריוו — אַ יאָר שפעטער — באַקלאָגט זיך דערזעלבער בישאָף צום הויפט־טריבונאַל, אַז דער גובערנאַטאָר פון קוראַסאַאָ האָט זיך אַנטזאָגט אַרויסצוגעבן דעם נישט־גלויביקן לויִס קאַסטראָ, וועלכער איז געפירט געוואָרן צום טריבונאַל קיין קאַרטעכענאַ פון קאַראַקאַס, די הויפטשטאָט פון ווענעזועלאַ. די שיף — זאָגט זיך אין דעם באַריכט — אויף וועלכער דער שולדיקער איז געפירט געוואָרן, האָט געהאַט אַ צוזאַמענשטויס און איז אונטערגעגאַנגען; די וואַך מיט דעם פאַרמשפטן האָבן זיך געראַטעוועט ביי די

ברעגן פון קוראַסאַאָ. ווען זיי האָבן שפּעטער געוואָלט ווייטער פאָרן, האָט דער גובערנאַטאָר נישט געוואָלט אַרויסגעבן דעם פאַרמשפּטן, וואָס געפינט זיך אויף האָלענדישן פרייען באָדן, ווו ייִדן געניסן אַלע רעליגיעזע פרייהייטן.

אַ צווייטער פאַל האָט געטראָפן ווידער מיט פּאַראָורטיילטע ייִדן, וואָס זענען געפירט געוואָרן מיטן זעלבן ים־וועג קיין קאַרטעכענאַ. זיי זענען אויפן וועג גענומען געוואָרן געפאַנגען פון אַ באַוואָפנטער, אומבאַקאַנטער שיף, צוגעפירט געוואָרן צום ברעג פון קוראַסאַאָ, און דאָרט זענען זיי באַפרייט געוואָרן...

צו דעם צו איז נאָך אַ צרה — האָבן זיך די שליחים פון דער הייליקער אינקוויזיציע באַקלאָגט — אַז דאָס וואָס דער גרעסטער טייל פון די שקלאַפן ווערן געבראַכט פון אַפריקע קיין קוראַסאַאָ מיט שיפן פון די נישט־גלויביקע ייִדן, האָט דאָס אויף זיי אַ שלעכטע ווירקונג; זיי ווערן אָנגעשטעקט מיט די גלויבנס פון די בעלי־הבתים פון די שיפן, און שפּעטער, ווען זיי קומען אָן צו די שפּאַניער, איז זיי שווער איבערצוקערן צום קאַטוילישן גלויבן.

די ייִדן פון קוראַסאַאָ איז עס, ווי מ׳קען דאָ זען, געגאַנגען אין לעבן זיך אָפּצורעכענען מיט זייערע פאַרפאָלגער און נקמה נעמען, אויף ווי ווייט עס איז מעגלעך געווען, פאַר די אומשולדיקע טויזנטער קרבנות פון דער פאַרשאָלטענער אויטאָ־דע־פע און דאָ אין קוראַסאַאָ האָבן זיי אַזאַ מעגלעכקייט. עס איז זיכער, אַז אין באַפרייונגס־קאַמף פון אַ גרויסן טייל פון די לענדער פון שפּאַנישער הערשאַפט, האָבן ייִדן גענומען אָן אומדירעקטן אָנטייל. כאָטש עס איז נישטאָ קיין קלאָרע דאַטן, איז זיכער, אַז זיי האָבן די קעמפנדיקע אַרמייען געשטיצט מיט גרויסע סומעס געלט און אויך אָנטיילגענומען אין די קאַמפן.

האָלענדישע שיפן האָבן נאָך אין יאָר 1586 דורכגעקרייצט די קאַריבישע וואַסערן, ברענגענדיק פאַרשידענע סחורות פון אייראָפּע און שקלאַפן פון אַפריקע, אין אויסטויש פון דאָרטיקע פּראָדוקטן, וואָס זענען אין אייראָפּע געווען אַ נייעס. אין יאָר 1621 איז די קאָנקורענץ צווישן די האָלענדישע סוחרים אָפּגעשאָפט געוואָרן מיט דער גרינדונג פון דער „האָלענדישע וועסט־אינדישע קאָמפּאַניע״, וועלכע האָט אָנגעהויבן אַ קאָלאָניזאַציע־פּלאַן פון אַ גרויסן פאַרנעם אין די לענדער פון די וועסטערן העמיספער. אין יאָר 1629 האָט די קאָמפּאַניע דעראָבערט אַ טייל פון בראַזיל. פיר יאָר שפּעטער, אין 1634, האָבן האָלענדער, אונטער דער קאָמאַנדע פון זשאַנסאָן וואַן וואַלבעק און פּיער לאַ גראַנד — ים־אָפיצירן פון דעם האָלענדישן פלאָט וואָס האָט דאַן באַהערשט די ימען — פאַרכאַפּט די אינדזלען קוראַסאַאָ, אַרובאַ און באָנאַירע, פאַרטריבן פון דאָרט די שפּאַניער מיט זייער גובערנאַטאָר קיין ווענעזועלאַ. עס איז אַ זיכערער פאַקט, אַז צווישן די וואָס האָבן פון דאָרט פאַרטריבן די שפּאַניער, זענען געווען ייִדן וואָס זענען טאַקע אַמאָל אַנטלאָפן פון דער שפּאַנישער אינקוויזיציע, און

אַ טייל פון זיי זענען געווען אַקציאָנערן אין דער דערמאָנטער האָלענדישער וועסט אינדישער קאָמפּאַניע. אין דעם אָפיציעלן בולעטין פון דער האָלענדישער רעגירונג, מיט היסטאָרישע דאַטומס פון יענער צייט, זאָגט זיך וועגן דעם אַקטיוון און פאַרדינסטפולן אָנטייל פון ייִדן אין קוראַסאַאָ, און דערמאָנענדיק דעם אַלטן בית־עולם אין קוראַסאַאָ — דער עלטסטער אין די וועסטערן העמיס־פער — זאָגט זיך דאָרט, אַז אַ גרויסער טייל פון די קברים און די מצבות זענען פון געוועזענע האָלענדישע קאַפּיטאַנען פון האָלענדישע קריגס־ און האַנדלס־שיפן. אין יאָר 1643 איז פּיטער סטייוועסאַנט באַשטימט געוואָרן פאַרן גובערנאַטאָר פון קוראַסאַאָ. אַ יאָר שפּעטער האָט ער אין אַן אָנפאַל מיט זיינער אַן עקספּעדיציע אויפן אינדזל סט. מאַרטין פאַרלוירן אַ פוס. צוויי יאָר שפּע־טער איז ער געוואָרן דער גובערנאַטאָר פון ניו־נידערלאַנד, וואָס האָט אויך איינ־געשלאָסן ניו־אַמסטערדאַם — די איצטיקע ניו־יאָרק. אין 1791 האָט זיך די האָלענדישע וועסט־אינדישע קאָמפּאַניע אויפגעלייזט, און קוראַסאַאָ איז אַריבער אין באַזיץ פון דער האָלענדישער רעגירונג.

צווישן די ערשטע משפּחות וועלכע זענען אַהינגעקומען קיין קוראַסאַאָ זענען געווען פּראָמינענטע ספּרדישע נעמען ווי: אבואב, דע מעסא, פּערעירראָ, קאַרדוזאָ, פאַנעסקאַ, פערנאַנדעז, מעסיאַס, קאַסטא די נהר. דאָס זענען נעמען, וועלכע איר באַגעגנט היינט־צו־טאָג פאַרנדיק איבער די פאַרשידענע לאַטיין אַמעריקאַנער לענדער, אָבער זיי זענען ריינע קאַטאָליקן...

אַ לעגענדע, וואָס איז נאָך פאַרבליבן ביזן היינטיקן טאָג, דערציילט מען אייך אין קוראַסאַאָ, אַז צווישן די ערשטע ייִדן, וועלכע זענען אַהינגעקומען איז אויך געווען די פרוי רעבעקאַ דע קאַסטראָ, וועלכע האָט מיט זיך מיטגעבראַכט די יריעות פון אַ פאַרברענטער, געשענדעטער ספר־תורה, וואָס זענען, לויט איר צוואה, צוזאַמען מיט איר געבראַכט געוואָרן צו קבורה אויף יענעם אַלטן, מערקווירדיקן בית־עולם וואָס געפינט זיך נאָך דאָרט ביז היינטיקן טאָג. גאָר אַלטע און אינטערעסאַנטע מצבות קענט איר זען אויף דעם בית־עולם, וואָס האָט הינטער זיך אַ געשיכטע פון אַריבער דריי הונדערט יאָר צוריק. אַ גרוי־סער טייל פון די מצבות זענען צעבראָכן, אַנדערע ליגן אויף די קברים, אַנשטאָט וואָס אויף אַנדערע בית־עלמינס שטייען זיי צו קאָפּנס פון די קברים; דאָס איז צוליב די שטענדיקע שטורעמווינטן און הוראַקאַנען מיט וועלכע דער אינדזל איז באַרימט, וואָס צעשטערן די מאַסיווסטע שטיינער. איך האָב ביידע מאָל, בעת איך בין געווען אין קוראַסאַאָ, באַזוכט דעם מערקווירדיקן בית־עולם און געניסטערט אין אַלע מצבות, כדי אַרויסצובאַקומען עפּעס וועגן דער רייכער ייִדישער פאַרגאַנגענהייט אויף יענעם אינדזל. זייער ווייניק מצבות זענען פאַר־בליבן גאַנץ, מיט נישט־אָפּגעמעקטע אותיות, פון וועלכע איך האָב געקענט

דיטלעך לייענען די נעמען פון די נפטרים, די דאַטומס ווען זיי זענען געשטאָרבן, און דער עיקר, דעם נוסח פון יענער צייט, וואָס שפּיגלט אָפּ דעם מצב פון יידישן ישוב אויף יענעם אינדזל. פאַראַן דיקע, ווערטפולע, מאַסיווע מצבות, וואָס האָבן אויסגעהאַלטן אַלע הוראַקאַנען און שטורעמווינטן, אויף וועלכע איר קאָנט לייענען דייטלעך דעם נוסח. אין סאַמע פראָנט זעט איר די מצבה פון חזן פון יענער קהילה, דוד פּראַדאַ, וועלכער איז געשטאָרבן אין יאָר 1791. די אויפשריפט הייבט זיך אָן מיט גרויסע אותיות: „אשירה לד׳ אזמרה לו״, מיט אַן אויסגעקריצטער האַרפע און אַן אַנדערן מוזיקאַלישן אינסטרומענט; ווייטער צו ווערט אין העברעיש אויסגערעכנט זיינע מעלות. אַ צווייטע מצבה, אויף וועלכער עס איז שווער צו לייענען דעם נאָמען און די דאַטעס, איז דאָ אַן אויפשריפט: „ומשה עלה למרום״, נאָכדעם קומען צוויי כוהנים־הענט אין אַ סצענע ווי זיי דוכענען, — מער קאָנט איר אויף דער מצבה נישט זען. און אָט איז אַ מצבה פון יאָר 1768, וועלכע לייענט זיך: „תחת האבן הזה נטמן גוף איש נאמן וירא ד׳ הנכבד יהושוע די נהר״. איבער דער אויפשריפט, מיט גרעסערע אותיות לייענט איר: „ויאמר ד׳ אל יהושוע אל תירא״. און אָט איז אויף דער מצבה פון אַ פרוי, וואָס האָט געהייסן אסתר, אַ גאַנצער שיר פון „מגילת אסתר״. אין דער מצבה זענען אויך איינגראַווירט סצענעס פון מגילת אסתר, וואָס זענען אַזוי קינסטלעריש געמאַכט, אַז מען קאָן זיי נאָך היינט זען קלאָר און דייטלעך. אַ צווייטע מצבה פון יאָר 1700, הויבט זיך אָן מיטן פּסוק: „וד׳ פקד את שרה כאשר אמר״; גלייך אונטער דעם פּסוק קאָנט איר לייענען, אַז דאָס קינד איז געשטאָרבן צוזאַמען מיט דער מוטער זיינער, טאַקע ביי דער שווערער געבורט, און אַ סצענע וועלכע מאָלט אויס משפּחה־גליק פון טאַטע־מאַמע און קינד, און איבער דער אידילישער סצענע — אַ בוים איבערגעהאַקט מיט אַ שווערער האַק... אויך דאָס בילד איז קינסטלעריש איינגראַווירט, און איר קאָנט נאָך איצט זען.

דער גרעסטער טייל פון די מצבות זענען געשריבן אין שפּאַניש, האָלענדיש, אַ טייל פון זיי אויך אין ענגליש. אַ גאַנץ קליינער פּראָצענט פון די מצבות האָבן אויף זיך אַ העברעיִשן נוסח. איך האָב אויך געזען די מצבה פון אַ רב פון דער דאָרטיקער קהילה, אָבער אַזוי אָפּגעמעקט, אַז חוץ דעם מורינו ורבינו און די „ה״ פון הרב, קענט איר גאָרנישט לייענען. עס געפינען זיך אויך דאָרט פאַ־מיליען־קברים געבויט פון גראַניט, מיט קינסטלעריש־אויסגעראַווירטע בילדער פון נפטר אָדער נפטרים. אַזאַ בילד שטעלט מיט זיך פאָר די מצבה פון באַראָן אברהם דע לאָפּעז פון יאָר 1721.

ביז מיט אַ צייט צוריק — האָבן מיר די יידן דערציילט — האָט מען נאָך געקענט זען, טאַקע דאָ גלייך לעבן דעם היסטאָרישן בית־עולם, די אַלטע מויערן,

וועלכע פלעגן אַרומרינגלען דעם ייִדישן קוואַרטאַל, וווּהין ייִדן פלעגן מוזן צוריקקומען פון שטאָט פיר אַזייגער יעדן טאָג; שפּורן פון מקוואות און אַנדערע קהלשע אינסטיטוציעס פלעגן דאָרט נאָך זײַן. איצט האָבן די האָלענדישע ייִדן די היסטאָרישע פלעצער פאַרקויפט דער „שעל קאָמפּאַניע", וועלכע האָט דעם פּלאַץ אָפּגערוימט און בלויז איבערבלײַבעכצער פון אַמאָליקער ייִדישער פאַר־גאַנגענהייט זענען פאַרבליבן: סקעלעטן פון דיקע ווענט, אַלט־צעבראָכענע טײלן פון די שיפלעך, מיט וועלכע די ייִדן פלעגן זיך אַריבערשיפן איבערן טײַך צום צענטער פון שטאָט, ווו עס געפינען זיך היינט צו טאָג די גרעסטע ייִדישע געשעפטן פון אונדזערע אײַנגעוואַנדערטע ייִדן.

די שיל „מקוה־ישראל" — איינע פון די עלטסטע שילן אין די לענדער פון די וועסטערן העמיספער — איז די שיל פון דער אָרטאָדאָקסישער קהילה פון די ספרדישע ייִדן דאָרט. זי איז אַלט אַריבער דרײַ הונדערט יאָר, און איז בײַ איר גרינדונג געווען אונטער דער אויפזיכט פון דער אַמסטערדאַמער קהילה. די שיל איז געבויט אויפן מוסטער פון בית־המקדש; די זעלבע אַרכיטעקטור ווי די פּאָרטוגעזישע שיל „עץ־החיים" אין אַמסטערדאַם. ווען איך האָב באַזוכט די שיל, איז דאָרט געווען אויסגעשפּרייט זאַמד — אַ מין זכר לחורבן. אויך אין דער פּאָרטוגעזישער שיל אין אַמסטערדאַם האָב איך, בעת מײַן באַזוך דאָרט, געטראָפן זאַמד אויפן באָדן בעת אַ „קבלת שבת" פרײַטיק־צו־נאַכט. דער נוסח פון די תפילות איז אינגאַנצן אַן אַנדערער ווי אין אונדזערע שילן. איך האָב בײַגעוווינט אַ „קבלת שבת" אין דער „מקוה־ישראל"־שיל און געהאַט דעם אײַנדרוק, אַז דאָס געפין איך זיך אין דער שפּאַניש־פּאָרטוגעזישער „שארית ישראל"־שיל אין צענטראַל פּאַרק אין ניו־יאָרק. דער זעלבער נוסח התפילה, די זעלבע ניגונים און אַפילו אַן ענלעכקייט פון די מתפללים... די שיל האָט געהאָלפן בויען די ערשטע ספרדישע שיל, די דערמאָנטע „שארית ישראל"־שיל אין ניו־יאָרק. די שיל פאַרמאָגט מערקווירדיקע הייליקייטן, ספר־תורהס, עטרות, כתרים, מאַסיווע קינסטלערישע אַרבעטן פון הונדערטער יאָרן צוריק, וואָס זע־נען אַריבער פון איין דור צום צווייטן.

מײַן צווייטן באַזוך האָב איך געמאַכט אין אַ פרײַטיק־צו־נאַכט אין דאָר־טיקן טעמפּל „עמנואל" — איינע פון די שענסטע געבײַדעס אין שטאָט — וועלכער געפינט זיך אין שכנות פון די רעגירונגס־געבײַדעס, אין האַרץ פון שטאָט, אויף דעם „קעניגין ווילהעלמינאַ־פּלאַץ". ווו איר זאָלט זיך נישט גע־פינען אין שטאָט, קענט איר פונוויטנס זען דעם גלאַנציקן קופּאָל מיטן „מגן דוד" פון טעמפּל, וואָס דערהויבט זיך מאַיעסטעטיש מיט זײַן הויכקייט איבער די קליינע באַחנטע האָלענדישע הײַזער פון שטאָט. בעת איך האָב באַזוכט דעם

טעמפל איז געווען אַ הייס־שטיקנדיקער פּאַרנאַכט, אָבער נישט געקוקט אויף דער היץ זענען די „סערוויסעס" אָנגעגאַנגען און די אָנוועזנדיקע האָבן מיט־געדאַוונט אין האָלענדיש, געזונגען פאַרשידענע תפילות — צווישן זיי אויך ישראל־לידער — געמאַכט אַ מי שברך דער האָלענדישער קעניגין, און די אָנ־וועזנדיקע מענער און פרויען האָבן זיך צוגעהערט צו דער רעדע פון ראַבינער. דאָס דאַוונען, דער אָרגעל מיטן כאָר, און אפילו דעם ראַבינערס פּרעדיק, האָבן געמאַכט דעם איינדרוק פון אַן אַמעריקאַנער רעפאָרם־טעמפּל. ביידע ראַבי־נערס, דער רב פון דער ספרדישער אָרטאָדאָקסישער שיל „מקוה ישראל" און דער ראַבינער פון טעמפּל, וואָס איז אין דער זעלבער צייט אויך פּראָפעסאָר אין דאָרטיקן אוניווערזיטעט, ווערן, ווי אַלע רעליגיעזע פירער דאָרט, אויסגע־האַלטן פון דער האָלענדישער רעגירונג.



דער טעמפּל „עמנואל" אין קוראַסאַאָ

די צוויי באַזונדערע קהילות זענען אַן איבערבלייבעכץ פון אַ שאַרפער מחלוקת וואָס איז דאָרט אָנגעגאַנגען צווישן די „כהנים" און „לוים" און האָט געדויערט גאַנצע צוויי הונדערט יאָר. אָנגעהויבן האָט זיך דאָס מחלוקת צוליב דעם, וואָס די ייִדן פון יענעם טייל שטאָט „אָטראַבאַנדאַ" האָבן פאַר זיך גע־גרינדעט אַן אייגענע שיל; דאָס האָט די בעלי־הבתים פון דער צווייטער געגנט, וואָס האָט זיך געפונען איבער דעם וואַסער, שטאַרק פאַרדראָסן, און זיי האָבן קעגן זיי אָנגעהויבן אַ מחלוקת. היות ווי דער בית־עולם האָט זיך גע־

געפונען אין „אָטראַבאַנדאַ‟, האָבן די ייִדן באַגראָבן די מתים פון „פונדאַ‟ — דער צווייטער טייל שטאָט — אויף אַ ספּעציעלן פּלאַץ, וואָס איז באַשטימט פאַר אָרימעלייט. אין יום כפּור פון יאָר 1746 איז דאָרט פאָרגעקומען אַ געשלעג צווישן ייִדן, און דער דאָרטיקער גובערנאַטאָר, פּרינץ פאָן אַראַנאַזש, האָט מיט מיליטער געמוזט אײַנשטילן דאָס געשלעג און אָנווענדן דעקרעטן, כדי אָפּצושטעלן דעם סכסוך. שפּורן פון יענעם מחלוקת זענען נאָך פאַרבליבן ביזן היינטיקן טאָג, כאָטש צווישן די „כהנים‟ איז היינט־צו־טאָג נישטאָ קיין איין כהן, און דאָס זעלבע צווישן די „לוים‟; אָבער אַזוי ווי דער רעפאָרם־טעמפּל איז אויסגעבויט, איז ער פאַרבליבן אַ באַזונדערע קהילה ביזן היינטיקן טאָג.

די ייִדן אין קוראַסאַאָ פאַרנעמען נאָך היינט דעם אויבנאָן אין דער דאָרטיקער אינדוסטריע, פינאַנץ און טראַנספּאָרט. מיט אַ פּאָר יאָר צוריק, ווען די באַרימטע פירמע מאַדוראַ האָט געפייערט איר הונדערט־יאָריקן יובל, זענען די צייטונגען פון לאַנד אַרויס מיט אַרטיקלען וועגן דעם וויכטיקן בייטראָג וואָס ייִדן האָבן געגעבן דעם אינדזל. די דערמאָנטע פירמע איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1837 פון הרב ר׳ משה הלוי מאדורא. איר לעצטער אייגנטימער איז געווען שלמה הלוי מאדורא. זי איז היינט די גרעסטע פירמע וואָס קוראַסאַאָ פאַרמאָגט: אַ רייע פון באַנקהייזער, שיפס־קאָמפּאַניעס, טראַנספּאָרט־געזעלשאַפטן, אימפּאָרט און עקספּאָרט. מען קען די מאדוראס מיט רעכט אָנרופן „די ראָטשילדס פון קוראַסאַאָ‟. די פייערונג איז פון דער גאַנצער שטאָט געפייערט געוואָרן ווי אַ נאַציאָנאַלער יום־טוב. די דאָרטיקע צייטונגען האָבן אויף די פראָנט־זייטן געבראַכט אַ גרויס בילד פון איר גרינדער, הרב ר׳ משה הלוי מאדורא. די צווייטע באַרימטע באַנק, הענריקעז, איז אויך אַ ייִדישע. אַזוי זענען דאָרט אויך באַרימט די אַנדערע ייִדישע פירמעס: דע סאלא, קאָסטראָ, פּאַראַדאַ, נהר און אַנדערע וויכטיקע פירמעס.

אין קוראַסאַאָ און אויפן שכנהשן אינדזל ארובא, וואָס געפינט זיך אײנגאַנצן אַ האַלבע שעה פליִען מיטן עראָפּלאַן, געפינען זיך אונדזערע איינגעוואַנדערטע מזרח־ייִדן, וועלכע האָבן זיך דאָרט באַזעצט מיט יאָרן צוריק, ווען די אימיגראַציע־געזעצן זענען דאָרט נישט געווען אַזוי שטרענג ווי היינט־צו־טאָג. אין ארובא געפינען זיך אַ דרייסיק ייִדישע משפחות און אין קוראַסאַאָ אַ זעכציק. אין ארובא האָט דאָס ביסל ייִדן אויסגעבויט אַן אייגענעם קלוב, וועלכער געפינט זיך טאַקע ביים ים, וווּ מ׳קומט אין די זונטיקס כאַפּן אַ שווים. אין קוראַסאַאָ האָבן די ייִדן אַן אייגענעם קלוב, דעם „קלוב יוניאָן‟, וואָס דינט פאַר אַ געזעלשאַפטלעכן צענטער. זיי פאַרמאָגן אויך אַ שיל צום דאַווענען. דער גרעסטער טייל פון די ייִדן דאָרט קומען פון בעסאַראַביע און פון אַ שטאָט אויף

דער אַמאָליקער רוסיש־גאַליציאַנער גרעניץ, סניאַטין. אַנגעהויבן האָט זיך די אימיגראַציע, ווי עס פּאַסירט אָפט אין יענע פאַרוואָרפענע ווינקלען: אַ יידישער אימיגראַנט האָט נישט געקענט פאָרן קיין אַמעריקע, האָט ער באין־ברירה אַנט־דעקט אַ ניי אַמעריקע... נאָכדעם אַריבערגעבראַכט די קרובים זיינע, און נאָכ־דעם האָבן זיך ווידער דערוווסט שכנים... אַזוי, אַז דאָס איז געווען אַ מין קרובים־אימיגראַציע. דער עקאָנאָמישער מצב פון די דאָרטיקע יידן איז זייער אַ גוטער. אַ יידישער אינזשיניער, וואָס איז אויך אַהינגעקומען און באַקומען אַ שטעלע ביי דער רעגירונג, האָט אויפגעגעבן זיין פּראָפעסיע און בעסער געוואָרן אַ סוחר.

אין סאַמע צענטער פון שטאָט קענט איר לייענען די אויפשריפטן פון היי־מישע יידישע נעמען: שניידער, אַקערמאַן, גראָסמאַן און נאָך אַזעלכע ...מאַנס. די גרעסטע גאָלד־געשעפטן פון קוראַסאַאָ געהערן צו צוויי יידישע אימיגראַנטן פון גאַליציע, „שפּריטצער און פורמאַן". אָנגעהויבן האָט מען דאָ, ווי אין אַלע אַנדערע לאַטיין־אַמעריקאַנער לענדער, מיט דער יידישער פּרנסה פון טראָגן אַ פּעקל אויף די פּלייצעס, געשפּאַנט איבער די הייס־גליענדיקע גאַסן. עס האָט לאַנג נישט גענומען, און מען האָט זיך אַרויפגעאַרבעט צו אייגענע גע־שעפטן אין שיינע געגנטן פון שטאָט; פון די ענגע צימערלעך, ווו מען האָט געוווינט גרינערהייט, זענען אויסגעוואַקסן פּאַלאַצן אין די שענסטע געגנטן פון שטאָט.

דער ליבעראַלער גייסט פון האָלאַנד, וואָס מאַכט נישט קיין אונטערשיד צווישן ראַסן און רעליגיע, הערשט אויך דאָרט. עס טוט אָבער די דאָרטיקע יידן וויי, וואָס אַ טייל פון זיי, וועלכע געפינען זיך שוין דאָרט אַ צוואַנציק יאָר — אַ סך מער יאָרן ווי עס זענען נייטיק כדי צו באַקומען די בירגערשאַפט — און נישט געקוקט, וואָס זיי האָבן זיך וועגן דעם באַמיט, זענען זיי אַלץ נישט געוואָרן קיין בירגער... די מאָדנע סיטואַציע ציט זיך שוין דאָרט אַ צייט לאַנג. ווען אַ ייד, וואָס וווינט שוין דאָרט יאָרן, וויל אַרויספאָרן ערגעץ ווו, מוז ער בעטן ביי די דאָרטיקע באַהערדן זיי זאָלן אים געבן אַ דאָקומענט, וואָס דער־לויבט אים צוריקצוקומען. אייניקע פון אונדזערע יידן האָבן זיך פאַר מיר אויך באַקלאָגט אויף דער באַציִונג פון די האָלענדישע יידן דאָרט, וואָס האָבן זיי אַרויסגעוויזן פריינטשאַפט נאָר דאַן, ווען זיי זענען געווען גרויסע קבצנים; דאַן האָבן זיי אויף זיי „רחמנות" געהאַט. אָבער ווען זיי האָבן אָנגעהויבן אַרויפ־אַרבעטן זיך, האָט מען אויף זיי אָנגעהויבן קוקן פון אויבן אַראָפּ. עס האָט זיך דאָ איבערגעחזרט די אַמאָליקע געשיכטע פון דייטשלאַנד צווישן די מערבֿ־און מזרח־יידן. מיט דעם „אָרמען אָסט־יודען" האָט מען געהאַט מיטלייד און געקרעכצט אויף זיין ביטער מזל, אים געהאָלפן ווייטער פאָרן... קוים אָבער

איז דער „אָסט־יודע" געבליבן אין דייטשלאַנד, אָנגעהויבן פירן געשעפטן און אַרויפאַרבעטן זיך, איז שוין געווען עפּעס אַנדערש...

אין אַנדערע לענדער זענען די באַציִונגען צווישן די ספרדישע ייִדן און אונדזערע מער־ווייניק פריינטלעכע, בפרט איצט, נאָך דער אַנטשטייונג פון מדינת ישראל. פון דער יוגנט איז אָפּגערעדט — זיי פאַרברענגען צוזאַמען, פאַרליבן זיך און האָבן חתונה. דאָ אין קוראַסאַאָ האָבן אונדזערע ייִדן זיך אָנגעשטויסן אין אַ צו הויכער אַריסטאָקראַטיע.

אַ באַזוך אין סורינאַם

נאָך אַ האַלבער נאַכט האָט דער אַעראָפּלאַן פון דער „פּאַן אַמעריקאַ" פאַר־לאָזט די לעצטע בראַזיליאַנער שטאָט בעלעם, וואָס ליגט צופוסנס פון אַמאַזאָנען־טייך, אויפן וועג קיין האָלענדיש גוואַיאַנאַ. נישט געקוקט וואָס ס'איז געווען ביי־נאַכט, האָבן נאַכט־ווינטלעך געבלאָזן מיט הייסע כוואַליעס, וואָס זענען ענלעך צו די הייסע „חמסין"־ווינטן אין ישראל. זיבן אַזייגער אינדערפרי, ווען אין דרויסן האָט גענומען בלויען אויף טאָג, און די זון האָט שוין היפּשלעך געוואַרעמט, האָט דער אַעראָפּלאַן געלאַנדעט אין לופט־פּאָרט פון פּאַראַמאַריבאָ, די הויפּטשטאָט פון סורינאַם. אַ גרויסער טאָוול אין דער געביידע פון לופט־פּאָרט דערציילט דעם ניי־געקומענעם אַ ביסל סטאַטיסטיק פון די איינוווינער, און רעכנט אויס די רעליגיעס פון דער איינווינערשאַפט, וואָס גרייכט אַריבער צוואַנציק: מאַכמע־דאַנער, פּרעסביטעריאַנער, לוטעריאַנער, הוסיאַנער, רוימיש־קאַטוליש, גריכיש־קאַטוליש און אַנדערע רעליגיעס, וואָס גייען כסדר איינער נאָך דער אַנדערער, ביז איר דערזעט דאָס וואָרט „איזראַעל", און גלייך אונטער דעם וואָרט די צאָל 830, אַזוי פיל יידישע נפשות פאַרמאָגט, לויט דער סטאַטיסטיק, סורינאַם. די יידן דאָרט האָבן מיר שפּעטער איבערגעגעבן, אַז די צאָל איז שטאַרק איבערגעטריבן.

דער וועג פון לופט־פּאָרט אין שטאָט אַריין מאַכט אַ פּיינלעכן איינדרוק. לאַנגע, פּוסטע און וויסטע שטרעקעס. דאָ און דאָרט באַווייזט זיך אַ הייזקע, וואָס איז ענלעך צו אַ בודקע פון אַ הונט, מיט גאַנצע טוצן קינדערלעך אין דער מאַמע הוהס קליידער, באַשיצט פון פּאַלמען־בלעטער. וואָס אַמאָל נענטער צום צענטער פון שטאָט, וואַקסט די צאָל פון די הייזער אין לאַנגע שורות, צוזאַמענ־געקלאַפּטע פון ברעטער און בלעכן. ערשט אין צענטער פון שטאָט שיילן זיך אַרויס אַ פּאָר לייטישע הייזער. דער האָטעל, אין וועלכן איך וווין און וואָס איז דער בעסטער אין שטאָט מיט אַן אַמעריקאַנער נאָמען „ריוועראוויו", איז אַלטמאָדיש געבויט פון ברעטער, מיט שמאָלע הילצערנע טרעפּ וואָס דרייען זיך ווי אַ בייגל העכער צו די צימערן. גיכער זעט דער האָטעל אויס ווי אַ היימישער „הכנסת

אורחים״; שלום עליכם בערדיטשעווער האָטעלן זענען געווען פּאַלאַצן קעגן דעם האָטעל אין סורינאַם.

איר כאַפּט דעם ערשטן שפּאַציר איבער די גאַסן פון שטאָט, און די זון שפּריצט פּשוט מיט שטיקער פייער. פּלוצים דערזעט איר ווי האַלב־נאַקעטע איינוווינער פון שטאָט הייבן אָן שנעל צו אַנטלויפן; באַלד דערפילט איר די ערשטע טראָפּן פון אַ רעגן. איר דערוויסט זיך, אַז דאָס אַנטלויפן זיי טאַקע פאַרן רעגן, וואָס חזרט זיך איבער אַ פּאָר מאָל אין טאָג... און וואָס איז פּאַר זיי געפערלעכער ווי די ברענענדיקע היץ. איר האָט זיך ערשט געבאָדן אין טייכן שווייס פון דער היץ, און נאָכן רעגן ווערט איר פּשוט דערשטיקט פון דער פייכטקייט, וואָס שטיקט און וואָרגט אייך, עס פעלט אייך לופט צו אָטעמען.

אַזוי ווי דער האָטעל געפינט זיך אין צענטער פון שטאָט, גלייך לעבן ים־ברעג, קענט איר באַאָבאַכטן דאָס לעבן וואָס גייט אָן אין שטאָט, הויפּטזאַכלעך ביז איינס אַזייגער בייטאָג. נאָכמיטיק זענען די געשעפטן אין צענטער פון שטאָט געשלאָסן צוליב דער גרויסער היץ און פייכטקייט, וואָס לייגט זיך שווער אַפילו אויף די דאָרטיקע איינוווינער, — ווער שמועסט פאַר אַ נייגעקומענעם, איז דער קלימאַט נישט צום אויסהאַלטן. איר געפינט זיך אַ פּאָר טעג אין סורינאַם, דאַכט זיך אייך, אַז איר זענט מיט איינמאָל געוואָרן אַן אַלטער שוואַכער זקן... איר קענט זיך קוים באַוועגן. אַ סך אַזעלכע „יונגע״ זקנים זעט איר דאָרט, וואָס באַוועגן זיך פויל און אָפּגעלאָזן איבער די גאַסן. דערפאַר זעט איר דאָרט זעלטן אמת־אַלטע לייט; די שטערבלעכקייט ביי דער דאָרטיקער באַפעלקערונג איז זייער גרויס, קראַנקהייטן זענען דאָרט זייער פאַרשפּרייט אַזעלכע, פון וועלכע מיר ווייסן גאָר אינגאַנצן נישט. דאָס שנעלע איבערבייטן פון אַ שטאַרקער היץ צו אַ פייכטן רעגן און ווידער פון רעגן צו היץ, האָט אַ שעדלעכע ווירקונג אויף די מענטשן, מיליאָנען מאָסקיטאָס פון אַלע סאָרטן פּרוכפּערן און מערן זיך דאָרט טעגלעך, טראָגן אין זיך סם וואָס פאַרסמט די וואַסערן, און טויזנטער ווערים און חיהלעך וואָס האָבן אַ פּאָר שפּאַן פון דזשאָנגל אין שטאָט אַריין. איר שלאָפט טאַקע ביינאַכט באַשיצט פאַר מאָסקיטאָס, אָבער זיי געפינען שוין אַ וועג צו אייך, באַזונדערס האָבן זיי ליב „אַריסטאָקראַטיש״ ווייס בלוט... ווען איר שטייט אויף אינדערפרי, האָט איר אַ פּנים ווי אַן אַמעריקאַנער פּראַיז פאַיטער וואָס האָט נאָרוואָס פאַרלוירן אַ „פאַיט״.

סורינאַם ליגט אויפן צפון־מזרחדיקן ברעג פון זיד־אַמעריקע; פון דרום־זייט גרענעצט זי זיך מיט די וויסטע דזשונגלס פון בראַזיל, צפון־צו, מיטן אַטלאַנטיק, און צו מזרח־צו מיט דער פראַנצויזישער גוואַיאַנאַ, וווּ עס געפינט זיך דער „טייוול־אינדזל״, און בריטיש גוואַיאַנאַ צו מערב. סורינאַם האָט אַ באַפעלקערונג פון אַרום צוויי הונדערט און פופציק טויזנט נפשות, צווישן זיי צוויי און צוואַנציק טויזנט

בוש נעגערס און קרוב צו פיר טויזנט אַרבאָריגינאַלע אינדיאַנער. איר שטח איז אַזוי גרויס ווי דער שטאַט וויסקאָנסין אין נאָרד־אַמעריקע. זיבן־אַכטל פון דער באַפעלקערונג לעבט אין שמאָלן פאַס, ווו עס זענען הויפּטזעכלעך קאָנצענטרירט די אינדוסטריע און אַגריקולטור. פון דער דערמאָנטער צאָל לעבט אַ דריטל אין פּאַראַמאַריבאָ, די הויפּטשטאָט פון לאַנד.

די געשיכטע פון סורינאַם פירט צוריק צום פופצנטן יאָרהונדערט. אין יאָר 1499 האָט אַ שפּאַניער מיטן נאָמען אַלפאָנזאָ דע אכעדא אַנטדעקט דעם אינדזל; אין יאָר 1613 האָבן האָלענדישע סוחרים, וואָס האָבן געהאַנדלט מיט די גוויאַנאַס, אָרגאַניזירט אַ האַנדלס־קאָמפּאַניע ביים ברעג פון סורינאַם. די ערשטע צו קאָ־לאָניזירן סורינאַם זענען אָבער געווען די ענגלענדער. אין יאָר 1630 האָבן זיי דאָרט אָנגעהויבן קולטיווירן טאַבאַק־פּלאַנטאַציעס; פיר יאָר שפּעטער האָט אַ האָלענדער מיטן נאָמען דוד פּיעטערסע דע וורי׳עס, צוזאַמען מיט אַ גרופּע פון זיינע לאַנדסלייט, זיך באַזעצט אין סורינאַם. אין יאָר 1640 האָבן די פראַנצויזן גע־מאַכט אַ פאַרזוך דאָרט זיך צו באַזעצן, אָבער ביידע פּרוּוון האָבן נישט געהאַט קיין דערפאָלג. אין יאָר 1650 האָבן די ענגלענדער געמאַכט אַ פאַרבינדונג מיט די אינדיאַנער און דאָרט געגרינדעט אַן ענגלישע קאָלאָניע. די פראַנצויזן וואָס זענען פאַרטריבן געוואָרן פון די אינדיאַנער, פון שכנהשן קאיען, זענען אויך אַהינגעקו־מען. צוליבן מאַנגל אין אַרבעטער האָט מען אַהינגעבראַכט נעגער־שקלאַפן. אונטער דער ענגלישער הערשאַפט איז סורינאַם געווען אַ קורצע צייט, ווייל אין יאָר 1665 האָט אויסגעבראָכן אַ מלחמה צווישן ענגלאַנד און האָלאַנד. צוויי יאָר שפּעטער, אין 1667, האָבן די האָלענדער דעראָבערט סורינאַם. אין יאָר 1700 האָט ענגלאַנד צוריק פאַרכאַפּט סורינאַם און ערשט אין יאָר 1802, לויטן פרידנס־אָפּמאַך פון אַמיענס, איז סורינאַם אָנערקענט געוואָרן פאַר אַ האָלענדי־שער טעריטאָריע, און ערשט צוועלף יאָר שפּעטער, אין יאָר 1815, איז זי אָפיציעל אויפן פרידנס־אָפּמאַך אין פּאַריז צוגעטיילט געוואָרן צו האָלאַנד. אין אַ יאָר שפּעטער, אין 1816, האָט עס האָלאַנד איבערגענומען אין איר רשות ביזן היינטיקן טאָג.

אין דער צייט פון בירגער־קריג אין אַמעריקע, האָבן אַנדערע לענדער נאָכ־געפאָלגט דעם ביישפּיל און באַפרייט די שקלאַפן. צווישן זיי אויך סורינאַם. אַזוי אַרום האָבן דאַן אָנגעהויבן אויספעלן אַרבעטס־הענט. סורינאַם האָט דאַן געבראַכט טויזנטער אַרבעטער פון אינדיע און יאַוואַ. אין די יאָרן פון 1873 ביז 1916 זענען אַן ערך פון פיר און דרייסיק טויזנט אַרבעטער געקומען פון אינ־דיע און אַן ענלעכע צאָל פון יאַוואַ. זיי זענען שוין דאָרט פאַרבליבן אויף שטענדיק.

די איצטיקע באַפעלקערונג פון סורינאַם איז אַ געמיש פון קרעאָלעס (מישלינגע פון נעגערס און מולאַטן), אינדיער, יאַוואַנער, כינעזער, אַמעריק־

דיאַנס (רויטע אינדיאַנער) און אַ קליינע צאָל איינראָפּעער. די בוש־נעגערס, וואָס וווינען דאָרט אין די דזשאַנגלס, זענען די אָפּשטאַמלינגע פון די אַנטלאָפענע שקלאַפן. זיי פאַרמערן זיך כסדר און זייער צאָל האַלט אין איין וואַקסן. זיי זענען איינגעטיילט אין פינף שבטים און זייערע נעמע שטאַמען פון די פּאַסירונגען און איבערלעבונגען פון יענער שקלאַפן־צייט. זייענדיק שוין צוגעוווינט צו אַ לעבן אין דזשונגל פון דורות, איז ווען זיי זענען אַנטלאָפן פון שקלאַפעריי, פילן זיי זיך אין דעם אָרט לעבן זייער באַקוועם. זיי זענען פאַרבליבן ביי אַלע מנהגים און אַפריקאַנישער קולטור, פון וואַנען זיי זענען אורשפּרינגלעך געקומען, בעת די שטאָטישע נעגערס האָבן זיך אַביסל אַסימילירט מיט דעם שטאָטישן אָרט לעבן. די בוש־נעגערס רעדן אַ שפּראַך וואָס רופט זיך דיפּי־טאַנגאָ, בעת די שטאָטישע נעגערס רעדן אַ שפּראַך וואָס הייסט טאָקי־טאָקי, אַ פאַרגרייזטן ענגליש. יעדער שבט האָט אַ פירער, וואָס איז אָנערקענט ביי דער סורינאַמער רעגירונג. יעדער פון זיי האָט פינף אַרויסהעלפער, וואָס ווערן גערופן „באַסיאַס". צווישן זיי הערשט אַ שטאַרקער אַבערגלויבן, זיי זענען פאַרפלייצט מיט פאַרשידענע קמיעות און כשוף. אויף יעדן אָרט ווו זיי וווינען, הענגען זיי אַרויס אַזאַ מין קראַנץ פון פאַלם־צווייגן פאַרן אַריינגאַנג, אַזוי אויך ביי דעם אַריינגאַנג צו די דערפלעך ווו זיי וווינען. דאָס טרייבט אַוועק דעם שלעכטן גייסט און דעם ריח פון די געסט, וואָס קומען אין שטעטל אַריין. כשוף־דאָקטוירים זענען ביי זיי שטאַרק פאַרשפּרייט; פאַראַן אַפילו ספּעציעלע כשוף־שטעטלעך, ווי דאַהאַמעי, וואָס געפינט זיך ביי דעם סורינאַם־טייך. ווייסע מענטשן טאָרן אין די שטעטלעך נישט אַריינקומען. לויט דעם גלויבן פון בוש־נעגער קען אַ בייזער גייסט דיר נישט נאָכפאָלגן, ווען דו גייסט אַרונטער די טרעפּ צוריקוועגס. אין הייזער, אָבער, וואָס האָבן איין שטאָק לעבט דער גייסט אויפן באַלקאָן... דער טייוול קאָן פאַרטריבן ווערן מיט טענץ. איר קענט דערפאַר דאָרט זען מערקווירדיקע טענץ אין גרופּעס, און איינציקע „פּייער־טענץ", „בייגל־טענץ", ווו מענטשן דרייען זיך ווי די בייגל, אַ קאַנגאַ־טאַנץ, אַ „מאַסקן־טאַנץ". אויף איינעם אַ פּייער־טאַנץ איז מיר אויסגעקומען בייצוזיין אין אַ דערפל נישט ווייט פון סורינאַם. אויף אַ גרויסן, פרייען פּלאַץ האָט מען אויסגעשפּרייט דיקע שטיקער האָלץ. דריי טענצער, יונגע נעגערס, אַרומגענומען מיט גאַרטלען און די קערפּערס באַשמירט מיט אַ מאַסע, וואָס זעט אויס ווי ווייסער קרייד, — אַ כשוף־מאַכער האָט זייערע קערפּערס באַשמירט מיט דעם שמירעכץ. ווען דאָס באַשמירן האָט זיך פאַרענדיקט, האָט מען אַוועקגעלייגט אויף אַ קליינעם שטח ווייסע ליילעכער, געבילדעט אַ מין סוכה פון הויכע לולבים, באַדעקט מיט שמאַטעס, וואָס רופט זיך אין אינדיאַניש „אַבעאַ". אינעווייניק, אין דער אָפענער סוכה, זענען אויף די ליילעכער געווען אויסגעשפּרייט פאַרשידענע זאַכן: אַ פלאַש רום, אַ גרינער קראַוואַט, אַ פיגור

פון אַ בייזן גייסט. באַלד האָט פון די גרויסע קופּעס האָלץ אַ זעץ געטון אַ פייער און עס איז אַזוי הייס געוואָרן, אַז איך און מיינע באַגלייטער האָבן זיך געמוזט אָפּרוקן וואָס ווייטער פון דער סצענע. די יונגע טענצער האָבן אָנ־געהויבן טאַנצן אין די פלאַמען, כאַפּנדיק ברענענדיקע שטיקער האָלץ אין מויל אַריין. מיט שטיקער באַמבו־האָלץ האָבן זיי צעבלאָזן די פייערן וואָס זענען וואָס אַמאָל שטאַרקער געוואָרן. מינוטן־לאַנג האָבן זיי געטאַנצט אַרומגענומען פון פלאַמען, און ווען די פלאַמען זענען שוואַכער געוואָרן און דאָס פייער האָט זיך פאַרלאָשן, האָט קיינער פון זיי נישט געהאַט קיין צייכן פון קיין וווּנד.

אפילו די איינוווינער פון דער הויפּשטאָט פּאַראַמאַריבאָ שטעלן מיט זיך



דער גובערנאַטאָר־פּאַלאַץ אין פּאַראַמאַריבאָ

פאַר אַ טיפּן־גאַלעריע, נישט בלויז מיט זייער אויסערלעכן אויסזען, וואָס האָט צום גרעסטן טייל אַ קרענקלעך־בלייכן קאָליר, אָן אינדיאַניש בראָנזענעם קאָליר, כינעזיש־יאַפּאַנישע שטריכן, אָן אַ טראָפּן בלוט אין פּנים. אין קיין לאַנד פון דער וועלט הערט איר נישט אַזוי פיל שפּראַכן ווי אין סורינאַם. צוערשט האָ־לענדיש, וואָס איז די רעגירונגס־שפּראַך, אַ פאַרגרייזטן ענגליש, „פּאַפּימענטאָ", וואָס איז אַ געמיש פון שפּאַניש, פּאָרטוגעזיש און ענגליש. „טאָקי־טאָקי", אַ דיאַלעקט פון דאָרטיקע איינגעבוירענע, כינעזיש, יאַפּאַניש, יאַוועניש (פון יאַוואַ). אויסער דעם האָבן די דאָרטיקע „בוש־נעגראָס" אָן אייגענעם אינדיאַנישן דיאַ־

לעקט. פונקט אַזוי זעען אויס די איינוווינער אין זייער קליידונג: אַן איינגעבוירע־נער בוש־נעגער, וואָס פילט זיך באַקוועם אין אייגענע אויסגעאַרבעטע הויזן וואָס קוקן אויס ווי דאָס פייגן־בלאַט, וואָס אדם און חוה האָבן געטראָגן... פרויען מיט אויסגעגאָלטע קעפּ און אין סאַמע שפּיץ אַ פּאַרקניפּט צעפּל... אַן אינדיאַ־נערין מיט ברייטע רינגען אין איר נאָז, אַ יאַוואַנעזערין גרויס ווי אַ גענייץ פון אַ שלאָפלאָזער נאַכט; אויב איר זענט אַ פרויען־יעגער, איז פאַר אייך סורינאַם דער בעסטער פּלאַץ... דאָ האָט דער יצר־הרע איבער אייך קיין שום מאַכט נישט... פרויען זענען באַהאַנגען מיט אַליין־געמאַכטער „צירונג". זעלטן־ווען איר דערזעט אין גאַס אַן איראָפּעיִש געקליידטע פרוי. די מענער זעען נישט אויס בעסער פון די פרויען: יאַפּאַנעזער מיט באַלעבאַטישע סאַמעטענע יאַרמולקעס און ברייטע כאַלאַטן; יאַוואַנעזער מיט קליינע שוואַרצע היטעלעך, ווי היימישע קוימענקערערס; כינעזער מיט מאָדנע קאַפּעליושלעך און וואָנצעס ווי שאַרפע סטרונעס... עפּעס דאַכט זיך אייך, אַז דאָס זענט איר אַריינגעפאַלן אין אַ מוזעום פון סאַמע אַלטערטימלעכקייטן... פאַרשטייט זיך, אַז האָבנדיק אַזאַ גאַלעריע מיט אינטערנאַציאָנאַלע טיפּן, און זייענדיק ביי אַ האַפן, גייט דאָרט אַן אַן אינטער־נאַציאָנאַלער שמוגל. מאַטראָזן קומען און פאָרן פון אַלע זיבן ימען אין די ווייטסטע ווינקלען פון דער וועלט, ווערן דאָ ביים ים דורכגעפירט די געוואַגט־סטע טראַנזאַקציעס פון אָפּיום און אַנדערע פאַרבאָטענע סחורות, — אַ מין בערזע פון פאַרשיידענע געלטער, צווישן וועלכע דער אַמעריקאַנער דאָלאַר פאַרנעמט דעם אויבנאָן. סורינאַם געהערט צו דעם „שטערלינג בלאָק", וואָס פאַרבאָט דאָס אַריינפירן און אַרויספירן פון געלט, אַזוי אַז יעדער סאָרט געלט האָט דאָרט צוויי פרייזן, אַן אָפיציעלן און אַן אומאָפיציעלן.

***

גראָד אין יענעם פאַרוואָרפענעם אינדזל האָט די פּאָליציי, ווו איך האָב זיך געדאַרפט מעלדן נאָך 24 שעה, מיך געפרעגט צו וואָס פאַר אַ רעליגיע איך געהער — וואָס איז אין יענע לענדער אַ זעלטנהייט, נאָך מער ווי אויפפאַלנד, ווייל סורינאַם איז אַ האָלענדישע קאָלאָניע וואָס איז שטענדיק ליבעראַל און אַזעלכע פראַגן ווערן בכלל נישט געשטעלט. ווען איך האָב אויף דער פראַגע אָנגעגעבן מיין רעליגיע און פּראָפעסיע, האָט גלייך אויפן צווייטן טאָג אינדער־פרי מיין טעלעפאָן געקלונגען. די פאַרשטייער פוןביידע צייטונגען בעטן ביי מיר אַן אינטערוויו. אַ שעה שפּעטער זענען מיר געזעסן אין עס־זאַל פון האָטעל: איך און ביידע פאַרשטייער פון די דאָרטיקע צייטונגען, — איינער פון זיי דער רעדאַקטאָר אַליין. די ערשטע פראַגע איז געווען, צי איך בין נישט קיין דע־לעגאַט פון דער „פריילאַנד ליגע", וואָס פּלאַנט דאָ אין סורינאַם אַ ייִדישע קאָ־

לאַניזאַציע. ווען איך האָב זיי פאַרזיכערט, אַז איך האָב קיין שום פאַרבינדונג נישט מיט דער „פריילאַנד ליגע״, איז זיי אַראָפּ אַ שטיין פון האַרץ... איך האָב געזען ווי ביידע האָבן פרייער אָפּגעאָטעמט. די צווייטע פראַגע איז געווען: וואָס צום ביישפּיל — האָבן זיי געוואָלט וויסן — איז מיין מיינונג אַלס ייִדישער זשורנאַליסט וועגן דעם ייִדישן קאָלאָניזאַציע־פּלאַן אין סורינאַם? ווען איך האָב זיי געענטפערט, אַז ייִדן זענען נאָר פעיִק פאַר שווערע פּיאָנערן־אַרבעט אין אַן אייגן לאַנד, און אַז היינט צו טאָג דאַרפן מיר נישט אָנקומען צו סורינאַם פאַר ייִדישער קאָלאָניזאַציע, אַ לאַנד וואָס איז זיי פרעמד אין שפּראַך, קולטור און קלימאַט, — זענען זיי, ווי איך האָב באַמערקט, שטאַרק צופרידן געווען.

— איר פאַרשטייט — הויבט אָן דער עלטערער פון די צייטונגס־פאַרשטיי־ער, — מיר דאָ זענען אַפילו זייער סימפּאַטיש פאַר אַ ייִדישער קאָלאָניזאַציע, דאָס וועט אַריינברענגען אַרבעטס־הענט און קאַפּיטאַלן אין וועלכע מיר נויטיקן זיך אַזוי, אָבער — האָט ער זיך אַ נישט־זיכערער געקווענקלט — ייִדן זענען נישט פעיִק צו פעלד־אַרבעט, איך מיין — האָט ער זיך פאַרבעסערט — אונ־טער די אַרטיקע אומשטענדן, וועלן זיי זיך נעמען צו שטאָטישע פּרנסות צום האַנדל, צו די פרייע פּראָפעסיעס, צו...

— איר דאַרפט גאָרנישט זיין באַאומרויִקט — פאַרזיכער איך אים, — ייִדן וועלן קיין סורינאַם נישט קומען, סיידן אַזעלכע ייִדן, וואָס זענען נישט ביים קלאָרן פאַרשטאַנד.

זיי האָבן זיך מיט מיר פריינטלעך געזעגנט, מיר געדאַנקט פאַרן אינטערוויו. אויף צומאָרגן האָבן זיי מיין ענטפער פאַרעפנטלעכט אויף די ערשטע זייטן פון זייערע צייטונגען: „אַ ,יאַדישער׳ זשורנאַליסט פון אַמעריקע זאָגט, אַז ייִדן וועלן נישט קומען קיין סורינאַם״.

ווען איך בין געזעסן אין שפּייז־זאַל פון מיין האָטעל ביים נאַכט־עסן, האָט דער ספּיקער פון דער רעגירונגס־ראַדיאָ איבערגעגעבן נייעס אויפן הויכן קול, — די זעלבע נייעס. אַלע געסט האָבן דאָס אויפגענומען מיט אַ באַזונדערער נייגעריקייט און אַפילו מיט פרייד. די ייִדן, הייסט עס, קומען נישט קיין סורי־נאַם... צוליב וואָס אַזאַ שמחה? איך האָב אויסגעפונען, אַז דער גרעסטער טייל פון דער באַפעלקערונג פון סורינאַם איז קעגן אַ ייִדישער קאָלאָניזאַציע. דער פּראָיעקט אַליין האָט אַרויסגערופן אַ שטאַרקע אומצופרידנהייט. דאָס ביסל איי־ראָפּעיִשע איינוווינער האָט זיך געשראָקן פאַר אַ פעיִקער קאָנקורענץ. נאָכמער, די דאָרטיקע אינטעליגענץ און פּראָפעסיאָנאַלן, באַזונדערס די געשעפטסלייט, האָבן דער באַפעלקערונג אויף אַ דירעקטן און אומדירעקטן אופן געוואָרנט קעגן אַ „געפערלעכער״ אינוואַזיע פון דרייסיק טויזנט ייִדן, וואָס וועלן מיט זיך ברענגען דעם גרעסטן אומגליק פאַרן לאַנד; מען האָט זיך אַפילו באַנוצט מיט די

גוטע אַלט־באַקאַנטע אַנטיסעמיטישע טענות קעגן ייִדן, אַז זיי זענען קאָמוניסטן, קאַפּיטאַליסטן, פּראָפּיטירער און אַלץ וואָס אין דער קאָרט... אַפילו מיין אייגענע בעל־הביתטע פון האָטעל ווו איך האָב געוווינט, האָט, ווייזט אויס, אין אָנהייב נישט געוווּסט צי איך בין אַ ייִד, האָט מיר געזאָגט, אַז מען שרעקט זיך אין סורינאַם פאַר אַן אינוואַזיע פון ייִדישע אימיגראַנטן, וואָס וואָלטן געווען דאָס גרעסטע אומגליק פאַרן לאַנד. ערשט ווען זי האָט זיך שפּעטער דערוווּסט, אַז איר גאַסט אַליין איז אויך אַ ייִד, האָט זי אירע ווערטער געמילדערט און גע־זאָגט, אַז זי האָט געמיינט בלויז אייראָפּעיִשע ייִדן... און נישט מיך, אַן אַמע־ריקאַנער ייִד... און זיכער נישט די ייִדן פון סורינאַם, וואָס זענען פיינע מענטשן און געטרייע סורינאַמער בירגער... (שפּעטער האָב איך זיך דערוווּסט, אַז דער האָטעל געהער צום סורינאַמער ייִד פּערנאַנדעז, און אַז די פרוי איז בלויז די פּאַרוואַלטערין...)

ווער זשע זענען די אין סורינאַם, וואָס זענען יאָ פּאַראינטערעסירט אין אַ ייִדישער קאָלאָניזאַציע דאָ אין די דזשאַנגלס? אַזוי אַז דער פּראָיעקט איז שוין געהאַט אָנגענומען געוואָרן אין דאָרטיקן ריקסטאַג (קאָנגרעס), און נאָך דעם ווידער אָפּגעוואָרפן געוואָרן? גאַנץ פּשוט; דאָ האָט זיך שיעור איבערגע־חזרט די געשיכטע פון דער ייִדישער קאָלאָניזאַציע אין סאַנטאָ דאָמינגאָ, ווו פּאָליטיקער זענען געווען פּאַראינטערעסירט אין די גרויסע סומעס געלט וואָס וואָלט זיכער — נאָך זייער אויסרעכענונג — אַריינגעקומען אין לאַנד, און אפשר טאַקע אויך אין די אייגענע קעשענעס... אַמעריקאַנער ייִדישע מיליאָנערן און פילאַנטראָפּישע אָרגאַניזאַציעס וואָלטן, לויט זייער חשבון, זיכער געהאָלפן די הימלאָזע ייִדן... פאַרשטייט זיך, אַז פון דער הילף וואָלט מען זיכער אָפּגע־לעקט אַ ביינדל. מ׳האָט גערעדט וועגן אַ לעגענדאַרע סומע פון שווערע מיליאָנען, וואָס אַמעריקאַנער ייִדישע אָרגאַניזאַציעס זענען גרייט אַריינצולייגן פאַר דעם ייִדישן קאָלאָניזאַציע־פּראָיעקט. איך האָב גערעדט מיט דאָרטיקע ייִדן און זיי האָבן זיך אַרויסגעזאָגט קעגן אַ ייִדישער קאָלאָניזאַציע אין סורינאַם. אַזוי ווי מען האָט נאָר אָנגעהויבן רעדן פון דעם פּלאַן — האָט מיר דערציילט מר׳ ל. בענ־זשאַמין, אַ דאָרטיקער ייִד אַן עקספּאָרטער — האָט דאָס אַרויסגערופן פיינטלעכע געפילן צו ייִדן, בפרט ביי דער נאַציאָנאַליסטישער פּאַרטיי, איבער דער מורא פאַר ייִדישער קאָנקורענץ. ער אַליין איז שטאַרק קעגן אַזאַ פאַנטאַסטישן פּראָיעקט. די געגנט ווו מען פּלאַנט די ייִדישע קאָלאָניזאַציע, איז סאַראַמאַקאַ, ווו דער קלימאַט איז פיל ערגער ווי דאָ אין פּאַראַמאַרימבאָ. שטעלט אייך פאָר, אַז דאָ אין שטאָט איז שווער אויסצוהאַלטן אַזאַ קלימאַט, איז וואָס־זשע איז דאָרט אין דזשאַנגל? אין די חדשים פון יאַנואַר ביז מערץ, קען מען נאָך ווי עס איז אויסהאַלטן דעם קלי־מאַט, אָבער שפּעטער איז דאָס אויסהאַלטן פון דעם קלימאַט שווער אַפילו פאַר

איינוווינער פון אַנדערע טראָפּישע לענדער, איז ווער שמועסט פאַר אייראָפּעער. איך — דערציילט מיר מר׳ בענזשאַמין — מיט מיין משפחה מוז יעדע פאַר יאָר בייטן דעם קלימאַט, פאַרנדיק אויף אַ געוויסע צייט קיין ניו־יאָרק. דער פּראָיעקט איז דאָך אויסדריקלעך, אַז די ייִדן וועלן נישט קומען זיך באַזעצן אין דער שטאָט פּאַראַמאַריבאָ, וואָס איז פּאַקטיש די איינציקע שטאָט אין סורינאַם. איצט קענט איר זיך פאָרשטעלן — האָט מר׳ בענזשאַמין פאַרענדיקט, — אַז מיר, היגע איינ־וווינער, קענען דעם קלימאַט נישט אויסהאַלטן אין שטאָט, ווי אַזוי וועלן אייראָ־פּעיִשע ייִדן אים אויסהאַלטן אין יענער געגנט, ווו ער איז נאָך אַ סך ערגער, ווייל די שטרעקעס לאַנד דאָרט זענען פאַרוואַקסן מיט ווילד גראָז און טיפן דזשאַנגל. אַנדערע ייִדן האָבן מיר דערציילט אַז מ׳רעדט פון דער ערשטער סומע וואָס ייִדן וועלן אַריינברענגען אין לאַנד, איז הונדערט מיליאָן דאָלאַר... נאַטיר־לעך וועט דאָס בלויז זיין אַן אָנהייב. מ׳האָט מיר אויך דערציילט, אַז די רעגירונג זוכט אומעטום, ווו עס איז נאָר מעגלעך, אַרבעטער. מען שיקט קאָמיסיעס קיין האַיטי, קיין באַרבעדאָס, פון וואַנען עס זענען טאַקע מיט אַ צייט צוריק געקומען אַ גרופּע „געקליבענע אימיגראַנטן״, וואָס זענען אויסגעקליבן געוואָרן פון דער קאָמיסיע. האָט מען אין די צייטונגען געמאַכט אַ רעש און מיט פרייד דערציילט וועגן זייער קומען, אַז זיי וועלן פאַרן לאַנד זיין אַ גליק... אַ קורצע צייט נאָך זייער קומען פון אַן אינדזל, ווו עס הערשט אַן אַרבעטסלאָזיקייט, און ווו די באַ־דינגונגען זענען נישט אַזעלכע גוטע, זענען זיי אַלע ביז איינעם צוריק אַנטלאָפן. אַ צווייטער פּראָמינענטער דאָרטיקער ייִד מדור דורות, מר׳ עמונאַל, אַ באַאַמ־טער אין דאָרטיקן אינערן־מיניסטעריום, האָט מיר איבערגעגעבן, אַז עס געפינען זיך צווישן די דאָרטיקע ייִדן אַ טייל, וואָס זענען יאָ פאַר אַ ייִדישער קאָלאָניזאַציע אין סורינאַם, ווייל זיי גלויבן אין ערשטע ריי, אַז דאָס לאַנד וואָלט אויפגעריכט געוואָרן צוליב ייִדישער אימיגראַציע, צווייטנס וואָלט דאָס ייִדישע לעבן דאָרט אויפגעריכט געוואָרן; אָבער ער אַליין פערזענלעך איז קעגן אַ ייִדישער אימיגראַ־ציע אַהינצו, זי האָט קיין זינען נישט. זיי וועלן נישט אויסהאַלטן נישט דעם קלימאַט און נישט די לעבנס־ און אַרבעטס־באַדינגונגען דאָ. זיי וועלן פּשוט אונטערגיין. דער קלאַנג אַליין, אַז עס האַנדלט זיך אין אַ ייִדישן אימיגראַציע־פּראָיעקט, האָט אַרויסגערופן בייז בלוט און אַנטי־ייִדישע פּראָפּאַגאַנדע. שטעלט אייך פאָר, עס איז אַזוי ווייט דערגאַנגען — דערציילט ער מיר, — אַז די קרעאָלן, די אור־אייניקלעך פון די אַמאָליקע שקלאַפן, האַלטן איצט אין איין פאַרוואַרפן די ייִדן, אַז זייערע עלטערן האָבן זיי, די אמתע בעל־הבתים פון לאַנד, פאַר־שקלאַפט... איך אַליין בין דאָ געבוירן, פונדעסטוועגן וואָלט פאַר מיר אוממעגלעך געווען זיך צו קאָלאָניזירן אין סאַראַמאַקאַ. ווער זשע שמועסט פון ייִדן, וואָס האָבן אין זייער לעבן לאַנג נישט געזען אַזאַ סוב־טראָפּישן קלימאַט.

דעם איינציקן איראַפּעיִשן ייִד, וואָס איך האָב געפינען אין סורינאַם, איז מר׳ פרידמאַן, אַ טשעכאָסלאָוואַקישער ייִד פון די טיילן, וואָס האָבן אַמאָל געהערט צו אונגאַרן. די דאָרטיקע איינוווינער רופן אים אַלע „מוסיע באַטאַ״. ער איז דער פאַרוואַלטער פון דעם דאָרטיקן געשעפט פון דער באַרימטער טאַטאַ־שיך־פאַבריק. אויך מיט אים האָב איך געהאַט אַ שמועס וועגן דעם ייִדישן קאָלאָניזאַציע־פּלאַן אין סורינאַם. ער געפינט זיך שוין דאָרט אַ רייע פון יאָרן. ווען די מלחמה האָט זיך פאַרענדיקט, איז ער אַוועקגעפאָרן אין זיין היימלאַנד, מיטגעבראַכט פון דאָרט אַ פרוי, איז זי איצט, אָפּזייענדיק אַ קורצע צייט אין סורינאַם, קראַנק געוואָרן פון קלימאַט, וואָס איז זייער שווער אויסצוהאַלטן. בעת מיר האָבן פאַרבראַכט ביי אים אין הויז, האָב איך באַמערקט, אַז די פרוי איז נאָך אַ יונגער מענטש און פון קלימאַט אַזוי קראַנק, אַז זי קען אַ מינוט נישט איינזיצן אויף אַ פּלאַץ. יעדעס יאָר — דערציילט ער מיר — מוז ער אויף אַ שטיקל צייט אַוועקפאָרן קיין באַרבעדאָס, ווו ער האָט אַ ברודער וואָס איז דאָרט דער פאַרוואַלטער פון דער זעלבער שיך־פאַבריק, כדי צו בייטן דעם קלימאַט. מ׳האָט מיר אָנגעוויזן אַ צווייטן איראָפּעיִשן ייִד, וואָס געפינט זיך דאָרט און איז דער אייגנטימער פון אַ קאַפע־הויז, אַ ווינער ייִד. ווען איך האָב דאָס קאַפע אויסגעזוכט, איז גלייך ביים אַריינקומען, האָט מיך דער „עסטרייכישער יודע״ מכבד געווען מיט נישט קיין אָנגענעמען ברוך הבא. פאַרשטייט זיך, אַז אַ סך פרעמדע זעט מען נישט אין סורינאַם, בפרט אין מיין קליידונג האָט ער מיך דערקענט, גאַנץ זיכער שוין געהערט וועגן מיר דורך די ציטונגען און דורך דער ראַדיאָ... איבערגעגעבנדיק בלויז די שוועל פון קאַפע, האָט ער אַ זאָג געטון אין אַ העכערן טאָן אין דייטש — ווידער אַ ד... יודע דאָ, וואָס איזט געגען אימיגראַסיאָן... וואָס טרייבען זי — האָט ער זיך צו מיר געווענדט — גרויל פּראָפּאַגאַנדע? ווען איך האָב מיט אים גערעדט, איז ער אַ ביסל ווייכער געוואָרן. „וואָס צום ביישפּיל פאַרלירען זי — האָט ער צו מיר געטענהט, — אַז יודען ווערדען קאָמען קיין סורינאַם? די געשעפטע ווערדען דאָך בעדויטענד בעסער ווערן...״ פון אים האָב איך זיך דערוווסט, אַז דאָס בין איך שוין דער פירטער ד... יודע, וואָס איזט געגען „יודישער אימיגראַסיאָן״, מיינענדיק דעם ישראל־זשורנאַליסט מעדזשיני, די אַמעריקאַנער ציוניסטישער טוערין מאַדאַם אַרטשיבאַלד סילווערמאַן און ד״ר חיים שאַשקעס. וואָס אים וווּנדערט, פאַרוואָס מ׳שיקט דאַהער נור זאָלכע יודען וואָס זינד געגען...

איך בין תשעה־באָב ביינאַכט געווען איינגעלאַדן צו אַ דאָרטיקער ייִדישער משפּחה, ווו עס זענען זיך צונויפגעקומען אייניקע דאָרטיקע ייִדן. גראָד איז דעם טאָג דאָרט פאָרגעקומען אַ צוזאַמענפאָר פון באָי־סקאַוטס פון די דריי גוואַיאַנאַס: פון קאַיען, פראַנצויזישער גוואַיאַנאַ, פון דער ענגלישער גוואַיאַנאַ דזשאָרזשטאַון. און אַזוי זענען די ייִנגלעך און מיידלעך, די קינדער זייערע, געקומען אין די „באָי־

סקאָוטס״־אוניפאָרמען. אַ טייל פון זיי האָבן גערעדט ענגליש, אַנדערע האָלענדיש געמישט מיט דייטשע ווערטער, כדי איך זאָל זיי בעסער פאַרשטיין. צווישן די ייִדן זענען געווען אייניקע, וואָס זענען יאָ געווען פאַר אַ ייִדישער קאָלאָניזאַציע אין סורינאַם, באַזונדערס די עלטערן פון דערוואַקסענע מיידלעך... אַנדערע האָבן געטענהט, אַז עס איז שווער צוזאַמענצובערענגען אַ מנין... דער שמועס גייט אָן, איך פיל ווי דער שווייס רינט פון מיר גאַנצע טייכן, מיין העמד איז צוגעקלעפּט צום קערפּער; איך פיל אַז איך חלש פּשוט נאָך אַ קאַלטן טרונק וואַסער, מיין צונג איז טרוקן ווי אַ לעדער, מיין האַלדז ברענט פון היץ. מיין גאַסטגעבערין האָט ווייזט אויס באַמערקט, אַז איך באַד זיך אין אַ ים פון שווייס און אַז מיר קומט אָן שווער צו רעדן און מיר פאַרגליסט אַ קאַלטן טרונק... אויף וואָס איך האָב שוין לאַנג געוואַרט. „מענעיר״ (מיין האַר) — האָט זיך אָנגערופן איינער פון די עלטערע ייִדן — היינט איז דאָך תשעה־באב, מען פאַסט דאָך היינט...״

***

שפּורן פון ייִדישער פאַרגאַנגענהייט אין סורינאַם פירן צוריק אויף אַזוי ווייט, ווי צום יאָר 1632, ווען לויט דער אָפיציעלער אינפאָרמאַציע פון דער האָלענדישער געשיכטע פון אירע קאָלאָניעס זענען אין דעם יאָר געקומען אַ קליינע גרופּע פּאָרטוגעזער ייִדן אַהינצו מיט די ערשטע ענגלישע קאָלאָניסטן, און שפּעטער, אין יאָר 1654, ווען האָלאַנד האָט פאַרלוירן די מלחמה מיט פּאָרטוגאַל און בראַזיל, ווו עס האָט זיך געפונען אַ גרויסע ייִדישע קהילה, און פער־נאַמבוקאָ איז אַריבער צו פּאָרטוגאַל, זענען די ייִדן פון דאָרט אַנטלאָפן און געקומען קיין סורינאַם אין גרעסערע מאָסן. עס איז אָבער נישט אויסגעשלאָסן, אַז די ערשטע האָלענדער, וועלכע זענען אַהינגעקומען מיטן האָלענדער דוד פּיטערסע דע וורים, זענען געווען פּאָרטוגעזישע ייִדן פון האָלאַנד, ווייל טאַקע אין דער זעלבער צייט האָבן די ערשטע האָלענדער געלאַנדעט אין סורינאַם. ייִדן האָבן דאַן געזוכט ווייטע אינדזלען מיט נאָענטע פּאָרטן, כדי צו אַנטלויפן פון דער אינקוויזיציע. דער גובערנאַטאָר פון סורינאַם האָט די ייִדן איבערגעגעבן אַ באַזונדערע געגנט, וועלכע האָט דאַן געהייסן מיט דעם נאָמען די „יאָדישע סאַוואַנאַ״, ווו ייִדן האָבן אפילו געהאַט אַן אייגענע אויטאָנאָמיע, וועלכע האָט עקזיסטירט כמעט צוויי הונדערט יאָר. נאָך היינט צו טאָג, קענט איר דאָרט זען די איבערבלייבעכצן פון יענער צייט: מאַרמל־שטיינער פון ייִדישע מצבות מיט אָפּגעמעקטע אותיות, וואָס איז שווער צו לייענען. אַ שטורעם און אַן ערד־ציטער־ניש האָבן אַ סך שפּורן אָפּגעווישט פון יענער צייט. אין יענע ערד־ציטערנישן זענען אויך פאַרניכטעט געוואָרן קאַפּע־פּלאַנטאַציעס, וועלכע האָבן געהערט צו ייִדישע בעל־הבתים, — זיי זענען היינט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין ווילדן דזשונגל.

נאָך ביזן היינטיקן טאָג קענט איר אין דזשאַנגל געפינען נעגער, רייַן בלוטיקע, שוואַרצע און ברוינע, מיט די העברעיִשע נעמען בן לוי, אביעזר, כהן, און נאָך אַזעלכע ריין העברעיִשע נעמען וואָס גייען אַריבער פון דור צו דור. אַ קליינע יידישע אויסגאַבע, וואָס די דאָרטיקע יידן גיבן אַרויס מיטן נאָמען „טערואַנגאַ״ און האָט די אויפשריפט אויף העברעיִש „תרועה״, ווערט געדריקט אין אַ דרוקעריי וואָס רופט זיך „אחיעזר״, אָבער דער באַלעבאָס איז אַ ריינער קריסט... יידן האָבן דאָרט אַמאָל געהאַט אַן אייגענעם פירשט, וואָס האָט געהייסן „דוד הנשיא״. אור־אור־אייניקלעך פון דער משפחה געפינען זיך דאָרט נאָך ביזן היינטיקן טאָג, איינער פון זיי ד״ר נאַסי, אַ באַרימטער מעדיקער אין רעגירונגס־שפּיטאָל, מיט וועלכן איך האָב געהאַט אַ שמועס, טאַקע אין שפּיטאָל, ערב זיין אַוועקפאָרן קיין האָלאַנד אויפן חשבון פון דער דאָרטיקער רעגירונג, כדי אויסצוברייטערן זיין מעדיצינישע פאָרשונג.

אין יאָר 1825 איז די יידישע אויטאָנאָמיע אין סורינאַם אָפּגעשאַפט געוואָרן אין אַן אָפיציעלן דעקרעט פון גאָבערנאַטאָר, נאָך דעם ווי זי האָט עקזיסטירט כמעט צוויי הונדערט יאָר. אַ גרויסער טייל פון די דאָרטיקע יידן האָבן אויסגע־וואַנדערט, ווער קיין ניו־אַמסטערדאַם, ווער קיין קוראַסאַאָ, די האָלענדישע וועסט־אינדיעס, און דער גרעסטער טייל האָט זיך אויסגעמישט מיט דער דאָרטיקער באַפעלקערונג. נאָך היינט, גייענדיק איבער די גאַסן פון פּאַראַמאַרימבאָ, קענט איר לייענען אַזעלכע נעמען ווי: דע קאַסטרעס, רפאל, אבואב פּראַדאַ, סילוואַ, בן אליעזר, מעסיאַס (משיח), דע קאַסטאַ. דאָס זענען אַלץ נעמען פון פּאָרטוגע־זישע יידישע משפחות, אָבער די וואָס טראָגן איצט די נעמען, ווייסן אַפילו נישט פון זייער יידישער אָפּשטאַמונג...

צוויי שילן געפינען זיך נאָך ביזן היינטיקן טאָג אין סורינאַם: איינע געפינט זיך אויף דער קאַיזער סטראַט, די אַנדערע, אין וועלכע איך האָב פּרייטיק צו נאַכטס מקבל שבת געווען, געפינט זיך אויף סוואַן סטראַט.ביידע שילן געפינען זיך אין דעם טייל, ווו עס איז אַמאָל געווען דער יידישער קוואַרטאַל. צוויי מנינים איז איצט שווער צוזאַמענצוברענגען אויף שבת אין סורינאַם, דאַווענט מען בלויז אין דער שיל אויף סוואַן סטראַט. די שיל מאַכט אינעווייניק דעם זעלבן איינדרוק ווי די באַקאַנטע פּאָרטוגעזישע שיל אין אַמסטערדאַם אויף מאיר יאַנאַס פּלעין: אויף דער ערד אויסגעשפּרייט מיט זאַמד, אַ זכר לחורבן, איינפאַכע בענק אין לאַנגע שורות, מאָלעריען, וועלכע שטעלן מיט זיך פאָר פאַרשידענע היסטאָרישע סצענעס פון פאַרשיידענע תקופות יידישע געשיכטע אין סורינאַם, אַלטע מזרח׳ס, וועלכע זענען אַריבער בירושה פון איין דור צום צווייטן. דאָס דאַווענען איז דאָ גאַנץ אַנדערש ווי אין אונדזערע שילן. מערקווירדיק, אַז די סידורים זייערע זענען געדרוקט אין ניו־יאָרק און פאַרפאַסט פון ראַביי דע סאָלאַ פּול, דער רב

פון דער פּאָרטוגעזישער קהילה „שארית ישראל" אין ניו־יאָרק, זיי זענען ספּעציעל פאַרפאַסט פאַר די ספרדישע קהילות. ביים פּרייטיק־צונאַכטיקן דאַווענען ווערט אָנשטאָט לכה דודי געזונגען אַנדערע ניגונים, וועלכע דער חכם זינגט מיט די דאַוונער. ביז מיט אַ צייט צוריק איז דאָרט געווען אַ רב פון האָלאַנד, ראַביי ישורין קאַרדאָזאָ, אָבער די קליינע קהילה איז דאָרט נישט בכוח אויסצוהאַלטן די שיל, דעריבער איז פאַרבליבן דער חכם ברונאָ דע מאַסקיטאָ, אַ דאָרטיקער איינוווינער מדור דורות. ער, באַזונדערס, איז אַ גאָר שטאַרקער אָנהענגער פון אַ יידישער אימיגראַציע קיין סורינאַם. יידישקייט — טענהט ער צו מיר — וועט דאָ שטאַרקער ווערן, עס וועט זיין געגוג מנינים... ביים דאַווענען האָט מען מיר דערציילט, אַז בעת דער וועלט־מלחמה זענען אַהינגעקומען אַ פּאָר הונדערט האָלענדיש־יידישע פּליכטלינגע, וועלכע זענען טאַקע דאָ די גאַנצע צייט פון דער מלחמה אויסגעהאַלטן געוואָרן פון דער האָלענדישער רעגירונג. אַזוי ווי די מלחמה האָט זיך פאַרענדיקט, זענען זיי אַלע צוריקגעפאָרן קיין האָלאַנד, קיינער פון זיי איז נישט פאַרבליבן אין סורינאַם.

ביי פאַרבלאָנדזשעטע און עלנטע יידן אין טרינידאַד

ווען איר כאַפּט דעם ערשטן שפּאַציר איבער טרינידאַד דאַכט זיך אייך, אַז דאָס געפינט איר זיך אין האַרלעם, די געגנט אין ניו־יאָרק, וווּ עס וווינט צום גרעסטן טייל די נעגער־באַפעלקערונג: דער ווייכער ענגליש וואָס קלינגט דאָ ווי דער „סאַוטערן אַקצענט", דאָס זאָרגלאָזע רוישיקע געלעכטער און די שרייענדיקע קאָלירן. פון אַ האַלבן מיליאָן איינוווינער וואָס וווינען אויף דעם אינדזל, וועלכער איז זיבן מייל ברייט און זיבן און צוואַנציק די לענג, זענען פערציק פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג אינדיאַנער, אַ גרויסע צאָל כינעזער, אַ נישט קליינע צאָל מאַכמעדאַנער, פּאָרטוגעזן, יאַוואַנעזער, און רעשטלעך פון פאַרשיידענע פעלקער און ראַסן.

טאָג און נאַכט איז דאָרט אַ רעש: בייטאָג לאָזן אייך די מציאות־פּאַרקויפער נישט דורכגיין די הייס־אָנגעגליטע גאַסן וואָס ברי:ען ווי די קאַלך־אויוונס. אַ בראָנדז־ברוינער פּאַרקויפער שטעלט אייך אָפּ, זיין קאָפּ איינגעהילט אין אַ מין היימישן האַנטעך וואָס קוקט אויס ווי אַן אַראַבישער טורבאַן, דאָס מויל ברייט געעפנט מיט אַ שמייכל, פון וואַנען עס לאַכן צו אייך אַרויס געזונטע ווייס־פּערל־דיקע ציין: „מיסטער — רעדט ער צו אייך שטיל, ווי ער וואָלט אייך איינגערוימט אַ סוד — איר זענט אַ בעלן אויף אַ גאָלדענעם בראַזלעט? געצייכנט אמתע אכצן קאַראַט גאָלד, פאַר אַזאַ קליינעם פּרייז ווי... אָבער — רעדט ער נאָך שטילער און ווינקט מיט אַן אויג — די פּאָליציי קוקט אונדז נאָך, זי טאָר דאָס נישט זען... קומט מיט מיר אַריין אין יענעם קאַפע..." אַ הינדו מיט אַ פראַנצויזיש מיצל, ווי אַ פּאַריזער אַפּאַשע, טראָגט אייך אונטער ענגלישע שטאָפן מיטן זיגל „מעיד אין ענגלאַנד" פּונקט „פאַר אַ העלפט פּרייז וואָס קאָסט דאָרט אין יענעם געשעפט — איר קענט זיך איבערצייגן". אין לאַנגע אָפענע קראָמען פון פּאַלאַטקעס, אויף בענק געפלאָכטן פון שטרוי און האָלץ, ליגן אויסגעלייזט היימיש געמאַכטע צירונג מיט שרייענדיקע קאָלירן וואָס האַרמאָניזירן מיט די געשרייען פון די פּאַרקויפער.

ביינאַכט, ווידער, רייסט זיך פון האַלב־ און גאַנץ־פאַרמאַכטע לאָקאַלן כינעזישע לידער אויסגעמישט מיט אַ שפּאַנישן טאַנגאָ; אַ גריליצנדיקער אַמעריקאַנער

דזשאַז פאַרטויבט זיי אַלעמען. אין סאַמע מיטן טומל קענט איר הערן פאַרצווייפלטע געשרייען פון אַ באַרויבטן דורכגייער און דאָס אַנלויפן פון דער פּאָליציי. די דאָרטיקע צייטונגען זענען טאָג־טעגלעך פול מיט רויב און מאָרד־סענסאַציעס. דער אינדזל לעבט איצט איבער אַ שווערן קריזיס. אין דער לעצטער וועלט־מלחמה, ווען אין טרינידאַד זענען געווען אָפּטיילונגען פון דער אַמעריקאַנער אַרמיי און טויזנטער סאָלדאַטן זענען דאָרט געווען, האָט איבער טרינידאַד גערעגנט אַ גאָלד־שטראָם... די אַרבעטער האָבן באַקומען אַ העכערן לוין; דער מיטלשטאַנד האָט זיך צוגעוווינט צו אַ העכערן לעבנס־סטאַנדאַרד; אַלע פאַבריקן האָבן געאַרבעט; די סחורות אין די געשעפטן זענען אויסגעכאַפּט געוואָרן פון די הענט. איצט, ווען די אַמעריקאַנער זענען אַוועק, קען מען נישט אַזוי לייכט צוריק אַראָפּ אויף אַ נידעריקן לעבנס־סטאַנדאַרט. באַקלאָגן זיך די ענגלישע באַאַמטע דאָרט, אַז די אַמעריקאַנער האָבן איבערגעפּירט די טרינידאַדער באַפעלקערונג. אויסער דעם וואָס זיי האָבן דער דאָרטיקער באַפעלקערונג געוויזן אַ וועג פון בעסערע לעבנס־באַדינגונגען, האָבן זיי באַקומען, זינט די אַמעריקאַנער זענען דאָרט געווען, אויך מער חוצפה...

טרינידאַד און דער שכנהשער אינדזל טאַבאַגאַ איז אַנטדעקט געוואָרן אין יאָר 1498 און איז יאָרן לאַנג געווען אונטער שפּאַנישער הערשאַפט. עס זענען אַ צייט לאַנג אָנגעגאַנגען שטרייטן צווישן ענגלאַנד, האָלאַנד און פראַנקרייך וועגן דעם באַזיץ פון אינדזל. אין יאָר 1797 איז דער אינדזל אַריבער אין רשות פון ענגלאַנד. דער צווייטער אינדזל, טאַבאַגאַ, איז אַריבער צו ענגלאַנד אין יאָר 1889. טרינידאַד פאַרמאָגט עפּעס אַריבער הונדערט טויזנט איינוווינער; טאַבאַגאַ — דרייסיק טויזנט. אַ דריטל פון דער דאָרטיקער באַפעלקערונג זענען אָפּשטאַמלינגע פון אימיגראַנטן פון אינדיע. צווישן די יאָרן 1845 און 1871 זענען אַהינגעקומען זעקס און צוואַנציק טויזנט הינדוסן און צוויי און דרייסיק טויזנט מאַכמעדאַנער. דער אינדזל איז רייך אין טראָפּישע פּרוכטן, צוקער, קאַקאַאָ, קאָקאָ־ניס, ציטרוס־פּרוכטן. זי עקספּאָרטירט פּרוכטן קרוב צו דער סומע פון הונדערט פופציק מיליאָן אַ יאָר. זי איז אַן ענגלישע קאָלאָניע. זי איז פון גאָר גרויסער וויכטיקייט פאַר ענגלאַנד, ראשית צוליב איר סטראַטעגישער באַזע פאַר איר קריגס־פלאָט — זי פאַרבינדט ביידע אַמעריקעס — די פאַראייניקטע שטאַטן מיט די לאַטיין־אַמעריקאַנער לענדער; שנית, איז זי דער גרעסטער פּראָדוצירער פון גאַזאָלין אין די בריטישע קאָלאָניעס. זי איז אויך דער הויפּט־קוואַל פון אַספאַלט פאַר דער בריטישער מאַכט, און הויפּטזעכלעך צוליב די פּראָדוקטן וואָס ווערן אַלע עקספּאָרטירט קיין ענגלאַנד. די ענגלישע רעגירונג האַלט דאָרט אַ ספּעציעלע אוניווערזיטעט — דעם „אימפּעריאַל קאָלעדזש״ וואָס גיט זיך אָפּ מיט פאָרשונגען אויפן געביט פון אַגריקולטור, און וואָס מאַכט דאָרט שטענדיקע נייע אַנטדעקונגען.

צוואַנציק מייל פון טרינידאַד געפינט זיך דער צווייטער אינדזל טאַבאַגאָ, וואָס איז אינגאַנצן די גרייס הונדערט זעכצן קוואַדראַט מייל. די דאָרטיקע איינוווינער באַשעפטיקן זיך הויפּטזעכלעך מיט פאַרמעריי. דער אינדזל איז אַרומגערינגלט מיט די שענסטע ים־ברעגן און בלומען־גערטנער, און איז אַן אידעאַלער פּלאַץ פאַר טוריסטן וואָס קומען אַהין זיך אָפּרוען אין יענער שטילער געגנט און צווישן די שאָטנדיקעביימער, ווו עס געפינען זיך די שענסטע האָטעלן פאַר די טוריסטן. זיי אַנאָנסירן זייערע באַקוועמלעכקייטן אויפן אַמעריקאַנער שטייגער אין סאַמע צענטער פון פּאָרט אָוו ספּעין. אַפילו אַראָפּגייענדיק פון לופט־פּאָרט דערזעט איר שוין די רעקלאַמעס וואָס ווינקען צו אייך מיט געשמאַק און חן און דערציילן אייך פון דער אידיליע און ראָמאַנטישע נעכט וואָס וואַרטן אויף אייך אין די האָטעלן ביי די שטילע ברעגן אין טאַבאַגאָ.

אַ צייט לאַנג ווי אין טרינידאַד גייט אָן אַ באַוועגונג אָפּצורייסן זיך פון ענגלאַנד און ווערן אומאָפּהענגיק. נאָך אין יאָר 1937 איז דער באַוועגונג געלונגען אַרויסצורופן צווישן די דאָרטיקע אַרבעטער אַ גענעראַל־שטרייק. די דעמאָלטיקע אָנפירער פון יענעם גענעראַל־שטרייק זענען געווען אוריה באַטלער און אַן אינדישער אַדוואָקאַט מיטן נאָמען ריינצי. דער ערשטער האָט גערופן צו אַן אָפענער רעוואָלוציע קעגן ענגלאַנד; דער צווייטער איז געווען מעסיקער און געפאָדערט אויטאָנאָמישע פאַרבעסערונגען און מער פּריווילעגיעס. אוריה באַטלער איז אַרעסטירט געוואָרן און פון די ענגלענדער פאַרשיקט געוואָרן אין אַ לאַגער. נאָך זיין באַפרייאונג איז ער פון דער טרינידאַדער באַפעלקערונג אויסגעוואַקסן פאַר אַ מאַרטירער, און די סעפּאַראַטיסטישע באַוועגונג אונטער זיין פירערשאַפט איז זיך שטאַרק צעוואַקסן. ענגלאַנד האָט באַשלאָסן אַהינשיקן אַן אויספאָרשונג־קאָמיסיע — האָט אָבער דערווייל אויסגעבראָכן די וועלט־מלחמה און דער באַשלוס איז נישט דורכגעפירט געוואָרן. די טרייד יוניאָן־באַוועגונג איז דאָרט גוט אָרגאַניזירט און זי האָט אַ שטאַרקן איינפלוס אויף די אַרבעטער. איר אָנפירער, אַלבערט זשיימס, נאָך אַ יונגער מענטש, איז אַ דעפּוטאַט אין דאָרטיקן קאָנגרעס. אויך אין די קרייזן פון די גרויס־אינדוסטריעלער איז די סעפּאַראַטיסטישע באַוועגונג פּאָפּולער; אַ סוחר פון דער דאָרטיקער פילם־אינדוסטריע, און איינער פון די באַרימטסטע דאָרטיקע אַדוואָקאַטן זענען אָפענע קעגנער פון ענגלאַנד און ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן אַגיטירן זיי פאַר דער אומאָפּהענגיקייט פון אינדזל.

דער ענגלישער גובערנאַטאָר פון טרינידאַד איז דער געוועזענער סעקרעטאַר פון גובערנאַטאָר אין ארץ ישראל בעת עס זענען דאָרט פאָרגעקומען די קאַמפן קעגן דער ענגלישער אָקופּאַציע, אין דער צייט, ווען דער ארגון האָט אויפגעריסן דעם „קינג דייוויד האָטעל" אין ירושלים. דורך דער פּריצייטיקער, געהיימער וואָרענונג, טאָקע פון די וואָס האָבן אונטערגעלייגט די באָמבעס, האָט ער זיך

באַצייטנס גערעַטעוועט פון אַ זיכערן טויט... זיכער, אַז ער געדענקט די טובה וואָס די ייִדן האָבן אים דאַן געטון. אַ טרינידאַדער ייִד האָט מיר דערציילט, אַז דער גובערנאַטאָר איז זייער פריינטלעך צו ייִדן דאָרט, און ער האָט איינגעלאַדן אַ ספּעציעלע ייִדישע דעלעגאַציע צום קעניגלעכן באַל, בעת דער ענגלישער קעניג מיט דער קעניגין זענען דאָרט געווען. עס האָט אָבער אויך פּאַסירט, אַז דעם גובערנאַטאָר איז אויפגעפאַלנדיק געווען, דאָס וואָס צו פיל ייִדן דרייען זיך דאָרט אין פּאַרק, ווו עס געפינט זיך זיין פּאַלאַץ... צווישן די באַאַמטע דאָרט געפינען זיך אַ באַדייטנדיקע צאָל אַזעלכע וואָס זענען געווען בעת דער ענגלישער אָקופּאַציע



דעם גובערנאַטאָרס פּאַלאַץ אין טרינידאַד

אין ישראל, און זיי זענען נישט באַזונדערס פריינטלעך צו ייִדן... עס האָט דאָרט פּאַסירט אַ פּאַל, האָבן מיר דערציילט די דאָרטיקע ייִדן, אַז אַ ייִדישן זעלבסט־מערדער, וועלכן די ייִדן האָבן געבראַכט צו קבורה לויטן ייִדישן דין, און געבעטן די דאָרטיקע פּאָליציי זיי זאָלן דעם מת נישט פּאַלמעסן, ווייל עס איז קעגן ייִדישן דין, האָט דער פּאָליציי־שעף צוריקגעוויזן די בקשה מיט דער סאַרקאַסטישער באַמערקונג: איך בין אַ צייט לאַנג געווען אין ארץ ישראל און נישט איין דער־שאָסענעם ייִד האָב איך באַפוילן צו פּאַלמעסן...

דער ייִדישער ישוב אין טרינידאַד באַשטייט היינט צו טאָג ווייניקער ווי אַ צוויי הונדערט נפשות. דאָס זענען די איבערבלייבעכצער פון אַ נישט־געפּלאַנ־

טער איינוואַנדערונג וואַהין ייִדן זענען געקומען אין דער לעצטער מינוט, ווען די נאַציס האָבן פאַרכאַפּט די אייראָפּעיִשע לענדער. טרינידאַד איז דאַן געווען אַ פרייער פּאָרט, האָט מען נישט געקענט טראַכטן אַ סך, נאָר ראַטעווען דאָס לעבן איידער עס ווערט שפּעט — איז מען אַהינגעקומען אין אַ קלימאַט וואָס ברענט ווי אַ פייער, ווו בייטאָג און ביינאַכט איז הייס, ווו די באַפעלקערונג איז אַן אָרעמע און די אויסזיכטן צו פאַרדינען אויף אַ לעבן זענען געווען זייער שווערע. דער גרעסטער טייל זענען אַהערגעקומען מיט דער האָפענונג, אַז פון דאַנען וועט מען שוין ווי עס איז זיך אַריבערפּעקלען אין אַן אַנדערן לאַנד. טרינידאַד געפינט זיך אין סאַמע מיטן צווישן די ביידע אַמעריקעס. זענען דאַן, ווי די טרינידאַדער ייִדן האָבן מיר דערציילט, אַריבער צוויי טויזנט ייִדישע פּליטים געקומען אין סאַמע אָנהייב פון דער בהלה־אימיגראַציע. אַ גרויסער טייל פון די געקומענע ייִדן האָבן באַקומען אַרבעט ביי די אַמעריקאַנער מלחמה־פּראָיעקטן; אַנדערע איז טאַקע געלונגען ווייטער צו פאָרן — ווער קיין אַמעריקע, ווער אין די לאַטיין־אַמעריקאַנער לענדער. אַ זעקס הונדערט ייִדישע אימיגראַנטן זענען פאַרבליבן אין טרינידאַד, וואָס האָבן זיך דאָרט גענומען צו דער ספּעציפישער פּרנסה אין יענע לענדער — קלאַפּן מיטן פּעקל; געעפנט שפּעטער קליינע געשעפטלעך, רעס־טאָראַנען, האָטעלן. די געשעפטן זענען אַוועק נישט שלעכט, אייניקע פון זיי זענען אַפילו רייך געוואָרן. טרינידאַד האָט דאַן צוליב דער מלחמה געמאַכט גוטע גע־שעפטן. די וואָס זענען דאָרט פאַרבליבן האָבן ביסלעכווייז אָנגעהויבן אָרגאַניזירן אַ געזעלשאַפטלעך ייִדיש לעבן, קהלשע אינסטיטוציעס, אַפילו אַן אייגענע לייַ־קאַסע. פּאָרט אָוו ספּאַין, וואָס האָט שוין זיבנט הונדערטער יאָרן נישט געזען קיין ייִדן, האָט ווידער אָנגעהויבן פאַרנעמען אַ פּלאַץ אויף דער ייִדישער מאַפּע.

אַזוי שנעל די מלחמה האָט זיך פאַרענדיקט האָבן ייִדן אָנגעהויבן אַנטלויפן פון טרינידאַד. פון די אַריבער זעקס הונדערט ייִדן דאָרט זענען איצט נישט פאַר־בליבן קיין צוויי הונדערט, און זיי טראַכטן אויך פון אויסוואַנדערן ווו עס איז, כאָטש אַלע ווייסן עס גאַנץ גוט, אַז קיין גליקן וואַרטן היינט צו טאָג נישט אויף דעם ניי־געקומענעם אין ערגעץ נישט... און מען קלאַמערט זיך מיט אַלע כוחות אָנצוהאַלטן די מיט מי און שווייס אַרויפגעאַרבעטע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס. חוץ דעם, האָבן נישט אַלע די מעגלעכקייטן צו באַקומען וויזעס אין אַנדערע לענדער, — וואַקסט די בענקשאַפט און עלנטקייט פון אַ ווייט־פאַרוואָרפענעם ישוב וואָס אַ טאָג גרעסער. דער ייִדישער ישוב דאָרט ווערט וואָס אַמאָל איינגעשרומפּענער. די סיבה וואָס די ייִדן אַנטלויפן פון טרינידאַד זענען אין ערשטער ריי, די עקאָנאָמישע באַדינגונגען וואָס ווערן דאָרט, זינט דעם פאַרענדיקן פון דער וועלט־מלחמה, וואָס אַמאָל ערגער. דער הויפּט מסחר זייערער איז נאַטירלעך אויף באָרג, איצט איז שווער איינצומאָנען די אַלטע חובות, און צו דעם איז ריזיקאַליש צו געבן

נייע קרעדיטן... די זיבן זאַטע יאָרן זענען שוין דאָרט לאַנג אַוועק, און קיין פעסטע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס האָבן ייִדן דאָרט סיי ווי נישט געהאַט. אָבער דאָס איז נישט די איינציקע סיבה; עס שפּילט אויך אַ ראָלע די פרעמדקייט פון דער סביבה: קינדער וואַקסן אונטער, נישטאָ מיט וועמען אַ שידוך צו טון... מיט די ייִדישע משפּחות, מיט וועלכע איך בין אין טרינידאַד געקומען אין קאָנטאַקט, שטודירן זייערע קינדער אַלע אין אַמעריקאַנער אוניווערסיטעטן, אָדער אין אייראָפּע און אַפילו אין מדינת ישראל. דער טאַטע אַרבעט שווער אין טרינידאַד און האַלט אויס דעם זון אָדער די טאָכטער אין אַ העכערער שול אין אויסלאַנד. וויסנדיק, אַז דאָ

„יום העצמאות־פייערונג" אין טרינידאַד; פּרעזידענט פון דער דאָרטיקער ציון־אָרגאַניזאַציע, שמעון בער אַווערבוך, האַלט אַ רעדע

אויפן אינדזל איז פאַר זיי נישט פאַראַן קיין שום אויסזיכטן, לעבט מען מיט דער האָפענונג, אַזוי שנעל ווי די קינדער וועלן זיך דאָרט צו עפּעס דערשלאָגן, וועט מען די עלטערן אַריבערנעמען. אַנדערע, וואָס האָבן קליינע קינדער, האָבן נאָך אַ מער אָנגעווייטיקטן פּראָבלעם: זיי וואַקסן אויס אָן אַ ייִדישער דערציִונג. צום גרעסטן טייל זענען דאָס היימישע ייִדישע ייִדן, וואָס יעדער פון זיי האָט אין דער אַלטער היים געהאַט אַ געזעלשאַפטלעכע קולטורעלע אָדער רעליגיעזע סביבה.

ווען איך בין דאָרט געווען אין אַ פּרייטיק־צו־נאַכטס דער צענטער צום מנין, האָט מען שוין דאַן אָפן גערעדט, אַז דאָס שילעכל וואָס איז געדונגען געוואָרן ביי אַ דאָרטיקן איינגעבוירענעם, וועט מען אויך דאַרפן אויפגעבן און די ספרי־תורות אַריינגעמען אין אַ פּריוואַט הויז, ווו מ׳וועט מאַכן אַ מנין פון שבת צו שבת. דאָס דערמאָנטע שילעכל האָט אויף מיר געמאַכט אַ טראַגישן איינדרוק און מיט זיך פאַרגעשטעלט דאָס געמיט פון דעם הייפעלע פאַרוואָרפענע און פאַרבענקטע יידישע נע־ונדניקעס. אויף דער וואַנט אין דרויסן האָט געהאָנגען אַ גרויס בילד פון ד״ר הערצל ז״ל, אין יענער באַקאַנטער פּאָזע ווי ער קוקט אַראָפּ פון דער רהיין־בריק אין באַזעל. אינעווייניק איז געווען אַ שטיקנדיקע היץ, אַז עס איז שווער געווען צו כאַפּן דעם אָטעם. אַ מיטליאָריקער ייד, איינגעהילט אין אַ היי־מישן, פאַרגעלבטן טערקישן טלית, איז געשטאַנען פאַר אַ האָלצערנעם עמוד, געזונגען מיט אַן אַלטן ניגון די „לכה דודי״ס״; צעריסענע סידורים זענען געלעגן אין אַן אומאָרדענונג אויף די בענקלעך; דער אָרון־קודש באַהאָנגען מיט אַ ווייס סאַמעטענעם פּרוכת, וועלכן די צוויי פּרויען, סאַדאָוויניק און שאדאך, האָבן גע־געבן אַ „לזכר נשמת״... פאַר זייער פאַרשטאָרבענעם פאָטער — „דער טאַטע פון דאָרטיקן ישוב״, ווי אַלע האָבן אים דאָרט גערופן. אַן עלטערער ייד האָט זיך פאַר מיר באַקלאָגט: „באַלד וועט מען אונדז אַרויסוואַרפן פון דער דירה דאָ, און דאָס ביסל יידישקייט, וואָס מיר פאַרמאָגן דאָ, וועט אויך באַלד אונטערגיין. וואָס וועט ווערן מיט אונדזערע קינדער דאָ? וואָס וועלן זיי וויסן פון יידישקייט? פאַרוואָס — וויל ער וויסן — דערמאָנט זיך די יידישע וועלט אָן אונדז, נאָר ווען זי שיקט צו אונדז דעלעגאַטן דורכפירן געלט־זאַמלונגען?״

אַ פּאָר טעג שפּעטער בין איך געווען דער גאַסט פון אַ טאָפּלטער יידישער חתונה. דריי לענדער האָבן זיך משדך געווען: אַמעריקע, בראַזיל און טרינידאַד. אַ טרינידאַדער יידישער אימיגראַנט פון בעסאַראַביע האָט געפּראַוועט אַ טאָפּלטע חתונה פון זיין זון און טאָכטער. דער חתן פון זיין טאָכטער — אַן אַמעריקאַנער יידישער סאָלדאַט וואָס געפינט זיך אין דער דאָרטיקער אַמעריקאַנער באַזע; די כלה פון זיין זון — די טאָכטער פון אַן יידישן אימיגראַנט פון בראַזיל, פון דער נאַטור־שיינער שטאָט בעזשאַ האָריזאָנטע. אַלע יידן פון טרינידאַד, אַן אויס־נאַם, זענען געווען די מחותנים און זיך געפרייט מיט דער טאָפּלטער יידישער חתונה. צוויי חופּות זענען געפּראַוועט געוואָרן, אויפן אָמאַליקן הײמישן שטייגער, אונטערן טרינידאַדער פרייען הימל. נישטאָ דאָ קיין רב, אָדער אַן אַנדערער כלי־קודש, האָט אַ בכבודיקער ייד, דער פאָטער פון דאָרטיקן תושב ד״ר אולריך שעכטער, אַ געראָטעוועטער פון די לאַגערן, וועמען זיין זון האָט אַריבערגעבראַכט קיין טרינידאַד, פון וואַנען ער פאָרט קיין ישראל, און אַ דאָרטיקער אַלטער תושב פון די ערשטע בעסאַראַבער יידן, ה. גענדעלמאַן — זיי ביידע זענען געווען די

מסדרי קדושין. אַ טרינידאַדער מוזיק־קאַפּעליע פון דאָרטיקע איינגעבוירענע האָבן געשפּילט חתונה־ניגונים ווי היימישע קלעזמער. ד״ר אולריך שעכטער האָט מיט זיי וואָכן לאַנג איינגעשטודירט די היימישע ניגונים, און זיי האָבן די ניגונים געשפּילט מיטן אמתן ייִדישן ברען, נאָכגעמאַכט יעדן ייִדישן דריי, און אין די טענער אַרויסגעבראַכט אַפילו מיט דעם אמתן ייִדישן קרעכץ, די אַלט־באַ־קאַנטע מעלאָדיע פון „אַ חסידל״; אַפילו אַ היימיש בעסאַראַבער „וואָלעכל״. — אַ קלייניקייט — האָבן טרינידאַדער ייִדן מיט מיר איינגעטענהט — אַזאַ שמחה אין שטעטל! צוויי ייִדישע חתונות מיט איינמאָל! זעלטן — האָבן זיי מיר דער־ציילט, — אַז דאָ קומט פאָר אַ ייִדישע חתונה; די טעכטער און זון לערנען אין אַמעריקע, און אַז זיי געפינען זיך דאָרט זייערע באַשערטע, קלאַפּט מען אַ טעלע־גראַם, און טאַטע־מאַמע קומען אַהין זיך פרייען אויף דער חתונה. אויב עס גע־פינען זיך דערוואַקסענע מיידלעך, זעט מען מיט אַלע אַנשטרענגונגען זיי זאָלן אַוועקפאָרן ערגעץ ווו אין אַן אַנדער לאַנד, ווו זיי האָבן אַ געלעגנהייט צו געפינען זייער באַשערטע. אַ פּאָר ייִדישע בחורים, וואָס זענען אַהערגעקומען מיט דער מלחמה־אימיגראַציע און זיך טאַקע דאָ איינגעאָרדנט, האָבן גרויסע צרות צו גע־פינען כלות — זיי מוזן זיך אַרויסלאָזן אין די אַרומיקע לענדער זוכן כלות. און צו דעם צו — אַזאַ מיידל וואָס איז ווילן צו קומען וווינען קיין טרינידאַד... ערשט מיט אַ צייט צוריק — דערציילט מיר אַ ייִד — איז אַ בחור פון דאַנען אַוועק אַזש קיין קוראַסאַאָ, אין האָלענדיש וועסט־אינדיע, דאָרט חתונה געהאַט און מיטגעבראַכט זיין פרוי אַהערצו.

די מחותנים האָבן געטאַנצט דאָס „מצווה טענצל״ פון כלהס צד; די על־טערן פון חתן זענען ערגעץ ווו אין אַמעריקע. נאָכדעם האָבן ווידער די זעלבע מחותנים געטאַנצט דאָס „מצווה טענצל״ פאַר כלהס צד; אירע עלטערן זענען אין בעזשאַ האָריזאָנטע אין בראַזיל. די טרינידאַדער שוואַרצע קלעזמאָרים שפּילן איצט אַ „פריילעכס״: זיי קלאַפּן מיט די פיס, וואַרפן מיט די מוזיק־אינסטרומענטן און פאַרגרעסערן דעם רעש. צוקוקנדיק זיך צו דער סצענע איז מיר גראָד נישט געווען „פריילעך״ אויפן האַרצן... איך באַטראַכט איצט די פּנימער פון די טאַנצנ־דיקע פרויען און מענער. איצט, ווען די שטיקנדיקע היץ האָט אָפּגעשווענקט דעם פּודער און אַ תל געמאַכט פון די ווייס־געקראָכמאַלעטע קראַגנס, אויסגעווייקט און איינגעדרייט די שוואַרצע פראַקס, און די עלנטקייט שרייט איצט אַראָפּ פון זייערע מידע און פאַרהאָרעוועטע פּנימער, דאַכט זיך מיר, אַז טאַנצנדיק אַזוי ווילן זיי פאַרגעסן אויף אַ ווילע דעם טרויעריקן מאָרגן... יאָרן האָט מען דאָ געפּטרט; די שרעקלעכע היצן האָבן אויסגעצויגן דעם מאַרך און דאָס בלוט; געשלעפּט זיך מיט אַ פּעקל איבער די הייס־אָנגעגליטע גאַסן; איצט ווייטער וואַנדערן, וווהין? די שוואַרצע מוזיקאַנטן ווערן וואָס אַמאָל ווילדער, און דאָס בילד פון עלנטקייט

ווערט איצט וואָס אַמאָל בולטער: פאַרהאָרעוועטע, פאַרוואָגלטע ייִדן דרייען זיך ווי מאַריאָנעטן אין אַווילדן קאָראָהאָד; איינגעוויקטע קראַגנס, צונויפגעקאַטשעטע שוואַרצע פראַקס; און אין סאַמע רויש פון די באַטויבנדיקע מוזיק־טענער, וואָס רעווען ווי ווילדע אָקסן, דאַכט זיך מיר, אַז איך הער כסדר צום טאַקט פון דער מוזיק די טענות פון דעם אַלטן ייִד: — דאָס ביסל ייִדישקייט וואָס מיר פאַרמאָגן דאָ וועט אויך באַלד אונטערגיין, וואָס וועט ווערן מיט אונדזערע קינדער דאָ? — און איך זע דאָס מידע פּנים און דעם טרויעריקן בליק פון אַ ייִדישן קלאַ־פּער וואָס האָט פאַר מיר אויסגעגאָסן זיין ביטער האַרץ: — כ'בין שוין קרוב צו זעכציק; מיד, צעבראָכן... ווו פאָרט מען איצט, און צו וואָס נעמט מען זיך?

אין טרינידאַד געפינען זיך נאָך ביזן הייַנטיקן טאָג שפּורן פון אַן אַמאָליקן ייִדישן ישוב וואָס האָט זיך דאָרט געפינען מיט אַן ערך דריי הונדערט יאָר צוריק. דאָס זענען געווען יענע אנוסים וואָס זענען צוערשט אַנטלאָפן פון שפּאַ־ניע און פּאָרטוגאַל קיין בראַזיל, וואָס איז דאַן געווען אונטער האָלענדישער הערשאַפט, ווו זיי האָבן געגרינדעט די ערשטע ייִדישע קהילה, און אין יאָר 1654, ווען פּאָרטוגאַל האָט צוריק פאַרכאַפּט בראַזיל, זענען זיי אַנטלאָפן צו די נאָענטע אינדזלען פון בראַזיל אין דער לענג פון קאַריבעיִשן ברעג. פאַראַן דאָרט נאָך ביזן הייַנטיקן טאָג אַן אַלטער ייִדישער בית־עולם פון יענע צייטן; אָבער אויך לעבעדיקע שפּורן און איבערבלייבעכצער פון יענער צייט זענען נאָך פאַרבליבן אין טרינידאַד אויף די שילדן פון גרויסע געשעפטן. אין טרינידאַד קענט איר לייענען אַזעלכע נעמען ווי: מענדעז, ראַפאַעל, גאָמעז, אַקאָסטאַ, — אָבער דאָס זענען באַקאַנטע נעמען פון אַריסטאָקראַטישע ספרדישע ייִדישע משפּ־חות וואָס זענען — ווי די דאָרטיקע ייִדן האָבן מיר דערציילט — שוין לאַנג אויס־געמישט מיט דער דאָרטיקער באַפעלקערונג. צוויי אינטערעסאַנטע פאַלן, וואָס פירן צו די שפּורן פון דער ייִדישער פאַרגאַנגענהייט אויף יענעם אינדזל, האָט מיר דערציילט דער דאָרטיקער כלל־טוער און ציוניסטישער פירער, ה' אַווערבוך, אַ דאָרטיקער תושב, אַ פילפאַכיקער מיליאָנער, איינער פון די רייכסטע אינדוסט־ריאַלן אויפן אינדזל, וואָס וווינט שוין דאָרט דורות לאַנג. האָט אים זיין שוועסטער, אַ פאַרזעסן מיידל, ווען זי איז געשטאָרבן, איבערגעלאָזט אַ צוואה, מען זאָל זי באַגראָבן אויפן ייִדישן בית־הקברות. די קליינע ייִדישע קהילה האָט, נאַטירלעך, דערפילט איר בקשה. ווען ער אַליין איז קראַנק געוואָרן, האָט ער אין זיין צוואה געפאָדערט, מען זאָל זיין טויטן קערפּער אַריינלייגן אין אַ שיפל, אַוועקפירן אין מיטן ים, און אים אַריינוואַרפן אין וואַסער. פאַר די דאָרטיקע איינוווינער איז די צוואה געווען מאָדנע, — ייִדן האָבן אָבער גוט פאַרשטאַנען זיין כוונה.

אַ צווייטער פאַל האָט ווידער דאָרט פּאַסירט מיט אַ הונדערט פּראָצענטיקן פרומען קאַטויליק. דער זעלבער ה' אַווערבוך, וועלכער האָט מיט אים געהאַט

געשעפטן, האָט אים אַמאָל צופעליק דערציילט וועגן די גרויסע צרות וואָס די ייִדישע נע־ונדניקעס האָבן אויסצושטיין איצט, נאָכדעם ווי זיי האָבן איבערגעלעבט אַזאַ גרויסע טראַגעדיע, ווען זיי דערגרייכן די ברעגן פון טרינידאד. ער האָט זיך אָנגעהויבן אינטערעסירן מיט דעם גורל פון די געקומענע פּליטים, וואָס אַמאָל מער, אַזוי ווייט, אַז ער האָט ביי זיך אין געשעפט געעפנט אַ ספּעציעלע ביוראָ, וואָס האָט געהאַט די אויפגאַבע צו העלפן די געקומענע; פאַרנאַכלעסיקט זיינע געשעפטן און זיך איינגאַנצן איבערגעגעבן צו דער נאָבעלער אַרבעט פון העלפן די פּליטים. ער האָט נישט געמאַכט קיין סוד, אַז ער אַליין שטאַמט פון ייִדן, און איז אָפיציעל אַריבער צום ייִדנטום; זיך אויסגעלערנט תפילות, געקומען אין שיל אַריין און געוואָרן אַ גוטער פרומער ייִד, נישט געקוקט אויפן שטאַרקן פּראָטעסט פון זיין משפחה.

ער האָט געליטן פון דער לעפּרא־קראַנקייט, האָט מען אים געמוזט צונעמען אין שפּיטאָל, פון וואַנען ער האָט אַלץ אָנגעפירט מיט דער הילפסאַרבעט פאַר די פּליטים. די קראַנקייט איז וואָס אַמאָל שטאַרקער געוואָרן, און עס האָט אים שטאַרק ווי געטון וואָס אַלע האָבן אים פאַרלאָזט אין אַזאַ קריטישן מאָמענט; זיין משפחה האָט אים נישט געקענט מוחל זיין, וואָס ער איז געוואָרן אַ ייִד. אים האָט אויך שטאַרק פאַרדראָסן, וואָס די ייִדן האָבן זיך מיט אים איצט ווייניק פאַראינטערעסירט. אין אַן אויפגערעגטן מאָמענט איז ער, אין די לעצטע מינוטן פון זיין לעבן, צוריק אַריבער צום קריסטנטום און איבערגעלאָזט אַ צוואה מ׳זאָל אים באַגראָבן אויפן קריסטלעכן בית־עולם.

מיט אַ הייפעלע יידן אויפן בריטישן אינדזל באַרבעדאָס

אַ שעה מיט דער בריטישער לופט־ליניע פון „פּאָרט אָוו ספּעין״, און איר געפינט זיך אין איינעם פון די שענסטע און פאַרבנרייכסטע אינדזלען פון קאַריבעישן ים. נאָך פליענדיק אין אַעראָפּלאַן דערפילט איר דעם גרויסן אונטערשייד צווישן אַמעריקאַנער טראַנספּאָרט און דער בריטישער. נישט בלויז איז די באַקוועמלעכקייט אין אַעראָפּלאַן אַן אַנדערע, נאָר די גאַנצע באַציִונג, די איינריכטונגען, אַפילו די באַדינונג איז אַ גאַנץ אַנדערע. איר דערפילט דאָ גלייך די בריטישע שפּאָרזאַמקייט, די נייע „צנע״ וועלכע דערגרייכט איצט אין אַלע ווינקלען פון איר אימפּעריע. עפּעס פילט איר מיט איינמאָל ווי איר זענט אַריינגעפאַלן אין אַ קמצנישער שפּאָרזאַמקייט. די גאַנצע לופט־רייזע, פון ניו־יאָרק קיין דרום־אַמעריקע, פליט איר מיט דער „פּאַן אַמעריקאַן״, — אַפילו איבער די בריטישע אינדזלען וואָס געפינען זיך אויף יענעם קאָנטינענט. דאָ אָבער, פון „פּאָרט אָוו ספּעין״, פליִען בלויז בריטישע אַעראָפּלאַנען.

דער אַעראָפּלאַן לאָזט זיך אַראָפּ אין פּאָרט פון באַרבעדאָס, וואָס מאַכט אויף אייך אַן איינדרוק ווי אַלע לופט־פּאָרטן אין די קאָלאָניאַלע לענדער. די וויזע איז דאָ נישט קיין וויכטיקער ענין; סיי ווי פּאָרט איר דאָ נישט פאַרבלייבן, ווען איר זאָלט אַפילו וועלן. אַלס טוריסט איז שוין דער ענין גאָר אַן אַנדערער. אדרבא, אויסצוגעבן געלט זענט איר דאָרט ווילקאָמען, און וואָס מער אויסלענדישע וואַלוטע איר ברענגט אַריין, אַלץ בעסער; בפרט, אַז איר ברענגט דאָלאַרן... דאָס איינציקע וואָס איר מוזט אָבער טוןביים לאַנדן איז, געבוי אָנצוגעבן וויפל געלט איר האָט ביי זיך. איר באַקומט אַ פאָרמולאַר, וווּ איר מוזט אויפשרייבן יעדן סענט וואָס איר האָט אויסגעגעבן, און וואָס מער איז, פאַרשטייט זיך, אַלץ בעסער. צוריק אַרויספירן פון דאָרט אויסלענדישע וואַלוטע איז נישט מעגלעך. ווייל אַלס בריטישער אינדזל געהערט באַרבעדאָס אויך צום „סטערלינג בלאָק״. באַרבעדאָס איז היינט צו טאָג אַ גן־עדן פאַר טוריסטן וואָס קומען אַהין פון די לאַטיין־אַמעריקאַנער לענדער; באַזונדערס פון יענע לענדער וואָס האָבן אַ הויכע וואַלוטע, ווי ווענעזועלאַ, קאָלאָמביאַ, קוראַסאַאָ. איר טרעפט דאָרט אַ היפּש ביסל אַמעריקאַנער וואָס לעבן אַ גוטן טאָג אין די דאָרטיקע האָטעלן. פאַר פינף־זעקס

דאָלאַר אַ טאָג ווױנט איר דאָרט בײַם ים אין אַ פּראַכטפולן האָטעל, שױן מיט דרײַ פײַנע מאָלצײַטן און באַדינונג.

דער אינדזל איז כמעט זינט זײַן אַנטדעקונג אונטער בריטישן באַזיץ, אָנ־הײבנדיק פון יאָר 1627. מ׳גלױבט, אָבער, אַז ער איז צוערשט אַנטדעקט געוואָרן דורך די פּאָרטוגעזן און גלײַך אַריבער צו בריטישער הערשאַפט. דאָ קענט איר אויף שריט און טריט זען דעם בריטישן אײַנפלוס אַ סך מער װי אין די אַלע אַנדערע אַרומיקע קאַריבעיִשע אינדזלען. מען רופט דעם אינדזל „ליטל ענגלאַנד״, און אויך „דער סאַנאַטאָריום פון די וועסט אינדיעס״, צוליב דעם גוטן קלימאַט דאָרט און צוליב דעם געזונטן וואַסער וואָס איז אין יענע אינדזלען אַ זעלטנהײט. איר קענט אין באַרבעדאָס טרינקען דאָס וואַסער נישט דיסטילירט; עס איז איבער

אַ פאָלקס־טאַנץ אין באַרבעדאָס

גאַנצן פרײַ פון אַלע אַנשיקענישן וואָס געפינען זיך אין יענע טראָפּישע געגנטן. די פאַרשײדענע סאָרטן געפערלעכע מאָסקיטאָס, וױ די אַנהאָפעלעס און אַנדערע, וואָס טראָגן אין זיך מאַלאַריע, זענען דאָרט אינגאַנצן נישטאָ. צוליב דעם איז דער אינדזל אַזוי געדיכט באַוווינט. אַריבער זיבעציק פּראָצענט פון איר באָדן איז קולטיווירט, פון דעם — די העלפט צוקער. פאַראַן הונדערט צוקער־פּלאַנטאַציעס, דרײַ דיסטילערײַען פון רום און װײַן. אויפן שטח פון הונדערט זעקס און זעכציק סקווער מײַל געפינט זיך אַ באַפעלקערונג אַן ערך פון צוױי הונדערט און אַכט טויזנט, פון זײ — זענען זיבעציק פּראָצענט נעגראָס, זיבן פּראָצענט װײַסע, די איבעריקע — געמישטע ראַסן.

איך געפין זיך אין „ראָיאַל האָטעל״ וואָס איז מיט זײַן אינערלעכן און

אויסערלעכן אויסזען איינגאַנצן ענלעך צו אַ האָטעל ערגעץ ווו אין אַן ענגלישער שטאָט ביים ים, ספּעציעל פֿאַר טוריסטן. די אויפֿשריפֿטן, די דינערשאַפֿט, אַלץ אין ענגליש. דער גרעסטער טייל פֿון די האָטעלן זענען אַזוי געבויט, אַז אַלע צימערן זענען מיט אָפֿענע טירן צו אַ באַלקאָן פֿונקט קעגנאיבער ים, פֿון וואַנען עס בלאָזן טאָג און נאַכט לייכטע, מילדע ים־ווינטלעך. שלאָפֿנדיק ביינאַכט דאַכט זיך אייך, אַז דאָס פֿאָרט איר אויף אַ שיף אין מיטן ים, און איר הערט דייטלעך דעם רויש פֿון די כוואַליעס וואָס ברענגען אייך אין צימער אַריין דעם געשמאַקן ריח פֿון דער געזונטער ים־לופֿט. נישט אומזיסט האָט אַ דאָרטיקער פּאָעט, אַלסיס־טער מעק־מיליען, באַזונגען איר ראָמאַנטישן קלימאַט. די כסדרדיקע הימל־בלויע נעכט איבערן אינדזל האַרמאָניזירן מיט דער שפּילעוודיקער לייכטזיניקייט פֿון אירע איינוווינער, אַלע אָנגעטון אין פֿאַרביקע קליידער פֿון פֿאַרשיידענע קאָלירן, און זיי באַגריסן אייך, אַ ווילד פֿרעמדן, מיט אַ פֿריינטלעכן „גוד מאָרנינג סער!‟.

מיין ערשטע באַקאַנטשאַפֿט האָב איך אין באַרבעדאָס געמאַכט מיט אַ רע־פּאָרטער פֿון דער ענגלישער טאָג־צייטונג וועלכע דערשיינט דאָרט. איך האָב נאָך נישט געהאַט פֿאַרענדיקט מיין ערשטן פֿרישטיק אין עס־זאַל און דער האָטעל־באַדינער האָט זיך פֿאַר מיר פֿאַרנייגט מיט דער באַמערקונג, אַז עמעץ וואַרט אויף מיר. האָב איך זיך שטאַרק געוווּנדערט, — ווער זאָל דאָ, אין אַזאַ וויטן ווינקל, וואַרטן אויף מיר? נישט איך קען וועמען, נישט ווער קען מיך דאָ אויפֿן אינדזל. האָב איך דעם באַדינער איבערגעפֿרעגט:

— ביסט זיכער, אַז דאָס וואַרט מען אויף מיר?

— יעס סער, — האָט ער מיר אונטערטעניק געענטפֿערט — אין וואַרטע־זאַל וואַרט אויף אייך אַ יונגערמאַן וואָס וויל מיט אייך רעדן...

אַ נייגעריקער האָב איך זיך געלאָזט צום וואַרטע־זאַל, ווו דער באַדינער האָט מיר אָנגעוויזן אויף אַ יונגערמאַן וועלכער איז מיר אַנטקעגן געקומען און זיך גלייך פֿאָרגעשטעלט:

— מיין נאָמען איז... איך בין דער פֿאָרטרעטער פֿון דער היגער טעגלעכער צייטונג; אַזוי ווי איר קומט איצט פֿון פּאַלעסטינע, איז אונדזער צייטונג פֿאַר־אינטערעסירט אין אַן אינטערוויו מיט אייך.

— אָבער פֿון וואַנען ווייסט איר, אַז איך קום איצט פֿון ישראל? — האָב איך אים איבערגעפֿרעגט. — איך האָב דאָס קיינעם דאָ נישט געזאָגט, קיינער דאָ קען מיך נישט.

דער רעפּאָרטער האָט זיך נישט פֿאַרלוירן און מיר רויִק געענטפֿערט:

— איר אַליין, אַ פּראָפֿעסיע־קאָלעגע, וועט דאָך זיכער בעסער פֿאַרשטיין ווי צייטונגס־מענטשן געפֿינען אויס זאַכן וואָס זיי האַלטן פֿאַר נוצלעך...

— אָבער פון וואַנען ווייסט איר עס, אַז איך בין אייערס אַ פּראָפעסיע־קאָלעגע?

— דאָס — האָט ער מיר געענטפערט — איז גאַנץ איינפאַך; איר האָט דאָך נעכטן ביים לאַנדן אין לופט־פּאָרט געוויזן אייער פּאַספּאָרט אויף וועלכן עס געפינט זיך אייער פּראָפעסיע... אַזוי האָט מען אייך אין דער אימיגראַציע־ביוראָ פאַרעגיסטרירט; וואָס שייך דער ערשטער פראַגע, ווי אַזוי מיר ווייסן פון וואַנען איר קומט, איז עס אונדזערס אַ רעדאַקציע סוד... די הויפּטזאַך: איך האָב אַן „אסיימענט״ (באַשטעלונג) פון מיין רעדאַקטאָר מיט אייך צו האַלטן אַן אינטערוויו און איך האָף, איר וועט אַ קאָלעגע נישט אָפּזאָגן.

— זיכער נישט — האָב איך מסכים געווען. — וואָס אינטערעסירט אייך צו וויסן? הייבט אָן מיט אייערע פראַגן.

נישט אַזוי לייכט קומט אָן אַ ציימונגס מענטש צו האַלטן אַן אינטערוויו מיט אַ צווייטן ציימונגס־מענטש... די אַלע קונצן פון מאַכן רעדן יענעם דווקא וואָס מען וויל און דאַרף, אַרבעטן דאָ נישט; אַלע כיטרע שפּיצלעך און דריידלעך העלפן דאָ גאָרנישט... איך האָב גלייך דערשמעקט צו וואָס דער רעפּאָרטער פון דער ענגלישער צייטונג צילט און וואָס ער וויל פון מיר אַרויסבאַקומען... אַ שטיקל צייט איז אַנגעגאַנגען צווישן אונדז ביידן דער געראַנגל, אָבער איך האָב זיך פּלוצעם געכאַפּט, אַז איצט גראַד דאַרף איך רעדן, און וואָס מער אַלץ בעסער. עס איז פּונקט געווען נאָך די ערשטע זיגן פון דער ישראל־אַרמיי איבער די אַראַבישע אַרמייען, די מלחמה איז נאָך נישט געווען פאַרענדיקט. — איז ווען דער רעפּאָרטער איז ענדלעך צוגעקומען צו דער פראַגע וועגן דער ישראל־אַרמיי און אירע רעזערוון, האָב איך אַ לאָז געטון די צונג מיינע...

— די ישראל־אַרמיי — האָב איך אָנגעהויבן איז אויסגעשטאַטעט מיט די פיינסטע מאָדערנסטע וואָפן. איך האָב אַליין געזעען די טאַנקן, מאַשין־געווער, קאַנאָנען — אַלץ פון בעסטן סאָרט.

ער האָט דאָס פאַרצייכנט.

— און וואָס איז מכוח אַוויאַציע? — האָט ער מיך אַ פרעג געטון?

— אין דער אַוויאַציע — האָב איך גלייך געענטפערט — פאַרמאָגן מיר די בעסטע פּילאָטן וואָס קומען צו אונדז פון אַלע עקן פון דער וועלט; יידן, יידישע פּילאָטן וואָס האָבן געדינט אין די אַרמייען פון זייערע לענדער; איצט פליען זיי אין אונדזער לופט־פלאָט, און — האָב איך צוגעגעבן — זיי קומען נישט מיט ליידיקע הענט צו אונדז...

— זיי ברענגען מיט אַעראָפּלאַנען? — האָט ער נייגעריק געפרעגט.

— וואָס דען — האָב איך שנעל אָפּגעענטפערט — מיר האָבן אַ שטענדיקע לופט־ליניע וואָס ברענגט כסדר אַעראָפּלאַנען פון...

— פון וואַנען? — האָט ער זיך אָנגעכאַפּט אַ נייגעריקער.

— פון... פאַרשיידענע לענדער — האָב איך געענטפערט, — חוץ דעם האָבן מיר וואָפן־ספּעציאַליסטן וואָס האָבן געהאַט אַ לאַנגיאָריקע דערפאַרונג אין דער וואָפן־פאַבריקאַציע פון פאַרשיידענע לענדער. אָט, למשל, האָט ערשט אַ ייִדישער וואָפן־עקספּערט פון אַמעריקע פאַבריצירט אין ישראל אַ נייע געהיימע וואָפע וואָס הייסט „אין ברירה". אָט די וואָפע וועט, לויט מיין מיינונג, מאַכן אַן איבער־קערעניש אין דער ביז־איצטיקער גאַנצער מלחמה־סטראַטעגיק. (איך האָב דאָ אויף זיין בקשה אים געמוזט אויפשרייבן דאָס וואָרט „אין ברירה")... און וואָס איך שייך אייער פראַגע וועגן רעזערוון פון דער ישראל־אַרמיי — האָב איך אים געענטפערט, — באַקומען מיר זיי פון דער גאַנצער וועלט. צענדליקער שיפן פון פאַרשיידענע לענדער שווימען איבער פאַרשיידענע ימען, געפּאַקט מיט ייִדי־שע יונגעלייט פאַר אונדזער אַרמיי. ס'איז דאָך מער נישטאָ קיין ענגלישע בלאָ־קאַדע — האָב איך שאַרף באַטאָנט.

געטריי צו זיין פּראָפעסיע, האָט דער רעפּאָרטער אַלץ פאַרשריבן, נישט פאַרפעלט קיין איין וואָרט, מיר העפלעך באַדאַנקט און זיך געזעגנט... וואָס מיט יענעם אַרטיקל האָט פּאַסירט, און אין וואָס פאַר אַ פאָרעם ער איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אין דער דאָרטיקער ענגלישער צייטונג, ווייס איך נישט עד־היום. ווייל אין זעלבן טאָג, פאַרנאַכט, נאָך דעם ווי איך בין צוריקגעקומען פון שטאָט, ווו איך האָב אויפגעזוכט דאָס הייפעלע ייִדן אין באַרבעדאָס, האָט אויף מיר אין האָטעל געוואַרט דער זעלבער רעפּאָרטער: דער רעדאַקטאָר זיינער — האָט ער מיך געבעטן — וויל וויסן דעם נאָמען פון דעם אַמעריקאַנער ייִדישן וואָפן־עקספּערט וואָס האָט איצט אין ישראל אַנטדעקט די געהיימע וואָפע „אין ברירה".

— דאָס — האָב איך אים געענטפערט — קען איך אייך נישט זאָגן. דאָס איז אַ מיליטערישער סוד...

***

ווי אַזוי געפינט מען אַ ייִד אויפן נאַטור־שיינעם אינדזל? איך האָב געמאַכט מיין ערשטן שפּאַציר איבער די הויפּט־גאַסן, געניִשטערט אין אַלע ווינקלען, גע־זוכט, געקוקט אין די פּנימער פון די פאַרבייגייער, — אָבער אָן דערפאָלג. אין סורינאַם און טרינידאַד האָט מען מיר געזאָגט, אַז אויף יענעם אינדזל געפינען זיך וואָסערע דרייסיק ייִדישע משפּחות; איך האָב אַפילו אַן אַדרעס צו אַ ייִדיש געשעפט. אָבער עס איז גראַד היינט אַ יום־טוב, די געשעפטן זענען פאַרמאַכט און מיר איז שווער אויסצוגעפינען אַ ייִד אין באַרבעדאָס. אויף דער הויפּט־פּלאַסע, ווו די אָמניבוסן און טאַקסיס בלייבן שטיין, דאָרט קענט איר תמיד געפינען „גאַידס" (וועגווייזערס) וואָס באָטן אייך אָן זייער דינסט צו פירן אייך איבער די־

שענסטע געגנטן פון שטאָט. איינער פון זיי ליגט מיר פאַר דעם שענסטן ים־ברעג, טאָקע נישט ווייט פון שטאָט; „בת שבע" — אַזוי הייסט די פּלאַזשע. פון אַ באַרג דאָרט — פאַרזיכערט מיר דער נעגער מיט אַ ברייטן שטרויענעם קאַפּעליוש — וועסטו זען דעם גאַנצן אינדזל. אָדער אפשר גאָר דעם קאַטעדראַל — דער עלטסטער אין די קאַריבעיִשע אינדזלען? דעם פּראַכטפולן מוזעום — דער שענסטער אין די בריטישע קאָלאָניעס?

— ניין, דאָס אינטערעסירט מיך נישט איצט — ענטפער איך אים.

— וואָס דען אינטערעסירט אייך יאָ, סער? — איז ער צודרינגלעך.

— קענסט מיר דאָ ווייזן ווו עס וווינט דאָ אַ ייִד?

ער טראַכט אַ ווײַלע, צעשמייכלט זיך ברייטלעך מיט זײַנע ווייס־פּערלדיקע ציין:

— יעס, סער, — ווערט ער מלא שמחה — קומט מיט מיר!

אַ פּאָר מינוט בלויז און מיר זענען געשטאַנען פאַר אַ שיין אויסגעמויערט הויז, אַרומגעצוימט מיט אַ גאָרטן. מײַן באַגלייטער האָט אַ דריק געטון דאָס גלעקל און אַ פּרוי האָט זיך באַוויזן אין דרויסן.

— דאָס — האָט ער מיך פאָרגעשטעלט — האָב איך דיר געבראַכט אַ לאַנדסמאַן...

— אַ גוטן אָוונט — האָב איך די פרוי באַגריסט אויף מאַמע־לשון.

—אַ גוט יאָר — האָט זי גלייך אָפּגעענטפערט אויף ייִדיש. — פון וואַנען קומט אַ ייִד? קומט אַרײַן אין שטוב.

איך האָב דעם צופרידענעם נעגער געגעבן זײַן טרינק־געלט און איך האָב זיך באַלד געפונען אין אַ ייִדישער שטוב אַרומגערינגלט מיט גאַסטפרײַנטלעכקייט און וואַרעמקייט. דער אייגנטלעכער בעל־הבית פון הויז, משה אַלטמאַן, אַ לובלי־נער ייִד, האָט זיך גראָד דאַן געפינען אין אַמעריקע צוליב זײַנער אַ קראַנקהייט. אויפגענומען האָט מיך זײַן איידעם, ד"ר אָסקאַר פּילערסדאָרף, אַ לעמבערגער ייִד, וואָס האָט מיר טאָקע איבערגעגעבן די אינפאָרמאַציע פון דעם דאָרטיקן הייפעלע ייִדן:

אַ דרייסיק ייִדישע משפחות זענען דאָרט פאַרוואָרפן געוואָרן אין דער צייט פון דער בהלה־אימיגראַציע. ווען זיי האָבן די ערשטע ימים־נוראים אײַנ־געאָרדנט, טאָקע דאָ אין הויז פון משה אַלטמאַן, אַ שילעכל, אַז די שכנים האָבן זיך גענומען צוקוקן צו די טליתים און מחזורים, האָבן זיי אַרויסגעוויזן אַ באַ־זונדערע פרײַנטשאַפט, אַנגעהויבן ברענגען מתנות. איינער פון זיי האָט געבראַכט אַן אַלטן פאַרגעלטן סידור; אַן אַנדערער — צעריסענע שטיקלעך פון אַ טלית; אַ דריטער — אַלטע קמיעות; אַ פערטער האָט דערציילט ווי זײַן אַלטער זיידע פלעגט טאָקע אין איינעם פון די טעג זיך פאַרשליסן אין אַ באַזונדער צימער

און אַ גאַנצן טאָג נישט געקומען אַ ביסן אין מויל אַריין... וואָס אַמאָל מער האָבן די ייִדן דאָרט אויסגעפינען שפּורן פון אַן אַלטן ייִדישן ישוב אויף יענעם אינדזל.

עס איז פאַר מיר נישט געווען קיין קליינע, אָנגענעמע איבעראַשונג צו געפינען אויף יענעם אינדזל מיינעם אַ גאַליציאַנער לאַנדסמאַן, לוזער שאַפּיראָ פון אילינאָוו, וואָס איז אַזוי נאָענט צו מיין היימשטעטל. ער און נאָך ייִדן האָבן זיך אין דער לעצטער מינוט פון דער נאַצי־אינוואַזיע געראַטעוועט אַהער אויף דעם אינדזל, און האָט, אין דער איצטיקער „סוואַן סטריט״, וואָס איז געביטן געוואָרן פון דער אַמאָליקער „זשואיש סטריט״ (ייִדישע גאַס), אַ שיין געשעפט. טאַקע אין יענער גאַס געפינען זיך כמעט אַלע געשעפטן פון די דאָרטיקע ייִדן. אין הויז פון משה אַלטמאַן, דער ערשטער תושב פון אונדזערע ייִדן אויפן אינדזל, זענען זיך צונויפגעקומען אַלע ייִדן, כדי צו הערן אַ גרוס פון דער גרויסער ייִדישער וועלט פון וועלכע מ׳איז כמעט אינגאַנצן אָפּגעריסן.

די ייִדן האָבן מיר דערציילט וועגן מערקווירדיקע שפּורן פון אַן איינגעפונדעוועטן ייִדישן ישוב, וואָס זענען נאָך פאַרבליבן ביזן הייַנטיקן טאָג. אַ גרויסער טייל פון זיי זענען געווען די בעל־הבתים פון די דאָרטיקע קאַפע און צוקער־פּלאַנטאַציעס און האָבן, לויט פאַרשיידענע דאָקומענטן דאָרט, אַפילו געהאַט ספּעציעלע שטייער־פּריווילעגיעס. זוכנדיק שפּורן פון אַמאָליקן ישוב האָבן זיך די דאָרטיקע ייִדן אָנגעשטויסן אויף אַן אַלטן בית עולם וואָס איז דאָרט ביזן הייַנטיקן טאָג אַן אַטראַקציע פאַר טוריסטן וואָס קומען אַהין. אַן ענגלענדער מיטן נאָמען שילטאָן איז געלונגען אָפּצופאָטאָגראַפירן די פינף הונדערט מצבות פון יענעם בית עולם. אַ גרויסער טייל פון די מצבות זענען איצט פון אַלטקייט צעפאַלן און צעשטויבט געוואָרן. אַ דאַנק אים קענט איר איצט פון די פאָטאָגראַפיעס לייענען די מערקווירדיקע אויפשריפטן און די נעמען פון די נפטרים. נאָך דער איבערשריפט פון די נעמען לייענט איר די מעלות פון נפטר אָדער נפטרת, אָפט געשריבן אין חרוזים און פסוקים פון תנך. איר כאַפּט אַ שפּאַציר איבער די ענגע, צונויפגעפלאָכטענע געסלעך, מיט זייערע אַלטערטימלעכע הייזקעס, געבויט אין קאָלאָניאַלן סטיל, טאַקע אַרום די הויפּט־גאַסן. אין איינעם פון יענע געסלעך געפינט זיך נאָך ביזן הייַנטיקן טאָג די שיל וואָס איז הייַנט צו טאָג נישט מער קיין שיל, אָבער צוליב וועלכער עס איז אָנגעגאַנגען אַ מערקווירדיקער פּראָצעס און אַ קאָרעספּאָנדענץ צווישן די ייִדן פון יענעם אינדזל און דעם „סינאַגאָגן פאַרבאַנד״ אין ענגלאַנד. די געשיכטע מיט דער שיל ציט זיך שוין דאָרט יאָרן. די געביידע זעט אויסווייניק אויס ווי אַ שיל. אינעווייניק קענט איר נאָך זען ווו עס איז געשטאַנען די בימה, און אַפילו די ווייבערישע גאַלעריע אויבן. נאָך דעם ווי דאָס לעצטע הייפעלע ייִדן האָט מיט הונדערטער יאָרן צוריק פאַרלאָזט באַרבעדאָס, האָבן זיי וואַרשיינלעך איבערגעגעבן אַן געלט צו אַ דאָרטיקן תושב די

געביידע, אָדער פאַרקויפט פאַר גאָר אַ קליינעם פּרייז מיט דעם באַדינג, אַז די געביידע מוז שטרענג אָפּגעהיטן ווערן און מיט אַ תנאי, אויב עס וועלן אַמאָל אַהינקומען ייִדן, זאָל מען זיי איבערגעבן די געביידע. נאָך אַ ריי יאָרן איז די שיל־געביידע איבערגעגאַנגען צו די יורשים פון יענעם, ווען די ייִדן האָבן זיי איבערגעגעבן, און אין דער צוואה איז כסדר איינגעשריבן געוואָרן דער באַדינג, אַז די געביידע מוז שטרענג אָפּגעהיטן ווערן... איינער פון די שפּעטערע יורשים האָט די געביידע פאַרקויפט און אין קאָנטראַקט נאַטירלעך איינגעשריבן דעם באַדינג פון יענער צוואה; אַלע איינוווינער פון אינדזל האָבן געוווּסט וועגן דער צוואה. — האָט פּאַסירט, אַז די געביידע איז ווידער אַריבער צו אַ נייעם קויפער, און דאָס מאָל איז דער פּונקט נישט איינגעשריבן געוואָרן אין קאָנטראַקט; מען ווייסט נישט צי דאָס איז געווען בייזוויליק אָדער צוליב נאַכלעסיקייט. דער נייער אייגנטימער האָט די געביידע פאַרוואַנדלט אין אַ שפּיל־פּלאַץ פאַר „פערד־געיעג". האָט פּאַסירט, אַז באַלד נאָך דעם איז די פרוי פון נייעם בעל־הבית קראַנק געוואָרן און איז געשטאָרבן. האָט ער דאָס באַטראַכט פאַר אַ שטראָף פון גאָט פאַרוואָס ער האָט נישט אָפּגעהיט די צוואה. איז ער גלייך געקומען צולויפן צו דעם הייפעלע איינגעוואַנדערטע ייִדן אויפן אינדזל מיט דער בקשה, זיי זאָלן די געביידע אָפּקויפן פאַר אַ נישטיקן פּרייז. די דאָרטיקע ייִדן האָבן זיך געווענדט צום טעמפּל־ און סינאַגאָגן־ראַט אין לאָנדאָן, וועלכער האָט די אויפזיכט איבער די הייליקע און אַלטערטימלעכע פּלעצער אין די בריטישע קאָלאָניעס. און מיט וואָס דער ענין האָט זיך פאַרענדיקט איז מיר נישט באַקאַנט.

איר גייט איבער די דאָרטיקע גאַסן און איר קענט לייענען אויף די שילדן פון גרויסע געשעפטן העברעיִשע נעמען: „דע קאסטא לימיטעד" — איינע פון די גרעסטע געשעפטן און באַזאָרן אויפן אינדזל, דאָס זעלבע — די פירמע דע לימאַ, פערירא, אבינועם, לוי, און נאָך פיל אַנדערע נעמען. אַפילו די שענסטע פּלאַזשע אויפן אינדזל טראָגט אַ העברעיִשן נאָמען — דער „בת־שבע" ים־ברעג, וואָס איז די הויפּט אַטראַקציע פאַר די טוריסטן דאָרט. איך האָב אַפילו געזען העברעיִשע נעמען אויף ווילעס, ווי „מצפה", „גלבוע". די נעמען זענען בירושה אַריבער פון איין דור צום צווייטן און שוין אַזוי פאַרבליבן. פאַלט אייך אַמאָל איין צו פרעגן אַזאַ בעל־הבית פון אַ געשעפט אָדער אַ ווילע מיט אַ העברישן נאָמען, איז צום גרעסטן טייל וועלן זיי אייך פריינטלעך ענטפערן, אַז זיי שטאַמען פון ייִדן, „אָבער דאָס איז שוין לאַנג, לאַנג...". ווי אין די ארומיקע קאַריבעיִשע אינדזלען זענען די ייִדן דאָרט אַהינגעקומען פון בראַזיל אין יאָר 1659, ווען פּאָרטוגאַל האָט צוריק פאַרכאַפּט בראַזיל, מורא האָבנדיק פאַר דער אינקוויזיציע, און זיך אויסגעשפּרייט איבער דער גאַנצער לענג פון יענע אינדזלען.

ביים אַרויספאָרן פון באַרבעדאָס האָב איך שוין אין לופט־פּאָרט נישט מער

באַגעגנט די סקאַרבאַווע פריינטלעכקייט וועלכע מ׳ווייזט דאָרט אַרויס יעדן טור־ריסט. קודם־כל האָט מען שטרענג קאָנטראָלירט מיין האַנט־באַגאַזש. דאַן האָט דער אימיגראַציע־אינספעקטאָר מיר אָנגעהויבן בלעטערן מיין פּאַספּאָרט, וואָס האָט אויף זיך אַ פּאָר טוץ וויזעס פון אַ פּאָר טוץ לענדער, זיך אָפּגעשטעלט אויף דער ישראל־וויזע... און מיך אָנגעהויבן פרעגן קלאָץ־קשיות:

— ווי איך זע — האָט ער מיך שאַרף אָנגעקוקט — זענט איר אויסגע־פאָרן אַ וועלט מיט לענדער, אַפילו אין פּאַלעסטינע אויך געווען...

— זיכער — האָב איך רויִק געענטפערט, — אַז אַ ייִדישער זשורנאַליסט מאַכט אַ רייזע איבער דער וועלט וועט ער דאָך נישט אויסלאָזן דאָס ייִדישע היימלאַנד; איר וועט מיר אַנטשולדיקן, סער, איר רופט דאָס לאַנד נישט מיטן ריכטיקן נאָמען; „ישראל" הייסט איצט דאָס ייִדישע היימלאַנד...

ער קוקט אויף מיר נאָך שאַרפער.

— דערווייל גייט דאָך דאָרט אַן אַ מלחמה...

— די מלחמה — לאָז איך אים נישט פאַרענדיקן — האָבן מיר געוווּנען און די ייִדישע מלוכה איז שוין דאָרט לאַנג פּראָקלאַמירט געוואָרן.

— וואָס, למשל, — איז ער נייגעריק צו וויסן — האָט איר געטון אין באַרבעדאָס?

—סער, — האָב איך אים רויִק געענטפערט — די פראַגע האָט איר באַ־דאַרפט פרעגן, ווען איך האָב דאָ מיט אַ פּאָר טעג פריִער געלאַנדעט, וואָס איך וועל טון...

— עס איז איצט אויך נישט שפּעט... מ׳האָט אונדז אינפאָרמירט, אַז איר טרייבט אַנטי־בריטישע פּראָפּאַגאַנדע, — איר זענט אַן אַגענט פון „ארגון"?

— צו וואָס פאַר אַ פּאַרטיי איך געהער דאָס איז מיינער אַ פּערזענלעכער ענין; דאָס האָט גאָר נישט צו טון מיט דעם וואָס איר זאָלט מיר שטעמפּלען מיין פּאַספּאָרט, כדי איך זאָל אַריין אין אַעראָפּלאַן וואָס גיט שוין די לעצטע סיגנאַלן צום אָפּפליִען.

— דאָס איז נישט אַזאַ ערנסטער ענין; מאָרגן גייט אויך אַן אַעראָפּלאַן...

דאָ בין איך שוין געוואָרן אומגעדולדיק און פאַרלוירן מיין רויִקייט:

— סער, אויב איר לאָזט מיך איצט נישט אַרויספאָרן פון דאַנען, וועל איך אייך האַלטן פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן שאָדן וואָס איך וועל האָבן; יעדע מינוט מיינע איז אויסגערעכנט, „טאים איז מאַני" (צייט איז געלט).

דער אימיגראַציע־אינספּעקטאָר האָט געברענט פון כעס... נישט זאָגנדיק קיין וואָרט האָט ער מיר צוריקגעגעבן מיין פּאַספּאָרט און אַוועק אין זיין ביוראָ. איך האָב לאַנג נישט געטראַכט, איבערגעשפּאַנט דעם אָפענעם פּאָרענטש וואָס טיילט אָפּ דעם פּאַס־ און צאָל־קאָנטראָל פון אַרויסגאַנג, מיט שנעלע טריט אַרויף אויפן צוגעטשעפּעטן בריקל פון אַעראָפּלאַן, געוויזן מיין הין־ און צוריק־בילעט פון טרינידאַד קיין באַרבעדאָס, און פאַרנומען אַ פּלאַץ. קיינער האָט מיך גאָרנישט געפרעגט. אַ צוויי מינוט בלויז, די מאָטאָרן האָבן אָנגעהויבן זשומען און דער אַעראָפּלאַן האָט זיך אויפגעהויבן אין די הויכע הימלען אויפן וועג קיין פּאָרט אָוו ספּעין.

אויפֿן טייוולס אינדזל

ווען אין דרויסן האָט געגומען בלויען אויף טאָג, האָט דער אַעראָפּלאַן „פּאַן אַמעריקען" זיך אַראָפּגעלאָזט אין קאַיען, די הויפּטשטאָט פֿון פראַנצויזיש גוואַיאַנאַ, די אַמאָליקע שטראָף־קאָלאָניע, וואָס איז אויף דער גאַנצער וועלט באַ־קאַנט געוועזן מיטן נאָמען דער טייוול אינדזל".

נישט געקוקט וואָס עס איז נאָך גאַנץ פרי, דערפילט איר שוין, אַראָפּגייענדיק פון אַעראָפּלאַן, די פייכטע שטיקנדיקע היץ וואָס שטיקט אייך, און דער אָטעם ווערט שווערער. איר מאַכט א פּאָר שריט און אייערע מלבושים קלעפּן זיך אויף אייך פון דער פייכטקייט. דער אַעראָפּלאַן פליט דאָ ספּעציעל דורך די נעכט, צוליב די גרויסע היצן. אָנהייבנדיק פון בעלעם, די לעצטע בראַזיליענער שטאָט ביי דעם אמאזאָנען טייך, וואָס איז דער הייסטער פּונקט פון יענעם טראָפּישן לאַנד, ווערט די היץ וואָס אַמאָל שטאַרקער. אַזוי גייט עס כסדר: סורינאַם, דזשאָרזשטאָון, קאַיען, טרינידאַד. דאָס איז דער שמאָלער פּאַס פון דריי גוואַיאַנעס, וואָס דריי אייראָפּעיִשע לענדער האָבן אַריינגעשלאָגן ווי אַ קלין אין לאַטיין־אַמעריקאַנער קאָנטינענט; דריי מלוכות זענען איצט די באַלעבאַטים פון די דריי גוואַיאַנאַס: האָ־לאַנד, ענגלאַנד און פראַנקרייך. ווי געוויינלעך, האָט ענגלאַנד דעם בעסטן טייל (דזשאָרזשטאָון) און פראַנקרייך דעם ערגסטן...

ביידע גוואַיאַנעס, די פראַנצויזישע און האָלענדישע, זענען איינע אין דער אַנדערער אַזוי ענג פאַרבונדן ווי א צווילינג. בלויז א פלוס פון טייך מאַיִג צעטיילט זיי. פליענדיק אין דער הויך פון אַן אַעראָפּלאַן איז שווער זיי פונאַנדערצוטיילן; אַ געדיכט פאַרוואַקסענער דזשאַנגל ציט זיך ענדלאָז טויזנטער מיילן, א שטראַל פון ליכט קאָן זיך נישט דורכרייסן. אין פראַנצויזישן טייל געפינען זיך, אין דער געגנט פון ניני, ביימער וואָס זייער האָלץ איז נוצלעך פאַרן בוי פון שיפן, צוליב דעם וואָס זיי לאָזן נישט צו קיין שום אינזעקטן צו זיך. טאַקע ביי די ביימער, וואָס געפינען זיך אין וויסטן דזשאַנגל מיט א קראַנקהאַפטן קלימאַט, האָבן געאַרבעט די אַמאָליקע פאַרשיקטע אויפן טייוולס אינדזל.

קאַיען, די הויפּטשטאָט פון פראַנצויזיש גוואַיאַנאַ, האָט אַ דרייצן ביז פערצן

טויזנט איינוווינער. פון מערב איז זי אָפּגעשלאָסן דורכן קאַיען־טייך, פון צפון — דורכן ים, און פון די אַנדערע צוויי זייטן — מיט די ווילדסטע דזשאַנגלס וואָס ציען זיך אויף טויזנטער מיילן ווייט. צוליב דעם איז זי אויסגעקליבן געוואָרן מיט יאָרן צוריק פאַר אַ שטראָף־קאָלאָניע.

דער אויטאָמאָביל פון דער לופט־קאָמפּאַניע, וואָס פירט אונדז אין שטאָט אַריין, שניידט דורך צעוואָרפענע שטרעקעס מיט קליינע הייזקעס פון ברייטע ווי־ליעס, געבויט לויטן קאָלאָניאַלן סטיל, דאָ און דאָרט זעט מען דעם אָנהייב פון אַ שיטער וועלדל, וואָס ווערט אין דער פלאַכער ווייטקייט, ווי אייער אויג דער־גרייכט. נאָר, וואָס אַמאָל געדיכטער און געפלאָכטענער. די לופט־קאָמפּאַניע האָט איר ביוראָ טאַקע אין גרעסטן האָטעל פון שטאָט.

דעם ערשטן ברוך הבא באַקום איך פון אַ האַלב טוץ אָפּגעריסענע, איינגעהיל־טע אין ווייסע כאַלאַטן, וואָס דינען זיי פאַר אַ מלבוש און פאַר אַ קאָמבינאַציע צו טראָגן משא. זיי וואַרפן זיך אויף מיין באַגאַזש מיט פאַרשיידענע תחנונים, אויס־געשרייען: מוסיע! מיסטער! פּליז! דער אָנגעשטעלטער פון דער „פּאַן אַמעריקען" פאַרטרייבט זיי און דערקלערט מיר, אַז עס איז נישט אַזוי זיכער אָנצופאַרטרויען דעם באַגאַזש אַפילו אַ פּאָר שריט פאַרן האָטעל. דער האָטעל־באַדינער, אָנגעטאָן אין אַ ווייסן פראַנצויזישן בערעט, מיט אַ גלאַנצנדיקן אויפשריפט פון האָטעל, פאַרנייגט זיך מיט אַ „באָן זשור!" און נעמט אַראָפּ מיין באַגאַזש. אָבער איינגאַנצן פריי בין איך נאָך נישט. באַלד באַוויזט זיך אַן אַנדערע גרופּע. דאָס זענען די געלט־טוישער. ווי אַלע קאָלאָניעס, פאַרמאָגט קאַיען אַ קאָלאָניאַלן פראַנק, וואָס איז אַמאָל ווייניקער און אַמאָל מער ווערט ווי דער פראַנצויזישער פראַנק. באַט איך יעדער אַן פאַרן דאָלער אַן אַנדער פּרייז. די קאָנקורענץ, מערקט זיך דאָ, איז זייער גרויס, ווייל ביז איך בין געשטאַנען אויף די טרעפּ פון האָטעל, איז דער אונטערשייד שוין געווען מיט דרייסיק פראַנק מער אויפן דאָלער.

די האָטעל־באַדינערין, מיט אַ ציכטיק ווייסע קאַפּוזע, פאַרנייגט זיך העפלעך, ברענגט אַריין אַ פלאַש אייז־וואַסער אין אַן אַמעריקאַנער טערמאָ; פאַרהענגט די מאָסקיטערע איבער מיין בעט וואָס הענגט אין דער לופטן אין צימער, אָנשטאָט עס זאָל שטיין אויפן באָדן, ווי אין די אַנדערע האָטעלן, און איר מוזט אַרויסקריכן מיט אַ צוגעפּאַסטן, קליינעם לייטער. דאָס, דערקלערט מען מיר, איז צוליב דעם, עס זאָל זיין לופטיקער. איך וויל זיך אויסרוען נאָך דער נאַכט פליען, אָבער איך באָד זיך אין אַ טייך שוויס. באַשליס איך, בעסער אַרויסצוגיין אין גאַס, כדי וואָס שנעלער צו באַקענען זיך מיט דעם אינדזל, צו וועלכן דער ייִדישער מאַרטי־רער, קאַפּיטאַן דרייפוס, איז אומשולדיקערהייט פאַרשיקט געוואָרן.

פון כאַפּן אַ דרימל נאָך אַ נאַכטיקער רייזע מיט אַן אַעראָפּלאַן, איז נישטאָ וואָס צו רעדן; די לופט טראָגט דאָ מיט זיך פאַרשיידענע קראַנקייטן. חוץ די געפער־

לעכע מאָסקיטאָס, וואָס רופן זיך אַנאָפּהעלעס, וואָס אויב באַקומט פון זיי אַ ביס, ווערט איר גלייך אַנגעשטעקט מיט מאַלאַריע. טראָגט מיט זיך דאָס ווינטל וואָס בלאָזט אַמאָל אַנדערע אינזעקטן, וואָס זענען נישט ווייניקער געפערלעך ווי די מאַלאַריע מאָסקיטאָס. די פראַנצויזישע רעגירונג האָט אהינגעשיקט דאָקטוירים צו באַקעמפן די קראַנקייטן און זוכן מיטלען קעגן די אינסעקטן; געעפנט אַ קליניק ווו די לעפּראַ־קראַנקע ווערן באַהאַנדלט; ביז נישט לאַנג צוריק האָבן זיך די לעפּראַ־קראַנקע אַרומגעדרייט אויף די גאַסן פראַנק און פריי. — דאָס איז געווען אין יענע יאָרן, ווען די פאַרשיקטע זענען דאָ געווען. אָבער זייט די שטראָף־קאָלאָניע איז אויפגעלייזט, ווערן זיי געצווונגען פון דער לאָקאַלער רעגירונג זיך צו היילן, און עס זענען אויך אָנגענומען געוואָרן מיטלען צו באַזייטיקן די קראַנקייטן. קעמפן איצט דאָרט מאָדערנע דאָקטוירים מיט די העכסטע מעדיצינישע היילמיטלען קעגן די היימישע כשוף־דאָקטוירים, וואָס זענען ביי דער איבערגלויבישער איינוווינער־שאַפט נאָך אַלץ מער פּאָפּולער ווי די מאָדערנע מעדיצין... איר קאָנט נאָך היינט, גייענדיק אין קאַיען איבער די גאַסן, זען אַ שילד פון אַ שלאַנג מיט אַן אויפשריפט אין פראַנצויזיש, אַז דאָ וווינט דער „באַרימטער דאָקטער" וואָס וועט אייך אויס־היילן מיט זיינע בעסטע וווּנדער־מיטלען פון דעם גיפט פון די געפערלעכסטע שלאַנגען.

ערשט נאָך פינף אַזייגער, ווען די זון ווערט אַביסל שוואַכער, קאָנט איר כאַפּן אַ שפּאַציר אין שטאָט. אין סאַמע צענטער זעט איר אַ קליינע גאַס מיט נידעריקע הייזער און גערטנער אַרום, פון פאַרשיידענע קאָלירן און פאַרבן, נישט קיין צוויי ענלעכע הייזער: בלוי, געל, רויט, ברוין, אָראַנזשן פאַרב. איך גיי פאַרביי אַ הויז מיט אַ גאָרטן — דאָס הויז העל־בלוי, די גרינקייט פון גאָרטן מישט זיך צוזאַמען מיט דער העלער בלויקייט, און עס קומט אַרויס אַ רעגנבויגן פון קאָלירן. אַפילו די הייזער אליין האָבן נישט אינגאַנצן די זעלבע פאַרב; אַ דריי־שטאָקיק הויז, איז יעדער גאָרן אַנדערש געפאַרבט; דער ערשטער שטאָק טונקל־בלוי, דער צווייטער — טונקל־געל, דער דריטער — ברוין, און דער דאַך אַליין — ליכטיק רויט... איר זייט זיך משער, אַז דעם רעגנבויגן פון פאַרבן און קאָלירן האָבן די איינוווינער צוגעפּאַסט פון זייער אייגענער פאַנטאַזיע, כדי צו פאַרטרייבן די מאָ־נאָטאָנע איינזאַמקייט פון דעם האַלב־ווילדן אינדזל, וואָס קריכט זיי אין די ביינער; דאָס לעבט אַביסל אויף זייער געמיט.

דער האָטעל געפינט זיך אויפן הויפּט־פּלאַץ פון שטאָט, אַרומגערינגלט מיט הויכע פּאַלמען־ביימער. איר קוקט זיך צו צו די פאַרבייגייענדיקע מענטשן און ניין פון יעדע צען פאַרבייגייער זענען שוואַרצע אָדער האַלב־שוואַרצע.

די אויפשריפטן אויף די געשעפטן, מייסטנס פראַנצויזישע נעמען פון גרויסע שטעט: פּאַריז, ליאָן, מאַרסעל, קאַסאַבלאַנקאַ, „באָן מאַרשע". אָפּגייענדיק

א פּאָר געסלעך, געפינ איך זיך אין סאַמע צענטער — א פּאַלאַץ מיט א קופּאָל, וואָס גלאַנצט אין דער זון; א פראַנצויזישע פאָן פלאַטערט איבער דער געביידע — א סימן, אַז דאָס איז א רעגירונגס־געביידע. סענעגאַל סאָלדאַטן אין פראַנצויזישע אוניפאָרמען, אויפגעקנעפּלטע העמדער, קורצע קאַקי־הויזן און ווייסע בערעטן, שטייען אין פולער מיליטערישער אויסריכטונג. דאָס איז דעם גובערנאַטאָרס פּאַ־לאַץ. א פּאָר שריט ווייטער — א צווייטע, ניי־אויסגעבויטע געביידע. דאָס איז דער שטאָטראַט. קעגנאיבער קענט איר לייענען די שילדן פון צוויי בענק. אַ קליינער פּאַרק מיט בענק. אין עק פון פּאַרק — א מאָנומענט מיט אויפשריפטן און אָנדענק־טאָוולען, אויף וועלכע עס זענען אויסגראַווירט בילדער מיט אויפשריפטן און א ריזיקע סטאַטוע פון גענעראַל דע גאָל. אויף איין מאַרמאָר־שטיין האָב איך גע־לייענט דעם נאָמען פון פּאַדרע פּיער — א גלח; אויפן צווייטן בראָנדזענעם טאָוול, וואָס זעט אויס צו זיין ניי, קומט צוערשט די אויפשריפט „ערע דעם, וואָס האָט אָפּגעווישט דעם שאַנד־פלעק פון אונדזער אינדזל", און נאָכדעם קומט דער נאָמען— שאַרל פּעאָן. נאָכדעם קומען אַנדערע צענדליקער נעמען. איך האָב די צוויי נעמען באַגעגנט אין פאַרשיידענע פלעצער פון שטאָט און פראָמינענט אויף דער וואַנט פון שטאָט־ביבליאָטעק. שאַרל פּעאָן, אַ סטודענט אין פּאַריזער אוניווערזיטעט, האָט אכצן יאָר געפירט א קאַמף פאַר די אומגליקלעכע דאָ, וואָס זענען פאַרשיקט געוואָרן צום „טייוולס אינדזל" צו א זיכערן טויט. שוין אפילו נאָכדעם ווי א סך פון זיי האָבן פאַרענדיקט זייער געפענגעניש־טערמין.

דער אינדזל, צוליב דעם וואָס ער איז אַרומגערינגלט מיט פעלדזן, געפּער־לעכע זומפּן און וואַסערן, איז אין יאָר 1852, פון פּרינץ נאַפּאָלעאָן געמאַכט געוואָרן פאַר אַ שטראָף־קאָלאָניע און באַקומען דעם נאָמען „טייוולס אינדזל".

נישט אַלע זענען דאָ אַהער פאַרשיקט געוואָרן אויפן גאַנצן לעבן, אָבער ווי קליין די שטראָף זאָל נישט זיין, האָט דער פאַרשיקטער סיי־ווי מער נישט געקאָנט אַרויסקומען פון דאָרט א לעבעדיקער. שווערע אַרבעט אין די דאָרטיקע זומפּן, אונטער א סוב־טראָפּישן קלימאַט, געפערלעכע מאָסקיטן, שלאַנגען, האָבן זיי אָנ־געשטעקט מיט א גיפטיקער מאַלאַריע אין די זומפּן, און נאָכן אָפּאַרבעטן אַזוי שווער א פּאָר יאָר, זענען א סך געפאַלן פון די פיס און טאַקע דאָרטן אין די זומפּן באַגראָבן געוואָרן. אַ טייל פון זיי איז פון די באַדינגונגען אַראָפּ פון זינען; אַ צענטל פון יעדער הונדערט האָבן אויסגעהאַלטן די אוממענטשלעכע שווערע אַרבעט. דעם טערמין, אויף וועלכן זיי זענען פאַראורטיילט געוואָרן. די אַזוי גערופענע „ליב־רעס" האָבן באַין ברירה געמוזט אויף שטענדיק דאָרטן פאַרבלייבן. ווו האָבן זיי געקאָנט פאַרדינען זייערע הוצאות אויף צוריק קיין פראַנקרייך? פלעגן זיי פאַר־הונגערטע אַרומוואַנדלען איבער קאַיען און סיינט לאָ־רענס, אָפּגעריסענע אין

שמאַטעס, מיט ווילד־באַוואַקסענע פּנימער. געציילטע פון זיי איז געלונגען זיך צושלאָגן ערגעץ־ווו צו אַ מענטשלעכן ישוב.

אין דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט שאַרל פּעאָן אָנגעהויבן אַ קאַמף פאַר בעסערע רעפאָרמען אויפן „טייוולס אינדזל". ער האָט אָנגעשריבן אַ סעריע אַר־טיקלען אין די פראַנצויזישע צייטונגען; ער איז אַליין אַוועק פרייוויליק מיט אַ שטראָף־עקספּעדיציע צום „טייוולס אינדזל"; געאַרבעט מיט די פאַראורטיילטע און צוריקגעקומען קיין פראַנקרייך קראַנק אויף מאַלאַריע. דריי מיט אַ האַלב יאָר האָט דער נאָבעלער מענטש, פון קראַנקנבעט, אָנגעפירט אַ קאַמף פאַר מער מענטשלע־כער באַהאַנדלונג פאַר די פאַרשיקטע צום „טייוולס אינדזל". ערשט אין יאָר 1933, איז אים געלונגען צו באַקומען די אונטערשטיצונג פון יוסטיץ־מיניסטעריום. ער קומט ווידער קיין קאַיען; גרינדעט די ערשטע היים פאַר די „ליברעס" (די וועלכע זענען אָפּגעקומען זייער שטראָף), און עפנט דאָרט דאָס ערשטע געשעפט פון מעבל. האַלץ איז דאָרט אויפן אינדזל זייער ביליק. ער פאַראינטערעסירט אייניקע סוחרים אין פראַנקרייך; זיי קויפן אָפּ די מעבל. דער אָנהייב האָט געהאַט דערפאָלג. עס וואַקסן אויס נאָך אַ פאָר פאַבריקלעך. די „ליברעס" הייבן אָן באַקומען חוץ דירה און עסן אויך צוויי פראַנק אַ טאָג, און נאָך יעדן חודש, פערציק פראַנק אַ באָנוס. יעדער פון די „ליברעס" באַקומט אויך אַ קופאָן פאַר גוטער אויפפירונג, און פאַר צוואַנציק אַזעלכע קופאָנעס באַקומט ער אַ בילעט צוריק קיין פראַנקרייך, וואָס האָט דאַן געקאָסט צוויי מאָל אַזויפיל. דאָס האָט דערמוטיקט די „ליברעס" אָנצו־הייבן אַ לעבן אויף דאָס־ניי. און אַכט הונדערט אַזעלכע „ליברעס" זענען געווען דער ערשטער טראַנספּאָרט צוריקצופאָרן קיין פראַנקרייך. טשאַרל פּעאָן איז מיט זיי צוזאַמען געפאָרן. אַ סך צייטונגען האָבן נביאות געזאָגט, אַז אין לאַנד וועט זיך אָנהייבן אַ פאַרברעכער־כוואַליע, אָבער זייער נביאות איז נישט מקוים געוואָרן. קיין איינציקער פון דעם טראַנספּאָרט איז מער נישט געקומען אין קאָנטאַקט מיט דער פּאָליציי. די פראַנצויזישע רעגירונג האָט אויסגעוויילט אַ ספּעציעלע אויס־פאָרשונג־קאָמיסיע וועגן דעם „טייוולס אינדזל", און נאָך איר רעקאָמענדאַציע האָט דער פראַנצויזישער פּרעזידענט אונטערגעשריבן אַ פאַרבאָט מער נישט צו פאַר־אורטיילן קיינעם צום „טייוולס אינדזל". די, וואָס זענען שוין דאָרט פאַרשיקט, זאָלן אָפּקומען זייער שטראָף און באַקומען די מעגלעכקייט צוריקצוקומען קיין פראַנק־רייך. די נאַציס האָבן אָבער באַלד אַריינמאַרשירט קיין פראַנקרייך און דער באַפעל האָט דאַן נישט געקאָנט אויסגעפירט ווערן. ערשט אין יאָר 1946 האָט דער גע־נעראַל דע גאָל, דער פירער פון דער פראַנצויזישער גלות־רעגירונג, פאַרווירק־לעכט דעם באַפעל און אָפּגעשאַפט דעם „טייוולס אינדזל" אַלס שטראָף־קאָלאָניע. לויט סטאַטיסטישע ציפערן האָבן קרוב צו הונדערט טויזנט פאַראורטיילטע דאָרט פאַרלוירן זייער לעבן.

אַ סך לעגענדעס וועגן העלדישקייט און מענטשלעכער ווירדע ביז צו דער העכסטער שטופע פון איבערמענטשלעכן אידעאַליזם, וואָס האָט דאָ אין ווינקל פון פאַרברעכן און מענטשלעכער געפאַלנקייט אַרויסגעשיינט, דערציילן אייך נאָך ביזן היינטיקן טאָג די בלעטער פון דער טראַגישער געשיכטע פון דעם אינדזל. פּאַטער פּיער, אַ גייסטלעכער, וואָס איז אומשולדיקערהייט פאַרשיקט געוואָרן פאַר אַ מאָרד וואָס זיין דינער איז באַגאַנגען, אַנגעטאָן אין זיינע גלח־שע קליידער, וועלכע מען האָט שפּעטער געפונען פאַרבלוטיקטע. זיין דינער האָט זיך אָבער גלייך נאָכן מאָרד מתוודה געווען טאָקע פאַרן גלח... און ער האָט אים נישט געוואָלט איבער־געבן דער פּאָליציי, אָפּהיטנדיק זיין גלחישע מיסיע. יאָרנלאַנג האָט דער גלח דאָרט געאַרבעט אין די זומפּן, און ווען מ׳האָט אים געבראַכט צו אַ שטאַרבנדיקן אַרעס־טאַנט די לעצטע מינוטן פאַר זיין טויט, האָט דער אַרעסטאַנט, זיין אמאָליקער דינער, אים דערקאַנט און אויפן טויטן־בעט זיך מודה געווען... אָבער פּאַטער פּיער האָט זיך אָפּגעזאָגט באַפרייט צו ווערן און איז דאָרט געשטאָרבן פון מאַלאַריע.

דער דריטער העלד וואָס ווערט דאָרט פון די „ליבּרעס" און פון אַלע איינ־וווינער דערמאָנט מיט ליבע, איז אַ פרוי. מאַדאַם דועץ, די פרוי פון אַ פּראָמי־נענטן פּאַריזער אַדוואָקאַט; וועלכער איז אין יאָר 1909 באַשולדיקט געוואָרן אין באַשווינדלען אַ באַנק און פאַרטאַכלעווען פאַר אייגענע נוצן מער ווי פינף מיליאָן פראַנק. ער איז פאַראורטיילט געוואָרן צו צוועלף יאָר געפענגעניש אויפן טייוולס אינדזל, וואָס דאָס מיינט, נאַטירלעך, חוץ די צוועלף יאָר נאָך אַ שיין ביסל יאָרן, און אָפט האָט עס געמיינט אינגאַנצן מער נישט צוריקקומען... זיין פרוי איז פאַר־בליבן אין פראַנקרייך און געקעמפט פאַר זיין באַפרייונג. צו דעם צוועק האָט זי געמוזט איר מאַן געבן אַ גט, כדי צוריקבאַקומען איר מיידלשן נאָמען און קאָנען זאַמלען פאָנדן פאַר זיין באַפרייונג. ווען זיין טערמין האָט זיך געענדיקט אין יאָר 1922, און די באַפרייונג איז נישט געקומען, איז זי געקומען קיין קאַיען, כדי זיך דאָרט אויפן טייוולס אינדזל פאַראייניקן מיט איר מאַן. זי האָט אים געפונען אַ צעבראָכענעם, קראַנקן מענטש. האָט זי דאָרט אָפּגעקויפט דאָס קליינע אינדזעלע „לע מערע", געדונגען אַרבעטער פון די פאַרשיקטע און אַנגעהויבן קולטיווירן די זומפּיקע און פאַרוואַקסענע מדבריות. זי אַליין האָט געטון די שווערסטע אַרבעט; גענייט און געקאָכט פאַר די געפאַנגענע, וועלכע זי האָט גערופן „מיינע קינדער". נאָך איר לוקסוס־לעבן אין פּאַריז, נאָך די גרויסע מאָדעס און טואַלעטן אויף די פּאַריזער בולוואַרן, איז איר פאַרבליבן איר קראַנקער צעבראָכענער מאַן און די שותּפים די „קינדער אירע", ווי זי האָט גערופן די פאַרשיקטע אַרעסטאַנטן. פון דאָרט אויס, האָט זי ווייטער געקעמפט צו באַפרייען איר מאַן, אָבער אַלע אירע אָנשטרענגונגען האָבן נישט געהאַט קיין דערפאָלג. אַ צעבראָכענער איז ער גע־שטאָרבן אין יאָר 1932, געשטאָרבן אין זיין היים אויפן קליינעם אינדזעלע „לע

מערע". די פאַריזעד דאַמע האָט זיך אנטזאגט צוריקצופאָרן קיין פראנקרייך, און איז דאָרט פארבליבן כדי צו לינדערן די נויט פון די „ליברעס", „אירע קינדער"...

מען רעכנט, אז דרייסיק טויזנט אזעלכע „ליברעס" געפינען זיך אין פראנצויזיש גוואַיאַנאַ: דער גרעסטער טייל פון זיי — אין דער הויפטשטאָט קאַיען. עס



אַ גרופע געוועזענע געפאַנגענע, איצטיקע „ליברעס", אויפן טייוולס־אינדזל

איז מערקווירדיק, אז צו צפון פון קאַיען געפינט זיך א קליינער אינדזל, וואָס האָט אויך געהערט צו דער אמאָליקער שטראָף־אינדזל, מיטן נאָמען „איל דע סאלוט" (אינדזל פון געזונט). חוץ די „ליברעס" וווינען דאָרט פאָרטוגעזער, כינעזער, יאַוואַנער, אינדיאַנער און נעגער. דאָס אינדזל פארמאָגט פיל נאַטור־אוצרות. צווישן זיי אפילו גאָלד, וואָס זענען נאָך נישט אויסגענוצט געוואָרן; באקסייד, וואָס ווערט טאַקע אויסגענוצט פון אן אמעריקאנער קאָמפּאניע, און א סך האָלץ, פון וועלכע די דאָרטיקע איינוווינער פראָדוצירן שיינע מעבל.

ווי געזאָגט, איז אין די וועלדער, וואָס ציען זיך מיילן ווייט אין טיפן דזשאָנגל,

געפינען זיךביימער וואָס זייער האָלץ ווערט גענוצט פאַרן בויען פון שיפן, ספּעציעל פאַרן דעק פון שיף. דאָס האָלץ האָט אין זיך אַזאַ מאַטעריאַל, וואָס לאָזט נישט צו קיין שום אינזעקטן. די וועלדער זענען אָבער אַזוי געדיכט צוזאַמענגעפלאָכטן, אַז כדי אויסצוזעגן די דערמאָנטע ביימער, מוז מען וואָכנלאַנג דורכשניידן אַ וועג דורכן דזשאַנגל, און ווידער וואָכן אויף אַרויסשלעפּן די ביימער צו אַ פּלאַץ פון וואַנען מ׳קאָן זיי טראַנספּאָרטירן. די אַרבעט ווערט געטאָן אונטער אַ סוב־טראָפּישן און פייכטן קלימאַט, אַרומגערינגלט מיט שלאַנגען, עקדישן, געפערלעכע מאָסקיטאָס וואָס טראָגן אין זיך סם. די אַרבעט האָבן געטאָן די „ליבּרעס״.

פראַנקרייך האָט אַמאָל געפּרוווט צו קאָלאָניזירן דעם אינדזל, כדי אַריינשטעלן אַ פוס אין לאַטיין־אַמעריקאַנער קאָנטינענט, האָט זי אין יאָר 1763 אַהינגעשיקט פופצן טויזנט קאָלאָניסטן. פון זיי זענען פאַרבליבן דרייצן טויזנט קברים, חוץ די וואָס האָבן געהאַט די מעגלעכקייט פון דאָרט צו אַנטלויפן. די איבעריקע זענען דאָרט פאַרבליבן צעבראָכענע מענטשן אויפן גאַנצן לעבן.

איר שפּאַצירט דורך די געסלעך און גאַסן, און קענט זיך קוים פאָרשטעלן, אַז אַ סך פון די געשעפט־אייגנטימער, וואָס באַטראַכטן אייך נייגעריק, זענען אַמאָליקע פאַרשיקטע, וואָס זענען באַגאַנגען וועלכע פאַרברעכנס.

אַ גרויסער טייל פון די „ליבּרעס״ זענען מער נישט צוריקגעפאָרן קיין פראַנקרייך. אַ טייל — נישט האָבנדיק צו וועמען, אַנדערע ווידער האָבן זיך געשעמט מיט זייער אַמאָליקער פאַרגאַנגענהייט... און בעסער געוואָלט פאַרשווינדן פון דעם עפנטלעכן לעבן אויף שטענדיק; האָבן זיי זיך דאָ געגעבן אַנדערע נעמען און אָנגעהויבן פונדאָסניי. דאָס רעדט זיך נאַטירלעך פון די, וואָס האָבן אינגאַנצן נישט צוזאַמענגעבראָכן פיזיש און, נאָך די שוידערלעכע באַדינגונגען און שרעקלעכן קלימאַט, פעיִק געווען אָנצוהייבן אַ נייע פּראָפעסיע.

אָט, למשל, ווייסט דאָרט יעדער, אַז דער קעלנער פון האָטעל, וואָס טראָגט אייך אַזוי העפלעך צו דאָס עסן צום טיש, און פאַרנייגט זיך פאַר אייך אַזוי העפלעך מיט אַ מערסי מוסיע! איז אַ געוועזענער אינטערנאַציאָנאַלער גנבֿ, און איז דאָ אהער אויפן טייוולס אינדזל פאַרשיקט געוואָרן פאַר אַ גרויסער גניבֿה, וואָס איז אויך געווען פאַרבונדן מיט אַ מאָרד; ער איז אַ געוועזענער וואָדעוויל אַקטיאָר, און זינגט טאַקע נאָכן עסן פאַר די געסט. די דינערשאַפט פון האָטעל, אַ גרויסער טייל פון זיי זענען געוועזענע מערדערס; דער פריזיר אין עק גאַס פון האָטעל, וואָס ראַזירט אייך אַזוי רויִק, האָט אַמאָל דערהרגעט אַ מענטש אין פראַנקרייך — אפשר טאַקע אויך מיט אַ ראַזיר־מעסער... אַלע ווייסן אין קאַיען, אַז דער אויפזעער פון זאָאָלאָגישן גאָרטן איז אַ געוועזענער מערדער.

דאָס זענען די וואָס מ׳ווייסט; זיי אַליין האָבן נישט באַהאַלטן זייער אַמאָליקע פאַרגאַנגענהייט. פאַראַן אָבער אַ באַדייטנדיקע צאָל, וואָס האָבן אָפּגעווישט אַלע

אמאַליקע שפּורן; האָבן דאָ חתונה געהאַט, מיט דער הילף פון קרובים אין פראנקרייך געעפנט קליינע און אפילו גרויסע געשעפטן, און אינגאנצן פארגעסן זייער אמאַליקע זינד פאר וועלכע זיי זענען דאָ יאָרן אָפּגעקומען. איר קענט דאָ קיינמאָל בישט וויסן מיט וועמען איר רעדט. איר גייט פארביי א געשמאקפּול שויפענסטער פון א געשעפט, וואָס רופט זיך באזאר דע... אויף די פענסטער לייענט איר די אויפשריפט: מ׳רעדט ענגליש, דייטש און נאָך א האלב טוץ שפּראכן. איר קומט אַריין אינעווייניק — די פאַרקויפערן, אַ יאוואנעזערין לויטן אויסזען, אויסגעפּוצט אין אייראָפּעישע מאָדערנע קליידער, פרעגט אייך אויף פראַנצויזיש, וואָס איר ווילט, און אז איר ענטפערט אין א פרעמדער שפּראך, באווייזט זיך דער אייגנטימער, א נעט־געקליידעטער מאן, מיט א טיפּיש פראנצויזיש לאָפּאטע־בערדל און פרעגט אייך וואָס פאר א שפּראך איר רעדט; באדינט אייך אזוי העפלעך און ווייזט ארויס אַ באהאלטענע נייגעריקייט צו וויסן פון וואַנען איר קומט און... קונציק ווערט איר אַריינגעצויגן אין א פריינטלעכן שמועס, און איר זעט, אז דער אייגנטימער רעדט א פּראכטפולן אָקספאָרד ענגליש... האָט אריסטאָקראטישע מאנירן און נוצט אזוי פיל טאַקט און דיפּלאָמאטיע אין זיין געשפּרעך, און זיין האלטונג דערמאָנט אריסטאָקראטישעס פון א דיפּלאָמאט, באנק־דירעקטאָר... און ווי שנעל זיין באציונג האָט זיך געענדערט, ווען ער האָט זיך דערוווּסט, אז זיין מיטשמועסער איז א צייטונגסמאן... ווי דער שמועס איז מיט איינמאָל געוואָרן אָפיציעל און זיך געדרייט הויפּטזאַכלעך אַרום די אַרטיקלען און זייערע פּרייזן...

פון דאָרט קומט איר צו אַ גאַס, ווו עס געפינען זיך האַלב אָפענע געשעפטן, באדעקט בלויז מיט א דאך און דיקע לייוונטענע ווענט וואָס לאָזן זיך אראָפּ ווי פאָרהאנגען. דאָרט באַט מען אייך אָן פּראָדוקטן און אויסארבעטונגען פון קאיען, פארשיידענע אויסשניצונגען פון באקסייד, טאַשן אויסגעפּלאָכטענע פון פארשיידענע קאָלירן מיט א גרויסער אויפשריפט „סוווענירן פון קאיען"... איר קאָנט דאָ אפילו טרינקען אן אמעריקאנער קאָקא־קאָלא. צוליב דער ברענענדיקער זון זענען איבער די געשעפטן אראָפּגעלאָזט לאָנעטן ביז פינף אזייגער נאָכמיטאָג. בעקערייען, ווו מען פארקויפט אייך לאנגע פראנצויזישע ברויטלעך, ווו איר קענט, זיצנדיק אויף א ווערראנדע, זיך דערקוויקן מיט א קאלטן טרונק וואַסער; דאָרטן ווינקען צו אייך מיט פארדעכטיקע בליקן אויסגעדארטע, איינגעשרומפּענע שאָטנס, איינגעהילט אין ברייטע, פארביקע פּרויען־קליידער, אויסגעגאָלטע קעפּלעך מיט טשופּיקעס אין סאמע מיטן קאָפּ, עס ווערט אייך נודנע אויפן הארץ.

דאָ דערזעט איר א טיפן־גאלעריע פון מענטשן און שפּראכן; אינדיאנער מיט א בראָנדזענעם קאָליר; כינעזישע קרענקלעכע בלייכע קאָלירן; א בוש נעגער וואָס פילט זיך באקוועם אין אייגענע אויסגעארבעטע הויזן, וואָס קוקן אויס ווי דאָס פייגנבלאַט פון אדם און חוה... אינדיאַנערינס מיט ברייטע רינגען אין די נעז, יא־

וואנעזעריגס גרויס ווי א גענייץ פון א שלאָפלאָזער נאכט, באהאנגען מיט אליין געמאכטע צירונג.

מעגט איר זיין דער גרעסטער דאָן זשואן, פארגייט אייך דער אַפּעטיט מיטן אַטעם, קוקנדיק אויף אַזאַ גאַלעריע. די מענער וואָס דרייען זיך דאָרט אין די האַלב־באַלויכטענע שענקלעך; יאפּאַנעזער מיט קליינע שווארצע היטעלעך ווי היימישע קוימענקערערס; כינעזער מיט שארפע וואָנצעס ווי סטרונעס און מאָדנע היטעלעך.

אַט דאָ גייט אָן א האלב־לעגאַלער האנדל פון אָפּיום, גאָלד, דאָלאַרן. דאָס כאָרכלען פון די מאָדנע קולות טראָגט זיך פון די באַלויכטענע און פארהאנגענע פענצטער. אַמאָל בליצט דאָרט אויף אַ רעוואָלווער־שאָס און מענטשן לויפן פון אלע זייטן. די פראנצויזישע פּאָליציי מאכט שנעל אָרדענונג; צעטרייבט אלעמען און פארשרייבט נישט קיין פּראָטאָקאָל, ווי דאָס וואָלט פאר דער טיפן־גאַלעריע געווען אַ מין ספּעציעלע אויטאָנאָמיע.

ווי געפינט מען א ייד אויפן „טייוולס אינדזל"? אמאָל, מיט יאָרן צוריק, איז דאָ געווען אן אומשולדיקער פראנצויזישער ייד, קאַפּיטאַן דרייפוס, צוליב וועמען דאָס געוויסן פון דער גאנצער וועלט איז אויפגעשוידערט געוואָרן, ביז ער האָט באקומען א גערעכטן אורטייל. און היינט־צו־טאָג, איז מעגלעך א ווינקל אויף דער וועלט, וווּ עס זאָל זיך נישט געפינען א ייד? אָט די פראגע האָט מיך געמאטערט די גאנצע צייט פון מיין באזוך אויפן „טייוולס אינדזל".

פארבינדונגען האָב איך געגוג. דער פארוואלטער פון מיין האָטעל רעדט א פיינעם ענגליש. דער אייגנטימער פון געשעפט, וווּ איך קויף איין בילדער, רעדט אויך ענגליש. קיינער ווייסט אָבער נישט צו זאָגן וועגן יידן אויף דעם אינדזל. איך האָב שוין פאקטיש געהאט אויפגעגעבן דעם געדאנק צו געפינען דאָ יידן, אָבער דורך א צופאל האָב איך פאר מיין אוועקפאָרן מיטאַמאָל דערזען פאר א גרויס געשעפט אַ גרויסן דראביניאסטן וואָגן, פון וועלכן עס איז אַרויסגעשפּרונגען אַ גרופּע אייראָפּעער מיט פלאַקסענע האָר, פאַרריסענע נעז, און צווישן זיך ברייט־לעך גערעדט רוסיש. מיט דעם אָרעמען ביסל רוסיש וואָס איך רעד, איז מיר געלונגען אויסצוגעפינען, אַז דאָס זענען „וולאַסאָווצעס", וואָס זענען מיט אַ קורצער צייט צוריק דאָ אַהער געשיקט געוואָרן דורך דער „ירא" פון אַ לאַגער אין אייראָפּע. זיי אַרבעטן דאָ אין די גאָלד־מינעס אַרום קאיען, און דאָס קומען זיי אַהער איינקויפן אין דעם געשעפט; אַז דער באַלעבאָס איז אַ „רוסקי טשעלאָוויעק"... האָט מיר אַ בליץ געטון אין מוח... — דאַכט זיך געפונען. דער אייגנטימער פון געשעפט — מיט שוואַרצע, אומרויקע אויגן און אַ לאַנגער יידישער נאָז... זשאָזעף פּעקעטי, רעדט טאַקע אַ צעבראָכענעם דייטש, אָבער קיין ייד, פאַרזיכערט ער מיר, איז ער נישט; אַ מאַדיאַר פון מאַדיאַרן־לאַנד, פון בודאַפּעשט... אפשר פון מאַרמאַרעש? — לאָז איך נישט אַראָפּ פון אים די בליקן. — יאָ, ער ווייסט, וואָס יידן זענען,

אַבער ער אַליין איז נישט קיין ייִד. געווען דאָ אין מלחמה־צייט אַ ביסל ייִדן, אַבער... בעסער, ראַט ער מיך, גייט אין „קאַפע דע לאַ פעי". דאָרט פלעגן זיי זיך צונויפ־קומען.

דער פראַנצויז מיט אַ פריינטלעך שמייכלענדיק פּנים, ברענגט מיר צו אַן איבערזעצער. זשיף? (ייִד) — דערפרייט ער זיך מיט מיר, — יאָ, אַט דאָרט ביי יענעם טישל פלעגן זיי זיצן ביז זיי זענען אַוועק... צי איך האָב דאָקומענטן? — הייסט ער דעם איבערזעצער מיך איבערפרעגן — און צי איך וויל פאָרן פון דאַנען ערגעץ ווו, און מען קען דאָס באַזאָרגן... בעסער זאָל איך וואַרטן ביז זונטיק. מוסיע לעווי פון „איל דע סאַלוט" איז אַליין אַ ייִד, וועט ער דאָ זיין...

דער איבערזעצער, וועמען איך האָב איינגעלאַדן אויף אַן איבערביס, דער־ציילט מיר אויספירלעך:

אין צייט פון דער מלחמה פלעגן ייִדישע פליכטלינגע פון ווישי אהערקומען. נישטאָ דאָ קיין אימיגראַציע־באַשרענקונגען. זיי האָבן לייכט באַקומען וויזעס. אַ טייל פון זיי אפילו אָן דאָקומענטן. זיי האָבן דאָ אָנגעהויבן פירן געשעפטן און נישט שלעכט פאַרדינט. פון דאַנען זענען זיי מיט דאָקומענטן און אפילו אָן דאָקומענטן אַוועקגעפאָרן אין אַנדערע לענדער. אַ פּאָר פון זיי געפינען זיך נאָך אויפן אינדזל. „מוסיע לעווי" איז דער דירעקטאָר פון אַ פראַנצויזישער עקספּאָרט־פירמע אין „איל דע סאַלוט". טייל זענען אַוועק אין די לאַטיין־אַמעריקאַנער לענדער — געווען פיינע מענטשן — לויבט זיי דער איבערזעצער. מ'האָט ביי זיי געקענט מאַכן אַ מטבע... און וואָס איז מכוח אַט יענעם דזשאָזעף פּעקעטי? — וויז איך אריבער צום געשעפט־אייגנטימער. — איז ער אַ ייִד? — מוסיע — ווערט ער מיט אַמאָל לעבע־דיק — קיינער ווייסט נישט... מען ווייסט אפילו נישט, פון וואַנען ער האָט זיך דאָ אויפן אינדזל גענומען.... אַלע ווייסן מיר, אַז ער איז נישט קיין „ליברע".

עקוואַדאָר — דאָס לאַנד פון טויזנט פאַרבן און קאָלירן

אַזוי פיל פאַרבן, קאָלירן און אָטעם־פאַרכאַפּנדיקע פּאַנאָראַמעס, ווי עס קומט אייך אויס צו זען אין עקוואַדאָר, זעט איר זעלטן אין די אַנדערע לאַטיין־אַמעריקאַנער לענדער. אייביק שניי־באַדעקטע בערג וואָס דערגרייכן צוואַנציק טויזנט פוס די הויך איבער דעם ים־פלאַך, ברענענדיקע ווולקאַנען וואָס שפּייען מיט אַ הייסער לאַווע, בליִענדיקע לאַנדשאַפטן באַצירט מיט הונדערט מינים בלומען, אינדזלען ווו עס איז חדשים־לאַנג אין יאָר פינצטער און עס רעגנט כסדר. זעכצן אָזעלכע אינדזלען פאַרמאָגט עקוואַדאָר, צווישן זיי — גאַלאַפּאַלאַס אינדזלען, ווו דאַרווין האָט פאַרבראַכט פינף יאָר צייט. אויף שריט און טריט וויקלען זיך אויף פאַר אייערע אויגן אַנדערע מאַלערישע סצענעס וואָס די נאַטור אַליין האָט גע־מאָלן און אויסגעפאָרעמט. באַרימטע אַמעריקאַנער פילם־קאָמפּאַניעס, ווען זיי דאַרפן פילמירן אַ פילם פון לאַטיין־אַמעריקאַנער לעבן, געפינען זיי נישט קיין פּאַסיקערן פּלאַץ ווי די שיינע נאַטור־לאַנדשאַפטן און פּראַכטפולע פּאַנאָראַמעס ווי אין עקוואַדאָר.

עקוואַדאָר איז דאָס קלענסטע לאַנד אין זידלעכן טייל פון פּאַציפיק אין לאַטיין־אַמעריקע. איר שטח איז הונדערט איין און זיבעציק טויזנט און פינף הונדערט סקווער מייל, — די העלפט אַזוי גרויס ווי די אַמעריקאַנער פּראָווינץ טעקסאַס. כאָטש דער עקוואַדאָריאַנער וועט אייך זאָגן, אַז זיין לאַנד איז אַ סך גרעסער און פאַרמאָגט ווייניקסטנס נאָך אַ הונדערט טויזנט קוואַדראַט סקווער מייל, לייקענען דאָס אָבער אירע שכנים, טאָקע צוליב דעם וואָס זיי האָבן פאַר־כאַפּט גאַנצע שטרעקעס פון איר טעריטאָריע, פון וועלכער דער עקוואַדאָריאַנער וויל זיך נישט אָפּזאָגן. עקוואַדאָר האָט אַ סך ענלעכקייטן צו באָליוויע. פּערו און קאָלאָמביע האָבן ביי איר צוגענומען טעריטאָריעס און זייערע אַפּעטיטן זענען נאָך אַלץ נישט איינגעשטילט... פון אירע דריי מיליאָן איינוווינער זענען בלויז צען פּראָצענט ווייסע, אַן ערך פינף און צוואַנציק — מעסטיצאָס, און די איבע־ריקע — אינדיאַנער, וואָס לעבן אַ פּרימיטיוו לעבן ווי מיט הונדערטער יאָרן צוריק, רעדן זייערע שפּראַכן קיטשווא און אמארילא. איר הויפּטשטאָט קיטאָ,

מיט אַן איינוווינערשאַפט פון אַריבער צוויי הונדערט טויזנט איינוווינער, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1534 פון דיעגאָ דע אַלמאַגראָ, איינער פון פראַנציסקאָ פיסאַראָס לייטענאַנטן — געפינט זיך אינגאַנצן פופצן מייל זידלעך פון עקוואַדאָר. די שטאָט, וואָס איז דריי טויזנט פוס הויך איבער דער ים־פלאַך, מאַכט אויף דעם ניי־געקומענעם אַן איינדרוק מיט איר אויסערגעוויינלעכער רויִקייט. ווען איר קומט אַהין צו פליִען מיטן עראָפּלאַן פון באָגאָטאַ, די קאָלאָמ־ביאַנער הויפּטשטאָט, דאַכט זיך אייך אויס, אַז דאָס זענט איר אַריינגעפאַלן אין אַן אַנדערער וועלט, כאָטש די זעלבע שפּראַך, די זעלבע פּנימער מיט זייער בראָנדז־קאָליר. להיפּוך צום קאָלאָמביאַנער, מיט זיין שטורמישן טעמפּעראַמענט, האָט דער עקוואַדאָריאַנער זיך פיינט צו היצן און איז בטבע אַ רויִקער און צוריק־געהאַלטענער; פאַרלירט זעלטן זיין רויִקייט, אפילו דאַן ווען עס קומט פאָר אין לאַנד אַ רעוואָלוציע. און גראָד קומען זיי דאָרט פאָר אָפט. די צאָל פון אירע אַראָפּגעוואָרפענע פּרעזידענטן זענען דאָרט אַ סך מער, ווי די וואָס האָבן פאַר־לאָזן דעם אַמט נאָך זייער טערמין. דרייצן נייע קאָנסטיטוציעס און ניינצן פּרע־זידענטן אין אַ גאָר קורצער צייט...

דער עקוואַדאָריאַנער נעמט דעם ענין „רעוואָלוציע" נישט אַזוי ערנסט ווי די אַנדערע שכנהשע לענדער, ווו יעדע רעוואָלוציע איז פאַרבונדן מיט אַ סך קרבנות און בלוט־פאַרגיסונג. רעוואָלוציעס — ווייסט דער דורכשניטלעכער מענטש אין גאַס — איז אַן ענין פאַר דער אַרמיי... דער אָנהויב און סוף פון יעדער נייער רעוואָלוציע אין עקוואַדאָר, איז כמעט איינס און דאָס זעלבע: דער קלאַנג פון מיליטערישע שטיוול איבער דער הויפּטגאַס, דער בראַזג פון צע־בראָכענע פענצטער אין פּרעזידענטן־פּאַלאַץ... אַמאָל הערט מען יאָ אַ שאָס און אַמאָל אפילו דאָס אויך נישט.

דער אַראָפּגעזעצטער פּרעזידענט איז אויפן וועג קיין אַרגענטינע, טשילע אָדער אַן אַנדער לאַטיין־אַמעריקאַנער לאַנד; די משפּחה באַגלייט אים. און אויפן פּרעזידענטן־בענקל זיצט אַ נייער פּרעזידענט... אויף צו מאָרגנס דערציילן די צייטונגען וועגן דער נעכטיקער דורכגעפירטער רעוואָלוציע. דער עקוואַדאָריאַ־נער לייענט די נייעס, ווי שטענדיק, רויִק ביי זיין „קאַפעזינאָ" אין קאַפע און שרייט אפילו נישט „וויוואַ על פּרעזידענטע", ווי אים וואָלט דער גאַנצער ענין וויניק וואָס אָנגעגאַנגען. ער ווייסט גאַנץ גוט, אַז אים וועט פון דער רעוואָלוציע מיט אַ נייעם פּרעזידענט גאָרנישט אַרויסקומען.

די עקוואַדאָריאַנער איינוווינער זענען איינגעטיילט אין צוויי טיילן: „סיעררא" און „פּאָרטענא". דער מערבדיקער און מזרחדיקער טייל פון לאַנד זענען אַזוי פאַרשידן איינער פון אַנדערן, אַז זיי זען אויס ווי צוויי באַזונדערע לענדער. די איינוווינער פון „סיעררא" וווינען אין די בערג און דזשאַנגלס וואָס שניידן

זיך טיף אַריין אין די אַמאַזאָנען. כאָטש די נאַטור איז דאָ אַזוי מאָלעריש און פֿאַרבנרייך־שיין, איז אָבער זיין לעבן זייער אָרעם. זיין פּנים, געוועגדעט צו די שניי־באַדעקטע בערג אויף וועלכע עס קען גאָרנישט וואַקסן אין דער הויכקייט פון טויזנטער מעטער איבער דער ים־פלאַך, איז ערנסט גלייכגילטיק. אַז איר רעדט מיט אים, וועט ער אייך זאָגן, אַז די שיינע פּאַנאָראַמעס און לאַנדשאַפטן

עקוואַדאָריאַנער אינדיאַנער מיט זיין משא אויף די פּלייצעס

זענען בלויז פאַר די „טוריסטאָס״. ער אַנטלויפט אין שטאָט אַריין זוכן אַ שטיקל לאַנד, וואָס רופט זיך „האַואסיפּונגא״, אַן אָרעם שטיקל טרוקן ברויט, כדי צו זעטיקן זיין הונגער. איר קענט אים באַגעגענען אין אַ קאַלטער נאַכט, טראָגנדיק אויף זיך אַ שווערע משא, צוגעבונדן מיט אַ לעדערנעם פּאַס, וואָס איז צוויי מאָל גרעסער פון אים.

דער מער־גליקלעכער סיערראַ־אינדיאַנער אַרבעט ביי אַ בעל־הבית, אַן

„עסטאַנסיעראָ", וואָס האָט טאַקע פּרוכטבאַר לאַנד אין דער סיעררא. פאַר זיין אַרבעט באַקומט ער אַ שטיבל צום וווינען, אויסגעבויט פון בלאָטע און ברעטלעך, אַ שטיקל אָרעם לאַנד וואָס רופט זיך „האַואַסיפּונגאַ", ווו ער קען, נאָך אַ טאָג שווערער אַרבעט ביים בעל־הבית, פאַר זיך אַליין פלאַנצן אַ פּאָר בייטן קאָרן און פאַסאָלעס. זיין פאַרדינסט איז צוויי סוקרעס, וואָס האָט דאַן, בעת איך בין דאָרט געווען, באַטראָפן צוועלף אַמעריקאַנער סענט. די סיטואַציע פון די אינדיאַנער האָט זיך אין די לעצטע יאָרן געביטן צום גוטן. די דאָרטיקע צייטונגען האָבן אָנגעהויבן אַן אינטענסיווע פּראָפּאַגאַנדע קעגן אַנאַלפאַבעטיזם און אומריינקייט, אָנהייבנדיק מיט די דינסטן פון אירע אייגענע מיטאַרבעטער. אין יאָר 1947, בעת מיין באַזוך, זענען ניינציק טויזנט אינדיאַנער געקומען אין די קלאַסן פון די דאָרטיקע צייטונגען, ווו זיי האָבן געלערנט שרייבן און לייענען, און כמעט אַלע וואָס האָבן זעלטן ווען גענומען אַ באַד, זענען געקומען אין די קלאַסן ריין אָפּגעוואַשן, די האָר אָפּגעשוירן, און אפילו מיט גערייניקטע נעגל. צוערשט האָט מען, נאַטירלעך, אָנגעהויבן לערנען די מיידלעך, — די יונגעלייט זענען שוין נאָכגעקומען...

צו דער צווייטער שטאָט גואַקיל, דער טייל וואָס רופט זיך „פּאָרטענאָס", קענט איר פאָרן מיט אַן עראָפּלאַן אָדער מיט דער באַן. מיטן עראָפּלאַן מאַכט איר די רייזע דורך אין אַ קורצער צייט, מיט דער באַן דויערט די רייזע אַ סך לענגער. האָבן מיך אָבער פריינט אין קיטאָ געעצהט צו פאָרן מיט דער באַן, וואָס איז איינע פון די שענסטע באַן־ליניעס אין דער וועלט. פערציק יאָר צייט האָט געדויערט דאָס בויען פון דער באַן־ליניע. זי האָט אָפּגעקאָסט אַריבער צוואַנציק מיליאָן דאָלאַר און זי האָט דורכגעמאַכט אַ האַלב טוץ רעוואָלוציעס. נאָך יעדער רעוואָלוציע האָט מען אָפּגעשטעלט דאָס בויען, און ביז דער פּרעזידענט האָט זיך געפילט פעסטער אין זאָטל... אַמעריקאַנער אינזשיניערן האָבן די ליניע געבויט; נאָך היינט קענט איר זען די אַמעריקאַנער געבויטע באַלדווין־לאָקאָמאָטיוון. זי הייבט זיך אָן פון אַ ליניע אַ טויזנט פוס הויך איבער דער ים־פלאַך, וואָס אַמאָל העכער, דערגרייכט זי באַלד עלף טויזנט פוס הויך. אַכט און אַכציק בריקן און טונעלן שניידט זי דורך. דער לענגסטער טונעל איז ביי דעם באַרג נאַריז דעל דיאַבלאָ (די נאָז פון טייוול), וואָס איז דאָרט דער העכסטער און געפערלעכסטער פונקט. די באַן גייט איבער אַ געגנט וואָס איז רייך אין אַגריקולטור. אָנהייבנדיק פון ריאָ באַמבאַ, זעט איר אינדיאַנער און זייערע פרויען, אָנגעטון אין רויטע „פּאָנטשאָס", פאַרקויפן אייך פאַרשיידענע אַליין־געמאַכטע שפּייזן ביי יעדער סטאַנציע. ריאָ באַמבאַ איז אַ העלפט פון וועג צווישן קיטאָ און גואַקיל. דאָרט פלעגן די פּאַסאַזשירן איבערשלאָפן, ווייל די באַן פלעגט נישט גיין דורך די נעכט; איצט בלייבט דאָרט די באַן בלויז אויף אַ צייט, כדי

צו געבן די פּאַסאַזשירן די מעגלעכקייט אָפּצועסן. איר פֿאָרט פֿאַרביי די בערג טונוראַווא, קאַריהו אַריאַזיא, וועמענס שפּיצן זענען באַדעקט מיט אייז, און איר קענט אייך נישט גלויבן, אַז דאָס זענט איר אַזוי נאָענט פֿון הייס־גליִענדיקן עקוואַטאָר. ווען די באַן דראַפּעט זיך אַרויף צום באַרג טשימבאַראַזאַ, דערגרייכט זי דעם העכסטן פּונקט פֿון דער רייזע; דאָ איז די הויכקייט עלף טויזנט אַכט הונדערט אײן און פֿערציק פֿוס איבער דעם ים־פֿלאַך. אַ סך פֿון די פּאַסאַזשירן באַקומען דאָ אַטאַקעס אויף דער בערג־קראַנקייט „פּונא". דער נאָך־העכערער באַרג, ווו די באַן פֿאָרט בלויז פֿאַרביי, איז טשימאַבאַ וואָס איז נאָך נײַן טויזנט פֿוס העכער...

גוּאַקיל איז אַ נײַע אַנדערע וועלט; די שטאָט, וואָס האָט ערשט מיט דרייסיק יאָר צוריק געליטן פֿון מאַלאַריע, געלן פֿיבער און אַנדערע טראָפּישע אָנשיקעניש, איז אַ דאַנק דער „ראָקענפֿעלער פֿונדאַציע" אײַנגאַנצן באַפֿרייט געוואָרן פֿון די קראַנקייטן. דאָ וואַקסן מער פּראָדוקטן ווי אין דער סערראנאַ: צוקער, קאַקאַאָ, רײַז, באַנאַנעס און פֿײַן־עפּל. גוּאַקיל ליגט בײַ גואיאַ־טײַך וואָס פֿליסט אַרײַן אין פּאַציפֿישן ים דורכן גאָלף פֿון גוּאַקיל. דער קלימאַט איז דאָ סובטראָפּיש, און דאָס גאַנצע יאָר, אַפֿילו אין רעגן־סעזאָן, שטיקט די היץ, עס וואַרגט אייך די לופֿט און עס איז שווער צו אָטעמען. דאָס איינציקע וואָס בלײַבט אייך צו טון, איז אַרויפֿכאַפּן זיך אויף אַ שיפֿל, ווו עס בלאָזן קאַלטע ווינטן. איר באַגעגנט אַ סך מער מענטשן אויף די שיפֿלעך אַרום ברעג, ווי אין די הייס־גליִענדיקע גאַסן פֿון גוּאַקיל. אַ סך פֿון די שיפֿלעך געהערן צו די אינדיאַנער וואָס וווינען אַרום דעם טײַך אין די וועלדער. זייערע בודקעס זענען צונויפֿגעפֿלאָכטן פֿון פּאַלמען־בלעטער, באַמבו־האָלץ און בלאָטע וואָס טריקנט שנעל אונטער דער טראָפּישער זון; וווינט מען מער אויפֿן וואַסער ווי אין די וווינונגען; מען ברענגט פֿאַרשיידענע סחורות אין שטאָט אַרײַן, און דער הויפּט־פּראָדוקט וואָס זיי ברענגען איז דאָס „באַלסאַ"־האָלץ וואָס וואַקסט נאָר אין עקוואַדאָר. דאָס זענען הויכע ביימער ווי סאָסנע־ביימער, אָבער אָנשטאָט וואָס עס דאַרף נעמען יאָרן ביז אַ סאָסנע־בוים דערגרייכט צוואַנציק פֿוס הויך, דערגרייכט אַ באַלסאַ־בוים אַזאַ הויכקייט בלויז אין אַ פּאָר חדשים. ווען מ׳האַקט אויס אַזאַ בוים, איז ער אַזוי לײַכט, אַז איין מענטש קען אים טראָגן און אַפֿילו נישט פֿילן, — עס איז אַ סך לײַכטער ווי קאָרק. דאָס האָלץ ווערט געשיקט קיין אַמעריקע; אַמעריקאַנער עראָפּלאַן־פֿאַבריקן זענען די בעסטע קונים אויף דעם האָלץ. די שיפֿלעך זייערע זענען טאַקע אַליין געמאַכט פֿון דעם לײַכטן האָלץ.

אַ צווייטן פּראָדוקט, וואָס זיי ברענגען אויף די שיפֿלעך, זענען די טאַגואַ ניס, וועלכע זענען אַזוי האַרט ווי ביין; איר קענט זיי אַפֿילו מיט אַ האַמער נישט צעקלאַפּן. טויזנטער טאָן פֿון די ניס ווערן געשיקט אין אַמעריקאַנער

פאַבריקן, ווו זיי ווערן אויסגעאַרבעט פאַר קנעפּ און הענטלעך צו שירמס. די שיפלעך ברענגען מיט זיך אויך די קאָקאַ־בעבלעך וואָס וואַקסן אין יענער געגנט אין די דזשאָנגלס אויף קאָקאַ־ביימער. פאַראַן, אויסער די ספּעציעלע קאָקאַ־פּלאַנטאַציעס, צענדליקער אַזעלכע ביימער אין דזשאָנגל. די אינדיאַנער ווייסן ווי אַזוי צו דערגרייכן די ביימער, דורכשניידנדיק מיט זייערע מעסערס די דיקע, ווילדע געגנט וואָס איז פאַרוואַקסן מיט ביימער, נאָכדעם רייסן זיי אַראָפּ די קאָקאַ־בעבלעך און ברענגען זיי קיין גוּאַקיל צו פאַרקויפן. זיי ברענגען אויך פעל פון די ווילדסטע חיות פון דזשאָנגל, וואָס זענען דאָרט זייער ביליק. פאַר אַ בישטיקער סומע קענט איר דאָרט קויפן אַ פעל; פעל פון אַ יאַגואַר אָדער לעמפּערט, וואָס איז אויסגעאַרבעט אין אַ דעקע; פּאַנאַמען־קאַפּעליושן, וואָס ווערן געמאַכט אין מאָנטע קריסטי, ווו זיי ווערן קינציק געוועבט. די פּאַנאַמאַ קאַפּעליושן, וועלכע ווערן פאַרקויפט אין אַמעריקע, ווערן אַלע געמאַכט אין עקוואַדאָר. קווענקאַ איז די שטאָט ווו עס געפינט זיך די הויפּט־פּראָדוקציע פון די פּאַנאַמאַ־קאַפּעליושן; דאָרט ווערן זיי געוועבט, געוואַשן און געפּרעסט.

אַזוי קענט איר טאָג־טעגלעך זען אויפן וואַסער לאַנגע שורות פון פאַרשיידענע סאָרטן שיפלעך אָנגעפּאַקט מיט אַלערליי סחורות, און עס גייט אָן אַ מסחר אין די שיפלעך אויפן וואַסער.

דער גוּאַקילענאָ נעמט דאָס לעבן אַ סך לייכטער ווי דער איינוווינער פון דער הויפּטשטאָט, וואָס איז ערנסטער און פאַרזאָרגט, כאָטש דאָ איז דער קלימאַט אַ סך שווערער ווי אין קיטאָ מיט אירע הויכע בערג. די זון שרפעט מיט פייער און די פייכקייט מאַכט אייך אַלט פאַר דער צייט. איך האָב געזען אַ סצענע אין גוּאַקיל, ווען עס האָט אויסגעבראָכן אַ שרפה. צוזאַמען מיט די פייערלעשער איז צו דער שרפה אויך געקומען אַן אָרקעסטער... בעת די פייערלעשער האָבן געלאָשן דאָס פייער, האָט דער אָרקעסטער צוגעשפּילט כדי זיי צו דערמוטיקן... ווען דאָס פייער איז פאַרלאָשן געוואָרן האָט דער אָרקעסטער געשפּילט דעם נאַציאָנאַלן הימן און דאָס אַרומיקע פּובליקום האָט מיטגעזונגען.

* * *

מיט אַן „אָטאָפּעכאָ“ (אַ באַן מיט אַן אויטאָמאָביל־מאָטאָר) בין איך פון קיטאָ געפאָרן קיין אָטאַוואַלאָ וואָס געפינט זיך טיף אין די אַנדן. די פּאַנאָראַמע אַרום איז אַזוי מאָלעריש שיין, אַז איך בין דאָרט פאַרבליבן אַ פּאָר טעג.

אין אָטאַוואַלאָ געפינען זיך אינדיאַנער, וואָס זענען גרויסע קינסטלער אין וועבעריי און שטריקעריי. די מלאכה איז ביי זיי אַריבער בירושה פון איין דור צום צווייטן פון די „אינקאַס“. זיי וועבן אויס די קאָסטבאַרסטע טעפּיכער און די שענסטע דיוואַנעס מיט זייערע אייגענע הענט, און זענען אויך ערשטקלאַסיקע שניצער.

די איינוווינער שלייכן זיך טאָג־טעגלעך פאַרביי די געסלעך פויל און רויק; אַלע אָנגעטון פרימיטיוו אין פורפור־רויטע פּאָנטשאָס, אין מאָדנע קאַפּעליושן — די פּרויען, אין קליינע שטאָפּענע קאַפּעליושלעך — פּאַרויס דער „ער" און נאָך אים די „זי"; מיט הינטישע אונטערטעניקייט און געהאַרכזאַמקייט קוקט זי אים אין די אויגן אַריין... און איז איבערגליקלעך וואָס אַלץ גייט אַזוי גלאַט. און ער צעבייזערט זיך נישט אין סאַמע מיטן שפּאַציר... נאָך זיי שפּאַנען אַ טוץ קינדער־לעך וואָס העלפן זיך אַליין. אַ צוועלף־יעריק מיידל טראָגט פאַרבונדן אין שאַל אירע צוויי ברידערלעך אָדער שוועסטערלעך. איך האָב שוין געזען ווי אַן אַכט־יעריק מיידל האָט זיך געבויגן אונטער דער מאַסע פון אַ ברודערל אויף איר קינדישן רוקן, און די דאַרע, בלאַטיקע פיסלעך האָבן זיך נישט געקענט האַלטן; זי האָט זיך יעדע ווײַלע אָפּגעשטעלט, אַרויפגערוקט דאָס פּעקל, כדי עס זאָל איר גרינגער ווערן.

טאָג־איין, טאָג־אויס זעט איר דאָרט די זעלבע בילדער, אויסער דאַן ווען עס קומט דאָרט פאָר אַ יאַריד. דאַן קומען זיך צוזאַמען פאַרשיידענע אינדיאַנער פון אַנדערע שבטים. אַלע אין אַנדערע קאָלירן, באַזונדערס די פּרויען־קאַפּע־ליושן זענען אַנדערש; אַ טייל טראָגן רויטע פּאָנטשאָס און אַנדערע — ברוינע, אַנ־דערע ווידער, לאַנגע, בלויע, מיט קאַפּעליושן וואָס זעען אויס ווי גרויסע קאַפּוזן; לאַנגע כאַלאַטן וואָס דעקן צו די באָרוועסע פיס, וועלכע האָבן שוין יאָרן לאַנג נישט געפילט אויף זיך אַ ביסל פריש וואַסער... צוזאַמען זעט עס אויס פאַרן צושויער אַ רעגנבויגן פון פאַרבן און קאָלירן. אַ גאַנצע משפחה טרייבט אַן אויסגעדאַרטע קו צו פאַרקויפן זי אויפן יאַריד, מיילן ווייט; אָדער אַן אינדיאַנער פאַרפּאַלק — אַ צוויי הינער צו פאַרקויפן; מען טרינקט „טשיטשאַ" מיט גאַזשעטעס, און מען קויפט איין אַ ביסל קעראָסין, אַ קעמל, אַ נאָדל, אַמאָל אויך אַ שערל — וואָס איז שוין אַן אויסנאַם, — עס איז אַ לוקסוס ביי די אינדיאַנער. און נאָכדעם גייט מען אין קלויסטער אַריין און מען גיט דעם גלח אַוועק די לעצטע פּאָר סענט.

דריי זאַכן זענען די הויפּט־שולדיקע אין דער שווערער לאַגע, אין וועלכער עס לעבן אָט די טויזנטער אינדיאַנער אין די ווייטע געגנטן פון דרום־אַמעריקע, וועלכע איך האָב געטראָפן אין די פאַרוואָרפנסטע ווינקלען דאָרט: שכרות, די קירכע און די השפּעה פון דער אַמאָליקער שפּאַנישער הערשאַפט וואָס האָט אויף די דאָרטיקע איינגעבוירענע געלאָזט שפּורן אויפן גאַנצן לעבן. דאָס פאָלק טרינקט דעם בראַנפן וואָס זיי מאַכן אַליין פון קאָרן. „טשיטשאַ" רופט מען אים דאָרט. דאָס פאַרסמט זייער קערפּער און גייסט וואָס איז אַזוי אויך נישט אין אַ גאָר הויכן גייסטיקן צושטאַנד. און דעם גרעסטן חורבן צווישן דער איינגעבוירענער באַפעלקערונג מאַכן אָן די גלחים — הימל און ערד און גלחים. ווו איר זאָלט נישט כאַפּן אַ קוק, אין די לענדער, וועט איר זען גלחים: יונגע, אַלטע, גאָר

יונגע צוציקלעך אין גלחישע קליידער. זיי אַלע זויגן אויס דאָס פֿאָלק ווי פּיאַווקעס און לאָזן זיי פּשוט נישט קומען צו זיך... זיי זאָרגן שוין דערפֿאַר, אַז דאָס פֿאָלק זאָל בלייבן פֿינצטער און קיינמאָל נישט דערזען אַ שטיקל ציוויליזאַציע.

איך האָב דאָרט געזען אַזאַ פּראָצעסיע פֿון הונדערטער אָרעמע אינדיאַנער וואָס האָבן געטראָגן דעם גלח אַ מתנה: פֿאָרויס איז געגאַנגען די מוזיק מיט פּרימיטיווע אינסטרומענטן; באָרוועסע אינדיאַנער האָבן געשפּילט אינדיאַנער־מעלאָדיעס וואָס האָבן געקלונגען מיט אַ מאָדנער בענקשאַפֿט; נאָך זיי זענען געגאַנגען הונדערטער באָרוועסע, אָפּגעריסענע, אָרעמע אינדיאַנער מיט זייערע קינדער און געטראָגן אַ הילצערנעם גרויסן צלם, וועלכער איז געווען אינגאַנצן באַהאַנגען מיט פֿאַרשיידענע לעבעדיקע עופֿות, אינדיקעס, קאַטשקעס, קראָליקלעך, חזירימלעך און פֿאַרשיידענע סאָרטן פֿייגל. דאָס אַלץ האָט מען געטראָגן צום גלח. דאָרט ערשט האָט זיך אָנגעהויבן די שמחה: מען האָט געטרונקען „טשיטשאַ" אויף וואָס די וועלט שטייט. איינעם פֿון די איינוווינער ווערט געגעבן דעם כּבוד, ער זאָל באַצאָלן פֿאַר דער „פֿיעסטאַ" וואָס דויערט אַמאָל גאַנצע אַכט טעג. מען לאָזט זיך ווילגיין, מען שכּורט און מען עסט כּיד המלך, און דער, וועמען דער גלח האָט אויסגעוויילט, דאַרף באַצאָלן; מעג ער זיין רייך אָדער אָרעם, פֿון אַזאַ גרויסן כּבוד זאָגט זיך קיינער נישט אָפּ. אויב ער האָט נישט קיין אייגן געלט, דאַן פֿאַרקויפֿט ער די לעצטע בעבעכעס זיינע און ווערט אויף זיין גאַנצן לעבן אַ בעל־חוב. נאָך דער „פֿיעסטאַ" ליגט מען גאַנצע טעג אין אַ שכּורן צושטאַנד. אַזוי פֿאַרגייט דאָס לעבן אין „פֿיעסטאַס" און „סיעסטאַס", און דאָס פֿאָלק האָט אַפֿילו נישט קיין צייט צו טראַכטן און קומען צו זיך...

נישט ווייט פֿון דאָרט געפֿינט זיך אויך אַ שבט מיטן נאָמען „אַאוקאַן"; דאָס זענען האַלב־ווילדע אינדיאַנער מיט זייער קעמפֿערישע נאַטורן, וואָס באַפֿאַלן אָפֿט די באַאַמטע און אַרבעטער פֿון דער שעל־קאָמפּאַניע. ערשט נישט לאַנג איז דאָרט פֿאָרגעקומען אַן איבערפֿאַל פֿון די אינדיאַנער אויף די ענגלישע אויל־קאָנצעסיעס: די ענגלענדער זענען פֿון די ווילדע אינדיאַנער אָפּגעשניטן געוואָרן אויף גאַנצע דריי טעג און באַוואָרפֿן געוואָרן מיט גיפֿטיקע פֿיילן און מיט שטיקער פֿלעקער פֿון אַ ספּעציעלן האַרטן האָלץ וואָס איז שווערער פֿון שטיינער און וואָס הייסט „טשאַנטאַ"; ווען אַזאַ שטיק האָלץ טרעפֿט איינעם, מעג ער באַצייטנס זיך געזעגענען מיט דער וועלט.

נאָכדעם ווי די אינדיאַנער האָבן געהרגעט דריי אַרבעטער, איז ערשט געלונגען זיי, מיט דער הילף פֿון אַעראָפּלאַנען און מאַשין־ביקסן, צו פֿאַרטרייבן.

די פֿאַרשיידענע שבֿטים, וועלכע וווינען דאָרט, לעבן צווישן זיך נישט בשלום און זענען נישט בלויז אַנדערש אין זייער קליידן זיך, נאָר אויך אין זייער אויסזען. אַ טייל פֿון זיי זענען בראָנדז־ברוינע, אַנדערע ווידער שוואַרץ, מיט

האָר ביז איבער די אויערן. זיי רעדן קעטשווא אַמאָפו. די וועלכע געפינען זיך אין דער געגנט פון דער ענגלישער שעל־קאָמפּאַניע היסן „אאוקאז". זיי וווינען דאָרט מיינסטנס אין דער געגנט וואָס רופט זיך „סאַנטאַ דאָמינגאָ דע לאָס קאָלאָ־ראַדאָס". זייער הויט איז רויטלעך און אויך די קליידונג איז אַן אַנדערע פון די אַנדערע שבטים. דאָרט געפינט זיך אויך דער ווילדסטער שבט „זשיוואַרא"; זיי באַוווינען דעם לאַנגן שטח וועלכער ציט זיך ביז צום אַמאַזאָנען טייך. זיי זענען עס די וואָס פאַרקויפן די „צאַנצאַס" — דאָס זענען מענטשלעכע קעפּ וואָס ווערן פון זיי, אויף אַ קונציקן אופן מיט פאַרשיידענע זאַלבן און שטאָפן, פאַרקלענערט, ביז עס זעט אויס ווי אַן אָראַנזש־מיניאַטור וואָס מ'שטעלט אַוועק אויפן שרייבטיש. דאָס שניידן זיי אָפּ די קעפּ פון זייערע שונאים אין אַ קריג אָדער אַנגריף. טוריסטן האָבן אַ שוואַכקייט מיטצוברענגען אַזאַ קאָפּ פון עקוואַדאָר און זיך שפּעטער באַ־רימען פאַר זייערע פריינט ווען זיי קומען צוריק. די „צאַנצאַ־קעפּ" האָבן דער־פאַר אַ גרויסן אָפּזאַץ אין עקוואַדאָר; פאַר אַזאַ קאָפּ צאָלט מען צווישן הונדערט און צוויי הונדערט דאָלאַר, — האָט די עקוואַדאָריאַנער רעגירונג דערפאַר גע־מאַכט אַ שאַרף געזעץ קעגן די פאַרקויפער פון „צאַנצאַס", — איז דער פּרייז נאָך טייערער געוואָרן. האָבן זיך פּלוצים באַוויזן אויפן שוואַרצן מאַרק אַ גרויסע צאָל „צאַנצאַס"; מיט איינמאָל האָט מען גענומען אונטערזוכן און אויסגעפינען, אַז דאָס זענען גאָר קעפּ פון אייזלען וואָס זענען פון דאָקטוירים אָפּגערייניקט גע־וואָרן און זיי צוגעפּוצט, זיי זאָלן האָבן אַ מענטשלעכן אויסזען. אַ צייט שפּעטער האָבן זיך אויפן שוואַרצן מאַרק ווידער באַוויזן „צאַנצאַס", האָט מען ווידער געמאַכט אַן אונטערזוכונג און אויסגעפינען, אַז דאָס זענען טאַקע מענטשלעכע קעפּ, אָבער נישט פון אינדיאַנער, נאָר פון אָרעמע בעטלערס, וועלכע זענען געשטאָרבן אין אַ שפּיטאָל ערגעץ ווו אין פּערו און זייערע קערפּערס האָט מען אַוועקגע־שיקט אין דעם שטאָטישן הקדש; האָט מען זיי פון דאָרט אַרויסגעגנבעט און פאַרקויפט... די חברה אויפן שוואַרצן מאַרק פון „צאַנצעס" האָבן גאָר ראַ־פינירטע איינפאַלן: שטאַרבט וועמען אַ קרוב, קומען זיי צו אים און דערקלערן אים: די נשמה זיינע גייט דאָך סיי ווי אין הימל אַריין, און אויב זיין קערפּער קען דיר ברענגען אַ פּאָר הונדערט סוקרעס אין קעשענע אַריין, וואָס שאַדט דיר דאָס?... אַנדערע האָבן גלאַט נישט קיין געלט דורכצופירן די לויה, פאַרקויפט מען דעם מת אויפן שוואַרצן מאַרק, ווו ער ווערט איינבאַלזאַמירט.

איך האָב באַזוכט אַ צווייטע געגנט, ווו עס וווינען אַ גרויסע צאָל אינדיאַנער פון אַן אַנדערן שבט. דאָס איז פאַר דער לעצטער ערד־ציטערניש געווען די שענסטע געגנט אין עקוואַדאָר. די שטאָט אַרום יענער געגנט הייסט „באַניאָס" (בעדער), — זי האָט פאַרשיידענע קוואַלן מיט וואַסער וואָס האָבן אין זיך מינעראַלן וואָס זענען זייער גוט פאַר פאַרשיידענע קראַנקייטן; שוועבל, בלאָטע און הייסע קוואַלן וואָס

שטראָמען אַרויס פון דער ערד, וואָס האַלטן אין איין שפּרודלען, און איז אין אַ טייל ערטער אַזוי געדיכט, אַז איר זעט פּשוט דעם אויל פון אויבן „ווי בוימל אויפן וואַסער". דאָס שטעטל האָט אין סאַמע מיטן אַ „פּלאַזאַ", אויסגעהאַקט פון שטיינער, באַדעקט מיט פּאַלמען־ביימער, אונטער וועלכע עס זיצן זיך געמיטלעך די איינוווינער און רוען זיך אויס פון אַרומגיין גאַנצע טעג ליידיק. אַרום יענער געגנט געפינען זיך פאַרשיידענע שבטים אינדיאַנער. איך האָב זיך צוגעקוקט צו זייערע מנהגים: אַן אינטערעסאַנטער מנהג איז דאָרט, ווי אַזוי אַ בחור מיט אַ מיידל באַקענען זיך; די מיידלעך גייען צום ברונעם מיט שטיינערנע קריגן אויף זייערע קעפּ, ווי אין די אַלטע ביבלישע צייטן; פון וויטן שטייען דאָרט בחורים און קוקן אויף זיי. אויב איינעם פון די בחורים געפעלט אַ מיידל, וואַרפט ער איר אַריין אַ שטיין אין קריג מיט וואַסער. אויב זי וואַרפט דעם שטיין נישט צוריק, איז אַ סימן אַז אויך ער געפעלט איר. ער גייט איר נאָך צו איר היים, באַקומט פון איר מוטער פיר אייער אַ מתנה, און בלייבט דאָרט וווינען אַכט טעג. ערשט נאָך דער צייט פּראַוועט מען די חתונה. דער מאַן איז ביי יענע שבטים אַ גאַנצער יחסן. אויב דער מאַן און זיין פרוי לאָזן זיך אין וועג אַריין און זיי האָבן אין איזל, רייט דער מאַן, און די פרוי גייט נאָך צופוס. אויב זיי האָבן משא, טראָגט, נאַטירלעך, די פרוי די משא. אויב דער מאַן כאַפּט איבער די מאָס — טרינקט זיך אָן מיט „טשיטשאַ" און וואַלגערט זיך אין די גאַסן אַ שכור־רער, זיצט די פרוי שעהן לאַנג און וואַרט ביז ער ניכטערט זיך אויס. זיי לעבן דאָרט אין אומבאַשרייבלעכער אָרעמקייט און אָפּגעלאָזנקייט. דאָרט, צווישן די אומוויסנדיקע אינדיאַנער, האָט די קאַטוילישע קירכע אויסגעשפּרייט אירע „היי־ליקע פליגל"; די געגנט איז פול מיט גלחים און מיסיאָנערן. יעדע „מיסיאָן" קאָנקורירט מיט דער אַנדערער און זוכט אַריינכאַפּן וואָס מער נשמות, כדי טאַקע גלייך אויף דער וועלט צו באַקומען אַ גרויסן שכר.

***

יענע גאַנצע געגנט איז פול מיט מינעראַלן און זויערשטאָפן, וואָס דרימלען יאָרן אין איר איינגעווייד און וואַרטן מ'זאָל זיי אַרויסציִען צו ברענגען נוצן דער מענטשהייט. ווערן זיי אָבער, צוליב דער צוריקגעשטאַנענקייט פון לאַנד, נישט עקספּלואַטירט. דאָס איז דאָרט די סיבה פון די שטענדיקע ערד־ציטערנישן. בעת איך האָב זיך געפינען אין באַניאַס, האָב איך פּלוצים ביינאַכט דערפילט ווי דאָס בעט, אין וועלכן איך בין געשמאַק געשלאָפן, פאַרכשופט פון דער דאָרטיקער געזונטער לופט — האָט זיך פּלוצים מיט מיר אָנגעהויבן צו באַוועגן... איידער איך האָב צייט געהאַט אַ טראַכט צו טון וואָס דאָ האָט פּאַסירט, האָב איך באַ־מערקט אַ גרויסן שפּאַלט אין דער וואַנט פון מיין צימער.

ערשט מיט אַ צייט צוריק איז טאַקע אין יענער געגנט פאָרגעקומען אַן ערד־ציטערניש וואָס האָט מיט זיך געבראַכט די גרעסטע קאַטאַסטראָפע: צען טויזנט טויטע, צוואַנציק טויזנט פאַרוווּנדעטע און הונדערט טויזנט היימלאָזע. באַניאָס — דאָס שיינע נאַטור־שטעטל — איז אינגאַנצן אָפּגעווישט געוואָרן פון דער ערד.

***

עקוואַדאָר רעכנט זיך צווישן די ייִנגסטע ייִדישע ישובים אין די לאַטיין־אַמעריקאַנער לענדער. ביזן יאָר 1903 האָבן מענטשן פון אַנדערע רעליגיעס נישט געטאָרט וווינען אין עקוואַדאָר, — אַפילו פּראָטעסטאַנטן האָט מען אַהין נישט אַריינגעלאָזט. אַ יאָר שפּעטער נאָך דעם דאַטום זענען שוין דאָרט געווען אַ קליינע גרופּע ספרדישע ייִדן פון די אַראַבישע לענדער. פון דעסטוועגן קען מען מיט זיכערקייט זאָגן, אַז אַ סך פריִער פון יענער צייט האָבן זיך דאָרט, ווי אין אַנדערע לאַטיין־אַמעריקאַנער לענדער, געפינען ייִדן. איר שטויסט זיך דאָרט אָן אין נישט קלאָרע שפּורן וועגן אַן אַמאָליקער ייִדישער פאַרגאַנגענהייט. אַזוי למשל הייסט דער גרינדער פון דער אָפּערע אין גואַקיל — יצחק י. אבואב, דער זעלבער נאָמען פון אַן ערשטן רב אויפן אַמעריקאַנער קאָנטינענט הרב ר׳ יצחק אבואב דע פאָנסעקאַ, אַ זון פון מאַראַנען, וועלכער איז געקומען איבערנעמען דעם כסא הרבנות אין זעכצנטן יאָרהונדערט אין דער דעמאָלטיקער קהילה אין פּערנאַמבוקאָ, בראַזיל. אין סאַמע צענטער פון גואַקיל קענט איר זען דעם נאָמען פון אַ פּראָמינענטן אַדוואָקאַט, איינער פון די אַריסטאָקראַטיע פון לאַנד, מיטן נאָמען לעווי... די פרוי פון דעם אַדוואָקאַט איז מיט אַ פּאָר יאָר צוריק געווען אַ דעלעגאַטין צו אַ פּאַן־אַמעריקאַנער קאָנפערענץ פון פרויען, און בעת איך האָב זי דאַן געפרעגט צי זי איז אַ ייִדישקע, האָט זי געענטפערט, אַז זי איז אַ ריינע קריסטין...

מיט יאָרן צוריק, נאָך פאַר דער לעצטער וועלט־מלחמה, איז שמואל זשיטלאָווסקי, דער ברודער פון ד״ר חיים זשיטלאָווסקי, אַהינגעקומען אין נאָמען פון אַ פּאַריזער קאָמיטעט פאַרהאַנדלען מיט דער דאָרטיקער רעגירונג וועגן אַ ייִדישן קאָלאָניזאַציע־פּראָיעקט. די רעגירונג האָט געהאַלטן ביים שליסן אַ קאָנטראַקט אויף פינף הונדערט טויזנט העקטאַר לאַנד, דריי יאָר פריי פון שטייער; אָבער אויסגעלאָזט האָט זיך דער גאַנצער קאָלאָניזאַציע־פּלאַן מיט גאָרנישט.

די ייִדישע אימיגראַציע אין עקוואַדאָר האָט זיך אָנגעהויבן מיט דעם אויפשטייג פון היטלעריזם אין דייטשלאַנד און איז שפּעטער פאַרשטאַרקט געוואָרן מיט זיינע מיליטערישע זיגן אין די שכנהשע אייראָפּעיִשע לענדער. אַריבער פיר טויזנט ייִדן פון דייטשלאַנד און פון צענטראַל־אייראָפּעיִשע לענדער האָבן

זינט דער צייט איינגעוואַנדערט קיין עקוואַדאָר. כמעט אַלע — געוועזענע סוחרים, פאַבריקאַנטן און פּראָפעסיאָנאַלן — אינגאַנצן אָן אַ פאַך אין דער האַנט, אין אַ לאַנד, ווו קוים צען פּראָצענט פון אירע דריי מיליאָן איינוווינער זענען גע־ברויכער פון פּראָדוקטן. איז דאָס געווען אַ שווערער פּראָבלעם זיך איינצואָרדענען. אָבער יידישע וויטאַליטעט, וואָס האָט געפינען אַ וועג אין די ווייטסטע מדבריות, האָט זיך אויך דאָ נישט פאַרלוירן. מ׳האָט אָנגעהויבן מיט קליינע פאַבריקלעך, טאַקע אין די אייגענע וווינונגען. מ׳האָט אויסגעפינען, אַז פון עקוואַדאָריאַנער באַלסאַ־האָלץ קען מען מאַכן די שענסטע מעבל. נאָכדעם האָט מען אָנגעהויבן פאַבריצירן אייזערנע און שטאָל־מעבל, וואָס איז אינגאַנצן ניי אין לאַנד; וועש־אין טריקאָטאַזש־פאַבריקלעך, שיך־פאַבריקלעך, אַפילו אַ פאַבריקל פון פאַרפל... און אַ מצה־בעקעריי, און די עקוואַדאָריאַנער האָבן אָנגעהויבן עסן מצה אָנשטאָט „גאַזשעטאַס". נאָכדעם האָבן יידישע פרויען אויסגעפונען, אַז פון די גאַרטלען וואָס די אינדיאַנער שטריקן אויס קען מען אויך מאַכן טאַשן פאַר פרויען און אַנדערע באַפּוצונגען פאַר דער היים. האָט מען געעפנט אַ געשעפט אין שטאָט, ווו עס אַרבעטן אַ פאַר טוץ עקוואַדאָריאַנער. מען שטריקט אויס די שענסטע אויס־שטאַטונגען פאַר לאָמפּן, האַנט־טאַשן, דאַמען־גאַרטלען, פאַרשיידענע מאָדעלן פון דאַמען־קאָפּעליושן, וועלכע ווערן איצט נאָכקאָפּירט איבער גאַנץ לאַטיין־אַמעריקע. יידישע פליכטלינגע האָבן געעפנט לאָקאַלן פאַר וואַשן און רייניקן, וואָס איז דאָרט געווען אַ נייעס; געשעפטן פון פאַרטיקע קליידער; דאָקטוירים האָבן באַ־קומען אַרבעט אין רעגירונגס־שפּיטאָלן; פרויען, וואָס האָבן געקענט שפּראַכן, האָבן באַקומען אַרבעט פאַר סעקרעטאַרינס אין אויסלענדישע עקספּאָרט־פירמעס; אַמאָליקע יידישע אייגנטימער פון האָטעלן אין אינטערנאַציאָנאַלע קורערטער, האָבן איבערגענומען די אָנפירערשאַפט פון די דאָרטיקע האָטעלן: דער „אַמבאַ־סאַדאָר", „ווינדזאָר" און סאַוואָי־האָטעלן האָבן באַקומען אַ גאַנץ אַנדערן אויסזען. זיי זענען איצט דער פּלאַץ פון דער אַריסטאָקראַטיע. די סירער און קובאַנער האָבן דערפילט אַ שאַרפע קאָנקורענץ און געכאַפּט זיך אויפצורייצן די עקוואַדאָ־ריאַנער קעגן יידן... אָבער אַנטיסעמיטיזם קלעפּט זיך נישט צום דאָרטיקן איינ־וווינער. אַ דאָרטיקער שיך־פאַבריקאַנט האָט מיר דערציילט, אַז ער האָט געוואָלט עפענען אַ שיך־פאַבריק האָט ער באַדאַרפט האָבן די דערלויבעניש פון דער רעגי־רונג און געהאַט אַ שמועס מיט דעם מיניסטער פון עקאָנאָמיע, וועלכער האָט אים אָפּגעזאָגט זיין בקשה. האָט דער ייד זיך נישט פאַרלוירן און באַמערקט דעם מיניסטער: — אַ לאַנד, ווו אַכציק פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג גייט אַרום אינגאַנצן באָרוועס, — די צוואַנציק וואָס טראָגן יאָ שיך האָבן קראַנקע פיס, — אין אַזאַ לאַנד האָט איר מורא צו געבן אַ דערלויבעניש פאַר אַ שיך־פאַבריק?... די באַ־מערקונג האָט געווירקט און ער האָט די דערלויבעניש באַקומען.

ייִדן לעבן דאָרט אַן אײגנאַרטיקן געזעלשאַפטלעכן לעבן וואָס קאָנצענטרירט זיך אַרום דער דאָרטיקער „בענעפּיסענסיאַ“ וואָס קוקט אויס ווי אַ ווינער אָדער בערלינער קאַפע; ווײַס־ציכטיקע, רײנע טישן, אויף די ווענט — צײַטונגען — צווישן זיי דער ניו־יאָרקער „אויפבוי“ און די אײגענע צײַטונג וואָס רופט זיך טאַקע „בענעפּיסענסיאַ“, וואָס שפּיגלט אָפּ דאָס דאָרטיקע ייִדישע לעבן. איר לייענט, אַז די טעאַטער־גרופּע אונטער דער פירערשאַפט פון דאָקטאָר... וועט אויפפירן „די פינף פראַנקפורטער“; אַז עס ווערט געזוכט אַ טײלהאָבער (שותּף) צו אַ גוט־גײענדיקער פאַבריק; אַן אַנאָנס פון אַ פּריוואַטן „מיטאָג־טיש“, און די פאַרלאָבונג פון פרײַלײַן... מיט הערן... און אַ חנוכּה־באַל ווערט דאָרט אַנאָנסירט. ווי אַ טראָפּן ענלעך צו דער ניו־יאָרקער געגנט „דאָס פערטע רייד“ — די וועסט־זײַט, אָנהייבנדיק פון דער צוויי און זיבעציקסטער גאַס, ווו עס וווינען די דײַטש־ייִדישע פּליטלינגע.

****
***

באַרג אַרויף, אין סאַמע מיטן צענטער פון קיטאָ, די הויפּטשטאָט פון עקוואַדאָר, געפינט זיך דער „פּאַלאַסיאָ נאַסיאָנאַל“, דאָס ווײַסע הויז“ ווו דער פּרעזידענט פון דער רעפּובליק נעמט אויף זײַנע געסט. די געבײַדע, אַ געמיש פון אַלטן קאָלאָניאַלן סטיל און מאָדערנער אַרכיטעקטור, שײַלט זיך אַרויס פון צווישן די אַנדערע הײַזער וואָס זענען נידעריק געבויט צוליב די אָפטע ערדציטערנישן, וועלכע קומען דאָרט פאָר. פון די טרעפּ פון „פּאַלאַסיאָ נאַסיאָנאַל“ קענט איר זען די אויסערגעוויינלעכע פּאַנאָראַמע פון דער בערגיקער שטאָט, וואָס פאַרכאַפּט דאָס אויג מיט אירע בערג־קײטן וואָס שנײַדן זיך טיף אַרײַן אין די גאַסן פון שטאָט, אַזוי אַז איר האַלט אין אײן שפּרײַזן באַרג־אַראָפּ, באַרג־אַרויף. די שטאָט ליגט קנאַפּע דרײַ טויזנט מעטער הויך פון דעם ים־פּלאַך און עס פעלט אײַך אָפּט אויס דער אָטעם, ווען איר קומט פון אײן גאַס אין דער אַנדערער.

צען אַזײגער אינדערפרי. די זון הענגט אַ לויטערע איבער קיטאָ, אָבער זי וואַרעמט נישט. איר מוזט אָנטאָן אַ מאַנטל, אויב איר ווילט זיך נישט פאַרקילן, נישט געקוקט וואָס עס איז איצט דער זומער־סעזאָן אין עקוואַדאָר. צו דער באַשטימטער שעה געפין איך זיך אין „פּאַלאַסיאָ נאַסיאָנאַל“ פאַר אַן אינטערוויו מיט דעם פּרעזידענט, וואָס איז מיר פון אים באַוויליקט געוואָרן, ספּעציעל פאַר די ייִדישע צײַטונגען. אַזוי האָט זיך בפירוש געזאָגט אין מײַן ביטע און אַזוי שטייט אויך אין דעם בריוו פון פּרעזידענטס סעקרעטאַר. אויפן לאַנגן באַלקאָן, וואָס דינט פאַר אַ מין פּראָמענאַד פאַר פּאַרשידענע שטאַטסלײַט, הויכראַנגיקע אָפיצירן, וואָס וואַרטן זיכער אויך אָפּן פּרעזידענט, נעמט מיך אויף דער סעקרעטאַר און פירט מיך אַרײַן אין אַ זאַל וואָס איז אויסגעשטאַט אין גרעסטן לוקסוס, מיט

קאַסטבאַרע טעפּיכן און אייל־בילדער, ספּעציעלע מעבל. דאָ געפינען זיך איצט אַנדערע וואָס וואַרטן אויף אַן אוידיענץ מיטן פּרעזידענט: צוויי גלחים, אַ פּויער־טע אין אירע אָפּגעריסענע אָרעמע קליידער, אַן אַרבעטער וואָס קומט קענטיק פון אַן האַסיענדאַ, ווייט־אַוועק פון שטאָט און צוויי יונגע נאָנעס, אָנגעטאָן אין מאָדנע הויכע, ווייסע קאַפּוזן און רויטע פּעלערינעס וואָס זענען מער ענלעך צו דער נאַציאָנאַלער „פּאָנטשאָ".

אַ יונגער אָפיציר, דעם פּרעזידענטס אַדיוטאַנט, רופט אויס איין נאָמען נאָכן אַנדערן און פירט יעדן באַזונדער אַריין צום פּרעזידענט, ביז עס קומט מיין ריי. אַ פּליגל־טיר מאַכט זיך אויף בלויז אויף אַ ווייל און איך געפין זיך מיטן פּרעזידענט אין זיין ביוראָ. אַ שלאַנקער פריינטלעכער מאַן, אָנגעטאָן אין אַ געפּרעסטן שוואַרצן אַנצוג, דערלאַנגט מיר פריינטלעך די האַנט און בעט מיך מיט אַ שמייכל צו זעצן זיך און ער בלייבט שטיין. ווייזט אויס, אַז שטייענדיק איז אים לייכטער צו באַאָבאַכטן זיינע געסט. דער ערשטער איינדרוק איז, אַז דאָ האָט איר צו טאָן מיט אַ פּראָפעסאָר, וואָס גרייט זיך אייך צו געבן אַ באַלערנדע לעקציע. נישטאָ אָט דער אָנגעצויגענער מין שטאַטס־מענער, וואָס איז אין די לאַטיין־אַמעריקאַנער לענדער נאָך מער אָנגעצויגן.

איך פאַרענדיק שנעל די אָפיציעלע סקאַרבאָווע ווערטער פון קאָמפּלימענטן און גיי אַריבער צו מיינע פראַגן וואָס אינטערעסירן מיך אַממייסנטן:

— הער פּרעזידענט, איר ווייסט דאָך, איך בין אַ קאָרעספּאָנדענט פון יידישע ציישונגען. איך צי אויסדריקלעך דאָס וואָרט, יידישע.

— יאָ, צעשמייכלט ער זיך נאָך פריינטלעכער. — איך ווייס גאַנץ גוט, איך האָב אַ סך יידישע פריינט. מיר זענען יידישע פּראָבלעמען זייער גוט באַקאַנט.

— הער פּרעזידענט, — איך האָב געהערט, אַז איר זענט אַ פריינט פון יידן. מיר, יידן, האָבן היינט צו טאָג אַזוי ווייניק פריינט אין די שווערסטע טעג פון אונדזער היסטאָריע, און דערפאַר....

— יאָ, — לאָזט ער מיך נישט פאַרענדיקן מיין פראַזע, — איר קענט עס אין די יידישע ציישונגען און אין דער גאַנצער וועלט דערציילן, אַז איך בין אַן אויפריכטיקער פריינט, און „בוען אַמיגאָ דעל פּועבלאָ יזראַעל". מיין לערער אין פראַנקרייך, ווו איך האָב שטודירט אַדוואָקאַטור, איז געווען דער גוטער פראַנצויז און נאָבעלער ייד, וויקטאָר באַש. איך קאָן דאָס יידישע פאָלק נישט בלויז פון דער ביבל אַליין. אין מיין בוך וועגן פעלקער־רעכט האָב איך דער יידישער פראַגע געווידמעט אַן אָנגעזעענעם פּלאַץ. איך בין אַ פריינט פון אַלע אונטערדריקטע, און ווער איז נאָך היינט צו טאָג אַזוי אונטערדריקט ווי יידן.

איך נאָטיר אויף שנעל באַמערקונגען אין מיין נאָטיץ־ביכל. דער פּרעזידענט

ווערט מיטאמאָל שטיל און לאָזט נישט אראָפּ קיין אויג פון מײַנע האַנט־באַוועגונגען. איר, — ווענדט ער זיך צו מיר, שרײַבט דאָס העברעיִש?

— ניין, — ענטפער איך אים שנעל, — דאָס איז ייִדיש.

— אַזוי גאָר, — וווּנדערט ער זיך, — איז עס נישט דאָס זעלבע?

איך מוז איצט איבעררײַסן מײַן אינטערוויו און דעם פּרעזידענט פון עקוואַדאָר געבן אַ לעקציע, וואָס פאַר אַן אונטערשייד עס איז צווישן העברעיִש און ייִדיש. און ער הערט זיך גערן צו.

— וואָס איז אײַער מיינונג, הער פּרעזידענט — הייב איך ווידער אָן — וועגן דער גרויסער עוולה וואָס ענגלאַנד באַגייט קעגן ייִדישן פאָלק, נאָכדעם ווי ייִדן האָבן אַזוי פיל בלוט פאַרגאָסן, און לאָזט זיי נישט אַרײַן קיין ארץ־ישראל.

— ייִדן — האָט דער פּרעזידענט געענטפערט — האָבן פולע רעכט אויף ארץ־ישראל אַלס זייער היימלאַנד. איך — האָט ער ווײַטער געזאָגט, נישט דערמאָנענדיק דאָס וואָרט ענגלאַנד — האָב מײַן פאַרטרעטער ביי דער סאַן פראַנציסקער קאָנפערענץ אינסטרויִרט צו שטימען פאַר ארץ ישראל אַלס ייִדיש היימלאַנד. איך גלויב, אַז די גאַנצע דעמאָקראַטישע וועלט — האָט ער באַמערקט — איז דעם ייִדישן פאָלק שולדיק אַ חוב. עקוואַדאָר טוט איר טייל מיט דעם, וואָס זי לאָזט אַרײַן ייִדישע אימיגראַנטן אין לאַנד.

— איר מיינט, — האָב איך זיך אָנגעכאַפּט אין זײַן לעצטער באַמערקונג, — אײַער לאַנד איז פרײַ פאַר ייִדישער אימיגראַציע?

— יאָ, — האָט ער געענטפערט — עקוואַדאָר מאַכט קיין שום באַגרעניצונגען נישט פאַר ייִדישע אײַנוואַנדערער. אונדזערע קאָנסולאַטן אין אויסלאַנד האָבן אינסטרוקציעס צו געבן וויזעס צו ייִדישע אימיגראַנטן וואָס ווילן זיך באַזעצן אין עקוואַדאָר. נאַטירלעך איז וויכטיק, אַז ייִדישע אײַנוואַנדערער קיין עקוואַדאָר זאָלן מיט זיך ברענגען אַביסל געלט, כדי נישט צו פאַלן צו לאַסט אין די ערשטע טעג, און עס וואָלט אויך ווינטשנסווערט געווען, אַז עס זאָלן קומען אַזעלכע אײַנוואַנדערער, וואָס קענען זיך צופּאַסן צו אַגריקולטור. דאָס לאַנד איז גרויס און האָט מעגלעכקייטן.

— הייסט עס, — האָב איך אים איבערגעפרעגט — איר ווילט דורכויס אַן אימיגראַציע פון אויסגעוויילטע עלעמענטן, אַזעלכע וואָס קענען זיך צופּאַסן צו ערד?

— עקוואַדאָר — האָט ער גלײַך געענטפערט — האָט אויך גוטע געלעגנהייטן פאַר אַזעלכע וואָס זענען פעיִק צו אַנטוויקלען נײַע אינדוסטריעס אין לאַנד. מיר, — האָט ער ווײַטער צוגעגעבן — איז גוט באַקאַנט דעם בײַטראַג וואָס ייִדישע אימיגראַנטן האָבן אין די לעצטע יאָרן בײַגעטראָגן צו דער באַשרענקטער אינדוסטריע פון אונדזער לאַנד און איך שעץ גערן אָפּ זייערע פאַרדינסטן.

נאָכדעם זענען געקומען א גאנצע רייע קאָמפּלימענטן אויפן חשבון פון ייִדישן פאָלק און זיין בייטראָג צו דער וועלט־ציוויליזאַציע, קולטור און פּראָגרעס. — שטעלט אייך פאָר — האָט וועלאסקאָ איבאַראַ אין א פּראָפעסאָרישער פּאָזע מיט מיר גע־נומען איינקנעלן, — וואָלט אַ נאַצישער סאָלדאַט, וואָס האָט זיך אָנגעשטעקט מיט סיפיליס אויף דעם פראָנט, געטון, ווען דער ייִדישער פּראָפעסאָר ערליך וואָלט נישט דערפונדן א מיטל אים אויסצוהיילן?... ער האָט אָנגערופן א גרויסע צאָל אַנדערע דייטשע ייִדן, דערפינדער, וויסנשאפטלער און אינדוסטריאלן, וואָס האָבן דייטשלאנד אזוי בארימט געמאכט, און ווי אומדאנקבאר זי האָט געהאנדלט קעגן ייִדישן פאָלק. איצט זעט איר דאָך איר סוף. — האָט ער מיך ווי געוואָלט טרייסטן.

— יאָ, — האָב איך פארענדיקט — אויפן חשבון פון די זעקס מיליאָן ייִדן.

דער אינטערוויו איז פארענדיקט. דער פּרעזידענט האָט מיר ווארעם געדריקט די האנט ביים געזעגענען זיך.

עס איז אָן צווייפל, אז דער נאָבעלער שטאַטסמאן איז איינער פון די וואָ־רעמסטע ייִדישע פריינט אויפן אמעריקאַנער קאָנטינענט. ער האָט טאַקע אין די דרום־אמעריקאנער לענדער א נאָמען אלס אמתער ליבעראל און דעמאָקראַט.

מיט יידן אין ווייט־פאַרוואָרפענע ווינקלען פון עקוואַדאָר און פּערו

— „יִדן! דאָס רעדט צו אייך הרב נחום גיטלין. עס איז שוין די העכסטע צייט איר זאָלט זיך צוריקקערן פון אייערע זינד און זיך באַהעפטן מיט דעם לויטערן אמת, דערזען דאָס הייליקע ליכט פון קריסטוסן". די ווערטער האָבן זיך צו מיר דערטראָגן אויף דער ראַדיאָ, ווען איך בין געווען ווייט אַוועק פון אַ מענטשלעכן ישוב, אין דעם נאַטור־שיינעם שטעטל באַנאָס, ניין שעה רייזע פון קיטאָ — די הויפּטשטאָט פון עקוואַדאָר. דאָס — האָט מיר דער בעל־הבית פון מיין האָטעל, הער וואָלף, אַ דייטש־יִדישער פּליטלינג דערציילט — איז די רעליגיעזע שעה אויף דער ראַדיאָ וואָס גיט אַ ספּעציעלן פּראָגראַם פאַר די יִדן יעדן זונטיק. הער וואָלף, אַ ברעסלויער יִיד וואָס האָט ביי די ברעגן פון לאַנגע קייט בערג אַ האָטעל פאַר טוריסטן, האָט דעם זעלבן פאַרנאַכט געצונדן דאָס דריטע חנוכה־ליכטל און מיט זיין פאַרדייטשטער עברי, באַגלייט מיט אַן אַלטפרענקישן ניגון, געזונגען „מאַואויז צור" (מעוז צור). איר קענט זיך קוים פאָרשטעלן ווי אַזוי די חנוכה־ליכטלעך זען אויס אין אַ וואַרעמער זומער־נאַכט אין איינעם פון די נאַטור־שענסטע געגנטן פון דער וועלט, ערגעץ ווו צווישן אינדיאַנער־שבטים מיט ברייטע סאָמבערעראָס און פאַרביקע פּאָנטשאָס. — טויזנטער חנענ האָבן זיי די פלעמלעך געהאַט אין דער פאַרכשופטער שיינער נאַכט. אַפילו דער אַלטפרענקישער ניגון פון מיין בעל־הבית, הער וואָלף, האָט געקלונגען ווי די שענסטע מוזיק אין מיינע אויערן: — זי פאַרשטעהן — האָט צו מיר געטענהט הער וואָלף, — דיזער פערדאַמטער מיסיאָנערישער ראַבינער האָט מיך פאַראַנלאַסט צינדן דיזע חנוכה־ליכט. איך בין דאָך איין יודע... — פאַרענדיקט ער שטאָלץ.

אויסער הער וואָלף געפינען זיך אין באַנאָס, ווו עס געפינען זיך וואַרעמע קוואַלן און מינעראַלן־בעדער, נאָך דריי דייטש־יִדישע האָטעלן, אַלע אויסגעבויט אויפן סיסטעם פון שווייצאַרישע ווילעס ערגעץ ווו אַרום די באַרימטע בערג אין לוצערן. צענדליקער הייל־קוואַלן שפּרודלען דאָ פון דער ערד אַרויס צופוסנס

פון די ריזיקע משופּעדיקע בערג וואָס שלענגלען זיך יעדער ווייל אין אַן אַנ־דערע פאָרם איבער דער גאַנצער אַרומיקער געגנט. פיר דייטש־יידישע פליכט־לינגען האָבן אַנטדעקט דעם שיינעם פלאַץ און פאַרוואַנדלט די דאָרטיקע האָטעלן, וואָס זענען געווען פול מיט שמוץ און בלאָטע, אין גן־עדנס מיט די באַקוועמסטע און מאָדערנסטע איינריכטונגען. דער פּרעזידענט פון דער רעפּובליק און די מיניסטאָרן זענען די שטענדיקע געסט פון יענע יידישע האָטעלן. די שטאַם־געסט דאָרט זענען יידן פון קיטאָ און גואַקיל, וואָס קומען אַהין איבערבייטן די לופט און נעמען די בעדער. אַ גרויסער טייל פון זיי זענען אַמאָליקע שטאַם־געסט פון די אייראָפּעיִשע באַרימטע קורערטער פרענצעסבאַד, קאַרלסבאַד און מאַ־ריענבאַד, — קענט איר דאָ זען, בעת דעם סעזאָן, דעם שאַרפן קאָנטראַסט; גע־פּרעסטע הויזן מיט אַ גראַדן קנייטש, אַן אויסגעבונדענעם קראַוואַט און אַן אָפּגעבלאַקעווטן פּאַנטשאָ, אַן אויסגעפּוצטע דאַמע אין עסיק און האָניק, און, פון דער אַנדערער זייט, אַ שמאַטע, וואָס דאַרף דינען פאַר אַ שאַל, פון וועלכער עס קוקן אַרויס אַ האַלב טוץ קליינע קינדערלעך. דאָ „ווירד דויטש געשפּראָכן" און אַפילו די גאַליציאַנער „דייטשן" רעדן דאָ אויך האָך־דויטש!... ווייזט אויס, אַז די קאַטוילישע קירכע גלייבט, אַז צווישן אַט די יידן קען מען כאַפּן אַ לייכט פאַרדינסטל... און יעדן זונטיק רעדט אויף איר רעליגיעזער שעה אַ „רב".

***

אַ פאַרכשופטער פאַרנאַכט אין גואַקיל. נאָך אַ הייס־שטיקנדיקן טאָג בלאָזן איצט פון גאָלף מילדע, קאַלטע ווינטלעך. די שיף וואָס דאַרף מיך פון דאַנען פירן צו „פּאָרט באַליוואַר", נאָענט ביי דער פּערואַנער גרענעץ, לאָזט אַרויס דעם לעצטן פייף — אַ סימן פאַר די באַגלייטער, זיי זאָלן אַראָפּ פון שיף. מיינע דריי באַגלייטער — צוויי אַלטע בחורים און אַ פעל־הענדלער פון אַ ווייט שטעטל אין עקוואַדאָר, וואָס זענען ספּעציעל געקומען זיך מיט מיר געזעגענען — געזעגענען זיך מיט מיר אויף שנעל. ביסלעכווייז הייבט די שיף אָן שניידן די כוואַליעס פון גאָלף. צו מיר קלינגט נאָך אויפן דעק אַריבער אַ יידישער „פּאָרט געזונט"! ביים שיין פון לעצטן פּאַס ליכט וואָס איז פאַרשווונדן, האָב איך נאָך געקענט זען די ערנסטע פּנימער פון מיינע באַגלייטער וואָס האָבן נאָכגעקוקט די שיף; און די צוויי אַלטע בחורים האָבן זיך צעווײנט ווי אומבאַהאָלפענע קליינע קינדער.

צוויי וואָכן האָב איך פאַרבראַכט אין גואַקיל. פון ערשטן טאָג וואָס איך בין דאָרט געקומען האָבן זיי זיך ביידע צוגעבונדן צו מיר. מיט דעם פעל־הענדלער האָב איך זיך באַקענט, ווען איך האָב באַזוכט אַ ריין אינדיאַניש „פּועבלאָ", פאָרנדיק אויף אַ שיפל פון באַלסאַ און באַמבו מיט אַן אינדיאַנער,

אַ היפּשן מהלך פון גוּאַקיל. די צוויי אַלטע בחורים געפינען זיך שוין דאָ, אין דער טראָפּישער שטאָט, יאָרן. בײדע זענען אַלטע, אײנזאַמע בחורים, פאַר וועמען דאָס לעבן האָט נישט געהאַט קײן טראָפּן פרייד, חוץ נויט, הונגער און ראַנגלע־נישן; אַ בלינדער צופאַל האָט זיי אויסגעשפּיגן אין דער ווייט־פאַרוואָרפענער פּאָרט־שטאָט פון עקוואַדאָר.

די הונדערט ייִדן וואָס וווינען אין גוּאַקיל האָבן זיך שנעל אַקלימאַטיזירט און נאָך שנעלער איבערגענומען די מנהגים פון לאַנד. דאָס שטיקל היים וואָס מען האָט אויפגעבויט, האָט מען פאַרוואַנדלט אין אַ פעסטונג, — פאַרשלאָסן טיר און טויער, אַז דאָס פרעמדע אויג פון אַ מאַנסביל זאָל דאָרט חלילה נישט אַריינקוקן...

מען זעט זיך יעדן טאָג אין קאַפע „קאַלמוּיניאַ". ביי אַ קאַווע רעדט מען זיך דורך. בייטאָג איז שווער צו אַרבעטן, די זון שפּריצט מיט פייער, — זיצט מען אין „קאַלמוּיניאַ" און מען רעדט פון די „טשוועקעס" וואָס צאָלן נישט די חובות, פון דער גרויסער ייִדישער וועלט פון וועלכע מ'איז איינגאַנצן אָפּגעריסן. אַזוי שנעל ווי די זון ווערט אַ ביסל מילדער, אַנטלויפט יעדער צו זיין אַרבעט. ביז אין די שפּעטע נאַכט־שעהן, ווען מען כאַפּט אַ ביסל איבער דעם אָטעם פון דער שטענדיקער היץ, קומט מען ווידער אין קאַפע „קאַלמוּיניאַ", מען רעדט זיך ווידער דורך, און יעדער גייט שפּעטער צו זיך אַהיים. די איינציקע, וועלכע בלייבן איינזאַמע און עלנטע, זענען די צוויי אַלטע בחורים: איינער פון זיי אַ בעסאַראַבער, דער אַנדערער אַ גאַליציאַנער. דעם בעסאַראַבער האָט דאָס לעבן אַזוי געקריוודעט, אַז ער איז געוואָרן אַ שונא פון מענטשן; שווער פון אים אויסצוהערן אַ וואָרט אָן קללות און זידלערייען, — אַנטלויפט פון אים יעדער, די ייִדן מיידן אים אויס, קיינער וויל נישט אַריינפאַלן אין זיין מויל. אויף דעם צווייטן בחור, דעם גאַליציאַנער, האָבן די צרות און איינזאַמע טעג געהאַט אַ גאַנץ אַנדערע השפּעה; ער איז געוואָרן אַ מענטש וואָס נעמט אָן די אַלע יסורים ווי אַ גוטער, פרומער ייִד, באהבה, און זוכט פאַר יעדן אַ זכות. בײדע פאַרנודיען — דער ערשטער מיט זיין רשעות, דער אַנדערער מיט זיין צדקות — און קיינער דאָרט וויל מיט זיי נישט האָבן קיין מגע־משא.

האָבן בײדע געפּאַקט מיך, אַ פרעמדן מענטש, וואָס איז וויליק געווען אויסצוהערן זייערע קריוודעס. קלאָגט זיך פאַר מיר דער בעסאַראַבער: — איך האָב שוין צוואַנציק יאָר דאָ נישט געזען אַ מענטשלעכע שטוב... איך האָב, טראַגנדיק דאָס פּעקל אויף די פּלייצעס, אויסגעבראָכן אַ פוס — בין איך גע־לעגן אין צימערל איינער אַליין ווי אַ הונט, אויסגעגאַנגען פאַר עלנטקייט. ווי איז דאָס געהערט געוואָרן, — קלאָגט ער זיך — ייִדן זאָלן זיין אַזעלכע רשעים! — לאָזט אים דער אַנדערער אַלטער בחור נישט פאַרענדיקן: — וואָס

האָט איר צו די ייִדן? זיי אַרבעטן שווער און ביטער, דאַרפן אויסהאַלטן אַ משפּחה... אָט — הייבט ער אָן זיינע טענות — האָב איך פון טראָגן דאָס פּעקל אויף דער הייס־גליִענדיקער זון באַקומען ווונדן אויף דעם אַקסל; דער דאָקטער זאָגט, זיי וועלן שוין אַזוי פאַרבלייבן. אַן אַקסל איז ביי מיר, פון יאָרן טראָגן דאָס פּעקל, נידעריקער געוואָרן; מילא עס זאָלן קיין ערגערע צרות נישט זיין! ייִדן אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן האָבן געליטן גרעסערע יסורים. עס איז טאַקע נישט גוט צו בלייבן איינער אַליין אויף די עלטערע יאָרן, אָבער, וואָס זענען מיר די ייִדן דאָ אין גוּאַקיל שולדיק? וואָלט מען כאָטש געקענט פאָרן צו אַ גרויסן ייִדישן קיבוץ און צוטוליען זיך צו ייִדן! גלייבט מיר — ווערט ער רויט ווי אַ יונג מיידל, — אַ פּרוּו וואָלט זיך ביי מיר געפילט גליק־לעך — אַ שיינע פּאָר טויזנט דאָלאַר אין באַנק... אָבער — ווערט ער מיט איינמאָל טרויעריק — וואָס טוט מען, אַז דער טראַפּיק איז אַריין אין די ביי־נער? איך האָב מער נישט קיין ענערגיע און מוט אַרויסצוריסן זיך פון דאַנען... איך וויס עס, איך גיי איין פון טאָג צו טאָג... וואָלט זיך כאָטש ערגעץ ווו געפונען אַ לעבעדיקער מענטש פון מיין משפּחה, אַ יורש אַ... און ווי זאָגט איר? — קוקט ער אויף מיר מיט טרויעריקע בליקן — „אַ מאַכער" האָט מיר צוגעזאָגט, ער וועט מיר אויסאַרבעטן אַ פּאַס קיין טשילע. דאָרט זענען דאָך פאַראַן אַ סך ייִדן, אַנדערע ייִדן... מען זאָגט אַפילו, אַז מ׳קען זיך דורכשוואַרצן די גרענעץ קיין פּערו, — ווי מיינט איר? — אַ ווייל ווערט ער שטיל און ענטפערט זיך אַליין: — נישטאָ מער די כוחות; גענוג גרענעצן געשוואַרצט אין מיין לעבן; געהונגערט, געזעסן אין תפיסות פאַר אַריבערשוואַרצן די גרענעצן — ווי פיל זשע קען אַ מענטש אויסהאַלטן?

מיטן פעל־הענדלער האָב איך זיך באַקענט, ווען מיין שיפל פון באַמבו און באַלסאַ האָט זיך אָפּגעשטעלט אין אַן אָפּגעלאָזענעם פּרימיטיוון פּאָרט ערגעץ ווו אַ האַלבן טאָג רייזע פון גוּאַקיל. אינדיאַנישע הייזקעס, ווי שטייגן, פון ליים, פּאַלמען־בלעטער און באַמבו, כאַאָטיש צעוואָרפן אין אַ לאַנגן שטח, און עס שווינדלט איך פאַר די אויגן פאַרבן פון ברוין, שוואַרץ, מיט בליאַסקענדיקע ווייסע, שטאַרקע ציין און זאַרגלאָזן געלעכטער. אָפּגייענדיק אַ היפּשע שטרעקע האָט זיך באַוויזן דאָס ערשטע געסל מיט מענטשלעכע הייזער און אָפענע באַזאַרן וואָס האָבן פאַרקויפט פאַר טוריסטן פאַרשיידענע אויסגעשטריקטע דיוואַנעס, קינסטלעך געשטריקטע פּאַנאַמאַ־קאַפּעליושן, און דעקעס אויסגעאַרבעט פון די פעלן פון פאַרשיידענע חיות. אין איינעם פון די אָפענע באַזאַרן, ווו עס איז געווען אַן אויפשריפט „ענגליש ספּאָקען", בין איך אַריין. נאָך די ערשטע פּאָר ענגלישע ווערטער, וועלכע דער אייגנטימער האָט מיר געענטפערט אין ענגליש, האָב איך אים אַריינגערוקט די האַנט מיט אַ „שלום־עליכם ר׳ ייִד" און דער ענט־

פֿער איז געווען — „פֿון וואַנען קומט אַ ייִד?”... לאַנג רעדן האָבן מיר נישט געקענט; דאָס קליינע געשעפֿטל איז אָנגעפֿולט געוואָרן מיט טוריסטן וואָס האָבן געקויפֿט די פֿאַרשיידענע אויסאַרבעטונגען, און אינדיאַנער וואָס האָבן פֿאַרקויפֿט זייערע פֿעלן און אַנדערע אויסאַרבעטונגען. אויף שנעל האָט ער מיר אָנגעוויזן דעם איינציקן האָטעל פֿון „פּועבלאָ” און ערשט פֿאַרנאַכט זענען מאַן און פֿרוי צו מיר געקומען אין האָטעל, מיך גענומען אין זייער היים. דאָ האָבן זיך אָנגעהויבן די טענות און פּראָבלעמען וואָס זענען מיר אָפּט אויסגעקומען צו הערן אין אַזעלכע פֿאַרוואָרפֿענע ערטער: — די געשעפֿטן גייען גוט, מ׳מאַכט אַ טאָלער. וואָס קומט אַרויס? מ׳איז אָפּגעריסן פֿון ייִדן, מ׳איז עלנט, אַליין; עס בענקט זיך נאָך ייִדן, און וואָס וועט זיין דער סוף פֿון אַזאַ לעבן? צי אַ פּופּציק טויזנט דאָלאַר זענען גענוג צו באַזעצן זיך אין ישׂראל? — האָב איך זיי, אַ קינדערלאָז פּאָרפֿאָלק, פֿאַרזיכערט, אַז מיט אַזאַ סומע קענען זיי לעבן גליקלעך און צופֿרידן אין ישׂראל, אַפֿילו מיט ווייניקער אויך. אַוודאי וועל איך פֿון דאַנען אַנטלויפֿן — האָט דער מאַן געהאַלטן אין איין איינטענהן. — וואָס דען — האָט די פֿרוי באַגייסטערט אונטערגעהאָלפֿן, — דאָ מיט די אינדיאַנער אָפּלעבן די יאָרן? וואָס שנעלער אַנטלויפֿן פֿון דער וויסטעניש. — און עס איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז מאָרגן... פֿאַרט טאַקע דער מאַן מיט מיר קיין גוואַקיל באַזאָרגן רייזע־דאָקומענטן. — שוין יאָרן — דערציילט מיר די סימפּאַטישע, צאַרטע פֿרוי — ווי זיי רייסן זיך צו אַנטלויפֿן פֿון דאַנען. ווען איך בין אויפֿן צווייטן טאָג אין דער פֿרי צו זיי געקומען אין געשעפֿט אַריין, האָט דער ייִד מיך אַפֿילו נישט באַמערקט, — געווען פֿאַרטון אין פֿאַרקויפֿן מציאות צו אַמעריקאַנער טוריסטן און מיט זיי גערעדט זיין ענגליש. פֿאַרנאַכט האָט זיך ווידער איבערגעחזרט דאָס זעלבע; זיי האָבן מיך געבעטן רחמים, איך זאָל דאָרט בלייבן נאָך אַ טאָג... און ווידער האָט מען מיך אויפֿגענומען מיט כּל־טוב, ווידער די זעלבע טענות: — ווי קען מען דאָ אין אַ מדבר אָפּוויסטן דאָס לעבן? מ׳איז עלנט ווי אַ שטיין... מאָרגן פֿאָרט ער קיין גוואַקיל — ער האָט דאָרט אַ מאַכער. עס וועט נישט נעמען קיין לאַנגע צייט, פֿאַר אַ פּאָר טאָלער וועט ער גלייך אַרויסנעמען אַ פּאַספּאָרט... — בלייבט מיט אונדז נאָך אַ טאָג... — האָט זיך די פֿרוי ביי מיר געבעטן. פֿון גוואַקיל האָב איך פֿון אים נאָך באַקומען בריוו, אַט קומט ער היינט, מאָרגן... פֿאַר מיין אַוועקפֿאָרן האָב איך זיי געשריבן אַ בריוו, איז ער געקומען מיך באַגלייטן. ווען די שיף האָט זיך גערירט פֿון אָרט, האָט ער נאָכגעשריִען: זיכער וועט ער פֿון דאָרט אַנטלויפֿן; היינט, מאָרגן קומט ער אַהער אַרויסנעמען אַ פּאַספּאָרט...

איצט, אין דער קילער שפּעטער נאַכט־שעה, ווען מיין שיף שניידט די רוישיקע כוואַליעס פֿון גוואַקילער גאָלף אויפֿן וועג קיין פּערו, שיילט זיך פֿאַר

מיר אַרויס דאָס אידעלע מאַטע פּנים פון דער פרוי: „וואָס דען, דאָ מיט די אינדיאַנער אָפּלעבן די יאָרן?" די צעקרימטע, פאַרוויטיקטע פּנימער פון די צוויי אַלטע בחורים און דאָס נערוועזע פּנים פון מײַן פרײַנט פון אינדיאַנער פועבלאָ: „הײַנט, מאָרגן פאַר איך קיין גוואַקיל אַרויסנעמען אַ פּאַספּאָרט". זיי האָט דער טראַפיק און די עלנטקייט אויפגעפרעסן. ער, דער ייִד פון אינדיאַנישן פועבלאָ, מאַכט אַ טאָלער ביי די קונים, די טוריסטן, וועלכע ער פאַרקויפט מציאות; די אינדיאַנער, ביי וועלכע ער קויפט מציאות — זיי אַלע וועלן דאָרט פאַרבלייבן אין עק וועלט צעריסענע נשמות...

***

גאַנץ פרי, ווען פון די בערג האָט זיך אָנגעהויבן אַרויסשײַלן אַ בלויער פאַס ליכט, זענען מיר אָנגעקומען אין „פּאָרט באָליוואַר". צוויי גרויסע דראַבניאַסטע וואַגנס, אויף וועלכע הײמישע פויערים פלעגן פירן סנאָפּעס תבואה, האָבן געוואַרט אויף די פּאַסאַזשירן, כדי אונדז צו פירן צו דער פּערואַנער גרענעץ; אָבער צוערשט מוז די עקוואַדאָריאַנער גרענעץ־וואַך שטעמפּלען אונדזערע פּעסער, אונדז געבן די דערלויבעניש אַרויסצופאָרן פון לאַנד. דער באַאַמטער שלאָפט און מ׳דאַרף אים אויפוועקן, — שטייען אַלע פּאַסאַזשירן פאַרן הויז ווו ער געפינט זיך און מ׳וואַרט ביז ער וועט אויפשטיין... ענדלעך געפינען מיר זיך אין אַן אַלטן, גרויסן, אָפּגעלאָזענעם צימער. ביי אַן אַלטמאָדיש נאַפּטלעמפּל זיצט דער באַאַמטער אַ פאַרשלאָפענער און לייגט מעכאַניש אַרויף דעם שטעמפּל אויף יעדן דאָקומענט וואָס מען רוקט אים אונטער, אָן פראַגן. מיר קריכן אַרויף אויף די דראָבניאַסטע וועגענער. אַ פּאָר שעה פאָרן, און מיר געפינען זיך ביי דער פּערואַנער גרענעץ. די פּערואַנער גרענעץ־וואַך לייגט ווידער נייע שטעמפּלען, און פון דאַנען דאַרף אונדז אַן אָמניבוס פירן אין דעם ערשטן פּערואַנער גרענעץ־שטעטל טומבוס. אָבער דער אָמניבוס האָט פאַרשפּעטיקט... האָט מען קיין ברירה, ווי צו וואַרטן. די היץ שרפעט אָן רחמנות. איך בין הונגעריק און דורשטיק. חוץ אַ ראַנטשאָ, וווּ איר קענט באַקומען אַ מין ווייסן געטראַנק וואָס קוקט אויס ווי קאַלך, איז נישטאָ. נאָך אַ האַלבן טאָג וואַרטן איז ענדלעך אונדזער אָמניבוס אָנגעקומען, און נאָך אַ האַלבן טאָג פאָרען זיך זענען מיר אָנגעקומען אין טומבוס — דאָס ערשטע פּערואַנער גרענעץ־שטעטל.

טומבוס איז אַן אַלטמאָדיש שטעטל מיט אַלטע ברייטע הייזער, און אַ פּלאַסאַ פאַרשאָטן פון זאַמד און שטיינער, האָט אַמאָל געהערט צו עקוואַדאָר, — האַלט די פּאָליציי אַ וואַכזאַם אויג אויף די אַלע וואָס קומען פון יענער זייט גרענעץ. איר מעגט דאָ אַלץ אין דער וועלט זיין, נאָר נישט קיין עקוואַדאָריאַנער בירגער. אַ מסחר גייט דאָרט אָן איבער דער גרענעץ, אַהין און צוריק מיט סחורות

פוןביידע לענדער. דאָס אינטערעסירט די פּאָליציי נישט אַזוי פיל, ווי אייער פּאַספּאָרט. זענט איר אַן עקוואַדאָריאַנער, קענט איר בלייבן אין טומבוס אַ צייט, איר מוזט זיך דאָ כסדר מעלדן אויף דער פּאָליציי און אין קיין אַנדערער שטאָט פון פּערו טאָרט איר נישט פאָרן. איבערגענעכטיקט אין דעם איינציק מאָדערנעם האָטעל וואָס טומבוס פאַרמאָגט ספּעציעל פאַר די טוריסטן וואָס פאָרן מיטן „פּאַן־אַמעריקאַנער וועג", האָט זיך אָנגעהויבן מיין רייזע קיין לימאַ, וואָס האָט געדויערט אַ פּאָר טעג. איבער צענדליקער שטעטלעך און פּועבלאָס שיילן זיך אויס ווי סילועטן פון שטויביקן וועג וואָס הענגט ווי רויכערדיקע זיילן איבערן גאַנצן וועג.

פון צייט צו צייט שיילט זיך פאַר אייערע אויגן אויס אַ שטעטל, אַ מין אָאַזיס אין דעם דרום־אַמעריקאַנער סאַהאַראַ. דאָרט בלייבט דער אָמניבוס שטיין; די פּאַסאַזשירן דאַרפן דאָרט זיך אַרומוואַשן פון שרעקלעכן שטויב און עפּעס איבערכאַפּן. מער ווי „טשיטשאַ" און האַרטע גאַזשעטן איז נישטאָ. רויטע אויגן פון שטענדיקן זאַמד קוקן אויף אייך מיט התפּעלות. יונג און אַלט ליידן דאָ פון אויגן־קראַנקייטן. דאָס שטעטל באַשטייט פון אַ פּאָר געסלעך, אַ פּאָליציי־וואַך און אַ שענק פון וואַנען עס טראָגט זיך, אין טיפן העלן טאָג, דאָס זאַרגלאָזע געזאַנג פון לוסטיקע חברה, וואָס האָבן איבערגעכאַפּט די מאָס, — אַ געזאַנג וואָס קלינגט ווי אַ שטיקל היימישע חזנות.

קיין אַנדער געטראַנק ווי טשיטשאַ איז נישטאָ, און ווען אַן אויסערגעוויינלעכער דורשט פּייניקט אייך — האָט איר נישט קיין אַנדערע ברירה ווי אַריינצוואַרפן אַ פּאָר כוסות. איי וואָס אייער מאָגן בונטעוועט זיך — זאָל ער... אָט אַזוי זעט אויס דער „פּאַן־אַמעריקאַנער וועג", וועגן וועלכן עס טרוימען געענוג פאַנטאַזיאָרן אין די פאַראייניקטע שטאַטן, — דער טרוים צו מאַכן אַזאַ רייזע איבער דעם אַמעריקאַנער קאָנטינענט, באַקוקן די שיינע עקזאָטישע לאַנדשאַפטן... און די סעניאָריטאַס מיט די הייס־גליִענדיקע שוואַרצע אויגן...

דער אָמניבוס האָט זיך אָפּגעשטעלט אין אַ שטעטל מיטן נאָמען טאַלאַראַס. דאָ זענען פאַראַן אויל־קוואַלן. דאָ איז אין מלחמה־צייט געווען אַן אַמעריקאַנער מיליטערישע באַזע, און ווער ווייסט, ווי לאַנג דאָס אַמעריקאַנער מיליטער וואָלט דאָ געווען פאַרבליבן, ווען נישט אַ צופאַל, וואָס אַמעריקאַנער אָפיצירן האָבן צעשלאָגן אַ פּערואַנער אָפיציר. נאַטירלעך, האָט זיך דאָ געהאַנדלט וועגן אַ פּערואַנער מיידל. דאָס האָט געבראַכט צו אַ שאַרפן פּראָטעסט פון דער פּערואַנער רעגירונג וואָס איז, ווי עס ווייזט אויס, געווען צופרידן מיט דעם אינצידענט, כדי אַזוי אַרום פּטור צו ווערן פון אַנקל סעם, וואָס האָט זיך נישט געאײַלט צו פאַרלאָזן פּערו...

אין מיטן שטעטל, וואָס זעט נאָך היינט אויס ווי אַ מיליטערישער לאַגער,

האָט פּלוצים צו מיר אַ פינקל געטון אַ שילד פון ברעטער מיט דער אויפשריפט „מאָזעס פורמאַן"... איך בין אַרײַן אין קרעמל און אַ בעסאַראַבער ייִד האָט מיר אַנטקעגן געטראָגן אַ האַרציקן „שלום עליכם".

געוועזן זענען דאָ אין צייט פון דער מלחמה — דערציילט ער מיר — פיר ייִדישע משפחות; נישט שלעכט פאַרדינט. איצט איז מען אַוועק אין אַ גרעסערער שטאָט און ער איז דער איין און איינציקער ייִד אין שטעטל...

אין פּיורא האָב איך שוין געפונען אַ מנין ייִדן. ערשט נאַרוואָס — האָט מען מיר איבערגעגעבן — איז דאָרט געווען דער דעלעגאַט פון קרן היסוד, וועל־כער איז געקומען פון ארץ־ישראל. אַלע ייִדן פון שטעטל האָבן געגעבן זייער בייטראָג, אויסער איין ייִד, וואָס אַלע האַלטן עס פאַראַ גרויסע עוולה, האָט געגעבן וויניקער לויט זײַן פאַרמעגן. דאָס הייסט — דערקלערט מיר אַ ייִד — אַלע האָבן געגעבן איבער די כוחות...

אין טשיקלאַיאָ — דערציילן מיר די ייִדן — וווינען שוין מער ייִדן, מן־הסתם אַ צוועלף ייִדן. דער אַמניבוס איז אַהינצו אָנגעקומען פאַרנאַכט. ער איז געבליבן אַ דרײַסיק מינוט וואַרטן. איך האָב בלויז געהאַט די געלעגנהייט צו לייענען אין דער הויפּט־גאַס פון שטאָט די ייִדישע נעמען איינער נאָכן אַנדערן, און אַפילו מיטצונעמען פון איינעם פון זיי אַ ניו־יאָרקער ייִדישע צײַטונג, נאָכדעם ווי איך האָב וואָכן־לאַנג, פאַרנדיק איבער די מדבריות, נישט געזען אַ ייִדיש וואָרט.

טרוכיזשאַ — איינע פון די שענסטע שטעט אין פּערו, וואָס איז אַזוי באַ־רימט מיט איר אוניווערסיטעט, ווו עס געפינט זיך די סאַמע סמעטענע פון דער פּערואַנישער אַריסטאָקראַטיע, איז באַצירט מיט היסטאָרישע מאָנומענטן. אין סאַמע צענטער פון שטאָט געפינט זיך דער גרעסטער מאָנומענט, וואָס איז אַ מייסטערווערק פון מאָדערנער אַרכיטעקטור: קינסטלערישע פיגורן אויסגע־האַקטע פון בעסטן סאָרט שטיין וואָס דאָס לאַנד פאַרמאָגט, מיט בראָנדזענע קופּאָלן, וועלכע שפּיגלען זיך אין דער טראָפּישער זון. דאָרט מוזט איר שוין נעמען אַ צווייטן אַמניבוס וואָס פירט אײַך פון דאָרט קיין לימאַ, אַ מהלך פון אַ טאָג רייזע. אַזוי ווי איך האָב שוין געמוזט פאַרבלייבן איבער נאַכט אין טרו־כיזשאַ, האָבן זיך די דאָרטיקע ייִדן וועגן מיר דערוווּסט און מיך נישט געלאָזט ווייטער פאָרן. איך מוז זיי — האָט דער פּרעזידענט זייערער, ה' צימערמאַן, פאַרלאַנגט — דערציילן ווי אַזוי ייִדן לעבן אויף דער גרויסער וועלט, פון וועל־כער עס רייסט זיך צו זיי זעלטן ווען דורך אַ ייִד.

פּרייטיק צונאַכטס בין איך געווען דער גאַסט פון די פּערצן ייִדישע משפּ־חות, וועלכע וווינען אין טרוכיזשאַ, און נאָכן דאַוונען, וואָס איז לכבוד מיר גע־דאַוונט געוואָרן פון אַ דאָרטיקן תושב, וועלכער האָט זיך נעבעך פאַרגאַלאָפּירט

אין אַ יום־טובדיקן ניגון, האָב איך אָפּגעגעבן די ייִדן, וואָס זענען געקומען מיט זייערע פרויען און קינדער, אַ גרוס פון ייִדישן לעבן אין אַנדערע לענדער. ייִדן האָבן נייגעריק זיך צוגעהערט און מיך מקנא געווען וואָס איך פאָר קיין ארץ־ישראל. וואָס פאַר אַ לעבן איז עס — האָט זיך פאַר מיר באַקלאָגט אַ ייִד וואָס געדענקט נאָך די היימישע עברי, — אַז מען ווינט אַזוי ווייט פון ייִדן, די קינדער וואַקסן אונטער, נישטאָ מיט וועמען אַ שידוך צו טון, איר זעט — ווייזט ער מיר אויף זיין טעכטערל, אַ שוואַרץ־חנעוודיק יונג מיידל, מיט אַ לאַכנ־דיק פּנים פון אַן אַליוּוען קאָליר, — זי רעדט טאַקע נישט קיין ייִדיש, אָבער זי פאַרשטייט גאַנץ גוט... זי מוז פאַרשטיין, — ווערט ער ערנסטער, — אירע חברטעס אין שולע דערציילן עס איר ווער זי איז. קומט זי אַהיים און קלאָגט זיך: מען רופט זי „כודיאָ“... נו, — ציט ער די ווערטער פאַרזיכטיק, — דערצייל איך איר וואָס אַזוינס עס זענען די כודיאָס, די ייִדן. ייִדישע יונגעלייט זענען דאָ נישטאָ. און אין לימאַ מיינט איר איז בעסער? ייִדישע יונגעלייט ווילן נדן... ווי נעמט מען, פון אַזאַ שווערער אַרבעט, נדן פאַר דער טאָכטער? אַז פון אַרבעט קען מען דאָ קיין לעבן נישט מאַכן, אַרבעט באַצאָלט זיך דאָ זייער ווייניק, מוזן זיך די ייִדישע יונגעלייט נעמען צו מסחר און צו דעם, פאַרשטייט זיך, מוז מען האָבן געלט... קען מען די יונגעלייט אויך נישט באַשולדיקן; אָבער נישט יעדער האָט „געמאַכט אַמעריקע“ דאָ אין פּערו. מען איז גענוג פאַרשוואַרצט געוואָרן ביז מען איז געקומען צו אַ שטיקל שטייגער; טעג און נעכט געשפּאַנט איבער די הייס־אַנגעגליטע גאַסן מיטן פּעקל אויף די פּלייצעס.

— אפשר האָט איר אַן עצה? אפשר וואָלט מיין טאָכטער געפאָרן קיין ארץ־ישראל? די חלוצים ווילן דאָך זיכער נישט קיין נדן, און אַז זי וועט שוין דאָרט זיין וועלן מיר שפּעטער אַהינפאָרן.

גאַנץ פרי, ווען דער קאַמיאָן (אָמניבוס) האָט געזאָלט אַוועקגיין קיין לימאַ, זענען אַלע פּלעצער געווען פאַרנומען. דאָס רוב רייזנדיקע פאָרן דאָ מיט אָמני־בוסן, ווייל דער באַן־פאַרקער איז נישט אַזוי אַנטוויקלט, אַזוי אַז יעדער שטאָט האָט אָמניבוס־סטאַנציעס פון פאַרשיידענע געזעלשאַפטן, וואָס פירן פּאַסאַזשירן אויפן אַמעריקאַנער סיסטעם און שטעלן זיך אָפּ יעדע שעה ערגעץ ווו אין אַ שטעטל אָדער שטאָט, ווו מען קען עפּעס איבערכאַפּן און ווייטער פאָרן. איר מוזט אָבער רעזערווירן אַ פּלאַץ מיט אַ פּאָר טעג פריִער. איך האָב אָבער געהאַט מזל; פּונקט דאַן האָט אַ ייִד, וואָס האָט זיך צוגעגרייט צו פאָרן קיין לימאַ, מיר איבערגעגעבן זיין פּלאַץ וואָס איז געווען אין סאַמע פראָנט.

ווען איך האָב פאַרנומען מיין פּלאַץ, האָב איך דערזען אַז איך זיץ צווישן צווי פּאַסאַזשירן וואָס האָבן אַזוי ברייטלעך צווישן זיך געשמועסט דייטש מיט אַן אמתן בערלינער אַקצענט. ווען איך האָב פאַרנומען מיין פּלאַץ, האָבן זיי ביידע

איינער דעם אַנדערן אָנגעקוקט מיט פאַרוווּנדערונג, ווי איינער רעדט: ווער איז דער פאַרשוין וואָס האָט זיך אַזוי ברייטלעך אַוועקגעזעצט צווישן ביידע... צו־ערשט טרויען זיי זיך נישט צו רעדן הויך, אָבער זעענדיק, אַז איך שענק זיי נישט קיין אויפמערקזאַמקייט, ווערן זיי וואָס אַמאָל דרייסטער. איך קוק אַרויס צו די שטויביקע וועגן רעכטס און לינקס און מיט ביידע אויערן הער איך איצט וואָס זיי רעדן צווישן זיך. עס האַנדלט זיך איצט אין דעם, ווער איז עס דער פּאַסאַזשיר? אַן אַמעריקאַנער? פּרוווט דער ערשטער טרעפן, — אַך ניין! — זאָגט דער אַנדערער — גיכער אַ פראַנצויז, זעסט דאָך, ער איז שוואַרץ... — וואָס זשע — וווּנדערט זיך דער ערשטער — טראָגט ער אַן אַמעריקאַנער העלם? אפשר אַן ענגלענדער? און וואָס צו אַלע שוואַרצע יאָר טוט ער דאָ? אפשר אַ געהיים־אַגענט פון דער אַמעריקאַנער זיכערהייטס־פּאָליציי?... — וואָס דיך קען איינפאַלן, פריץ — כאַפּט אים דער אַנדערער אונטער. — אָבער וואָס אַרט מיך ווער ער איז, די פּערואַנער רעגירונג האָט אונדז אַריינגעלאָזט לעגאַל, אויפן גרונט וואָס מיר האָבן פּערואַנער פּרויען... וואָס זשע קען אַמעריקע טון?

— אַנטאָן — וואָרנט אים דער צווייטער, — דו ווייסט גאָרנישט וואָס פאַר אַ טייוולאָנים עס זענען די אַמעריקאַנער... געדענקסט אין מאַרסעל? דאַכט זיך שוין געהאַט וויזעס קיין פּערו... און וויפל האָט געפעלט מען זאָל אונדז צוריק־שיקן קיין דייטשלאַנד?

איך פיל מיין פּנים ברויט, איך קען מער נישט באַהאַלטן דאָס וואָס קומט פאָר אין מיר... עפּעס פיל איך, אַז איך וויל זיך דאָ נוקם זיין אין די צוויי נאַציס, וואָס האָבן זיכער אויף זייער געוויסן נישט איין יידישן קרבן. די פראַגע איז בלויז, ווי אַזוי טוט מען עס? מיט אַמאָל האָט ביי מיר אַ געדאַנק אויפגע־לויכטן! איך האָב זיך דערמאָנט אין דער יידישער צייטונג וואָס דער ייִד אין טשיקלאַיאָ האָט מיר מיטגעגעבן. איך האָב שנעל אַרויסגענומען די צייטונג, אויסגעשפּרייט איבער דער לענג און דער ברייט, מיט די גרויסע יידישע אותיות פּונקט אין פּנים אַריין פון די צוויי נאַציס. ביידנס פּנימער האָבן מיט אַמאָל גענומען פלאַמען, ביי איינעם פון זיי איז די נאָז בלאַס געוואָרן. ביידע האָבן געקוקט דאָ אויף מיר, דאָ אויף דער צייטונג... און גענומען נערוועז פינטלען מיט די אויגן. דער ערשטער, וועלכער איז געזעסן גלייך נעבן מיר, האָט צווישן די ציין אַרויסגעקוועטשט „דאָנערוועטער, איין יודע!"

— גאָדעמעט! — האָב איך אויפן קול אויסגעשריִען אַ גוט־באַקאַנטע אַמע־ריקאַנער קללה. דער צווייטער האָט אויף מיר געקוקט מיט גרין־געליקע אויגן, ער איז נאָך רויטער געוואָרן, געוואָלט עפּעס זאָגן. אָבער דערזעענדיק מיין אָפּע־נעם, שאַרפן בליק מיט שנאה, פאַראַכטונג, האָבן זיינע בליקן זיך גלייך אַראָפּגע־לאָזט; ער האָט עפּעס געגנומען מורמלען אומפאַרשטענדלעכע ווערטער.

— שוויין! — האָב איך אַ געשריי געטון מיטן גאַנצן כוח.

ביידע האָבן איצט גענומען זוכן אַן אָרט ווי אַהינצוטון זייערע אויגן. דער אָמניבוס איז מיט איינמאָל שטיין געבליבן. דער שאָפער האָט אויסגערופן, אַז די פּאַסאַזשירן קענען דאָ אָראָפּגיין אויף דרייסיק מינוט עסן.

ווען אַלע פּאַסאַזשירן האָבן צוריק פאַרנומען זייערע פּלעצער, זענען ביידע פּלעצער נעבן מיר געבליבן ליידיק... ביידע שכנים מיינע זענען פאַרשוווּנדן ווי אין וואַסער אַריין...

אַרעקיפּאַ איז די וויטסטע געגנט פון פּערו, אויפן וועג צו דעם פּונקט ווו עס גרענעצן זיך די דריי לענדער: פּערו, באָליוויע און טשילע. ווען איר פליט דירעקט מיט אַן אינטערנאַציאָנאַלן אַעראָפּלאַן, באַמערקט איר אפשר נישט די שטאָט וואָס געפינט זיך טיף אין די קאָרדיליערן־בערג. ווען איר פליט מיט לאָקאַלע פלי־קאָמפּאַניעס, קומט איר קיין אַרעקיפּאַ, אַ שטעטל, וואָס זעט אויס אַלטערטימלעך מיט אירע אַלטע געביידעס פון ווער ווייסט וויפל יאָרן צוריק, אַרומגערינגלט מיט בלומען און די שענסטע פּאַלמען־ביימער. די שטאָט אַליין זעט אויס ווי אַ ים פון קאָלירן און פאַרבן. דער נאַציאָנאַלער טראַכט איז געוויינלעך אַ פּאַנטשאָ מיט אַ ברייטן קאַפּעליוש, וואָס באַקומט אין יעדן לאַנד אַן אַנדערן אויסזען. אַמאָל ווערט ער ברייטער, און אַמאָל, אונטן ברייט און אויבן שמאָל, ווי אַ היימישער קוימען, אָדער גאָר ווי אַ דאַך פון אַ שטיבל אין דער אַלטער היים. דער קאַפּעליוש איז פאַר דעם דאָרטיקן איינגעבוירענעם אַ באַשיצונג פאַר דער זון און פאַרן רעגן.

אַרעקיפּאַ פאַרמאָגט צען פאַמיליעס ייִדן. גייענדיק איבער די הויפּט־גאַסן פון שטאָט מיט אירע אַלטערטימלעכע גאַניקעס, קענט איר לייענען אַ פּאָר ייִדישע נעמען, און אין סאַמע צענטער פון שטאָט אַן אויפשריפט „לעאָן פעלדמאַן" — זענט איר שוין זיכער, אַז איר האָט געטראָפן אין אַזאַ וויטקייט אַ ייִד. אָבער לעאָן פעלדמאַן איז נישט בלויז אַ ייִד, נאָר אַ ייִדישער דיכטער וואָס שרייבט לידער אין ייִדיש און אין שפּאַניש. אַ בוך זיינס, וואָס איז ערשט נישט לאַנג דערשינען אין שפּאַניש מיטן נאָמען „לאָס מועוואָס", ווו ער שילדערט דעם קאָלאָריט פון פּערו, אירע בערג און באַזינגט אירע שיינע לאַנדשאַפטן, איז פון דער פּערואַנער קריטיק זייער גוט אויפגענומען געוואָרן.

„דער ייִדישער אימיגראַנט — האָבן די דאָרטיקע צייטונגען געשריבן — האָט אַזוי פיין אויפגעכאַפּט די שיינקייט פון אונדזער פּערואַנער סביבה".

אַרעקיפּאַ איז אויך אַן אוניווערזיטעט־שטאָט, און די פּראָפעסאָרן פון אוניווערזיטעט זענען מיט דעם ייִד, וואָס איז ביי זיי געקרוינט געוואָרן פאַרן „פּערואַנער נאַציאָנאַלן דיכטער", די בעסטע גוטע פריינט. לעאָן פעלדמאַן האָט אויך געשריבן אַ בוך אויף ייִדיש: בענקשאַפט־לידער, דערציילונגען און איבערלעבונ־

גען. אַ שאָד, וואָס איך האָב פאַרלוירן דאָס בוך וואָס ער האָט מיר מיטגעגעבן אַ מתנה פאַר דער ברייטער יידישער וועלט, וואָס קען זיך קוים פאָרשטעלן אַז דאָרט, ביי די ראַנדן פון די ריזיקע קאָרדיליערן־בערג באַזינגט אַ יידישער דיכ־טער די שיינקייט פון פערואַנער לאַנדשאַפטן, און באַוויינט דעם חורבן פון זיין בעסאַראַבער שטעטל מיט אַ ציטערדיקער בענקשאַפט...

צען יידישע משפחות פאַרמאָגט דאָס שטעטל. די יידן האָבן אַן אייגן שילעכל, ווו זיי קומען זיך צוזאַמען און האָבן יעדן שבת מנין — בין איך שבת געווען דער גאַסט פון די דאָרטיקע יידן, און פאַרנאַכט פאַר זיי איבערגעגעבן אַ גרוס פון דער גרויסער יידישער וועלט.

ווען איך בין אָנגעקומען אין טאַגנאַ, — די לעצטע פערואַנער גרענעץ־שטאָט, ווו איר טרעפט נאָך ביז היינטיקן טאָג אַ היפש ביסל אינדיאַנער, — האָט מיך די פערואַנער פּאָליציי גענומען אויף אַ שטרענגן פאַרהער. ווייזט אויס, אַז דעם וועג האָבן יידישע אימיגראַנטן אויך „אַנטדעקט״, אַ סימן, מיר האָט זיך אַלץ אויסגעוויזן, אַז איך האָב אין אַעראָפּלאַן געזען אַ פּאָר יידישע פּנימער וואָס זענען אַרויסגייענדיק פון אַעראָפּלאַן נעלם געוואָרן „ווי אין וואַסער אַריין״...

געפּאַקט האָט, הייסט עס, די פּאָליציי מיך, מיט אַ לעגאַלן פּאַספּאָרט און מיט אַ לעגאַלער וויזע...

***

פון טאַגנאַ קיין טשילע גייט אַ באַנדל. די טשילענער גרענעץ־פּאָליציי קומט אַרויף אין באַנדל איבערקוקן די דאָקומענטן. די פערואַנער איינוווינער וואָס פאָרן קיין טשילע האָבן אַ שטענדיקן דאָקומענט, וואָס דערלויבט זיי פריי אַריינצופאָרן קיין טשילע. גלאַט פּאַסאַזשירן פאָרן דעם וועג זעלטן, בפרט, אַז מיין פּאַספּאָרט האָט אויף זיך אַ פּאָר טוץ וויזעס, און אין טשילע איז די פּאָליטישע לאַגע אָנ־געשטרענגט... — הייבט זיך אָן אַ חקירה ודרישה: — וואָס, למשל, פאָר איך גראָד אויף דעם וועג קיין טשילע? — ווייל מיר געפעלט אַזוי — איז מיין ענטפער גאַנץ קורץ... — און וואָס, למשל, וויל איך טון אין טשילע? — האָבן אַן איב־טערוויו מיטן פּרעזידענט... דער גרענעץ־באַאַמטער פּינטלט מיט די אויגן, מעסט מיך אָפּ פון קאָפּ ביז צו די פיס... לייענט איבער מיין פּראָפעסיע „פּעריאָדיסטאַ״ (זשורנאַליסט), און ווערט וואָס אַמאָל ווייכער און פריינטלעכער, סאַלוטירט מיט אונטערטעניקייט און נעמט זיך צו די איבעריקע פּאַסאַזשירן.

דאָס באַנדל האָט מיך דערמאָנט אין אַן ענלעך באַנדל נישט ווייט פון מיין היימיש שטעטל: גערופן האָט מען עס „קאַנטשוגער באַנדל״. יידן פון אַרומיקע שטעט און שטעטלעך פון בלאַזשעוו, אין גאַליציע, וואָס פלעגן פאָרן צום בלאַזשעווער רבין, וועלן זיך זיכער דערמאָנען אין דעם באַנדל. די מאַשין האָט גיכער אויס־

געזען ווי אַ היימישער סאַמאָוואַר. די וואַגאָנדלעך, קליינינקע און מאָדנע. דאָס באַנדל פלעגט זיך אָפּשטעלן, ווען אַ פאַרשפּעטיקטער פּאַסאַזשיר פלעגט דעם קאָנדוקטאָר נאָכשרייען, אַז ער זאָל אויף אים וואַרטן. דעם געפיל האָב איך איבערגעלעבט ווען איך האָב זיך אַריינגעזעצט אין דעם באַנדל, אין טאַגנאַ.

אַזוי שנעל ווי מיר זענען אַוועק פון טאַגנאַ, זענען מיר אַריין אין אַ מדבר. אַרום — זאַמדיקער חלל וואָס האָט זיך געצויגן מיילן־ווייט; פון וואַנען עס האָבן געבלאָזן שטאַרקע ווינטן און אונדז פאַרשאָטן מיט ווייסן זאַמד, וואָס האָט זיך איינגעגעסן אין די אויגן, אין האַלדז און אין נאָז... קיין לעבעדיקן נפש איז נישט געווען צו זען אין דער אַרומיקער ברייטקייט.

נאָך צוויי שעה פאָרן האָט זיך באַוויזן אַ שטיבל (אַ מין „ראַנטשאָ״) און עס האָבן זיך געהערט געשרייען פון פּאַסאַזשירן וואָס האָבן געוואָרט ביי דעם „ראַנ־טשאָ״. דאָס באַנדל האָט זיך אָפּגעשטעלט. די פּאַסאַזשירן, אַרומגערינגלט מיט לאַנגע פּאָנטשאָס״ ביז איבערן קאָפּ, זענען אַריין, און אַזוי האָט זיך עס אַ פּאָר מאָל איבערגעחזרט, ביז מיר זענען ענדלעך אָנגעקומען קיין אַריקאַ, די טשילע־נער פּאָרט־שטאָט, וועלכע פאַראייניקט די דריי לענדער: טשילע, אַרגענטינע און באָליוויע.

אַריקאַ, איז אַ וואַסער־פּראָנט פון וואַנען עס גייען און קומען שיפן פון דער גאַנצער וועלט. זי איז פאַר באָליוויע אַ מין טראַנזיט־פּאָרט. טשילע האָט איר געגעבן די „פּריווילעגיע״ צו באַנוצן זיך מיט דעם פּאָרט. פון דאָרט גייט אַ באַן ביז באָליוויע. מיט דער זעלבער באַן קענט איר אויך קומען ביז אַרגענ־טינע, איבער סאַלטאַ. אויף שריט און טריט, ווו איר גייט נאָר, וואַרפט זיך אייך אין די אויגן גרינס און פּאַלמען־ביימער. די שטאָט איז ווי איינגעהילט אין אַ ים פון פלאַנצן.

דער באָליוויאַנער קאָנסול ראָט מיך נישט צו פאָרן קיין באָליוויע. היינט, מאָרגן וועט דאָרט וואַרשיינלעך אויסברעכן אַ רעוואָלוציע... די פּאָליטישע לאַגע איז אָנגעשטרענגט... איך האָב אים געפאָלגט. אַ פּאָר טעג שפּעטער איז טאַקע אויסגעבראָכן אַ רעוואָלוציע אין באָליוויע. מוז איך בייטן מיין מאַרשרוט און פאָרן קיין סאַנטיאַגאָ. אָבער מיט אַ שיף דאַרף עס דויערן וואָכן, און אַן אַעראָ־פּלאַן קען איך ערשט האָבן אין דריי טעג אַרום. איך האָב גענומען אַ צימער אין האָטעל „אַמעריקאַנאָ״.

צום ערשטן מאָל אויף מיין רייזע, אַז איך געפין זיך אין אַ שטאָט אָן ייִדן. די גאַסן זענען אין די פאַרנאַכטן אַזוי פאַרכשופט־שיין, אַז איר קענט נישט איינזיצן אויף איין אָרט און מוזט אַרומבלאָנדזשען איבער די גאַסן... די דאָרטיקע איינגעבוירענע זינגען און שפּילן אויף גיטאַרעס אַזעלכע מעלאָדיעס, וואָס צעגיסן זיך אַזוי האַרציק און וועקן בענקשאַפטן. איר קענט נאָך דאָרט

הערן „סערענאַדן" וואָס אַ יונגערמאַן זינגט אויס אין דער שטילער נאַכט אַריין, פאַרן הויז פון אַ מיידל, אין וועלכער ער האָט זיך פאַרליבט; נאַכט ביי נאַכט שטייט ער אויפן זעלבן פּלאַץ, און ראָמאַנטישע טענער צעגיסן זיך מיט ליבע פאַר דער אויסדערוויילטער סעניאָריטאַ, ביז זי האָט אויף אים רחמנות און ווייזט זיך אויפן באַלקאָן פון איר הויז... און אויב נישט, זינגט ער ווייטער... איר קענט דערפאַר שפּעט אין די נעכט הערן אַזעלכע מעלאָדיעס פון פאַרשיידענע זייטן.

זינגט דערפאַר יונג און אַלט אין אַריקאַ; עס זינגען די מאַטראָזן פון די שיפן, וואָס טראָגן זיך חדשים און יאָרן איבער ווייטע ימען; עס זינגען די פאַר־ליבטע. אַפילו אין האָטעל, ווו איך האָב זיך געפונען, האָט אַ כאָר פון גיטאַרעס געשפּילט צום טאַקט פון אַ נאַציאָנאַלן ליד, אַ מין טשילענער „טאַנגאָ". מיין בליק האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ טשילענער מיט אַ ברייטן שטרויענעם קאַפּע־ליוש, דאָס פּנים אָפּגעברענט פון דער זון, ווי די אַנדערע, אָבער עפּעס האָט ער פאַרט אויסגעזען אַנדערש ווי זיי אַלע. אויך ער האָט אויף מיר געהאַלטן אין איין קוקן. אונדזערע בליקן האָבן זיך אַ פּאָר מאָל צוזאַמענגעטראָפן און איך וואָלט שווערן, אַז דאָס זענען יידישע אויגן... האָב איך אָבער געטראַכט: מעגלעך, אַז איך מאַך אַ טעות. אַ סך לאַטיין־אַמעריקאַנער זעען אויס ווי יידן. אָבער ער קוקט פאַרט אויף מיר אַזוי נייגעריק. איך בין נענטער צוגעקומען צום טיש ווו ער איז געזעסן איבער אַ גלאָז ביר. דער ערשטער וואָס האָט אָנגעהויבן רעדן איז ער געווען: יעס סער! — האָט ער צו מיר גלאַט אַזוי אַ זאָג געטון — אַן אַמעריקאַן? (אַן אַמעריקאַנער?) — און וואָס אַמאָל האָט ער זיך צו מיר נענטער צוגעבויגן: — אפשר גאָר אַ ייד? — האָט ער שטיל און נישט זיכער אַ פרעג געטון. — זיכער — האָב איך געענטפערט. ער איז מיט איין מאָל אויפגעשפּרונגען מיט פרייד און מיר, צווישן דעם זינגענדיקן עולם, דערלאַנגט אַ „שלום עליכם".

— אַזוי גאָר, אַ ייד... אַ ייד... פון וואַנען קומט איר און וווהין פאָרט איר? מען זעט דאָ זעלטן אַ ייד, — האָט ער, נישט קענענדיק זיך באַרויקן, געהאַלטן איין איבערחזרן. — אַ ייד! — באַלד האָט ער מיך אַרויפגעפירט אויפן צווייטן שטאָק צו זיין משפחה, וואָס איז גליקלעך געווען צו זען אַ ייד אין אַזאַ ווייטן ווינקל פון דער וועלט.

— וואָס טוט אַ ייד אין אַזאַ פאַרוואָרפן ווינקל?

דערציילט ער מיר, אַז עטלעכע מאָל איז ער שוין אַוועק קיין סאַנטיאַגאָ, ווו עס איז פאַראַן אַ גרויסע יידישע קהילה, כדי צו זיין מיט יידן צוזאַמען; אָבער עס שלעפּט אים צוריק קיין אַריקאַ. פאַרוואָס?

— איר פאַרשטייט, — זאָגט ער מיר — אָפט קומט מיר דאָ אויס צו באַ־געגענען פאַרבלאָנדזשעטע יידן וואָס וואַנדערן אַרויס איבער דער וועלט, ווער

מיט אַ ציל און ווער גלאַט אַזוי, אָן אַ ציל... אַ סך מאָל דאַרף מען דאָ אַ ייִדן אַ טובה טון... אַמאָל טרעפט, אַז אַ ייִדישער אימיגראַנט, וועמען מען לאָזט נישט אַריין אויף אַ לעגאַלן אופן ערגעץ אין די דריי לענדער וואָס זענען פון דאַנען אַזוי נאָענט: פּערו, טשילע און אַרגענטינע, — מוז איך זיך משתדל זיין. באַקאַנט־שאַפט האָב איך דאָ און אַ טובהלע קען איך טון... וואָס וואָלטן די ייִדישע נע־ונדניקעס, וואָס ווערן דאָ פאַרוואָרפן, געטון אָן מיר?...

אין סאמע צענטער פון שטאָט האָט דער איין־און־איינציקער ייִד פון אַריקאַ אַ געשעפט. אַלע ווייסן, אַז ער איז אַ כודיאָ, דאָס געשעפט זיינס איז אַ מין „הילפס־געזעלשאַפט”, אַ באַראַטונגס־שטעלע, אַ „קאָנטאָר” און אַ טראַנספּאָרט־געזעלשאַפט פאַר ייִדישע אימיגראַנטן וואָס פאָרן היינט צו טאָג אויס די גאַנצע וועלט. איז טאַקע אַ פראַגע: וואָס וואָלטן ייִדישע נע־ונדניקעס געטון אָן דעם איינ־ציקן ייִד אין אַריקאַ?

און ער האָט אַ סך צו דערציילן אויף וואָס פאַר אַ וועגן ער האָט געהאָלפן ייִדישע דורכוואַנדערער, דאָרט, אין ווייטסטן ווינקל פון דער וועלט.

פערו — דאָס לאַנד פון די אינקאַס

קיין לימא בין איך אָנגעקומען מיט אַן אָמניבוס, וואָס האָט אָנגעהויבן די רייזע פון דער עקוואַדאָריאַנער גרענעץ־שטאָט טומבוס, פאָרנדיק מיטן „פאַן־אַמעריקאַנער וועג״, וועלכער פאַרבינדט ביידע לענדער, שניידט דורך די פערואַ־נער זאַמדיקע, טרוקענע וויסטענישן און אומבאַוווינטע געגנטן. אין יענער שטאָט דאַרפט איר איבערנעכטיקן און בייטן דעם אָמניבוס און ווייטער פאָרן. אויף א מהלך פון טויזנטער מייל, ווו אייער אויג דערגרייכט נאָר, שפּרייטן זיך טרוקענע, נאַקעטע פעלדער וואָס ליגן פאַרשרפעטע פון דער זון און חלשן נאָך א טראָפּן וואַסער. זעלטן ווען עס באַווייזט זיך אַ צייכן פון אַ לעבעדיק נפש צווישן די פעלדזן־שטיינער און זאַמדיקע פעלדער. ווען דער אָמניבוס דערנענטערט זיך צו אַ מענטש־לעכן ישוב, דערזעט איר אויף די פעלדער אביסל גרינס וואָס ווערט אמאָל געדיכ־טער און קוקט דאָ אויס ווי א פאַרכשופטער דיוואַן פון „טויזנט און איין נאכט״, דעקט צו אויף אַ ווייל די נאַקעטקייט פון די פעלדער. אַזוי שנעל ווי איר פאַר־לאָזט די שטאָט, פאַרשווינדט דער פאַרכשופטער דיוואַן און איר געפינט זיך ווידער צווישן לויטערן, זוניקן הימל וואָס ברענט ווי אַ קאַלך־אויוון. און ווידער ציִען זיך פאַר אייך פאַרביי נאַקעטע פעלדזן, פעלדער פון וואַנען עס טראָגן זיך גאַנצע וואָלקן שטויב און זאַמד. איר דאַרפט האַלטן אין איין ווישן דאָס מויל, די נאָז און די אויגן.

נאָענט צו דער פערואַנער הויפּטשטאָט ווערט דער גרינער, פאַרכשופטער דיוואַן ברייטער און גרעסער. וואָס נענטער איר קומט צו דער שטאָט, אַלץ שענער און לעבעדיקער ווערט די לאַנדשאַפט. ווען דער אָמניבוס שניידט דורך די ערשטע גאַסן פון לימאַ, פאַרגעסט איר אינגאַנצן, אַז ערשט מיט א קורצער צייט צוריק זייט איר געווען אין א מדבר: ברייטע אַלעען מיט פּראַכטפולע געביידעס, ברייטע פּאַרקן מיט בלומען, היסטאָרישע דענקמעלער, מאָדערנע גאַסן פול מיט באַוועג־גונג. דעם ערשטן איינדרוק וואָס לימאַ מאַכט אויף אייך, — נאָכדעם ווי איר האָט געהאַט די געלעגנהייט אַראָפּצוּוואַרפן פון אייך דעם זאַמדיקן שטויב און כאַפּן דעם ערשטן שפּאַציר איבער אירע גאַסן, — איז, אַז זי איז, ווי איר באַפעל־

קערונג, א געמיש פון פארשיידענע פאָרמען און טראַדיציעס; א מין קאָמבינאַציע פון אַמאָליקער שפּאַנישער טראַדיציע און אַמעריקאַנער מאָדערניזם. מיט איר נאַטור־שיינקייט איז לימאַ ענלעך צו דער בראַזיליאַנער הויפּטשטאָט ריאָ דע זשאַנעיראָ; מיט איר אימפּעטיקער און רוישיקער באַוועגונג איז זי ענלעך צו אַן אַמעריקאַנער שטאָט; מיט איר סטיל איז זי, מער ווי אַלע אַנדערע לאַטייך־אַמעריקאַנער הויפּטשטעט, ענלעך צו שפּאַניע. ווען איר מאַכט אייער ערשטן שפּאַציר איבער דער „אַווענידאַ אַרכענטינאַ" און איר זעט די צענדליקע קאַטעדראַלן מיט זייערע קופּאָלן וואָס שפּיגלען זיך אין דער מילדער זון, דערמאָנט איר אייך אין „קאַזשע פּרינציפּע" אין מאַדריד, אָדער אַזאַ ענלעכע גאַס אין באַרצעלאָנאַ. ווען איר פאַרנעמט זיך פון דאָרט צו „כיאָן יוניאָן", האָט איר דעם איינדרוק, אַז דאָס געפינט איר זיך אויף דער ניו יאָרקער „פיפט עוועניו"; שווער זיך דאָ דורכצוריַיסן א וועג צווישן דער מענטשן מאַסע וואָס שפּאַצירט דאָ. די איינוווינער פון לימאַ קויפן דאָ איין פאַרשיידענע אַרטיקלען אין די מאָדערנע און שיין אויסגעשטאַטע געשעפטן, וועלכע זענען געפּאַקט מיט די פיינסטע סחורות: די לעצטע מאָדעס פון פרויען קליידער, עלעקטרישע מאַשינען, מענער קאָנפעקציאָן, מעבל מאָדעלירט א לא „פיפט עוועניו" פון ניו יאָרק, און צענדליקער אַנדערע געברויך־אַרטיקלען.

ווען די געשעפטן ווערן פאַרמאַכט און די בלויע הימלען פאַרציִען זיך מיט אַ פאַרנאַכטיקער טונקלקייט און פון אַלע זייטן בלאָזן מילדע, לייכטע ווינטלעך, צינדן זיך אָן הונדערטער נעאָ־ליכט וואָס שימערירן מיט רעקלאַמעס פון פאַרשיידענע אַרטיקלען און אויסאַרבעטונגען. פאַרשטייט זיך, אַז אַמעריקאַנער פּראָדוקטן פאַרנעמען דאָ דעם אויבנאָן. אויפפאַלנד ווערן אייך די ליכטיקע שילדן פון די באַלויכטענע „שיפאַס" — די כינעזישע רעסטאָראַנען, מיט וועלכע די גאַסן פון לימאַ זענען פול. זיי דערמאָנען, מיט זייער אויסערלעכן און אינערלעכן אויסזען, די אַמעריקאַנער פּאָפּולערע כינעזישע „טשאָפּ סוִיס", און די העל־באַלויכטענע קינאָ־טעאַטערס דערציילן אייך אין זייערע פּראָגראַמען די סאַמע לעצטע בילדער. עס ווערט אייך אויפפאַלנד, גייענדיק איבער די גאַסן אין לימאַ, וואָס איר ווערט דאָ נישט באַלעסטיקט פון בעטלער, מיט וועלכע די גאַסן פון אַנדערע לאַטיין אַמעריקאַנער שטעט זענען פול און א ניי־געקומענער קאָן זיך פון זיי שווער אַרויסדרייען. איר וווּנדערט זיך: איז טאַקע פּערו אַזוי רייך, אַז זי פאַרמאָגט אינגאַנצן נישט קיין בעטלער? מען האָט מיר דערציילט, אַז בלויז איין טאָג אין וואָך איז די בעטלער דערלויבט צו באַנוצן זיך מיט זייער פּראָפעסיע. איר זעט אויך אין די גאַסן פון לימאַ ווייניק אינדיאַנער; איז אייך ווידער אויפפאַלנד וואָס אין לאַנד פון די אינקאַס, וווּ אַ העלפט פון אירע איינוווינער ביזן היינטיקן טאָג זענען אינדיאַנער, זעט מען זיי אַזוי זעלטן אין לימאַ.

פּערו מיט אירע אַריבער אכט מיליאָן איינוווינער, קאָן מען איינטיילן אין דריי פאַרשיידענע טיילן וואָס זענען אַנדערש איינער פון אַנדערן מיט זייער כאַראַקטער, אויסזען און לעבנס־ניוואָ: איין טייל געפינט זיך אין די זאַמדיקע מדבריות און אין איר פלאַכלאַנד אַרום איר ים־ברעג. דער צווייטער טייל איז אין די אַנדן־בערג, וווּ מענטשלעכע ישובים געפינען זיך אין סאַמע מיטן פון די בערג וואָס דערגרייכן אַמאָל די הויכקייט פון טויזנטער פוס איבער דעם ים־פלאַך. און דער דריטער טייל וועלכער רופט זיך „מאָנטאַנאַ“, איז אינגאַנצן נישט אַנטוויקלט, געפינט זיך אין אַ פּרימיטיוון צושטאַנד. דריי פּערואַנער שטעט כאַראַקטעריזירן אַמבעסטן די דערמאָנטע דריי טיילן: לימאַ, די הויפּטשטאָט וואָס יחוסט זיך מיט איר אַמאָליקן וויצע־קעניגטום, אַפילו קעגניבער אַנדערע לאַטייַן־אַמעריקאַנער הויפּטשטעט. זי רופט זיך די „שטאָט פון די קעניגן“; קוזקאַ — מיט איר אַלטער פאַרגאַנגענהייט פון די אינקאַס, און — איקוטאָס, די גרענעץ־שטאָט פון די אַמאַזאָנען, וועלכע איז געבענטשט מיט גומי־פּלאַנטאַציעס, צוקער און אַנדערע מינעראַלן. דאָס זענען אַזוי צו זאָגן די הויפּטשטעט פון די דריי טיילן וואָס לייגן דעם חותם אויף זייערע איינוווינער. חוץ דעם, האָט יעדער שטאָט דאָרט אַ מין „יחוס עצמו“, וואָס שטאָלצירט קעגן דער אַנדערער וועלכע זי איז מקנא... די אינדיאַנער פון קוזקאַ און אַזשאַקוטשאַ זענען די מער ציוויליזירטע פון לאַנד; זיי יחוסן זיך מיט דעם, וואָס זיי זענען די יורשים פון דער אַמאָליקער רייכער אינקאַ־קולטור. מ׳רופט זיי אין פּערו די אינדיאַנער פון „סיערראַ סעלוואַ קאַסטאַ“. זיי צייכענען זיך אויס מיט אַ באַזונדערער אַרבעטס־פעיִקייט, שטריקן אויס די שענסטע קינסטלעכע האַנט־אַרבעטן, שמידן אויס די טייערסטע זילבערנע כלים אין אַזעלכע פאַנטאַסטישע מוסטערן, וואָס ווערן באַוווּנדערט פון טוריסטן פון דער גאַנצער וועלט. קערפּערלעך זענען זיי אויך די געזונטסטע צווישן די אַנדערע אינדיאַנער. די רעזערוון פון דער פּערואַנער אַרמיי קומען פון יענע געגנטן. מיט שטאָלץ וועט אייך אַ דאָרטיקער איינוווינער זאָגן — סאָי קוזקענאָ! (איך בין פון קוזקאַ), וואָס דאָס מיינט, נאַטירלעך, אַ סך מער, ווי גלאַט עפּעס אַן אינדיאַנער. בכלל וועט זיך אַ פּערואַנער קיינמאָל נישט באַרימען, אַז ער איז אַ פּערואַנער. דער איינוווינער פון לימאַ וועט אייך מיט שטאָלץ זאָגן: — סאָי לימענאָ! (איך בין פון דער הויפּטשטאָט לימאַ); דער איינוווינער פון דער פּאָרט שטאָט קאַזשאַאָ וועט אייך נאָך שטאָלצער זאָגן — סאָי שאַלאַקאָ! אָדער סאָי פּאָרטענאָ! (פון דער פּאָרט־שטאָט); ער האָט נישט ליב דעם לימענאָ פאַר זיין פּוסטער גאווה. דער איינוווינער פון אַריקופּאַ — די צווייטע שטאָט פון לאַנד — יחוסט זיך ווידער מיט איר ליבעראַלן גייסט און מיט דעם, וואָס אַלע רעוואָלוציעס קעגן די הערשנדע פּערואַנער רעגירונגען האָבן זיך אָנגעהויבן אין אַריקופּאַ. מען רופט די שטאָט אין פּערו „סיודאַד בלאַנקאַ“ (די ווייסע שטאָט). אירע גאַסן און

הייזער זענען געבויט פון ווייסן ווולקאַן־שטיין. די שטאָט איז אַ געמיש פון דריי קולטורן; איר קאָנט גייענדיק איבער די דאָרטיקע גאסן זען הייזער פון קאָלאָניאַלן סטיל, אינדיאַנער סטיל און מאָדערנעם סטיל. פאַראַן דאָרט הייזער, וועלכע זענען געבויט געוואָרן פון די שטיינער פון אַלטערטימלעכע אינקאַ־געביידעס דורך די פעזיקסטע שפּאַנישע אַרכיטעקטן אין דער קאָלאָניאַלער עפּאָכע, און צו לעצט — מאָדערנע געביידעס געבויט פון אַמעריקאַנער אַרכיטעקטן. די גאסן פון דער ווייסער שטאָט, מיט זייערע לאַנגע גאַניקעס, דיקע מויערן און פאַרשיידנאַרטיקע אַרכיטעקטורן, שטעלן מיט זיך פאָר אַ קאָלירפולן אַנבליק. די לאַנגע קייטן בערג, וואָס הענגען אַראָפּ איבער דער שטאָט, גיבן איר צו מער רייץ. זי איז אַן אַנציִונג פאַר נייגעריקע טוריסטן פון גאָר דער וועלט. זי געפינט זיך אויפן וועג צו דער בארימטער שטאָט קוזקאָ, די אמאָליקע קעניגרייך פון די אינקאַס.

פון דער גרויסער צאָל אינדיאַנער וועלכע פּערו פאַרמאָגט, קאָנען פּונקט פּראָצענט בכלל נישט קיין שפּאַניש. זיי רעדן די צוויי אינדיאַנישע שפּראַכן „קיטשוואַ" אָדער „אימאַראַ". דער אַנאַלפאַבעטיזם איז דאָרט זייער גרויס; זיי ווייסן נישט נישט בלויז וואָס עס טוט זיך אין דער דרויסנדיקער וועלט, נאָר אַפילו נישט אין זייער אייגענער הויפּטשטאָט. זיי לעבן אין אַ שוידערלעכער אָרעמקייט און אָפּגעלאָזנקייט. אין אריקופּאַ קאָנט איר זיי באַגעגענען אין אַ גרויסער צאָל. די קאַלטע שניי באַדעקטע בערג, צווישן וועלכע זיי וווינען, און די קאַפּריזנע נאַטור דאָרט, זענען נישט פּרוכטבאַר אַרויסצובריינגען פאַר אים זיין אָרעם, דאַר פּלעצל און אַביסל „טשיטשאַ". רייסט ער זיך, דער אינדיאַנער, אין שטאָט אַריין כדי צו שטילן זיין הונגער. פּערו פאַרמאָגט אַן ערך פון פיר מיליאָן אינדיאַנער לויט דעם צענז פון יאָר 1940; דאָס איז נישט די ריכטיקע צאָל, ווייל די אינדיאַנער האַלטן בטבע נישט פון אַ צענזוס. דאָס איז די סיבה פאַרוואָס פּערו איז היינט צו טאָג די ערשטע אויף דער ליסטע פון אויסאַרבעטן קאָקאַין, און טאָקע פון די, וועלכע געברויכן אַליין דעם שעדלעכן באַטויבונגס־מיטל. אין פּערו געפינט זיך אַ גאָר גרויסע צאָל קאָקאַ־בלעטער פון וועלכע עס ווערט געמאַכט דער ווייסער קריסטאַליזירטער פּודער און איינגעטיילט אין פאַרשיידענע סאָרטן... אין די פּערואַנער אַנדן־בערג קענט איר די גרינע קאָקאַ־בלעטער זען וואַקסן אין דער הויכקייט פון אכט פוס. זיי שפּרייטן זיך אויס איבער גאַנצע שטרעקעס, ווי למשל, די ווייץ־פעלדער אין קענזאַס סיטי, אָדער ווייַנגערטנער אין מענדאָסאַ. זיי ווערן גוט קולטיווירט, אָפּגעהיטן און שפּעטער פּאַרזיכטיק, פּאַכמעניש באַארבעט. פון דאַנען געפינען זיי אַ וועג צו די פאַרשיידענע פּאָרטן, און פון דאָרט, מיט אומ־לעגאַלע שיפן, צו לענדער און שטעט, ווו זיי פאַרקריפּלען און צעשטערן טויזנטער לעבנס, אַ סך מער ווי די שווארצע פּעסט. די פּערואַנער אינדיאַנער האָבן די בלעטער אָנגעהויבן באַנוצן נאָכדעם ווי די שפּאַניער האָבן פאַרכאַפּט דאָס לאַנד,

כדי צו שטילן זייער הונגער, נויט און צרות, וואָס זיי האָבן געליטן פון די אָריינ־דרינגער. און אַזוי ארום איז ער שטאַרק פאַרשפּרייט געוואָרן צווישן די אינדיאַ־נער דאָרט. די מינען־אַרבעטער, וואָס אַרבעטן אין אַ הויכקייט פון טויזנטער מעטער איבער דער ים־פלאַך, האָבן אָנגעהויבן נוצן קאָקאַ־בלעטער, כדי צו באַ־קעמפן די באַרג־קראַנקייט „פונא", וועלכע קומט פון הויכקייט. אין באָליוויע, ווו די מינען־אַרבעטער אַרבעטן אין א הויכקייט פון פינף ביז זעקס טויזנט מעטער די הויך, איז קאָקאַ אַ טאָג־טעגלעכער שפּייז. לויט דעם אָפיציעלן באַריכט פון דעם אינטערנאַציאָנאַלן ביוראָ צו באַקעמפן די פאַרשפּרייטונג פון דעם שעדלעכן סם, זענען אין איין יאָר צייט פאַרברויכט געוואָרן אין פּערו צען טויזנט טאָן קאָקאַ־בלעטער...

ווען איר קומט אין דער פּערואַנער פּאָרט שטאָט קאַזשאַאָ, קאָנט איר זיך אָנשטויסן אין אַן אָפענעם האַנדל מיט קאָקאַ, וועלכער גייט דאָרט אָן פראַנק און פריי, נישט געשטערט פון קיינעם. די דאָרטיקע קאָקאַין־פּעדלערס, וואָס זענען צום גרעסטן טייל אַליין אויך געברויכער און זענען גוטע מבינים פון אַלע סאָרטן און זייער ווירקונג, וועלן אייך אויסרעכענען אַלערליי מינים קאָקא און די מעלות וואָס יעדער פון זיי פאַרמאָגט. איר דאַרפט וויסן, אַז ווי אין אַלע אַרטיקלען, זענען דאָ פאַראַן ערגערע און בעסערע סאָרטן. קאָקא אַליין זענען די בלעטער וואָס די פּרימיטיווע אינדיאַנער קייען, ווי די אַמעריקאַנער למשל טשואינג גאָם. עס ווערן אָבער אויסגעאַרבעט בעסערע קוואַליטעטן, ווי „פּיטיקאַטאַ", און נאָך אַ פיינערער סאָרט, וועלכער רופט זיך דאָרט „לאַ דיאָסאַ בלאַנקאַ" (די ווייסע געט־טין); דאָס זענען פּולווער־פּראָשקעס וואָס האָבן אַן אינטערנאַציאָנאַלן אָפּזאַץ איבער גאָר דער וועלט, ערגעץ ווו אין אַ ניו־יאָרקער „טשיינע־טאַון" (דער ניו־יאָרקער כינעזישער קוואַרטאַל); אָדער אין האַרלעם; אין קאַיראָ און אין באַגדאַד; אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל און יאָהאַניסבורג — קענט איר טרעפן בעלנים אויף די פיין אויסגעאַרבעטע מינים סם... אָנשטאָט צו קייען די בלעטער, ווי עס טוען די פּשוטע אינדיאַנער, דאַרף מען דעם סאָרט שמעקן, ווי די אַמאָליקע טאַבאַק־שמעקער אין דער אַלטער היים, און מ'דאַרף צו דעם אפילו ניט קיין טאַבאַק־פּושקע... די „קאָקאַ־הויפּטשטאָט" — אַזוי רופט מען אין פּערו די שטאָט קאַזשאַאָ. אינטערנאַציאָנאַלע אָפּיום־שמוגלער וויסן עס גאַנץ גוט, אַז דאָרט קאָן מען לייכט אַרויסבאַקומען די סחורה און זי אויך אַרויסבאַקומען מיט פאַרשיידענע שיפן פון פּאָרט.

קאַזשאַאָ מיט איר הויפּט־צענטער פון שטאָט מאַכט אַ שיינעם איינדרוק. פּאַרקן אָנגעפילט מיט היסטאָרישע דענקמעלער באַגעגנט איר דאָ מער קאָנצענט־רירט ווי אין לימאַ די הויפּטשטאָט. די הויפּט־גאַסן זענען דאָ ברייט און גרויס, די באַוועגונג רויק און שטיל. און ווי אין די אַנדערע שטעט ווינקען צו אייך

פון פאַרשיידענע זייטן אַ ים מיט בלומען. צוליב איר פּאָרט קאָנט איר דאָרט טרעפן מאַטראָסן פון אַ סך פעלקער; דאָס זענען די בעסטע קונים פאַר דער קאָקאַ־פּראָדוקציע וואָס ווערט דאָרט פאַרקויפט פריי און אָפן. אַמאָל פאַרגלוסט זיך אַ מאַטראָס צו כאַפּן אַ זייטיק פאַרדינסטל — אַריינשמוגלען אַביסל אָפּיום, און אָפט איז דאָס אַן אָרגאַניזירטע שמוגלער־באַנדע, וועמענס הויפּט־אַגענטן עס זענען, נאַטירלעך, די מאַטראָסן, וואָס באַקומען זייער חלק פאַרדינסט. איר דאַרפט בלויז אָפּגיין אַ פּאָר גאַסן פון הויפּט־צענטער און מען לייגט אייך פאָר די פאַרשיידענע סאָרטן קאָקאַ, אויסרעכנענדיק די מעלות פון יעדער סחורה באַזונדער. „אַמעריקאַנאַ — האָט זיך צו מיר גאַנץ פריי געווענדט אַזאַ פאַרקויפער — נעם אַביסל „לאַ דיאָסאַ בלאַנקאַ“ און איך פאַרזיכער דיר, אַז וועסט אַ סך מער הנאה האָבן ווי פון בעסטן נאַכט־קלוב אויף בראָדוויי... — זעענדיק, אַז איך האַלט זיך צו אַ ניי־געריקער צו זיינע ווערטער, איז ער געוואָרן נאָך דרייסטער: — נעם דיר אָט דעם פּראָשעק פריי, דאַרפסט מיר נישט באַצאָלן, גיי אין דיין האָטעל און כאַפּ אַ שמעק און ביסט אין גן עדן... האָסט זאָרגן? דיין געליבטע האָט דיך פאַרלאָזט? נעמסט אַביסל פון אָט דעם, און אַלץ פאַרשווינדט — ביסט אַ נייער מענטש, אויס צרות... אַ נייע וועלט, — האָט ער אַ האַלב פאַרשכורטער צו מיר גענומען מורמלען — , איין שמעק און וועסט שוין שפּעטער קומען אַליין... — האָט ער הנאה געהאַט פון דעם, וואָס איך הער זיך גוט צו, און באַטראַכט אים אַזוי ערנסט... — נעם, אַמעריקאַנאַ, נעם... עס קאָסט נישט קיין געלט“...

די פּערואַנער רעגירונג איז שטאַרק באַזאָרגט וועגן דער פאַרשפּרייטער קאָקאַ־מגיפה ביי זיך אין לאַנד. מיט אַ צייט צוריק האָט זי זיך געווענדט צו דער ספּעציעלער קאָמיסיע פון דער „יונאָ“ צו שיקן אַ קאָמיסיע קיין פּערו, וועלכע זאָל איר העלפן באַקעמפן די מגיפה. ווען די נייעס איז באַקאַנט געוואָרן אין קאַזשאַאַ, האָבן די אינטערנאַציאָנאַלע הויפּט־ליפעראַנטן אויף שנעל אָפּגעליידיקט די סקלאַדן מיט סחורות, זיך דערשראָקן. די לאָקאַלע סוחרים, אָבער, וואָס פאַר־קויפן קאָקאַ‍ין פאַרן אייגענעם געברויך, האָבן זיך וויניק וואָס געזאָרגט...

***

דער וועג פון אַריקופּאַ קיין קוזקאָ איז איינע פון די אינטערעסאַנטסטע וואָס קומט אייך אויס דורכצופאָרן. וואָס אַמאָל העכער אַרויף שניידט די באַן דורך בערג, טונעלן, וואָס מער איר דערנענטערט זיך קיין קוזקאָ, אַלץ מער פאַרשווינדט דער שפּאַנישער אויסזען פון דער אַרומיקער סביבה, און פאַר אייערע אויגן אַנטפּלעקט זיך אַן אַלטע אינדיאַנישע קולטור, וועלכע איז דאָ מיט הונדערטער יאָרן צוריק אַזוי טיף פאַרפעסטיקט געוואָרן, אַז די שפּעטערדיקע שפּאַנישע אַריינ־

דרינגער זענען נישט אימשטאַנד געווען זי אויסצוואָרצלען און אָפּמעקן. די הייזער, קירכן און פעסטונגען זענען נאָך פאַרבליבן ביזן היינטיקן טאָג. זיי זענען געבויט פון אַזעלכע מאַסיווע דיקע שטיינער; אַ טייל פון זיי אַזוי דיק ווי צוויי אויטאָמאָבילן. איר זעט נאָך היינט די וועגן און שטעגן וואָס פירן פון די דיקע מאַסיווע מויערן, וואָס זענען איבערבלייבעכצן פון אַמאָליקע פעסטונגען. ווי אַזוי זיי האָבן אַט די ריזיקע שטיינער אויסגעהאַקט פון די בערג אָדער פון טייכן און ווייטע וועלדער ווו זיי זענען געוואַקסן און זיי שפּעטער אַרויפגעטראָגן צו די געביידעס— בלייבט אַ סוד ביזן היינטיקן טאָג. קיין פערד און מאַשינען אויפצוהויבן די שטיינער זענען דאַן נישט געווען און אויך נישט קיין דינאַמיט. אָבער מער פון אַלעמען וווּנדערט איר זיך, ווי אַזוי זיי האָבן די שטיינער אריינגעפּאַסט איינעם צום אַנדערן מיט אַזאַ פּינקטלעכקייט, אַזוי קינסטלעריש, — דער בעסטער קאָנסטרוקטאָר וואָלט עס בעסער נישט געמאַכט. די פּיראַמידן אין עגיפּטן זענען נישט אַזוי צוגעפּאַסט, ווי עס זענען האַרמאָניש צוגעפּאַסט די ריזן־פעלדזן פון דער פעסטונג „שאַקסהומאַנאַ״, וואָס געפינט זיך אויסער דער אַלטער אינדיאַנישער שטאָט. אַנטקעגן די ווענט זענען פאַראַן דיקע, מאַסיווע פעלדזן וואָס זענען איבער פינף און צוואַנציק פוס הויך און צוועלף פוס דיק. די אינדיאַנער האָבן נישט בלויז אויסגעבויט די געביידעס, נאָר זיי דעקאָרירט און אויסגעפּוצט און געפאַרבט מיט די פּאַסיקע פאַרבן. אַ טייל וויכטיקע געביידעס זענען אויף אַ טייל שטעלן אויך באַדעקט געוואָרן מיט גאָלד. אין דעם „טעמפּל פון דער זון״ זענען די ווענט באַדעקט מיט גאָלד און זילבער־ראַמען. נאָך אין דער צייט פון צוועלפטן יאָרהונדערט האָבן די אינדיאַנער פון אינקאַ־קעניגרייך אויסגעבויט אַ וועג, פון וועלכן עס זענען נאָך ביזן היינטיקן טאָג פאַרבליבן טויזנטער קילאָמעטער, וואָס ציען זיך איבער דעם שכנהשן עקוואַדאָר פון פּערו. ערשט מיט אַ צייט צוריק איז אַן אַמעריקאַנער אַרכעאָלאָגישע קאָמיסיע געקומען קיין קוזקאָ, כדי צו שטודירן און אויספאָרשן די קאָנסטרוקציע פון יענע וועגן, וואָס זענען אפילו געווען פאַרבונדן מיט בריקן, וואָס זענען אויסגעבויט געוואָרן פון אינקאַ־אינזשעניערן, דאַן ווען אין אייראָפּע האָט מען אינגאַנצן נישט געוווּסט פון אַ וועג. נאָר געפאָרן מיט וועגענער איבער פאַרוואַקסענע פעלדזן און גריבער. אינקאַ־אינזשעניערן האָבן דורכגעבראָכן ריזיקע טונעלן און אויסגעבויט בריקן איבערן טייך טשאַסמאַ אין די אַנדן. איינע פון יענע בריקן, וואָס איז צוזאַמענגעבראָכן אין 18טן יאָרהונדערט, איז געווען אַ טעמע פאַר אַ בוך פון דעם וועלט־באַרימטן רייזנדער טהאָרנטאָן. יענער וועג הייבט זיך אָן פון די דזשאָנגלס פון עקוואַדאָר ביז צו דעם פּערואַנער ים־ברעג, שניידט דורך אַ טייל פון די אַנדן־בערג, ווו ער איז זעקס ביז זיבן טויזנט פוס הויך איבער דעם ים־פלאַך.

דאָס קעניגרייך פון די „אינקאַס״ האָט פאַרמאָגט אַזוי פיל גאָלד, אַז דער

פאלאץ און גאָרטן פון „אינקא״, דער הערשער פון קעניגרייך, איז געווען אויס־געצירט מיט גאָלד און זילבער. לאַנגע שורות פון קוקורוזן, אויסגעגאָסן פון גאָלד מיט זילבערנע בלעטער, האָבן זיך געצויגן איבערן גאָרטן, באַצירט מיט דיקע טראַלדען וואָס האָבן געפלאַטערט נאָכן ווינט נאָך. חיות און בהמות אויסגעהאַקט פון גאָלד. אָבער גאָלד אליין איז נישט געווען דאָס איינציקע מיט וועלכע דאָס אַמאָליקע אינקא־קעניגרייך האָט זיך אויסגעצייכנט. זיי האָבן אויך געהאַט א מוס־

דער „טעמפל פון דער זון״ אין קוזקא

טערהאַפטן רעגירונגס־סיסטעם. די ערד איז איינגעטיילט געוואָרן אין דריי טיילן: איין טייל פאַר דער זון, איין טייל פאַר דעם אינקא און דער דריטער טייל פאַרן פאָלק. אַזוי זענען אויך איינגעטיילט געווען די בהמות און די מכשירים פאַר פעלד־אַרבעט. די אַרבעט און די צייט זענען אויך איינגעטיילט געוואָרן: צוערשט זענען קולטיווירט געוואָרן יענע פעלדער, וועלכע האָבן אויסגעהאַלטן דעם טעמפּל פון דער זון, נאָכדעם האָט מען באַארבעט יענע פעלדער, וואָס האָבן אויסגעהאַלטן די אַלטע לייט און קינדער און די וואָס זענען געווען אומפעיִק צו אַרבעטן; דאַן ערשט האָט מען באַארבעט יענעם טייל וואָס געהערט צום אינקא־הערשער. יעדער אַרבעטס־פעיִקער מענטש האָט געמוזט אַרבעטן און די אַרבעט איז צוגעפּאַסט געוואָרן צו זיינע פעיִקייטן. קיינער האָט נישט געטאָרט אַרומגיין ליידיק, און קיינער האָט נישט געטאָרט הונגערן, אָדער צו באַגיין אַ וועלכן עס איז פאַרברעכן. ווען אַ קינד איז אַלט געוואָרן פינף יאָר האָט אים די רעגירונג אוועקגענומען און אים אויסגעבילדעט פאַר אַן אַרבעטס־פעיִקן, נוצלעכן מענטש, צו וואָס פאַר אַ פּראָפעסיע ער איז געווען פּאַסיק. פון די שפּורן און איבערבלייבעכצער וועלכע איר זעט נאָך היינט דאָרט, קאָנט איר זיך אויך שאַפן אַ באַגריף, אַז זיי האָבן פאַרמאָגט וויסנשאַפטלייט און געלערנטע אַסטראָנאָמיקער, וועלכע האָבן פאַר־פאַסט אַ קאַלענדאַר מיט פאַרשיידענע סעזאָנען פון יאָר. זיי האָבן אַפילו פאַרמאָגט מוזיקער וואָס האָבן געשאַפן אייגענע מוזיק, פעיִקע מאַטעמאַטיקער.

שפּורן פון דער אינקא־קולטור זעט איר נישט בלויז אין די ריזיקע געביידעס, נאָר אויף שריט און טריט, ווו איר גייט נאָר אין קוזקאָ, זענען פול מיט דערי־נערונגען פון אַ גרויסער רייכער קולטור. אַ סך געביידעס זענען פאַרניכטעט געוואָרן פון די שפּאַניער, און פון די שטיינער האָבן זיי אויסגעבויט נייע קאָלאָ־ניאַלע געביידעס. אָבער די גאָר ריזיקע געביידעס, צווישן זיי „דער טעמפּל פון דער זון" און אַנדערע, זענען געווען אויסגעבויט פון אַזעלכע מאַסיווע שטיינער, אַז עס איז זיי שווער געווען צו רירן פון אָרט, און זיי אַוועקטראָגן פון איין פּלאַץ צום צווייטן. זענען זיי אַזוי פאַרבליבן. מיט דעם דערקלערט זיך, וואָס קוזקאָ איז האַלב פאַרזונקען, — דאָס זענען מייסטנס די הייזער, וועלכע די שפּאַניער האָבן אויפגעבויט פון די שטיינער פון די פאַרניכטעטע הייזער; זיי האָבן זיי אַזוי שלעכט אויסגעבויט אַז אין משך פון יאָרן זענען זיי פאַרזונקען געוואָרן. מיט אַ צייט צוריק, ווען אין קוזקאָ איז פאָרגעקומען אַן ערד־ציטערניש, זענען דער גרעסטער טייל פון די קאָלאָניאַלע הייזער פאַרניכטעט געוואָרן, בעת די געביידעס פון די אינקאַס־צייטן זענען אינגאַנצן נישט באַשעדיקט געוואָרן.

איר קענט היינט צו טאָג אין פּערואַנער נאַציאָנאַלן מוזעום זען די סצענע פון דער באַגעגעניש צווישן דעם אינקא און דעם אַריינדרינגער: פראַנציסקאָ פּיסאַ־

ראַ רייטנדיק אויף אַ פערד, מיט אַ זילבערנעם זאָטל און זילבערנע שיך, אַוועקגע־רויבט פון „טעמפּל פון דער זון“, באוואָפנט פון קאָפּ ביז צו די פיס מיט כלי זין און אַ פאַנצער פון זילבער און גאָלד. דער בליק — א שאַרפער, חוצפּהדיקער. דער אינקא, מיט א מילדן, ערנסט פּנים, קורץ־געשוירענע האָר, שטייט רויִק און שטאָלץ, אָנגעטון אין א קרוין פון גאָלד, וואָס איז באַצירט מיט קאָלירטע פאַר־ביקע פייגל פון גאָלד. פּיסאַראָ דער אַוואַנטוריסט, וואָס האָט זיך אַלס קינד אַרומגעוואַלגערט אין שפּאַנישע קלויסטערס, נישט וויסנדיק ווער זיינע עלטערן זענען, און אפילו נישט געקאָנט אונטערשרייבן זיין נאָמען, איז געקומען מיט קאַנאָנען און ביקסן, קעגן וועלכע די טויזנטער אינדיאַנער זענען געווען מאַכטלאָז. דער אינקא אַטאַהואַלפּאַ איז געווען גוט באַשיצט אין זיין פעסטונג. האָט פּיסאַראָ אים צוגעזאָגט צו שענקען דאָס לעבן פאַר א סומע געלט. דאָס בילד ווייזט אויך: ווי ביידע, פּיסאַראָ און דער אינקא, שטייען און פאַרהאַנדלען וועגן שענקען אים דאָס לעבן. אַטאַהואַלפּאַ הייבט אויף די הענט, ווייזנדיק צו דער וואַנט, אַז ער וועט אָנפילן דאָס גאַנצע צימער מיט גאָלד און אויסער דעם, געבן נאָך אַ גרעסער צימער מיט זילבער, פאַר דער פרייהייט וואָס פּיסאַראָ וועט אים געבן. צוויי חדשים צייט האָט דער אינקא פאַרלאַנגט, כדי דאָס גאָלד און זילבער צונויפ־זאַמלען. פּיסאַראָ האָט זיין ביטע דערפילט. דער אינקא האָט אַרויסגעשיקט זיינע מענטשן, זיי האָבן אין פאַרשיידענע פלעצער צונויפגעזאַמלט דאָס גאָלד און זיל־בער, אָנגעפילט די צוגעזאָגטע צימערן. א חודש צייט, טאָג און נאַכט, האָט מען געאַרבעט ביז מ׳האָט עס צעשמאָלצן און עס איבערגעגעבן פּיסאַראָן, וואָס איז דאַן ווערט געווען פופצן און א האַלב מיליאָן דאָלער. פּיסאַראָ האָט די מתנה צוגע־נומען און נישט געהאַלטן זיין צוזאָג, — ער האָט דעם אינקא דערמאָרדעט. ער איז געוואָרן דער גרויזאַמסטער דיקטאַטאָר; געבויט שטעט מיט דער שקלאַפן־אַרבעט פון די באַזיגטע אינדיאַנער, פון וועלכע טויזנטער זענען אויסגעשטאָרבן און דערמאָרדעט געוואָרן, ביז זיינע אייגענע מענטשן האָבן מער נישט געקענט אַריבערטראָגן זיינע בלוטיקע מעשים און אים דערמאָרדעט.

אַ גרויסן ביישטייער צו דער פאָרשונג פון דער אינקא־קולטור און צו דער פּרעזערוואַציע פון איר רייכער פאַרגאַנגענהייט, גיט דער אוניווערזיטעט דאָרט, וועלכער ווערט אָנגעפירט פון אן אמעריקאַנער פּראָפעסאָר מיטן נאָמען אַלבערט גיסעקע. זייענדיק א באַאַמטער אין דער אויסלענדישער אָפּטיילונג פון דער אמע־ריקאַנער אַמבאַסאַדע אין לימאַ, האָט ער זיך פאַראינטערעסירט מיט דעם גורל פון די אינדיאַנער, און אין פאַרשיידענע מוזעומס און אַרכיוון שטודירט די אינקא־עפּאָכע. מיט עטלעכע דרייסיק יאָר צוריק האָבן אים די שטודיומס זיינע געפירט צו א שמועס מיטן דעמאָלסטיקן פּערואַנער פּרעזידענט, לעגואַ, און ער האָט אים פאַראינטערעסירט מיט זיינע פּלענער: די אינקאַ־קולטור — האָט דער יונגער

גיסעקע דאַן געהאַלטן — דאַרף נישט באַשטיין בלויז פון וויסנשאַפטלעכע עקס־פּעדיציעס, פאָרשונגען און אויסגראָבונגען פון דער פאַרגאַנגענהייט; מ׳מוז אויך עפּעס טון פאַר דער צוקונפט, — קוזקאָ דאַרף פאַר דער וועלט פאַרבלײַבן ווי אַטען בײַ די גריכן. האָט דאַן פּרעזידענט לעגואַ אים פאָרגעשלאָגן גרינדן אַן אוניווערזיטעט אין קוזקאָ, פון וועלכער ער זאָל ווערן פּראָפעסאָר. דער יונגערמאַן האָט דעם אָנבאָט אָנגענומען, — נישט געשראָקן זיך, וואָס קוזקאָ איז איבער עלף טויזנט פוס הויך איבער דעם ים־פלאַך און איז פאַר אויסלענדער געפערלעך. זײַן באַשטימונג האָט אַרויסגערופן אַ שטורעם: פּראָפעסאָרן האָבן זיך געפילט באַליידיקט, וואָס אַ זיבן און צוואַנציק־יאָריקן „גרינגאָ" האָט מען אָנפאַרטרויט אַזאַ מיסיע. עס האָט געהאַלטן בײַ דעם, אַז דער בילדונגס־מיניסטער זאָל רעזיגנירן,— דער גאַנצער קאַבינעט האָט זיך געוואַקלט. עס איז שפּעטער אויסגעבראָכן אַ מלחמה צווישן פּערו און עקוואַדאָר, און דאָס איז געווען אַן אויסרייד, אַז מ׳דאַרף די אוניווערזיטעט־געביידע פאַר מיליטערישע באַראַקן! און אַ באַפעל איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אָפּצולײדיקן די אוניווערזיטעט. ווען די אָפיצירן זענען געקומען פאַרנעמען די געביידע, האָט גיסעקע זיי נישט אַרײַנגעלאָזט, אַפּעלירט צום פּרעזידענט, און דער באַפעל איז צוריקגעצויגן געוואָרן.

שפּעטער איז אויסגעבויט געוואָרן אַ מאָדערנער אוניווערזיטעט מיט אַ באַרימטער ביבליאָטעק, ספּאָרט און שפּילפּלעצער אויפן אַמעריקאַנער סיסטעם. קוזקענער סטודענטן האָבן באַקומען „סקאָלערשיפּס" כדי צו האָבן די מעגלעכקייטן צו שטודירן אין אַמעריקאַנער אוניווערזיטעטן. באַרימטע אַמעריקאַנער פּראָפעסאָרן זענען, אויף דער אײַנלאַדונג פון פּראָפעסאָר גיסעקע, געקומען אהין געבן לעקציעס; סטודענטן זענען פון אים דערמוטיקט געוואָרן צו פאַרברענגען זייערע וואַקאַציעס אין אויסלאַנד. גיסעקע האָט איצט געהאַט די בעסטע געלעגנהייט צו שטודירן און פאָרשן אויפן אָרט די רײַכע פאַרגאַנגענהייט פון דער אינקאַ־קולטור; באַזוכט די געפערלעכסטע ווינקלען — דזשאָנגלען און וועלדער, טײַכן ווו עס איז פאַראַן די געפאַר פון מאַלאַריע, פּונקטן ווו עס האָבן נאָך ביז איצט נישט געטראָטן די טריט פון אַ ווײַסן מענטש. ער איז געוואָרן דער אויטאָריטעט איבער דער אינקאַ־פאַרגאַנגענהייט, באַרימט און באַליבט פון די דאָרטיקע אײַנוווינער און אַרומיקן דזשאָנגל. מ׳האָט אים געוואָרנט אויסצומײַדן אַ ווייטן פּלאַץ אין די הויכע אַנדן, ווו מ׳האָט אים געוואָרנט אויסצומײַדן רײַזנדע פאָרשער. גיסעקע האָט זיך נישט אָפּגעהאַלטן און יאָ דערגרייכט אהינצו. ווען די אײַנוווינער האָבן אים דערזען, האָבן זיי אים אַרומגערינגלט, די פּנימער באַשמירט מיט בלויע פאַרב, האַלטנדיק אין די הענט פאַרגיפטעטע פײַלן און שפּיזן. ווען זיי האָבן זיך דערוווּסט ווער ער איז, האָבן זיי אוועקגעוואָרפן די פײַלן, געשאָנקען אים די טײַערסטע מתנות, אים אײַנגעוויקלט אין וואַרעמע קאָלדרעס, און אַרום אים אָנגעצונדן אַ

פּייער, כדי עס זאָל אים נישט זיין קאַלט צו שלאָפן, אויסגעשמירט זיין פּנים מיט דער בלויער פאַרב, זאָגנדיק: איצט ביסטו אונדזערס אַ מענטש!

***

ווען איך האָב פאַרבראַכט אין לימאַ האָט זיך אין דער לופט געפילט אַן ערב־רעוואָלוציע־שטימונג. הונדערטער צייטונגס־פאַרקויפער האָבן זינגענדיק אויסגערופן אַן עקסטרא, און פאַרבייגייענדע מענטשן האָבן פון זייערע הענט, נייגעריקע, געכאַפּט די צייטונגען. איך האָב געזען ווי די מענטשן האָבן צעקאָכטע און נערוועזע געלייענט די נייעס אויף דער ערשטער זייט, און פאַרשטאַנען, אַז עפּעס אויסערגעוויינלעכס איז דאָ פאָרגעקומען. האָב איך זיך דורכגעריסן צווישן די נייגעריקע נערוועזע מענטשן־מאַסע, געקויפט אַ צייטונג, און אויף דער ערשטער זייט האָב איך דערזען מיט גרויסע פעטע אותיות אַ שוואַרצן ראַם מיט אַ בילד. די אויפשריפט האָט דערציילט, אַז גראַנאַ גאַרלאַנד — דער רעדאַקטאָר פון דער קאָנסערוואַטיווער צייטונג „לאַ פּרענסאַ" — איז פון אַן אומבאַקאַנטן מערדער דערמאָרדעט געוואָרן; „די אַפּריסטן" (אַ פאַרקירצונג פון דער פּאַרטיי „אַליאַנסאַ פּאָפּולאַר רעוויסאָראַ אַמעריקאַנאַ") האָבן אָן שום ספק אַ האַנט אין דעם קאַלטן אויסגערעכנטן מאָרד... דאָס איז געווען מיין ערשטע באַקאַנטשאַפט מיט דער פּערואַנער פּאָליטישער לאַגע פון לאַנד, און איך האָב גלייך אויפן צווייטן טאָג אָנגעהויבן אויפפלאַנטערן די געשעעניש און דעם פּלאָנטער אַרום דער פּאָליטישער סיטואַציע.

וויקטאָר האַיאַ דע לאַ טאָרע האָט מיט יאָרן צוריק געגרינדעט די פּאַרטיי „אַליאַנסאַ פּאָפּולאַר רעוואָלוציאָנאַריאַ אַמעריקאַנאַ", אָפּגעקירצט — „אַפּראַ", מייסטנס פון אינטעלעקטואַלן און סטודענטן. זייער פּראָגראַם איז ראַדיקאַל, אָבער אַנטי־קאָמוניסטיש. יאָרנלאַנג איז דאָס לאַנד רעגירט געוואָרן פון גאַנצע אָדער האַלבע דיקטאַטאָרן פון קאָנסערוואַטיוון לאַגער, וואָס זענען באַשטאַנען פון די אַריסטאָקראַטישע „פיר הונדערט" פון לאַנד, וואָס האָבן זיך ווייניק גערעכנט מיט די פאָלקס־מאַסן און אָרעמן קלאַס. די אומצופרידענע און געקריוודעטע האָבן זיך מאַסנוויז אָנגעשלאָסן אין דער „אַפּראַ", און זי האָט געוווּנען אַ גרויסע צאָל אָנהענגער פון מיטל־קלאַס, ווייסע קעלנער, פּראָפעסיאָנאַלן, אַרבעטער און קליינע פאַרמערס. די פּאַרטיי איז זיך אַזוי שטאַרק צעוואַקסן, אַז אין יאָר 1931 האָבן זיי נאָמינירט אַלס זייער פירער וויקטאָר ראַול האַיאַ דע לאַ טאָרע, וואָס האָט דאַן געלעבט ווי אַ פּאָליטישער פליכטלינג אַכט יאָר אין פאַרשיידענע אייראָפּעישע לענדער און אַמעריקאַנער לענדער. מיט אַ מאַיאָריטעט פון פופציק טויזנט האָט דער פירער פון די „אַפּראַ" — דאַן אַ יונגערמאַן פון פינף און דרייסיק יאָר —

געווונען די וואלן. האָט אָבער א ספּעציעלער וואל־געריכט געפּסלט א רייע וואל־דיסטריקטן, און דער מיליטאַריסט סאַנטשעס סערא, דער קעגן־קאַנדידאַט, איז דערקלערט געוואָרן פאַרן געווינער. האיא דע לא טאָרע, וואָס איז צוריקגעקומען פון אויסלאַנד ווי אַ זיגער, איז אַרעסטירט געוואָרן און פאַראורטיילט געוואָרן אויף א טערמין פון פופצן חדשים צייט, אויף דער באשולדיקונג, אז ער האָט געהעצט די אָנהענגער פון זיין פּאַרטיי צו א רעוואָלוציע. אַלע אויסגעוויילטע „אַפּרא"־קאָנגרעסלייט זענען ארעסטירט געוואָרן צוזאמען מיט טויזנטער פאַרטיי־אָנהענגער. די אָנפירער זענען אַנטלאָפן פון לאַנד, און פון 1931 ביז 1945 איז די פּאַרטיי געווען פאַרבאָטן אין פּערו און זי האָט אומלעגאל, אונטערערדיש, אָנגעפירט איר טעטיקייט.

די ענדערונגען וואָס זענען פאָרגעקומען מיט דעם זיג פון דעמאָקראַטישן צד אין דער לעצטער וועלט־מלחמה, אין וועלכער פּערו האָט זיך אויך באטייליקט אויף דער זייט פון דעמאָקראַטישן צד, — היטלערס און מוסאָליניס מפּלה — האָבן געהאט א ווירקונג אין פּערו. דער דעמאָלסטיקער פּרעזידענט פּראדא האָט זיך געפילט, אז ער מוז איצט אין זיין לאַנד אַליין ווייזן א מוסטער פון דעמאָקראַטיע. און דעם 15טן מאי פון יאָר 1945 — פינף און צוואַנציק טעג פאַר די פּרעזידענטן וואלן אין פּערו — איז דער פאַרבאָט אויף דער אַפּרא־פּאַרטיי אראָפּגענומען געוואָרן, — זי איז צוריק לעגאַליזירט געוואָרן. „אַפּרא" האָט זיך דאָן אָנגעשלאָסן אין דעם נאַציאָנאַל־דעמאָקראַטישן פראָנט. איר פירער, האיא דע לא טאָרע, האָט מיטן פּרעזידענט קאַנדידאַט, כאָסע לואיס בוסטאַמאַנטע, וואָס איז דאַן געווען אַמבאַסאַדאָר אין לאַ פּאַז, באָליוויע, אונטערגעשריבן, טאַקע אין לאַ פּאַז, אַן אָפּמאַך, צוזאָגנדיק אַז זיין רעגירונג וועט זיין א דעמאָקראַטישע, — און דערפאַר האָט ער באַקומען די שטיצע פון די אָנהענגער פון דער „אַפּרא" פּאַרטיי, און איבערגענומען די פירערשאַפט פון דער רעגירונג.

מען דאַרף גאָר נישט צווייפלען, אַז פּרעזידענט בוסטאַמענטע האָט געהאט די ריינסטע אויפריכטיקסטע כוונות איינצופירן אַ דעמאָקראַטישן רעזשים אין פּערו. אָבער כאָסע לואיס בוסטאַמאַנטע איז חוץ דיפּלאָמאַט אויך א באַגאַבטער פּאָעט, וואָס באַזינגט די פּערואַנער גואַנאַ־פייגל אין אַ לירישן נשמה־אויסגוס, ווי זיי פליען אין דער לופט ווי דופטיקע בלומען און זייערע פליגל קלאַפּן מיט פרייד אין די פרייע, בלויע הימלען. דורכפירן אין פּראַקטיק פּאָעטישע פאַנטאַזיעס, איז היינט צו־טאָג—ביי אַזא טרוקענער און פּראַקטישער מאַטעריאַליסטישער וועלט— אַ שווערער ענין; עס איז א ווייטער מהלך פון פרייע פייגל וואָס פליען אין די הימלען, ביז מענטשן וואָס ווילן פרייהייט, אָבער נאָר פאַר זיך אַליין... די „אַפּרא" האָט געפאָדערט דאָס שנעלע דורכפירן פון די צוגעזאָגטע רעפאָרמען און א חלק אין דער רעגירונג — דער פּרעזידענט האָט אריינגענומען דריי אַפּרא־מיניסטאָרן

אין זיין קאַבינעט; צוריקגעגעבן דעם פּערואַנער פאָלק זיינע בירגערלעכע פרייהייטן און פּרעסע־פרייהייט; באַפרייט פון די תפיסות פּאָליטישע געפאַנגענע, און אַרויס־געשטויסן פון דער ארמיי די אָנהענגער פון אלטן רעאַקציאָנערן רעזשים. דאָס האָט אַרויסגערופן אַ מורא ביי דער קאָנסערוואַטיווער אָפּאָזיציע, די „אפּרא״ זאָל נישט קומען צו דער מאכט. אויסער דעם, האָבן זיי אין פּרעזידענטס רעפאָרמען דערזען די געפאַר צו פאַרלירן דעם איינפלוס אויף דער אַרמיי. זיי האָבן אָנגעהויבן מיט שאַרפע פּראָפּאַגאַנדע קעגן פּרעזידענט און זיינע פאַרבינדעטע די אפּריסטן. בעת די קאָנסערוואַטאָרן האָבן כסדר געשריען, אַז דער פּרעזידענט פאַרקויפט דאָס לאַנד צו די אינטערנאַציאָנאַלע ראַדיקאַלן, זענען ווידער די רעפאָרמען פאַר דער „אפּרא״ געווען צו ווייניק... דער פּרעזידענט האָט זיך אַזוי אַרום געפונען צווישן צוויי פייערן.ביידע צדדים האָבן אָנגעהויבן אַ קאַמף קעגן דעם פּרעזידענט

גענעראַל מיגועל אדריא, פירער פון דער ארמיי, האָט דעם פּרעזידענט באַוויזן מיט פאַקטן, אַז די אַפּריסטן גרייטן צו אין לאַנד אַן איבערקערעניש. דער פּרעזידענט האָט מורא געהאַט, אַז די „אַפּרא״ פאַרנעמט זיך איצט אויף אַ רעגירונג פון איין פּאַרטיי־סיסטעם, האָט ער אויף שנעל באַשטימט אַ רייע מיליטאַרן אין זיין קאַבינעט. דער מאָרד פון פראַנציסקאָ גאַרלאַנד האָט די סיטואַציע נאָך מער פאַרשאַרפט; די אפּרא־מיניסטאָרן, אויף וועמענס פּאַרטיי עס איז געפאַלן דער חשד, אַז זיי האָבן אַ האַנט אין מאָרד, האָבן רעזיגנירט, כדי צו געבן דעם פּרעזידענט אַ פרייע האַנט צו אונטערזוכן דעם מאָרד. דער פּרעזידענט האָט צוזאַמענגעשטעלט אַ קאַבינעט פון מיליטאַרן און זיינע פּערזענלעכע פריינט; זיך אָנגעשטרענגט מיט אַלע מעגלעכקייטן צו שאַפן אָרדענונג. ווידער האָט זיך דער קאַבינעט געביטן, — דאָס מאָל שוין בלויז מיליטאַרן, און די אַפּריסטאַ־פּאַרטיי איז פאַרבאָטן געוואָרן. דריי וואָכן שפּעטער האָט גענעראַל מאַנועל אדריא — טאַקע דער מיליטאַר וואָס האָט דעם פּרעזידענט „איבערצייגט״ אין אַ געפּלאַנטער רעוואָלוציע פון דער „אפּרא״ — פאַרכאַפּט די מאַכט; גלייך באַפוילן צו שטעלן פאַר אַ קריגסגעריכט זיבן אפּריסטאַ־מיטגלידער, וועמען מ׳האָט באַשולדיקט אין מאָרד פון פראַנציסקאָ גראַנא. אויפן פּראָצעס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די גאַנצע אפּריסטאַ־פּאַרטיי ווערט באַשולדיקט אין דעם מאָרד. פאַרן פירער פון דער אפּראַ־פּאַרטיי, האיא דע לאַ טאָרע, איז קיין אַנדערער אויסוועג נישט געווען, ווי אין אַ פינצטערער נאַכט זיך ראַטעווען אין דער קאָלאָמביאַנער אַמבאַסאַדע, ווו ער האָט באַקומען אזיל־רעכט. כאָסע לואיס בוסטאַמאַנטע איז דערלויבט געוואָרן אַרויס־צופאָרן פון לאַנד אָפּצוריכטן גלות אין אמעריקע און וואַרטן אויף בעסערע צייטן.

***

חוץ בראַזיל, איז פּערו היינט צו טאָג דער עלטסטער יידישער ישוב אין

לאַטיין־אַמעריקע. שפּורן צו דער טראַגישער פאַרגאַנגענהייט אין דעם לאַנד פירן צוריק צום יאָר 1570, — אינגאַנצן נישט קיין פופציק יאָר נאָכדעם ווי פראַנ־ציסקאָ פּיסאַרראָ האָט אַנטדעקט דאָס לאַנד. אין יענעם יאָר האָט פיליפּ דער צווייטער, געשיקט אַ ספּעציעלן שליח, מיטן נאָמען סערוואַן דע קערוועלאַ, קיין לימאַ, כדי אָנצופירן דאָרט מיטן אינקוויזיציע־טריבונאַל, וועלכער איז ערשט אָפּגעשאַפט געוואָרן צוויי הונדערט יאָר שפּעטער. אין לימאַ האָט זיך געפונען דער הויפּט־קוואַרטיר פון דעם אינקוויזיציע־טריבונאַל פאַר ריאָ דעל פּלאַטאַ, סאַראַגואַ, טוקומאַן, סאַנטיאַגאָ און לאַ פּאַז. אין יאָר 1641 האָט דער פאָרשטייער פון דער הייליקער אינקוויזיציע אָפּגעדרוקט אַ מאַניפעסט צו אַלע איינוווינער, זיי זאָלן פאַרמיידן אַ גרויסן שאָדן דער קאַטוילישער קירכע, מיט אָנווייזן גלייך דער קאַטוילישער קירכע, אַזוי שנעל ווי זיי וועלן זען אַ מאַן אָדער אַ פרוי וואָס היט אָפּ שבת, אָדער רוט דעם טאָג, אָדער נוצט אַנדערע קליידער ווי אין די געוויינ־לעכע טעג; לייגט אַוועק ריינע טישטעכער אויפן טיש, אָדער צינדט ניט אָן דעם טאָג קיין ליכט ביי. זיך אין וווינונג; נעמען אַראָפּ פעטס פון פלייש, אײדער זיי עסן עס, האַלטן פלייש אין וואַסער אײדער זיי קאָכן עס; די וועלכע עסן פיש דעם טאָג וואָס איז לויטן קאַטוילישן געזעץ פאַרבאָטן; אָדער אַזעלכע וועלכע פאַסטן יום כפור, גייען אַרום אַ טאָג אָן שיך, פאַסטן אַנדערע טעג אין וואָך, שאָקלען זיך ביי אַ תפילה, אָדער זיי גיסן אויס דאָס וואַסער נאָך אַ טויטן, — און הונדערטער אַנדערע סמנים ווערן אין דעם מאַניפעסט אָנגעגעבן, ווי אַזוי צו דערקענען די באַהאַלטענע ייִדן און זיי ברענגען צום אינקוויזיציע־טריבונאַל.

אין אַפּריל פון יאָר 1578 איז אין לימאַ פאַרברענט געוואָרן דער ערשטער ייִדישער קרבן, — דאַן גייט עס אַזוי כסדר. אַ גרעסערע גרופּע ייִדן זענען פאַר־ברענט געוואָרן דעם 11טן אויגוסט פון יאָר 1635, צווישן זיי זענען געווען: אַנטאָני דע קאַסטאַ און ראָדריגעז דע קאַרערא; דעם 23טן יאַנואַר פון 1639 איז אין לימאַ פאַרברענט געוואָרן מאַנועל באַפּטיסטאַ פּערעס. — מאַנועל פּערעס האָט איבער־געלאָזט אַ גרויס פאַרמעגן, וואָס די אינקוויזיטאָרן האָבן פאַרטיילט צווישן זיך; אַ יאָר שפּעטער זענען מיט איינמאָל פאַרברענט געוואָרן 63 ייִדן; דער לעצטער ייִדישער קרבן פון דער אינקוויזיציע אין לימאַ איז געווען די ייִדישע פרוי מאַריאַ אַנאַ דע קאַסטאַ, וועלכע ווערט פון טריבונאַל אָנגערופן „כודיאַ כודאַיזאַנטע".

אין 1609 שרייבט דער פּערואַנער אינקוויזיציע־טריבונאַל צום הויפּט פון דער אינקוויזיציע אין שפּאַניע, מ'זאָל שאַפן אַן אינקוויזיציע־טריבונאַל אין קאַרטאַכע־נאַ, קאָלאָמביע, ווייל עס איז פאַראַן אַ פאַרדאַכט, אַז די וועלכע האָבן זיך אין פּאָרטוגאַל אויסבאַהאַלטן פון דער אינקוויזיציע, זענען אַהין אַנטלאָפן, צוליב דעם, וואָס דאָרט איז אַ פרייער פּאָרט און עס איז זיי געווען לייכט אָנצוקומען אַהינצו, פון וואַנען זיי צושפּרייטן זיך איבער די אַנדערע שכנהשע לענדער. די אינקוויזי־

ציע אין פּערו האָט געדויערט צוויי הונדערט פיר און פערציק יאָר. אַרום הונדערט און דרייסיק ייִדן זענען פאַרברענט געוואָרן אין משך פון דער צייט.

אין סאַמע צענטער פון לימאַ, אין דער געביידע ווו עס געפינט זיך היינט צו טאָג דער סענאַט, זענען פאַרבליבן אַ סך שפּורן פון דער אַמאָליקער אינקוויזיציע. נישט ווייט געפינט זיך דאָרט אַ גאַס, וועלכע איז פאַרביטן געוואָרן פון „מאַטאַ כודיאָס" (הרגע ייִדן) אויף „קעמאַדאָס כודיאָס" (פאַרברענטע ייִדן). מ'האָט מיר אָנגעוויזן אין לימאַ אויף דער סענאַט־געביידע, אַז דאָרט ווו עס געפינט זיך היינט צו טאָג די ביבליאָטעק איז אַמאָל געווען דער טריבונאַל פון דער אינקוויזיציע. אין דער באַגלייטונג פון אַ דאָרטיקן יונגערמאַן האָט אונדז דער אויפזעער געפירט איבער די פאַרשיידענע אָפּטיילונגען פון דער געביידע; אָנגעוויזן אפילו אויף קעלערן, איינגעטיילט אין אָפּטיילונגען פון קליינע קעמערלעך, מיט דיקע אַלטע אייזערנע ווענט, ווו עס קאָנען נאָר שטיין איין מענטש, און וועלכע זענען פאַרשטעלט מיט דראָטענע זיפּלעך. דאָ — האָט מען מיר געזאָגט — פלעגן די קרבנות ענטפערן אויף די פראַגן וואָס דער טריבונאַל האָט זיי געפרעגט. אויף וויפל דאָס איז אמת, אָדער ס'איז בלויז אַן אַטראַקציע פאַר טוריסטן, איז מיר נאַטירלעך נישט געלונגען פעסטצושטעלן. איינס איז זיכער, אַז אַרום דער דערמאָנטער גאַס איז געווען דער אינקוויזיציע־טריבונאַל, וואָס האָט פאַרברענט הונדערטער ייִדן, און וואָס שטימט מיט די היסטאָרישע פאַקטן פון אַ רייע פאָרשער און געשיכטע־שרייבער איבער דער אינקוויזיציע אין די לאַטיין־אַמעריקאַנער לענדער.

דער צווייטער היסטאָרישער קאַפּיטל פון אַמאָליקן ייִדישן ישוב אין פּערו איז נאָך אינגאַנצן נישט אַלט קיין הונדערט יאָר. אין יאָר 1870, ווען ייִדן פון דייטשלאַנד, פון דער פּראָווינץ פּויזען, האָבן איבערגעלעבט שווערע צייטן, איז אַן ענגלישער ייִד, אליין פון דייטשער אָפּשטאַמונג, געקומען קיין פּערו אין די אינטערעסן פון דער ענגלישער קאָמפּאַניע וועלכע האָט דאָרט געבויט די אייזנבאַנען. זעענדיק דאָרט מעגלעכקייטן, האָט ער דאָס צו וויסן געגעבן זיינע אַמאָליקע לאַנדסלייט אין פּויזען, און עס האָט זיך דאַן אָנגעהויבן אַן אימיגראַציע פון דייטשע ייִדן קיין פּערו. די ייִדן האָבן דאַן אויפגעבויט אַ קהילה מיט אַ בית עולם. צו קיין גרעסערע אימיגראַציע איז דאַן נישט געקומען, — אַזוי, אַז דער ישוב דאַן איז פאַרבליבן אָפּגעריסן פון דער גרויסער ייִדישער וועלט; זייערע קינדער האָבן זיך דאָרט שנעל אַסימילירט. היינט צו טאָג זענען פון יענער קהילה פאַרבליבן בלויז דער אַמאָליקער בית עולם און ייִדישע משפחה־נעמען וואָס באַשיינען די גרויסע געשעפטן פון דער פּערואַנער הויפּטשטאָט. איינער פון זיי, מיטן נאָמען אַלעקסאַנדער, האָט נאָך אין יאָר 1926 געהאַט דעם שליסל פון יענעם בית עולם, וועלכער איז אינגאַנצן געווען אָפּגעשלאָסן. ער איז עס געווען דער לעצטער פון יענעם ישוב. דער זון זיינער שפּילט אַ וויכטיקע ראָלע אין פּאָליטישן לעבן פון לאַנד, און

איז שוין אפילו איינמאָל געווען מיניסטער אין דער פּערואַנער רעגירונג; פאַרשטייט זיך, אז מיט יידן האָט ער ווייניק וואָס צו טון. די שוועסטער, אָבער, זיינע, וואָס האָט באַין־אופן נישט געוואָלט חתונה האָבן מיט אַ נישט־ייד, איז געשטאָרבן אַ פאַרזעסענע מיידל. דער לעצטער ייד וואָס איז אויף יענעם בית־עולם באַגראָבן געוואָרן, איז געווען איינער מיטן נאָמען יאַקאָבי. אין די ארכיוון פון דער „בענעפּיסענסיא" — די איצטיקע קהילה פון אונדזערע איינגעוואַנדערטע יידן — איז פאַראַן אַ גאַנצער פּראָטאָקאָל וועגן אַ מחלוקת וואָס איז אָנגעגאַנגען אין יענער קהילה מיט איינעם אַ ייד מיטן נאָמען פּראַטצעל; די אייניקלעך פון דעם דערמאָנטן ייד, צוליב וועלכן עס האָט געפלאַקערט אַ מלחמה אין דער קהילה, זענען היינט צו טאָג גאַנץ פיינע אַנטיסעמיטן...

דער ציוניסטישער עסקן אין לימאַ, מלך ניעמאַנד, האָט מיר דערציילט וועגן אַ מערקווירדיקן פאַל פון אַ פאַמיליען־קבר פון אַ יידישער משפּחה אין אַ ווייט פּאַרוואָרפן שטעטל, ערגעץ אויף דער פּראָווינץ; דאָס קבר איז ארומגערינגלט מיט הויכע, דיקע מויערן און אייזערנע קראַטן. דאָס איז, ווי מען איז זיך משער, געווען די לעצטע יידישע משפּחה אין יענעם ווייט־פאַרוואָרפענעם שטעטל, וואָס איז פון אַ נישט־יידישן פריינט, לויט אַ צוואה, געבראַכט געוואָרן צו קבר ישראל. אין אַ סך הייזער פון פּערואַנער אַריסטאָקראַטישע משפּחות קאָנט איר נאָך ביזן היינטיקן טאָג זען, פּונקט קעגנאיבער דעם בילד פון דער הייליקער מאַריע, דאָס בילד פון אַן אַלטן יידן מיט אַ פּאַטריאַרכאַלער באָרד.

***

ווי אַזוי „די געשיכטע חזרט זיך איבער" — האָט מיר דער זעלבער עסקן דערציילט: אין יאָר 1920, ווען די יידישע אימיגראַנטן האָבן זיך צונויפגעקליבן, כדי צו גרינדן די ערשטע יידישע קהילה אין לימאַ, האָבן זיי ערב יום כפּור געדונגען אַ הויז, כדי דאָרט צו דאַווענען יום־כפּור. שפּעטער האָט מען, לויט פאַרשיידענע ארכיוון און דאָקומענטן אויסגעפונען, אז דאָס הויז איז מיט הונדערטער יאָר צוריק געווען אַ מין איינפאַר־הויז פאַר פרעמדע און האָט געהייסן „פּילאַטוס". אַזוי ווי אַ סך פרעמדע מענטשן פלעגן פון דאָרט ארויסגיין און אַריינגיין, האָבן די אַמאָליקע אנוסים באַנוצט דעם קעלער פון יענעם אַריינפאָר־הויז פאַר אָפּהיטן ימים טובים. מען איז זיך, נאַטירלעך, משער, אז דער אייגנטימער פון דעם איינפאָר הויז איז אויך געווען איינער פון זיי. קיינעם האָט נישט געקאָנט איינפאַלן, אַז דאָרט, אין דעם איינפאָר־הויז פאַר פרעמדע, פּראַוועון די אנוסים, פאַרבאָרגענערהייט, יידישע ימים טובים. האָט איינמאָל פּאַסירט, אז ערב יום כפּור ביינאַכט, ווען די אנוסים האָבן געזאָגט כל־נדרי, האָט אַ שכורער מאַטראָז

פארבלאָנדזשעט אין קעלער אריין; דערזעענדיק ייִדן אָנגעטון אין טליתים און קיטלען, האָט ער געמאכט א גוואלד, און אלע מתפללים זענען געכאפּט געוואָרן פון אינקוויזיציע־טריבונאל און פארברענט געוואָרן.

היינט צו טאָג געפינען זיך אין פּערו א דריי־פיר טויזנט ייִדן. דער גרעסטער טייל פון זיי וווינען אין לימא; א קלענער טייל וווינט אין די פּראָווינץ־שטעט, וואָס ציען זיך איבער די זאמדיקע מדבריות ביז צו די גרענעצן פון עקוואדאָר. די ייִדן זענען איינגעטיילט אין דער הויפּטשטאָט אין דריי קהילות: ספרדים, אשכנזים און די „קהילה פון 1870״ — דאָס זענען די לעצטע געקומענע פליכטלינגע פון דייטש־רעדנדיקע לענדער. יעדער האָט זיינע באַזונדערע אָרגאַניזאַציעס. יעדע זעקס חדשים ווערט אן אנדערער פּרעזידענט פון דער צענטראַל־קערפּערשאַפט וואָס פאַראייניקט זיי אַלעמען. עקאָנאָמיש לעבן זיך די ייִדן אין פּערו נישט שלעכט; מ׳האָט זיך גאַנץ פיין אַרויפגעאַרבעט, געעפנט גרויסע געשעפטן און פאַבריקן, ווו עס האָבן אויך באקומען ארבעט דאָרטיקע איינגעבוירענע; די מעבל־אינדוסט־ריע, די פוטער־אינדוסטריע, האָבן די ייִדן כמעט אינגאַנצן אַריינגעבראַכט אין לאנד. דער אָנהייב איז צום גרעסטן טייל געווען ווי אין די אלע לאטיין־אמערי־קאנער לענדער: מיטן פּעקל אויף די פּלייצעס אין די ווייטסטע געגנטן פון לאנד. ווייט פאַרוואָרפן, אָפּגעריסן פון ייִדן, אָפּטמאָל אפילו פון יעדער ציוויליזאציע, קאָנט איר געפינען אַ ייִדישן קוועטעניק (פּעדלער) אָדער אַ ייִדיש קרעמל; דאָרט פאַרברענגט מען אַ פּאָר יאָר, ביז מען קומט צו אַ שטיקל פאַרמעגן, קינדער וואקסן אונטער — אנטלויפט מען אין דער הויפּטשטאָט, ווו עס איז שוין פאראן א גרעסערער ייִדישער קיבוץ, ווו מ׳הייבט זיך אָן אויסלעבן געזעלשאַפטלעך.

טשילע — דאָס לאַנד פון בערג זון און זאָרגלאָזיקייט

דער „פּאַן־אַמעריקאַנער קליפּער" שנײַדט דורך די לופט און טראָגט זיך ווי אַן אָדלער טויזנטער מײַלן אין דער הויך איבער די קאָרדיליערן־בערג וואָס טײלן אָפּ בײדע לענדער: אַרגענטינע און טשילע. יעדער ווײַל טוט זיך דער אַעראָפּלאַן אַ הײב העכער און העכער איבער די וואָלקן, אַז אײך דאַכט זיך, אָט באַלד וועט איר דערגרײכן די הימלען, און באַלד לאָזט ער זיך מיט אײנמאָל אַראָפּ נידעריקער. שטענדיקע רײזנדע זענען שוין צוגעוווינט צו אַזעלכע „קונצן"; פאַר די אָבער וואָס פאָרן דאָס ערשטע מאָל, איז דאָס נישט קײן אַנגענעמער ענין. מ'קוקט נערוועז אויף די פּנימער פון די אַנדערע רײזנדע. ביז מ'האָט זיך באַרויִקט, טוט זיך דער אַעראָפּלאַן ווידער אַ בײג אויף הונדערטער מעטער און שנײַדט ווידער די לופט, גלײַך ווי עס וואָלט דאָ גאָר נישט פּאַסירט. אָט זענען מיר אַרײַן אין סאַמע צענטער פון אַ לאַנגער קײט בערג, אײנער העכער ווי דער אַנדערער, באַזילבערטע פון שנײ וואָס גלאַנצט אין שײַן פון דער זון, — אמתער שנײ אין די הײס־טראָפּישע לאַטײַן־אַמעריקאַנער לענדער. איר קומט צו צו אַ פּונקט, ווו איר ווערט פאַר־בלענדט פון ווײַסקײט. דער אַעראָפּלאַן פאָרט איצט אַזוי נאָענט צווישן צווײ מיט שנײ באַדעקטע בערג, אַז אײך דאַכט זיך, אָט־אָט שטרעקט איר אַרויס די האַנט דורכן פענצטער און כאַפּט אַ הויפן שנײ און טוט אַ וואָרף אויף דער וועלט...

איר דערמאָנט זיך אין אײַערע חדר־יאָרן אין הײמישן שטעטל צווישן מנחה און מעריב, ווען דער רבי איז אַוועק אין בית־המדרש און די תּלמידים האָבן צווישן זיך געפירט אַ מלחמה מיט קוילן שנײ. מיר געפינען זיך, ווי דער אַמעריקאַנער פּילאָט מעלדעט, אַריבער פינף און צוואַנציק טויזנט פוס אין דער הויך. אַלץ אַרום אונדז איז אײנגעהילט אין אַ בליאַסקענדיקן שנײ. פון דער הויכקײט קען מען זען אונטן אַ רויטע מאַסע — דאָס זענען איבערבלײַבעכצער לאַוועס פון וואול־קאַנען, וואָס צינדן זיך אָן און לעשן זיך אויס פון זיך אַלײן. אַ מענטשלעכער פוס האָט נאָך דאָ קײנמאָל נישט געטראָטן, און די רײכטימער און מינעראַלן וואָס גע־פינען זיך דאָ, אַרום די שפּײַענדיקע לאַוועס, איז אוממעגלעך אויסצופאָרשן. דער הימל פאַרציט זיך פּלוצעם מיט שוואַרצע געדיכטע וואָלקנס. אונדזער אַעראָפּלאַן הײבט אָן שפּרינגען וואָס אַמאָל העכער, און אָט האָט אונדז פאַרכאַפּט דער שטורעם

אין סאַמע מיטן פון די וואַלקנס; און דער קאַמף צווישן גאָט און מאַשין האָט זיך אָנגעהויבן... אונדזער אַעראָפּלאַן כאַפּט אַ שטאַרקן שטויס, אַ צווייטן, אַ דריטן, ער וואַקלט זיך, קייקלט זיך, און געזיגט האָט די מאַשין איבער דער נאַטור. מיר זענען אַריבער די וואַלקנס, די זון שיינט ווידער און דאָס זשומען פון אַעראָפּלאַן הערט זיך איצט דייטלעך. איר דערזעט מיטאַמאָל קליינע צעוואָרפענע פינטעלעך, וואָס וואַקסן אויס וואָס אַמאָל גרעסער און נענטער. דער אַעראָפּלאַן הייבט זיך אָן אַראָפּ־צולאָזן. מיר לאַנדן אין סאַנטיאַגער פּאָרט.



שניי־באַדעקטע בערג וואָס וואַרעמען זיך אונטער דער זון אין טשילע

סאַנטיאַגאָ זעט אויס יום־טובדיק. אַן אויסגעוואַשענע פון אַ לייכט רעגנדל שפּיגלט זי זיך אין די אַרומיקע שניי־באַדעקטע בערג, וואָס זענען אַזוי נאָענט צום צענטער פון שטאָט. די שטאָט מאַכט אויף דעם ניי־געקומענעם אַן אויסערגעוויינ־לעכן איינדרוק. איר דערפילט דאָ גלייך אַ גוטמוטיקייט, וואָס איז אַזוי ענלעך צו דער פראַנצויזישער זאָרגלאָזיקייט. עס איז נאָך פרי און דער הימל שיינט אַזוי ליכטיק, אָן אַ וואָלקנדל. איר קוקט צו די בלויע הימלען און אייך ווערט קלאָר פאַרוואָס דער טשילענער איז אַזאַ גוטמוטיקער און זאָרגלאָזער. סאַנטיאַגאָ מאַכט דעם איינדרוק פון אַ יונג כלה־מיידל וואָס האָט זיך אויסגעפּוצט אין אירע שענסטע חופּה־קליידער און וויל זיי נישט אויסטון, כאָטש עס איז שוין לאַנג נאָך דער חתונה־צערעמאָניע. די נאַטור איז אויסערגעוויינלעך שיין. פאַרנאַכט בלאָזן קילע, זאַנפטעווינטלעך און גלעטן מילד; פון די אָפענע פענצטער טראָגן זיך סערענאַדעס

טאַנגאָס, — קען ער, דער טעמפּעראַמענטפולער טשילענער, נישט בײַשטײן דעם נסיון. דאָס בילד ענדערט זיך ווען איר שפּרײזט אַריבער די הויפּט־גאַסן. פונקט ווי זײַנע לאַנדשאַפטן וואָס זענען קאָנטראַסטן — שנײ, זון, בערג און ווולקאַנען, — אַזוי בײַט זיך אויך דער אויסזען פון דער שטאָט און אירע אײַנוווינער. איר שפּאַנט אַריבער די הויפּט־גאַסן אַלאַמעידאַ און אַהומאַדאַ, וווּ עס געפינען זיך די לוקסוס־געשעפטן, וואָס פאַרבלענדן די אויגן מיט זייער לוקסוס, און אין עק פון דער גאַס שנײַדט זיך אַרײַן אַ געגנט וואָס איז פונקט אַזאַ קאָנטראַסט, ווי פון קאַלטן שנײ צו דער הייס־גליענדיקער זון. איר שטויסט זיך אָן אין אָרימקייט און נויט: אויס־געבלייכטע קינדערלעך שטרעקן צו אײַך אויס זייערע דאַרע הענטלעך, בעטנדיק אַ נדבה. די אײַנוווינער וווינען דאָרט אין האַלב־אײַנגעפאַלענע הײַזקעס ווי מײַזנ־לעכער, צו דרײַ־פיר משפחות און אַמאָל נאָך מער. אָבער דער טשילענער איז אַ לוסטיקער קבצן און נעמט אויף זײַן קבצנות און דלות מיט גוטמוטיקייט. ער נעמט בכלל לײַכט דאָס לעבן, טראַכט נישט וועגן מאָרגן, נאָר פאַרלעבט אַלץ וואָס ער האָט. עס האָט מיר דערציילט אַן אַגענט פון אַ פאַרזיכערונגס־געזעלשאַפט, אַז אַ טשילענער פּרוי האָט אים באַשטעלט צו שרײַבן אַ פאַרזיכערונג אויף אַ גרע־סערער סומע. ווען ער איז אַהינגעקומען און דערזען אַ צעבראָכן, אײַנגעפאַלן הויז, אָן אַ שטיקל מעבל און אַ מוראדיקע אָרעמקייט אין אַלע ווינקלען, האָט ער זיך געוווּנדערט וואָס די פּרוי האָט אים באַשטעלט... און געוואָלט אַוועקגיין. אָבער באַלד האָט די פּרוי אָפּגעשלעפּט פון אונטער דער קאַטרע אַ פּוטערמאַנטל פאַר דער גרויסער סומע פאַר וועלכער זי האָט באַשטעלט די פאַרזיכערונג. מיט דעם מאָסשטאָב קען מען מעסטן די מענטאַליטעט פון די טשילענער. ער איז בטבע פרײַנטלעך, מיט אַ קינדישער ווייכהאַרציקייט, ביז איר רירט אים נישט אָן זײַן „דיגנידאַד"; דאַן פאַרלירט ער זײַן קאָנטראָל. ער האָט פײַנט אײַנצורייסן אַ וועלט, האָט ליב אַ סך צו רוען און וואָס ווייניקער אַרבעטן. זומער־צײַט זענען די „אָפּיציעלע" רו־שעהן פון צוועלף ביז פיר אַזייגער נאָכמיטאָג. נאָך דעם קומען ערשט די נישט־אָפּיציעלע. זײַן „סיעסטאַ" (נאָכמיטאָג־רו) איז בײַ אים ווי אַ הייליקער געבאָט. דער טשילענער האָט אַ סך הומאָר און חוזקט אָפּ פון זיך אַליין. אַזוי, למשל, דערציילט מען אײַך, אַז אין טשילע איז אַמאָל פאָרגעקומען אַ רעוואָלוציע: אַ גאַנצן טאָג האָט די מלחמה צווישן בײדע צדדים געפלאַקערט מיטן גרעסטן ברען. ווען עס איז געקומען צוועלף אַזייגער בײטאָג, ווען מען דאַרף עסן מיטיק, האָבן בײדע צדדים אַוועקגעלייגט דאָס געווער, אָפּגעגעסן מיטיק און צוגעלייגט זיך אַ סיעסטאַ, נאָכדעם האָט מען זיך ווידער געשלאָגן... און גראָד קענען זיי זיך, ווען מען דאַרף, גוט שלאָגן, די טשילענער. אין בײדע מלחמות וואָס טשילע האָט געפירט מיט פּערו און באָליוויע איז זי אַרויס די זיגערן. בײַ פּערו האָט זי, אין אַ שלאַכט פון טאַגנאַ און אַריקאַ, אַרומ־

געריגגלט די פּערוואַנער אַרמיי, און איר קאָמענדאַנט האָט קיין אַנדערן אויסוועג נישט געהאַט ווי אַריינשפּרינגען אין ים. די טשילענער אַרמיי האָט אין יאָר 1880 געהאַט אַריינמאַרשירט קיין פּערו און אָנגעשפּאַרט אין איר הויפּטשטאָט; דאָס איז געווען אַ רעוואַנש פאַר דעם, וואָס פּערו איז זי באַפאַלן בעת זי האָט געפירט אַ מלחמה מיט באָליוויע. אויך אין יענער מלחמה איז טשילע אַרויס די זיגערין און געוווּנען די פּאָרט־שטאָט אַנטיפאַגאַסטאַ, וואָס איז היינט צו טאָג איר הויפּט־פּאָרט פאַר דער טראַנספּאָרטאַציע פון ניטראַט — די הויפּט־פּראָדוקציע פון לאַנד. אויף איר שטח פון צוויי הונדערט זעקס און אַכציק טויזנט דריי הונדערט דריי און צוואַנציק סקוועער מייל געפינט זיך אַ באַפעלקערונג פון

פינף מיליאָן אַכט הונדערט צוויי און זעכציק טויזנט איינוווינער. פון דער צאָל זענען דרייסיק פּראָצענט ווייסע, זעכציק פּראָצענט מעסציטאָס (געמישטע) און אַ נישטיקע צאָל אינדיאַנער. דעם ערשטן פּלאַץ צווישן די דאָרטיקע איינגעוואַנדערטע אימיגראַנטן פאַרנעמען די שפּאַניער; נאָכדעם קומען די דייטשן און ענגלענדער, אירלענדער, סקאָטלענדער, אימיגראַנטן פון די סלאַווישע לענדער, און אַן ערך פערציק טויזנט יידן. יעדע גרופּע האָט אויף איר שטייגער בייגעטראָגן צום וווּקס און אַנטוויקלונג פון לאַנד.

צוויי לאַנגע קייטן בערג שניידן דורך דאָס גאַנצע לאַנד אין צווייען. דאָס פלאַכלאַנד איז די פּרוכטבאַרסטע געגנט אויפן לאַטיין־אַמעריקאַנער קאָנטינענט. עס איז דער שפּייז־רעזערוואַר פון לאַנד. די בערג זענען אַ ברכה פאַרן לאַנד — זיי באַשיצן די איינוווינער פון קעלט און שטורעמס און זיי האָבן אין זיך ווערטפולע מינעראַלן און נאַטור־אוצרות.

די באַן שניידט דורך די טשילענער לאַנדשאַפטן וואָס ווערן, ווייטער אַוועק פון דער טשילענער הויפּטשטאָט, אַלץ וויניקער. איך זיץ אין וואַגאָן און דערמאָן זיך גראָד, אַז היינט איז ערב ראש השנה און דערפיל אַ מאָדנע אומהיימלעכקייט. פון דער צווייטער באַנק קוקט אויף מיר אַ מאַן, צוערשט נישט זיכער, אָבער וואָס אַמאָל דרייסטער. באַלד זע איך ווי ער צעשמייכלט זיך.

— זיכער מאַך איך קיין טעות נישט — קלינגען צו מיר אַריבער יידישע ווערטער — איר זענט דאָך... — רופט ער אָן מיין נאָמען. — איך האָב אייער בילד געזען אין „ערסיזשע" (אַ טשילענער זשורנאַל), איך בין אויך אייערס אַ שטענדיקער לייענער פון דער בוענאָס־איירעסער „די יידישע צייטונג". איר — איז ער ביי זיך זיכער — פאַרט קיין וויניאַ דעל מאַר אויף ראש השנה...

אָפּגערעדט זיינס, שטעלט זיך דער ייד פאַר פאַר מיר:

— איך הייס מיסאַר, אַ ייד פון פוילן. ערגעץ דאָ אויף אַ סטאַנציע, טאַקע נישט ווייט פון וויניאַ דעל מאַר, האָב איך קינדער, פאַר איך צו זיי אַרויס אויף ראש השנה.

דער ייִד ווערט מיט מיר באַלד היימיש, און באַקלאָגט זיך אויך, אַז עס האַלט שמאָל מיט ייִדישקייט אין די לענדער... ס'איז נישט דער היימישער ערב ראש השנה. ער איז מיך מכבד מיט אַ טרונק בראָנפן און צובייסעכץ, וואָס ער האָט מיטגענומען צידה לדרך, און מיט שיחת חולין.

וואַלפּאַרייסאָ איז אייגנטלעך צוויי שטעט — אַן אַלטע און אַ נייע. עס ווענדט זיך אין דעם, פון וועלכער זייט איר קומט אין שטאָט אַריין: ווען איר קומט דורכן פּאָרט קוקט די שטאָט אויס אַלט און אָפּגעלאָזן, צוליב די אַלטע געביידעס און צוליב די גאַסן וואָס געפינען זיך אַרום פּאָרט; קומט איר מיט דער באַן, קוקט די שטאָט אויס אַנדערש: די גאַסן פון שטאָט זענען באַרגיקע, משופּעדיק, און ווען איר קומט צום שטאָט־צענטער זעט איר בלאַנקענדיקע הייזער פון מאַרמל־ און גראַניט־שטיינער, וואָס באָדן זיך אין אַ ים פון זון־שטראַלן. אַרום דער וואַסער־פּלאַך געפינט זיך דער געשעפטלעכער טייל פון שטאָט וואָס איז דאָ ענלעך צו די גאַסן פון יעדער גרויסער שטאָט. העכער אַרויפצו קוקט וואַלפּאַרייסאָ אויס ווי אַ זומער־פּלאַץ מיט אירע ווילעס אַרום־גערינגלט מיט וויינגערטנער. איר פאָרט מיט אַן עלעווייטאָר פון איין שטאָט־טייל צום אַנדערן ווי מיטן אָמניבוס. אַרום פּאָרט קענט איר זען צענדליקער זעגלשיפן, טראַנספּאָרט־שיפן און צעבראָכענע שיפן וואָס וואַרטן אויף ברוך־מאַשינען. דאָ זעט זיך די אָרעמקייט מער אַרויס ווי אין דער הויפּט־שטאָט.

וואַלפּאַרייסאָ איז שטאָלץ מיט דעם, וואָס מיט צוויי הונדערט יאָר צוריק האָט נישט ווייט פון דאָרט, אויף אַן אינדזל, פאַרבראַכט דער באַרימטער רו־בינסאָן קרוזאָ. דער אינדזל איז איצט אַ רעגירונגס־פּאַרק און אַ פּלאַץ פאַר נייגעריקע טוריסטן. דערנעבן געפינט זיך אַ פישער־דערפל.. אויפן באַרג, אַנט־קעגן די פעלדזן, ווו רובינסאָן קרוזאָ האָט פאַרבראַכט, געפינט זיך אַ בראָנד־זענע פּלאַקע צו זיין אָנדענק. דער ריכטיקער נאָמען פון רובינסאָן קרוזאָ איז געווען אַלעקסאַנדער סעלקירק, אַן אירלענדער. נאָך יאָרן אַרומוואַנדערן האָט ער זיך אין יאָר 1704, פאַרבייפאָרנדיק יענע געגנט, צעקריגט מיטן קאַפּיטאַן פון דער שיף און אַלס שטראָף האָט אים יענער איבערגעלאָזט דאָרט. דער אינדזל, צוועלף מייל די לענג און זיבן מייל די ברייט, איז אַזוי שטורמיש, אַז עס איז פּשוט אוממעגלעך געווען דאַן צוקומען צו אים. פיר יאָר האָט ער דאָרט גע־לעבט, ביז אַ פאַרביישווימענדיקע שיף האָט אים, צוליב זיינע פייער־סיגנאַלן, אַנטדעקט און אים צוריקגעפירט קיין ענגלאַנד.

פערצן יאָר האָט ער דאָרט געלעבט, געוואָרן אַן אָפיציר פון דעם ענגלישן פלאָט. ער האָט אין גאָרטן פון זיין וווינונג אויסגעבויט אַ הייל, כדי דאָרט צו פאַרברענגען און זיך דערמאָנען אין דער הייסער לופט און איינזאַמקייט פון אינדזל. פאַר זיין טויט האָט ער דערציילט זיינע איבערלעבונגען צו אַ שרייבער

מיטן נאָמען דניאל דאפי, וועלכער האָט אָנגעשריבן דאָס בוך רובינסאָן קרוזאָ, נישט אָנרופנדיק אים ביי זיין ריכטיקן נאָמען.

פון וואַלפאַרייסאָ קיין ווינאַ דעל מאַר דויערט איינגאַנצן אַ דרייסיק מי־נוט צייט. איר קענט די רייזע מאַכן מיט אַן אָמניבוס אָדער מיט אַן אויטאָמאָביל, וואָס קאָסט אייך גראָד ביליקער ווי אין אַנדערע לענדער. ווינאַ דעל מאַר מאַכט אויף דעם באַזוכער אַן איינדרוק ווי אַ שטעטל אין די אַלפן־בערג: אירע הייזער און גאַסן זענען צעוואָרפן און צווישן זיי וויינגערטנער, בלומען און בערג. די הויפט־אַטראַקציע פאַר געסט און אינטערנאַציאָנאַלע טוריסטן איז נישט אַזוי דאָס נאַטור־שיינע שטעטל, ווי דער „קאַסינאָ" וואָס געפינט זיך דאָ. דער קאַסינאָ איז באַרימט אין אַלע לאַטיין־אַמעריקאַנער לענדער. איר קענט דאָרט געפינען מענטשן פון די ווייטסטע ווינקלען פון דער וועלט, וועלכע יאָגן זיך נאָכן „גרויסן געווינס" און זוכן אויף אַ לייכטן וועג מיט איינמאָל רייך צו ווערן. עס רעדט זיך בלויז אַזוי לייכט, — דאָס שפילן אין קאַסינאָ איז שוין גאָרנישט אַזאַ לייכ־טע אַרבעט: דאָ אַרבעטן ביי זיי דער קאָפ און די נערוון, און רייסט מיט זיך מיט דעם קערפער...

נאָכדעם ווי איך האָב געכאַפט אַ קוק אויף ווינאַ דעל מאַר וואָס איז פול מיט שפילגעסט, האָב איך באַזוכט דעם קאַסינאָ. דער דרויסנדיקער אויסזען, ווי אין מאָנטע קאַרלאָ: באַדינער, אָנגעטון אין גאַלאַ אוניפאָרמען מיט גלאַנציקע גאָלדענע קנעפ, שטייען פון אַלע זייטן אויסגעצויגענע ווי סטרונעס, עפענען פאַר אייך, מיט דער באַקאַנטער סקאַרבאַווער העפלעכקייט, די טויערן, און זענען אייך גרייט צו דינען. עס איז אַ גרויסער קאָנטראַסט פון די אויבערשטע טרעפ פון אַריינגאַנג צו דעם קאַסינאָ און די אונטערשטע; דאָרט שטייען די צייטונגס־פאַר־קויפער באָרוועסע, מיט זשעדנע אויגן קוקן זיי אויף יעדן וואָס גייט אַריין און אַרויס פון קאַסינאָ, מיט אַ זינגענדיקן קול רופן זיי אויס די צייטונגען, זשור־נאַלן, קוקן יעדן אין די אויגן, אפשר קען מען ביי וועמען פון די באַזוכער כאַפן אַ זייטיק פאַרדינסטל... אויב זיי זענען נישט קיין מיליאָנערן, ווו נעמען זיי געלט צו שפילן אין קאַסינאָ?

צוויי מאַסיווע טירן עפענען זיך פאַר אייך און איר געפינט זיך אין סאַמע קאַסינאָ. ווו אייער אויג קען נאָר דערגרייכן זעט איר טישן מיט ביינדלעך — הימל און ערד און ביינדלעך: גרינע, רויטע, בלויע, ברוינע, שוואַרצע און אַנדערע פאַרבן. די רולעטקע דרייט זיך מיט דער גרעסטער געשווינטקייט; הונדערטער אָנגעשטרענגטע און נערוועזע בליקן קוקן אויף דער רולעטקע, פינטלען מיט די אויגן, אַ טייל פינטלען אַפילו מיט די העלדזער, און אַנדערע אברים הויבן זיך ביי זיי פלוצים אָן צו באַוועגן... אַלעמענס פראַגע איז איצט, ווער עס וועט אַרויס דער גליקלעכער? החיים והמות בידי הראָלעטקע... אַ זייטי־

קער צושויער, וועלכער איז אינגאַנצן פריי פון דעם סאָרט חולאת, האָב איך די געלעגנהייט צו באַאָבאַכטן די מענטש וואָס שטייען איצט ווי האַלבע און גאַנצע משוגעים מיט פיבערדיקע בליקן; יעדעס פּנים האָט אַן אַנדערן אויסדרוק, אַ טייל נעמען אויף זייער „טויט־אורטייל" מיט אַ מאָדנעם שמייכעלע, אַ מין גאַלגן־הומאָר, אָדער ווי מען קען עס פּשוטער אָנרופן: „אַ געלעכטער מיט יאַשטשערקעס"; אַנדערע מאַכן הוויות מיטן גאַנצן קערפּער, ווי דער תּליון וואָלט זיי נאָרוואָס פאַרצויגן די פּעטליע אַרום האַלדז. צווישן די שפּילער האָב איך באַמערקט אַ ייִד פון וואַלפּאַרייסאָ — ווען איך האָב ערשט נעכטן געזען דאַוונען אין שול — ווי ער איז געשטאַנען און זיך געשאָקלט, האָב איך זיך דערמאָנט אין ר' לוי יצחק בערדיטשעווערס מידת הרחמים — מן־הסתם זאָגט דער ייִד דאָ די לאַנגע שמונה עשרה, און מיט אַ באַזונדערע כּוונה דעם „יהי רצון"...

די שפּילער דאָ זענען, לויט זייער אויסזען, פון אַלע קלאַסן, אפילו מענטשן פון פּשוטן פאָלק, וואָס קוקן אויס לויט זייער קליידונג אָרעמע. עס פּאַסירט דאָ אָפט, אַז מענטשן וואָס פאַרלירן זייער לעצטן סענט באַגייען זעלבסטמאָרד פאַר פאַרצווייפלונג. איך האָב געזען אַ יונגן פּערואַנער וואָס האָט אַזוי ליידנשאַפטלעך כּסדר געהאַלטן אין איין שפּילן, ביז ער האָט פאַרלוירן דעם לעצטן סענט, איז ער אַרויסגעלאָפן פון קאַסינאָ אַ צעיאָכמעטער, פאַרקויפט אויף דער שטעל זיין אויטאָמאָביל, צוריקגעקומען שפּילן און צוריקגעווינען דאָס גאַנצע געלט; אַ שעה האָט געדויערט, און ער איז ווידער געבליבן אָן אַ סענט און נישט געהאַט מער וואָס צו פאַרקויפן.

***

צוויי מאָל האָב איך באַזוכט טשילע אונטער דער רעגירונג פון גאָנזאַלעס ווידעלאַ. בעת מיין ערשטן באַזוך, קומענדיק דורך אריקאַ דעם 14טן פעברואַר 1947, איז פּונקט געווען הונדערט אין איין טאָג ווען דער פּרעזידענט האָט איבערגענומען די מאַכט. דאַן איז פאָרגעקומען אַ מיניסטאַרן־קריזיס צוליב דער דעלעגאַציע וועלכער ער האָט באַשטימט קיין אורוגווײַ בייצווזיין די צערע־מאָניע פון דאָרטיקן ניי־דערוויילטן פּרעזידענט. אין יענער קאָמיסיע האָט די רעגירונג באַשטימט צוויי קאָמוניסטן, האָבן דערפאַר די ליבעראַלע מיניסטאָרן רעזיגנירט און אַ פּאָר ראַדיקאַלע האָבן נאָכגעפאָלגט זייער ביישפּיל. עס איז נישט וויכטיק ווי אַזוי די רעגירונג האָט דאַן אויסגעמיטן אַ קריזיס, וויכטיק איז, ווי אַזוי דער מענטש אין גאַס האָט דאַן אויפגענומען די סיטואַציע. די ערשטע זייטן פון די צייטונגען האָבן מיט גרויסע קעפּ דערציילט די נייעס מיט קאָמענטאַרן, און איר האָט געקענט הערן אָפענע טענות: אַ פּרעזידענט וואָס

קען נישט געבן ברויט, קיין קאַרטאָפל און צוקער טויג נישט! די בעקערייען זענען דאַן צוליב אַ שטרייק געווען פאַרמאַכט... בעת איך האָב דאָס צווייטע מאָל באַזוכט טשילע איז שוין די פּאָליטישע סיטואַציע געווען שאַרפער. אַ סך לעבנסמיטל האָבן אויסגעפעלט, און מ׳האָט דאָ קלאָר געזען, אַז מ׳האָט דאָ צו טון מיט אַ גוט־אָרגאַניזירטן סאַבאָטאַזש קעגן דער רעגירונג; איר האָט נאָר באַדאַרפט גוט צוקוקן זיך צו דעם געשאַפענעם פּאָליטישן פּלאָנטער, און אייך איז קלאָר געוואָרן ווער עס פירט אָן דעם סאַבאָטאַזש קעגן דער רעגירונג.

נאָכן טויט פון פריערדיקן פּרעזידענט, כואַן אַנטאָני ריאָס, אין יוני 1946, זענען פאָרגעקומען ספּעציעלע וואַלן ביי וועלכע גאָנזאַלעז ווידעלאַ, דער קאַנדידאַט פון דער ראַדיקאַלער פּאַרטיי, איז אויסגעוויילט געוואָרן קעגן די אַנדערע צוויי קאָנסערוואַטיווע קאַנדידאַטן. די מאַיאָריטעט איז דאַן געווען אַזאַ נישטיקע, אַז דער פּרעזידענט האָט זיך געניוטיקט אין דער שטיצע פון די קאָמוניסטן. דער קאָנגרעס האָט דאַן באַדאַרפט באַשטימען די גילטיקייט פון די וואַלן. צוליב דער נישטיקער מאַיאָריטעט האָבן די קאָמוניסטן אויסגענוצט די סיטואַציע, געמאַכט אַ דעמאָנסטראַציע אַרום דער קאָנגרעס־געביידע, געדראָט מיט אַ גענעראַל־שטרייק און אָנגעווענדט פאַרשיידענע מיטלען. אונטער דעם דרוק האָט דאַן דער קאָנגרעס באַשטעטיקט גאָנזאַלעז ווידעלאַן. ער האָט זיי צוריקגעצאָלט מיט דריי מיניסטאָרן אין זיין קאַבינעט. דאָס איז געווען צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פון לאַטיין־אַמעריקאַנער לענדער. עס האָט זיך דאָ געשאַפן אַן ענלעכע לאַגע ווי ביים פּרעזידענט בוסטאמאנטע אין פּערו צווישן די „אפּרא“ און די קאָנסערוואַטאָרן. גאָנזאַלעז ווידעלאַ האָט זיך געפינען צווישן צוויי פייערן;ביידע לאַגערן זענען נישט געווען צופרידן. די קאָמוניסטן האָבן אָנגעהויבן אַן אָפענעם קאַמף קעגן פּרעזידענט, גערופן שטרייקן אין די מינעס און אין אַנדערע וויכטיקע אינדוסטריעס. דער פּרעזידענט האָט שנעל געהאַנדלט און אָפּגעבראָכן אויף שנעל מיט די קאָמוניסטן. די ליבעראַלע מיניסטאָרן האָבן רעזיגנירט, כדי דער גאַנצער קאַבינעט זאָל רעזיגנירן. אַכט פון די ניין קאָמוניסטישע גובערנאַטאָרן, וואָס זענען געווען די אָנפירער פון קוילן־שטרייק אין די מינעס, זענען אַרויסגעוואָרפן געוואָרן — דער ניינטער האָט אַליין רעזיגנירט. אויפן באַפעל פון פּרעזידענט האָט די אַרמיי שנעל פאַרכאַפּט די קוילן־מינעס, כדי צו פאַרהיטן פון סאַבאָטאַזש. אין סאַמע טומל זענען אין סאַנטיאַגאָ אַרעסטירט און אַרויסגעשיקט געוואָרן אויסלענדישע קאָמוניסטישע אַגענטן, און דער פּרעזידענט האָט פאַר דער פּרעסע אָפּגעגעבן אַ לענגערע דערקלערונג, אין וועלכע ער האָט דאַן געזאָגט: „איך האָב געהאַט אַ דערפאַרונג מיט די קאָמוניסטן, און זייער טאַקטיק, זייער הויפּטציל, איז צו צערייצן דאָס פאָלק. זיי זענען נישט פאַראינטערעסירט אין פאַרבעסערן די עקאָנאָמישע לאַגע פון לאַנד;

צוערשט מאַכן זיי פּלענער, כדי צו צערייצן די אַפּעטיטן פון פאָלק, נאָכדעם שטערן זיי אַליין דורכפירן די פּלענער, און פאַרהיטן, אַז די רעפאָרמען וואָס קענען ברענגען אַ פאַרבעסערונג זאָלן דורכגעפירט ווערן. כדי אַריינצוברענגען כאַאָס און אומצופרידנקייט, צו דעם צוועק — האָט דאַן דער פּרעזידענט דער־קלערט פאַר דער דאָרטיקער און אויסלענדישער פּרעסע — גנבענען זיי זיך אויף פאַרשיידענע וועגן אַריין אין די יוניאָנס, כדי פון דאָרט אויסצופירן די באַפעלן און דאָמינאַציע פון מאָסקווע״.

גאָנזאַלעז ווידעלאַ פלעגט געבן דעם טשילענער פאָלק ספּעציעלע אוידיענצן וואָס מען האָט גערופן: „אוידיענסיאַס עספּעציאַלעס״. שוין דאַן, ווען די פּאָלי־טישע לאַגע איז געווען פאַרשאַרפט, האָבן די באַגעגענישן צווישן פּרעזידענט מיט די בירגער פון לאַנד אָנגעהאַלטן. קיין באַזונדערע אינטערוויוען פאַר אויס־לענדישע קאָרעספּאָנדענטן זענען דאַן, צוליב דער געשאַפענער סיטואַציע, נישט געגעבן געוואָרן, האָב איך געבעטן די דערלויבעניש בייצווזיין די „אוידיענסיאַס פּאָפּולאַרעס״, וואָס איז מיר באַוויליקט געוואָרן. יענע טעג, ווען דער פּרעזידענט פלעגט זיך דורכריידן מיטן פאָלק, זענען אַלע באַגעגענישן אָפּגעזאָגט געוואָרן. פּופּצן סעקרעטאָרן זענען געווען אָנוועזנד, כדי מיטצוהעלפן דעם פּרעזידענט אין זיינע שמועסן מיטן פאָלק. ווען איך בין צוגעקומען פאַרן ספּעציעלן צימער פון פּרעזידענטן־פּאַלאַץ, אין דער שענסטער געגנט פון טשילע, האָבן שוין דאָרט געוואַרט אַ ריי מענטשן, מענער, פרויען און יונגעלייט; לויט זייער קליידונג קענטיק פון אָרעמען קלאַס. איך האָב דעם אָפיציר אין דרויסן איבערגעגעבן מיין ספּעציעלע דערלויבעניש און ער האָט מיך אַריינגעפירט אין זאַל צוזאַמען מיט אַ פרוי איינגעהילט אין אַן אַלטער אָפּגעבלאַקעוועטער שאַל, מיר אָנגעוויזן אַוועקצוזעצן זיך צווישן די אַרויסהעלפער פון פּרעזידענט. די פרוי האָט אָן שום צערעמאָניע אָנגעהויבן מיט אַ וויינענדיק קול: „סעניאָר פּרעזידענט, איך האָב צען קינדער, אין אַ וואָך אַרום וואַרפט מען מיך אַרויס פון מיין דירה...״ דער פּרעזידענט רופט צו איינעם פון די געהילפן, יענער נעמט די פרוי אין אַ זייט, פאַרשרייבט און פאַרזיכערט איר: גייט אַהיים, קיינער וועט אייך פון אייער דירה נישט אַרויסוואַרפן. אַ יונגער טאַקסי־שאָפער קומט נאָך דער פרוי, באַ־גריסט דעם פּרעזידענט און הייבט אָן נישט זיכער: „איך בין פאַראורטיילט גע־וואָרן צו צוויי חדשים תפיסה פאַר פאַרן שכורערהייט, איך — טענהט דער שאָפער — האָב נישט געטריבן מיין אויטאָמאָביל שכורערהייט, בלויז געטרונ־קען אַ פלעשל רום, געשטאַנען אויף אַ פּלאַץ ווו מ'דאַרף נישט... אַנטשלאָפן געוואָרן, האָט מיך אַ פּאָליציסט אַרעסטירט און...״ דער פּרעזידענט לאָזט אים נישט ענדיקן: דאָס מאָל — זאָגט דער פּרעזידענט — וועט מען דיר שענקען דיין אורטייל, אָבער נישט מער... אַן אַרבעטסלאָזער איז דער דריטער. ער

קלאָגט זיך פֿאַרן פּרעזידענט: ער האָט אַ משפּחה אויסצוהאַלטן און האָט נישט קיין אַרבעט... דער פּרעזידענט כאַפּט שנעל דעם טעלעפֿאָן; איך הער דײַטלעך ווי ער רעדט: האַלאָ כואַן! איך האָב נאָרוואָס אַ מאַן פֿאַר דײַן גאָרטן, אַ פֿײַנער גערטנער... אַ געהילף גיט אים דעם אַדרעס; דער פּרעזידענט זאָגט צו אים שמייכלדיק און פֿרײַנטלעך: גיי אַהין, דאָרט וועסטו באַקומען אַרבעט. אַ פֿעסט־געבויטער מאַן באַווייזט זיך אין אַרבעטער־קליידער, באַגריסט דעם פּרעזידענט און הייבט אָן: „סעניאָר פּרעזידענט, איך האָב געהאַט אַרבעט, האָט מען מיך פֿון דאָרט אַרויסגעוואָרפֿן, ווײַל איך בין געווען טעטיק אין דער יוניאָן". דער פּרעזידענט גיט אַ ווינק צו איינעם פֿון די געהילפֿן, יענער רופֿט דורכן טעלעפֿאָן אָן אַגענטור, גיט איבער דעם פּרעזידענט דעם ענטפֿער, און ווידער שמייכלט ער: גיי אויף דעם אַדרעס, דאָרט איז פֿאַראַן אַרבעט פֿאַר דיר. דער אַרבעטער דאַנקט און לאָזט זיך אַוועקגיין, שוין ביי דער טיר קערט ער זיך צוריק: סעניאָר פּרעזידענט — הייבט ער אָן געריערט — איך פֿאַרזיכער אייך, אַז פֿון היינט אָן וועל איך קיינמאָל נישט האָבן צו טון מיט יוניאָנס. דער פּרעזידענט רופֿט אים נענטער צו זיך: ניין, מײַן פֿרײַנט, גיי און זײַ יאָ טעטיק אין דער יוניאָן, דײַן געוויסן דיקטירט עס דיר!

***

אין טשילע האָבן זיך אָנגעהויבן פֿון זעכצנטן יאָרהונדערט, גלײַך נאָך דעם ווי די שפּאַניער האָבן דעראָבערט דאָס לאַנד, געפֿונען אַנוסים, פּונקט ווי אין די שכנהשע לענדער. סאַנטיאַגאָ האָט געהערט צו דעם אינקוויזיציע־טריבונאַל פֿון די לאַטיין־אַמעריקאַנער לענדער, וואָס האָט זיך געפֿינען אין לימאַ. די אנוסים האָבן זיך אינגאַנצן אויסגעמישט מיט דער אַרומיקער באַפֿעלקערונג: נישט אין איינעם פֿון די טשילענער אַדעליקע משפּחות פֿליסט ייִדיש בלוט. אַפֿילו אַ טייל פֿון דער ייִדישער אימיגראַציע קיין טשילע, אין אָנהייב פֿון נײַנצנטן יאָרהונדערט, האָט זיך אויך אַסימילירט. אין אָנהייב פֿון איצטיקן יאָרהונדערט איז קיין טשילע געקומען אַן אימיגראַציע פֿון ספֿרדישע ייִדן פֿון די אַראַבישע לענדער, פֿון עלזאַס לאָטרינגען, און אַ ביסל שפּעטער, אין יאָר 1910, פֿון רוסלאַנד און רומעניע. אייניקע ייִדישע אימיגראַנטן וואָס האָבן נישט געהאַט קיין מזל האָבן זיך אַוועק־געלאָזט אין שכנהשן לאַנד איבער די הויכע אַנדן־בערג. אין יאָר 1900 זענען אין טשילע געווען אינגאַנצן הונדערט ייִדן. אין 1914, פֿאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה, איז די צאָל פֿאַרטאָפּלט געוואָרן אויף צוויי הונדערט. נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט זיך אָנגעהויבן אַ מין קרובים־אימיגראַציע און אַ רעאימיגראַ־ציע פֿון שכנהשע לאַטיין־אַמעריקאַנער לענדער. אין יאָר 1930 האָט די צאָל ייִדן אין טשילע דערגרייכט צו זעקס טויזנט און וואָס איז כסדר געוואַקסן. פֿאַר

1933, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די פּליטים־אימיגראַציע, זענען שוין דאָרט געווען צען טויזנט ייִדן. די אַזוי גערופענע „היטלער־אימיגראַציע", וועלכע האָט זיך אָנגעהויבן אין יאָר 1933 פון דייטשלאַנד און אַנדערע צענטראַל־אייראָפּעיִשע לענדער, האָט מיט זיך געבראַכט אַ נייעם אימיגראַציע־שטראָם. מ'קען רעכענען, אַז היינט צו טאָג געפינען זיך אין טשילע איבער דרייסיק טויזנט ייִדן.

אין יאָר 1916 איז געגרינדעט געוואָרן דער ערשטער ייִדישער צענטער אין סאַנטיאַגאָ — דאָס איז געווען די ערשטע אָרגאַניזירטע קערפּערשאַפט פון טשילענער ייִדן. דער צענטער, וואָס דינט פאַר אַ קהילה פאַר די טשילענער ייִדן, איז זינט דאַן אַ פּאָר מאָל איבערגעבויט און פאַרגרעסערט געוואָרן. עס זענען אויסגעוואַקסן ייִדישע ישובים אין וואַלפּאַראייסאָ, טעקומאַ, קאָנצעפּסיאָן, וואָס האָבן געשאַפן אויפן זעלבן סיסטעם ייִדישע צענטערס. עס זענען אויך געשאַפן געוואָרן באַזונדערע קהילות פון דייטשע און צענטראַל־אייראָפּעיִשע ייִדן — די „בני ישראל", אונגאַרישע און ספרדישע קהילות, און אַפילו אַ שטרענג־אָרטאָדאָקסישע קהילה — „עדת ישראל" מיט אַ רב און אַ מחלוקת. אַזעלכע קהילות געפינען זיך אין אַלע ישובים, און עס איז אויסגעוואַקסן אַ געזעלשאַפטלעכער אַפּאַראַט מיט פאַרשיידענע אָרגאַניזאַציעס: אַ פאַרבאַנד פון פּוילישע ייִדן, פון אונגאַרישע ייִדן, — פּאַרטייען און פאַרטייעלעך.

איך האָב קיין מזל נישט געהאַט אין טשילע. — מ'האָט צו מיר געהאַט טענות פאַרוואָס ביי מיין ערשטן באַזוך דאָרט האָב איך נישט באַשריבן די, וואָס פאַרדינען דעם כבוד „באַשריבן" צו ווערן, נאָר דערמאָנט אַ ביאַליסטאָקער מיידל, וואָס איז געווען די איינציקע דעלעגאַטקע פון טשילע צום ציון־קאָנגרעס.

ווען איך האָב זיך פאָרגעשטעלט פאַרן פּרעזידענט פון דער דאָרטיקער ציוניסטישער פעדעראַציע און איבערגעגעבן מיינע „קרעדענציאַלן", ווי מען רופט עס אין יענע לענדער, — איז די ערשטע פראַגע געווען: „צו וואָס פאַר אַ פּאַרטיי געהערט איר?" עס איז פונקט געווען נאָך די וואַלן אין דער כנסת. די מפא"י האָט אָפּגעהאַלטן אַ גרויסן זיג, און לאַטיין־אַמעריקאַנער האַלטן געוויינלעך מיטן שטאַרקן, און ייִדן האָבן, פאַרשטייט זיך, איבערגענומען די אייגנשאַפטן פון די דאָרטיקע איינוווינער. דער פּרעזידענט וואָס איז, פאַרשטייט זיך, נאָכן זיג פון דער מפא"י אַריבער אין מפא"ישן לאַגער, האָט מיך צו דעם צוועק אַריינגעשיקט אין צימער ווו די מפא"י האָבן אָפּגעהאַלטן זייער זיצונג, און מען האָט מיר גענומען אויף אַ „שטרענגן פאַרהער". דער ראש המדברים איז געווען אַ יונגערמאַן מיט אַ טשופּרינע מיטן נאָמען ראַזאָווסקי:

— איר פאַרשטייט, — האָט דער יונגערמאַן אָנגעהויבן גאַנץ ערנסט — אין אייערע אַרטיקלען האָב איך גאָרנישט באַמערקט, אַז איר זענט אַ מפא"יניק...

אַ צווייטער האָט אים נישט געלאָזט פאַרענדיקן.

— וואָס איז אייער מיינונג וועגן חבר בן־גוריון? — און אַ דריטער האָט מיך אָפּן באַשולדיקט, אַז איך בין גאָר אַ רעוויזיאָניסט, אַ סימן אַז איך האָב גערעדט אויף אַן הזכרה פון די געהאָנגענע קדושים פון „ארגון" אין בוענאָס־איירעס.

דער גאַנצער ענין פון בודק זיין מיינע ציצית האָט מיר גאָרנישט געשמעקט, און איך האָב אויף אַלע פראַגן נישט געענטפערט דירעקט:

— אַ זשורנאַליסט, — האָב איך באַמערקט — קען נישט זיין קיין בלינדער פּאַרטיי־מאַן און קען אַמאָל זען גוטס אין קעגנערס צד, און שלעכטס אין דער פּאַרטיי מיט וועלכער ער סימפּאַטיזירט...

— יאָ, — האָט אַ יונגער אינזשיניער וואָס האָט קוים גערעדט יידיש אויף מיר זיך אַרויפגעכאַפּט — די אַלע פראַזן זענען טאַקע זייער שיין, אָבער מיר ווילן וויסן, צו וואָס פאַר אַ פּאַרטיי געהערט איר.

— אויב אַזוי, — האָב איך געענטפערט — אויב איר נעמט מיך יאָ אויף אַ קרייצפאַרהער, געהער איך אינגאַנצן נישט צו קיין פּאַרטיי; גלאַט אַ ייִד פון ישראל...

אַוועק פון דער זיצונג בין איך נישט אין גאָר אַ געהויבענעם מוט. מיין פּאָרשלאָג צו געבן אַ לעקציע וועגן דעם קאַמף אין ישראל, וואָס איך האָב אַליין געזען, איז נישט אָנגענומען געוואָרן. עס האָט אַפילו נישט געהאָלפן אַ פילם, וואָס איך האָב דירעקט מיטגעבראַכט, מיט סצענעס פון פראָנט.

פרייטיק פאַרנאַכט, ווען יידן זענען געזעסן ביי זייערע שבתדיקע טישן, האָב איך צו זיי גערעדט אויף דער שטאָטישער ראַדיאָ. איך האָב נאָך דאַן גע־פילט דעם הייליקן ציטער פון די מינוטן און סצענעס פון קידוש־השם, וואָס איך האָב געזען מיט מיינע אויגן אויף די פראָנטן אין ישראל פון אונדזערע בחו־רים און בחורות און גערעדט מיט האַרץ און נשמה, און איך האָב געזאָגט: „אויב די וועלט האָט זיך גענומען אונדז צו פאַרניכטן, וועט זי אונטערגיין צוזאַמען מיט אונדז!"

אין שטאָט האָט זיך גענומען אַרומטראָגן אַ קלאַנג, אַז דער דעלעגאַט פון ישראל איז גאָר אַ „ארגוניסט" — אַ סימן: איך האָב אויף דער ראַדיאָ גערופן צו נקמה־אַקטן...

פאַרנאַכט האָבן מיך די רעוויזיאָניסטן איינגעלאַדן, אויפגענומען ווי אַן אייגענעם מענטש... און ווען איך האָב זיי דערקלערט, אַז איך בין נישט קיין רעוויזיאָניסט, בין איך געבליבן זיצן איינער אַליין ביים טיש... די נייעס איז דערוויל דערגאַנגען צו די „ציונים כללים", ווי עס רופן זיך דאָרט די אַלגע־מיינע ציוניסטן, און איך בין געווען זייער גאַסט אויף אַ זיצונג און אָפּגעגעבן אַ גרוס פון ישראל.

— חברים, — האָב איך שוין אַן אויפגערעגטער געענטפערט — איך בין נישט קיין אַלגעמיינער ציוניסט, אַ ייִד בין איך, אַ ייִד פון ישראל... איר פאַר־שטייט? אַ ייִד, וואָס וויל נישט וויסן פון פאַרטיי־קלייזלעך... און איך בין ווידער געבליבן אַליין...

***

מיט פינף און צוואַנציק יאָר צוריק האָבן מיר זיך באַקאַנט אין טשאַרליס רעסטאָראַן אויף קאָריענטעס. נישט איך און נישט ער האָבן דאַן געהאַט די פופציק סענט וואָס האָט געקאָסט דער גאַנצער מיטיק־עסן ביי טשאַרלין. דערפאַר האָבן מיר ביידע געהאַט גאָלדענע פאַנטאַזיעס און דערצו מוט און ענערגיע. אין די פאַרכשופטע פאַרנאַכטן, ווען מיר האָבן שפּאַצירט איבער לאַוואַזשע, האָבן מיר געשפּונען אונדזערע חלומות. ער האָט מיר מגלה געווען אַ סוד, אַז ער קלייבט זיך ווערן אַן אַקטיאָר. און טאַקע אַ שטיקל צייט שפּעטער האָב איך אים געטראָפן אין „אַרטיסטישן ווינקל", ערגעץ־ווו אין אַ קעלער, שפּילן טעאַטער. אָבער ער איז שוין דאַן נישט געווען אַליין; ס'האָט אים באַגלייט אַ שוואַרץ־חנעוודיקע מיידל, וואָס האָט אים כסדר געקוקט אין מויל אַריין און ער איר — אין די אויגן אַריין. שפּעטער האָבן זיי ביידע געשפּילט טעאַטער, ריין ליטעראַרישע פּיעסן.

מיין גורל האָט מיך געטראָגן איבער לענדער, שטעט פון דער גרויסער וועלט; זיין גורל — איבער די קאָרדיליערן־בערג קיין טשילע, ווו ער איז אַן אָנגע־שטעלטער ביי דעם ייִדישן סירקולאָ אַ „פּיטשעראַ". נאָך פינף און צוואַנציק יאָר האָבן מיר זיך ווידער געטראָפן אין סאַנטיאַגאָ — אין דער ווייט־פאַרוואָרפענער וואַרעם־קאַלטער סאַנטיאַגאָ, וואָס בייט איר וועטער דריי מאָל אין טאָג, פּונקט ווי דער געמיט פון אירע איינוווינער וואָס איז צו אייך איינמאָל לאַקריץ־זיס און דערקענט אייך נישט אַ צווייטן מאָל.

דאָרט ביי די „הרי חושך", ערגעץ ווו אין עק וועלט, האָט ער אויסגעבויט זיין היים — אַ פעסטונג פאַר דער גרויער וואָכעדיקייט; אַ ביבליאָטעק, ווו עס פעלט נישט קיין ייִדיש בוך וואָס איז נאָר ערגעץ ווו דערשינען. כדי זיך נאָך מער צו וואַרעמען פון דער אַרומיקער קאַלטקייט, פירט ער אַ קאָרעספּאָנדענץ מיט ייִדישע שרייבער פון גאָר דער וועלט — מיט מאָנטרעאָל, יאָהאַניסבורג, ניו־יאָרק. קומט אַ ייִדישער שרייבער קיין סאַנטיאַגאָ — האָט ער דאָרט זיין היים ווו ער ווערט אַרומגערינגלט מיט וואַרעמקייט און חברישקייט. דערשיינט אַ ניי ייִדיש בוך ערגעץ ווו אויפן ערד־קוגעל — ווייסט מען שוין, אַז יוסף גאָלדשיין מוז דאָס האָבן אין זיין ביבליאָטעק. ער איז היינט צו טאָג דער אינ־טערנאַציאָנאַלער אַדרעס פון ייִדישן וואָרט ביי די קאָרדיליערן־בערג.

זיין לעבנס־באַגלייטערין קוקט אים נאָך אַלץ אין מויל אַריין, און ער איר — אין די אויגן אַריין. זיין בלאָנדער קאָפּ איז איצט אַ געמיש פון גרוי־ און אַש־זילבער. אויך ביי דער אַמאַליקער שוואַרץ־חנעוודיקער מיידל שטרייפן זיך ווייס־זילבערנע פעדעם. ווען איך האָב אים אין אַ זונטיקדיקן פרימאָרגן געהערט זינגען ביי אַ קולטור־אַקט לכבוד דעם קינסטלער יעקב בן־עמי, דאָס באַקאַנטע פאָלקליד דעם „מילנערס טרערן״: —

די רעדער דרייען זיך,
און די יאָרן גייען זיך.

האָב איך אין זיינע ווערטער געפילט פאַרשטיקטע טרערן. מיר האָט איצט אויסגעוויזן, אַז דאָס באַזינגט ער זיין אייגענעם גורל ווי אַ פייגעלע וואָס איז אַריינגעפאַלן אין ליימיקן גרוב... נאַכט־אויס, נאַכט־איין ווי ער טיילט „פיטשעס״ (אַ מין געלט פאַר קאָרטן־שפּיל) און די סביבה אַרום שטיקט, וואַרגט... די פּי־טשעס דרייען זיך און די יאָרן גייען זיך. אַמאָל האָט ער אויף קאָריענטעס פון עפּעס אַנדערש געחלומט.

מיט אַן אויטאָמאָביל פון טשילע קיין אַרגענטינע

דריי אזייגער ביינאכט, ווען סאנטיאגאָ איז נאָך געווען איינגעהילט אין נאכט־שלייער, האָט זיך אונדזער אויטאָמאָביל געגליטשט אויפן וועג קיין מענדאָסאָ. ווען עס האָט גענומען בלויען אויף טאָג, און ליכט פאסן האָבן זיך דורכגעריסן דורך דער פרימאָרגנדיקער בלויקייט, האָבן מיר זיך געפונען אין סאַמע מיטן פון די ריזיקע קאָרדיליערן־בערג, וואָס האָבן פארשטעלט די אויפגייענדיקע זון. אין שיין פון אָנקומענדיקן מאָרגן האָט די פאנאָראמע ארום אויסגעזען ווי א פאנטאסטיש בילד, וואָס נאָר דער פענדזל פון א געניאַלן מאָלער איז פעיִק אויפצוכאַפן.

איר דאַרפט זיך אָנשטרענגען, כדי צו דערזען די ווייס־באַדעקטע שפיצן פון די ריזיקע בערג, וואָס האָבן איצט, צווישן נאכט און טאָג, אַן אומבאַשטימטן קאָליר און זעען אויס ווי דרימלענדיקע סילועטן וואָס שלאָפן דאָ זייער אייביקן שלאָף.

אונדזער אויטאָמאָביל שניידט זיך דורך אַ וועג צווישן דעם שמאָלן פאַס וואָס איז אויסגעהאַמערט געוואָרן דורך דער ריזיקער בערג־קייט. וואָס אַמאָל שטייגט מען העכער און העכער. איר קוקט אַראָפּ צום אָרט, פון וואַנען איר זייט ערשט מיט אַ פּאָר מינוט פאַרבייגעפאָרן, און אַ צווייטער אויטאָמאָביל זעט אין אייערע אויגן אויס ווי א פליג וואָס קריכט זיך פּאַוואָליע אויף א קרומער וואנט. עס שווינדלט פאר די אויגן... איין שלעכטער דריי און — עס קען פון אייך ווערן אַש און פּאָרך...

שטאָלץ און מאַיעסטעטיש פאַררייסט חוצפהדיק זיינע פאַרשנייעטע שפיצן וואָס בלאנקען אין דער זון, דער גרעסטער בארג „אקאנקאגואַ", וואָס איז איבער דריי און צוואנציק טויזנט פוס הויך. צופוסנס פון דעם בארג שטראָמט א וואַסערפאל וואָס ציט זיך לענגויס ארום די בערג. נאָך די הימאַלאַיען, איז דאָס דער גרעסטער בארג. אין יאָר 1897 איז דער ענגלענדער ווינס אַרויפגעקראָכן אויף דעם בארג; און ערשט נישט לאנג, דעם 12טן פעברואר פון ד. י., איז דער בראַזיליענער דאָ־מינגאָ זשעיבו אַרויפגעקראָכן אויפן שפיץ פון העכסטן בארג אין אמעריקע. טויזנטער פוס פון שפיץ זענען איינגעהילט אין אייביקן שניי.

גלייך אונטער דעם בארג איז „פוענטע דעל אינקא", א וואונדער־בריק וואָס די נאטור אליין האָט געשאפן; א מאסע, וואָס האָט געשטראָמט פון פאַרשיידענע מינע־ראַלן, האָט אליין אויסגעבויט א נאטירלעכע בריק.

ווייזט מיר א פאסאזשיר אן ארומגעצוימטן פלאַץ, גלייך ווי מען קומט אין „פוענטע דע לאס אינקאס״. דאָס איז דער קבר פון דעם אומבאַקאַנטן ריטער, וואָס איז צוזאַמען מיט זיין פערד אראָפּגעפאַלן און צעפּיצלט געוואָרן אויף שטויב. דאָ ליגן די רעשטלעך פון מענטש און בהמה, קעגן וועמען די נאַטור איז געווען קאַפּריזנע...

אַ פּאָר שריט ווייטער, און איר זעט טויטע בהמות וואָס זענען דערהרגעט געוואָרן, וואַרשיינלעך, פון אַ דורכפאָרנדיקן טראַנספּאָרט וואָס האָט פאַרלוירן זיין גלייכגעוויכט. אָט איז דער בערגיקער וואַסערפאַל, וואָס שפּיגלט זיך אין דער זון, פון וואַנען איר קענט אייערע אויגן נישט אָפּרייסן.

עס איז שוין העלער טאָג ווען מיר זענען אָנגעקומען אין טשילענער שטעטל וואָס ליגט ביים ראַנד פון די ריזיקע בערג. דאָ דאַרפן מיר זיך אָפּרוען און עפּעס איבערכאַפּן. די איינוווינער, מיט פאַרביקע, פרישע פּנימער, שמייכלען צו אונדז פריינדלעך; פרויען און קינדער, מיט טשוועקעס אין די שיך, כדי זיך לייכטער צו קענען דראַפּען אויף די בערג — אַלע אָנגעטאָן אין וואַרעמע קליידער. איר דערפילט דעם ריח פון דער באַרג־לופט וואָס צעגיסט זיך אין אייערע אברים, ווי גוטער וויין, און איר פאַרשטייט, פאַרוואָס די איינוווינער זענען אַזעלכע גוטמוטיקע און פריינטלעכע...

אַ שטיק באַרג האָט פאַרבלאָנדזשעט אין סאַמע מיטן פון שטעטל. ער איז אַ ביסל משופּעדיק און ווערט וואָס אַמאָל גרעסער און גרעסער, ביז ער פאַרענדיקט זיך אין גאָר־גרויסן באַרג, ווי א הויכער טורעם. נאָכדעם קומט ווידער א צווייטער באַרג, אַ דריי גאָרענדיקער, און אַזוי וואָס אַמאָל העכער און העכער — בערג פון דריי און פיר טויזנט מעטער. אויף איינמאָל שניידט זיך אין סאַמע מיט דורך אַזוי זיך אַ בערגל, וואָס האָט זיך דאָ, ווי אויף להכעיס, פאַרקליבן צווישן אַזעלכע צוויי ריזן, וועלכע קענען אים מיט א לייכטן ריר דערשטיקן. אַזוי האָט די נאַטור פון זיך אליין פאָרמירט איינע פון די שענסטע אַרכיטעקטורן, כדי די בערג זאָלן פאַר דעם באַוווּנדערער נישט זיין מאָנאָטאָן.

מיר קומען צו צום טונעל וואָס שניידט איבערביידע לענדער. היות ווי די בערג זענען אַזוי הויך, אַז עס איז פּשוט נישט מעגלעך געווען דורך זיי דורכצושניידן א וועג, האָט מען געמוזט דורכבויערן זייער אינגעווייד.

וויפל מענטשלעכע שוויס און אַרבעט עס האָט אָפּגעקאָסט דאָס דורכבערעכן פון דעם טונעל! צוליב דעם וואַסערשטראָם פון דעם באַרג „אַקאָנקאַגואַ״ האָבן זיך אין יענער געגנט, אין ניינצנטן יאָרהונדערט, באַזעצט מענטשן פון די ווייטע געגנטן, ווו עס האָט געהערשט א טריקעניש, און מ׳האָט אָנגעהויבן בויען באַנען פאַר טראַנספּאָרט, וואָס האָבן זיך אויסגעשפּרייט וואָס אַמאָל אויף א ווייטערן שטח; האָט מען אָנגעהויבן טראַכטן פון אַ פּלאַץ דורכצושניידן די ריזיקע בערג,

כדי צו פאַרייניקןביידע לענדער — טשילע און אַרגענטינע. די אַרגענטינער זייט האָט שוין דאַן געהאַט א באַן ביז מענדאָסאַ.

אַזעלכע טונעלן דורך בערג געפינען זיך שוין פון יאָרן אין גאָטהאַרד, אין דער שווייץ, אין סימפּלאָן און דורך די בערג פון ברענער פּאַס.

אין יאָר 1887 האָט מען אָנגעהויבן מיט דער אַרבעט און ערשט אין יאָר 1909 האָבן זיך די אַרבעטער פון ביידע זייטן צוזאַמענגעטראָפן און דער טונעל צווישן ביידע לענדער איז געעפנט געוואָרן. כאָטש דער טונעל איז נישט מער ווי צוויי און א האַלב מייל די לענג, האָט עס אָבער גענומען יאָרן ביז מ'האָט דעם טונעל פאַרענדיקט.

דער וועג אין טונעל איז שמאָל, מער ווי איין אויטאָ קען נישט פאָרן, און דער סיגנאַל־וועכטער באַפעלט צו בלייבן שטיין. אין טונעל געפינט זיך איצט דער „טראַנסאַנדינאַ", די באַן וואָס פאַרבינדט ביידע לענדער — טשילע און אַרגענטינע. וואַרטן מיר און פאַר אונדז איז א לאַנגע שורה אויטאָמאָבילן וואָס פאָרן ספּעציעל איינער נאָענט צום אַנדערן, כדי, ווי עס מאַכט זיך, זאָל איינער דעם אַנדערן אַרויסהעלפן...

באַלד קומט דער סיגנאַל. מיר פאָרן אַריין אין א פינסטערן טונעל. דער אויטאָמאָביל פאָרט לאַנגזאַם, שריט ביי שריט. ווען פאַר אונדזערע אויגן האָט א בליאַסק געטאָן די ליכטיקע זון, זענען מיר שוין געווען אויף דער אַרגענטינער ערד.

**
*

קיין מענדאָסאַ בין איך אָנגעקומען אין סאַמע מיטן קאַרנאַוואַל. די ערשטע אַרגענטינער שטאָט האָט מיך, נאָך אַן אָפּוועזנהייט פון פיר און צוואַנציק יאָר, מקבל־פּנים געווען אַן אויסגעפּוצטע, אַ יום־טובדיקע. יונג און אַלט אָנגעטון אין זייערע יום־טובדיקע קליידער און פאַרשיידענע פאַנטאַסטישע קאָסטיומען און מאַסקעס האָבן געיובלט אין די גאַסן זאַרגלאָז, פריילעך און לוסטיקע.

איך האָב דערפילט, אַז דאָ בין איך אַן אומגעבעטענער גאַסט אויף א פרעמ־דער חתונה, — א גאַסט, וואָס פּלאָנטערט זיך גלאַט אַזוי און נאָך וועמען קיינער האָט נישט געשיקט... אַזוי איז עס שוין מיט מיר. ווען איך דערזע ערגעץ ווו אַ יום־טוב, דערפיל איך מיין יידישן עלנט נאָך מער. און מיין בענקשאַפט וואַקסט און וואַקסט.

און איך דערפיל אַ באַדערפעניש צו זען א ייד... א ברודער. אָבער ווו געפינט מען אַ ייד אין מענדאָסאַ־קאַרנאַוואַל, אַז אַלץ איז פאַרשלאָסן אויף זיבן שלעסער. אויף די געשעפטן, נישט ווייט פון מיין האָטעל, לייען איך יאָ א פּאָר יידישע נעמען. אָבער אויך זיי זענען געשלאָסן..

ערגעץ ווו, אויף אַן עק גאַס פון דער „אַווענידאַ סאַן מאַרטין", אין גאַנצן רעש

און טומל פון קאַרנאַוואַל, האָט זיך אַ פּנים צו מיר אַרויסגעשיילט פון די טויזנטער זאַרגלאָזע מענטשן. אַ מענטש, אַ מידער, באַהאָנגען מיט פּאַסיקלעך, קייטעלעך. איך האָב אים שאַרף אַריינגעקוקט אין די אויגן:

— אַ ייִד?

— יאָ. — האָט ער געענטפערט מיט פאַרוווּנדערונג.

— איך הייס יאַמפּ...

— פון...

— און איר? — האָט אויף זיין מידן פּנים זיך אויסגעשפּרייט אַ שמייכל. — פון וואַנען?

— פון ניו־יאָרק, — האָב איך שנעל געענטפערט.

— פון ניו־יאָרק?... — האָט ער אַ פּאָר מאָל איבערגעחזרט. — וואָס טוען דאָרט, איך בעט אייך, די אַמעריקאַנער ייִדן פאַר ארץ־ישראל? זיי האָבן דאָך יאָ עפּעס אַ כוח. און וואָס זאָגט איר, מיר וועלן באַקומען ארץ־ישראל?

— איך אַליין פאָר טאַקע קיין ארץ ישראל, — האָב איך אים געענטפערט.

— אַזוי גאָר? — און זיינע אויגן האָבן אויפגעלויכטן. און ער איז זיך פאַרגאַנגען אין התפעלות, — איר פאָרט קיין ארץ ישראל, קיין ארץ־ישראל?... — האָט ער די ווערטער נישט געוואָלט אַראָפּלאָזן פון זיינע ליפּן. אָבער באַלד האָט ער זיך געכאַפּט און געפרעגט:

— וואָס זשע טוט איר דאָ, אין אַרגענטינע? ווי אַזוי פאָרט איר עס קיין ארץ־ישראל איבער אַרגענטינע? דאַכט זיך, אַז דאָס איז אַביסל צו וויט...

איך בין אַוועקגעריסן געוואָרן פון אַ מענטשן־שטראָם, צווישן וועלכן איך האָב זיך גענומען פּלאָנטערן ווי אַ קנויל. אין מיינע אויערן האָבן אַלץ געקלונגען די ווערטער פון ייִד, וואָס איז געווען באַהאַנגען פון קאָפּ ביז צו די פיס מיט פּאַסיקלעך און קייטלעך: — פון אַמעריקע קיין ארץ־ישראל איבער אַרגענטינע? דאַכט זיך, אַביסל צו וויט?... איך האָב געטראַכט: פעלקער פראַוועוען קאַרנאַוואַל — און מיר ייִדן פאַרקויפן פּאַסיקלעך און מיר זענען דאָס „אתה בחרתנו״־פאָלק....

דער „אינטערנאַציאָנאַל״ לויפט מיט דער גרעסטער שנעלקייט און דערנענטערט זיך צו דער באַנסטאַציע פון רעטירא. טאַנצנדיק, שפּרינגענדיק, לויפן דורך דעם פענצטערל פון וואַגאָן פאַרביי שטעטלעך און דערפלעך. איך שטיי אַן אומרויִקער ביי דעם פענסטערל און פאַר מיר לויפן פאַרביי סצענעס און בילדער פון מיט פיר און צוואַנציק יאָר צוריק, ווען די דייטשע שיף „רעניא״, פון דער האַמבורג־אַמעריקאַנער ליניע, האָט מיך מיט הונדערטער ייִדישע אימיגראַנטן אויסגעשפּיגן אין בוענאָס־איירעסער פּאָרט. אָט זענען פאַרביי מיינע חברים, אַלע יונגע, פול מיט ברען און פייער, — „מיר וועלן אין אַרגענטינע שאַפן אַ ייִדיש לעבן, מיר וועלן די וועלט איינעמען״... און אָט לויפן איצט פאַרביי מיינע פיר און צוואַנציק

יאָר לעבן, וואָס איך האָב צעטרענצלט איבער לענדער און שטעט, ווי זיי וואָלטן איצט, ווען איך דערנענטער זיך צום פּאָרט פון דער שטאָט, וווּ איך האָב אלס יונגער בחורל מיט פיר און צוואַנציק יאָר צוריק געלאַנדט, געמאָנט פון מיר אַ תּיקון...

דער בליאַסק פון טויזנטער פייערלעך פון באַלויכטענעם בוענאָס־איירעס פון איצט האָבן אַריינגעקוקט דורכן פענסטער פון וואַגאָן. אזוי האָט אויסגעזען דער בוענאָס־איירעסער פּאָרט יענע נאכט, מיט פיר און צוואנציק יאָר צוריק, ווען אונדזער שיף האָט זיך אריינגעגליטשט אין פּאָרט... דאַן.... עס דערמאָנען זיך זכרונות פון אמאָל. דאָס הארץ ווערט ענג... רעטיראַ! — שרייט דער קאָנדוקטאָר גלייכגילטיק.

אַ היס־שטיקנדיקע נאכט. איך קען קיין אויג נישט צומאכן... איך בין מיד פון דער לאנגער רייזע. אָבער איך לויף אַראָפּ אין גאַס. דער ערשטער שילד, וואָס דערמאָנט מיר בוענאָס־איירעס מיט פיר און צוואנציק יאָר צוריק, איז א שילד מיט דעם אויפשריפט: מאַקס גליקסמאַן, וואָס געפינט זיך פּונקט קעגנאיבער פון מיין האָטעל. עפּעס זענען מיר די ווערטער געוואָרן היימלעך. איך שפּאַן ווייטער. אָט איז די אַמאָליקע גוטע, ליבע קאָריענטעס, און אָט איז ריאָ־באַמבאַ, — דער „הכנסת אורחים", איז אין די גרינע יאָרן דאָרט געווען: רעדלעך פלעגן זיך דאָרט פאַרזאַמלען און שפּינען פאַנטאַזיעס, און אָט בין איך אויף לאַוואַזשע, און כונין... דאָס הארץ ווערט ענגער. דאָרט, אין יענעם הויז, בין איך עס געשלאָפן אויף א בעטל מיט פיר און צוואנציק יאָר צוריק, פאַר פופציק סענט א נאכט... און געשפּונען מיין ערשטן חלום דאָ אין זוניקן לאנד. איך דערמאָן זיך אין דעם מיידל מיט די שווארצע צעפּ און פייערדיקע אויגן, פון די טעכטער פון בעל־הבית. זי פלעגט רויט ווערן דערזעענדיק מיך און איך פלעג ווערן א צעמישטער...

דאָס הויז איז עפּעס גרעסער געוואָרן... די אנדערע הייזער זענען אויך גרע־סער געוואָרן. פּונקט ווי דאַן, מיט פיר און צוואַנציק יאָר צוריק, זיצן מענטשן אין דרויסן און מען קען קיין אויג נישט צומאכן צוליב דער שטיקנדיקער לופט. איך קוק אויף די מענטשן: פרעמדע, קאַלטע פּנימער... וווּ איז יענע מיידל מיט די פייערדיקע אויגן און שוואַרצע צעפּ? אַ צעגאָסענע ייִדענע האָט מיך פאַרדעכטיק אָנגעקוקט: וואָס וויל דער סעניאָר? איך האָב זי באטראכט און אין דער ביינאכטי־קער טונקלקייט, דאכט זיך, דערזען שפּורן פון דער אמאָליקער מיידל מיט די שוואַרצע צעפּ... דאָכט זיך, אַז די אויגן האָבן אַן ענלעכקייט... — וואָס פאַר־לאַנגט איר? — ווערט זי צודרינגלעך און פאַרדעכטיק. וואָס איך פאַרלאַנג, ווילט זיך מיר אויסשרייען — איך זוך דאָ מיינע פיר און צוואַנציק יאָר לעבן, וואָס זענען אַוועק ווי רויך־וואָלקנס...

***

איך בין אריבער אויף דער אמאָליקער ייִדישיסטער גאַס פון בוענאָס־איירעס: קאָריענטעס. און עס האָבן כסדר געהאַלטן אין אויפוויקלען זיך זכרונות פון אמאָל. אַ סך ענדערונגען זענען זייט דאַן פאָרגעקומען. די גאַס האָט געענדערט איר אויסערלעכן און אַפילו אינערלעכן אויסזען. ס'זענען אָבער דאָך פאַרבליבן אַ סך שפּורן פון יענער צייט, ווען ייִדישע אימיגראַנטן פלעגן טאָג־טעגלעך שטראָמען פון אַלע וועלט־טיילן קיין אַרגענטינע. די גאַס איז פאַר זיי דאַן געווען ווי ניו־יאָרקער איסט בראָדוויי פאַר די ייִדישע אימיגראַנטן אין אַמעריקע. יעדער ווינקל, יעדעס זייטיק־געסל אַרום קאָריענטעס דערמאָנט מיר אין מיינע גרינע יאָרן אין אַרגענטינע, די יאָרן פון „שטורעם און דראַנג", ווען טויזנטער יונגעלייט האָבן זיך אַרומגעטראָגן מיט חלומות און פאַנטאַזיעס, געגרינדעט פאַריינען, דראַמאַטישע קרייזן, „אַרטיסטישע ווינקעלעך". טאָג און נאַכט האָט די געגנט געברויזט מיט לעבן און ליידנשאַפטלעכע דיסקוסיעס.

היינט צו טאָג איז די גאַס גרעסער און ברייטער געוואָרן. עס זענען אַרויס־געוואַקסן גרויסע און ברייטע בנינים, פּראַכטפולע געשעפטן! ייִדישע אָרגאַניזאַ־ציעס מיט אַ ברייטן פאַרנעם. אָבער איר דערפילט פאַרט, אַז קאָריענטעס האָט פאַרלוירן איר פאַרשייטקייט, איר יונגע, אימפּעטיקע, טאָפּלטיקע פאַרשייטקייט פון אַמאָל. זי איז געוואָרן בעל־הביתדיק רויִק. עס פעלט איר דער אַמאָליקער יונגער ברען; פון די גרויסע מאַסיווע געביידעס ווייעט אַ קאַלטקייט. יאָ, איך האָב דאָ אַפילו געטראָפן אַ סך פון מיינע אַמאָליקע גרינע חברים — סטאַטעטשנע בעל־הבתים. אַנדערע אַרויפגעאַרבעטע, זענען דערשטיקט געוואָרן און צעקוועטשט גע־וואָרן פון די ריזיקע, גרויסע בנינים...

נישט ווייט פון איצטיקן „קאַפע אינטערנאַציאָנאַל" איז אַמאָל געווען „טשאַר־ליס רעסטאָראַן", ווו איך האָב געגעסן מיין ערשטן מיטאָג. דאָס איז געווען אַ מין קיבעצאַרניע פאַר גרינע, ווו מען האָט דיסקוטירט פּאַרטיי־אידעאַלן און אויך אַ מין בערזע, ווו מען האָט געזוכט אַרבעט. טשאַרלי, דער בעל הבית, אַ גוטמוטיקער ייִדישער פאָלקס־מענטש, אליין אַ לעמבערגער, וואָס האָט אַמאָל געלעבט אין ווין און גערעדט אַ דייטשמערישן ייִדיש, האָט אויפן שילד פון זיין רעסטאָראַן געהאַט אַ דייטשע אויפשריפט אין ייִדיש: „מענטש, ערגער דיך נישט!" גלייך נאָך דעם אויפשריפט האָט איר געקאָנט זען צוויי אויסגעמאָלטע פיגורן, אַ נעבעכדיקן, אויסגעדאַרטן פאַרשוין, מיט דער אויפשריפט: „אַזוי זעט מען אויס, ווען מען גייט אַריין צו טשאַרלין" און גלייך אַ צווייטן גוטמוטיקן, לאַכנדיקן פאַרשוין, פון סאַמע פראַנט מיט אַן אויפשריפט: „אַזוי זעט מען אויס, ווען מען גייט אַרויס פון טשאַרלין!"

דאָרט, ווו מענטשן איילן זיך אי־צט צו דעם ארייגאנג פון סובטע (אונטערערד באַן) איז געווען דאָס „קאַפע אינטערנאַציאָנאַל" — דעמאָלטיקע קיבעצאַרניע פון דער יידישער אינטעליגענץ.

עס וויקלען זיך פונאנדער זכרונות פון א געזונטן, פרימיטיוון לעבן אין די יידישע קאָלאָניעס, ווי אזוי די קאָלאָניסטישע יוגנט פלעגט שפּילן טעאטער אין די דראַמאטישע קרייזן, אויסקלייבנדיק די ליטעראַרישסטע פּיעסע. מיט וואָס פאר אן ערנסטקייט זיי פלעגן זיך גרייטן צו דער פאָרשטעלונג, און ווי ערנסט זיי פלעגן עס נעמען זייערע ראָלן. די קאָנקורענץ וואָס איז אָנגעגאַנגען ביי דעם אויסקלייבן די פרימאדאָנעס. געוויינלעך איז דאָס געווען דאָס שענסטע מיידל פון דער קאָלאָניע, וואָס איז שוין נאָך איר דערפאָלג געווען זיכער מיט א חתן.

עס דערמאָנט זיך דער יראת הכבוד וואָס די קאָלאָניסטישע יוגנט האָט אַרויסגעוויזן צו יידישע שרייבער. איך דערמאָן זיך א קבלת־פנים פאר ה. ד. נאָמבערג אין דער פּאמפּא (די ווייטסטע געגנט פון די יידישע קאָלאָנעס), ווו פרויען מיט שלאָפנדיקע קינדער זענען געזעסן ביים שיין פון נאפט־לאָמפּן און צוגעהערט זיך אין אַ גאלפּאָן (תבואה־שפּייכלער) צו ה. ד. נאָמבערגס גרוס פון יידישן לעבן אין פוילן; ווען די קינדער אין דער ייקאַ־שולע, ווו איך בין גע־ווען לערער, האָבן געזונגען זיין ליד: „אוי וויי, אוי וויי און כאַ־כאַ!" איז ער פאַר נחת און פרייד גערירט געוואָרן ביז טרערן...

ווי אין אַ פּאַנאָראַמאַ לויפן איצט פאַרביי דאָ, אויף דער יידישסטער גאַס פון בוענאָס־איירעס, בילדער פון אַ פאַרגאַנגענעם אַמאָל.

אַרגענטינע — דער „שמעלץ־טאָפּ“ פון דרום־אַמעריקע

ווען איר קומט אין אַ לאַנד נאָך אַן אָפּוועזנהייט פון אַריבער פינף און צוואַנציק יאָר, קענט איר אַמבעסטן זען דעם וווקס און די אַנטוויקלונג פון לאַנד. פיר מאָל האָב איך באַזוכט אַרגענטינע נאָך דעם ווי איך בין פון דאָרט אַוועקגעפאָרן אין 1925. יעדעס מאָל בין איך אַהינגעקומען מיטן אַן אַנדערן וועג: מיט אַן אויטאָמאָביל פון טשילע, דורכשניידנדיק די אַנדן און קאָרדיליערן־בערג; אַ צווייט מאָל — מיט אַן אַעראָפּלאַן פון לאַ פּאַז, די באָליוויאַנער הויפּטשטאָט, קיין סאַלטאַ; אַ דריט מאָל — מיט אַ שיף פון איטאַליע, און אַ פירט מאָל — מיט אַן אַרגענטינער שיף פון ניו־יאָרק קיין בוענאָס־איירעס. אַזוי שנעל ווי איר גייט אַראָפּ פון אויטאָמאָביל אין מענדאָסאַ, צי פון אַעראָפּלאַן אין לופטפּאָרט פון סאַלטאַ, אָדער פון אַ שיף אין בוענאָס־איירעסער פּאָרט, — שטויסט איר זיך גלייך אָן מיטן פּראָגרעס וואָס דאָס לאַנד האָט דורכגעמאַכט אין די לעצטע יאָרן. איר דערזעט גלייך אויפן ערשטן בליק, אַז אַרגענטינע האָט געהאַט דעם זעלבן פּראָבלעם ווי די פאַראייניקטע שטאַטן מיטן אויסשפּרייטן די איינגעוואַנדערטע אימיגראַנטן אויף אירע ריזיקע שטרעקעס לאַנד. יעדער האָט דאָ געגעבן זיין חלק; יעדער האָט מיטגעבראַכט אייגנאַרטיקס און ספּעציפישס פון זיין געבוירנלאַנד, — מנהגים, רעליגיעס, און דער עיקר — פלייס און ענערגיע,— און אַלץ צוזאַמענגעגאָסן אין איין ריטם, וואָס איז אַזוי פאַרביק און קאָלירפול, ווי פאַרשיידנאַרטיק עס איז איר קלימאַט: אין דעם נאָרד — עקסטרעם־הייס, בעת זידלעך — עקסטרעם־קאַלט; ביי די גרענעצן פון דרום־באָליוויע איז איר קלימאַט נענטער צום עקוואַטאָר ווי ריאָ דע זשאַנעיראָ; אין עקסטרעם־זיד — מאונט דאַרווין און „טיערראַ דעל פועגאָ“ — איז זי ווידער אַ סך נענטער צום זידפּאָל ווי קייפּטען פון אַטלאַנטיק — האָט זיך טאַקע יעדע אימיגראַנטן־גרופּע אויסגעקליבן דעם קלימאַט פון זיין היימלאַנד.

איך בין אָנגעקומען מיט אַן אויטאָמאָביל פון סאַנטיאַגאָ קיין מענדאָסאַ פּונקט דאַן ווען דאָרט איז פאָרגעקומען דער יום־טוב פון טרויבן — ווענדימיאַ.

איך האָב די שטאָט נישט דערקענט. זי האָט זיך פון יענער צייט וואָס איך

בין דאָרט געווען, אין 1923, אינגאַנצן געענדערט: עס זענען אויסגעוואַקסן נייע גאַסן, פּאַרקן און מאָדערנע געבײַדעס אַרומגענומען מיט קליינע ווײַנגערטענער ווי בלומען קרענץ. דאָס איז דער צענטער פון דער אַרגענטינער ווײַן־אינדוסטריע. אין יענע יאָרן איז דאָ די אינדוסטריע געווען אויפן וועג צו איר אַנטוויקלונג; הײַנט צו טאָג ווערן פון דאָרט טאָג־טעגלעך אַרויסגעפירט טויזנטער פעסער ווײַן מיט דער מאָדערנסטער טראַנספּאָרטירונג איבערן גאַנצן לאַנד און קיין אויסלאַנד.

ווען מײַן אַעראָפּלאַן האָט בעת מײַן צווייטע רײַזע געלאַנדעט אין לופט־פּאָרט פון סאַלטאַ און איך האָב אַראָפּגייענדיק פון אַעראָפּלאַן דערפילט אונטער מײַנע פיס פעסטע, האַרטע ערד, נאָך דעם ווי איך האָב טעג זיך געדראַפּעט איבער די בערגיקע גאַסן פון לאַ פּאַז, האָבן אין מײַן זכרון אויפגעוואַכט בילדער פון צוריק מיט פינף און צוואַנציק יאָר, ווען איך בין, אין דער נאַטור־שיינער שטאָט וואָס דרימלט צווישן אַ לאַנגער קייט בערג, געווען דער לערער פון דער ייִדי־שער שול. איך געפין זיך איצט אויף דער פּלאַסאַ — די שענסטע געגנט פון שטאָט. פּונקט קעגנאיבער דער פּלאַסאַ לייען איך אויף אַ מעבל־געשעפט דעם נאָמען „ראַוויטש"; איך דערמאָן זיך, אַז אין יענע יאָרן איז בײַ אַ ייִד מיט דעם נאָמען געווען אַ קולטורעל הויז ווו מ'פלעגט כאַפּן אַ היימישן שמועס. איך קוק אַרײַן אין געשעפט: אַן עלטערער ייִד אין ברילן זיצט רויִק און וואַרט אויף אַ קונה. יאָ, דאָס איז ער יענער ראַוויטש! איך דערקען אים, — געעלטערט און אַ ביסל געבויגן און דאַרער ווי אַמאָל... איך גיי אַרײַן, באַגריס אים מיט אַ גוטן־אָוונט, דערלאַנג אים די האַנט, און דערמאָן אים יענע יאָרן... עפּעס געדענקט ער יאָ און עפּעס נישט. צי איך דאָס שטריקל זכרונות פון אַמאָליקע יאָרן וואָס לענגער, אָבער ער בלײַבט גלײַכגילטיק. דאַכט זיך, אַז ער דערמאָנט זיך עפּעס יאָ... ערשט ווען איך פרעג אים אויף זײַנע קינדער, ווערט ער אַ ביסל לעבע־דיקער: — ראַאול — דערציילט ער מיר — איז געשטאָרבן; די אַנדערע האָבן דאָ אַפּטייקן, אָט יענע דאָרט, פּונקט קעגנאיבער דער פּלאַסאַ... — אין פאַר־מאַסיאַ (אַפּטייק) קוקט אויף מיר אַ פרעמד, קאַלט פּנים, ווען איך דערצייל אים, אַז אַמאָל מיט פינף און צוואַנציק יאָר בין איך עס געווען זײַן ייִדישער „מאַ־עסטראָ" (לערער) אין דער ייִדישער שול.

— מעגלעך — ענטפערט ער מיר אין שפּאַניש און קוקט אויף מיר מיט מאָדנע בליקן. — נו, און איצט — פרעגט ער מיך איבער, — זענט איר דאָ אַהער געקומען פאַרקויפן ענטראַדאַס (בילעטן) פאַר אַ...? — — —

איבער די גאַסן בלאָזן איצט מילדע, קילע ווינטלעך פון די אַרומיקע בערג. פאַרנאַכטיקע שאָטנס הילן אײַן די פּאַלמען־ביימער וואָס שאָקלען זיך שטיל אונטער די ווינטלעך. אָט בין איך אויף דער פּלאַסאַ, — זי קוקט אויס ווי אַמאָל

מיט פינף און צוואַנציק יאָר צוריק: די שלאַנקע, פאַרפלאַכטענע פּאַלמען־ביימער, אַפילו דער פאַרנאַכט דער זעלבער ווי דאַן... די בענק איינגעהילט אין בלומען און גרינס; יונג און אַלט שפּאַצירן איצט אַרום דער פּלאַסאַ, ווי אַמאָל דאַן מיט פינף און צוואַנציק יאָר צוריק. איך הער איצט ווי די לופט טראָגט אַריבער, ווי אַמאָל, די זעלבע ווערטער „קיע לינדאַ, הערמאָסאַ!"... דאָס פליסטערן שטיל און ליידנשאַפטלעך די יונגעלייט צו די בענק ווו עס זיצן די מיידלעך. אין דער טונקלקייט פון דעם פאַרנאַכט זע איך ווי די מיידלשע פנימער רויטלען זיך... פונקט קעגנאיבער דעם פּאַלאַץ וואָס איז אַרומגערינגלט מיט אַלטע ביימער, האָב איך, דאַכט זיך, אויסגעזוכט מיין באַנק, ווו איך פלעג אין יענע יאָרן, אין די פאַרכשופטע פאַרנאַכטן, חלומען פון אַ גרויסער ברייטער וועלט וואָס געפינט זיך ווייט איבער די סאַלטער בערג... איצט, ווען איך האָב שוין דורכגעקרייצט די גרויסע ברייטע וועלט, מאַך איך, אויף דער זעלבער באַנק, אַ חשבון און עפּעס פעלט... דער חשבון שטימט נישט...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

פון סאַלטאַ קיין טוקומאַן פאָר איך מיט אַן עלעקטרישער באַן וואָס מאַכט דעם וועג אין ווייניקער ווי אַ העלפט צייט וואָס אַמאָל מיט יאָרן צוריק. איך קוק אַרויס דורכן פענצטער פון וואַגאָן — נישטאָ קיין שפּור פון די נאַקעטע, זומפּיקע פעלדער, פון וואַנען עס פלעגן זיך דאָ טראָגן גאַנצע הויפנס שטויב אין די וואַגאָנען אַריין. געקומען אין טוקומאַן, האָב איך נאָך געהאַט די געלעגנהייט אַריינצוכאַפּן אַן אָפּערע־פאַרשטעלונג אונטערן פרייען הימל; מאַכן אַ בליץ־רייזע איבער דער אַלטער שטאָט, וואָס האָט נאָך הייזער פון די קאָלאָניאַלע צייטן, ווען דער וועג פון שפּאַנישע טראַנספּאָרטן פלעגט זיך אָנהייבן אין קאַדיזש, פלעגט דאַן, איבער פּאַנאַמאַ און פּערו, דורכשניידן טוקומאַן, קאָרדאָבאַ, מענדאָסאַ און כוכוי קיין פּאָטאָסי און צוריק. דאָ, אין טוקומאַן איז געבויט געוואָרן די ערשטע צוקערמיל פון דעם וועסטערן־העמיספער. טוקומאַן איז טאַקע היינט צו טאָג דער צענטער פון דער אַרגענטינער צוקער־אינדוסטריע.

איבערגענעכטיקט אין איינעם פון די מאָדערנסטע האָטעלן מיט אַן ענגלישן נאָמען „קענטיבאָרי", האָב איך גאַנץ פרי גענומען די באַן קיין קאָרדאָבאַ — איינע פון די עלטסטע שטעט אין לאַטיין־אַמעריקע און די דריטע שטאָט פון דער אַרגענטינער רעפּובליק, באַרימט מיט אירע בילדונגס־אינסטיטוציעס, אוניווער־זיטעטן און קאַטעדראַלן. קאָרדאָבאַ איז אַ געמיש פון אַלט און ניי; מאַסיווע גע־בײדעס פון קאָלאָניאַלן סטיל און מאָדערנע הייזער אין סאַמע צענטער פון שטאָט. אויף איינעם פון די גרעסטע קאַטעדראַלן געפינען זיך אויף די מאַסיווע טויערן די פיגורן פון משה און אַהרון, — דאָס איז אַ מייסטערהאַפטע אַרבעט אויסגע־שניטן פון אייזן; איר זעט דייטלעך די אויסגעהאַמערטע פיגורן ווי סקולפּטורן,

לויטן מאָדעל פון באַקאַנטן איטאַליענישן סקולפּטאָר מיכעל אַנזשעלאָ. זומער איז דאָ שטאַרק דושנע און הייס; די שטאָט איז אַרומגערינגלט מיט בערג. אַליין — ליגט זי אין טאָל. — האָב איך געכאַפּט אַן אָמניבוס... אַ שעה בלויז פון שטאָט שניידן זיך אַרויס די באַקאַנטע קאָרדאָבער בערג וואָס אַמאָל העכער און העכער, און צווישן די בערג וואַקסן אויס שטעטלעך מיט די שענסטע פּאַנאָראַמעס, ווילעס, האָטעלן, קאַפֿעען, רעסטאָראַנען. די לופֿט ווערט דאָ וואָס אַמאָל קילער און טרו־קענער, דער וועג וואָס אַמאָל העכער באַרג־אַרויף. די אַרומיקע טוריסטן־שטעט־לעך מיט דער געזונטער באַרג־לופֿט זענען ענלעך צו די אַמעריקאַנער „קעטסקיל בערג". דאָס איז איינע פון די שענסטע אַרגענטינער געגנטן, ווו עס פֿאַרברענגען אין די הייסע זומער־חדשים טויזנטער טוריסטן פון לאַנד.

***

ווען איר גייט אַראָפּ פון אַ שיף אין בוענאָס־איירעס דערפֿילט איר גלייך דעם גרויסשטאָטיקן אימפּעט. דאָס איז דער צווייטער גרעסטער פּאָרט נאָך ניו־יאָרק. נישטאָ דאָ די נאַטור־שיינע פּאַנאָראַמע פון פּאָרט אין ריאָ דע זשאַנעירא, דערפֿאַר אָבער מער פֿאַרנעם און באַוועגונג. די שטאָט האָט אַ גרויסע מעלה וואָס אירע הויפּטגאַסן הייבן זיך אָן בײַם פּאָרט, שניידן דורך די לענג און די ברייט דעם שטח פון שטאָט, אַז ווו דער פרעמדער זאָל זיך נישט געפינען קען ער נישט בלאָנדזשען. ווען איר האָט זיך שוין באַקאַנט מיט דער שטאָט, שאַפֿט זיך בײַ אײַך דער אײַנדרוק, אַז זי איז דער מיטלוועג צווישן פּאַריז און ניו־יאָרק; אַ געמיש פון שפּאַנישער ריטערלעכקייט, איטאַליענישער סענטימענ־טאַליטעט, ענגלישער ספּאָרטמאַנשיפּ און פראַנצויזישער העפֿלעכקייט. דער רייזנ־דער איבער די לאַטײַן־אַמעריקאַנער לענדער דאַרף אין זינען האָבן, אַז דער אונטערשייד צווישן אָט די לענדער אויף דעם קאָנטינענט איז אָפּט אַ גאַנץ גרויסער; זיי באַזיצן בלויז אַ געמיינזאַמע שפּראַך, בעת אין כאַראַקטער, פאָרם און אויסזען, איז אָפּט דער אונטערשייד אַזוי גרויס ווי פון באַגדאַד ביז פּאַריז, אָדער פון ווין ביז טעהעראַן. איין און נײַנציק פּראָצענט פון דער אַרגענטינער באַפֿעלקערונג זענען ווייסע. אומזיסט ווערט איר אויף די בוענאָס־איירעסער גאַסן זוכן עקזאָטיק. מיט אירע לאַנגע, ברייטע גאַסן, אולטראַ־מאָדערנע געביידעס, שטענדיקער רויש און אימפּעט, איז זי מער ענלעך צו שיקאַגאָ, לאָנדאָן אָדער רוים, איידער — צו לימאַ אָדער גואַקיל. עס זענען דאָ נישט פֿאַראַן קיין הויכע וואָלקנקראַצער צוליב דעם פֿאַרבאָט, ווייל מען האָט מורא פֿאַר אַן ערד־ציטערניש. דערפֿאַר אָבער זענען די גאַסן דאָ מער רחבותדיק ברייט, און מאָדערנע געביידעס פֿאַרכאַפּן דאָס אויג מיט זייערע אָריגינעלע אַרכיטעקטורן און פּערספּעקטיוו. ווען איר כאַפּט אַ שפּאַציר איבער קאַריענטעס — די לענגסטע גאַס אין בוענאָס־

איירעס — הערט איר אַ געמיש פון שפּראַכן און לשונות. וואָס מער איר דער־נעענטערט זיך מיט דער גאַס צום צענטער פון שטאָט, אַלץ מער באַקומט זי דעם אויסזען פון ניו־יאָרקער בראָדוויי. קאַפעען, רעסטאָראַנען, וואָס זענען ענלעך צו די פּאַריזער קאַפעען; טעאַטערס, קינאָס, — אַ סך פון זיי מיט אַמעריקאַנער און אייראָפּעיִשע נעמען, ווי „רעקס", „מעטראָפּאָליטאַן", „בראָדוויי", „לאָס אַנ־זשעלעס", „סערוואַנטעס", ווו איר קענט זען די סאַמע לעצטע אַמעריקאַנער, ענ־גלישע, איטאַליעניש און שפּאַנישע פילמען. אָנהייבנדיק פון „אַבעליסק" — דער באַלעבעטסטער פּלאַץ אין שטאָט — ביז צו פלאָרידאַ, זעט די גאַס אויס ווי דער „וויסער וועג" אין ניו־יאָרק. די גאַס פלאָרידאַ קען מען פאַרגלייכן מיט דער ניו־יאָרקער „פיפט עוועניו". אין דער גאַס איז, אויסער פאַר פוס־גייער, פאַרבאָטן יעדער פאַרקער. פון ביידע זייטן גאַס — די שענסטע לוקסוס־געשעפטן פון שטאָט. אין סאַמע מיט, שטראָמען אַ גאַנצן טאָג מענטשן. פאַרנאַכט ווערט די גאַס פאַר־וואַנדלט אין אַ מין „קאָרסאָ" פאַר שפּאַצירנדיקע. דאָרט געפינען זיך אויך די פּראַכטפולע קונסט־אויסשטעלונגען און קונסט־גאַלעריען.

יעדער שטאָט־טייל אין בוענאָס־איירעס האָט זיך זיין כאַראַקטעריסטישן אויס־זען. די שענסטע באַלעבעטסטע געגנטן און האַנדלס־גאַסן זענען נאַטירלעך אין צענטער פון שטאָט. „אַוועגידאַ דע מאַזשאָ" מאַכט דעם איינדרוק מיט איר אויס־זען ווי די לאָנדאָנער פּיקאַדילי אָדער פּענסילווועניאַ עוועניו אין וואַשינגטאָן. אין דער געגנט געפינען זיך אַ גרויסער טייל פון די רעגירונגס־געביידעס. זיי זענען זייער ענלעך צו די אייראָפּעיִשע רעגירונגס־געביידעס. די „קאַסאַ ראָסאַדאַ" (דאָס ראָזע הויז) פון פּרעזידענט איז מער ענלעך צו אַ קעניגלעכן פּאַלאַץ אין אַן אייראָפּעיִש לאַנד. אַרום דעם רעגירונגס־פּאַלאַץ ציִען זיך אין דער ברייט און לענג פּאַרקן מיט פאַרשיידענע מינים בלומען. „פּלאַסאַ קאָנגרעסאָ", ווו עס געפינט זיך דער קאָנגרעס, איז אויך איינע פון די שענסטע געגנטן פון שטאָט, אויף וועלכן דער „פּאָרטעניאָ" (איינוווינער פון דער פּאָרטשטאָט) איז אַזוי שטאָלץ. נאָך דעם קומען די פאַרשיידענע שטאָט־טיילן: פּאַלערמאָ — איינע פון די נאַטור־שענסטע געגנטן אויף דער וועלט, וואָס איז אַ סך ענלעך צו „שאַמפּס דע עליזע" אין פּאַריז, אָדער צענטראַל־פּאַרק אין ניו־יאָרק. מוזעומס, דענקמעלער און אַריס־טאָקראַטישע פּאַלאַצן ציִען זיך אויף אַ מהלך ווייט. דאָ קענט איר הערן רעדן אַ סך ענגליש; דאָ וווינען די רייכע אַנגלאָזאַקסן. בעלגראַנאָ, דאָס בוענאָס־איירע־סער „פירטע רייך", ווו איר הערט דייטש, פּונקט ווי אין די געגנטן פון דער אַכציקסטער גאַס ביז וואַשינגטאָן הייטס אין ניו־יאָרק. פון דאָרט בייט זיך דאָס בילד ווען איר קומט אין „לאַ באָקאָ" — אַ גאַנץ אַנדערע וועלט. דאָ דאַכט זיך אייך, אַז איר געפינט זיך ערגעץ ווו אין די גאַסן אַרום ראָטערדאַמער פּאָרט: מאַ־טראָזן פון פאַרשיידענע שיפן; אַ מיש־מאַש פון שפּראַכן; קאַפע־הייזער, טאַנץ־

לאַקאַלן, פון וואַנען עס טראָגט זיך אַ זאַרגלאָז געזאַנג אין אַ האַלב טוץ שפּראַכן. איר פאַלט אַריין אין אַ געגנט ווו עס ווױנען איטאַליענער: קליינע זויבערע הייזער אַרומגערינגלט מיטביימער. און ווידער אַ געשעפטלעכע געגנט — „אָנסע״ — ווו איר טרעפט, קיין עין־הרע, אחינו בני ישראל. דאָס זעלבע — די צוויי שטאָט־געגנטן „וויזשאַ קרעספּאָ״ און „אַלמאַגראָ״. נאָך דעם קומט איר ווידער אין געגנטן וואָס זענען באַוווינט פון אַרבעטער: גאַסן מיט נעמען פון אַמעריקאַנער שטעט — „נועוואַ שיקאַגאָ״ (נייע שיקאַגאָ), „נועוואַ לאָס אַנכעלעס״ (נייע לאָס אַנזשעלעס). יעדער האָט זיך דאָ, ווי אין די גרויסע וועלט־שטעט, אויסגעקליבן זיין געגנט, ווו ער וווינט מיט זיינע לאַנדסלייט. דער בוענאָס־אײרעסער שטאָלצירט מיט זיין טעאַטער „קאָלאָן״ — איינע פון די פּראַכטפולסטע געביידעס אין לאַטיין־אַמעריקע, מיט זיין אינערלעכן און אויסערלעכן אויסזען.

בוענאָס־אײרעס איז אַ וועלט־שטאָט. זי איז שוין לאַנג אַריבער די דריי מיליאָן איינוווינער, און אַ צוגאָב צו איר „ראוש אוער״. פאַרנאַכט זענען די סובטעראַניאַס (אונטערגרונט־באַן) געפּאַקט מיט פּאַסאַזשירן. דאָס זעלבע אויך מיטיק־צייט; צו מיטיק־צייט פאָרט דער גרעסטער טייל אַרבעטער און אָנגעשטעלטע אַהיים עסן און כאַפּן אַ „סיעסטאַ״ (אָפּרו). פון צוועלף ביז צוויי נאָכמיטיק זענען אַלע געשעפטן געשלאָסן, — אין די סוב־טראָפּישע געגנטן ווערט די צייט פאַרלענגערט ביז פיר נאָכמיטיק.

פון דער צייט פון איר אַנטדעקונג אין יאָר 1516, דורך כואַן דיאַז דע סאָליס, האָט זי זיך, אונטער שפּאַנישער מאַכט, לאַנגזאַם אַנטוויקלט. ערשט דעם ניינטן יולי 1816, ווען זי האָט געווונען איר אומאָפּהענגיקייט, האָט זי אָנגעהויבן מיט ריזנשריט צו שפּאַנען פאָרויס און פאַרנעמען איר פּלאַץ אַלס דאָס אַנטוויקלסטע און קולטורעלסטע לאַנד אין לאַטיין־אַמעריקע אַ דאַנק אירע רייכע רעזערוון פון תבואה, שאָף און בהמות. דעם ריזיקן וווּקס פון איר אינדוסטריע האָט זי דערגרייכט אין דער צייט פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. ווען עס איז נישט מעגלעך געווען צו אימפּאָרטירן די נייטיקע מאַטעריאַלן און מאַשינען האָט זי אַליין אַנטוויקלט די נייטיקע מאַטעריאַלן און אויסגעבויט אייגענע אינדוסטריעס. אין יאָר 1941 זענען אין לאַנד געגרינדעט געוואָרן זיבן און פופציק טויזנט ניין הונדערט און פערציק נייע אינדוסטריעס, וועלכע האָבן אין יאָר 1947 זיך פאַרמערט צו הונדערט איין טויזנט און אַכט הונדערט פיר און אַכציק. באַזונדערס איז געשטיגן איר טראַנספּאָרט, ספּעציעל איר האַנדלספלאָט, וועלכער האָט אין יאָר 1946 געהאַט דריי הונדערט ניין און ניינציק האַנדלסשיפן מיט אַ טאָנאַזש פון פינף הונדערט צוויי און פופציק טויזנט טאָן. היינט צו טאָג פאַרמאָגט דער אַרגענטינער האַנדלספלאָט צוויי טויזנט שיפן מיט אַ טאָנאַזש פון אַ מיליאָן און פיר הונדערט טויזנט טאָן. אַן ענלעכער אויפשטייג האָט אויך פּאַסירט מיט די באַנען וואָס די

רעגירונג האָט אָפּגעקויפט ביי די פראַנצויזישע און ענגלישע קאָמפּאַניעס, און אין אַנדערע טראַנספּאָרט־מיטלען.

**

איך זיץ אין אַ פּולמאַן־וואַגאָן און קוק אַרויס צו די מיט תבואה־באַלאַדענע־פעלדער וואָס וויגן זיך אין כוואַליעס נאָכן ווינט נאָך. עס איז איצט ערב שניט־צייט — די שענסטע צייט פאַרן קאַמפּ. אַלץ אַרום איז איינגעהילט אין גרינס און אַ געזונטע לופט פון צייטיקער תבואה און דער ריח פון רייפן אויבס טראָגט זיך פון די פעלדער. לויט מיין חשבון דאַרפן מיר שוין זיין אין דער פּאַמפּאַ; אָבער עפּעס שטימט דאָ נישט... דער קאָנדוקטאָר רופט אויס אַ סטאַנציע; פּאַסאַזשירן גייען אַראָפּ, אַנדערע קומען אַרויף. גלייך פון דער באַנסטאַנציע הייבן זיך אָן ברוקירטע גאַסן; די הייזקעס — ווייס־געקאַלעכטע מיט רויטע דאַכציגל; אויטאָמאָבילן ברענגען פּאַסאַזשירן און יאָגן מיט אימפּעט איבער דעם וועג וואָס פירט אין די שטעטלעך... — באַשליס איך צו פרעגן דעם קאָנדוקטאָר, ווי ווייט עס איז נאָך צו דער פּאַמפּאַ. קוקט ער מיך אָן מיט אַ שמייכל: — סעניאָר, מיר זענען שוין איבער דריי שעה אין דער פּאַמפּאַ.

איך דערמאָן זיך מיט דרייסיק יאָר צוריק, ווען איך בין מיט אַ שלעפּצוג אין שמוציקע וואַגאָנען, געפאָרן דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן צו דער פּאַמפּאַ, און שוין דאַן האָט מען גערעדט וועגן דער גרויסער אַנטוויקלונג וואָס „יענע" באַן האָט דורכגעמאַכט פון יענער צייט אָן, ווען ענגלאַנד האָט, אין דער צייט פון דער באַלאַגערונג פון סעוואַסטאָפּאָל, אויסגעבויט אַן אַלטפרענקישן לאָקאָמאָטיוו מיט אַ וואַגאָן פאַר זעכציק מענטשן... היינט צו טאָג שניידן די ליניע דורך טאָג־טעגלעך באַקוועמע, מאָדערנע פּאַסאַזשיר־באַנען, פראַכטבאַנען באַלאָדן מיט תבואה, צו די פּאָרטן פון באַהיאַ בלאַנקאַ, בוענאָס־איירעס, ראָזאַריע. אין די פּאָרטן קענט איר זען די ריזיקע תבואה־עלעוואַטאָרס, וואָס דערמאָנען נאָרד דאַקאָטאַ אָדער מינעסאָטאַ אין די פאַראייניקטע שטאַטן. פון מאַר טשיקיטאַ ביז צום טייך קאָלאָראַדאָ — אַ דיסטאַנץ פון זעקס הונדערט מייל — ציט זיך דער תבואה־רעזערוואָאַר פון לאַנד. דאָס זענען די זילבער־מינעס פון לאַנד וואָס רופט זיך „אַרזשענטינאַ", וואָס מיינט „זילבער". די פּאַמפּאַ האָט אַ סך פאַרשפּעטיקט מיט איר אַנטוויקלונג, ווייל ווען די שפּאַניער האָבן מיט אַ פיר הונדערט יאָר צוריק אַנטדעקט אַרגענטינע, האָט אויף זיי דאָרט נישט געוואַרט קיין אוצרות פון גאָלד און אַנדערע ווערטפולע מעטאַלן. עס האָט דאַן אַפילו דאָרט געפעלט ברויט פאַרן אייגענעם געברויך. אין יענער צייט האָט מען דאָרט נישט געזען קיין אַנדערע בהמות ווי ליאַמאַ און גוואַנאַקאַ. די צוויי ברידער גאַיעס האָבן אין יאָר 1552 געבראַכט אין דער פּאַמפּאַ זיבן קי און איין אָקס. שפּעטער ווען די שפּאַניער האָבן דערזען ווי גינסטיק דער קלימאַט איז פאַר פי־צוכט, האָבן זיי־

אַהינצו אַריבערגעבראַכט בהמות, שאָף און ציגן, וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן פּרוכפּערן אין די טויזנטער. די גוטע אַלפּאַלפּאַ (פּאַשע) איז פון זיך אַליין געוואַקסן אויף די פעלדער און די צענדליק־טויזנטער בהמות האָבן זיך געפּאַשעט הפקר אויף די פּאַמפּאַס, וואָס האָבן דאַן אויסגעקוקט ווי די לאַנגע פּריייריס פון אָקלאַהאַמאַ אין ניו־מעקסיקע אין די יאָרן 1870. יעדער האָט געהאַט דאָס רעכט אויף צוועלף טויזנט בהמות — אויף מער האָט ער באַדאַרפט באַקומען אַ דערלויבעניש. קיין צו שטאַרקער קאָנטראָל איז סיי ווי נישט מעגלעך געווען. דאָס זעלבע איז געווען מיט דער ערד: יעדער האָט פאַרכאַפּט וויפל ער האָט געקענט. ערשט אין יאָר 1845 האָט מען אַנטדעקט די „אַלאַמברע" (שטעכיקן דראָט) — סלופּעס האָט מען געבראַכט פון די וועלדער אין טשאַקאָ — און מ'האָט אָנגעהויבן אָפּטיילן די פאַרמעגנס. דאַן ערשט האָט יעדער בעל־הבית פון זיין נחלה דערפילט, אַז דאָס איז זיין אייגנטום. די רעגירונג האָט דאַן אָנגעהויבן אַ קאָלאָניזאַציע־פּלאַן אויפן גרויסן מאַסשטאַב און אויף גוטע געלעגנהייטן. עס זענען אָנגעקומען אימיגראַנטן פון איטאַליע, שפּאַניע, ענגלאַנד, דייטשלאַנד און פון די סלאַווישע לענדער; עס זענען אויסגעוואַקסן צענדליקער קאָלאָניעס. די פּאַמפּאַ האָט אָנגעהויבן וואָס אַמאָל מער צו אַנטוויקלען זיך. די קאָלאָניסטן האָבן באַדאַרפט פירן אַ קאַמף מיט די אינדיאַנער, וועלכער האָבן זיי כסדר געהאַלטן אין אַטאַקירן, און עס זענען דאַן, פּונקט ווי אין די פאַראייניקטע שטאַטן, אַוועקגעשטעלט געוואָרן פעסטונגען וואָס האָבן די קאָלאָניסטן באַשיצט פון די שטענדיקע אָנפאַלן. מיטן שנעלן וווּקס פון די בהמות זענען אויך געקומען אַנדערע אָנשיקענישן; דערפילנדיק דעם ריח פון פלייש, זענען אָנגעקומען דער יאַגוואַר און הינט, פון דער היץ זענען זיי ווילד געוואָרן און אויפגעפרעסן אַ סך בהמות. די קאָלאָניסטן האָבן געמוזט אָרגאַניזירן פאַרטיידיקונגס־עקספּעדיציעס קעגן זיי. יאָרנלאַנג איז דאָס פלייש פון די בהמות געווען בלויז אַ מאכל צו זעטיקן דעם הונגער; דאָס איבעריקע איז איבערגעלאָזט געוואָרן אויף הפקר פאַר די פייגל און ווילדע הינט. די פעל פון דער בהמה האָט דאַן געשפּילט אַ סך אַ גרעסערע ראָלע ווי די גאַנצע בהמה. פון דער פעל האָט מען געקענט מאַכן שיך, צודעקן, שטוב־זאַכן... דער ערשטער טראַנספּאָרט פלייש איז געשיקט געוואָרן פון דער פּאַמפּאַ אין יאָר 1830 פאַר שקלאַפן אין די וועסט־אינדיעס, וועלכע האָבן דאָרט אויסגעבויט די טאַבאַק־ און צוקער־אינדוסטריע. עס האָט דאָ, פאַרשטייט זיך, נישט געשפּילט די ראָלע אין וואָס פאַר אַ קאָנדיציעס דאָס פלייש איז אַהין אָנגעקומען, ווייל עס איז געווען פאַר שקלאַפן. ערשט אין סוף פון נײַנצנטן יאָרהונדערט האָט אַ פראַנצויז, מיטן נאָמען טעליער, אויסגעפינען אַ מיטל ווי איינצופרירן פלייש און עס זאָל אָנהאַלטן די פרישקייט אַ לאַנגע צייט. די אַנטדעקונג האָט אָנגעמאַכט אַן איבערקערעניש אין דעם עקאָנאָמיע פון אַרגענטינע. די

פּאַמפּאַ, ווו הונדערטער טויזנטער בהמות האָבן זיך געפּונען, איז מיט איינמאָל אויפגעריכט געוואָרן. מ׳האָט איצט דערזען, אַז פלייש קען מען פאַרווענדן צו עפּעס מער ווי אָפּעסן אַ מאָלצייט און אַראָפּרייסן די פעל און דעם איבעריקן טייל אָוועקוואַרפן. פּאַשע פאַר בהמות איז מער קולטיווירט געוואָרן; עס זענען געמאַכט געוואָרן אַנדערע נייטיקע איינריכטונגען פאַר די בהמות. דער קאָלאָניסט פון דער פּאַמפּאַ האָט, חוץ באַאַרבעטן זיינע פעלדער, אָנגעהויבן זיך מער צו פאַראינטערעסירן מיטן סקאָט (בהמות). ביי יעדער קאָלאָניסטישער הייזקע זענען אויסגעוואַקסן מאַליגאָס (ווינטמילן וואָס ציִען אַרויף דאָס וואַסער אין די ברונעמער), כדי שטענדיק צו האָבן אַ רעזערוו וואַסער פאַר די בהמות. איבערן לאַנד זענען אויסגעבויט געוואָרן מאָדערנע פריגאָריפיקאָס (שעכטהייזער). פון יעדער טייל פון דער בהמה, חוץ דאָס פלייש, אַפילו פון די האָר, הערנער און דעם פאַרגליווערטן בלוט, האָט מען אויסגעאַרבעט פאַרשיידענע אַרטיקלען. די פּאַמפּאַ איז פאַר אַרגענטינע געוואָרן דאָס, וואָס דער טייך נילוס פאַר עגיפּטן. איצט דערגרייכן די פלייש־ און קאָרן־טראַנספּאָרטן פון דער פּאַמפּאַ די גרעסטע פּאָרטן פון דער וועלט: פון ניו־יאָרק ביז אַרכאַנגעלסק און פון סידנעי ביז טעהעראַן. אַרגענטינע, וועלכע עקספּאָרטירט איצט די צוויי נייטיקסטע מענטשלעכע שפּייז־פּראָדוקטן — ברויט און פלייש, — האָט היינט צו טאָג אַ גרויסע דעה אין קאָנטראָלירן דעם וועלט־מאַרק פון פלייש און קאָרן. דעם פּלאַץ פון „גאַוטשאָ״ — דער ראָמאַנטישער העלד פון דער פּאַמפּאַ מיט זיין לאַסאָ — האָט פאַרנומען דער קאָלאָניסט מיט דער מאָדערנסטער טעכניק פון פּיצוכט און אַגריקולטור. אָנשטאָט וואָס דער גאַוטשאָ פלעגט זיך אַרומטראָגן איבער די אַרגענטינער פעלדער מיט זיין לאַסאָ, זעט איר איצט איבער דער לענג און ברייט פון דער פּאַמפּאַ שטילע, רויִקע, אַרבעטסזאַמע קאָלאָניסטן.

***

נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען די פאַראייניקטע שטאַטן האָבן אָנגעהויבן באַשרענקען די איינוואַנדערונג, האָט זיך אָנגעהויבן אַ גרויסער אימיגראַציע־שטראָם קיין אַרגענטינע. יענע אימיגראַציע האָט מיט זיך דאַן געבראַכט אַ שפּרודלדיקע טעמפּעראַמענטפולע יוגנט, וואָס האָט מיט איר יונגן ברען און ענערגיע אריינגעבראַכט אַן אומרויִקייט אין יידישן לעבן דאָרט. אויף די גאַסן אַרום די יידישע געגנטן: קאַריענטעס, לאַוואַזשע, קאַנינג, האָט מען טאָג־טעגלעך באַגעגנט גרופּעס יונגעלייט און מיידלעך וואָס זענען נאַרוואָס אַראָפּ פון די שיפן. פון די אָרעמע קוואַרטירן אין יענע גאַסן, אין די פינצטערע צימערן אויף די קאַטרעס, צו פיר־פינף אין אַ צימער, אין די אַרומיקע לעטשעריִעס (מילך־רעסטאָראַנען) ווו מ׳פלעגט פאַר אַ פּאָר סענט אָפּעסן אַ מיטיק, — פלעגן

זיך טראָגן קולות, — איינער האָט דעם אַנדערן איבערגעשריגן. ווער עס האָט געוואָלט באַפרייען דאָס ייִדישע פאָלק, און ווער עס האָט דווקא געוואָלט באַפרייען די גאַנצע וועלט. די אַלט־געזעסענע ייִדן פלעגן קוקן אויף די גרינע מיט מאָדנע בליקן און הייבן מיט די אַקסלען... איבער די הייס־אָנגעגליטע בוענאָס־איירעסער גאַסן פלעגט מען זיי, אַ פּאָר טעג שפּעטער, זען באַלאָדנט מיט פּעקלעך פאַרשיידענע סחורות, באַדנדיק זיך אין טייכן שוויס. פאַרנאַכט האָט מען די פּעקלעך אַוועקגעלייגט אונטער די קאַטרעס אין די ענגע צימערלעך, און אין די לעטשערי׳עס און ביליקע רעסטאָראַנען האָבן זיך ווידער געטראָגן קולות. איבערנאַכט זענען אויפגעוואַקסן פאַראיינען, ייִדישע און העברעי׳שע קלובן, אַרטיסטישע ווינקעלעך און נאַכט־קורסן.

אין יענע יאָרן, אין יולי פון יאָר 1922, האָט מיך די דייטשע שיף „רעגיאַ" אויסגעשפּיגן פון איר אינגעווייד אין בוענאָס־איירעסער פּאָרט. דריי יאָר שפּעטער האָט מיך מײַן וואַנדערלוסט פאַרטראָגן קיין בראַזיל און פון דאָרט אין די פאַראייניקטע שטאַטן. נאָך אַן אָפּוועזנהייט פון אַריבער פינף און צוואַנציק יאָר האָב איך פיל מאָל באַזוכט אַרגענטינע; יעדעס מאָל דאָרט פאַרבראַכט אַ לענגערע צייט און אַזוי אַרום געהאַט די געלעגנהייט צו באַאָבאַכטן און אָפּשאַצן די אַנטוויקלונג פון דאָרטיקן ייִדישן לעבן, נישט ווי אַ גאַסט אויף אַ ווײַל, נאָר ווי אַ גר ותושב.

עקאָנאָמיש האָט דער אַרגענטינער ייִדישער ישוב זינט יענער צייט מיט ריזן שריט אַ שפּאַן געטון פאָרויס. יענע אימיגראַנטן, וואָס האָבן אָנגעהויבן מיטן פּעקל אויף די פּלייצעס, זענען איצט סוחרים, פאַבריקאַנטן, עקספּאָרטער, אימפּאָרטער. קאַריענטעס, לאַוואַזשע, קאַנינג און די אַרומיקע גאַסן, האָבן אינגאַנצן געענדערט זייער אויסזען: פון קליינע טאַזשערלעך זענען אויסגעוואַקסן פאַבריקן; פון די אַמאָליקע קאָנווענטיזשעס (טענעמענט הייזער) איז נישטאָ קיין שפּור. ביי מאָדערנע געביידעס זענען אויסגעבויט געוואָרן. אַמאָליקע אימיגראַנטן וווינען איצט אין באַקוועמע, פּראַכטפולע וווינונגען. אין דער לעצטער וועלט־מלחמה, ווען אַרגענטינע האָט געשאַפן אַן אייגענע אינדוסטריע, האָבן ייִדן געשפּילט אַ גרויסע ראָלע. ביאַליסטאָקער און לאָדזשער וועבער האָבן אויסגעבויט טעקסטיל־פאַבריקן. ייִדן האָבן אָנגעהויבן שפּילן אַ ראָלע אין אימפּאָרט־ און עקספּאָרט־געשעפטן. פון יענע אַמאָליקע גמילות־חסדים־בענקלעך פאַר די לאַנדסלייט וואָס מ׳פלעגט אין די פאַרנאַכטן, נאָך דער שווערער אַרבעט, זען מידע, פאַרחושכטע; פון יענע ליי־קאַסעס פאַר קוענטעניקעס, וואָס פלעגן קומען אין אַלפאַרגאַטן (לייוונטענע שיך) נעמען אַן הלוואה אָדער איינצאָלן די ראַטעס — צוויי פּעזעס אַ וואָך, — זענען איצט אויסגעוואַקסן פינאַנץ־אינסטיטוציעס מיט אַ גרויסן פאַרנעם, ייִדישע בענק מיט אולטראַ־מאָדערנע געביידעס, וואָס פירן דורך טראַנזאַקציעס אין

מיליאָנען פּעזעס. ייִדישער פלייס, ענערגיע און כוח, האָט בייגעטראָגן אַ גרויסן
חלק צום עקאָנאָמישן אויפשוווּנג פון לאַנד. דער איצטיקער פּרעזידענט פון אַר־
גענטינע, גענעראַל כואַן דאָמינגאָ פּעראָן, שאַצט אָפּ דעם ייִדישן בייטראָג פאַר
דער אַנטוויקלונג פון דער אינדוסטריע אין לאַנד. אַ סך פון ייִדישן בייטראָג איז
געגאַנגען אויפן חשבון פון „אַלעמאַנס" (דייטשן). מען דאַרף געדענקען, אַז אין
יענע יאָרן האָבן אַ סך ייִדן זיך אָנגעגעבן פאַר „אַלעמאַנס"... און אַנדערע פעלקער.

די ייִדישע קאָלאָניזאַציע אין אַרגענטינע — „די גאָלדענע עפּאָכע" פון ייִדישן
ישוב — האָב איך אָנגעטראָפן אין די יאָרן פאַר דער ירידה. פון יענעם פּלאַן
פון אַ גרויסער ייִדישער קאָלאָניזאַציע זענען היינט צו טאָג פאַרבליבן בלויז
אַ פּאָר טויזנט קאָלאָניסטן. דער חלום פון באַראָן הירש איז נישט פאַרווירקלעכט
געוואָרן. עס איז טאַקע נישט געקומען צו אַ מאַסן־קאָלאָניזאַציע, אָבער ייִדישע
קאָלאָניסטן אין אַרגענטינע האָבן אָנגעשריבן אַ הערלעך קאַפּיטל אין דער גע־
שיכטע פון אַרגענטינער ייִדנטום. פון יענער ערשטער גרופּע, וואָס האָט געלאַנדעט
אין אַרגענטינע אין יאָר 1888 אויף ליידיקע, זומפּיקע פעלדער מיט אַ קאַפּריזנעם
קלימאַט, זענען פאַרבליבן אַ סך ייִדישע האָרעפּאַשניקעס, וואָס האָבן, מיט זייער
שווערער אַרבעט, שוויס און בלוט, די זומפּן פאַרוואַנדלט אין בלי־ענדיקע פּרוכט־
באַרע פעלדער. פאַרלאָזן די קאָלאָניעס האָבן זיי מיט זיך מיטגעבראַכט אין שטאָט
אַריין דעם היימישן לעבנסשטייגער, וועלכע זיי האָבן אָנגעהאַלטן יאָרנלאַנג אין
די קאָלאָניעס, און אַזוי אַרום אַריינגעבראַכט אַ נייעם שטראָם־בלוט, וואָס האָט
באַרייכערט און קריסטאַליזירט דאָס ייִדישע לעבן אין שטאָט. געזעלשאַפטלעך
האָט זיך דער ייִדישער ישוב אין אַרגענטינע אַ סך געענדערט זינט יענע יאָרן.
פון דער אַמאָליקער חברה קדישא איז אויסגעוואַקסן אַ מאָדערנע קהילה מיט
אַ פאַרצווייגטן אַפּאַראַט. די קהילה טראָגט צו פּערציק פּראָצענט צום שול־
בודזשעט, און פופציק פּראָצענט פאַר נייע שול־בנינים, דורך איר „ועד החינוך";
פירט אָן אַ קולטור־טעטיקייט דורך איר קולטור־דעפּאַרטאַמענט, און פירט דורך
אַנדערע פונקציעס פון אַ קהילה. עס זענען אויסגעבויט געוואָרן גרויסע, רחבות־
דיקע בנינים. אַ טייל ייִדישע שולעס געפינען זיך פּשוט אין פּאַלאַצן. אויפן ערשטן
בליק, ווערט דער ניי־געקומענער פאַרכאַפּט פון דעם פּאַראַדנעם גלאַנץ. אַזוי שנעל,
אָבער, ווי די פייערלעכע קבלת־פּנים־באַנקעטן, רעדעס און קעגנזייטיקע ליִב־
געזאַנגען, מיט וועלכע מ'נעמט דאָ אויף די געסט, האָבן זיך פאַרענדיקט, פאַר־
שווינדט דער אויסערלעכער גלאַנץ. דער גאַסט בלייבט אַליין און האָט די געלעגנ־
הייט אַריינצוקוקן אין פאַרשיידענע ווינקלען פון ייִדישן לעבן. דערזעט ער דאַן,
אַז דעם ייִדישן לעבן אין אַרגענטינע פעלט טיפקייט. איר באַקומט דעם איינדרוק,
אַז אַלץ וואָס מ'האָט אייך פריִער געוויזן איז בלויז — ווי דער אינספּעקטאָר פון
„ועד החינוך", ב. קאָברינסקי, האָט געזאָגט בעת דעם קאָנפערענץ פון דעם קול־

טור־קאָנגרעס — „אַ גוט אויסגעשטאַטעט שויפענצטער...". וואָס נעענטער איר קוקט, דערזעט איר, אַז דער אַרגענטינער ישוב ליידט צופיל פון פּאַראַדען און איז סענסיטיוו צו קריטיק — אַלץ מוז דאָ זיין וווּיל און פיין.

אַריבער פיר הונדערט טויזנט יידן, כן ירבו, לעבן היינט צו טאָג אין אַר־גענטינע. פון דער צאָל, רעכנט מען דריי הונדערט טויזנט אין בוענאָס־איירעס. דאָס איז היינט צו טאָג דער דריטער ישוב נאָך מדינת ישראל און די פאַראיי־ניקטע שטאַטן. מיט געוויסע ענדערונגען קוקט היינט צו טאָג אויס דאָס יידישע לעבן אין בוענאָס־איירעס ווי מיט דרייסיק יאָר צוריק אין אַמעריקע. איך האָב נאָך אָנגעטראָפן בראש פון געזעלשאַפטלעכע און קולטור־אינסטיטוציעס אַ סך פון מיינע אַמאָליקע חברים. זיי רעדן, נאַטירלעך, אַ פיינעם יידיש און, אַז מ'דאַרף, אויך העברעיש. זייערע קינדער רעדן שפּאַניש, כאָטש זיי פאַרשטייען אויך יידיש. מיט קליינע אויסנאַמען רעדט נאָך דער מיטליאָריקער דורכשניטלעכער ייד יידיש; דער יונגער דור, מיט גאָר קליינע אויסנאַמען — שפּאַניש. אָבער נאָר אין דער הויפּטשטאָט, אין די פּראָווינץ־שטעט איז די אַסימילאַציע אַ סך שטאַרקער. ווען איך בין מיט דרייסיק יאָר צוריק געקומען פון בוענאָס־איירעס קיין ניו־יאָרק, האָב איך נאָך דאָרט געטראָפן צען יידישע טאָג־צייטונגען אין ניו־יאָרק און אין דער פּראָווינץ, חוץ וואָכנבלעטער און זשורנאַלן. אין ניו־יאָרק אַליין האָבן דאַן נאָך געשפּילט צוועלף יידישע טעאַטערס. צוויי פון זיי — דאָס „קונסט טעאַטער" און דאָס „פּאָלקס טעאַטער" — האָבן געשפּילט ליטעראַרישע פּיעסן. די טעאַטערס האָבן געמאַכט גאָלדענע געשעפטן. אַ סטאַר אין יידישן טעאַטער האָט דאַן פאַרדינט מער ווי אַ פּרעזידענט פון אַ צענטראַל־אַמעריקאַנער רעפּובליק. יידישע רעפּעראַטן האָבן נאָך דאַן צוגעצויגן אַ היפּשן פּובליקום. אָבער שוין דאַן האָט מען זעלטן ווען געזען די יוגנט אין טעאַטער און אויף רעפּעראַטן, און זעלטן האָט מען זיי געזען לייענען אַ יידישע צייטונג. איר זעט זיי זעלטן היינט צו טאָג אין אַרגענטינע אויף אַ יידישן רעפּעראַט, אין יידישן טעאַטער, און לייענען אַ יידישע צייטונג. אַפילו יענע יידישע יוגנט, וועלכע באַזוכן דעם העברעישן יידישן סעמינאַר און אַנדערע דערציִונגס־אינסטיטוציעס, רעדן צווישן זיך נישט קיין יידיש, לייענען נישט די יידישע פּרעסע און קומען נישט אין יידישן טעאַטער. דאָס יידישע טעאַטער אין אַרגענטינע געפינט זיך היינט צו טאָג אין אַ סך אַן ערגערן מצב ווי דאַן, מיט דרייסיק יאָר צוריק, אין ניו־יאָרק, הן עקאָנאָמיש, הן מיט זיין רעפּערטואַר. אין אַמעריקע האָט מען דאַן געקוקט מיט זאָרג אויף דעם אומפאַרמיידלעכן פּראָצעס; להיפוך רעדט מען אין אַרגענטינע — מיט גאָר קליינע אויסנאַמען פון יענע וואָס זעען די „געהיימע שריפט אויף דער וואַנט", וועגן גרויסע דערגרייכונגען, און מ'פּאַראַדירט ביי יעדער געלעגנהייט מיט די צוויי ווערטער: „המשך" און „קיום". מ'דאַרף נישט פאַרגעסן, אַז איז

אַמעריקע איז שוין דאַן רעליגיעזע יידישקייט געווען טיף פאַרוואָרצלט אין יידישן לעבן; עס האָט שוין דאַן עקזיסטירט אַ נעץ פון ישיבות, העכערע יידישע דערציִונגס־אינסטיטוציעס, רבנים־סעמינאַרן פון יעדער ריכטונג. ס׳זענען שוין געווען אויסגעשפרייט איבערן גאַנצן לאַנד אַ יודאַיִסטישע ליטעראַטור אויף ענגליש. דאָס אַלץ האָט שוין דאַן געבילדעט אַ שוץ־וואַנט קעגן אַן עם־האַרצישער אַסימילאַציע. אין אַרגענטינע איז רעליגיעזע יידישקייט אַ פאַרשפעטיקטער ענין; אַזוי האָבן, נאָך זייער באַזוך, געשריבן אייניקע געסט־שרייבער, אַ טייל פון זיי — דווקא וועלטלעכע יידן. אייניקע האָבן אַפילו באַדויערט וואָס רעליגיעזע יידישקייט, וואָס האָט אויף דער גאַנצער וועלט באַפעסטיקט יידיש לעבן, פעלט דאָ אינגאַנצן. צווישן יענע געסט איז אויך געווען דער נאָרוואָס פאַרשטאָרבענער געלערנטער און שריפטשטעלער רבי ד״ר סאַלאָמאָן גאָלדמאַן ז״ל, וועלכער איז דאָ געווען אַ שליח פון „קרן היסוד״. צוריקקומענדיק פון זיין שליחות האָט ער, אין אַ סעריע אַרטיקלען אין „שיקאַגער קוריער״, שאַרף אַטאַקירט די אַרגענטינער יידן, און זיי פאַרגעוואָרפן, אַז בעת אַ באַנקעט לכבוד אים, וועלכער איז פאָרגעקומען אין סאַלאָן פון שיל, האָט מען סערווירט סאַנדוויטשעס פון „בשר קוויטש״... איך האָב דאַן, אין דער זעלבער צייטונג, פאַרטיידיקט די אַרגענטינער יידן, אָנווייזנדיק אויף דעם געזונטן פּראָדוקטיוון עלעמענט פון דער יידישער קאָלאָניזאַציע, וואָס האָט געפירט אַ טראַדיציאָנעל רעליגיעז לעבן, און אויף די סיבות פאַרוואָס עס פעלט דאָרט טראַדיציאָנעל־רעליגיעזע יידישקייט, און אַט פאַרוואָס:

די געשיכטע פון אַרגענטינער יידישן ישוב איז געווען אַ גאַנץ אַנדערע ווי אין די פאַראייניקטע שטאַטן. פון יענער קאָלאָניאַלער עפּאָכע אין אָנהייב פון זעכצנטן יאָרהונדערט, ווען עס האָבן זיך אין אַרגענטינע — לויט דעם אַר־גענטינער יידישער היסטאָריקער באָלעסלאַוו לעווין — געפונען אַ גרויסע צאָל אנוסים, וועלכע מ׳האָט דאַן גערופן „פּאָרטוגעזן״, און צוויי פון זיי, איינער פון קאָרדאָבאַ דער צווייטער פון טוקומאַן, זענען אַפילו פאַרברענט געוואָרן אויף דער אַטאָ דע פע אין לימאַ, — פון יענער עפּאָכע זענען בלויז פאַרבליבן היס־טאָרישע דאַטעס. אין אַכצנטן יאָרהונדערט האָט זיך אָנגעהויבן אַ יידישע אימי־גראַציע פון די אייראָפּעיִשע מערב־לענדער: פראַנקרייך, דייטשלאַנד, איטאַליע און ספּרדישע יידן פון די אַראַבישע לענדער. אָבער נישט געפינענדיק דאָ קיין רעליגיעז־יידיש לעבן, זענען זיי פאַרשלונגען געוואָרן פון אַסימילאַציע־כוואַליעס און זיך אינגאַנצן אויסגעמישט מיט דער היגער באַפעלקערונג.

ווי אַזוי עס האָט אויסגעזען דער מצב פון רעליגיעזער יידישקייט אין בוענאָס־איירעס אין יאָר 1891, דריי יאָר נאָכן אָנהייב פון דער יידישער קאָלאָניזאַציע אין אַרגענטינע, דערציילט דער וועטעראַן פון דער יידישער קאָלאָניזאַציע, מרדכי

אַלפּערסאָן, אין זיין בוך „דרייסיק יאָר יידישע קאָלאָניזאַציע אין אַרגענטינע":

אין אַ שמוציק, בלאָטיק געסל, אין אַן ענגן, פינצטערן צימערל איז געשטאַנען אַן ארון קודש מיט אַן עמוד, פיר בענק, אויף וועלכע עס האָבן זיך געוואַלגערט אַ צענדליק סידורים. חוץ דעם „אַ ראַבינער", העברי זשאַזעף, — דער ערשטער רב אין אַרגענטינע, וואָס האָט געהאַט אַ פּראָטעסטאַנטישע פרוי, מיט וועלכער ער האָט חתונה געהאַט אין דער פּראָטעסטאַנטישער קירכע, און נישט מל געווען זיינע קינדער, — דער שמש, אַ פּאָר זקנים, און מיר, אַ פּאָר אימיגראַנטן, איז קיי־נער נישט געווען". „אַ גאַנץ יאָר — שרייבט ווייטער מרדכי אַלפּערסאָן — איז זעלטן צו געפינען אַ מנין. נאָר ראש השנה און יום כפור קומט מען זיך צוזאַמען, די כשרע און טריפהנע יידן (די טמאים), און מען דאַוונט אינאיינעם. די „טמאים" זענען דאָן געווען די מערהייט צווישן די יידיש־רעדנדיקע יידן". אַלפּערסאָן דער־ציילט, אַז „ווען דער יקאַ־באַאַמטער האָט אונדז אָפּגעוואַרט ביי דער שיף, האָט ער צו אונדז געזאָגט: דאָ זענען נישטאָ קיין סך אָרנטלעכע יידן. שפּאַנישע און ענגלישע כשרע משפחות שעמען זיך צו דערציילן, אַז זיי זענען יידן...". אַזוי גרויס איז דאָן געווען די סכנה — דערציילט דער זעלבער שרייבער, — אַז ד״ר לעווענטאַל, דער פאָרשטייער פון דער יקאָ, האָט צו זיי געזאָגט: „מיר טאָרן אייך נישט האַלטן אין שטאָט, נישט געקוקט, וואָס דאָרט אין קאַמפּ איז פאַר אייך נאָך נישט צוגעגרייט. אָט זענען ערשט נעכטן פון אייך אַוועק איייניקע אַהינצו פון וואַנען מ׳קומט קיינמאָל נישט צוריק..."

די קאָלאָניזירונג־אימיגראַציע איז לויטן חשבון געווען די צווייטע יידישע אימיגראַציע קיין אַרגענטינע. די קאָלאָניסטן האָבן אין די קאָלאָניעס יאָ אָנ־געפירט אַ טראַדיציאָנעל־רעליגיעז יידיש לעבן. כמעט אין יעדער קאָלאָניע זענען געווען שילעכלעך. די רעליגיעזע יידישקייט פון די קאָלאָניסטן איז נישט גע־ווען קיין טיפע, — קיין גרויסע למדנים זענען זיי נישט געווען; זיי האָבן בלויז מיט זיך מיטגעבראַכט דעם היימישן לעבנסשטייגער פון זייערע שטעטלעך און אים איבערגעפלאַנצט אין די קאָלאָניעס. צוליב די שווערע באַדינגונגען אונטער וועלכע זיי האָבן געלעבט, און די ווייטקייט איינער פון אַנדערן, האָט רעליגיעזע יידישקייט זיך נישט צעוואַקסן אין די קאָלאָניעס. עס זענען אָבער פאַרט אויס־געוואַקסן היימישע, ליבע שטעטלעך מיט אַ פּולבלוטיק יידיש לעבן. די קינדער זייערע האָבן גערעדט אַ פיינעם יידיש, געלייענט יידיש, און געשפּילט טעאַטער אויף יידיש. און ווען, עס האָט זיך אָנגעהויבן די אויסוואַנדערונג פון דאָרף אין שטאָט, האָט קאָלאָניסטישע יידישע יוגנט מיטגעבראַכט אַ גאַר פיינעם יידישן באַגאַזש און באַרייכערט דאָס שטאָטישע לעבן. איר קענט זיי היינט צו טאָג טרעפן בראש פון יידישע אָרגאַניזאַציעס פון אַלע ריכטונגען און שאַטירונגען.

די אימיגראַציע אין די יאָרן צווישן 1905—1910 וואָס איז געקומען נאָך

די פּאָגראָמען און נאָכן דורכפאַל פון דער רוסישער רעוואָלוציע, ווערט אין אַרגענטינע פאַרעכנט פאַר די דריטע אימיגראַציע. זי איז אין אַלגעמיין געווען רעוואָלוציאָנער געשטימט; עס איז דאַן אין אַלגעמיין געווען אַ טענדענץ קעגן רעליגיע. צווישן זיי האָבן זיך געפינען באַוווסטזיניקע אימיגראַנטן, וואָס האָבן דאַן אָנגעהויבן צעמענטירן דאָס יידישע לעבן דאָ, וואָס איז דאַן באַשטאַנען פון

די ב. איירעסער קהילה־פאַרוואַלטונג גרייט צו דעם ערשטן צוזאַמענפאָר פון די קהילות

שטיקלעך און ברעקלעך וואָס יעדער האָט מיט זיך מיטגעבראַכט פון די היימישע שטעטלעך. עס זענען געגרינדעט געוואָרן פּאָליטישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס, ביבליאָטעקן — אַלץ אויף אַ וועלטלעכן שטייגער. רעליגיעז־יידיש לעבן איז אַלץ פאַרבליבן הינטערשטעליק, אַפילו דאַן, ווען איך בין אין יאָר 1922 געקומען קיין אַרגענטינע, מיט דער אַזוי גערופענער „פערטע אימיגראַציע״, איז רעליגיעזע יידישקייט נאָך אַלץ געווען אַ פּריוואַטער ענין. חוץ דעם ראַבינער פון טעמפּל, וואָס איז דאַן באַשטאַנען פון עלזאַסער און דייטשע יידן, און ווו ד״ר הלפן איז געווען ראַבינער, האָט זיך געפונען אַ היימישער רב, וואָס האָט אויף אייגענער איניציאַטיוו דורכגעפירט רעליגיעזע פונקציעס. דורך די דרייסיק יאָר פון מיין אָפּוועזנהייט איז רעליגיעזע יידישקייט נישט שטאַרק געוואָקסן אין אַרגענטינע. אין ועד הרבנים פון דער קהילה געפינען זיך דריי רבנים. אין טעמפּל

פון דער קאָנגרעגאַציע געפינט זיך אַ ראַבינער, וועלכן מ׳האָט ספּעציעל געבראַכט פון דער שווייץ, ד״ר זאב (גילערמאָ) שלעסינגער. די סאַמע לעצטע אימיגראַציע, נאָך דעם גרויסן חורבן אין די אייראָפּעיִשע לענדער, האָט געבראַכט אַ הייפעלע רעליגיעזע יידן קיין אַרגענטינע פון דייטשלאַנד און די צענטראַל־אייראָפּעיִשע לענדער. זיי וווינען אין אַ ספּעציעלער געגנט, ווו זיי האָבן אַן אייגענע רעליגיעזע קהילה אויפן שטייגער פון דער פראַנקפורטער אָרטאָדאָקסיע. דער סך־הכל פון רעליגיעזן לעבן אין אַרגענטינע איז זייער אַ טרויעריקער: פינף רבנים אויף אַ ישוב פון קרוב אַ האַלבן מיליאָן יידן. אין בוענאָס־איירעס געפינען זיך אַ זעכציק שילן, צווישן זיי — אייניקע גאַנץ שיינע בנינים. אין ראָזאַריאָ, די צווייטע שטאָט פון לאַנד, געפינט זיך אינגאַנצן נישט קיין רב.

להיפוך האָבן אַמעריקאַנער יידן, בלויז אַ יאָר שפּעטער, — גלייך ווי זיי האָבן אין יאָר 1654 געלאַנדעט אין ניו־אַמסטערדאַם, — דאָס איצטיקע ניו־יאָרק, — געגרינדעט די ערשטע שיל „שארית ישראל״, היינט צו טאָג — איינע פון די גרעסטע שילן אין אַמעריקע. דריי יאָר שפּעטער איז געגרינדעט געוואָרן די היסטאָרישע „טוראָ״־שיל אין ניו־פּאָרט. אַ פּאָר יאָר שפּעטער זענען געגרינדעט געוואָרן זעקס שילן אין פאַרשיידענע געגנטן פון לאַנד. אין יאָר 1818, ווען מרדכי עמונאל שאַצט די צאָל יידן אין אַמעריקע אויף דריי טויזנט, זענען ווידער געגרינדעט געוואָרן צוועלף נייע שילן. בעת אין אַרגענטינע האָט אין יאָר 1888 דער דערמאָנטער ראַבינער, הענרי זשאָזעף, פאָרגעשלאָגן, אַז די קאָנגרעגאַציע זאָל אויפנעמען אַ שוחט, זענען שוין דאַן בראש פון אַמעריקאַנער יידנטום געשטאַנען די באַרימטסטע אייראָפּעיִשע רבנים און פערזענלעכקייטן, וואָס זענען ספּעציעל אַריבערגעבראַכט געוואָרן פון די גרעסטע אייראָפּעיִשע קהילות, — צווישן זיי: יצחק לעסער — אַ תלמיד פון רבי יחזקאל לאַנדוי, שמואל מאיר אייזיקס — פון האָלאַנד, משה רפאל — פון לאָנדאָן, שבתי מאראאיס — פון איטאַליע, בנימין סאָלד — פון לאָנדאָן (דער פאָטער פון דער באַרימטער, פאַרשטאָרבענער ציון־פירערין, הענריעטאַ סאָלד), מרדכי יאַסטראָוו — פון פּויזן, אַלעקסאַנדער קאָהוט — פון אונגאַרן. זיי האָבן שוין דאַן דערצויגן אַ דור תלמידים אין אַמעריקע. עס איז גענוג צו דערמאָנען אַ פּאָר פון יענע תלמידים און זייער איינפלוס אויף די שפּעטערע דורות אַלס וואָרטזאָגער און פירער פון אַמעריקאַנער און וועלט־יידנטום: דער פאַרשטאָרבענער ראַבי ד״ר סטיפען וויז, ראַבי יוסף הערץ — דער פאַרשטאָרבענער רב הכולל פון ענגלאַנד, ריכטער מאיר סולצבערגער — איינער פון די פאַרבנרייכסטע פיגורן פון אַמעריקאַנער יידנטום, די צוויי אַמעריקאַנער פירער פון טעאָלאָגישן סעמינאַר, דער פאַרשטאָרבענער ד״ר סיירוס אדלער ז״ל און דער איצטיקער דיען פון טעאָלאָגישן סעמינאַר, ד״ר אליעזר פינקעלשטיין, — ביידע געבוירענע אין אַמעריקע, — ראַבי אבא הלל

כילוועד — דער פירער פון וועלט־ציוניזם, ראַבי זשיימס העלער פון סינסענעטי — איצטיקער פּאַרזיצער פון מפא״י, ראַבי באַרנעט ברוקנער פון קליוולאַנד. שוין דאַן האָבן זיך אין אַמעריקע געפינען העכערע בילדונגס־אינסטיטוציעס, ווי: די רמבם־אוניווערזיטעט, דער דערמאָנטער טעאָלאָגישער סעמינאַר, דער רבנים־סעמינאַר אין סינסענעטי (היברו יוניאָן־קאָלעדזש) און אַ גאַנצע ריי אַנדערע אַזעלכע אינסטי־טוציעס; וויכטיקע חיבורים אין ביידע שפּראַכן איבער חכמת ישראל און אַלגע־מיינע וויסנשאַפט, אין העברעיִש און ענגליש, זענען שוין דאַן דערשינען אין אַמעריקע, און עס האָט זיך געשאַפן אַן אייגענער נוסח וואָס איז אַריבער צו די שפּעטערע דורות.

ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די מאַסן־אימיגראַציע פון אונדזערע מזרח־ייִדן, האָבן זיי שוין אָנגעטראָפן אַ גוט אָרגאַניזירטן אַפּאַראַט אויף אַלע געביטן פון ייִדישן לעבן: רעליגיע, פילאַנטראָפּיע, פּראַטערנאַלע אָרגאַניזאַציעס, דערציִונג, — זיי האָבן בלויז באַדאַרפט נאָכקאָפּירן די פאָרעם און ענדערן דעם אינהאַלט. נאָכגעפאָלגט דעם בייִשפּיל פון די „יהודים“, האָבן זיי אַריבערגעבראַכט פון די קהילות אין דער אַלטער היים רבנים, לערער, דערציִער, און אויסגעבויט אַן אייגענעם פּאַרצווייגטן אַפּאַראַט. זיכער האָבן זיי געמוזט מאַכן הנחות און צו־פּאַסן זיך צו די באַדינגונגען און סביבה. מיט אַ שאַרף אויג אויף דער צוקונפט האָבן אַ סך פון זיי שוין דאַן געזען, אַז דאָס איז אַן אומפאַרמיידלעכער פּראָצעס און מען מוז ראַטעווען וואָס עס לאָזט זיך. רעליגיע האָט דאַן געשפּילט אַ וויכ־טיקע ראָלע אין אָפּהאַלטן דעם שטראָם פון אַסימילאַציע; זי האָט איבערגעגעבן די שפּעטערדיקע דורות אַ ירושה. די הונדערטער רעפאָרם־ראַביים אין אַמעריקע, תלמידים פון רבנים־סעמינאַר, זענען צום גרעסטן טייל די אָנפירער פון ציוניזם. פון די רעפאָרם־טעמפּלען האָט מען זיך אין די לעצטע יאָרן שטאַרק דערנענטערט צו ייִדישער טראַדיציע און רעליגיע; פון די קאָנסערוואַטיווע רבנים און שולן — איז אָפּגערעדט. ווו זענען די טויזנטער מאָדערנע אָרטאָדאָקסישע און אולטראַ־אָרטאָדאָקסישע רבנים! מיט די צענדליקע ישיבות און דערציִונגס־אינסטיטוציעס! אַ גאָר גרויסער טייל אַפילו פון די איצטיקע רעפאָרם און קאָנסערוואַטיווע ראַביים זענען זון און אייניקלעך פון אָרטאָדאָקסישע רבנים אָדער גלאַט פון ייִדיש־רעלי־גיעזע און טראַדיציאָנעלע היימען, שטייען זייער נאָענט צום ייִדישן לעבן, אַ סך נענטער ווי אַ וועלטלעכער ייִד. מיט אַ צייט צוריק בין איך אָנוועזנד געווען אויף אַ פּרעסע־קאָנפערענץ, צו וועלכע די רעפאָרם־ראַביים האָבן איינגעלאַדן ייִדישע שרייבער „כדי זיך צוזאַמענצורעדן“. צווישן יענע ייִדישע שרייבער איז אויך אָנוועזנד געווען דער באַקאַנטער קריטיקער ש. ניגער, און ראַבי מאָריס אייזענ־דראָט — דער עקזעקוטיוו־דירעקטאָר פון דער אָרגאַניזאַציע פון די רעפאָרם־ראַביים — האָט זיך מיט ייִדישע שרייבער גאַנץ פיין צוזאַמענגערעדט. ווען

מ׳האָט די ייִדישע שרייבער געוויזן ביכער, און אַפילו קינדער־ליטעראַטור, פאַר די שולעס וועגן „יהדות" און „חכמת ישראל" אויף ענגליש, אין פראַכט־אויס־גאַבן, זענען זיי איבערראַשט געוואָרן. דאָס זעלבע האָט פּאַסירט ווען דער טע־אָלאָגישער סעמינאַר האָט גערופן די ייִדישע שרייבער צו אַ פּרעסע־קאָנפערענץ. דער פאַרשטאָרבענער דיען, ד״ר סיירוס אדלער, האָט זיך גאַנץ גוט פאַרשטאַנען מיט ייִדישע שרייבער. דער געוועזענער, לאַנגיאָריקער רעדאַקטאָר פון „טאָג", ד״ר שמואל מארגאשעס, איז אַ תלמיד פון טעאָלאָגישן סעמינאַר. דער איצטיקער רעדאַקטאָר פון „פאָרווערטס", הלל ראגאף, איז אַ תלמיד פון ישיבת רבינו יצחק אלחנן.

אין אַרגענטינע האָט דער קליינשטעטלדיקער אינטעליגענט אָדער האַלבער אינטעליגענט ביי זיין אָנקומען אַהערצו נישט אָנגעטראָפן קיין העכערע ייִדישע דערציִונגס־אינסטיטוציע, ווי צו פאַרפולקאָמען זיין ייִדיש־וויסן און אַלגעמיינע בילדונג. דער גרעסטער טייל פון זיי זענען געווען „אויטאָדידאַקטן"; ביי אַ סיס־טעמאַטישער אויסבילדונג וואָלטן זיי געווען אַ געווינס פאַרן שפּעטערן המשך. מ׳קען שוין איצט קלאָר זען, אַז צוליב דעם פעלן פון טראַדיציאָנעלער און רעלי־גיעזער ייִדישקייט, האָט דער אַרגענטינער ייִדנטום אַ סך פאַרלוירן. דער געוועזענער מיניסטער פאַר סאָציאַלער הילף אין מדינת ישראל, ר׳ איטשע מאיר לעווין, האָט אַמאָל אין ניו־יאָרק געזאָגט צו די ייִדישע שרייבער אויף אַ פּרעסע־קאָנפערענץ: „ווען מיר האָבן ישיבה־בחורים — וועט איר האָבן גוטע ציוניסטן, בונדיסטן און אַפילו קאָמוניסטן..."

דעם אַרגענטינער ייִדנטום פעלט אויך יענע גוט אָרגאַניזירטע אַרבעטער־באַוועגונג וואָס האָט געשפּילט און שפּילט נאָך היינט אַ וויכטיקע ראָלע אין אַמעריקאַנער ייִדישן לעבן. דער „אַרבעטער רינג", „דער נאַציאָנאַלער אַרבעטער פאַרבאַנד" און די פאַך־יוניאָנס פאַרמאָגן נאָך היינט צו טאָג צענדליקער טויזנ־טער אָרגאַניזירטע ייִדישע אַרבעטער. נישטאָ היינט צו טאָג כמעט קיין ייִדישע אַרבעטער אין אַרגענטינע; זייער צאָל איז אַזאַ נישטיקע, אַז זיי שפּילן נישט קיין שום ראָלע אין ייִדישן לעבן.

דער אַרגענטינער ישוב באַשטייט היינט צו טאָג צום גרעסטן טייל, מיט גאָר קליינע אויסנאַמען, פון וועלטלעכע און מאָדערנע ייִדישקייט וואָס איז נישט בכוח אָפּצוהאַלטן דעם אַסימילאַציע־שטראָם, וואָס איז אין די לאַטיין־אַמעריקאַנער קאַטוילישע לענדער אַ סך אַ שאַרפערער פּראָבלעם ווי אין די פאַראייניקטע שטאַטן. וועלטלעכע אָדער מאָדערנע ייִדישקייט האָט קיין המשך נישט און, ממילא, קיין קיום נישט. אין די אַמאָליקע ייִדישע ישובים, ווו עס איז געווען אַן איינגעפונדעוועט טראַדיציאָנעל און רעליגיעז ייִדיש לעבן, איז אויך געווען פּלאַץ פאַר מאָדערנער און וועלטלעכער ייִדישקייט. טאַקע אין אַ רעליגיעזער

סביבה אין די טראַדיציאָנעלע ייִדישע היימען זענען אויסגעוואַקסן מאָדערנע און וועלטלעכע ייִדן וואָס האָבן געפירט אַ מלחמה קעגן די „ווילדע פאַנאַטיקער" און מאָדערניזירט דאָס ייִדישע לעבן. וואָס פאַר אַ ייִדן וועלן אויסוואַקסן פון וועלט־לעכע און מאָדערנע שולעס און פון היימען, וועלכע זענען אויסגעליידיקט פון רעליגיע און ייִדישער טראַדיציע? וואָס פאַר אַ וועלטלעכע ייִדן קענען אויסוואַקסן פון אַזעלכע קינדער, וועמענס „וועלטלעכע" טאַטעס האָבן מורא געהאַט צו לאָזן אויף זיי דעם ייִדישן צייכן — מורא געהאַט זיי מל צו זיין? וואָס פאַראַ ווי־דערשטאַנד־קראַפט באַזיצט וועלטלעכע ייִדישקייט קעגן די אַסימילאַציע־כוואַ־ליעס? יעקב לעשצינסקי — אַליין אַ וועלטלעכער ייִד — האָט מיט אַ צייט צוריק געוואָרנט פאַר דער געפאַר פון אַן „אויסגעהוילטן ייִדישיזם", אָן אַ רבונו־של־עולם, אָן אַן ארץ־ישראל און אָן העברעיִש... איך ווייס גאַנץ גוט, אַז אַרגענטינער ייִדן זענען זייער סענסיטיוו צו קריטיק; ווער־ווייס וואָס פאַר אַ האַרבע שטראָף עס וואַרט אויף מיר! טאַקע צוליב דעם האָב איך באַשלאָסן מיר צו נעמען צו הילף אַרגענטינער ייִדישע שרייבער. (און אויב עס וואַרט אויף מיר איינע פון די ארבע מיתות בית־דין, וועל איך, לכל הפחות, נישט הענגען איינער אַליין אויף דער תליה).

פאַליק לערנער שרייבט אין „די פרעסע" פון דעצעמבער 1952: „מ'טאָר נישט פאַרזען דעם פאַקט, אַז אונדזער וועלטלעכע ייִדישקייט איז שוין צו ווייט פאַרקראָכן; מ'קען מיטן פולן מויל זאָגן, אַז ביי אונדז איז רעליגיע אַ פּריוואַטער ענין. אויב מען וויל נישט, אַז אין צוואַנציק יאָר שפּעטער זאָל פון אונדזער לעבן בלייבן אַ שאָטן, שטייט ביי אונדז די פראַגע פון אויפהאַלטן די לעבעדיקייט פון דער ייִדישער שפּראַך. אין די פאַראייניקטע שטאַטן האָט עס שוין שמאָל אויף דעם געביט, אָבער קיין געפאַר פאַרן ייִדישן לעבן איז דאָס בשום אופן נישט, ווייל עס איז שוין דאָרט פאַראַן אַ יודאַיִסטישער נוסח אויף ענגליש וואָס קען, אין אַ געוויסער מאָס, דינען אַלס יסוד פון אַן אייגנאַרטיק ייִדיש לעבן אויף ענגליש, צי דאָס איז גוט אָדער נישט. קיינער וועט נישט אַפּלייקענען, אַז יודאַיִס־טיק אויף ענגליש איז, אין אַ געוויסער מאָס, דורכגעדרונגען מיטן טראַדיציאָנעלן גייסט, און קען, אין אַ געוויסער מאָס, דינען פאַר אַ שפּרינגברעט פאַר דער צוקונפט. ביי אונדז איז קיין יודאַיִסטיק אויף שפּאַניש נישטאָ". יודאַיִסטיק אין די פאַראייניקטע שטאַטן איז אַ ירושה פון אַ פעסט איינגעפונדעוועטן און איינ־געוואָרצלטן רעליגיעזן לעבן, וואָס איז אַריבער פון איין דור צום צווייטן. דאָ, אין אַרגענטינע, קענט איר היינט צו טאָג, די שרייבער וואָס שרייבן אין שפּאַניש אויף ייִדישע טעמעס, אָפּציילן אויף די פינגער און איר וועט אַלץ נישט האָבן קיין גאַנצע האַנט.

מ. קיטרון, אַ לאַנג־יאָריקער אַרגענטינער תושב, געוועזענער גענעראַל־סע־

קרעטאַר פון דער דאָרטיקער „מפא״י״, וועלכער וווינט איצט אין מדינת ישראל, האָט נאָך זיין באַזוך אין אַרגענטינע און די שכנהשע לענדער, געשריבן אין דער „נייע צייט״ פון 30סטן יולי 1953: „יידישע געזעלשאַפטלעכקייט אין דרום־אַמע־ריקע קאָכט זיך אין זאַפט פון פופצן פראָצענט. פאַראַן דאָרט צופיל זעלבסטצופרי־דנקייט און זעלבסטזיכערקייט. די גפאַר רוקט זיך אָלץ נענטער און ווערט גרע־סער, די צאָל שפּאַניש־ און פּאָרטוגעזיש־רעדנדיקע ווערט גרעסער, די צאָל יידיש קולטור־באַוווסטזיניקע — אַלץ קלענער, די צאָל געמישטע חתונות וואַקסט אומ־אויפהערלעך. ווי לאַנג קען עס דויערן?״.

ווי האַלט עס מיט יידישער דערציִונג אין אַרגענטינע, דער הויפּט־יסוד פון המשך און קיום? וועגן דעם פּראָבלעם וועל איך ווידער לאָזן רעדן אַרגענטינער:

א. ירושלמי שרייבט אין דעם ראש השנה־נומער פון דער „נייער צייט״ פון 1952: „עלף טויזנט קינדער לערנען אין אַלע שולן. פון זיי, מער ווי אַ העלפט אין די קלענערע קלאַסן, און דריי טויזנט קינדער אין די קינדער־גערטנער. די איבעריקע — אין די מיטל־שולן. פון דער צאָל גייען אַראָפּ פופצן פּראָצענט קינדער וואָס באַקומען אַ פּראָגרעסיווע דערציִונג. אין בוענאָס־איירעס געפינען זיך אַן ערך פופציק טויזנט יידישע קינדער. אַזוי, אַז אַכציק פּראָצענט יידישע קינדער זענען אויסגעשטעלט צו אַ פולשטענדיקער אַסימילאַציע״.

ב. קאַברינסקי, דער אינספּעקטאָר פון „ועד החינוך״ האָט ביי דער קאָנפע־רענץ פון קולטור־קאָנגרעס דעם מצב נאָך טרויעריקער געשילדערט און די דער־מאָנטע צאָל נאָך מער פאַרקלענערט, דורך פאַרגרעסערן די צאָל אין די קלע־נערע קלאַסן: בעת אין די ערשטע קלאַסן געפינען זיך דריי טויזנט הונדערט אַכט און זיבעציק קינדער, געפינען זיך אין די צווייטע און דריטע קלאַסן — טויזנט פינף הונדערט אַכצן, און אין די העכערע קלאַסן — איינגאַנצן אַכט הונדערט קינדער; אין די מיטל־שולן — ביי אַ טויזנט קינדער. אין דער צאָל גייען אַריין סך־הכל עטלעכע פופציק שולן, וועלכע זענען אָנגעשלאָסן אין „ועד החינוך״ פון דער קהילה. פאַראַן אויך אַן אָנהויב פון אַ רעליגיעזער דערציִונג ווי די ישיבה „חפץ חיים״ און די ישיבה פון „מזרחי״ וואָס גייען אַריין אין דער דערמאָנטער צאָל.

צוליב דעם וואָס אין די ערשטע קלאַסן קומען אויך קינדער פון צען־צוועלף יאָר, און נאָכן לערנען אַ שטיקל צייט פאַרלאָזן זיי די שול — פאַרערגערט עס נאָך מער די לאַגע.

אין דער פּראָווינץ איז די לאַגע אַ סך טרויעריקער.

כדי אַ ביסל מילדערן די טרויעריקע סיטואַציע, האָט ב. קאַברינסקי געפּרוווט פאַרקלענערן די אַלגעמיינע צאָל יידישע קינדער, און גערעכנט אויף דריי הונ־דערט טויזנט יידן אין ב. איירעס בלויז צען פּראָצענט קינדער פון שול־עלטער.

אין אַרגענטינע איז שוין פֿאַראַן אַ צווייטער און דריטער דור יונגע פֿאַרלעך. אַזוי, אַז צוואַנציק פּראָצענט שול־קינדער אויפֿן חשבון פֿון דריי הונדערט טויזנט איז אַ גאַנץ מילדע צאָל. די צאָל ייִדישע קינדער וואָס באַקומען אַ ייִדישע דער־ציִונג דערגרייכט נישט מער ווי פֿופֿצן־זעכצן פּראָצענט. וואָס פּאַסירט מיט די קינדער וואָס דערגיין שוין יאָ צו די העכערע קלאַסן? — אויף דער פֿראַגע וועלן מיר זיך ווידער באַנוצן מיט די אויספֿירונגען פֿון אַן אַרגענטינער שרייבער. וו. טשערנאָוויצקי, דער רעדאַקטאָר פֿון „אַרגענטינער מאַגאַזין״ שרייבט אין דעם אַפּריל־נומער: „איבער אַלע פֿראַגן שטייט איצט פֿאַר אונדזער שולוועזן דער פּראָבלעם פֿון די תּלמידים וואָס ענדיקן אונדזערע פֿאָלקסשולן — דאָס הייסט די קינדער פֿון דרייצן־פֿערצן יאָר. קריגט דאָס קינד אַ סבֿיבֿה אין זיינע דערגרייכטע ידיעות? אויב זיי ווערן נישט באַרייכערט, ווערן זיי אָפּגעמעקט; אָדער עס געשעט דאָס פֿאַרקערטע? מען מוז מודה זיין מיט טיפֿן ווייטיק, אַז, צו אונדזער באַדויערן, פּאַסירט דאָס לעצטע: אַ פּאָר יאָר נאָכן פֿאַרלאָזן די שול וועפּט זיך אויס, ביים גרעסטן טייל ייִדישע קינדער, כּמעט ניינציק פּראָצענט פֿון די קענטענישן וואָס זיי האָבן דערוואָרבן אין די ייִדישע שולן״.

ווי זעען אויס די לימודים אין די קלאַסן? איך וואָלט אויף דער פֿראַגע אַליין געקענט ענטפֿערן; אָבער, ווידער וועל איך בעסער הערן וואָס אַרגענטינער שריי־בער זאָגן וועגן דעם. אונטערן נאָמען „ייִדישע פּאַלאַצן״ שרייבט אין „די פּרעסע״ מלך טשעמני, אַ שרייבער וואָס האָט זיך לעצטנס באַזעצט אין אַרגענטינע: „ווען איך האָב, קומענדיק אַהער, דערזען די ייִדישע שולעס אין אַזעלכע רחבֿותדיקע פּאַלאַצן, האָב איך אַוועקגעשיקט אַ באַגייסטערטע קאָרעספּאָנדענץ. איצט, נאָך אַ יאָר, האָט זיך ווינציק וואָס געענדערט. מיט אַ יאָר צוריק האָב איך געשמועסט מיט אַ מיידעלע וואָס איז אַלט געווען דרייצן יאָר, איצט איז זי עלטער אַ יאָר — דאָס זעלבע בולבען מיט דער צונג, סיי אין ייִדיש, סיי אין העברעיִש, ווי אַ בולבע האָט זיך ערגעץ ווו אַרומגעוואַלגערט וואָס לאָזט נישט אַרויסברענגען אַ ייִדיש וואָרט. דערפֿאַר — „ייִדישע פּאַלאַצן״ און נישט „פּאַלאַצן פֿאַר ייִדיש״.

אַ צווייטער אַרגענטינער שרייבער, יוסף האָרן, שרייבט אין „דער אידישער צייטונג״ אין אַן אַרטיקל „אין די אַמעריקעס״: „ניו־יאָרק האָט אַ ייִדישע אינ־טעליגענץ וואָס קען פֿאַרטיפֿן אַ פּראָבלעם, און מען דערשרעקט זיך נישט צו זען אַ וווּנד אין איר טיפֿן פֿאַרנעם, און דער עיקר — דאָס דערגרונטעוועון זיך צום סאַמע טיף פֿון אַ פּראָבלעם פֿאַרמינערט נישט די גרויסקייט פֿון נאַציאָ־נאַלן ווערט אין ייִדישן לעבן פֿון אַמעריקע. אויף אַ דערציִונגס־קאָנפֿערענץ ביי אונדז, האָבן לערער אויסגעקליבן אַ סעמינאַריסטקע וואָס קען גוט ייִדיש און העברעיִש פֿון דער היים. זי האָט באַדאַרפֿט באַווייזן, אַז אַלץ איז ביי אונדז וווּיל און פֿיין״.

ווען ד"ר יעקב שאַצקי איז דאָ געווען און האָט וועגן דער גרעסטער שול געמאַכט אַ געדאַנקען־שפּיל וואָס האָט אויסגעדריקט צווייפל, זענען באַלד גע־שיקט געוואָרן בריוו אין די רעדאַקציעס, אַז עס דראָט מיט „קאָנסעקווענצן". אַ ייִדישער שרייבער אין ב. איירעס האָט מיר דערציילט, אַז זיין טעכטערל האָט אין דער היים גערעדט ייִדיש, ביז זי האָט אָנגעהויבן גיין אין אַ באַקאַנטער ייִדישער שול; דאָרט האָט זי פאַרגעסן ייִדיש, ווייל די לערערקע האָט מיט איר דאָרט גערעדט שפּאַניש. ישעיה בורשטין, אַ ייִדישער לערער, האָט מיט אַ צייט צוריק דערציילט אין „ידיעות" פון ניו־יאָרק, וועגן אַ טראַנזאַקציע צווישן אַ פאָטער און זיין טאָכטער — אַ ייִדישע לערערקע — וועלכער דער טאַטע האָט אָנגעבאָטן אַ סומע געלט אַ חודש, זי זאָל רעדן ייִדיש, און... די טראַנזאַקציע איז נישט צושטאַנד געקומען. מיט אַ צייט צוריק האָט „די אידישע צייטונג" דורכ־געפירט צוויי אַנקעטעס: די ערשטע — „ווי האַלט עס מיטן רעליגיעזן לעבן אין אַרגענטינע"; די צווייטע — „וואָס איז אייער מיינונג וועגן די יונגע אַרגענטינער ייִדישע לערערס". אין ביידע פאַלן האָבן דאָ, נאַטירלעך, געענטפערט די לייענער וועמען די פּראָבלעמען זענען נאָענט. דער גרעסטער טייל ענטפערס אויף דער ערשטער אַנקעטע זענען געווען, אַז עס פעלט אין אַרגענטינע די טראַדיציאָנעל ייִדישע היים. דער רעזומען פון דער צווייטער אַנקעטע איז געווען, אַז די אַר־גענטינער יונגע ייִדישע לערער רעדן נישט קיין ייִדיש און עס פעלט זיי ייִדישע טראַדיציע.

עס האַלט נישט בעסער מיטן קויפן און פאַרשפּרייטן ייִדישע ביכער אין אַרגענטינע. יעקב באָטאָשאַנסקי שרייבט אין „די פּרעסע" פון 10 טן סעפּטעמ־בער 1952: „ביי אונדז אין אַרגענטינע איז פאַראַן אַ סך ייִדישיסטישער ענטו־זיאַזם, אָבער קיין גרויסער אָפּזאָץ אויף ייִדישע ביכער. אויסער אין אויסנאַם־פאַלן קומען אַליין קויפן אַ ייִדיש בוך וואָס דערשיינט ביי אונדז, איז אַ סך — דרייסיק פּערזאָן". פאַליק לערנער שרייבט אין דער זעלבער צייטונג דעם 25סטן יוני 1953: פון די נאָטיצן און באַריכטן וועלכע מ'שרייבט וועגן אונדזער פאַרלאַג־וועזן קען מען מיינען, אַז אין בוענאָס־איירעס שטייען ייִדן אין דער ריי אויף צו קויפן אַ ייִדיש בוך. די מערכה פון ייִדישן בוך ווייסן נאָר די וואָס גיבן זיך אָפּ דערמיט. עס איז פּשוט אַ חרפּה צו דערמאָנען, אַז ביכער, וואָס ווערן דאָ אַרויסגעגעבן אין אַ דורכשניט פון טויזנט עקזעמפּלאַרן, זאָלן מיט זיך פאַר־שטעלן אַ פּראָבלעם, אין אַ ישוב, וועלכער ווערט אויף דער וועלט פּראָקלאַמירט אַלס דער איינציקער ייִדישער ישוב ווו די ייִדישע קולטור בליט און וואַקסט". דער פאַרלאַג „דאָס פּוילישע ייִדנטום" האָט ערשט נישט לאַנג צוריק דער־ציילט, אַז איינגאַנצן פאַרמאָגן זיי צוויי הונדערט אַבאָנענטן אין אַרגענטינע, און דאָס, דאַרף מען צוגעבן, אַז זיי באַנוצן די פּעיִקסטע מיטלען צו פאַרקויפן זייערע

אויסגאַבן. וועגן קולטור, ליטעראַטור, דערציִונג, און ענלעכע ענינים, וואָס אַ דאַנק זיי — שרייבט מלך טשעמני אין „די פּרעסע" דעם 25סטן יוני — האָט דאָס ייִדישע אַרגענטינע באַקומען דעם שענסטן פּלאַץ אין דער ייִדישער וועלט, דאַרף מען טייל מאָל האָבן מוט און פרעגן זיך אַליין: מאַכט מען פון אונדז, חלילה, נישט חוזק? זיצן נישט ערגעץ לצים וואָס פּראַווען שטיק אויף אונדזער חשבון?

ווער האָט עס אַזוי איינגעוויגט די אַרגענטינער ייִדן, אַז אַלץ איז דאָ אַזוי גוט, אַז אַנדערע זענען אונדז מקנא? אַלץ איז דאָ אַזוי פיין און ווויל, אַז מ'טאָר גאָר נישט קריטיקירן? ווער איז שולדיק אין דעם טומל וואָס מען מאַכט דאָ, און וועלכן מ'נעמט ערגעץ ווו, צוליב דער ביטערער מערכה פון ייִדיש, אַזוי ערנסט? דער ערשטער שולדיקער איז דער אַרגענטינער ייִדישער שרייבער. מ'קען אויף אים, אָבער, מלמד־זכות זיין: ער האָט געוואָלט פאַרשענערן, קריסטאַליזירן און צעמענטירן דאָס ייִדישע לעבן, האָט ער יאָרנלאַנג געוועקט, גערופן און דערמוטיקט. ער האָט זיכער אַנדערש געמיינט... איצט איז ער געבליבן פון הינטן. מ'קען וועגן ייִדישן שרייבער אין אַרגענטינע זאָגן, אַז ער איז דער „פאַרגעסענער מענטש" אין ייִדיש־געזעלשאַפטלעכן לעבן, און באַנוצן דאָס וואָרט פון נביא „בנים גדלתי...". איצט זעט ער, אַז ער איז צו ווייט פאַרקראָכן און פּראָטעסטירט אָפט, און רופט אַפילו צו רעוויזיע. — איך האָב מורא, אַז עס איז איצט צו שפּעט. דער „פּרעסטיזשפּולער" כלל־טוער „ענטוזיאַזמירט" איצט די פּאַרטייען, מיט זיינע „עמאָציאָנירנדיקע" רעדעס... די הויפּט־שולדיקע זענען די געסט און די „מורא־דיקע וואָרעמקייט" מיט וועלכע מ'נעמט זיי דאָ אויף: געסט עליך בוענאָס־איירעס! קומט אַ שליח, אַ דעלעגאַט, אַ גאַסט, הייבן זיך אָן די באַמבאַסטישע פּאַראַדן, קבלת־פּנים־קאָמיטעטן, פּרעסע־קאָנפערענצן, באַנקעטן, קעגנזייטיקע ליבעס־דערקלערונגען, און בײדע צדדים זשאַלעווען נישט קיין לויב־געזאַנגען... „מען איז ביי אונדז ביז גאָר געוווינט צו זיסלעכער לויב־געזאַנגעריי אַזש ביז חניפה... — שרייבט וועגן דעם שמואל ראָזשאַנסקי אין „די אידישע צייטונג" פון 5טן יולי 1953. — טיילמאָל שעמען זיך די ניכטערע פון אונדז מיט די לויב־געזאַנגען וואָס זיי הערן פון פּראָמינענטע געסט". ערשט ווען דער גאַסט־שליח פאָרט אַוועק הייבט ער ערשט אָן טיילן דרשה־געשאַנק, גרויסע מתנות, קליינע מתנות — עס ווענדט זיך ווי איינער האָט אים דאָ אויפגענומען. איינער ווערט ביי אים אַ כהן גדול פון ישוב, דער צווייטער — אַ תלמיד חכם, דער דריטער — אַ געוועזענער ישיבה־בחור; דער ישוב — דער בלי־ענדסטער, קולטורעלסטער, וואָרעמסטער ישוב אין דער ייִדישער וועלט.

מיר איז אויסגעקומען צו הערן אַ סך אַזעלכע קאָמפּלימענטן און לויב־געזאַנגען פון זיסער חניפה. איין גאַסט האָט פון דער טריבונע זיך דערקלערט אין ליבע צום אַרגענטינער ייִדנטום, און בפירוש געזאָגט, אַז דאָס איז ער זיך

אַהערגעקומען „אַנוואַרעמען"; אַ צווייטער האָט דאָ געפונען וואַרשע, אַ דריטער — ווילנע, אַ פערטער — ירושלים, אַ פינפטער — יבנה. אַ יידישע קינסטלערין האָט פון דער טריבונע דערקלערט, אַז דאָ, אין בוענאָס־איירעס, ווערט אויפוואַקסן דודל טאַלנער... נאַיווע יידן נעמען די קאָמפּלימענטן ערנסט, און שמעלצן זיך פון נחת, ווייל גלייך צומאַרגנס דערציילט מען אין די צייטונגען די קאָמפּלימענטן וואָס דער „חשובער גאַסט פון אַרגענטינער יידנטום" האָט געזאָגט וועגן אונדז; אַז אין זיינע אויערן האָט אַ קלונג געטון אַ יידישער ניגון וואָס איז געזונגען געוואָרן אין וואַרשע, ווילנע... דעלעגאַטן האָבן אַ מין „געהיימען אינטערנאַציאָנאַל", — האָבן זיי זיך דערוווסט, אַז אַרגענטינער יידן האָבן אַ שוואַכקייט פאַר לויב־געזאַנגען, איז זשאַלעוועט מען זיי דאָס נישט. אַ דעלעגאַט, אַ דאָקטאָר וואָס איז אַהערגעקומען מיט אַ מיסיע, האָט אין דער יידיש־אַמעריקאַנער פרעסע און אין דער ישראל־פרעסע געשריבן, אַז פינף און דרייסיק פראָצענט יידישע קינדער באַקומען דאָ אַ יידישע דערציִונג (דער „ועד החינוך" האַלט — צווישן פופצן־אַכצן...), חוץ, נאַטירלעך, קורסן פאַר דערוואַקסענע און נאָך און נאָך... אַרגענטינע — האָט דער דאָקטאָר־דעלעגאַט געשריבן — איז דאָס איינציקע לאַנד אין גלות, ווו עס פונקציאָנירט אַ שול פאַר דער אויסבילדונג פון יידישע געזעל־שאַפטלעכע פירער; דער דאָקטאָר־דעלעגאַט האָט עס טאַקע געגרינדעט די שול. און ווען ער איז נאָך געווען אויף דער שיף, צוריק קיין אַמעריקע, האָט זיך די שול פאַרמאַכט. און נאָך עפּעס האָט דער דאָקטאָר־דעלעגאַט געשריבן, פון וועלכן עס ווערט אייך קלאָר, פאַרוואָס דער אַרגענטינער ייד איבערנעמט זיך אַזוי אָפּט מיט זיינע שול־בנינים און מיט דער יידישער דערציִונג קעגנאיבער אַמעריקע, ווו „קיין יידיש לעבן איז אינגאַנצן נישטאָ..." די אַרגענטינער יידישע שולן — האָט דער דאָקטאָר־דעלעגאַט געשריבן — זענען אַ סך בעסער ווי די „סאַנדי סקוהלס (זונטיק־שולן) אין אַמעריקע". דאָס שאַפט דעם איינדרוק ביי דעם נאַיוון פשוטן ייד, אַז די גאַנצע יידישע דערציִונג אין אַמעריקע באַשטייט בלויז פון זונטיק־שולן. ווו זענען די צענדליקער ישיבות מיט זייערע בנינים איבערן גאַנצן לאַנד? די בתי־מדרש לרבנים, די דערציִונגס־אינסטיטוציעס פון די קאָנסערוואַטיווע אָרטאָדאָקסן, רעפאָרמער? דאָס איז נישט קיין יידיש לעבן און יידישע דערציִונג?

איז אָבער באַלד געקומען אַ צווייטער דאָקטאָר, אויך אַ גאַסט, אָבער ער האָט נישט געוואַרט ביז ער איז אָוועקגעפאָרן, נאָר טאַקע גלייך, אין די אויגן, אָנגעוויזן אויף די פעלערן און געוואָגט צו קריטיקירן. ד"ר יעקב שאַצקי, וועל־כער איז שוין צום דריטן מאָל אין אַרגענטינע, האָט אויף דער דערעפענונג פון דער קאָנפערענץ פון קולטור־קאָנגרעס געענטפערט אויף דער אָנגעצייכנטער טעמע — „זענען באַרעכטיקט די גרויסע האָפענונגען וואָס מען לייגט אויף דער

ייִדישער אַרגענטינע?" — אַז עס הערשט דאָ אַ מין פּראָווינציאַליזם וואָס פילט זיך אָן מיט התפּעלות פאַר יעדער קלייניקייט. דער אַסימילירטסטער ייד פון די פאַראייניקטע שטאַטן — האָט ד"ר יעקב שאַצקי געזאָגט — האָט מער דרך־ארץ פאַר ייִדיש, ווי דער גרעסטער ייִדישער אינטעליגענט אין בוענאָס־איירעס. די טראַגעדיע נעמט זיך דערפון וואָס מען קען נישט די אייגענע עם־הארצות. נישט ייִדיש אַליין שפּילט אַ ראָלע, ווייל די ענגליש־רעדנדיקע ייִדן פון ניו־יאָרק לייענען מער ביכער מיט אַ ייִדישן אינהאַלט ווי די בוענאָס־איירעסער ייִדיש־רעדנדיקע. ער האָט געשעצט די אַרגענטינער ייִדן, צו זיין מער באַשיידן און נישט איבער־טרייבן מיט התלהבות און אייגענער התפּעלות. וויזט אויס, אַז נישט אַלע דאָק־טוירים און דעלעגאַטן זענען אַנגעשלאָסן אין „געהיימען אינטערנאַציאָנאַל". אַ ייִדישער כּלל־טוער פון זיד־אַפריקע, דער באַקאַנטער עסקן אבעל שאבאן, איז געקומען קיין אַרגענטינע אַלס דעלעגאַט פון „אָרט", — האָט ער שפּעטער, ביי זיין צוריקפאָרן קיין זיד־אַפריקע, געוואָגט אַנצוווייזן חסרונות און קריטיק; האָט זיך דאָ אָפּגעטון מעשים. — „ס'טייטש, מ'האָט אים דאָ אויפגענומען מיט אַזאַ „מוראדי־קער וואַרעמקייט?!"... אַ דריטער גאַסט, אַ פּעדאַגאָג און אַ קאָנפערענציסט, יצחק כּאַרלאַש, — גראָד אַ וועלטלעכער ייד — האָט בעת זיין ווייַלן אין אַרגענטינע פאַרגעוואָרפן די היגע ייִדן, אַז „זיי לעבן אין אַ געטאָ, און, אַז צוליב דעם וואָס זיי האָבן נישט קיין פאַרבינדונגען מיט דער נישט־ייִדישער וועלט, וועלן די היגע ייִדישע שולן לאַנג נישט אָנהאַלטן און נישט האָבן קיין קיום". מיט אַ צייט צוריק האָט ברוך צוקערמאַן, וועלכער האָט שוין אייניקע מאָל באַזוכט אַרגענ־טינע, געשריבן, אַז „דערפאַר וואָס ייִדן פילן זיך נישט פאַרוואָרצלט אין די לאַטיין־אַמעריקאַנער לענדער און האָבן נישט קיין פאַרבינדונגען מיט נישט־ייִדן, ציט עס זיי דערפאַר מער צו אינערלעכע אָרגאַניזאַציעס", — האָט מען אויך אים געהאַט פאַראיבל. דער אונטערשייד איז בלויז, וואָס יצחק כּאַרלאַש וויל „ראַטעווען" די סיטואַציע מיטן אַריבערטראָגן אוניווערסאַלע קולטור אין „ייִדישן געטאָ", און ברוך צוקערמאַן, אַ נאַציאָנאַלער ייד, איז גראָד צופרידן וואָס עס ציט ייִדן, צוליב די סיבות, צו אינערלעכע אָרגאַניזאַציעס.

גלאַט איז דער ענין נישט אָפּגעהאַנגען. עס איז אינטערעסאַנט וואָס אַן אַרגענטינער שרייבער שרייבט וועגן דעם פּראָבלעם אין „די פּרעסע" פון 27סטן יוני 1953: „די סיטואַציע איז נישט בעסער — טרייסט זיך ל. זשיטניצקי — אין די פאַראייניקטע שטאַטן; דאָרט איז די לאַגע באמת אַ שווידערלעכע. אויך דאָרט איז שווער צו געפינען אַ לייזונג פאַר דער פראַגע, און דער ענין איז דאָרט אַ סך שאַרפער ווי אין אַרגענטינע, מחמת דעם וואָס אין אַרגענטינע האָט מען, לכל הפּחות, דאָס ייִדישע קינד אין אייגענעם רשות (!), בעת אין די פאַר־אייניקטע שטאַטן, צום ביישפּיל, האָט מען שוין כמעט נישט די שליטה איבערן

קינד, מיט קליינע אויסנאַמען; אין בוענאָס־איירעס האָט מען כאָטש עטלעכע טויזנט ייִדישע קינדער אין די ייִדישע שולן, און די צאָל ווערט גרעסער פון יאָר צו יאָר". כאָטש אין שפּעטערן טייל פון זיין אַרטיקל גיט דער שרייבער צו, אַז עס איז דער מיטלקלאַס־קינדער. דאָס מיינט, אַז יענע קינדער פון צוועלף יאָר פאַרלאָזן די ייִדישע שול; פּונקט דאַן ווען זיין באַוווסטזיין הייבט זיך ערשט אָן צו פאָרמירן, פאַלט ער אַרונטער אונטער דער ווירקונג פון אַן אַנדערער שפּראַך, און אויס־שליסלעך — נישט־ייִדישע קולטור...

קיינער וועט נישט לייקענען, אַז ייִדישע דערציִונג אין די פּאַראייניקטע שטאַטן איז אַן אַנגעווייטיקטער פּראָבלעם. לייענט די דאָרטיקע צייטונגען ביים אָנהייב פון יעדן לערניאָר און איר וועט זען, ווי מען שרייבט נישט, אַז אַלץ איז פיין און ווויל; אדרבא, מען שעמט זיך נישט צו קריטיקירן. און אַמעריקאַנער ייִדן זענען גאָרנישט אַזוי סענסיטיוו צו דער קריטיק. אַלע ווייסן אַז עס האַלט נישט גוט מיט ייִדישער דערציִונג. עס עקזיסטירט דאָרט אָבער לחלוטין נישט דער פּראָבלעם פון אַריינברענגען אוניווערסאַלע קולטור אין דער ייִדישער סביבה, פּונקט ווי עס עקזיסטירט דאָרט נישט דער פּראָבלעם פון נישט זיין פאַר־וואָרצלט — ווי ברוך צוקערמאַן רופט עס אָן. אין אַ סך פאַלן ברענגען דאָרט גאָר ייִדן זייער ייִדישקייט צו דער אוניווערסאַלער קולטור. מ'האָט אַפילו טענות צו ייִדישע געלערנטע, רבנים און ראַביים — אַפילו מאָדערנע אָרטאָדאָקסישע — וואָס זיי רעדן אין די טעמפּלען און שולן שוין צופיל איבער אוניווערסאַלע טע־מעס. פון די העכערע ייִדישע דערציִונגס־אַנשטאַלטן — ווי דער "היברו יוניאָן קאָלעדזש" (רעפאָרמירטער בית מדרש לרבנים) אין סינסענעטי, דער טעאָלאָ־גישער סעמינאַר פון די קאָנסערוואַטיווע, דער ישיבה קאָלעדזש — דער אָרטאָ־דאָקסישער בית מדרש לרבנים, דער "בית מדרש לתורה" אין שיקאַגאָ, — אין די צענדליקער אָרטאָדאָקסישע ישיבות איבערן לאַנד, וואָס שטעלן מיט זיך פאָר אַלע ריכטונגען ביז דער אולטראַ־אָרטאָדאָקסיע, לערנט מען, מיט קליינע אויס־נאַמען, אוניווערסאַלע קולטור. דער גרעסטער טייל פון זיי האָבן אייגענע פאַקול־טעטן, און די וועלכע האָבן עס נישט, איז דאָס לערנען אין אַן אוניווערזיטעט אָבליגאַטאָריש. און דער טייל פון פּראָגראַם — די צענדליקע חבורים פון אַמע־ריקאַנער געבוירענע ראַביים און צענדליקער שרייבער פון יודאַיִסטיק איבער חכמה ישראל און חכמת הגוים אין העברעיִש און ענגליש — האָבן גאָרנישט צו טון מיט אוניווערסאַלער קולטור? די צענדליקער ייִדישע סטודענטן־אָרגאַ־ניזאַציעס אין די גרעסטע אַמעריקאַנער אוניווערזיטעטן, די "הלל פונדיישאָן", ברענגען מיט זיך אַפילו זייער ייִדישקייט צו דער אוניווערסאַלער קולטור. אַוודאי וואָלטן מיר אַלע מער צופרידענער געווען, אַז ייִדיש זאָל האָבן אַ בעסערע מערכה אין די פאַראייניקטע שטאַטן; אָבער די לאַגע איז דאָרט פאָרט נישט אַזוי "שווי־

דערלעך״, אַז „מ׳האָט דאָרט נישט מער די שליטה איבערן אייגענעם קינד״, און זי איז אין אַרגענטינע אַזוי וווּל און פֿײַן מיט די פּאָר טויזנט קינדער, אַז מ׳זאָל זיך ביי יעדער געלעגנהייט אַזוי פֿרייען און באַרימען מיט די בנינים.

מען מוז איינמאָל פֿאַר אַלע מאָל קומען צום באַשלוס, אַז חכמת ישראל, אַפּילו — נישט אויף ייִדיש, איז עפּעס מער ווי אַ צעבראָכענע אָדער בולבעוואַטע פּאָר ייִדישע פֿראַזן וואָס קינדער טראָגן אַרויס פֿון אַ וועלטלעכער ייִדישער שול. וועלטלעכע ייִדישקייט, אַפּילו מיט נאַציאָנאַלער באַפֿוצונג, קען נישט זיין קיין שוצוואַנט פֿאַר אַסימילאַציע, בפֿרט נאָך — אין די קאַטוילישע לענדער. ווי ליב מען האָט ייִדיש, מוז מען קוקן מיט אָפֿענע אויגן אויף דעם אומפֿאַרמיידלעכן פּראָצעס אין די גלות־לענדער. וועלטלעכע ייִדישקייט האָט באַנקראָטירט אין אַזאַ גרויסן ישוב ווי אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן, ווו זי האָט געהאַט הינטער זיך אַ שטאַרקע גוט־אָרגאַניזירטע אַרבעטער־באַוועגונג, און עס האָבן איר נישט געפֿעלט קיין פֿינאַנציעלע מיטלען. די וועלטלעכע, און אַפּילו נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע שולן זענען פֿאַרטונקלט געוואָרן פֿון די ישיבות, און טראַדיציאָנעלע ייִדישקייט האָט זי ווייט אַריבערגעיאָגט. אַ רייע ייִדישע שרייבער אין ניו־יאָרק, אַליין נישט קיין פֿרומע, שיקן זייערע קינדער נישט אין די וועלטלעכע ראַדיקאַלע ייִדישע שולן, נאָר אין די ישיבות. ייִדישיסטן מיט אַ שאַרפֿן קוק אויף דער צוקונפֿט האָבן זיך אין די לעצטע יאָרן אָנגעהויבן צופּאַסן צו דער געשאַפֿענער סיטואַציע. נישט אַזוי לייכט איז דאָס זיי אָנגעקומען. מ׳מוז ראַטעווען וואָס עס לאָזט זיך! די ייִדישע יוגנט אַנטלויפֿט פֿון אונדז — מוז מען איר נאָכלויפֿן! וואָס קען, אין דעם פֿאַל, העלפֿן וועלטלעכע מאָדערנע ייִדישקייט מיט ייִדיש אויפֿן שפּיץ מע־סער?

מיר איז אויסגעקומען צו באַזוכן אַ פּאָר שטעטלעך מיט אַ גאָר קליינער צאָל ייִדן אין אַרגענטינע, צווישן זיי — אַ שטעטל אין די קאָרדאָבער בערג מיט אַ פֿופֿצן־צוואַנציק ייִדישע משפּחות. קיין סימן פֿון עפּעס אַ שטיקל ייִדיש לעבן. צווישן די ייִדן, וואָס האָבן כמעט די זעלבע געשעפֿטן, הערשט אַ קנאה — זיי קומען זיך קיינמאָל נישט צונויף. זונטיק האָבן זיך די קלויסטער־גלעקלעך צע־קלונגען; די נישט־ייִדישע קינדער זענען אַוועק אין קלויסטער; די ייִדישע קינ־דערלעך זענען פֿאַרבליבן מיט אַ סך נישט־פֿאַרענטפֿערטע פֿראַגן אין זייערע קינדישע מוחות, און מיט אַ מאָדנעם געפֿיל אין זייערע הערצעלעך. אין אַמעריקע זענען, פֿאַר אַזעלכע ווייט־פֿאַרוואָרפֿענע קליינע ישובים, פֿאַראַן ספּעציעלע טרעוו־לינג־ראַביס (רייזנדע רבנים), וועלכע קומען אַהין אין אַ זונטיק, פֿאַרזאַמלען אַלע קינדער אין אַ הויז, און פֿירן מיט זיי אָן אַ זונטיק־שול. אַ צווייטע שטאָט, וואָס פֿאַרמאָגט שוין אַריבער צוויי הונדערט ייִדישע משפּחות, איז דאָרט די צאָל געמישטע חתונות איבער פֿופֿציק פּראָצענט. אַן איייניקל האָט דעם זיידן געזאָגט:

„דו האָסט דערהרגעט אונדזער גאָט". די שטאָט האָט נישט קיין שוחט, נישט קיין מוהל, — קיין שום צייכן פון טראַדיציאָנעלער ייִדישקייט. וואָס קען אין אַזאַ פּאַל אויפטוען וועלטלעכע אָדער מאָדערנע ייִדישקייט? נאָר מיט צוויי זאַכן קענען מיר נאָכלויפן דער יוגנט: מיט ייִדישער טראַדיציע, און מיט חלוציזם.

בראַזיל, דער שכנהשער ישוב פון אַרגענטינע, פאַרמאָגט אפילו נישט קיין פערט־חלק ייִדן, פונדעסטוועגן לערנען פופציק בראַזיליענער יונגעלייט אין אַמע־ריקאַנער ישיבות. בעת מיינעם אַ באַזוך אין בוענאָס־איירעס, בין איך אָנוועזנד געווען, ווען זעכציק חלוצים, יונגעלייט און מיידלעך, האָבן זיך געזעגנט אין קהילה־זאַל פאַר זייער עליה. דער יונגערמאַן, וועלכער האָט גערעדט אין נאָמען פון דער גאַנצער גרופּע, האָט זיך געזעגנט אין שפּאַניש.

יוסף שפּרינצאַק האָט געפרעגט מאַרק טורקאָוון, בעת זיין באַזוך אין מדינת ישראל: — „ווי קומט עס וואָס מ'טומלט ביי אייך אין אַרגענטינע אַזוי פיל וועגן ייִדישער קולטור און די יונגע חלוצים קענען נישט קיין ייִדיש?". איך האָב שפּעטער יענע חלוצים געזען אין אַ קיבוץ: אַ געזונטער, אַרבעטסזאַמער אידעאַליסטי־שער עלעמענט. מיט קליינע אויסנאַמען, זענען זיי נישט געקומען פון דער ייִדי־שער שול, נאָר פון טראַדיציאָנעלע ייִדישע היימען און פון די חלוצישע אָרגאַני־זאַציעס, וועלכע האָבן צו זיי גערעדט אין זייער שפּראַך.

מאָזעסוויל — אַ יידיש שטעטל אין אַרגענטינע

מאָזעסוויל איז אַמאָל געקרוינט געוואָרן מיטן נאָמען „ירושלים ד׳אַרגענטינע״, און וואָס איז באַזונגען געוואָרן פון אַ גאַנצער ריי ייִדישע שרייבער און דיכטער, איז אַ היימיש ייִדיש שטעטל אין אַרגענטינע, מיט אַלע אירע טיפּן און בילדער. עס איז טאַקע נישט דאָס מאָזעסוויל וואָס איך האָב געזען מיט עטלעכע און צוואַנציק יאָר צוריק; אַ סך ענדערונגען זענען דאָרט אין דער צייט פאָרגעקומען; אָבער איר קענט פאָרט אָנטאַפּן ייִדישקייט אויף שריט און טריט, און איר האָט דעם איינדרוק, אַז דאָ געפינט איר זיך אין אַן אַמאָליק ליטוויש־ייִדיש שטעטל, מיט זיין גאַנצער פאַרב און קאָליר.

געקומען בין איך אין מאָזעסוויל פונקט אין ערב פּסחדיקן סעזאָן, ווען אין דער אַלטער היים פלעגן זיך צעשפּילן די וואַסערן אַרום די שטעטלעך פון אָנקומענדיקן פרילינג. אַ שלאַקס־רעגן האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף מאָזעסוויל, און די וועגן זענען פאַרגאָסן געוואָרן מיט וואַסער, אַזוי, אַז אָנשטאָט מיטן אָמניבוס פון ראַפאַעלאַ, האָב איך געמוזט עולה רגל זיין מיט אַ צווייטער באַן קיין פּאַלאַסיאָס, און פון דאָרט ערשט מיט אַ קאָטש קיין מאָזעסוויל.

דעם ערשטן ברוך הבא האָבן מיר נאַטירלעך געגעבן די מאָזעסווילער בלאָ־טעס, וועלכע דער פאַרשטאָרבענער ה. ד. נאָמבערג האָט אַזוי פיל פלאַץ אָפּגעגעבן אין דער שילדערונג פון זיין רייזע איבער די ייִדישע קאָלאָניעס אין אַרגענטינע.

אויף צומאָרגנס, ווען דער הימל האָט זיך אויסגעלייטערט און פון די בלאָטעס איז קיין זכר נישט פאַרבליבן, האָב איך זיך אָנגעהויבן אַרומקוקן אין שטעטל: יאָ, עס איז די זעלבע אַמאָליקע מאָזעסוויל, נאָר אַ ביסל גרעסער געוואָרן. אָט איז די קדימה, פונקט קעגנאיבער דער פּלאַסאַ, ווי אַמאָל, נאָר די געבײדע איז אַ סך גרעסער געוואָרן, און אויך די פּלאַסאַ זעט איצט אויס אַנדערש ווי אַמאָל: אָנשטאָט די עוקאַליפּטוס־ביימער געפינט זיך דאָרט אַ שפּאַציר־פּלאַץ מיט בענק און עלעקטרישע לאָמפּן, וואָס שמעקן שוין מיט ציוויליזאַציע... ייִדן דרייען זיך אַרום אויף דער פּלאַסאַ אין פּיזשאַמעס, וואָס זענען ענלעך צו אַמאָליקע היימישע שפּענצערס. פון אַ זייטיק געסל רוקט זיך אַרויס אַ ייִד מיט אַ ברייטן, היימישן, סאַמעטענעם תפילין־זעקל, וואָס האָט שוין לאַנג פאַרלוירן זיין אַמאָליקן קאָליר;

באַלד קומט אַ צווייטער, אַ דריטער, דאָס וויל מען אין דער פרי אַריינכאַפּן אַ מנין, כאָטש וואָס איז די איילעניש? אַז אין מאָזעסוויל איילט זיך בכלל קיינער נישט.

אַ יידישער קאָלאָניסט פאָרט אָן מיט אַ סולקע; דאָס איז ער געקומען אָפּ־נעמען די פּאָסט. אַ צווייטער לויפט אויף אַ פערד רייטנדיק, לאָדנט אָן שנעל דאָס פּעקל בריוו און צייטונגען פאַר די אַנדערע קאָלאָניסטן. ער קען זיך נישט דער־וואַרטן, עפנט ער שנעל די „צייטונג", כדי צו זען די לעצטע נייעס וועגן ארץ־ישראל. אַ קאָלאָניסט, וועמען אַלע רופן „איטשקע", קלאָגט זיך פאַר מיר און האָט טענות: צו וואָס דאַרף מען אַזוי פיל תנ"כן און גמרות, אַז קיין יושר אויף דער וועלט איז אַלץ נישטאָ...

אויף דער פּלאַסאַ שטייען רעדלעך יידן און מען רעדט צווישן זיך, אָט גלאָט אַזוי זיך. אַ שווייצאַרישער גוי, וואָס וווינט שוין אין מאָזעסוויל יאָרן, פירט דעם הויפּט־שמועס. מען רעדט וועגן די נייע קאָלאָניסטן וואָס די „יעוויש" (די פאַרגרייזונג פון ענגלישן „דזשואיש", מיינענדיק די יידן) האָט קאָלאָניזירט אַרום מאָניגאַטעס. נאַטירלעך רעדט מען יידיש, אַ זאַפּטיקן ליטווישן יידיש.

— וואָס וווּנדערט איר זיך — ענטפערט מיר סעין, דער שווייצאַרישער גוי אויף מיין פראַגע וועגן זיין גוטן יידיש, — מיר האָבן דאָ אַ סך גוים, וואָס רעדן בעסער יידיש ווי איירע בוענאָס־איירעסער יידן...

אַ ייד מיט אַ ווייסן, לאַנגן כאַלאַט, וואָס קוקט אויס ווי אַ היימישע קאַפּאָטע, וויל מיר פאַרקויפן אַ לאָטעריע־צעטל, און אַזוי ווי ער ווייסט, אַז איך בין אַן אַמעריקאַנער, רעדט ער צו מיר ענגליש, — שוין איינמאָל אַן ענגליש. — וואָס איז געוואָרן, וויל ער וויסן, פון לודלאָו סטריט און פון עסעקס סטריט? ער האָט אַמאָל, מיט פערציק יאָר צוריק, דאָרט געוווינט, ער האָט דאָרט אַ שוואָ־גער, דער יידישער זינגער מישאַ מישאַקאָוו. — אוי, — פאַרגייט ער זיך אין התפּעלות — זענען עס געווען צייטן... געווען אַ באָרדער ביי אַ „מיסעס" — און ער צעלאַכט זיך, — געהאַט אַפילו אַ צימער מיט „סטיעם" (מיט באַהייצונג)... — אַ צווייטער ייד וויל וויסן, צי קען איך דאָרט זיינעם אַ ברודער אין ניו־יאָרק, פון וועלכן ער האָט שוין נישט געהערט אַ יאָר דרייסיק. דאָס רעדל מענטשן וואַקסט און ווערט יעדע ווײַלע גרעסער... מען שטעקט מיר אַריין שלום עליכמס פון אַלע זייטן: — דאָס זענט איר טאַקע דער רעדנער, וואָס וועט היינט ביינאַכט רעדן?

דער ערב פּסח איז קענטיק אין אַלע געסלעך און ווינקעלעך פון שטעטל. איר גייט פאַרביי אַ מצה־בעקעריי וואָס באַקט מצות פאַר מאָזעסווילער יידן אויף פּסח. דאָס — דערציילט מען מיר — ברענגט דער בעקער ספּעציעל יעדן יאָר צום מצה־סעזאָן אַ שיבער פון בוענאָס־איירעס, אַן אמת היימישן שיבער, וואָס ווייסט ווי אַזוי אַריינצוראָקן די מצות אין אויוון אַריין. די ווענט זענען באַקלעפּט

מיט פֿאַרשיידענע פּסחדיקע מודעות; אַ באַקאַנטמאַכונג, אַז דער און דער „באַ־רימטער" בוענאָס־איירעסער חזן וועט היי־יאָר פּסח דאַוונען אין דער באַראָן הירש שול. און איר זעט טאַקע באמת אַן אַפּיש אויפֿן אַמעריקאַנער שטייגער, מיט אַ בילד פֿון חזן, אויסגעפּוצט אין בגדי מלכות, מיט אַ הויך חזניש היטל אלא חזן הערשמאַן... אַ צווייטע מודעה דערציילט וועגן אַן אויפֿפֿאָדערונג צו די מאָזעסווילער ייִדן צו געבן מיט אַ ברייטער האַנט מעות חטים; אַ דריטע מודעה איז אַן „אויפֿרוף צו דער ייִדישער באַפֿעלקערונג", זיי זאָלן העלפֿן דער קבוצה



דער מחבר אויף אַ באַזוך אין דער יהדות־שולע צוזאַמען מיט די תּלמידים, לערער און שול־טוער

„בערל קאַצענעלסאָן" פֿון „דרור". איר זעט אויך מודעות מיט שוואַרצע ראַמלעך, וואָס באַדויערן דעם טויט פֿון אַ חשובן שטאָט־בעל־הבית, וועלכער איז נאָרוואָס געשטאָרבן; נאָך אַ מודעה איז אַ געשעפֿטלעכע, אָבער זי האָט אויך צו טון מיט דעם ערב פּסחדיקן כשרן וויין. אַנדערע, אָפּגעמעקטע מודעות וועגן פֿאַרשיידענע קאָנפֿערענצן פֿון קאַמפּיין־דעלעגאַטן, שליחים און ייִדישע שרייבער פֿון בוענאָס־איירעס.

— וואָס דאַרפֿט איר מער, — מאָזעסוויל האָט אַפֿילו, פּונקט ווי אונדזער ניו־יאָרק, אַ בית־המדרש הגדול; דאָס איז איינע פֿון די פֿיר שילן וואָס מאָזעסוויל פֿאַרמאָגט. די צווייטע שיל איז די באַראָן הירש שיל. נאָך אַ שיל וואָס רופֿט זיך בית־כּנסת אַשכּנזי און וועלכע מ׳רופֿט די ליטווישע שיל, און די אינטערעסאַנטסטע איז די בעל־מלאכה שיל, וואָס איז אַ שיל פֿאַר „עמך"... איז געגרינדעט געוואָרן

פון אַרבעטער: שוסטערס, שניידערס, קאַוואַלעס, פון וועלכע עס זענען היינט צו טאָג נישט פאַרבליבן פיל. איך האָב די שיל באַזוכט און דאָרט גראָד געטראָפן דעם גבאי, אַליין אַ געוועזענער קאַוואַל, איצט שוין אויף דער עלטער, האָב איך מיט אים געהאַט אַ שמועס וועגן דער גרינדונג פון דער שיל. ווי ער האָט מיר איבערגעגעבן, איז די גרינדונג פון דער שיל געווען אַ פּראָדוקט פון דעם, וואָס די בעלי־מלאכות האָט מען געגעבן די מאָגערסטע עליות, און די פּלעצער זייערע זענען תמיד געווען ביי דער טיר. — אַזוי — דערציילט מיר דער גבאי, וואָס קוקט אויס ווי אַן אויסגעדינטער ניקאַלאַיעווסקער סאָלדאַט, — אַז מיר האָבן זיך אַליין געמאַכט אַ שיל, און פּטור אַן עסק...

דער אינעווייניקסטער טייל פון דער שיל דערציילט נישט פון קיין איבעריקן לוקסוס: פּשוטע בענק, אַן איינפאַכער ארון־קודש, און די אַנדערע מכשירים זענען אויך איינפאַך. דער גבאי דערציילט מיר, אַז די מיטגלידער אַליין האָבן כמעט אויסגעבויט אַליין די גאַנצע שיל און אויך דאָס מעבל האָבן זיי אַליין געמאַכט; — האָבן זיי איצט אַ שיל, ווו זיי כאַפּן אַריין פעטע עליות און פילן זיך היימיש.

איך האָב איבערגעלייענט די תקנות וואָס זענען געהאָנגען אויף די ווענט, ווו עס זאָגט זיך, צווישן אַנדערע: „אזכרות דאַרפן נאָר געמאַכט ווערן דעם באַראָן הירש ז״ל און די הרוגים״ (מיינענדיק די אייגענע, מאָזעסווילער הרוגים). דאַקעגן, אָבער, זאָגט זיך דאָרט אין דייטשמערישן יידיש, אַז מיטגלידער, וואָס ווילן מען זאָל מאַכן אזכרות נאָך זייערע קרובים, מוזן „בעקאָמען די ערלויבעניש פון פאָר־שטאַנד...״

ווען איך האָב, אין דער באַגלייטונג פון דעם דאָרטיקן לערער פון „יהדות״־שולע, ה׳ יוסף דראזנין, באַזוכט דאָס בית המדרש הגדול, האָט דער רב געלערנט מיט די עלטערע באַלעבאַטים פון שטעטל הלכות עירובין, און דער האַרציקער גמרא־ניגון האָט געקלונגען ווי אַמאָל, אַמאָל... אין דער היימישער ישיבה. איך האָב זיך צוגעהערט ווי דער רב האָט דער קליינער עדה יידן מבאר געווען אַ האַרבן ענין פון עירובין, אויף דף ל״ב, אין אַ שיינעם ליטווישן יידיש. דער רב אַליין, אַ מוסטער פון אַ באַרימטער ליטווישער ישיבה, האָט מפסיק געווען דאָס לערנען און זיך נאָכגעפרעגט אויף זיינע חברים, אַמאָליקע ישיבה־בחורים, וועלכע זענען היינט רבנים אין אַמעריקע.

פון שיל זענען מיר אַוועק אויפן בית־עולם, וואָס איז אַ לעבעדיקער דענקמאָל פון די יסורים און ליידן פון דער יידישער קאָלאָניזאַציע אין אַרגענטינע. אַ היפּש ביסל קברים פון די ערשטע פּיאָנערן אין מאָזעסוויל, וועלכע זענען דערמאָרדעט געוואָרן פון די האַלב־ווילדע דאָרטיקע איינוווינער, מיט יאָרן צוריק. אויף יעדער מצבה לייענט איר: „שנרצח (אָדער שנרצחה) בידי אכזרים״... אָט האָט איר די קברים פון אַ גאַנצער משפּחה, וואָס איז דערמאָרדעט געוואָרן אין פּאַלאַסיאָס.

די משפחה ווייסמאַן, מרדכי יוסף בן אפרים זלמן לוי, זיין פרוי מרת פעסיל און הילד ברוך... אַט האָט איר דעם קבר פון הבתולה מרים, בת ר׳ זלמן, וואָס איז געשענדט און דערמאָרדעט געוואָרן אין יאָר 1897; און אַט שטיי איך פאַר אַ מאָדנער מצבה פון אַ קדוש, וואָס האָט אויף זיך דעם דאַטום פון 1894: דער נאָמען פון קדוש איז — בן ציון זלמן בן ר׳ מאיר, נולד בעיר קראַז, עסטרייך (וואַרשיינלעך איז דאָס קראָס ביי ריישא, אין גאַליציע) און איר ווונדערט זיך, וואָס פאַר אַ גורל האָט אַהער פאַרוואָרפן, מיט אַריבער פופציק יאָר צוריק, אַ גאַליציאַנער ייִדן?

אַזוי ציט זיך איין קבר נאָכן אַנדערן, פון די קדושים, וואָס שטייען ווי שטומע עדות און דערציילן פון יסורים און עינויים, וואָס ייִדן האָבן דאָ, מיט יאָרן צוריק, געהאַט אויסצושטיין.

ווייטער־צו, און איר דערזעט די מצבות פון יענער „גאָלדענער תקופה" אין מאָזעסוויל, וואָס האָט איר געגעבן דעם פאַרדינטן נאָמען „ירושלים ד׳אַרגענטינע". אַט איז דער קבר פון נח קאַצאָוויטש, איינער פון די בויער פון מאָזעסוויל. די אויפשריפט אויף זיין מצבה הייבט זיך אָן: „נח איש האדמה". אַזוי גייט עס ווייטער — די משכילים י. ב. פליישער, ח. רינסקי, יעקב לאַנגער, דער יונג־פאַרשטאָרבענער ברוך רעכאָוויצקי — קולטור־טרעגער און קעמפער — וועלכע איך האָב , בעת מיין באַזוך מיט פיר און צוואַנציק יאָר צוריק געטראָפן בראש פון קאָכנדיקן ייִדישן געזעלשאַפטלעכן לעבן אין מאָזעסוויל.

איר פאַרשטייט איצט פאַרוואָס מאָזעסוויל איז איצט נישט דאָס וואָס ס׳איז געווען אַמאָל — נישטאָ קיין אַנדערע וואָס זאָלן פאַרנעמען די ערטער פון יענע אידעאַליסטן...

— אמת — איז זיך פאַר מיר מודה אַ ייִדישער קאָלאָניסט פון מאָזעסוויל, מיט ברייטע „באָמבאַטשעס" און מיט אַ ברוין־בראָנדזענעם פנים אָפּגעבערענט פון דער זון, אַ רויט טיכל פאַרקניפּט אויפן האַלדז, מעשה גאַוטש. אמת, — באַ־קלאָגט ער זיך, ווי אייגער וואָס מען האָט אים געכאַפּט ביי אַ גנבה, — אַז ייִדישע קאָלאָניסטן זענען נישט מער וואָס אַמאָל; אַ סך פון זיי האָבן פאַרדונגען אָדער פאַרקויפט זייערע טשאַקרעס. זאָגן, אַז אין מאָזעסוויל איז נישטאָ קיין ייִדישע קאָלאָניסטן, אַז זיי זענען זיך אינגאַנצן צעלאָפן פון די פעלדער און ווילן נישט אַרבעטן, דאָס — ווערט ער ערנסט — איז נישט ריכטיק. פאַראַן גענוג קאָלאָניסטן וואָס ארבעטן נאָך אויף די פעלדער. — און כדי מיר צו מאכן לייכטער אויפן האַרצן, אַז עס זענען פאַרט פאַראַן ייִדן וואָס באַאַרבעטן די ערד, דערציילט ער מיר וועגן דער גרופּע ייִדן וואָס די ייִקאַ האָט אַהער געבראַכט פון קאַרפּאַטן־רוסלאַנד און וואָס זענען גוטע, אַרבעטזאַמע קאָלאָניסטן.

באָליוויע — דער דאַך פון דער וועלט

ווען איר פארנעמט אייער פלאץ אין דעם אַעראָפּלאַן, וואָס דארף אייך ברענגען פון בוענאָס־איירעס קיין לאַ פּאַז, די הויפּטשטאָט פון באָליוויע, דערזעט איר, חוץ דעם שטענדיקן רעטונגס־גאַרטל, צוגעטשעפּעט צו אייער פּלאַץ אַ גומי־רערל מיט אַן אויפשריפט: „אָקסעדזשין". אזוי שנעל ווי דער אַעראָפּלאַן פליט ארויס פון סאַלטאַ — די לעצטע גרענעץ־שטאָט פון ארגענטינע, הייבט אייער אַעראָפּלאַן צו פליען בארג־אַרויף. איר פילט, ווי ער הייבט אָן שניידן וואָלקן, וואָס אמאָל העכער און העכער. די מאָטאָרן הייבן אָן צו ארבעטן שטאַרקער, דאָס זשומען ווערט דייטלעכער, ווי אַן אויטאָמאָביל וואָס פאַרמעסט זיך צו גיין באַרג אַרויף. פאר די אויגן הויבט אייך אָן אביסל צו שווינדלען. עס פעלט אייך אביסל לופט. איר האָט קיין ברירה נישט, ווי צו כאַפּן דאָס רערל, ווי די אנדערע פּאַסאַזשירן, אין מויל אריין און אָטעמען קינסטלעכע לופט. דער אַעראָפּלאַן שטעלט זיך אָפּ כדי צו געבן די פּאסאזשירן א געלעגנהייט צו כאפּן אמתע לופט... און זיך „אויסגרינען" מיט דער אויסערגעוויינלעכער הויכקייט וואָס דערגרייכט שוין אריבער זעקס טויזנט פוס איבער דעם ים־פלאך. ווען איר גייט ארויס פון אַעראָפּלאַן פילט איר ווי איר וואָלט זיך געדראַפּעט אויף א דאך, פון וועלכן איר קענט יעדער ווילע אַראָפּפאלן...

ווען איר פארנעמט צוריק אייער פלאץ אין אַעראָפּלאַן, אינטערעסירן אייך שוין נישט מער די איבעריקע פּאסאזשירן. איר זייט איצט שטאַרק פארנומען מיט זיך אליין. איר זעט בלויז, אז אייער שכן צו דער רעכטער זייט, וואָס איז א גאנצן וועג געווען אַזוי באַרעדעוודיק און לוסטיק, האַלט אין מויל דאָס רערל און פון נאָז רינט ביי אים א ריטשקעלע רויט בלוט. די באדינערן רוקט אים אונטער אונטער דער נאָז א פלעשעלע מעדיצין, און פרעגט, אגב, מיך מיט אַ שמייכל, ווי איך פיל זיך. האָב איך קיין ברירה נישט ווי צו ענטפערן מיט א פריינטלעכן — פיין! אָבער דאָס איז בלויז פון העפלעכקייט וועגן, ווייל איך פיל גראָד ווי עמיץ וואָלט זיך שפּילן מיט מיין אינגעווייד ווי מיט א באל... ווידער א הייב און אין קאָפּ קלאַפּט עס ווי מיט אַ שטארקן, שאַרפן האַמער.

ענדלעך האָבן זיך אָנגעצונדן די אותיות אין פראַנט פון די פּאַסאַזשירן: „אַנטאָן די רעטונגס־גאַרטלען!" די מאָטאָרן הייבן אָן רוישן נאָך שטאַרקער. דער אַעראָ־פּלאַן הויבט זיך אָן אַראָפּלאָזן נידעריקער און נידעריקער. מיר האָבן געלאַנדעט אויפן פלי־פעלד פון דער באָליוויאַנער הויפּטשטאָט לאַ פּאַז, דער דאַך פון דער וועלט.

לאַ פּאַז, די הויפּטשטאָט פון באָליוויע, איז באַלד פיר טויזנט מעטער הויך איבער דעם ים־פלאַך, און זי זעט פאַר דעם נײַ־געקומענעם אויס ווי זי וואָלט אַליין געהאַנגען אין דער לופט. די גאַסן קוקן אויס ווי עמיץ וואָלט זיי אַרויפ־געקלעפּט אויף די משופּעדיקע בערג, וואָס שלענגלען זיך אַראָפּ און אַרויף. ווען איר הייבט אָן שפּאַנען איבער די גאַסן וואָס אמאָל באַרג־אַרויף, פילט איר, ווי עס פאַרפּעלט אייך דער אָטעם. דאָס האַרץ קלאַפּט ווי מיט טויזנט האַמערס, און די פיס־טריט ווערן וואָס אמאָל שווערער, ווי זיי וואָלטן געטראָגן אויף אַ לײַדיקן באָדן וואָס הענגט אין דער לופט. פאַרבײַגייער שטעלן זיך יעדע מינוט אָפּ צו כאַפּן דעם אָטעם... מען טאַפּט דאָס האַרץ און מען קלעטערט ווײַטער באַרג־אַרויף... כאָטש אין גאַנץ זיד־אַמעריקע איז סײַ־ווי זומער און ווינטער הייס, איז אין לאַ פּאַז אַ גאַנץ יאָר קאַלט און ווינטיק. אַ בייסיקער רעגן שמײַסט אײַך אין פּנים אַרײַן און דערמאָנט אָן בלאָטיקע האַרבסט־טעג אין דער אַלטער היים.

בײַנאַכט זעט לאַ פּאַז אויס אַ סך שענער, ווען איבער די צענדליקער בערג צינדן זיך טויזנטער פײַערלעך וואָס פינקלען און שעמערירן אין אַ זיג־זאַג איבער די צעקרימטע גאַסן, וואָס אמאָל העכער און העכער. פון ווײַטן זעען די צוואַר־פענע שורות הײַזער אויס ווי פײַערדיקע זײַלן.

באָליוויע קען מען מיט רעכט אָנרופן „דאָס לאַנד פון שטענדיקע רעוואָלוציעס". זינט זי איז געוואָרן אין יאָר 1825 אַן אומאָפּהענגיקע מלוכה, האָט זי דורכגעמאַכט אַ הונדערט אַכציק רעוואָלוציעס. בלויז צען מאָל האָט פּאַסירט אין דער געשיכטע פון באָליוויע, אַז אַ נײַער פּרעזידענט האָט איבערגענומען די רעגירונג אָן שום בלוט־פאַרגיסונג. זי איז דאָס דריטע לאַנד אין זיד־אַמעריקע, און האָט נישט קיין צוטריט צום ים, כאָטש זי איז געבענטשט מיט נאַטירלעכע רײַכטימער פון מינעַ־ראַלן, מעטאַלן, וואָס וואָלטן בײַ אַ געהעריקער טראַנספּאָרטאַציע־מעגלעכקייט גע־ווען פאַר איר אַ ברכה. זי פאַרמאָגט גאָלד, זילבער, צינק, בלײַ, ביסמוט, אפילו אויל; פון אירע דרײַ מיליאָן אײַנוווינער, זענען אַריבער די העלפט אינדיאַנער; אַ פערט חלק מעסטיצאָס, וועלכע ווערן דאָרט גערופן טשאָלאָס. זיי האָבן אין זיך דרײַ פערטל אינדיאַניש בלוט און אַ פערטל שפּאַניש; אַ פופצן פּראָצענט ווײַסע פון דער צאָל, קען מען רעכענען פון אייראָפּעיִשן אָפּשטאַם, און אַ דרײַ פּראָצענט אייראָפּעער. די דאָרטיקע אינדיאַנער זענען אײַנגעטיילט אין צוויי באַזונדערע שבטים: אימאַראַ און קוועטשוואַ. די ערשטע, וווינען אין די סאַמע העכסטע בערג,

זיי פּאַשען שאָף; די אַנדערע וווינען אין די נידעריקע טיילן פון די בערג און אין פלאַכלאַנד. זיי אַרבעטן ביי דער באַשרענקטער אַגריקולטור וואָס באָליוויע פּאַר־מאָגט, און אין די מינען. ביידע האָבן באַזונדערע לשונות; דאָס זענען אַלטע איב־דיאַנישע שפּראַכן. שפּאַניש איז די דאָרטיקע רעגירונגס־שפּראַך, אָבער נישט אַלע באָליוויאַנער קאָנען שפּאַניש.

באָליוויע איז דאָס איינציקע לאַנד אין לאַטיין־אַמעריקע, וואָס איז אָפּגע־שניטן פון אַ דירעקטער פאַרבינדונג מיט דער גרויסער וועלט; זי איז אַרומ־גערינגלט פון אַרגענטינע, טשילע, פּערו און בראַזיל. זי האָט פאַרלוירן איר פּאָרט צו טשילע אין אַ מלחמה. נישט אַזוי לייכט האָט זי אויפגעגעבן איר פּראָווינץביים פּאַציפישן ים. נאָך אַ לאַנגער בלוטיקער מלחמה האָט באָליוויע געמוזט אין יאָר 1883 ראַטיפיצירן דעם אָפּמאַך און אַוועקגעבן די פּראָווינץ צו טשילע. דאָס איז פאַר איר געווען די גרעסטע טראַגעדיע. דאָס האָט זי אָפּגעשלאָסן פון דער גאַנ־צער וועלט און יאָרן־לאַנג איז איר נישט מעגלעך געווען צו פירן אַ האַנדל מיט דער דרויסנדיקער וועלט. נאָכדעם האָט זי ווידער געהאַט אַ מלחמה מיט פּאַ־ראַגוויי איבער טשאַקאָ, וואָס האָט זיך פאַרענדיקט אין יאָר 1935 מיט אַ נידער־לאַגע פאַר באָליוויע. די נידערלאַגעס און נישט־יושרדיקע באַציִונג פון אירע שכנים, האָבן דעם באָליוויאַנער געמאַכט פאַרביטערט. דער רייכער קלאַס, נישט האָבנדיק קיין קאָנטאַקט מיט דער דרויסנדיקער וועלט, האָט זיינע פאַרמעגנס געמאַכט אויפן חשבון פון דער אָרעמער אומוויסנדיקער באַפעלקערונג. אָט־די פאַקטן זענען די אורזאַכן פון דער שטענדיקער ברויזנדער אומצופרידנקייט ביי די באָליוויאַנער און די סיבות פון די שטענדיקע רעוואָלוציעס.

באָליוויע איז אין שטח אַזוי גרויס, אַז עס איז ביז היינט נישט געלונגען פעסטצושטעלן אירע טעריטאָריעלע גרענעצן. אין יאָר 1911 האָט אַ בריטישע נייטראַלע קאָמיסיע באַדאַרפט אָנצייכענען די גרענעצן צווישן באָליוויע און אירע שכנים, האָבן זיי דעם פּלאַן אויפגעגעבן, מורא האָבנדיק צוצוקומען אַהין אין די ווייטע דזשאָנגלס, ווו עס לעבן נאָך ביז היינט קאַניבאַלן. אין אירן אַ סכסוך מיט בראַזיל איבער איר טעריטאָריע, האָט באָליוויע אַהינגעשיקט אַ מיליטערישע עקספּעדיציע, זענען זיי אַוועק פופצן הונדערט מייל טיף אין דער בראַזיליענער טעריטאָריע; בלויז זיבן פון זיי זענען שפּעטער געראַטעוועט געוואָרן דורך די בראַ־זיליענער, די איבעריקע זענען אויפגעפרעסן געוואָרן פון ווילדע חיות, אָדער אויסגעגאַנגען פון דורשט און היץ.

באָליוויע, האָט פאַראייביקט דעם אָנדענק פון דעם נאַציאָנאַלן העלד פון די לאַטיין־אַמעריקאַנער לענדער, סימאָן באָליוואַר, מיט דעם, וואָס זי רופט זיך מיט זיין נאָמען, און מיט דעם, וואָס זי האָט דאָן איר הויפּטשטאָט אַ נאָמען געגעבן סוקרע, אויפן נאָמען פון באָליוואַרס הויפּט־גענעראַל אַנטאָני סוקרע.

יאָרן ווי באָליוויע פילט זיך א געקריוודעטע; איר נאציאָנאלער שטאָלץ איז טיף באַליידיקט געוואָרן; איר „דיגנידאַד“ האָט געליטן. פון דער אַנדערער זייט, איז באָליוויע צוליב דעם נידעריקן ארבעטסלוין געוואָרן א גאָר גינסטיקע געלעגנהייט פארן אויסלענדישן קאפיטאל, ווו מ׳קאָן מאכן ריזיקע פראָפיטן. אין די מינען אַרבעטן די ארבעטער אין דער הויכקייט פון דרייצן טויזנט פוס, און נאָך העכער, ווו זיי ליידן פון פארשידענע קראנקייטן; פאַר א ווייסן מענטש איז גאָר נישט מעגלעך אויסצוהאַלטן דאָרט. — דער נעכטן איז טרויעריק, — דער היינט נאָך טרויעריקער. קאָן מען דערפאר דעם באָליוויאנער לייכט אָנצינדן צו מאכן רעוואָלוציעס. ער האָפט, אַז די רעוואָלוציע וועט זיין די לעצטע, זי וועט אים ברענגען א בעסערן מאָרגן.

דער דורכשניטלעכער באָליוויאנער איז זייער צוריקגעשטאַנען. ער לעבט פרימיטיוו און אָרעם. מען קען זאָגן, אז פופצן פראָצענט פון דער באפעלקערונג זענען געברויכער פון פראָדוקטן, נישט געקוקט וואָס אין נאטור־רייכטימער איז זי אפשר דאָס רייכסטע לאנד אין די לאטיין־אמעריקאנישע לענדער. אירע צינק, בליי און זילבער־מינען זענען הויפטזאכלעך אין די הענט פון אויסלענדישע קאָמפאניעס, וואָס שלעפן פון דאָרט אַרויס שווערע מיליאָנען צוזאַמען מיטן מארך און געזונט פון די דאָרטיקע איינגעבוירענע, וואָס האָבן אין די מיליאָנען פארלוירן זייערע לעבנס אין די מינען. די וואָס אַרבעטן אין זיי, שפייען אין א קורצער צייט אויס די לונגען, דאָס הארץ פלאצט, אָדער זיי ווערן צוליב דער הויכקייט בלינד. די קליידונג און באוועגונג פון באָליוויאנער איז צוגעפאסט צום אויסערגעוויינלעכן קלימאט. זאָרגלאָז שלייכט זיך איבער די בערגיקע וועגן דער באָליוויאנער „טשאָלא“ (איינגעבוירענער) מיט זיין משפחה. דער מאן, די פרוי און קינדער — אין מאָדנע קאַפעליושן, וואָס איז אין יעדער פראָווינץ אַן אַנדער מאָדע. ביי די באָליוויאַנער פרוי איז דער קאַפעליוש אַ מין צייגעניש פון איר פרויענשאַפט וואָס קומט דאָרט אין דעם טראָפישן לאנד זייער פריצייטיק, און זי איז שוין מחויב אַרויסצוהעלפן אין דער שטוביקער ווירטשאַפט, וואָס באַשטייט, באַטירלעך, טראָגן דאָס גאַנצע בעל־הבתישקייט „אויף די פלייצעס“, פאַרקניפט קינסטלעך אין אַ שאַל, פון וועלכן עס קוקן אָפט אַרויס קויל־שווארצע אויגעלעך פון א צוויי־דריי לעבעדיקע נפשות... איר זענט נישט זיכער, צי טראָגט עס דאָס צוועלף־יאָריקע מיידעלע אירע ברידערלעך און שוועסטערלעך, אָדער גאָר אירע אייגענע קינדערלעך...

גייענדיק איבער די גאסן, פראווועט מען די מאלצייטן. אמאָל האָט מען טאַקע נישט קיין היים, און אַמאָל וואַנדערט מען גלאַט איבער גאָטס וועלט. אין פאַרק, אָדער אין אַ הויפטגאַס, פאַקט מען אויס דאָס ביסל שפייז וואָס באַשטייט פון „גאַזשעטאַס“ (פאַרטריקנטע ברויט), זשערבאַ (אַ גראָז, פון וועלכן מען קאָכט טיי),

און אמאָל קומט אויך צו א מאָגער שטיקל פלייש. א געטראַנק איז ביי דעם באָליוויאַנער די „טשיטשאַ“ (בראָנפן, וואָס ווערט געמאַכט פון אַ מין פלאַנץ). צו דער „טשיטשאַ“ קומט ערשט צו די הויפט־אַטראַקציע, — דער געטראַנק פון „קאָקאַ“־בלעטער, אָדער דאָס קייען פון די „קאָקאַ“־בלעטער וואָס האָבן אין זיך באַטויבונגס־שטאָף. פון אָט די בלעטער ווערן אויסגעאַרבעט די פאַרשיידענע סאָרטן קאָקאַין, וועלכע איז נאָכן אינטערנאַציאָנאלן געזעץ שטרענג פארבאָטן צו באַנוצן. דער באָליוויאנער קייט עס פראנק און פריי, ווי אן אמעריקאנער „טשוינג גאם“, כדי צו פארטרייבן זיין הונגער און צרות.

עס איז פאר דעם ניי־געקומענעם גענוג צו כאפן א בליק אויף די הויפט־גאסן פון לא פאז און אין די אנדערע באָליוויאנער שטעט, צו זען ווי די שויפענסטער זענען אָנגעפּאַקט מיט אימפּאָרטירטע סחורות. איר פארגעסט באלד, אז דאָס געפינט איר זיך אין א „בארג־אַרויף“ פון לא פאז. פון א פולווער צו מאכן קינסטלעכע מילך ביז צו דעם לעצטן מאָדעל פון אן אמעריקאנער אויטאָמאָביל; פון אמעריקאנער קנעפלעך, נאָדלען, שפילקעס, ביז צו א פלייש־מאשין אָדער א „וועקיום קלינער“, אָדער גאָר ניילאָן־זאָקן און מאַנהעטן־העמדער. קורץ געזאָגט — פון פויגל־מילך... אלץ, פארשטייט זיך, „מעיד אין יונייטעד סטייטס“. אפילו אזעלכע פראָדוקטן וואָס ווערן שוין פראָדוצירט אין באָליוויע, ווי העמדער, שיך, שטאָפן פאַר קליידער און אַפילו פאַרשיידענע גומי־אויסאַרבעטונגען, נוצט אויך דער באָליוויאנער אימפּאָרטירטע. בעת איר טרעט אויף ערד, וואָס האָט אונטער זיך גאנצע אוצרות פון די אלע רוי־מאָטעריאלן.

אין סאַמע צענטער פון שטאָט זעט איר דעם פּאָליציסט, אָנגעטון אין אַן אמעריקאנער קהאקי־אוניפאָרם, רעגולירן מיט שטאָלץ דעם פארקער. אויפן ביידל איבער אים הענגט אַ גרויסע אויפשריפט אויף שפּאַניש „טרינקט קאָקאַ־קאָלאַ!“; פון די גרעסטע געביידעס פון שטאָט פינקלען ביינאכט אראָפּ די ליכט־רעקלאמעס פון „דזשענעראַל מאָטאָרס“, „דזשענעראַל עלעקטריק“, שעווראָלעט־אויטאָמאָבילן. די קינאָ־טעאַטערס אַנונסירן מיט גרויסע אויפשריפטן אמעריקאנער סטארן פון אַלטע פילמען, וואָס איר האָט נאָך מיט יאָרן צוריק געזען אויף בראָדוויי. פארלאָשענע האָליוודער סטארן סטאַרעווען נאָך דאָ אין פולן גלאַנץ... זעלטן ווען איר זעט דאָ אַ פילם פון אַ שפּאַנישער פּראָדוקציע, און אויב יאָ, איז די טעכניק אַזוי שוואַך, אז דאָס פובליקום וויל בעסער אמעריקאנער פילמען, ווו מען רעדט ענגליש און מען באַנוגנט זיך מיט שפּאַניש־צוגעשריבענע טיטלען.

אויף דער שטאָטישער פלאַסאַ קענט איר נאָך זען די אָפענע לעכער פון די קוילן פון דעם פאָלקס־אויפשטאַנד, וואָס האָט זיך פארענדיקט מיט דעם, וואָס דער פרעזידענט ווילאַראָיעל און זיינע אָנהענגער זיינען אויפגעהאַנגען געוואָרן אויף א בוים, וועלכן איר קענט נאָך היינט צו טאָג זען, טאַקע נישט ווייט פון דער פלאַסע.

אַ צווייטע רעוואָלוציע, טאַקע פון די אָנהענגער פון אויפגעהאַנגענעם פּרעזידענט, איז ערשט נישט לאַנג דערשטיקט געוואָרן פון דער רעגירונג, און מען ריכט זיך היינט־מאָרגן אויף נייע רעוואָלוציעס, וואָס זענען איצט אין די לאַטיין־אַמעריקאַנער לענדער שטאַרק אין דער מאָדע....

בעת דער לעצטער מלחמה האָבן די נאַציס געזוכט אריינצושטעלן דאָרט אַ פוס, כדי פון דאָרט אויס — דאָס העכסטע לאַנד אין די לאַטיין־אַמעריקאַנער לענדער — צו האָבן אַ גאָר וויכטיקע באַזע, פון וואַנען צו קענען, ווען עס וועט נויטיק זיין, צו באָמבאַרדירן די אַנדערע לענדער. איז אָבער די אַמעריקאַנער מיליטעריש געהיים־דינסט נישט געשלאָפן; דער אַמעריקאַנער אַמבאַסאַדאָר האָט איבערוועגירט, און באַוויזן מיט פאַקטן דער באָליוויאַנער רעגירונג, און נאָך אַ שווערן גערַאנגל און קאַמף מיט די באָליוויאַנער באַהערדן איז געלונגען צו איבערצייגן דער באָליוויאַנער רעגירונג די שעדלעכע פּלענער פון די נאַצי־אַגענטן, און אַז איר לוינט בעסער צו שטיין אויף דעם צד פון די אַליאירטע. פיר הונדערט רעדל־פירער פון די נאַצישע אַגענטן זענען אַרעסטירט געוואָרן און שפּעטער איבערגעלאַדן געוואָרן צו מאַכן אַ „פרייע" רייזע קיין אַמעריקע, טאַקע אין אַמעריקאַנער מיליטערישע אַעראָפּלאַנען.

דאָס דורכפאַלן פון די נאַצישע פּלענער אין באָליוויע האָט אויך צוגעהאָלפן דער דייטש־יידישער מינען־מאַגנאַט מאוריסיאָ האָכשילד. די דייטשע רייכסבאַנק האָט אריינגעלייגט גרויסע סומעס געלט אין זיינע מינען, באַזעצט די שטעלעס מיט דייטשע אינזשעניערן און פּאַכלייט, כדי צו זיין גרייט פאַר דעם „גינסטיקן מאָמענט". ווען דער גינסטיקער מאָמענט איז געקומען, און היטלערס פאַרטרעטער אין באָליוויע זענען געקומען צום יידישן אייגנטימער אים צו געבן באַפעלן, האָט ער שוין געהאַט גרייט אַמעריקאַנער און ענגלישע אינזשעניערן און פּאַכלייט און די נאַציס אַרויסגעוואָרפן, איידער זיי האָבן צייט געהאַט צו סאַבאָטאַזשירן די מינען. היטלערס אַגענטן איז אָבער געלונגען צו פאַרסמען די נאַטווע באָליוויאַנער מיטן אַנטיסעמיטישן סם. אין אַן אָפיציעלן רעגירונגס־באַפעל האָט איר געקאָנט לייענען אין אַלע קאָנסולאַטן פון באָליוויע אין די פאַרשידענע לענדער, מיטן דאַטום פון מאַי 1940, אַז „מ'טאָר נישט געבן וויזעס קיין באָליוויע צו עלעמענטן פון דער סעמיטישער ראַסע". דער באַפעל איז נאָך געווען אין קראַפט, ווען עס איז אָנגעגאַנגען די מלחמה צווישן די יידן און אַראַבער אין ישראל. איך האָב אין באָליוויאַנער קאָנסולאַט, ערגעץ ווו, פאַרלאַנגט אַ וויזע, אָנגעבנדיק מיין רעליגיע, — האָב איך זי נישט באַקומען. דערפאַר, אָבער, האָבן אין מיין קעגנוואַרט באַקומען די וויזע צוויי אָרטאָדאָקסישע רבנים פון אַן אינסטיטוציע פון אַלטן ישוב אין ישראל, וואָס האָבן אָנגעגעבן זייערע רעליגיעס „אָרטאָדאָקסן" און געהאַט ענגליש־פּאַלעסטינע פּעסער, און צו דעם צו, לאַנגע חסידישע זיידענע כאַלאַטן

מיט פאַטריאַרכאַלע בערד און פּאות; זיי האָבן גלייך באַקומען די וויזעס.... איינער פון די רבנים האָט מיר דערציילט, אַז דער קאָנסול האָט צו אים פריינטלעך געזאָגט: — איר דאַרפט דאָרט אין פּאַלעסטינע אויסדזשען אַלע ייִדן...

דאָס באַוויזט, נאַטירלעך, אַז די באָליוויאַנער וויסן גאַרנישט, ווער עס איז אַ ייִד...

אָפיציעל ווערט פאַרנאָטירט דער דאַטום וועגן לעבן פון ייִדן אין באָליוויע אין יאָר 1900, ווען עס האָבן זיך דאָרט געפונען אַ פּאָר ייִדן, נישט קאָנענדיק אָבער פאַרטראָגן דעם קלימאַט, זענען זיי פון דאָרט אַוועק אין די שכנהשע לאַטיין־אַמעריקאַנער לענדער. אין יאָר 1905, ווען עס האָבן אויסגעבראָכן די באַקאַנטע פּאָגראָמען אין רוסלאַנד, זענען ווידער אהינגעקומען אַ גרופּע פון פינף און צוואַנציק ייִדן. אין 1917 זענען ווידער געקומען קליינע גרופּעס ייִדן, און עס איז נישט באַוווּסט, צי זיי זענען דאָרט פאַרבליבן, אָדער אַוועק אין אַנדערע לענדער. אין 1933, ווען עס האָבן זיך אָנגעהויבן די היטלעריסטישע פאַרפאָלגונגען אין דייטשלאַנד, האָט זיך אָנגעהויבן אַן אימיגראַציע פון דייטשע און מזרח־ייִדן, וואָס האָבן יאָרנלאַנג געוווינט אין דייטשלאַנד. די רעגירונג האָט דאַן אפילו געגעבן לאַנד פאַר אַ ייִדישער קאָלאָניע אין „וויזשאַ סאַקאַבאַ". די קאָלאָניע, וואָס האָט געהייסן „קאַריאַקאַ", האָט נישט געהאַט קיין דערפאָלג; שווער געווען פאַר ייִדישע אימיגראַנטן, וועמען פעלדאַרבעט איז פרעמד געווען, אונטער אַזאַ קאַפּריזנעם, שווערן קלימאַט צו אַרבעטן פעלדאַרבעט.

די נאַציס האָבן אין יענע יאָרן פון מלחמה געהעצט די דאָרטיקע איינוווינער קעגן ייִדן, דורך דער פּרעסע און אפילו דורך ראַדיאָ. די ייִדן האָבן אויף דעם געענטפערט מיט פאַקטן און באַווייזן: מיט דער הילף פון „דזשאָינט" און דאָרטיקן הילפס־פאַראיין האָבן די ייִדן אַראַנזשירט אַן אויסשטעלונג, כדי צו באַווייזן, וואָס ייִדן האָבן אויפגעטאָן אין באָליוויע אין די פּאָר יאָר וואָס זיי זענען דאָרט. די אויסשטעלונג איז באַזוכט געוואָרן פון טויזנטער באָליוויאַנער, וואָס האָבן מיט אייגענע אויגן געזען דעם ייִדישן בייטראָג פאַרן וווילזיין פון זייער לאַנד. אויף דער אויסשטעלונג האָט מען געקענט זען טעקסטיל, אין וועלכע די ייִדישע פּליכטלינגען האָבן געהאַט אַ לאַנגיאָריקע דערפאַרונג; פאַרטיקע קליידער, גענייט געשמאַקפול, לויט דער לעצטער מאָדע; נאָכדעם זענען געקומען אַנדערע אויסאַרבעטונגען: שפּיגלען, טעפּיכער, לאָמפּן, אפילו מיקראָסקאָפּן, פּראָדוצירט מיט ייִדישע הענט אין באָליוויע. פון דער באַשרענקטער אינדוסטריע, וואָס דאָס לאַנד פאַרמאָגט, האָבן ייִדישע פּליכטלינגען באַוויזן אויסצואַרבעטן אינסטרומענטן און אַפּאַראַטן, וועלכע מ'האָט געמוזט אימפּאָרטירן פון אויסלאַנד פאַר גאָר הויכע פּרייזן. צווישן די באַזוכער אויף דער אויסשטעלונג איז אויך געווען דער דעמאָלטיקער פּרעזידענט גענעראַל פּעניאַראַנדאַ. די צייטונגען האָבן געשריבן באַ־

גייסטערטע אַרטיקלען וועגן בייטראָג וואָס א הייפעלע אימיגראַנטן האָבן אויפ־געטאָן פאַרן לאַנד.

היינט צו טאָג געפינען זיך אין יענעם מערקווירדיקן לאַנד, מיט אַזאַ קאַפּ־ריזנעם קלימאַט און פּרימיטיוון צושטאַנד, אַ יידישער ישוב פון אַריבער פיר טויזנט יידן. איינצלנע יידישע אימיגראַנטן, וואָס זענען מיט יאָרן צוריק געקומען קיין באָליוויע, זענען פון דאָרט אוועק צוליבן קלימאַט, וואָס ווירקט זייער שעדלעך אויף אייראָפּעער, און צוליב די פּרימיטיווע לעבנס־באַדינגונגען. עס איז פּשוט נישט געווען צו וואָס זיך נעמען; אַרבעט איז דאָרט אַזוי שלעכט באַצאָלט, אַז מען קען אַפילו נישט פאַרדינען אויף אַן אָרעם לעבן. עס איז שווער צו קאָנקורירן מיטן דאָרטיקן איינגעבוירענעם וואָס אַרבעט פאַר אַ פּאָר נישטיקע סענט. אָבער „נויט ברעכן אייזן", — ווען די היטלעריסטישע פאַרפאָלגונגען אין דייטשלאַנד, עסט־רייך און אין די אנדערע צענטראַל־אייראָפּעישע לענדער האָבן זיך אָנגעהויבן, האָבן יידן געזוכט א לאַנד ווו מען קען ראַטעווען דאָס לעבן — און וועמען איז דאַן געלעגן אין קאָפּ פּרנסה?

זענען יידן פון עסטרייך, דייטשלאַנד און פּוילן געקומען קיין באָליוויע. און יידישע וויטאַליטעט האָט באַוויזן, אַז אין אַזאַ אָפּגעשטאַנען לאַנד האָט מען נישט בלויז געשאַפן פּרנסה פאַר זיך, נאָר אויך אַנטוויקלט א אינדוסטריע וואָס גיט אַרבעט צו דאָרטיק־איינגעבוירענע. הויפּטזאַכלעך באַשעפטיקן זיך די יידן דאָרט מיט עקספּאָרט און פאַבריקן און פאַבריקלעך. די גרעסטע זייד־פאַבריק אין באָלי־וויע איז א יידישע, איר אייגנטימער איז דער הער גליקסבערג; יידן האָבן געעפנט העמדער־פאַבריקלעך, רעגן־מאַנטל, טריקאָטאַזש, מעבל; געעפנט שיינע, מאָדערנע געשעפטן, וואָס איז דאָרט געווען א נייעס. איבערגענומען און מאָדעלירט אויפן אייראָפּעישן שטייגער האָטעלן. פאַרשטייט זיך, אַז נישט גלייך ווי מען איז געקו־מען האָט מען געעפנט פאַבריקן, אָדער זיך גענומען צו געשעפטן. צוערשט האָט מען אָנגעהויבן מיט דער יידישער פּראָפעסיע אין די לאַטיין־אַמעריקאַנער לענ־דער — „מיטן פּעקל אויף דער פּלייצע", צו פאַרקויפן דעם פּרימיטיוון באָליוויאַנער פאַרשידענע אַרטיקלען. עס רעדט זיך אַזוי פאַרקויפן, ווייל דער דאָרטיקער איינ־געבוירענער האָט פּאַקטיש גאָרנישט באַדאַרפט. אויסער דעם, דער קלימאַט דאָרט, — צו קריכן אויף בערג איבער פינף טויזנט מעטער הויך, ווו עס פעלט איב־גאַנצן לופט... זענען יידן געקראָכן מיטן פּעקל אויף די פּלייצעס איבער די באָ־ליוויאַנער בערג... אויף שטום־לשון זיך צוזאַמענגערעדט מיט די איינגעבוירענע אינדיאַנער, וואָס רעדן פאַרשידענע דיאַלעקטן און קענען אָפט נישט קיין שפּאַניש, די שפּראַך פון לאַנד. געוויינלעך, אַז מען מוז, רעדט אַ ייד „שבעים לשונות", און עס איז אַוועק א גאַנג... די פּרימיטיווע באָליוויאַנער פרוי האָט זיך אויסגעפּוצט אין פאַרביקע קליידער, זי האַלט שוין ביי זאָקן און שיך. איר זעט שוין נישט

אַזוי פיל באַרוועסע איבער די באָליוויאַנער גאַסן. דאָס ספּעציפישע קאַפּעליושל האַלט שוין אויך ביים פאַרשווינדן. קורץ: יידן האָבן אַריינגעבראַכט אַ שטיק ציוויליזאַציע קיין באָליוויע און געמאַכט אַ גאַנצע איבערקערעניש אין דער דאָרטיקער מאָדע...

שפּעטער האָט מען אויפגעעפנט קליינע פאַבריקלעך אויף דעם סיסטעם פון די היימישע פאַבריקלעך אויף די נאַלעווקעס אין וואַרשע: די וווינונג מיט דעם פאַבריקל צוזאַמען. מען האָט נישט שלעכט פאַרדינט און אַפילו אָפּגעשפּאָרט אַ דאָלאַר. אַ סך האָבן געהאָפט, אַז באָליוויע איז נאָר אַ מין עטאַפּ, פון וואַנען מען וועט שפּעטער זיך אַריבערכאַפּן קיין אַמעריקע. אָבער... אייניקע זענען שוין מיד פון וואַנדערן. אַנדערע ווידער, האָבן, שפּאַנענדיק איבער די בערג, פאַרלוירן זייער געזונט. נישטאָ די כוחות ווייטער צו פאָרן... אויסער דעם, איז מען שוין צוגעוווינט צו אַ רויִק לעבן. זיצן שעהלאַנג אין אַ קאַפע און טרינקען אַ קאַפּעזינאַ (קאַווועלע) און זיך אַזוי גוט אַקלימאַטיזירט מיטן „מאַניאַנאַ“ (מאָרגן), וואָס איז אַ מין סימבאָל פאַר די לענדער, וואָס דאָס מיינט: מען לאָזט אַלץ אויף מאָרגן. האָט שוין פּאַסירט, אַז אייניקע וואָס האָבן שוין, נאָך יאָרן, באַקומען אַמעריקאַנער וויזעס, זענען אָפּגעוועזן אַ צייט אין אַמעריקע און צוריקגעקומען קיין באָליוויע...

און אַז די יידן האָבן איינגעזעסן, אַז מער זיצן „אויפן וואָגן“ קען מען נישט, מען מוז זאָרגן פאַר אַלע געזעלשאַפטלעכע באַדערפענישן, האָט מען אָנגעהויבן צו פאַרפעסטיקן זיך געזעלשאַפטלעך. לאַ פּאַז פאַרמאָגט צוויי יידישע קולטורעלע און געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס: אַ „סירקולאָ איזראַעליטאַ“ און אַ „בית עם“ (אַ יידיש פאָלקס־הויז). איןביידע קענט איר טרעפן אין די נאָכמיטיקס יידן מיט זייערע משפחות, ווו מען פאַרברענגט אויף אַ געמיטלעכן שטייגער. דער גרעסטער טייל פון די יידן אין באָליוויע זענען פון דייטשלאַנד און עסטרייך. האָט מען מיט זיך מיטגעבראַכט די היימישע „געמיטלעכקייט“, וואָס פּאַסט זיך שווער אַריין פונקט דאָ, אין דער אַרומיקער באָליוויאַנער אָפּגעשטאַנענקייט. די יידישע קלובן זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מין סאָרט קאַסינאָס, ווו מען טרינקט געמיטלעך אַ נאָכמיטיק־קאַפע און קוכן. מען באַגריסט זיך מיט „האָבע די עהרע, הערר דאָקטאָר!“ — פאַראַן דאָרט, קיין עין הרע, דאָקטוירים אויפן מעטער. מען „שפּרעכט דויטש“ מיט אַ ריכטיקן בערלינער דיאַלעקט, וואָס קומט אָן אַ ביסל שווערלעך פאַר מיינע לאַנדסלייט די „גאַליציאַנער דויטשן“, וואָס זענען אַהינגעקומען פון טאַרנאָפּאָל אַם רהיין... מען האַלט זיך פאַר העכער פאַר אינטעליגענטער ווי די „אָסט־יודען“, אויף וועלכן מען קוקט פון אויבן אַראָפּ. מען האָט אייגענע „דויטשע ראַבינערס“. ערשט מיט אַ צייט צוריק האָט מען אין קאָטשאַמבאַ, אַ צווייטער יידישער ישוב אין באָליוויע, אויסגעבויט אַ טעמפּל, אַנשטאָט, וואָס אונדזערע יידן האָבן געפאָדערט אַ פאָלקס־הויז, ווו עס זאָל זיך אויך געפינען אַ היימישע

שיל. באַליוויע לײַדט אין אַלגעמײַן פון אַ מין אַסימילאַציע, וואָס מען האָט מיט־
געבראַכט פון די וועסט־אייראָפּעיִשע לענדער, און מען וויל אָט־דעם מאָדנעם לע־
בנסשטייגער, וואָס האָט דאָרט באַנקראָטירט, איינפלאַנצן דאָ. באַליוויע לײַדט פון
האַלבע משומדים און אפילו גאַנצע... מען דאַרף וויסן, אַז אַ סך ייִדן זענען קיין
באָליוויע געקומען מיט קאַטוילישע טויפשײַנען, ווײַל אַפילו אין דעם צוריקגע־
שטאַנענעם לאַנד איז געווען שווער אַרײַנצוקומען אַלס ייִד. אין ליסאַבאָן האָט זיך
געפונען אַזאַ ביוראָ, וואָס איז געפירט געוואָרן מיט דער צושטימונג פון די
העכערע קאַטוילישע אינסטאַנצן, ווו ייִדן האָבן באַקומען אַזעלכע קאַטוילישע טויפ־
שײַנען. צוערשט, האָט מען בלויז געקויפט אַזאַ טויפשײַן. שפּעטער האָט זיך די
קאַטוילישע קירכע אַרומגעזען, אַז מען נאַרט זי. האָט מען טאַקע פאַר אַזאַ טויפ־
שײַן געמוזט דורכמאַכן די גאַנצע שמד־פּראָצעדור. מילאָ, אונדזערע ייִדן, קומענדיק
אין באָליוויע מיט אַזעלכע טויפשײַנען, האָבן זיי דאָס שטיקל פּאַפּיר צעריסן און
פּטור אַ געשעפט. דײַטשע ייִדן האָבן זיך „דערווײַל“ געהאַלטן מיט די טויפשײַנען.
די קאַטוילישע קירכע האָט אויך אַהער געשיקט אירע באַגליקער, און זיי האָבן
צווישן די דײַטשע ייִדן נישט געמאַכט קיין שלעכטע געשעפטן...

אונדזערע ייִדן פון פּוילן, גאַליציע, ליטע, בעסאַראַביע, וואָס זענען אין באָ־
ליוויע אין אַ מינדערהייט, האָבן אויסגעבויט אַן אייגן פאָלקסטימלעך ייִדיש
לעבן. ערשט נישט לאַנג האָט מען פאַרענדיקט אַ געבײַדע פון „ייִדישן צענטער“
(סענטראָ איזראַעליטאַ) אין לאַ פּאַז, וואָס קאָסט אַ מיליאָן באָליוויאַנאָס (אַריבער
הונדערט טויזנט אַמעריקאַנער דאָלער), וואָס איז דאָרט אַ גאָר גרויסע סומע, ווו
עס וועלן זיך געפינען אַלע ייִדישע אינסטיטוציעס. אָרגאַניזירט אַ ייִדיש קהילה־
לעבן אויפן מוסטער פון דער אַלטער היים, מיט אַ בית־הקברות, אַ שול. די פּאַר־
אייניקונג קומט דאָרט שווער אָן, ווײַל די וואַנט צווישן „אָסט“ און „וועסט“־ייִדען,
וואָס איז שוין נאָכן גרויסן חורבן פאַרשוווּנדן, האָט זיך דאָרט פון דאָסניי אָנגע־
הויבן. אונדזערע ייִדן קאָנען נישט לײַדן, אַז מען קוקט אויף זיי פון אויבן אַראָפּ.

דער „קאָלאָמבוס“ פון אונדזערע מזרח־ייִדן אין באָליוויע איז געווען אַ
זאַקליקאָווער ייִד, וואָס איז מגולגל געוואָרן קיין באָליוויע און האָט שפּעטער
אַריבערגעבראַכט זײַן משפּחה און נאָענטע קרובים; נאָך זיי האָט זיך אַ האַלב
שטעטל אַריבערגעפּעקלט קיין באָליוויע. שפּעטער האָבן זיך דערוווּסט אויך די
שכנהשע שטעטלעך, אַז „מ׳קען אין באָליוויע מאַכן אַ טאָלער“, אַזוי, אַז אין לאַ
פּאַז פאַרנעמען די „זאַקליקאָווער און אומגעגנט“ דעם אויבנאָן.

שפּורן פון ייִדישער פאַרגאַנגענהייט אין יענעם ווײַט־פאַרוואָרפענעם ווינקל
פירן אַזוי ווײַט ביז צום יאָר 1641, ווען דער הויפּט־אינקוויזיציע־טריבונאַל אין
לימאַ האָט אויך געהאַט די אויפזיכט איבער לאַ פּאַז, ווו עס זענען, ווי אין אַלע
אַנדערע לענדער, אַנטלאָפן מאַראַנען פון שפּאַניע זיך אויסצובאַהאַלטן אין די

דאָרטיקע מאַסיווע בערג־קייטן. און ביז אַהין האָט זיי דער ווילדער האַס און צאָרן פון דער אינקוויזיציע פאַרפאָלגט. אין איינער פון די גרעסטע קירכעס, „סאַן לאָ־רענסאָ“, אין פאָטאָסי, ווו עס געפינען זיך די העכסטע מינען פון לאַנד, קענט איר זען די בילדער פון די נביאים אליהו, דניאל, ישעיהו, יחזקאל, הושע, ירמיהו און חזקיהו המלך. עס איז העכסט־וואַרשיינלעך, אַז דאָס איז די אַרבעט פון אַ באַ־האַלטענעם מאַראַן, וועלכער האָט מיט דעם געוואָלט אָפּטאָן אַ שפּיצל דער קאַ־טוילישער קירכע.

ווי אין אַנדערע לאַטיין־אַמעריקאַנער לענדער, קען מען אויך אין באָליוויע געפינען צווישן דער אַריסטאָקראַטיע ייִדישע און העברעיִשע קלינגענדיקע נעמען. אַזוי האָט גאַנץ באָליוויע געהאַלטן, אַז דער פריערדיקער פּרעזידענט הענריקאָ הערצאָג שטאַמט פון ייִדן. און די אָפּאָזיציע־צייטונגען האָבן עס אים אָפן פאַר־געוואָרפן. דער פּרעזידענט אַליין האָט איבער דעם געהאַט אַ קאָמפּלעקס, צוליב דעם, וואָס די נאַציאָנאַליסטן־פאַשיסטן פלעגן דאָס אים אָפּט דערמאָנען, און ער האָט געוואָלט באַווייזן פונקט פאַרקערט... אַז ער האָט גאָר פיינט ייִדן... און ער איז דערפאַר געווען אַן אַנטיסעמיט. מעגלעך, אַז פּרעזידענט הערצאָג האָט טאַקע צוליב דעם געמוזט צוריקציִען זיך פון זיין אַמט און איבערגעבן זיין פּרעזידענט־שאַפט צו מאַמערטאָ אוראַלאַגאַסיאַ. געהייסן האָט עס, אַז ער ציט זיך צוריק צוליב קראַנקהייט. אַ דייטשער ייִד, אַן אייגנטימער פון אַ פאַרבן־געשעפט אין לאַ פאַז, האָט מיר דערציילט אַ מערקווירדיקן פאַל: אַ סענאַטאָר פון דער באָליוויאַ־נער פּראָווינץ רובא אלטא, וואָס הייסט מיטן מערקווירדיקן נאָמען בן קוקי, האָט אים געוויזן אַן אַלט פאַרגעלטן צוריסענעם סדור, וואָס איז אַריבערגעגאַנגען צו אים בירושה פון זיינע אור־אורעלטערן, און אים פאַרזיכערט, אַז ער שטאַמט פון ייִדן.

מאָוריסיאָ האָכשילד, דער ייִדישער מינען מאַגנאַט, וואָס איז שוין איינמאָל געווען פאַראורטיילט צום טויט, און עס האָט געפעלט בלויז אַ האָר דער אורטייל זאָל דורכגעפירט ווערן; אַ צווייטן מאָל איז ער, בעת ער איז געפאָרן צום טשילע־נער קאָנסולאַט, אין דער באַגלייטונג פון זיין הויפּט־פאַרוואַלטער אַדאָלפאָ בלום, שפּורלאָז פאַרשוווּנדן פון זיין אויטאָמאָביל און קיינער האָט שוין נישט דערוואַרט ער זאָל צוריקקומען אַ לעבעדיקער, — איז אַ דייטש־ייִדישער מינען־אינזשיניער. נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה איז ער געקומען פון דייטשלאַנד קיין באָליוויע מיט אַ שטאַרקן אונטערנעמונגס־גייסט, זיך גענומען צו עקספּלואַטירן מינען, וועלכע זענען פאַרטרונקען און פאַרגאַסן געוואָרן און די אינסטאַלאַציעס זענען באַשעדיקט געוואָרן. אַ דאַנק זיין דערפאַרונג אַלס מינען־אינזשיניער איז אים די אונטערנעמונג געלונגען, און ער האָט שפּעטער איבערגענומען די אויפזיכט אי־בער דער קאָמפּאַניע „רואַנקאַטשאַ“. אין יאָר 1929 האָט ער געגרינדעט די „פאַ־

טאַסי קאָמפּאַניע", וועלכע איז היינט צו טאָג די גרעסטע צינק־פירמע אין דער וועלט, וואָס געפינט זיך אין דער העכסטער געגנט פון באָליוויע, זייענדיק אין קאָטשאבאמבא, איינע פון די נאטור־שענסטע באָליוויאנער שטעט מיט א מילדן קלימאט, האָב איך געהאט די געלעגנהייט זיך פערזענלעך צו באקענען מיט דער לעגענדארישער פיגור פון דעם יידישן מינען־מאגנאט אין זיין דאָרטיקער ביוראָ. אַ פעסט־געבויטער מאַן, אַריבער זעקס פוס הויך, אַ פּאָר טיפע, שוואַרצע, שמייכלענדיקע יידישע אויגן, וואָס נעמען אייך דורך מיט די קלוגע ווארעמע בליקן. א ספּעציפיש לאנגע יידישע נאָז, האָט ער מיך פריינטלעך אויפגענומען אין זיין ביוראָ.

הערנדיק, אַז איך קום פון אַן אַמעריקאַנער יידישער צייטונג, האָט ער זיך פּאַראינטערעסירט, און אין אַ פּראַכטפולן אָקספּאָרד־ענגליש מיר דערציילט, אַז אַלע יידישע פּראָבלעמען זענען אים באַקאַנט; אַז מדינת ישראל איז אים זייער נאָענט און ער אינטערעסירט זיך מיט יעדער פּאַסירונג און געשעעניש אַרום דער יידישער מדינה.

*****

קאָטשאַבאַמבאַ איז נאָך לאַ פּאַז דער צווייטער יידישער קיבוץ אין באָליוויע. אין קעגנזאץ צו דער הויפטשטאָט, איז קאָטשאבאמבא ארומגערינגלט מיט פּארקן און גערטנער ווי א קראַנץ בלומען; אַ מילדער, אַנגענעמער קלימאַט, מיט שטענדיק לויטערע הימלען, וואָס ווירקט אויך, ווייזט אויס, אויפן געמיט פון אירע איינוווינער.

די פּאַנאָראַמע פון שטאָט, ווי אַן אויסגעחלומטע פאַנטאַזיע פון אַ מאַלער: פלאַך, אָן א בערגל, כאָטש זי געפינט זיך פון אלע זייטן ארומגערינגלט פון בערג. ווען די גאסן פון שטאָט פארענדיקן זיך, דערהייבן זיך גרויסע בערג, פון אלע עקן. ווייטער פאָרן פון דאָרט קענט איר נישט, סיידן אויף צוריק. אויפן פלאַץ, ווו עס הייבן זיך אָן שניידן, וואָס אמאָל העכער, פעלדזנפעסטע מאסיווע בערג, פעלט די אויפשריפט: „דאָ ענדיקט זיך די וועלט!"

דאָרט, אין יענעם ווייט־פארוואָרפענעם ווינקל, אָפּגעריסן פון דער ווייטער גרויסער וועלט, געפינט זיך א קליינער, אָבער לעבעדיקער און רירעוודיקער יידישער קיבוץ, מיט היימישע פאָלקס־יידן, פון פוילישע, גאליציאנער שטעטלעך, וואָס האָבן מיט זיך מיטגענומען די גוטע מידות פון אויפנעמען א פרעמדן מיט פריינטשאפט און הארציקייט.

איך ווייס נישט גענוי די צאָל יידן וואָס געפינען זיך אין קאָטשאבאמבא, פון וועלכע דרייסיק פּראָצענט זענען מזרח־יידן. איר דאַרפט אונדזערע יידן אין קאָטשאבאמבא לאנג נישט זוכן. פארנאכט, ווען פון די הויך־אַרויסגעשאָסענע ביימער פון דער פּלאַסאָ בלאָזן מילדע ווינטלעך, קענט איר אין סאמע צענטער, צווישן

אלע בענק, דערזען אויף א „ספּעציעלע יידישע באנק" דאָס גאנצע שטעטל. מען דערציילט זיך די לעצטע נייעס פון ישראל, מ'לייענט בשותפות א צייטונג, וואָס האָט זיך דורכגעריסן אהינצו מיט א פארשפּעטיקונג פון לאנגע טעג... מ'דיסקו־טירט פּאָליטישע פראגן, מ'גייט אריבער אויף לאָקאַלער פּאָליטיק, — מ'רעדט אביסל רכילות. דאָס זענען נאטירלעך די איינגעבירגערטע קאָטשאבאמבער יידן, וואָס געפינען זיך שוין דאָרט יאָרן. גלייך לעבן דער באַנק, געפינט זיך אַ צווייטע באנק — אויך א יידישע — אָבער דאָרט הערט איר אנדערע ווערטער. דאָס זענען די גרינע, וואָס האָבן זיך גראטעוועט פון די קאָנצענטראַציע־לאגערן, און נאָך לאנגע ראנגלענישן און וואנדערונגען זענען זיי געקומען קיין באָליוויע. איר דאַרפט זיך לאנג נישט צוהערן צו זיי, כדי אויסצוגעפינען, אז מ'פילט זיך דאָ ענג, און מ'גרייט זיך פון דאַנען צו פאָרן קיין ישראל. שווער זיך איינצולעבן דאָ, נאָך אזוי פיל צרות. אין שאָטן פון דער נאכט, אין דער ראָמאנטישער סביבה, בליאסקעט אָפּטמאָל אויף דער שיין פון די קרעמאטאָריום־פייערן און עס רייסט זיך אַרויס מיט בענקשאפט דער פארטיזאַנער מארש, וואָס ווערט באלד אויפגע־כאפּט פון די אנדערע:

„— זאָג נישט, אז דאָס איז דיין לעצטער וועג"...

פונקט קעגנאיבער דער פּלאסא, געפינט זיך די יידישע קיבעצארניע, „קאַפע שפּריץ". א גאנצן טאָג קענט איר דאָרט געפינען אונדזערע יידן ביי א קאווע, ווו מ'שליסט געשעפטלעכע טראנזאקציעס, ווו מ'רעדט זיך דורך וועגן אימפּאָרט־געשעפטן, וואָס מ'פירט מיט אַמעריקע. אָבער, מ'קומט נישט אין דער קיבעצארניע נאָר צוליב געשעפט, נאָר יעדער פילט, אז ער מוז דעם אנדערן זען יעדן טאָג; דער ישוב איז אזוי קליין, טוליעט זיך איינער צום צווייטן. ווען עס מאכט זיך אמאָל, אז איינער קומט גראד נישט א טאָג אין קאפע, טראכט מען שוין נאָך, וואָס האָט מיט אים פּאסירט.

אין דעם ווייט־פאַרוואָרפענעם ווינקל, ערגעץ ווו אין עק וועלט, האָב איך גע־פונען א לאנדסמאן מיינעם. אָבער נישט גלאט א לאנדסמאן, נאָר אן איבערבליי־בעכץ פון אמאָליקן אמאָל: בערל פישער — אזוי הייסט דער ייד וואָס האָט זיך פארמאָסטן איינפלאנצן היימישע פרומקייט אין דעם ווייטן ווינקל. בערל פישער איז געלונגען א פּאָר טעג פאר דער היטלער־אינוואזיע צו אנטלויפן מיט זיין משפחה קיין באָליוויע, און דאָס פאַרמעגן וואָס ער האָט געראטעוועט, זענען געווען די ספרים, טליתים און תפילין, דאָס סויבעלנע שטריימל, די זיידענע בעקעשע (זשיפּיצע), זיין פרוי און זיינע דריי קינדערלעך. ווי אזוי ער איז פארוואָרפן געוואָרן גראָד קיין קאָטשאבאמבא — ווייסט איין גאָט. דער אָנהייב איז געווען שווער, געוויינלעך ווי אלע געקומענע אימיגראנטן; מיט א פּעקל אויף די פּלייצעס, גע־קלעטערט אין קאפּריזנעם קלימאט די הרי חושך פון באָליוויע, פארברענט פון

דער זון, דורכגעווייקט פון די רעגנס איבער פינף טויזנט מעטער הויך, ווו עס פעלט אינגאנצן די לופט, האָט בערל פישער געבראַכט די דאָרטיקע מינען־אַרבע־טער הויזן, שיך, העמדער, און ווי אַן אמתער פרומער ייד מיטגענומען מיט זיך „צידה לדרך", כדי חלילה נישט נכשל ווערן מיט טריפות. אזוי האָט ער זיך, ווי אַלע קאָטשאַבאַמבער יידן, אַרויפגעאַרבעט אויף אַן אייגן געשעפט, וואָס ער האַלט די גאַנצע צוועלף יאָר שבת, ווען בעסטער טאָג פון לייזונג, פאַר־מאַכט. און פאַרשטייט זיך אויך די זונטיקן.

פרייטיק־צו־נאַכטס, ווען איבער די קאָרדיליערן בערג האָבן זיך געטליעט אַנקומענדיקע נאַכט־שאָטנס, בין איך געווען דער גאַסט פון בערל פישער. אויף אַ שבתדיק ווייס געדעקטן טיש, האָבן פון די היימישע לייכטער געפינקלט פלעמ־לעך, וואָס האָבן אָנגעצונדן אזוי פיל זיסע זכרונות פון אַמאָליקן אַמאָל אין אונד־זערע ליבע, יידישלעכע שטעטלעך. בערל פישער האָט קידוש געמאַכט מיטן ראָפּ־טשיטשצערס ניגון, געזונגען „שלום עליכם" מיטן אמתן חסידישן ברען. מענדעלע, דער יינגסטער יינגל, און די אַנדערע צוויי קינדער האָבן צוגעהאָלפן. און מיר האָט זיך אויף אַ ווייל אויסגעדוכט, אז דאָס געפינען איך זיך אין גראַדזשיסק, אין יענע פרייטאָג־צו־נאַכטן וואָס זענען אזוי טיף פאַרבליבן אין האַרץ, אין מוח, אויפן גאַנצן לעבן.

***

אָרוראַ, איז אַ צווייט שטעטל אין באָליוויע, דאָרט אין שכנות געפינען זיך די קופּער־מינעס, די בליי־ און צינק־מינעס, ווו אויסלענדישער קאַפּיטאַל קוועטשט יעדן טאָג אַרויס זיין חלק שוויס פון די באָליוויאַנער אַרבעטער און פון אירע נאַטור־אוצרות. די באָליוויאַנער זענען לוסטיקע קבצנים; אזוי שנעל ווי זיי פאַר־דינען די פאָר סענט, גיט מען זיי נאָך שנעלער אויס. ער איז בטבע אַ ברייטהאַר־ציקער פאַנטאַזיאָר, דער באָליוויאַנער. ער וועט אייך אַלץ צוזאָגן, אפילו דעם פּרעזידענטס פּאַלאַץ.

ער האָט זיך פיינט צו דינגען, ווען ער דאַרף עפּעס איינקויפן פאַר זיך, און קויפן האָט ער גראָד ליב אַ סך, בפרט האָט די באָליוויאַנער פרוי אַ שוואַכקייט צו פוצן זיך, און דאָס, אין שרייענדע קאָלירן און פאַרבן. אַ פרוי בלייבט אַ פרוי. צי דאָס איז אויף דער ניו יאָרקער „פינפטע עוועניו", אָדער אין דעם וויטסטן ווינקל פון דער וועלט, ביי די קאָרדיליערן־בערג, דריי טויזנט מעטער איבער דער פלאַך פון ים, אין די וואָלקנס... דער ייד האָט נישט בלויז אויסגעפונען דעם געשמאַק פון באָליוויאַנער „טשאָלאָ", נאָר אויך זיין כאַראַקטער, און ווייסט, ווי אַזוי מ'דאַרף צו אים רעדן. פאַרשטייט זיך מיט אים גאַנץ גוט. די באָליוויאַנער זענען דערפאַר גאַנץ גוטע קונים אין די יידישע קראָמען. האָט זיך אין שכנות פון

אַרוראַ פאַרקליבן אַ קליינער ייִדישער קיבוץ, וואָס האָט, נישט צו פאַרזינדיקן, פּרנסה בכבוד. און אַז ייִדן כאַפּן נאָר דעם באָדן אונטער די פיס און האָבן אביסל מנוחה, טראַכט מען וועגן געזעלשאַפטלעך לעבן. פאַרשטייט זיך, אַז ווען מ׳רעדט וועגן ייִדיש לעבן, קומט ארץ ישראל פאַר אַלץ; האָבן די ייִדן אין אַרוראַ אויס־געבויט איר אייגענעם צענטער, פון וואַנען מען פירט אָן דעם געזעלשאַפטלעכן אַפּאַראַט — איז דאָס געוואָרן אַ גליקלעכער צופאַל, אַז צווישן די ייִדן וואָס זענען מגולגל געוואָרן קיין אַרוראַ, געפינט זיך אַ ייִד מיטן נאָמען ישראל פאַגעל, אַ וועטעראַן פון דער ציוניסטישער באַוועגונג אין גאַליציע און בוקאָווינע. געווען אַ דעלעגאַט צו אַמאָליקע ציוניסטישע קאָנגרעסן און מיטגעאַרבעט אין דער יוגנט מיט די באַרימטסטע פירער פון דער ציוניסטישער באַוועגונג. ער האָט נישט בלויז פאַרדינסטן אין דער ציוניסטישער אַרבעט פון אַרוראַ אַליין, נאָר ער איז אויך איינער פון די הויפּטגרינדער פון דער ציוניסטישער פעדעראַציע אין באָ־ליוויע. קומענדיק מיטן עראָפּלאַן פון קאָטשאַבאַמבאַ, האָט מיך ישראל פאַגעל, בראש פון אַ דעלעגאַציע, אָפּגעוואַרט ביים לופט־פּאָרט און גלייך אויפן זעלבן אָוונט איז אַראַנזשירט געוואָרן מיין רעפעראַט מיט פילם־רעפּאָרטאַזשן פון ארץ־ישראל.

דאָס גאַנצע שטעטל, מנשים עד טף, זענען געזעסן אין באַקוועמען זאַל פון „סירקולאָ איזראַעליטאַ״, וואָס איז דאָרט אַ מין „בית־עם״, און מיט גרויס אויפ־מערקזאַמקייט זיך צוגעהערט צו מיין גרוס פון ארץ־ישראל. אין מיין רייזע איבער די דרום־אַמעריקאַנער לענדער איז מיר אויסגעקומען אַ סך מאָל צו רעדן פאַר פאַרשידענע סאָרטן ייִדן; כמעט אין יעדן לאַנד, אין יעדער שטאָט, זענען די צו־הערער אַנדערע. איר דערפילט גלייך, די שטימונג פון פובליקום בעת איר רעדט און די השפעה פון אייערע ווערטער. אַזאַ וואַרעמקייט ווי איך האָב דערפילט, בעת איך האָב גערעדט פאַר דעם קליינעם ייִדישן קיבוץ אין אַרוראַ, האָב איך נאָך קיינמאָל נישט געפילט.... אַרויסזאָגנדיק די ערשטע פאָר ווערטער „איך ברענג אייך אַ גרוס פון ארץ ישראל״, האָב איך גלייך דערפילט אויף זיך די דורשטיקע בליקן פון מיינע צוהערער, זייער ברענענדיקע נייגעריקייט, און איך האָב געזען ווי זיי שלינגען יעדעס וואָרט. ווען איך בין אַריבער צו די מאָמענטן פון קאַמף און קדוש השם פון אונדזערע בחורים און בחורות, האָב איך אין אַ סך אויגן דערזען טרערן. וואָס אַמאָל מער, האָב איך דערפילט ווי אַן אָנגענעמע וואַרעמ־קייט צעגייט זיך איןָ אַלע מיינע אברים און איך בין אַריין אין אַן אויסערגעוויינ־לעכן התרוממות הנפש.

ווען איך האָב געענדיקט, האָט זיך פלוצים דאָס פובליקום, ספּאָנטאַן, אַלע ווי איינער אויפגעשטעלט און געזונגען די „התקוה״. די טענער האָבן אין מיינע אויערן געקלונגען ווי די אָנגענעמסטע מוזיק. מיטזינגענדיק, האָב איך פון דער

טריבונע אַראָפּגעקוקט אויף די מענטשן וואָס זענען געשטאַנען מיט אַזאַ יראת־הכבוד, און געצויגן די ווערטער: „עוד לא אברה תקותנו!" און איך האָב גע־טראַכט: יאָ, אמת, אונדזערע האָפענונגען זענען נישט פאַרלוירן. איר דאָ, אין ווייט־פאַרוואָרפענעם ווינקל, אין דער הויכקייט פון די בערג, זענט די בעסטע עדות.

**

אַורורא פאַרמאָגט אײנגאַנצן צוויי האָטעלן, איינער פון זיי אַ ייִדישער. און ווו זאָל אַ שליח פון ארץ־ישראל פאַרפאַרן אויב נישט אין אַזאַ אין און איינציקן ייִדישן האָטעל? אָבער דער אייגנטימער פון האָטעל, אַ „בערלינער יעקי", דערהערנדיק אַז דאָס קום איך פון ארץ־ישראל, האָט גלייך ביי אונדזער ערשטער באַגעגעניש נישט אַרויסגעוויזן אזא באַזונדערע פריינטשאַפט.

— נו, יאָ, — האָט ער ציענדיק מיט זיין בערלינער דיאַלעקט, אזוי זיך א זאָג־געטון: — „דיזע געשיכטע פאַלעסטינאַ איזט יאַ ניט זאָ אײנפאַך"...

ער זוכט כסדר מיך אויסצומיידן און וואָס ווינציקער צו האָבן צו טון מיט מיר, נישט געקוקט וואָס איך בין גראָד יאָ פאַרינטערעסירט אים אַריינצוציען אין אַ שמועס. דאָס אויסזען, דאָס האַלטן זיך פון דעם דייטשן ייִדן, רופט ביי מיר אַרויס אַ מאָדנעם געפיל, וואָס דערמאָנט מיך די יאָרן פון דער מזרח־אייראָפּעישער איינוואַנדערונג קיין דייטשלאַנד, ווו אַזעלכע טיפּן האָבן כסדר באַשולדיקט די „פאָנישע" ייִדן, אַז זיי רופן אַרויס רשעות ביי דעם דייטשן פאָלק קעגן די דייטשע ייִדן. מיר ווייזט אויס, אַז דאָס קוקט ער אויף מיר מיט יענע בליקן, ווי איינער רעדט: אָט לעבן מיר זיך רויִק ערגעץ דאָ אין עק וועלט. קיינער ווייסט וועד, וואָס וועןו? נאָ דיר אַן אַנשיקעניש ארץ ישראל אויף אונדזערע קעפּ. ער איז ברוגזלעך אויף מיר. איך, ווייזט אויס, „שטער אים די רו", און ברענג מיט זיך רשעות קיין באָליוויע. שטעלט אייך פאָר ווי גרויס מיין איבערראַשונג איז געווען, אַז נאָכדעם ווי די דאָרטיקע ייִדן האָבן מיר קאָמפּלימענטירט פאַר מיין ריכטיקע אָפּשאַצונג פון האָטעל־אייגנטימער, האָב איך זיך דערוווּסט, אַז זיין זון איז דער ראַבינער פון שטעטל...

די באַן פון אָרורא קיין לא פּאַז גייט אַ גאַנצן טאָג. אַ רייזע, וואָס איר מאַכט מיטן אעראָפּלאַן — אַ האַלבע שעה צייט. ווען איך האָב פאַרלאָזט אָרורא, האָט זיך דער הימל פאַרוואָלקנט און שוין זיבנדיק אין וואַגאָן האָט אַ שלאָקס־רעגן געוואַשן די אַרומיקע לאַנגע קייט פון בערג. און אין סאַמע גאָס־רעגן זענען געשטאַנען איינגעטוליעט אַ פּאָר ייִדן וואָס זענען מיך געקומען געזעגענען, צווישן זיי, מיין פריינט, ישראל פאָגעל, דער פּרעזידענט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין אָרורא.

— ווי איך בין אייך מקנא, — האָט ער געהאַלטן אין איין איבערחזרן, — איר פאָרט צוריק קיין ארץ ישראל, און איך... איך בלייב דאָ אין פאַרוואָרפענעם ווינקל...

מיר האָט אויסגעוויזן אַז די אויגן זענען ביי אים פייכט געוואָרן. די גאַנצע צייט פון מיין באַזוך אין אָרורא, האָט דער ייִד מיט מיר געהאַלטן אין איין טענהן, אַז מען וואָלט דאָרט אין ארץ־ישראל באַדאַרפט עפּעס טון פאַר די אַמאָליקע ציוניסטישע טוער, וואָס זענען מגולגל געוואָרן אָט דאָ אין די פאַרוואָרפענע לענדער. „איר פאַרשטייט — האָט ער זיך געקלאָגט — אַוועקצוגעבן דאָס גאַנצע לעבן פאַר ציוניסטישע אַרבעט און איצט — ויקם מלך חדש! יונגעלייט, וואָס האָבן נישט געפּאַקט און געמאָזלט, זיי זענען געוואָרן פירער. נעכטיקע אַסימילאַטאָרן, ביי וועמען דער ייִדישער געפיל איז געווען טריף ווי חזיר, זענען מיט איינמאָל היינט געוואָרן די וואָרטזאָגער פון ייִדישן לעבן. פאַר שווערער פיזישער אַרבעט זענען נישטאָ מער די כוחות — געפּטרט זיי דאָ אין די הויכע בערג, — געלט האָט מען אויך נישט אָפּגעשפּאָרט. אָנשטאָט מאַכן געלט, האָט מען זיך יאָרנלאַנג אָפּגעגעבן מיט איינפלאַנצן ציוניסטישע אַרבעט דאָ אין די פאַרוואָרפענע ווינקלען; אַ פּראָפעסיע, וואָס זאָל טויגן אין ישראל, האָב איך אויך נישט.

ווערט דער באַגלייטער מיינער נאָך טרויעריקער: — איז טאָקע קיין אַנדער אויסוועג נישטאָ, ווי אָט דאָ אין עק וועלט פאַרבלייבן מיין גאַנצן לעבן?"

איידער איך האָב צייט געהאַט צו ענטפערן מיין פריינט, האָט די באַן ארויסגעלאָזט אַ טעמפּן פייף און זיך גענומען באַוועגן, וואָס אַמאָל שנעלער. איך האָב בלויז געהערט, ווי ער האָט מיר נאָכגעשריען אויפן קול: להתראות בארץ ישראל!

אורוגוואַי — די שווייץ פון לאַטיין־אַמעריקע

איר שנײַדט דורך איבער נאַכט דעם לאַ־פּלאַטאַ־טײַך מיט אַ שיף פון בוענאָס איירעס און איר געפינט זיך באַגינען אין דעם שכנה׳שן לאַנד אורוגוואַי — דאָס קלענסטע לאַנד צווישן די לאַטײַן־אַמעריקאַנער לענדער. איר הויפּט־שטאָט מאָנטעווידעאָ איז אַ וועלט־שטאָט און לויט איר אויסזען טראַכט איר אפילו נישט, אַז דאָס געפינט איר זיך אין אַ קליין לאַנד. די שטאָט איז אַן אינדזל וואָס איז פאַרבונדן מיטן הינטערלאַנד דורך אַ טרוקענעם וועג און מיט אַ וואַסער־וועג וואָס ציט זיך איבער דער גאַנצער לענג פון לאַנד — דאָס איז דער טײַך „אור־רוגוואַי״. דריי זייטן פון שטאָט זענען אַרומגערינגלט מיט וואַסער. די לאַנגע גאַסן פון שטאָט הייבן זיך אָן בײַם ים און פאַרענדיקן זיך בײַם ים, דורכשנײַדנדיק די גאַנצע שטאָט.

דער געבוי פון דער שטאָט און די גאַסן זענען אַזוי קאָמבינירט און אַר־כיטעקטיש אויסגעלייגט, אַז פון וועלכער זייט איר זאָלט זיך נישט געפינען, איז אין סוף פון דער גאַס גלאַנצט אײַך אַנטקעגן דער וואַסער־שפּיגל, פון וואַנען עס בלאָזן לײַכטע, מילדע ים־ווינטעלעך.

אין סאַמע צענטער פון שטאָט דערהויבט זיך מאַיעסטעטיש די פּראַכטפולע געביידע „פּאַלאַסיאָ סאַלוואָ״, ווו עס געפינט זיך דער באַרימטער קאַפע „סאַראַ־קאַבאַנאַ״. דאָס איז דער צענטראַלער פּונקט פון מאָנטעווידעאָ. דאָ טרעפט איר זיך מיט אײַערע באַקאַנטע, וועלכע איר האָט באַשטעלט דורכצופירן געשעפט־לעכע טראַנזאַקציעס, אָדער גלאַט כאַפּן אַ פרײַנטלעכן שמועס. טאָג און נאַכט געפינט איר דאָ מענטשן זיצנדיק געמיטלעך בײַ אַ קאַוועלע — קיינער אײַלט זיך דאָ נישט, אַלע האָבן דאָ צײַט און קיינער האָט צו אײַך קיין טענות נישט פאַרוואָס איר פאַרנעמט אַ פּלאַץ אַזאַ לאַנגע צײַט צוליב אַ נישטיק קאַוועלע. שטעלט איר זיך אויף צו באַצאָלן דעם קעלנער, מוזט איר ערשט אויף אים וואַרטן... אָבער נישט אין אַלע מאָנטעווידעער קאַפעען ווערן דורכגעפירט גע־שעפטלעכע טראַנזאַקציעס. קאַפע „טופּי נאַמבאַ״, אויף פּלאַסאַ אינדעפּענדענסיאַ, איז אַ קאַפע מיט אַן אַלטער טראַדיציע: דאָרט טרעפט איר די מאָנטעווידעער

אַריסטאָקראַטיע, דאָרט רעדט מען וועגן פּאָליטיק און דיפּלאָמאַטיע. אין קאַפע „אַטענאַ", אויף פּלאַסאַ ליבערטאַד, באַגעגנט איר ווידער די מאָנטעווידעער יוגנט; דאָרט רעדט מען וועגן ספּאָרט און מען קאָמענטירט די לעצטע רעדע פון פּרעזידענט..

מאָנטעווידעאָ האָט די לעצטע יאָרן שטאַרק פאַרגרעסערט איר באַפעלקע־רונג. עס זענען אויסגעוואַקסן אולטראַ־מאָדערנע אַפּאַרטאַמענט־הייזער אין די געגנטן פון מאַלווין, פּאָסיטאָס און קאַראַסקאָ; וואָלקנקראַצערס אין צענטער פון שטאָט פונקט קעגנאיבער אַלטע, גרויסע הייזער פון קאָלאָניאַלן סטיל, מיט ברייטע גאַניקעס. איר גייט מיט דער לענגסטער גאַס פון מאָנטעווידעאָ, די „דיעזי־אי־אָטשאָ דע כוליאָ" — די מאָנטעווידעער בראָדוויי — וועלכע די אורוגווייער רופן „דיעזאיאָטשאָ", און ביי יעדע פּאָר בלאָקן שטויסט איר זיך אָן אין פּראַכט־פולע פּאַרקן, באַצירט מיט דענקמעלער און פאָנטאַנען. ליכטיק־גרויע, מאָדערנע און באַקוועמע ענגלישע ליעלאַנד־אָמניבוסן שניידן די הויפּט־גאַסן; זיי זענען תמיד געפּאַקט מיט פּאַסאַזשירן. חוץ די באַשטימטע סטאַנציעס, וואָס זענען איינע פון דער אַנדערער אַ גאָר גרויסער מהלך, שטעלן זיי זיך אָפּ פאַר פרויען, קראַנקע און אַלטע לייט... יעדער אַנדערער דאַרף אַרויפשפּרינגען, וואָס איז דאָ אַ מין ספּאָרט...

ד הויפּט־גאַסן זענען געפּאַקט מיט מאָדערנע, ערשטקלאַסיקע געשעפטן; די שויפענצטער פול מיט די שענסטע לוקסוס אַרטיקלען פון בעסטער קוואַליטעט. איר דאַרפט דאָ נישט לאַנג קוקן אויף די איבערגעפולטע אויסלאַגעס פון די מאָדערנע געשעפטן, כדי זיך איבערצוצייגן, אַז מאָנטעווידעאָ איז אַ טוריסטן־שטאָט, און אַז די אַלע גוטע זאַכן דאָ זענען עס פאַר די קעשענעס פון די רייכע טוריסטן. עס לייגט זיך נישט אויפן שכל, אַז דאָס וואַרטן זיי אויף אַן אורוגוואַיער קונה. ווען איר מאַכט אַ חשבון איבער די פאַרדינסטן פון דעם דורכשניטלעכן אורוגוואַיער , קומט איר צום באַשלוס, אַז ער קאָן בלויז חלומען פון אַזעלכע לוקסוס־אַרטיקלען. אירע שיינע פּלאַזשעס און מילדער, קילער קלימאַט און שיינע נאַטור זענען אין די זומער־חדשים אַן אַטראַקציע פאַר רייכע אַמעריקאַנער, ענגלענדער און פאַר טוריסטן פון אַנדערע לאַטיין־אַמעריקאַנער לענדער; באַזונדערס אין די מלחמה־יאָרן, ווען רייכע טוריסטן פון אַמעריקע און פון אַנדערע לאַטיין־אַמעריקאַנער לענדער, האָבן נישט געקאָנט פאָרן קיין אייראָפּע. זיי האָבן דער שטאָט געגעבן דעם אויסזען פון אַן אינטערנאַציאָנאַלער טוריסטן־שטאָט, וואָס איז שוין אַזוי פאַרבליבן, נישט בלויז אין די זומער־חדשים, נאָר אַ גאַנץ יאָר, אויף שטענדיק.

טוריסטן האָבן אַ טבע, אַז זיי ברענגען מיט זיך גוטע און שלעכטע זאַכן. דאָס נאַכט־לעבן אין מאָנטעווידעאָ, קאָן מען זאָגן, איז אַ ריינער טוריסטן־פּראָדוקט,

ווייל דער אורוגוואיער אַליין איז בטבע אַ רויִקער, בעל־הבתישער היימזיצער. נאָך האַלבער נאַכט ווערט מאָנטעווידעאָ פאַרוואַנדלט אין אַן אמתער אינטערנאַציאָנאַלער פּאָרט־שטאָט; די ליכט־רעקלאַמעס פון אירע נאַכט־לאָקאַלן פינקלען אין פאַרשידענע קאָלירן און איר הערט דאָרט אַרום יענע לאָקאַלן אַ סך מער פרעמדע שפּראַכן ווי שפּאַניש.

איר דאַרפט אין מאָנטעווידעאָ בלויז אַרויסכאַפּן זיך מיט איין ענגליש וואָרט און איר זענט אַ פאַרפאַלענער: ביים אורוגוואיער איז יעדער וואָס רעדט ענגליש — בפרט אַן אַמעריקאַנער — אַ מיליאָנער, וואָס איז אַהער זיכער געקומען אַ הוליע טון, און ביי וועמען געלט איז בלאָטע... און אויב איר זענט אַהער געקומען זיך לאָזן וווילגיין — איז צאָלט רבי־געלט. עס הויבט זיך אָן אַ סדרה גלייך ביים אַראָפּגיין פון שיף אין פּאָרט: דעם טשאַנגאַדאָר (טרעגער) מוזט איר צאָלן פאַר יעדן פּעקל באַזונדער, צוערשט פאַרן אַרויפטראָגן אין אויטאָמאָביל אַריין און שפּעטער ביים אַראָפּטראָגן; דער אויטאָמאָביל־שאָפער זיצט אין אויטאָמאָביל ווי אַ געבוירענער באַראָן און קוקט זיך רויִק צו ווי דער טרעגער טראָגט אייער באַגאַזש. עס פּאַסט טאַקע נישט פאַר אַן „אַמעריקאַנער מיליאָנער“, אָבער אַז איר ווילט עס זאָל גיין אַביסל שנעלער, מוזט איר צולייגן אַ האַנט, ווייל דער טרעגער איז אויך נישט אַבי ווער... און עס לוינט זיך אים נישט מיט איין מאָל אָפּצוטון די גאַנצע אַרבעט. אַזוי ווי קיין האָטעל געפינט מען נישט אַזוי לייכט איצט אין זומער־סעזאָן, פירט ער אייך דווקא אין אַזאַ האָטעל, וווּ עס איז נישטאָ קיין פּלאַץ. פירט ער אייך אין אַ צווייטן, ווידער די זעלבע מעשה — נישטאָ קיין צימער... דער טאַקסימעטער טוט דערווייל זיינס, ער אַרבעט מעשים... ערשט דאַן ווערט ער אַ בעל־טובה און דערציילט אייך, דער שאָפער, אַז ער ווייסט פון אַ האָטעל, וווּ עס איז פאַראַן פּלאַץ... ווען איר באַצאָלט די רעכענונג פאַר אייער נסיעה, הויבט זיך ווידער אָן די זעלבע פּראָצעדור: פאַר יעדן רענצל באַזונדער, אַפילו פאַר אייער בריוו־טאַש. לויט אייער חשבון באַצאָלט איר דאָ אין מאָנטעווידעאָ פאַר אַ טאַקסי דעם העכסטן פּרייז אין דער וועלט.

כדי צו זען די שיינקייט און פּראַכטפולע פּאַנאָראַמעס פון מאָנטעווידעאָ מוזט איר זיך אַריבערכאַפּן אין קאַראַסקאָ — די שענסטע פּלאַזשע וואָס איר האָט ווען עס איז געזען. די גאַנצע געגנט אַרום דעם ים־ברעג — ווילעס באַצירט מיט די שענסטע בלומען — הונדערטער סאָרטן בלומען אַזעלכע. יעדע ווילע איז דאָ געבויט מיט אַן אַנדער סטיל אין פאַרשידענע פאַרבן: רויט, בלוי, געל, מאַרמל, ווייס און גרין. נישטאָ קיין אַרכיטעקטור וואָס איז דאָ אין קאַראַסקאָ נישט פאַרטראָטן, — וואָס זעט איר דען נישט דאָ: שווייצאַרישע ווילעס פון ערגעץ ווו אין די אַלפּן־בערג, ניו־ענגלענדער קאַטעדזשעס, ווילעס אינעם גאָטישן סטיל, — אַלץ אַזוי צוזאַמענגעשטעלט באַזונדער פאַר זיך, אַז זיי קוקן אויס ווי

פאַנטאַסטישע פּאַלאַצן וואָס שפּיגלען זיך בייטאָג אין דער קרישטאָלענער לוי־טערקייט פון ים און פאַרנאַכט צינדן זיך טויזנטער פייערן, אין פאַרשידענע פאַרבן און קאָלירן, פון די ווילעס, און קילע זאַנפטע ווינטלעך בלאָזן פון ים און גלעטן אייך און שושקען אייך אין אויער אַריין: „מענטש איינער, פאַרגעס אין נעכטן, טראַכט נישט פון מאָרגן, ווען ס'איז דאָ אַזאַ שיינער היינט"...

גאַנצע צען טעג האָב איך פאַרבראַכט דאָרט; אַלע אַזעלכע זוניקע און לוי־טערע, אָן אַ וואָלקנדל איבער די אייביק־בלויע הימלען. אייך דאַכט זיך, אַז דאָס געפינט איר זיך אין אַן אייביק־זוניקן לאַנד. בלויז איין מאָל האָט זיך דער הימל פאַרוואָלקנט אויף אַ ווייל. עס האָט אַ שפּריץ געטון מיט אַ רעגנדל און באַלד האָט דער בלויער הימל ווידער געשמייכלט ווי אַ פאַרוויינט קינד, וואָס האָט זיך לאַכנדיק אויסגעווישט די טרערן. און טאַקע צוליב דער דאָזיקער נאַטור־שיינקייט רופט מען זי „די שווייץ פון לאַטיין־אַמעריקע".

אַ קליין לענדל אַריינגעקוועטשט צווישן צוויי לייבן — בראַזיל און אַרגענ־טינע, אויף וועלכע זי איז אָנגעוויזן מיט איר עקאָנאָמיע, — מוז זי גוט לעבן מיט אַלעמען. מיט בראַזיל האָט זי אַ טרוקענע גרענעץ. איר גרענעץ מיט אַר־גענטינע איז דורכן לאַ פּלאַטאַ־טייך. פאַראַן געגנטן ווו דער טייך, וועלכער טיילט אָפּ ביידע לענדער, איז נישט אַזוי טיף, און מ'קען אים ביי אַ נויטיקער געלעגנהייט אַריבערשפּאַנען. ביידע לענדער זענען אירע שטאַרקע קאָנקורענטן אויפן וועלט־מאַרק, — קעמפט זי שווער פאַר אירע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס. אויף איר שטח פון צוויי און זיבעציק טויזנט הונדערט דריי און פופציק סקווער מייל פאַרמאָגט זי אַ באַפעלקערונג פון צוויי מיליאָן זעקס הונדערט און פופציק טויזנט; פון זיי — זעקס און אכציק טויזנט ווייסע און די איבעריקע מעסטיצאָס און אינדיאַנער. דאָס לאַנד איז אַביסל גרעסער ווי דער אַמעריקאַנער שטאַט נאָרד דאַקאָטאַ. זי איז אַנטדעקט געוואָרן דורך כוּאַן דיאַס דע סאָליס, אַ שפּאַניער, אין יאָר 1516. אָבער אַ צופאַל האָט געוואָלט, אַז די פּאָרטוגעזן זאָלן האָבן אַנט־דעקט קאָלאָניאַ און זיך דאָרט באַזעצט הונדערט יאָר שפּעטער. נאָך אַ לאַנגן, שווערן קאַמף האָט שפּאַניע צוריק דעראָבערט דאָס לאַנד פון די פּאָר־טוגעזן אין יאָר 1778. דריי און דרייסיק יאָר שפּעטער, אין יאָר 1811, רעוואָל־טירט דאָס לאַנד קעגן שפּאַנישן יאָך. אַ פּאָר יאָר שפּעטער ווערט זי ווידער פאַר־כאַפּט פון די פּאָרטוגעזן אין בראַזיל. מיט דער הילף פון איר צווייטן שכן, אַרגענטינע, ווערט זי אין יאָר 1825 ווידער אומאָפּהענגיק און אין יאָר 1830 ווערט זי אַ רעפּובליק פאַר זיך.

אורוגוואַי איז אַ דעמאָקראַטיש לאַנד. זי האָט אַ סך קרבנות אוועקגעגעבן פאַר איר דעמאָקראַטיע. געווען אַ צייט ווען דאָס לאַנד האָט געקעמפט פאַר איר אומאָפּהענגיקייט און דעמאָקראַטיע און פאַרגאָסן אַזוי פיל בלוט, אַז זי

האָט דאָן באַקומען דעם נאָמען „דאָס פורפור לאַנד״, — איז דערפאַר אַ וווּנדער וואָס, בעת איך האָב צום פירטן מאָל באַזוכט מאָנטעווידעאָ, האָט דאָרט פּאַסירט אַ זאַך, וואָס פּאַסט זיך שוין גאָרנישט פאַר אַ דעמאָקראַטיש לאַנד: די דאָרטיקע ייִדן האָבן אַ בית־עולם אין אַ פאַרשטעטל פון מאָנטעווידעאָ. דאָרט האָבן אויך ענגלענדער און אַנדערע מינדערהייטן בית־עולמ׳ס. פּלוצלינג האָט מען געהעכערט דעם אָפּצאָל פאַר ייִדישע מתים אויף גאַנצע הונדערט און צוואַנציק פּראָצענט, בעת דער פּרייז פאַר מתים פון אַנדערע מינדערהייטן, גלייך אין שכנות, איז פאַרבליבן דער זעלבער. האָבן ייִדן שוין אַ פּאָר מאָל אינטערווענירט און באַקומען דעם זעלבן ענטפער: „ייִדן האָבן אַ סך געלט״... מ׳קען זיך אָבער טרייסטן, וואָס אַט די האַנדלונג איז געקומען פון בירגערמייסטער פון יענעם שטעטל און האָט גאָרנישט צו טון מיט דער רעגירונג.

דער ביז איצטיקער רעגירונגס־סיסטעם איז געענדערט געוואָרן דורך אַ רעפערענדום: אַנשטאָט אַ פּרעזידענט, ווערט דאָס לאַנד איצט רעגירט פון אַ פּרעזידיום — אַ קאָלעגיום פון דריי — אין וועלכער עס גייען אַריין די דריי פּאָליטישע פּאַרטייען פון לאַנד.

זייענדיק אַזוי נאָענט צו צוויי גרויסע ייִדישע ישובים האָט אורוגוואַי, בעת עס איז אָנגעגאַנגען אַ גרויסע ייִדישע אימיגראַציע אין די דרום־אַמעריקאַנער לענדער, נישט צוגעצויגן אַ גרויסע צאָל ייִדישע אימיגראַנטן. ערשט ווען אין אַנדערע לענדער האָבן זיך אָנגעהויבן אימיגראַציע־באַשרענקונגען, האָבן ייִדישע אימיגראַנטן אָנגעהויבן קומען קיין אורוגוואַי.

דער דאָרטיקער ייִדישער ישוב רעכנט זיך פאַרן ייִנגסטן ישוב אין דרום־אַמעריקע. כאָטש שפּורן פון אַ ייִדישער פאַרגאַנגענהייט אין אורוגוואַי פירן צום זיבעצנטן יאָרהונדערט, ווען די פּאָרטוגעזן האָבן דאָרט פאַרכאַפּט קאָלאָניאַ און זיי האָבן דאָרט געהערשט ביזן יאָר 1778. לויט דעם היסטאָריקער באַלעס־לאַוו לעווין, זענען צווישן די פּאָרטוגעזן, וואָס האָבן זיך באַשעפטיקט מיט האַנדל און קאָנטראַבאַנד, געווען אַ באַדייטנדיקער טייל אַנטלאָפענע אנוסים פון פּאָרטוגאַל. פון יענער צייט זענען פאַרבליבן לעבעדיקע שפּורן. אָפיציעל האָט זיך די ייִדישע איינוואַנדערונג אָנגעהויבן מיט די ספרדישע ייִדן, וואָס זענען געקומען פון די אַראַבישע לענדער אין נײַנצנטן יאָרהונדערט. פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה איז שוין אין אורוגוואַי געווען אַ הייפעלע אשכנזישע ייִדן. זייער צאָל איז נישט געוואַקסן, ביז נאָכן פאַרענדיקן פון דער מלחמה; דאַן זענען צוגעקומען מזרח־אייראָפּעיִשע ייִדן קיין אורוגוואַי. אַ גרויסער טייל פון זיי זענען פון דאָרט אַוועקגעפאָרן אין די שכנהשע לענדער, אַרגענטינע און בראַזיל, וואָס האָבן דאַן שוין פאַרמאָגט גרויסע ייִדישע ישובים. ערשט אין יאָר 1933, ווען דער היטלעריזם האָט אָנגעהויבן צו פאַרסמען דייטשלאַנד און די שכנהשע

לענדער, האָט זיך אָנגעהויבן אַ גרעסערע אימיגראַציע קיין אורוגוואַי. ייִדן פון דייטשלאַנד, בעלגיע, פראַנקרייך, איטאַליע און מזרח־אייראָפּעיִשע ייִדן וואָס האָבן יאָרנלאַנג געלעבט אין די דערמאָנטע לענדער, האָבן זיך געראַטעוועט קיין אורוגוואַי. אין די שרעקלעכע, גורלדיקע יאָרן, פון 1930 ביזן יאָר 1949, ווען עס האָט זיך שוין געהאַט פאַרענדיקט די ייִדישע טראַגעדיע, זענען איבער פופצן טויזנט ייִדן געקומען קיין אורוגוואַי. מען קען רעכענען אַז אין אורוגוואַי געפינען זיך היינט צו טאָג אַ פערציק טויזנט ייִדן — דאָס רוב איינגעוואַנדערטע. ייִדן האָבן אויך דאָרט אָנגעהויבן מיט דער לאַטיין־אַמעריקאַנער ייִדישער פרנסה פון טראָגן אַ פעקל אויף די פּלייצעס, פאַרקויפנדיק פאַרשיידענע סחורות צו די דאָרטיקע איינוווינער. עס האָט נישט לאַנג גענומען און די דאָרטיקע ייִדישע אימיגראַנטן האָבן אָנגעהויבן צו פאַרנעמען אַ וויכטיקן פּלאַץ אין דער אַנטוויקלונג פון דער דאָרטיקער אינדוסטריע. ייִדישער פלייס און ענערגיע האָט אויך דאָ, ווי אין אַלע אַנדערע לאַטיין־אַמעריקאַנער לענדער, באַוויזן זיינע פעיִקייטן; ייִדן האָבן געגרינדעט עקספּאָרט־ און אימפּאָרט־געשעפטן, טעקסטיל־ און קליידער־אינדוסטריע, אויטאָמאָביל־אימפּאָרטערס, טריקאָטאַזש־פאַבריקן, רעסטאָראַנען און האָטעלן. פיר ייִדישע וועבערייען, וואָס באַשעפטיקן הונדערטער אורוגוואַיער־אַרבעטער, געפינען זיך אין מאָנטעווידעאָ, און אַזוי אויך מיט אַנדערע ייִדישע אונטערנעמונגען וואָס באַשעפטיקן אורוגוואַיער אַרבעטער. די דאָרטיקע רעגירונג שאַצט אָפּ דעם ייִדישן ביישטייער צו דעם וווּקס פון לאַנד. מאָנטעווידעער ייִדן פאַרמאָגן אויך אַ גוט אָרגאַניזירטן געזעלשאַפטלעכן אַפּאַראַט — אַ צענטראַלע קהילה און אַ צענטראַל־קאָמיטעט פון אַלע ייִדישע אָרגאַניזאַציעס. היות דער אורוגוואַיער ייִדישער ישוב איז דער ייִנגסטער אין די לאַטיין־אַמעריקאַנער לענדער, פאַרמאָגט ער דערפאַר יונגע, פרישע כוחות.

אויף אַנדעס — וואָס איז נישט ווייט פון שטאָטישן צענטער — און אין די אַרומיקע גאַסן דאָרט, קענט איר אָנטאַפּן ייִדישקייט מיט די הענט. אין יענער געגנט האָבן זיך באַזעצט די ערשטע ייִדישע איינוווינער, ווי אויף קאָריענטעס און לאַוואַזשע אין בוענאָס־איירעס, אָדער כעסוס מאַריאַ אין מעקסיקע, אָדער גאָר אויף דער ניו־יאָרקער איסט סאַיד; און, ווי דער סדר איז, פון דאָרט זיך אויסגעשפּרייט איבער דער גאַנצער שטאָט, אָנגעשלאָגן אין די שענסטע און רייכסטע געגנטן, געמאַכט פּלאַץ פאַר נייע אימיגראַנטן, פאַר וועמען אַנדעס איז דער עטאַפּ אין די גרינע יאָרן.

**
*

אַ מאָדנער באַקוועמער ענגלישער ליעלאַנד־אָמניבוס פירט מיך פון מאָנטעווידעאָ קיין פּאַיסאַנדו — די צווייטע שטאָט פון אורוגוואַי. דער וועג —

קאָנקרעט־אַספאַלט. ביסלעכווייז פאַרשווינדן די מאָנטעווידעער גאַסן און עס שווימען אַפיר פון ברייטן האָריזאָנט לאַנגע שטרעקעס מיט ברייטע, פלאַכע פעל־דער מיט רייפע, פולע זאַנגען וואָס גלאַנצן אין דער זון ווי געלבלעך גאָלד. ווען די פעלדער מיט די זאַנגען פאַרשווינדן ציט זיך אַ שטרעקע ביימער באַלאָדנט



די געביידע פון דער יידישער קהילה אין מאָנטעווידעאָ

מיט פאַרשיידענע פרוכטן. דאָרט ווו די ערד איז נאַקעט זעט זי אויס טונקל־רויט. עס באַווייזן זיך פון בײדע זייטן וועג קליינע ווייסגעקאַלעכטע הייזקעס מיט רויטע דעכער, אַרומגעצוימט מיט גערטנער — דאָס זענען די וואָס קולטי־ווירן גרינסן און מילך־פּראָדוקטן פאַר דער שטאָטישער באַפעלקערונג; זיי פאַר־נעמען איצט דעם פלאַץ פון אַמאָליקן „פעאָן" וואָס האָט יאָרנלאַנג שווער גע־

אַרבעט. דאָ און דאָרט זעט איר נאָך אויפֿן וועג אַ גרויסע עסטאַנציע (פּריצישער הויף) און אַרום איר — הייזקעס פֿון פּעאָנען פֿון אויסגעטריקנטער בלאָטע און שטרוי־דעכער. דאָרט לעבן די פּעאָנען וואָס אַרבעטן אין די עסטאַנציעס, אָן וואַסער, אָן ליכט. אָבער זיי זענען היינט צו טאָג אין אַ נישטיקער צאָל; זיי אַנטלויפֿן ביי דער ערשטער געלעגנהייט אין שטאָט אַריין. בעת דאָס לאַנד איז אין די לעצטע יאָרן געוואַקסן און אַנטוויקלט זיך, שכירות זענען געהערט געוואָרן, — איז דער פּעאָן פֿאַרבליבן „דער פֿאַרגעסענער מאַן"; זיין שכירות און לעבנס־סטאַנדאַרד איז פֿאַרבליבן ווי מיט יאָרן צוריק. איך הער זיך צו צו אַן אינ־טערעסאַנטן שמועס וועגן דעם פּראָבלעם, וואָס ווערט געפֿירט אין דער פֿאָדערשטער שורה פֿאַר מיר, פֿון צוויי דיקלעכע הויכע מענער — לויט דעם אויסזען — ביידע „עסטאַנציעראָס", וואָס פֿאָרן איצט פֿון מאָנטעווידעאָ אַהיים צו זייערע עסטאַנציעס:

— די לאַגע — קלאָגט זיך דער ערשטער — איז מער נישט אויסצוהאַלטן...

— קאַטאַסטראָפֿאַל — קוועטש אַרויס צווישן די ציין דער צווייטער פֿאַרשוין.

— האָסט געזען דעם ריזיקן שילד ביים האָטעל ווי זיי פֿאָדערן אַגריקולטור־רעפֿאָרמען?...

—נו, און וואָס איז מכוח אונדזער שווערער אַרבעט?

— פֿאַרפֿאַלן, — ענטפֿערט ווידער דער ערשטער — די שטאָט האָט אַ תל געמאַכט פֿון פּעאָן; ער האָט אָוועקגעוואָרפֿן די באָמבאַטשאָס (אַרבעטס־הויזן פֿון קאַמפּ), אָנגעטון שטאָטישע קליידער, און איך האָב מורא, אַז ער וועט שוין נישט אַזוי גיך צוריקקומען אין קאַמפּ... דאָס וועט אויך שעדיקן די וואָל־פּראָדוקציע און פֿיי־צוכט... —

— זאָל זיך די רעגירונג זאָרגן! — פֿאַרענדיקט ווידער דער צווייטער.

דער אָמניבוס טראָגט זיך איצט מיט דער גרעסטער שנעלקייט איבער דעם ברוקירטן אַספֿאַלט־וועג. איך קוק אַרויס דורכן פֿענצטער אויף די באַלאָדענע תבואה־פֿעלדער פֿון וואַנען עס טראָגט זיך אַן אָנגענעמער פֿרישער ריח, און אין מיין זכרון שווימען איצט אויף בילדער פֿון מיינער אַ רייזע מיט דרייסיק יאָר צוריק, טאַקע קיין פּאַיסאַנדו:

איך האָב זיך דאַן געפֿונען אויף אַ רייזע איבער די ייִדישע קאָלאָניעס אין אַרגענטינע, אין דער פּראָווינץ ענטרע ריאָס, וווּ עס געפֿינט זיך דער גרעסטער טייל פֿון די ייִדישע קאָלאָניסטן און ציִען זיך ביז צו דעם טייך אורוגוואַי וואָס טיילט אָפּ ביידע לענדער — אַרגענטינע און אורוגוואַי.

דער זאַפֿטיקער ריח פֿון תבואה און די אָפּגעברענטע, בדאָנדזענע פּנימער און ווייס־פּערלדיקע ציין פֿון די ייִדישע קאָלאָניסטישע טעכטער, האָט מיין בלוט

אַנגעגאָסן מיט אַ שטיפערישער, זאַרגלאָזער פרייד. און אַזוי האָב איך געשפּאַנט אונטער דער ברענענדיקער זון פון איין קאָלאָניע צו דער צווייטער, ביז איך בין געקומען צום טייך אורוגוואי; מיין וואַנדער־לוסט האָט דאַן נישט געוואָלט וויסן פון אַ גרענעץ.

ווען די זון האָט אין אַ פאַרכשופטן פאַרנאַכט זיך געטוליעט צו די כוואַליעס פון אורוגוואי, האָב איך זיך געגליטשט איבערן טייך צו דעם ברעג אויף יענער זייט. אין אַ זוניקן פרימאָרגן בין איך אַראָפּ פון שיפל אין דער אורוגוואַיער שטאָט פּאַיסאַנדו. די זון האָט וואָס אַמאָל מער געשרפעט און געסמאַליעט מיין ווייס אייראָפּעיִש פּנים און איך האָב געזוכט אַ שאָטנדיק ווינקל ווו צו אַנטלויפן פון דער זון וואָס האָט געבראָטן ווי אַ קאַלך־אויוון. אָפּגייענדיק אַ פּאָר גאַסן איז מיין בליק געפאַלן אויף אַ שאָטנדיקן ווינקל, אַרומגעצוימט מיט ביימער אויף אַ לאַנגער שטרעקע. איינגעטונקען אין שווייס בין איך אַריבער דעם אָפּגעצוימטן פּאַרק און באַמערקט, אַז איך געפין זיך דאָ אויף דעם שאָטנדיקן בית־עולם, וואָס איז, מיט זיינע קאָסטבאַרע מצבות און פאַמיליען־קברים פון מאַרמאָר, פלאַ־טין, און די שיינע קינסטלערישע מאַלערייען, ענלעך געווען צו אַ געשמאַקפולן מוזעום.

אַ נייגעריקער בין איך געגאַנגען פון איין פאַמיליע־קבר צום צווייטן און געלייענט די שפּאַנישע נעמען וואָס זענען געווען אויסגעקריצט מיט די קאָסט־באַרע פאַרבן. מיין בליק האָט זיך פּלוצעם אָפּגעשטעלט אויף אַ קליינעם, פלאַכן שטיין, וואָס האָט אויסגעזען נאָך קלענער צווישן צוויי גרויסע גראַניט־שטיינער, און צו מיין פאַרוווּנדערונג האָבן פון דעם קליינעם איינפאַכן שטיין אַרויסגעקוקט דריי פּשוטע ייִדישע ווערטער: „האשה קלאַסטאַרניק ליבע".

דער אויפזעער פון בית עולם האָט מיך מאָדנע באַטראַכט, ווען איך האָב דורכויס געוואָלט וויסן מער אינפאָרמאַציע וועגן די דריי ייִדישע ווערטער וואָס האָבן דאָ, אינעם פאַרוואָרפענעם ווינקל, פאַרבלאָנדזשעט. נאָך דעם ווי ער האָט דורכגעלייענט די ליסטע מיט די נומערן פון די קברים האָט ער מיר געגעבן דעם נאָמען פון דעם „רוסאָ" וואָס האָט דעם שטיין געשטעלט: אייזיק קלאַסטאַרניק, אַ קאָלאָניסט פון דער קאָלאָניע „19 דע אַפּריל", וואָס האָט זיך דאַן געפונען נישט ווייט פון פּאַיסאַנדו.

ווען איך בין שפּעט אין אָוונט געקומען אין דער קאָלאָניע „19 דע אַפּריל" האָט אין אַ „ראַנטשאָ", נאָענט פון וועג וואָס איז געווען אַרומגעצוימט מיט „אַלאַמבּרעס" (דראָטן), געצאַנקט אַ לעמפּל. ווען איך האָב אַ פּאָר מאָל געפּאַטשט אין די הענט — אַ צייכן, אַז איך בין אַ פרעמדער און וויל וועמען זען, — איז אַרויס אַ ברייטפּלייציקער ייִד, מיך באַגריסט מיט אַ „בוענאָס נאָטשעס סעניאָר!" (אַ גוטן אָוונט מיין הער); אָבער באַלד, קוקנדיק אויף מיר, האָט ער מיר אַריינ־

גערוקט אַ ברייטע, האַרטע האַנט באַדעקט מיט מאַזאָלעס, מיט אַ פריינטלעכן יידישן „שלום עליכם״.

— פון וואַנען קומט אַ ייד?

אויף מאָרגן גאַנץ פרי, ווען אין דרויסן האָט געגומען בלויען אויף טאָג, בין איך צוזאַמען מיט דעם יידישן קאָלאָניסט אַוועק אין פעלד צו דער אַרבעט, און באַשלאָסן, אַז עס איז בעסער אַז אייזיק קלאָסטאַרניק זאָל מיר זיין געשיכטע דערציילן ביי דעם אַקעראייזן, אין דער בלויקייט פון אַנקומענדיקן פרימאָרגן.

טריט ביי טריט בין איך אים נאָכגעגאַנגען. הינטער אונדז זענען געלעגן די פעלדער פון דער קאָלאָניע איינגעהילט אין אַ רויכערדיקן נעפּל. ער האָט פעסט געהאַלטן דאָס אַקעראייזן אין זיינע הענט און לאַנגע פאַסן ערד האָבן זיך געלייגט פוןביידע זייטן. זיין ברייטע באָרד, וואָס איז ענלעך געווען צום פערל־דיקן טוי, האָט געפלאַטערט פון ווינטל וואָס האָט פון ערגעץ־ווו געבלאָזן. אין דער נעפּלדיקער בלויקייט פון אַנקומענדיקן מאָרגן האָב איך ערשט איצט בעסער באַמערקט זיין קליין, פאַרהאַרטעוועט פאַרמעט־פנים.

עס איז נישט נייטיק געווען ער אַליין זאָל מיר זיין געשיכטע דערציילן. ווען פון די פלאַכע פעלדער האָט זיך גענומען אויסשיילן דער קומענדיקער טאָג און לאַנגע פאַסן זון־ליכט האָבן זיך דורכגעריסן דורך דער טונקלקייט, האָט זיך פון וויטנס אָפּגעריסן אַ קליין פינטעלע וואָס איז אַלע מאָל גרעסער געוואָרן. דאָס איז געווען זיין טעכטערל, אַ מיידעלע פון עלף יאָר. זי איז פייל פון בויגן אַנגעלאָפן רייטנדיק אויף אַ פערד און איינגעהילט אין אַ וויסן „גוואַרדאַפּאָלוואָ״ (שטויב־מאַנטל); אירע צעפּעלעך פאַרפלאָכטן אויף אונטן און זי האָט אויס־געזען ווי אַ קליין ווייס מלאכל, וואָס די גאָלדענע זון־שטראַלן האָבן פון ערגעץ מיט זיך געבראַכט. זי האָט געבראַכט עסן פאַר אונדזביידן.

אין אַ ווינקל צווישן ביימער האָבן מיר זיך אַוועקגעזעצט אויף פרישן גראָז און ער האָט פאַר מיר אָנגעהויבן דערציילן זיין געשיכטע — די געשיכטע פון אַט דעם וויט־פאַרוואָרפענעם יידישן ווינקל:

— צען יידישע פאַמיליעס זענען זיי געווען, די פּיאָנערן פון אַ יידישן ישוב אויף די וויטע פעלדער פון אורוגוואַי. זייער געשיכטע האָט זיך נאָך אָנגעהויבן אין כערסאָן, אין דער אוקראַינע, פון וואַנען זיי האָבן אויסגעוואַנדערט אויפן רוף פון באַראָן הירש ז״ל, כדי צו ווערן פּראָדוקטיווע יידישע פּויערים אין אַ וויטן לאַנד. נאָך גלגולים און וואַנדערונגען זענען זיי אָנגעקומען אין דער יידישער קאָלאָניע אין בראַזיל קוואַטראַ אירמאַנס (פיר ברידער). דאָרט האָבן זיי זיך געפּלאָגט יאָרן אויף די בלאָטיקע זומפּן. די שוואַכע זענען אַנטלאָפן אין די נאָענטע שטעטלעך, זיך גענומען צו די שטאָטישע לופט־פּרנסות. אַ גרופּע פון צוואַנציק משפּחות זענען פאַרבליבן עקשנים, האָבן זיך נישט געוואָלט אָפּ־

רייסן פון דער מאַמע־ערד. דורך אַ צופאַל האָבן זיי זיך דערוווּסט, אַז די אורו־גוואַיער רעגירונג גיט ערד אויף גוטע באַדינגונגען צו נייע קאָלאָניסטן; זענען זיי אַהערגעקומען באַאַרבעטן די ערד און בויען זיך היימען. „און אַזוי — דער־ציילט ער מיר — זענען מיר, צוואַנציק יידישע משפחות, אַהערגעקומען. געפּיי־ניקט געוואָרן פון שטורמישע רעגנס, טראָפּישער זון און אָן אַ דאַך אַפילו איבער אונדזערע קעפּ. שלאַנגען און ווילדע חיות האָבן אונדז געביסן... נישט אַלע פון אונדז האָבן געקענט אַריבערטראָגן די יסורים, און אויך זי, מיין לעבנסבאַגלייטערין, האָט נישט געקענט מער אויסהאַלטן און זי איז דאָ געשטאָרבן. איך האָב זי אַפילו נישט געקענט ברענגען צו קבר־ישראל; איצט — האָט ער טרויעריק פאַרענדיקט — ליגט זי דאָרט, אויפן קריסטלעכן בית־הקברות, אַרומגערינגלט מיט צלמים...״ — — — — — — — — — — — — — — — — — .

דער קאָנדוקטאָר האָט אויסגערופן „פּאַיסאַנדו!״ מיינע געדאַנקען זענען מיט איינמאָל איבערגעריסן געוואָרן...

אויף די חורבות פון אַ ייִדישער קאָלאָניע אין בראַזיל

פון מאָנטעווידעאָ, די הויפּטשטאָט פון אורוגווי, גייט אַן עלעקטרישע באַן וואָס שניידט דורך דאָס קליינע לענדל ביז צו דער בראַזיליענער גרענעץ. פון דאָרט, ווידער, נעמט איך אַ באַנדל מיט איין וואַגאָן איבער דער גרענעץ ביז פּעלאָטעס — אַ שטאָט אין דער פּראָווינץ פון ריאָ גראַנדע דא סול. איך האָב דאָס מאָל אויסגעקליבן דעם וועג, ווייל מיט שיפן, אַעראָפּלאַנען, און אַפילו מיט אַ פּרימיטיווער לאָדקע, האָב איך שוין געמאַכט מיינע נסיעות פון אַרגענ־טינע און אורוגווי קיין בראַזיל; פאַר איך איצט דעם וועג צום ערשטן מאָל מיט אַ באַן און צו דעם צו מיט אַן עלעקטרישער באַן... מיט דרייסיק יאָר צוריק, ווען איך בין געפאָרן מיט אַ שיף פון „לאיד בראַזיליערא" פון פּאָרטאָ אַלעגרע קיין ריאָ דע זשאַניירא, בין איך פאַרבייגעפאָרן פּעלאָטעס און דאָרט איז שוין דאַן געווען אַ קליינער ייִדישער ישוב, — בין איך נייגעריק צו זען ווי עס זעט איצט אויס דער ייִדישער ישוב. אָנגעקומען קיין פּעלאָטעס בין איך אין אַ זונטיק. די געשעפטן זענען געשלאָסן, קיין אַדרעס צו וועמען — האָב איך נישט, האָב איך אָנגעהויבן שפּרייזן איבער די קאַפעען, ווו מ׳טרעפט אין די שטעט ייִדן ביי באַזונדערע טישלעך. לאַנג זוכן האָב איך נישט גע־דאַרפט: אין אַ קאַפע, ווו עס האָט זיך פון אַלע עקן געטראָגן אַ רעש, האָב איך, צו מיין באַוווּנדערונג, דערהערט רעדן ייִדיש, און, צו מיין פאַרגעניגן, דערזען ייִדישע פּנימער. דאָס איז דער ייִדישער טיש אין קאַפע. עס האָט לאַנג נישט געדויערט און איך האָב אָנגעהויבן אַ געמיטלעכן שמועס מיט די דאָרטיקע ייִדן. וווּנדערט זיך אַ ייִד: „איר זענט אַזש געקומען פון ניו־יאָרק, כדי זיך צו באַקענען מיט אונדזערע ייִדן דאָ אין קאַפע?" איך פרעג זיך נאָך אויף אַמאָליקע תושבים, וועלכע איך געדענק נאָך פון צוריק מיט דרייסיק יאָר, און איך באַקום צוויי ענטפערס: געשטאָרבן, אָדער אַרויפגעאַרבעט זיך און אַוועק קיין ריאָ אָדער סאַן פּאַולאָ. די צאָל ייִדן דאָ איז זינט דאַן נישט גרעסער געוואָרן, אַדרבה — קלענער געוואָרן. פּעלאָטעס איז אַ שטאָט אויף בלויז אַרויפצואַרבעטן זיך און אַרויסרייסן זיך אין גרעסערע שטעט, ווו עס זענען פאַראַן שולן פאַר די קינדער און בחורים און מיידלעך מיט וועמען חתונה צו האָבן. אָט ווייזט מען מיר

שטילערהייט אָן אויף אַן עלטערן ייִד וואָס זיצט ווי אַן אבל ביים טיש, רעדט נישט אַרויס קיין וואָרט: — די טאָכטער זיינע האָט חתונה געהאַט מיט אַן איטאַליענער, — און זי איז נישט די איינציקע...

פון פעלאַטעס קיין פּאָרטאָ אַלעגרע, דער גרעסטער ייִדישער ישוב אין דער פּראָווינץ, גייט אַן אָמניבוס. ווידער שווימען אויף זכרונות פון מיט דרייסיק יאָר צוריק. איך דערמאָן זיך ווי די פּאָרטאָ אַלעגרער ייִדן האָבן אויסגעבויט אַ שיל, און אין סאַמע פראָנט אַוועקגעשטעלט צוויי פיגורן פון שטיין: משה רבינו מיט די ליכטלעך וואָס לייכטן און ווערן נישט פאַרלאָשן, און אַהרון הכהן מיט די לוחות.

אָפּפאָרנדיק אַ שטרעקע איז אונדזער אָמניבוס שטיין געבליבן; ווייטער פאָרן קען מען נישט... פון רעגן האָט דאָס וואַסער פאַרפליצט דעם וועג און מ׳מוז וואַרטן, — ווי לאַנג? איז דער ענטפער — קאַלמאַ בראַזיל, עס איז דאָ גענוג צייט... אַ האַלבן טאָג געוואַרט און דאָס וואַסער איז אַ ביסל אָפּגעלאָפן, מ׳האָט אונדז אַריבערגעפירט אויף דער אַנדערער זייט ברעג אין אַ לאָדקע. נאָכדעם האָט מען אונדזער אָמניבוס אַריבערגעפירט אויף לאָדקעס, און אויסגעווייקטע זענען מיר אַריין אין אָמניבוס און אָנגעקומען שפּעט ביינאַכט קיין פּאָרטאָ אַלעגרע.

אַ פראָנט־זייט, מיט פעטע אותיות איבער דער גאַנצער ברייט, האָט דער־ציילט אין אַ פּאָרטאָ אַלעגרער צייטונג, אַז אין דער ייִדישער קאָלאָניע קוואַטראָ אירמאַנס, וועלכע געפינט זיך אין דער דאָרטיקער פּראָווינץ, זענען אַריינגעדרינגען הונדערטער „אינטרוסאָס" (אַריינדרינגער), פאַרכאַפּט די פעלדער, און מען גרייט זיך אַהינשיקן מיליטער. האָט זיך אין מיר דערוועקט מיין זשורנאַליסטישע נייגעריקייט און איך האָב באַשלאָסן אַהינפאָרן און אויפן אָרט צו באַקענען זיך מיט דער איינציקער ייִדישער קאָלאָניע אין בראַזיל און מיט דער סיטואַציע. פון פּאָרטאָ אַלעגרע איז אָבער אַהינצו אַ היפּשער מהלך, וואָס דאַרף דויערן טעג און נעכט, — בלייבט נישט אַנדערש ווי כאַפּן אַן אַעראָפּלאַן און פליִען. גייען אָבער אַהינצו קליינע אַעראָפּלאַנען, וואָס שאָקלען זיך צו שטאַרק און קענען זיך אַמאָל אַ שאָקל טון ביז אויף דער ערד אַראָפּ... עס איז אָבער פאָרט הייסע נייעס... מיין נייגעריקייט האָט געזיגט... איך שנייד די בלויע זוניקע בראַזיליענער הימלען מיט אַן אַעראָפּלאַן וואָס האָט בלויז אַ וואָסערע זעקס פּאַסאַזשירן און האָט אַן אויסזען ווי אַ גרויסער הימישער מולטער. ביז פּאַסאָ פונדאָ פלי איך; פון דאָרט כאַפּ איך אַן אָמניבוס אין צווייטן שטעטל הערואַשים, און פון דאָרט נעם איך אַ צווייטן אָמניבוס, וואָס דאַרף מיך ברענגען אין דער ייִדישער קאָ־לאָניע קוואַטראַ אירמאַנס — אַ רייזע וואָס דאַרף דויערן אַ זעקס שעה צייט. צו מיין שלימזל האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַ שלאַקס־רעגן וואָס כליאַפּעט דאָרט

אַזוי ווילד און קאַפּריזנע. דער פּרימיטיווער וועג איז פאַרפּלייצט געוואָרן פון אַלע זייטן; דאָס וואַסער וואַקסט וואָס אַמאָל העכער, און אונדזער אָמניבוס סאַפּעט מיט אַלע כוחות אַרויסצורייסן זיך פון וואַסער־שטראָם וואָס וואַקסט יעדע מינוט גרעסער. פּרויען אַרום ווערן אומרויִק... דער שאָפער און זיין געהילף שפּרינגען אין וואַסער אַריין כדי צו העלפן דעם מאָטאָר, — אָבער אומזיסט... אָט האָסטו דיר אַן אַנשיקעניש! געווינט אין אַ שיינעם באַקוועמען האָטעל, האָט זיך דיר פאַרגלוסט אַן אַוואַנטורע... דאָ דערמאָן איך זיך מיין מאַמע עליה־השלומס טענות, ווען איך פלעג אַ געוואַגטער קריכן אויף די ביימער און באָדן זיך אין די טיפסטע וואַסערן, אַז „קיינער וועט אַמאָל נישט וויסן ווו מיין געביין וועט אַהינקומען"... פרויען־פּאַסאַזשירן ווערן היסטעריש... דאָס וואַסער רייסט זיך שוין אַריין אין אָמניבוס. איך פאַרשפּאַר איצט ווייטער צו טראַכטן; די געדאַנקען האָבן זיך מיט איינמאָל אָפּגעשטעלט... מיט איינמאָל דערזע איך, אין דער טונקלקייט פון דער אָנקומענדיקער נאַכט, שווימענדיקע פינטעלעך דער־נענטערן זיך צו אונדזער אָמניבוס. בראַזיליענער פּויערים, באַלאָדנט מיט שטריק און העק, שפּרינגען אַראָפּ פון די שווימענדיקע פערד, און די רעטונגס־אַרבעט האָט זיך אָנגעהויבן... אונדזער אָמניבוס שלעפּט זיך ווידער איבער דעם בלאָ־טיקן וועג.

ביי דער אָמניבוס־סטאַנציע האָט מיך אָפּגעוואַרט דער אַדמיניסטראַטאָר פון דער קאָלאָניע, הער שאַל, אַ דייטשער, וואַרעמער נאַציאָנאַלער ייִד, און מיר אין אָמניבוס אַריין געבראַכט אַ פּאָר היימישע שטיוול, וועלכע איך האָב גלייך געמוזט אָנטון, כדי צו דערגרייכן זיין הוים, ווו עס האָט אויף מיר געוואַרט וואַרעמקייט און גאַסטפריינטלעכקייט.

מיין ערשטער שפּאַציר אין דער קאָלאָניע האָט אויף מיר געמאַכט אַ פיינ־לעכן איינדרוק: אַן איינגעפונדעוועטע אָרעמקייט; קרעמלעך, פון וועלכע עס האָט אַרויסגעפּייפט דער דלות, ווי אין די אָרעמע פּוילישע שטעטלעך בימי גראַבסקי; ייִדן האָבן זיך אַרומגעדרייט מיט היימישע וואַטאָווע שפּענצערס; היי־זער געבויט פון ברעטער; צוזאַמענגעפּלאַכטענע הייזקעס וואָס רייסן די אויגן מיט זייער אָפּגעלאָזנקייט. דאָ און דאָרט דערזעט איר אַן אַלטן מאַן, אָדער פרוי, — די יוגנט? זיי זענען אַלע אַנטלאָפן אין די שטעט: — ווער עס האָט געהאַט כוח — דערציילט מיר אַן עלטערער ייִד, מיט אַ קאַפּעליוש וואָס זעט אויס אַן איבערבלייבעכץ פון תרחס צייטן, איינגעהילט אין אַ צעריסענעם אַלט־מאָדישן מאַנטל, — איז אַנטלאָפן פון דאַנען. אַנדערע האָבן דאָ פאַרלוירן די כוחות, דאָס לעבן — אויך, — קוקט ער אויף מיר מיט נייגעריקייט — איר פאַרשטייט? נישט אַזוי לייכט איז אָנגעקומען צו אַנטלויפן פון דאַנען... יאָרן אַוועקגעגעבן די ערד דאָ, אַריינגעלייגט אַזוי פיל בלוט און שוויס... און מיט

איינמאָל נעם און לאָז אַלץ איבער אויף הפקר... זענען אַ טייל פון אונדז געווען עקשנים און געבליבן: „דאָ — האָבן זיי געטענהט — וועלן מיר שוין פאַרענדיקן אונדזערע יאָר״.

דער שמש פון שיל, וואָס האָט חוץ זיין שמשות אַ טוץ אַנדערע מלאכות, האָט מיך געפירט אין דער דאָרטיקער שיל אַריין, וואָס איז פון די אָרומיקע הייזער די איינציקע געבוידע פון ציגל. יאָרצייט־ליכט האָבן געצאַנקט אין אַ האַלב־צעבראָכענעם עמוד וואָס איז צוזאַמענגעשטעלט פון ברעטער; אויסגעמאָלענע אותיות איבערן ארון קודש: „תפילה בלי כוונה כגוף בלי נשמה״; פון אָפּגעבלאַקעוועטן פרוכת האָט אַראָפּגעקוקט די אויפשריפט: „נדבת דוד פיינגלאָז ומשפחתו, עבור נשמת אשתו״; צעריסענע סידורים זענען געלעגן אויף די בענק; אויף מזרח־וואַנט האָט ברייטלעך געהאָנגען אַן אויפרוף פון דער „יוני־פיקאדא״ (פאַראייניקטע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע אין בראַזיל) בייצושטייערן פאַרן פאַראייניקטן קאַמפּיין פאַר מדינת ישראל; אויף דער צווייטער זייט פון בעלעמער — די גרינדונגס־פּראָקלאַמאַציע פון מדינת ישראל, און אין פאַדערשטן צימערל ביים סאַמע אַרויסגאַנג, וואָס דינט ווייזט אויס ווי אַ פּאָליש, — די בילדער פון ד״ר הערצל, פּראָפ׳ חיים ווייצמאַן און בן גוריון. דער שמש האָט געזען, אַז איך קוק אַזוי ערנסט אויף די בילדער, האָט ער זיך ווי פאַרענטפערט: — מיר וואָלטן די בילדער אַריינגעהאָנגען אין שיל אין סאַמע פראָנט פון מזרח־וואַנט, אָבער פאַראַן דאָ פרומע יידן וואָס טענהן, אַז זיי האָבן נישט קיין יאַרמולקעס — עס איז פאָרט אַ מקום קדוש... דער שמש, אַ באַרעדעוודיקער יידל, דערציילט מיר ווייטער: — איר זעט דאָרט די יאָרצייט־ליכט? דאָס זענען טאַקע פון נפטרים וואָס זענען דאָ געשטאָרבן נישט מיט קיין נאַטירלעכן טויט, טאַקע דאָ אין קוואטרא אירמאנס. איינער איז געביסן געוואָרן פון אַ שלאַנג, דער צווייטער — פון מאַלאַריע, דער דריטער פון... איך בין פון די סאַמע ערשטע קאָלאָניסטן אין קאָלאָניע, — באַרימט ער זיך — מ׳האָט דאָך באַדאַרפט זיין — דערציילט ווייטער דער שמש — אַ שמשון הגבור אויסצוהאַלטן די צרות, דעם קלימאַט, די שווערע אַרבעט און אַ סך אַנדערע אַנשיקענישן.

יידן אין שטעטל האָבן זיך דערוויל דערוווסט, אַז אין קאָלאָניע געפינט זיך אַ גאַסט נישט קיין ייקאַ־באַאַמטער און נישט אַ קאַמפּיין־מאַכער, האָבן זיי זיך, איינער נאָכן אַנדערן, גענומען, שטילערהייט מיט נישט זיכערע טריט, אַריינשליכן אין שיל אַריין און מיר דערלאַנגט אַ שלום־עליכם. איך האָב דערפילט האַרטע דלאָניעס מיט מאַזאָלעס... פאַרוואָקסענע פּנימער פון הייסע ווינטן און רעגנס האָבן צו מיר געקוקט נייגעריקע — אפשר ברענג איך עפּעס גוטע נייעס פון מרחקים? — ווער אַמאָל — האָט מיך אַ ייד, מיט אַ ברייטער בעל־הבתישער באָרד, אַ פרעג געטון — קומען די ישועה אויפן יידישן פאָלק? דער־

ווייל איז דאָ גרויסע צרות, דאָס מלכות (מיינענדיק די רעגירונג) איז טאַקע אויף אונדזער צד, אָבער... אַ צווייטער ייִד האָט אים נישט געלאָזט פאַרענדיקן: — נישקשה, מ׳וועט זיך מיט די בוגערס (האַלב־ווילדע בראַזיליענער) אַן עצה געבן! ערשט פאַרנאַכט, ווען איך בין געווען דער גאַסט פון מר. שאל, האָב איך זיך דערוווּסט איינצלהייטן פון דעם איבערפאַל פון די „איגטרוסאָס״; אַז דאָס איז שוין נישט קיין נייע דערשיינונג, נאָר פון יאָרן. די בראַזיליענער וואָס האָבן נישט קיין אייגענעם באָדן, פאָרן אַרום רייטנדיק הפקר אויף גאַטס וועלט מיט אַסאַדע (געבראָטן פלייש) און מאַטע (אַ געטראַנק פון גראָזן) — דאָס גאַנצע פאַרמעגן ביים זאָטל פון פערד, — אַז טויזנטער פון זיי זענען באַפאַלן די קאָלאָניע און פאַרכאַפּט דעם ליידיקן באָדן פאַר זייער אייגנטום. די רעגירונג האָט גלייך געשיקט מיליטער, וואָס האָט זיי צוריק אַרויסגעטריבן. און דאָ — האָט מיר מר. שאל פאַרזיכערט — האָט זיך נישט געהאַנדלט אין אַ וועלכע עס איז אַנטי־ייִדישע אַרויסטרעטונגען; גאַנץ איינפאַך — לאַנגע שטחים נישט באַאַרבעטע ערד האָבן צוגעצויגן די אַזוי גערופענע „אינטרוסאָס״, די באַאַמטע פון דער קאָלאָניע האָבן גלייך אינטערווענירט ווו מען דאַרף און די רעגירונג האָט די אַריינדרינגער געגעבן אַ באַפעל צו פאַרנעמען זיך, אָדער מ׳וועט זיי אַרויסטרייבן מיט וואָפן. מיט דעם איז דאָס נאָך נישט פאַרענדיקט; שוין אייניקע מאָל ווי די לאָקאַלע רעגירונג האָט זיך פאַרמאָסטן אָנצונעמען אַ געזעץ, אַז די ערד פון דער „יעוויש״ (אַזוי ווערט די ייִקאָ גערופן אין יענע לענדער — די פאַרגרייזונג פון זשואיש) זאָל פאַרטיילט ווערן צווישן די דאָרטיקע אָרעמע פויערים, אָנשטאָט צו פוסטעווען; דערווייל איז דאָס איר נישט געלונגען.

אויף צומאָרגנס בין איך איינגעלאַדן געוואָרן צו פאָרן מיט דער ייִדישער באַן, וואָס איז דאָס אייגנטום פון דער ייִקאָ: אַ פערציק וואַגאָנען מיט אַ לאָקאָמאָטיוו, אויף וועלכן איר לייענט טאַקע די אויפשריפט: „ייִקאָ״. דער מאַשיניסט —אַ צפתער געבוירענער ייִד מיטן נאָמען אביעזר מוזשאַליב — האָט מיך געפירט מיט דער באַן איבער דער קאָלאָניע, און לכבוד דעם גאַסט האָט דער לאָקאָמאָטיוו געפייפט — אַ צייכן, אַז דאָס פירט ער נישט גלאַט וועמען, נאָר אַ גאַסט פון דער גרויסער, ברייטער וועלט. מוזשאַליב רעדט אַ פיינעם ספרדישן עברית און זינגט, זיצנדיק ביים לאָקאָמאָטיוו, ישראל־לידער.

די ייִדישע קאָלאָניזאַציע, וועלכע האָט זיך דאָרט אָנגעהויבן מיט אַן ערך פופציק יאָר צוריק, האָט נישט געהאַט קיין דערפאָלג. נישט די ערשטע ייִדישע קאָלאָניע פהיליפּסאָן, וועלכע איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1904 אין שכנות פון בראַזיליענער שטעטל סאַנטאַ מאַריאַ, און אויך די קאָלאָניע „קוואַטראָ אירמאַנס״, וועלכע איז געגרינדעט געוואָרן אַ פּאָר יאָר שפּעטער. ייִדן האָבן זיך דאָרט זייער שווער געקענט צופּאַסן צום טראָפּישן קלימאַט און צו דער שווערער אַרבעט.

צום גרעסטן טייל זענען אַהינגעקומען מענטשן, וועלכע האָבן פון פריִער נישט גע־האַט קיין שום ידיעות אין פעלד־אַרבעט. זיי האָבן זיך אָפּגעמאַטערט יאָרן אויף די נאַקעטע פעלדער, אַרומגערינגלט פון זומפּן און אוראַלטע פּאַרוואַקסענע, גע־דיכטע וועלדער. דער גרעסטער טייל האָט דאָרט געפּטרט די כוחות און דאָס

קאָלאָניע „קוואַטראָ אירמאַנאָס" — די ייִדישע באַן פון דער ייִקאָ

געזונט. איז מען אַוועק אין די נאָענטע בראַזיליענער שטעטלעך, גענומען זיך צו דער דרום־אַמעריקאַנער פּרנסה, פון טראָגן אַ פּעקל אויף די פּלייצעס און קלאַפּן אין די טירן. שפּעטער האָט מען געעפנט קלייטלעך, קרעמלעך, וואָס איז, פאַרשטייט זיך, זיי אויך נישט לייכט אָנגעקומען. די קאָלאָניזאַציע איז דאַן אָפּגעשטעלט געוואָרן אויף צען יאָר צייט, דאָס מיינט ביזן יאָר 1921. מען האָט ווידער אָנגעהויבן נייע עקספּערימענטן. דער גוט באַקאַנטער אַגראָנאָם פון ישראל, עקיבא עטינגער, איז צו דעם צוועק אַראָפּגעבראַכט געוואָרן, און רעקאָמענדירט, אַז צוזאַמען מיט אַקערבוי זאָל מען דאָרט אויך פּראַקטיצירן פּי־צוכט, לאַנדווירטשאַפטלעכע קליין־אינדוסטריע, און מער לאַנד פאַר די קאָלאָ־ניסטן. האָט מען אָנגעהויבן דורכפירן זיין רעקאָמענדאַציע, האָט ווידער אויס־געבראָכן אַ רעוואָלוציע אין ריאָ גראַנדע, און די נייע פּלענער האָבן ווידער געמוזט אָפּגעשטעלט ווערן. צוליב די אומרוען זענען ווידער אַ גרויסע צאָל קאָלאָניסטן אַנטלאָפן פון קאָלאָניע.

ווען עס איז ווידער רויִק געוואָרן האָט די ייִקאָ ווידער געמאַכט אַ פּרווו צו רעאָרגאַניזירן די קאָלאָניע; אַראָפּגעבראַכט נייע קאַנדידאַטן פאַר קאָלאָני־

זאַציע. יעדער האָט דאָן באַדאַרפט באַקומען פופציק העקטאַר וואַלד און טאַקע דאָרט איינאָרדענען שניידמילן אויפן סיסטעם פון קליין־פאַבריקאַציע. אָבער אויך דאָס מאָל איז דער עקספּערימענט נישט געלונגען: יידישע אימיגראַנטן זע־נען געקומען פון היימישע שטעטלעך, וווּ זיי האָבן געהאַט אַן איינגעפונדעוועט געזעלשאַפטלעך און רעליגיעז לעבן. פּלוצים זענען זיי אַריינגעפאַלן אין דיקע, אייביק־פאַרוואַקסענע וועלדער, וווּ עס שיינט זעלטן דורך אַ שטראַל ליכט, וווּ עס פלאַדיען זיך שלאַנגען און עקדישן, אָפּגעשניטן פון דער גאַנצער וועלט, — איז דאָס איינלעבן זיך אין אַזאַ סביבה מיט אַזעלכע באַדינגונגען געווען שווער. עקשנים זענען אָבער פאַרט געווען און זיך מיט אַלע כוחות געפּרוווט צופּאַסן צו די באַדינגונגען. זענען געקומען די דאָרטיקע דייטשע איינוווינער, וואָס זענען גראָד אין יענער שטאַט, ריאָ גראַנדע, מער קאָנצענטרירט ווי אין די אַנדערע טיילן פון לאַנד (נאָך אין קייסער ווילהעלמס צייטן זענען די געגנטן באַקאַנט געווען ווי אַ פעסטונג פון „דריטן רייך” און שפּעטער, ביים אויפשטיין פון היטלעריזם, זענען זיי געוואָרן הייסע אַנהענגער פון נאַציזם). זיי האָבן דעם פּרימיטיוון בראַזיליענער פאַרסמט מיט גיפטיקע העצעס קעגן די יידן, און עס האָבן זיך אָנגעהויבן טאָג־טעגלעכע אַרויסטרעטונגען קעגן יידן פון די בראַזי־ליענער שכנים, צוערשט אין אַ מילדערער פאָרם, שפּעטער — אין אַ גאַנץ אָפענעם און שאַרפן אָנפאַל; עס זענען דאָרט אפילו געווען פאַרוווּנדעטע און טויטע. די בראַזיליאַנער רעגירונג האָט אַרויסגעשיקט מיליטער־אָפּטיילונגען פון די נאָענטסטע שטעט, כדי איינצושטעלן אָרדענונג.

נאָך אַ פּאָר טעג פון מיין באַזוך אין קוואַטראָ אירמאַנס, האָט מיך אַן אַמע־ריקאַנער „זשיפּ” געפירט איבער דעם געפערלעכן בלאָטיקן וועג צו דער סטאַנ־ציע פון נאָענטן שטעטל, עריבאַנגאַ. דער וועג האָט געפירט איבער לאַנגע, אומ־באַוווינטע שטרעקעס פעלד און דיקע וועלדער. שפּעט ביינאַכט, ווען איך האָב געוואַרט אויף דער באַן, וועלכע האָט מיך באַדאַרפט צוריקפירן קיין פּאַסאָ פונדאָ, האָט זיך פון אַן אָפענעם שענקל, וואָס איז געווען באַלויכטן מיט אַ קע־ראָסין־לעמפּל, געטראָגן אַ ווילד געזאַנג באַגלייט פון אַ גרילצנדיקער מוזיק. ביי דער אָפענער טיר האָט מען געקענט זען די געסט: האַלב־ווילדע, פאַרוואַקסענע מענער, איינגעהילט אין „פּאָנטשאָס” (אַראַבישע אבאיעס), אַ טייל פון זיי — באָרוועסע; פרויען אָנגעטון אין אָרעמע קליידער, — פון דער גאַנצער סביבה האָט געשלאָגן אַ פּרימיטיווע אָפּגעלאָזענע אָרעמקייט; אַפילו דער באַאַמטער, וואָס האָט מיר באַדאַרפט פאַרקויפן מיין באַן־קאַרט קיין פּאַסאָ פונדאָ, האָט אַנשטאָט אַן אוניפאָרם געטראָגן אַן אויסגעריבענעם פּאָנטשאָ מיט אַ ברייטן קאַפּעליוש ווי אַ קאָובאָי. — אין דער טיפער נאַכט האָב איך געהאַט אַ גע־לעגנהייט צו מאַכן דעם סך־הכל פון מיינע באַאָבאַכטונגען און צונויפגעזאַמלטע

פאַקטן און די טענות וואָס איך האָב זיך אין משך פון דער צייט אָנגעהערט. אמת, אַז די אַמאָליקע ייִקאַ־באַאַמטע טראָגן אַ גרויסע שולד אין דעם דורכפאַל פון דער קאָלאָניזאַציע, — אַ גרויסער טייל פון זיי זענען ווייט געווען פון ייִדישן לעבן און נישט פאַרשטאַנען דעם ייִדישן פאָלקס־מענטש און זיינע באַדערפעניש; — אָבער... מען מוז אויך צוגעבן, אַז צוליב דעם אַליין איז נישט געקומען דער איצטיקער מצב. נאָך מיט פינף און צוואַנציק יאָר האָב איך דעם פּראָצעס געזען אין די אַרגענטינער קאָלאָניעס; שוין דאַן איז די יוגנט אַנטלאָפן פון די קאָלאָניעס, און גראָד דאַן, ווען די פּרייזן פון זייערע פּראָדוקטן זענען געשטיגן, האָבן קאָלאָניסטן פאַרלאָזט די קאָלאָניעס אין אַ גרויסער צאָל. מען מוז קומען צום שלוס, אַז פּיאָנערן־אַרבעט קענען ייִדן טון נאָר אין אייגענעם לאַנד, ווו זיי האָבן אַן אייגענע סביבה, אַלע געזעלשאַפטלעכע באַדערפענישן, און צו דעם אַלעמען — אידעאַליזם.

איבער בראַזיליאַנער שטעט: פֿון פּאָרט אַלעגרע ביז בעלעם

דאָס ערשטע מאָל האָב איך געזען ריאָ דע זשאַניירא נאָך האַלבער נאַכט, ווען די שיף „רעגיא״ האָט זיך מיט דרייסיק יאָר צוריק אַריינגעגליטשט אין פּאָרט וואָס קוקט אויס ביינאַכט ווי אַ באַלויכטענער וווּנדער־פּאַלאַץ, — טויזנטער ליכט שימערירן און פֿינקלען אין דער ביינאַכטיקער טונקלקייט. ווען איך האָב באַזוכט ריאָ דע זשאַניירא צום צווייטן מאָל, האָט זי זיך פֿאַר מיר אַנטפּלעקט מיט איר גאַנצער פּראַכט און גלאַנץ: אַ ליכטיק בלויער הימל האָט געגלאַנצט איבער די קאָלירפֿולע הייזער וואָס הייבן זיך אָן גלייך ווי איר גייט נאָר אַראָפּ פֿון פּאָרט. ווען איר כאַפּט דעם ערשטן שפּאַציר אויף דער ברייטער אַוועניִדאַ דע ריאָ בראַנקאָ, ווערט דער אָנבליק נאָך שענער: ברייטע גאַסן באַצירט מיט הויכע פּאַל־מען־ביימער; די טראָטואַרן פֿון מאָזאַיִק, ווי פּערסישע טעפּיכער; רחבֿותדיקע פּאַרקן און דענקמעלער ווי דאָס אויג דערגרייכט נאָר. מ׳דערציילט, אַז ווען דער ערשטער קעניג איז געקומען קיין בראַזיל און געפֿלאַנצט דעם ערשטן פּאַלמען־בוים, וואָס געפֿינט זיך היינט אין דאָרטיקן מוזעום, האָט ער באַפֿוילן, אַז דער זאָמען וואָס פֿאַלט אַראָפּ פֿון דעם בוים מוז פֿאַרברענט ווערן. עס האָבן זיך אָבער געפֿונען געוואַגטע מענטשן וואָס האָבן די פֿאַרבאָטענע זאָמען באַהאַלטן, און עס זענען אויסגעוואַקסן פּאַלמען־ביימער אין פֿאַרשיידענע געגנטן פֿון שטאָט.

דאָס דריטע און פֿערטע מאָל האָב איך געזען ריאָ דע זשאַניירא פֿון דער לופֿט, אַראָפּלאָזנדיק זיך מיטן אַעראָפּלאַן צווישן אירע לאַנגע קייט בערג און וואַסערן וואָס רינגלען זי אַרום פֿון אַלע זייטן ווי אַ קראַנץ בלומען. און ערשט דאַן, ווען איך האָב פֿאַרלאָזט ריאָ דע זשאַניירא ביים זונען־אויפֿגאַנג, האָט זי זיך פֿאַר מיר אַנטפּלעקט ווי אַן אויסגעפּוצטע כּלה. ווען דער אַעראָפּלאַן האָט זיך אויפֿגעהויבן, האָבן זיך פֿאַר מיינע אויגן געעפֿנט אויסטיילן בערג, בערג און בערג, און אויף זיי — צעוואָרפֿענע פּאַלאַצן, אויסגעשפּרייט איבער דער גאַנצער שטאָט, און פֿאַרזונקענע שפּיצן פֿון די פּאַלמען־ביימער. פֿון אויבן דאַכט זיך אייך, אַז דאָס זענען באַזונדערע שטעט; פֿון די בערג טיילט זיך אַרויס אַ מענטשלעכער פּראָפֿיל — די ריזיקע נאָז אויסגעשניצט פֿון אַ באַרימטן קינסטלער. איצט, גאַנץ

פרי ביים זונען אויפגאַנג, דאַכט זיך איך, אַז דער שלאָפנדיקער ריז כאַפּט אַ דרימל... אַ לאַנגער שטח זעט איר נאָך דורך די פענצטער פון עראָפּלאַן דעם ריזיקן „פאַן דע אסוקאַר" און די בוכטע „גואַנבאַרא" וואָס שניידט זיך שיף אַריין אין דער יבשה אויף אַ מהלך פון אַ פּאָר קילאָמעטער, און ווערט, וואָס נענטער צום „פאַן דע אַסוקאַר", וואָס אַמאָל שמעלער. די בוכטע קען אַריינגעמען דעם קריגס־פלאָט פון אַלע מלוכות פון דער וועלט.

„פּראַזאַ אַנסע" אין ריאָ דע זשאַנעיראָ דערמאָנט מיך אַ סך זכרונות פון אַמאָל: מיט אַ דרייסיק יאָר צוריק איז אין פּראַזא אַנסע געווען אַ קאַפע־הויז, ווו עס פלעגט אַ גאַנצן טאָג רוישן מיט ייִדן פון אַלע מינים. אין יענע גרינע יאָרן האָט דאָס קאַפע אפילו פאַרמאָגט אַ ספּעציעל ליטעראַריש טישל, אַ מין שותּפות־טישל צווישן שרייבער און כלל־טוער. דאָרט האָט מען זיך אין יענע יאָרן פאַר־מאָסטן „איינצונעמען די וועלט".

ביי יענעם טישל זענען די שטאַם־געסט געווען עד. האַראַוויץ, דער דיכטער יעקב נאַכבין, דער שרייבער י. ל. קאַרקושאַנסקי, יעקב פּרנס (וואָס איז דאַן געוועןביידע — אַן אַקטיאָר און אַ שרייבער), נתן בעקער — אַ הייסער זשיטלאָוו־סקיאַנער, נפתלי יפה — דער שיינער קאַוואַליער אין אונדזער משפּחה, און אַנדערע. רכילות איז נאָך אין יענע צייטן נישט געווען אין דער מאָדע, פלעגט מען דאָרט איינער דעם אַנדערן פאַרלייענען לידער, דערציילונגען, פּאָעמעס, און חלומען זיי צו זען געדרוקט...

ווען איך פאָר פאַרביי ריאָ דע זשאַניראָ צאַפּלט מיין האַרץ מיט יענע זכרו־נות און עס באַפאַלט מיך אַ בענקשאַפט צו יענע טעג. די פּראַכטפולע פּאַנאָראַ־מעס פון פּאָרט פאַרגרעסערן מיין בענקשאַפט; כאַפּ איך אַ טאַקסי און היידאַ צו פּראַזע אַנסע. אָבער יעדעס מאָל פאָר איך צוריק מיט אַ געפיל, אַז דאָס בין איך נאָר וואָס געקומען פון קבר אבות... מיין איצטיקע רייזע צו פּראַזא אַנסע איז שוין געווען די פינפטע. שוין יאָרן ווי עס איז נישטאָ מער יענע קאַפע. פּראַזא אַנסע האָט פאַרלוירן איר אַמאָליקן רייץ; פון צרות איז זי וויזט אויס צו־פרי אַלט געוואָרן. בלויז שפּורן זענען דאָרט פאַרבליבן פון איר אַמאָליקן גלאַנץ — שניי־דערס ייִדישער רעסטאָראַן אויף „סאַנט אַננאַ", ווו מ'קען זיך נאָך דערכאַפּן דאָס האַרץ מיט היימישע קנישעס און געפילטע פיש. אָבער ביידע טעג, וואָס מיין שיף איז געשטאַנען אין ריאָ'ר פּאָרט, איז געווען יום־טוב און דער רעסטאָראַן איז געווען געשלאָסן. ייִדן האָבן זיך אַרויפגעאַרבעט און אַוועק פון פּראַזא אַנסע, — ווער קיין קאָפּאַקאַבאַנאַ, ווען אין די אַנדערע רייכע געגנטן פון שטאָט. מ'קומט אַמאָל — ווי די ייִדן פון די רייכע ניו־יאָרקער געגנטן צו דער אַמאָליקער איסט סאַיד — עסן אַ ייִדישן מיטיק מיט געפילטע פיש.

לויטן קאַלענדאַר איז איצט אין בראַזיל האַרבסט, אָבער די זון ברענט אַן

רחמנות. אַ קראַנקהאַפטע פּיכטקייט קריכט אייך אַריין אין די ביינער און זיי ווערן איינגעדרייט ווי אַ היימישער המן־טאַש. אייערע פיס, וואָס זענען שוין יאָרן צוגעוווינט צו שפּרייזן איבער די ניו־יאָרקער גאַסן אין פולער באַוועגונג, הייבן זיך פּלוצים דאָ אָן צו בונטעווען... פון אַ קאַפע, פון וואַנען עס טראָגט זיך אַ בישט־אַנגענעמער ריח, שלייכט זיך אַרויס אַ מענטש אַנגעטון אין אַ זומער־העמדל מיט שטעק־שיך; אַ פּאָר יידישע אויגן קוקן אויף מיר, ווי איינער רעדט: — זאָל דאָס זיין אַ ייד? — געטראָפן — ענטפער איך — זיכער אַ ייד.

— פון וואַנען?

— פון ניו־יאָרק.

דער ייד צערעדט זיך. עס שטייט שוין אַרום מיר אַ רעדל יידן. אַט געפינט זיך דאָ דער משגיח פון דער כשרער מילך... מ׳שטעלט אים מיר פאָר: — דאָס האָט דער נייער רב, וועלכער איז אַריבערגעבראַכט געוואָרן פון בוענאָס־איירעס, איינגעפירט כשרע מילך — דערציילט מיר איינער פון די יידן.

אין דער שפּעטער נאַכט־שעה פון אַ בראַזיליענער נאַטור־שיינע נאַכט, וואָס וועקט און רופט, האָט מיך מיין אומרו ווי צוגעשמידט צום נומער 62 סאַנט אַננאַ גאַס, און אַ וואַרעמער שטראָם פון געדאַנקען האָט מיט איינמאָל אַ שפּאַר געטון אין מיין מוח: מיט אַכט און צוואַנציק יאָר צוריק איז דאָ געווען די רעדאַקציע פון „יידישן וואָכנבלאַט״, די ערשטע בראַזיליענער יידישע צייטונג, וווּ איך בין געווען איינער פון די הויפּט־מיטאַרבעטער, דער „סטאַר״־שרייבער; דאָ האָב איך געחלומט פון אַ גרויסער ברייטער וועלט, וועלכע איך האָב שוין אַ פּאָר מאָל דורכגעקרייצט אין מיין אומרויקן וואַנדערלוסט! דאָ האָב איך אויסגעגאָסן מיין בענקשאַפט צום היימישן שטעטל אין אַ סעריע „היימוויי״. דער דעמאָלסטיקער זעצער, אַ יונגערמאַן פון ישראל, האָט ביים זעצן פאַרגאָסן טייכן טרערן...

**
*

בראַזיל איז אַ געמיש פון קאָלירן, פאַרבן און קאָנטראַסטן. איר דאַרפט בלויז אַריבערשפּאַנען די הויפּטגאַס, די אַוועניִדאַ ריאָ בראַנקאָ, דורכשניידן די זייטיקע געסלעך וואָס ווערן וואָס אַמאָל ענגער און שניידן זיך אַריין איינער אין דער אַנדערער, און איר דערזעט דאָ אַ מוראדיקן קאָנטראַסט צו דעם וואָס איר האָט נאָר־וואָס פריער געזען; עס גלויבט זיך אייך קוים, אַז דאָ געפינט איר זיך אין דער זעלבער שטאָט פון די לוקסוס־פּאַלאַצן און נאַטור־שיינע פּאַרקן. באַרג אַרויף דערזעט איר, אין אַ כאַאָטישן צוזאַמענשטעל, מאָדנע הייזקעס וואָס זענען געבויט פון שטיקער קאַסטן־ברעטער און אַלטע בלעכן, צוזאַמענגעקלעפּט פון ליים, אָדער צוגעבונדן מיט שטריק צו די ביימער. גייט דאָרט אַמאָל אַ רעגן,

שווענקט ער מיטן ערשטן שטורעם אַראָפּ די הייזקעס, מיט זייער אָרעמקייט, און גאַנצע טוצן קינדערלעך מיט וועלכע זיי זענען געבענטשט, וואַלגערן זיך אויף דער קאַלטער, נאַסער ערד. איר קומט פון דאָרט ווידער צו אַ געגנט מיט פּראַכטפולע געביידעס און גרויסע געשעפטן, אָנגעפּאַקט מיט די טייערסטע אַרטיקלען. קומט איך אויס אַמאָל פאַרבייצוגיין אין יענער אָרעמער געגנט אין די שפּעטע נאַכט־שעהן, טראָגן זיך צו אייך אַריבער פאַרבענקטע, טרויעריק־האַרצ־רייסנדיקע מעלאָדיעס, — דאָס באַזינגען אָדער באַוויינען די אָרעמע פון די אָרעמסטע, אין די שטילע פאַרכשופטע בראַזיליענער נעכט, זייער טרויעריקן גורל.

ריאָ בראַנקאָ — איינע פון די שענסטע גאַסן אין ריאָ דע זשאַניירא

דער בראַזיליענער איז אַ געמיש פון כמעט אַלע אייראָפּעאישע פעלקער, הויפּטזעכלעך פון פּאָרטוגעזן און איטאַליענער און אַמאָליקע אנוסים, וואָס זע־נען אַנטלאָפן פון דער שפּאַנישער אינקוויזיציע; זיי אַלע האָבן זיך צוזאַמענגע־מישט מיט איינגעבוירענע נעגער און אינדיאַנער. דער בראַזיליענער איז דער־פאַר זייער גאַסטפריינטלעך צו פרעמדע, איז אַ לוסטיקער לונג־און־לעבער. בטבע וועט זיך דער בראַזיליענער זעלטן איילן; אַנשטאָט דעם גוט־באַקאַנטן „מאַניאַנאַ", וואָס קומט אייך אויס צו הערן אין די אַנדערע לאַטיין־אַמעריקאַנער לענדער, האָט דער בראַזיליענער זיין „קאַלמא בראַזיל", וואָס קענען מיינען: צו

וואָס זיך איילן, וועסט סיי ווי גאָרנישט פאַרשפּעטיקן. און אַ צווייט וואָרט וואָס פּאַסט זיך זייער גוט צו צום ערשטן: „אַטראַזו“ — דאָס מיינט פאַרשפּעטיקן. ביידע צוזאַמען קענען מיינען: ער האָט תמיד צייט, טרינקט זיך רויִק זיין קאַ־פעזינאַ, אויף וועלכער ער איז שטאָלץ, אַז דאָס איז זיין אייגענער פּראָדוקט, און איז בכלל אַ גוטמוטיקער שמועסער. דאָס לאַנד וואַקסט שנעל און רייסט מיט זיך מיט די דאָרטיקע איינוווינער. אַן אונטערשייד פון יענער צייט, ווען איך בין אַריבער אין פּאַסאָ דע לאָס ליברעס די אַרגענטינער־בראַזיליענער גרענעץ. דאַן איז אַן אויטאָמאָביל דאָרט געווען אַ זעלטנהייט. היינט צו טאָג זענען די גאַסן פון בראַזיליענער שטעט געפּאַקט מיט אויטאָמאָבילן פון דער סאַמע לעצ־טער מאָדע. אויף שריט און טריט קאָנט איר זען ווי דאָס לאַנד שפּאַנט מיט ריזן־שריט פאָראויס און אַנטוויקלט זיך. אין שטח איז זי דאָס גרעסטע לאַנד אין די אַמעריקעס, אַריינגערעכנט די פאַראייניקטע שטאַטן. זי איז געבענטשט מיט די פיינסטע און נוצבאַרסטע מינעראַלן. חוץ איר הויפּט־פּראָדוקט — קאַפע, פאַרמאָגט זי אויך אַ גרויסן קוואַנטום פון באַנוול, קאַקאַאָ, קאָרן, רייז, צוקער, פאַרשידענע סאָרטן פרוכטן, גומי, וועלדער און אַ גאַנצע רייע, ביז איצט נאָך נישט אויסגעפאָרשטע, מינעראַלן. קאַפע איז אַריבער אַ העלפט פון איר עקס־פּאָרט, וואָס גייט הויפּטזעכלעך קיין נאָרד־אַמעריקע. לויט פאַרשידענע עקספּע־רימענטן פון וויסנשאַפטסלייט, פאַרמאָגט בראַזיל אין אירע מינען פינף און צוואַנציק פּראָצענט פון אייזן און שטאָל פון דעם וועלט־באַטרעף; צוויי־דריטל קאַפע פון דער וועלט קומט פון די בראַזיליענער קאַפע־פּלאַנטאַציעס. מער ווי זיבעציק מיליאָן זעק אַ יאָר. אַ העלפט פון איר איינקונפט דורכן עקספּאָרט איז פון קאַפע. דריי ביליאָן קאַפע־ביימער פאַרמאָגט דאָס לאַנד, וואָס געפינען זיך אויף אַ שטח פון אַכט מיליאָן אַקער ערד. פון דער צאָל האָט דער שטאָט פון סאַן־פּאַולאָ אַ ביליאָן און אַ האַלב. טייל פּלאַנטאַציעס זענען אַזוי גרויס ווי פיר מיליאָן ביימער. פּאַסירט עפּעס אַן איבערבייט אין וועלט־מאַרק, איז בראַזיל אין אַ סכנה צו פאַרלירן איר נאַציאָנאַלן איינקונפט. דער וועלט־קריזיס פון יאָר 1929 האָט געבראַכט אַ קאַטאַסטראָפע אין דער בראַזיליענער קאַפע־אינ־דוסטריע; די רעגירונג האָט באַשרענקט די קאַפע־פּראָדוקציע, געקויפט קאַפע פאַר שווערע מיליאָנען און זי אַריינגעוואָרפן אין ים. אין יאָר 1930 האָט די רעגירונג באַשטימט פאַר דעם צוועק הונדערט מיליאָן דאָלאַר, כדי נישט אַראָפּ־צוואַרפן די פּרייזן. פישער האָבן זיך באַקלאָגט, אַז אַלע פיש שטאַרבן אויס פון דער קאַפע.

בראַזיל פאַרמאָגט דעם בעסטן סאָרט קאַפע און דעם גינסטיקסטן באָדן פאַר די פּלאַנטאַציעס, וואָס איז אויך גוט פאַר טראַנספּאָרטאַציע און קולטיוון, בעת אין די צענטראַל־אַמעריקאַנער לענדער געפינען זיך די פּלאַנטאַציעס אויף

היכע בערג. אין סאַלוואַדאָר, למשל, מוזן די קאַפּע־קלייבער זיך צובינדן מיט שטריק, כדי נישט אַראָפּצופאַלן פון די היכע בערג. קאַפּע שפּילט אַ גאָר וויכ־טיקע ראָלע פאַר דער מענטשלעכער מאָראַל אין פרידנס־צייטן און אין מלחמה. זי סטימולירט און הייבט די מאָראַל פון די סאָלדאַטן, און איז אָפט אַ בעסער געווער ווי גאַז־מאַסקעס, מעדיצינישע דינסט און פּאַראַשוטן. די ענגלישע אַרמיי האָט קאַפּע לייכט איבערגעביטן אויף טיי, און זי האָט אויך געהאַט אַ געוויסן קוואַנטום קאַפּע פון אירע קאָלאָניעס. דייטשלאַנד, וואָס האָט פאַרלוירן אירע קאָלאָניעס, האָט נישט קיין קאַפּע און זי האָט בלויז געהאַט אַ באַשרענקטע צאָל קאַפּע פאַר די סאָלדאַטן, וואָס זי האָט קאָנפיסקירט אין האָלאַנד; די ציוויל־באַפעלקערונג האָט אינגאַנצן נישט געטרונקען קיין קאַפּע. די בריטישע פליִער פלעגן אַראָפּוואַרפן ליידיקע קאַפּע־זעקלעך איבער דייטשע שטעט... און מיט דעם אַרויסגערופן מער אומצופרידנהייט צווישן דער באַפעלקערונג, ווי באָמבעס...

אַ סימן, אַז קאַפּע איז אַ דינאַמישער געטראַנק וואָס סטימולירט דעם גע־דאַנק, איז דאָס, וואָס טשאַרלס דער צווייטער האָט אין ענגלאַנד געפּרוווט אונ־טערדריקן די קאַפּע־הייזער, וועלכע זענען דאַן געווען צענטערס פון פּאָליטישער אַגיטאַציע. לואי דער זעכצנטער פון פראַנקרייך האָט זיך נישט אַזוי געשראָקן פאַר דער פּאָליטישער וואָפע „קאַפּע", ווען מען האָט אים געגעבן אַ מתנה אַ קליינע קאַפּע־פּלאַנטאַציע פון אַמסטערדאַמער באָטאַנישן גאָרטן. פאַר אַ קוריאָז האָט ער די זוימען פון פראַנקרייך געשיקט אין די פראַנצויזישע קאָלאָניעס. אַ דאַנק דעם געפינען זיך היינט צו־טאָג קאַפּע־פּלאַנטאַציעס אין מאַרטינעק און אין אַנדערע פראַנצויזישע קאָלאָניעס.

צו אירע וויכטיקסטע מינעראַלן געהער אויך גומי, וואָס געפינט זיך אין דער וויטסטער בראַזיליענער געגנט, מאַנאוז, ביי דעם אַמאַזאָנען טייך. פון אָט דעם וויכטיקן פּראָדוקט איז בראַזיל געווען אַ פּיאָנער. אַ לאַנגע צייט איז דאָרט די פּלאַנץ געוואַקסן פון זיך אַליין אויף די ביימער ווילד, ביז אייראָפּעער, וואָס זענען אַהינגעקומען עקספּלאָאַטירן אירע טייכן און מינעראַלן, האָבן דערזען ווי די קינדער פון אינדיאַנער שפּילן זיך מיט עלאַסטישע ווייכע באַלן, וואָס ווערן געמאַכט פון פּלאַנצן פון ביימער. האָט מען אויסגעפינען, אַז פון דער מאַסע קען מען מאַכן אַ סך וויכטיקע זאַכן. האָבן זיך טויזנטער אַוועקגעלאָזט אין די אַמאַזאָנען, כדי פון דאָרט צו ברענגען די פּלאַנצן. אַזוי ווי דאָס איז געווען דער איינציקער פּלאַץ וווּ דער גומי איז געוואַקסן, האָט מען זיי דאַן געמוזט באַצאָלן יעדן פּרייז וואָס זיי האָבן נאָר פאַרלאַנגט. די גומי־ביימער זענען פאַר דער שטאָט מאַנאוז געוואָרן אַ שפע. די שטאָט האָט אויסגעבויט אַ פּראַכטפול־שיינע אָפּערע, וואָס געפינט זיך דאָרט ביזן היינטיקן טאָג; געשיקט ספּעציעלע

שילוחים קיין אייראָפּע, כדי פון דאָרט צו ברענגען די פיינסטע קינסטלער. מאנאוז האָט זיך דאַן אַזוי געבאָדן אין געלט, אַז אַזאַ פאַרגעניגן איז ביי איר געווען אַ קלייניקייט. אַן ענגלענדער איז געלונגען פון דאָרט אַרויסצושמוקלען זאָמען פון דעם גומי־בוים קיין ענגלאַנד, ווו מען האָט געמאַכט עקספּערימענטן אין דער לאַבאָראַטאָריע פון „קיו גאַרדענס״. פון דאָרט האָט מען די זאָמען געשיקט אין יענע ענגלישע קאָלאָניעס, ווו דער קלימאַט איז דער זעלבער ווי אין די אַמאַזאָנען, און עס האָבן זיך אָנגעהויבן באַוויזן גומי־פּלאַנטאַציעס אין צעילאָן, מאַלאַיאַ, אינדיע און אויסטראַליע, ווו די טראַנספּאָרטאַציע־פאַרבינדונגען זענען אַ סך לייכטער ווי אין די אַמאַזאָנען.

בראַזיל פאַרמאָגט נאָך ביזן היינטיקן טאָג גענוג גומי, און אין צייט פון דער וועלט־מלחמה איז זי געווען אַ קוואַל פאַר דער אַליאירטער קריגס־מאַשין. די אַמאָליקע גומי־פּלאַנטאַציעס אין די אַמאַזאָנען האָבן דורכגעמאַכט אַ פאַרבעסערונג; עס זענען געפּלאַנצט געוואָרן פּלאַנטאַציעס אין געגנטן וואָס האָבן לייכטערע טראַנספּאָרטאַציע־מעגלעכקייטן. די גרעסטע פּלאַנטאַציע געפינט זיך איצט פיר מייל אַוועק פון אַמאַזאָנען־טייך, זי הייסט „פאָרדלאַנדיאַ״ און געהער צו דעם באַרימטן אַמעריקאַנער מיליאָנער הענרי פאָרד. ער האָט דאָ אויסגעבויט אַ גאַנצע שטאָט מיט הייזער, געשעפטן, שולן און אפילו קינאָ־טעאַטערס. די אַרבעטער באַקומען דאָרט באַצאָלט דאָס זעלבע וואָס אין די פאָרד־פאַבריקן אין אַמעריקע.

צוליב איר גרויסן שטח זענען אירע טעריטאָריעס דער אויסדרוק פון דעם כאַראַקטער, אויסזען און די אייגנשאַפטן פון אירע איינוווינער. בעת אין די צפון־פּראָווינצן איז די אינדוסטריע צוריקגעשטאַנען און די דאָרטיקע איינוווינער לעבן אין פּרימיטיווע באַדינגונגען, איז דאָס פּונקט דער היפּוך אין די דרום־פּראָווינצן, ווו די באַפעלקערונג לעבט אין בעסערע באַדינגונגען און די דאָרטיקע שטעט האָבן דעם אויסזען ווי מאָדערנע אייראָפּעישע שטעט. די אינדוסטריע אין די פּראָווינצן האָט זיך אין די לעצטע יאָרן שטאַרק אַנטוויקלט. די צוויי גרויסע שטעט אירע, ריאָ דע זשאַנייראָ און סאַן פּאולאָ, קאָנקורירן איינע מיט דער אַנדערער: ריאָ דע זשאַנייראָ וויל אָנהאַלטן איר פּרעסטיזש, זי איז דאָך די הויפּטשטאָט פון לאַנד. דער „קאַריאָקאַ״ — אַזוי רופט זיך דער איינוווינער פון דער הויפּטשטאָט — שטאָלצירט מיט די מאַלערישע לאַנדשאַפטן און נאַטור־שיינקייטן; האָט אָבער דער „פּאַוליסטאַ״ ווייט אַריבערגעיאָגט דעם „קאַריאָקאַ״. דער מהלך צווישןביידע שטעט איז נישט אַזאַ גרויסער — אינגאַנצן אַ נאַכט רייזע מיט דער באַן, און אַ שעה און אַ האַלב מיטן עראָפּלאַן. אָבער דער ניי־געקומענער קאָן דאָ גלייך זען דעם גרויסן אונטערשיד צווישן די ביידע שטעט, ווי מ׳וואָלט געקענט פאַרגלייכן מילאַנאָ ביז... שיקאַגאָ.

סאַן פּאַולאָ איז היינט צו־טאָג אַ שטאָט מיט פאַבריקן, וואָלקנקראַצער, וואָס וויגט זיך מיט אַן אַמעריקאַנער ריטם און רייסט זיך פאָראויס מיט אַן אויסער־געוויינלעכן אימפּעט. גאַנץ פרי אָדער פאַרנאַכט, ווען טויזנטער אַרבעטער גייען און קומען פון די פאַבריקן, דאַכט זיך אייך, אַז דאָס געפינט איר זיך אין ניו־יאָרקער בראָדוויי. דאָס הודזשען און פייפן פון אירע פאַבריקן, די פּראַכטפולע וואָלקנקראַצער, איר טראַנספּאָרטאַציע — גיט איר דעם אויסזען פון אַ גרויסער אינדוסטריעלער שטאָט, וואָס שפּאַנט מיט ריזנשריט פאָראויס צו פאַרנעמען איר פּלאַץ אַלס וועלט־שטאָט.

צוויי הונדערט יאָר נאָך איר גרינדונג (1554) איז דעם פּלאַץ, ווו עס געפינט זיך היינט צו־טאָג די פּרעכטיקע שטאָט, אוממעגלעך געווען צו דערגרייכן צוליב די זומפּן און טראָפּישער היץ. אויף אירע קאַפע־פּלאַנטאַציעס, וואָס זענען שוין דאַן אַנטדעקט געוואָרן, האָבן געאַרבעט שקלאַפן. דער גרעסטער טייל פון פּראָדוקט איז פאַרפּלייצט געוואָרן און געגאַנגען לאַבוד. אַ בריטישע קאָמפּאַניע האָט דאָרט געבויט אַ קליינע „קאַבל־באַן" און אַרויסבאַקומען אַביסל מער קאַפע. ווען שקלאַפעריי איז אָפּגעשאַפט געוואָרן, האָט די דאָרטיקע רעגירונג געזוכט מיטלען ווי אַזוי ווייטער אָנצוגיין מיט דער אַרבעט אין די קאַפע־פּלאַנטאַציעס. זי האָט, לויטן מוסטער פון אַמעריקע, דערמוטיקט אַן אימיגראַציע קיין בראַזיל; געשיקט ספּעציעלע קאָמיסיעס קיין אייראָפּע, פאַרגעלייגט ביליק לאַנד די אייג־וואַנדערער. דאָס האָט דאַן געבראַכט קיין בראַזיל אַן אימיגראַציע, וואָס איז ענלעך געווען צו דער אימיגראַציע אין נאָרד־אַמעריקע — אַ מין „שמעלץ־טאָפּ". דאָס איז איצט די סיבה פון איר קאָלאָסאַלן וווקס.

היינט צו־טאָג איז זי די זעקסטע גרויסע שטאָט אין די וועסטערן העמיס־פער און די זעכצנטע גרויסע שטאָט אין דער וועלט. אין די לעצטע צען יאָר האָט סאַן פּאולאָ פאַרגרעסערט איר באַפעלקערונג מיט זיבן און זעכציק פּראָ־צענט. זייט דעם יאָר 1938 ביזן יאָר 1945 האָט זי פאַרגרעסערט איר אינדוס־טריע און פאַרטאָפּלט אירע פּראָדוקטן. זי ווערט היינט אין אַמעריקע אָנגערופן „בומלאַנדיאַ".

אינדוסטריעלע קרייזן זאָגן נביאות, אַז זי וועט באַלד אַריבערשטייגן שי־קאַגאָ: יעדע פופצן מינוט ווערט געבוירן אַ נייע געביידע... דער פּרייז פון פּלע־צער און הייזער שטייגט פון טאָג צו טאָג: אין די דאָרטיקע לוקסוס־האָטעלן קאָנט איר באַגעגענען טעכניקער פון אַמעריקע, ענגלאַנד און סקאַנדינאַווישע לענדער: עס ווערן געגרינדעט נייע אונטערנעמונגען, נייע פאַבריקן, נייע טראַנס־פּאָרט־געזעלשאַפטן: אַריבער הונדערט עראָפּלאַנען אַ טאָג קומען און פאַרלאָזן דעם סאַן פּאַולער לופט־פּאָרט. סאַן פּאולאָ פאַרנוצט אַ סך מער עלעקטרישע קראַפט ווי שיקאַגאָ. די זעקס און דרייסיק־שטאָקיקע געביידע, די „באַנקאָ דעל

עסטאַדאָ", איז איצט שוין נישט די איינציקע הויכע געביידע. אַ פּלאַץ פאַר אַ ביוראָ אין איר געשעפטלעכן געגנט קאָסט אַ סך טייערער ווי אין ניו־יאָרקער וואָל־סטריט. דער שטאַט סאַן פּאַולאָ פּראָדוצירט זיבן און דרייסיק פּראָצענט פון די בראַזיליענער פאַרם־פּראָדוקטן און איין און פופציק פּראָצענט פון איר קאַפע־פּראָדוקציע; חוץ דעם פּראָמאַגט זי באַנוול, פליייש, באַנאַנעס. אין דער צייט פון דער מלחמה, ווען עס איז שווער געווען צו באַקומען פאַרשידענע סחורות פון אויסלאַנד, האָט זי געשאַפן אַן אייגענע אינדוסטריע, וואָס האָט זיך אַנטוויקלט מיט דער הילף פון אייגענע טעכניקער און וויסנשאַפטסלייט. איצט האָט זי מערק פאַר אירע סחורות איבער דער גאַנצער וועלט. זיבעציק פּראָצענט פון אירע פּראָדוקטן האָבן זייערע מערק אין די לאַטיין־אַמעריקאַנער לענדער.

די הויפּטשטאָט איז אויך נישט הינטערשטעליק געבליבן אין משך פון די יאָרן; אויך דאָרט קענט איר זען די גרויסע ענדערונגען וואָס זענען דאָרט פאָר־געקומען אין די לעצטע יאָרן. אין די צעבראָכענע, ענגע, איינגעפאַלענע גע־גנטן וואַקסן טעגלעך אויס נייע מאָדערנע געביידעס, געבויט לויט דער שענס־טער אַרכיטעקטור. גאַנצע געגנטן ווערן אָפּגערייניקט, כדי צו מאַכן פּלאַץ פאַר נייע הייזער. אין שכנות פון שטאָט געפינט זיך די שטאָט־פאַבריק „וואָלטאַ רע־טונדאַ". דאָרט, וווּ עס איז דער פּאַריבאַ־טאַל, ווו עס זענען אַמאָל געוואַקסן אָראַנזשן און שאָף האָבן זיך געפּאַשעט, געפינט זיך איצט די ריזיקסטע שטאָל־פאַבריק אין דער וועלט, וואָס קאָסט שווערע מיליאָנען.

סאַן פּאַולאָ און ריאָ דע זשאַניירא זענען אַ מוסטער פאַר די איבעריקע טיילן פון לאַנד. איר קומט קיין פּאָרטאָ אַלעגרע, די שטאָט אין דער פּראָווינץ ריאָ גראַנדע, און נאָך אַן אָפּוועזנהייט פון צוויי יאָר, דערקענט איר נישט די געגנטן פון שטאָט: אַ פיבערהאַפטע בוי־טעטיקייט גייט דאָרט אָן; עס וואַקסן אויס נייע מאָדערנע געביידעס, פאַבריקן און אונטערנעמונגען. דאָס זעלבע קענט איר זאָגן וועגן אַנדערע שטעט: בעזשאַ האָריזאָנטע אין דער פּראָווינץ מי־נעס; זשעריס מיט אירע דיאַמאַנטן וואָס זענען אַ צוציִונג פאַר טוריזנטער בראַ־זיליענער, ווי עס איז אַמאָל געווען קאַליפאָרניע פאַר די אַמעריקאַנער, בעת דעם געלויף נאָך גאָלד, איז אַ געמיש פון פּרימיטיווקייט און גרויסשטאָטישקייט. די שטאָט שניידט זיך טיף אַריין אין די בערג. טאָג און נאַכט קענט איר דאָרטן באַגעגענען פאַרשידענע עקספּעדיציעס און גלאַט אַוואַנטוריסטן, וואָס קומען אַהין אָפּקויפן די געפונענע דיאַמאַנטן, אָדער לאָזן זיך אַרויס אַליין זוכן דיאַ־מאַנטן. קוריטיבאַ, פון דער פּראָווינץ פּאַראַנאַ, איז דער „פּאַרם בעלט" — זי איז באַרימט מיט אירע פאַרם־פּראָדוקטן פון לאַנד. די ערשטע איינוואַנדערער אין יענער פּראָווינץ זענען געווען פּוילישע אימיגראַנטן, האָבן זיי די פּראָ־

ווינט, וואָס האָט אַן אייראָפּעיִשן קלימאַט מיט אַ קאַלטן ווינטער, פאַרוואַנדלט אין אַ פרוכטבאַרער פאַרם־געגנט.

ווי עס פּאַסט פאַר אַ נאַטור־שיינער, ראָמאַנטישער שטאָט, פאַרמאָגט ריאָ דע זשאַניירא אַ היים פאַר ליטעראַטן און זשורנאַליסטן. איינע פון די שענסטע און פּראַכטפולסטע געביידעס אין שטאָט — די געביידע פון דער צייטונג „על גלאָבאָ" — וואָס געפינט זיך גלייך ווי איר קומט אַרויס פון פּאָרט, איז דאָס גרעסטע און שענסטע הויז פאַר פען־מענטשן, וואָס איך האָב אָנגעטראָפן אין די לענדער פון לאַטיין אַמעריקע. דער פּרעזידענט פון די דאָרטיקע ליטעראַטן און זשורנאַליסטן, הערבערט מאָזעס, אַ ווינער ייִד, וואָס איז אַלס קינד גע־קומען קיין ריאָ דע זשאַניירא, האָט מיך אין ביורא, וואָס געפינט זיך טאַקע אין דער געביידע, אויפגענומען זייער פריינטלעך. הערבערט מאָזעס האָט מיט מיר גערעדט ענגליש. אָנגעהויבן האָבן מיר וועגן פּראָבלעמען וואָס האָבן צו טון מיט דער פּראָפעסיע, אָבער אין ווייטערן שמועס זענען מיר אַריבער צו דער פּאָליטישער וועלט־סיטואַציע. און מען האָט נישט לאַנג באַדאַרפט רעדן, כדי זיך איבערצייגן, אַז הערבערט מאָזעס איז „פּראָ אַמעריקאַן". ווי אַזוי דאָס האָט פּאַסירט, געדענק איך נישט. אפשר האָט הערבערט מאָזעס אויסגעפונען, אַז איך האָב עפּעס אַ שייכות צו ווין, און ער איז אַריבער אויף דייטש, גערעדט וועגן אַמאָליקן ראָמאַנטיש־שיינעם ווין מיט איר געמיטלעכקייט, ראָמאַנטישער מוזיק און קאַפע־הייזער, וואָס איז איצט פון היטלערן צעשטערט געוואָרן, און זיך דערמאָנט אין דעם ראָמאַנטישן ווינער ליד: „וויען, וויען, נאָר דו אַליין"...

ביז ערשט מיט אַ צייט צוריק איז זשורנאַליזם געווען פון די שלעכטסט־באַצאָלטע פּראָפעסיעס. מיטאַרבעטער פון צייטונגען האָבן געמוזט האָבן זייטיקע שטעלעס פון וואַנען צו ציִען פּרנסה. אין דער היים פאַר ליטעראַטן און זשור־נאַליסטן קענט איר זיך באַקענען מיט אייניקע שרייבער, פּאָעטן און זשורנאַ־ליסטן, — אַ טייל פון זיי באַרימט און פּאָפּולער אין לאַנד און אַפילו אין אויס־לאַנד, יעדער אויף זיין געביט: גוסטאַוואָ קאַרסאָאַ אָקטאַוויאָ דע פאַריא געהערט צו די וויכטיקסטע ליטעראַרישע כוחות פון לאַנד, — האָט מיט אַ פּאָר יאָר צוריק פאַרעפנטלעכט אַ ביאָגראַפיע וואָס איז שטאַרק געלויבט געוואָרן פון דער קריטיק. ער שרייבט מיינסטנס נאָוועלן. זיינס אַ בוך פאַרקויפט זיך אין אַ זיבעציק טויזנט עקזעמפּליאַרן. אַן ערך אַ מיליאָן ביכער זיינע זענען פאַרקויפט געוואָרן אין לאַנד. זיין נאָוועלע „אַ טעמפּאַ ע אַ ווענטאָ ריִאָ גראַנדע", וואָס שילדערט דעם קאַמף, געראַנגל און עוואָלוציע פון דער פּראָווינץ ריאָ גראַנדע, וווּ ער איז געבוירן געוואָרן, איז איבערזעצט געוואָרן פון דער מעק־מיליאַן־פאַרלאַג אין אַמעריקע. — ראַקעל דע קווערואַז איז אין בראַזיל פּאָפּולער אי אַלס זשורנאַ־ליסטין, אי אַלס פיינע נאָוועליסטין. ווען זי איז נאָך אַלט געווען צוואַנציק יאָר

האָט זי אָנגעשריבן אַ פּסיכאָלאָגישע נאָוועלע פון אַ קרימינעלן וואַגאַבונד. זי האָט גראָד אין דעם טיף אַרויסגעבראַכט פיינפילנדיקע מענטשלעכע שטריכן און נשמה־געפילן, און די נאָוועלע האָט זי גלייך באַרימט געמאַכט. — ערעיק א. ווערישימא, אַ נאָוועליסט, האָט היינט צו טאָג דעם גרעסטן אָפּזאָץ אויפן בראַזיליענער ביכער־מאַרק. זיין בוך „באַטראַכט די ליליעס פון פעלד" איז איבערגעזעצט געוואָרן אין מעק־מיליאָן־פאַרלאַג אין ניו־יאָרק. ווערישימא איז נישט דער גרעסטער נאָוועליסט אין בראַזיל, אָבער ער האָט אַן אויסגעצייכנטע טעכניק, וואָס איז אַפילו שטאַרק געלויבט געוואָרן אין דער אַמעריקאַנער קריטיק. — כאָסע אמאדא, איז דער צווייטער נאָך ווערישימאַ; זיינע ביכער האָבן זיך פאַרקויפט אין אַ צוויי הונדערט טויזנט עקזעמפּליאַרן. נאָכדעם קומט כאָסע לינס דאָרעגאַ, מיט אַ טאָטאַל פון הונדערט טויזנט עקזעמפּליאַרן. צו די בעסטע פּאָעטן אין בראַזיל רעכנט מען היינט: מאַנועל באַנדייראַ, קאַרלאָס דרומאָנד דע אַנדראַדע, כאָרכע דע לימאַ, מוריזשא מענדעס, און אַלס קריטיקער: אלמאסא לימא אַל־ווערא לינס.

**
*

נישט געקוקט וואָס בראַזיל האָט דעם גרעסטן טייל פון איר אַנטוויקלונג און וווּקס צו פאַרדאַנקען די אימיגראַנטן פון פאַרשיידענע לענדער, צווישן זיי אויך יידישע אימיגראַנטן, פון דעסטוועגן קוקט מען נישט אַזוי פריינטלעך אין געוויסע קרייזן אויף אימיגראַציע קיין בראַזיל, — ספּעציעל ווען עס האַנדלט זיך אין יידישע אימיגראַנטן. איך ווייס נישט ווי די באַציִונג צו אימיגראַנטן זעט איצט אויס אין בראַזיל; אָבער ווען איך האָב דאָרט פאַרבראַכט מיט אַ פּאָר יאָר צוריק און באַזוכט דעם בלומען־אינדזל, וואָס איז בעת דער מלחמה געווען אַ געפאַנגען־לאַגער פאַר נאַציס און איז שפּעטער געוואָרן דער עליס איילאַנד פון בראַזיל פאַר געקומענע אימיגראַנטן, האָט זיך פאַר מיינע אויגן אויפגעוויקלט אַ שוידערלעך בילד: ביי אַ דריי טויזנט געקומענע פון די לאַגערן זענען דאָרט אַריינגעקוועטשט געוואָרן, כאָטש דער פּלאַץ איז נאָר פּאַסיק פאַר טויזנט. שעהן לאַנג האָבן די היימלאָזע באַדאַרפט שטיין אויף די פיס ביז זיי האָבן באַקומען אַ ביסל עסן. נאָכדעם האָבן זיך געצויגן טעג, וואָכן און מען האָט די אימיגראַנטן נישט אַרויסגעלאָזט; דער תירוץ איז געווען: מ׳קען נישט אַראַנזשירן די טראַנס־פּאָרטאַציע... כאָטש פראָווינצן ווו עס פעלט אַרבעטס־הענט האָבן געפאָדערט מ׳זאָל זיי צושיקן די געקומענע אימיגראַנטן. בראַזיל האָט דאַן געהאַט צוגעזאָגט דער „איראַ" (די אינטערנאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציע פון פּליטלינגע), אַז זי וועט אַריינלאָזן דריי טויזנט היימלאָזע אַ חודש. גענומען האָט זי ווייניקער ווי זי האָט צוגעזאָגט, און אויך זיי האָט מען חדשים געהאַלטן אויפן בלומען־אינדזל. מ׳קען

דאָ נישט באַשולדיקן דעם דעמאָלסטיקן פּרעזידענט, דאָן עריקאַ גאַספּאַר דוטראַ, וועלכער האָט, דערוויסנדיק זיך וועגן די פאַקטן, גערופן צו זיך די אימיגראַציע־באַאַמטע, זיי באַפוילן, אַז די אַרבעט זאָל גיין שנעלער; אָבער דאָס האָט ווייניק וואָס געהאָלפן. די „אירא״ האָט געמוזט אָפּשטעלן די ווייטערע טראַנספּאָרטן, ווייל אויפן בלומען־אינדזל איז מער נישט געווען קיין פּלאַץ...

בעת מיין באַזוך, ווען איך בין אויפן צווייטן טאָג אַרויס אין דער פרי פון מיין האָטעל, האָב איך דערזען די ציייטונג „דיאַריאָ דע לאַ נויטע״ מיט אַ גרויסער, פעטער אויפשריפט אויף איר פראָנט־זייט, ווו דער דעמאָלסטיקער אויסערן־מיניסטער פון בראַזיל ווערט באַשולדיקט אין געבן אַ באַפעל צו פאַרשליסן די טויערן פאַר יידישע אימיגראַנטן, נישט רעכנדיק זיך מיט דעם, אויב זיי זענען נויטיק פאַר דעם וווּקס און אַנטוויקלונג פון לאַנד. יידישע טעכניקער, אינזשי־ניערן, פאַכלייט האָבן באַקומען קאָנטראַקטן פון בראַזיליאַנער אונטערנעמונגען און פאַבריקן וואָס נויטיקן זיך אין זיי; און דאָס אַלץ האָט נישט געהאָלפן זיי זאָלן באַקומען די וויזע קיין בראַזיל, נאָר דערפאַר ווייל זיי זענען יידן. „אַ לאַנד — פרעגט דאָרט די דערמאָנטע ציייטונג — וואָס איר שטח איז אַכט מיליאָן און פינף הונדערט טויזנט אַקער און פאַרמאָגט אײנגאַנצן פינף און פערציק מיליאָן איינוווינער, וואָס בלויז אַ באַשרענקטער טייל פון זיי זענען געברויכער פון אַרטיקלען, געשולטע פאַכלייט אָדער טעכניקער, — אַזאַ לאַנד טאָר זיך נישט דערלויבן נישט אַריינלאָזן ערלעכע, אַרבעטס־וויליקע מענטשן וואָס זענען נייטיק דעם לאַנד, נאָר צוליב דעם וואָס זיי זענען פון אַן אַנדערער ראַסע און גלויבן״.

יידן האָבן אַ גרויסן אָנטייל אין דער אַנטוויקלונג פון דער אינדוסטריע אין לאַנד. אין דער לענג און ברייט פון בראַזיל — פון דער אַרגענטינער גרענעץ, ווו עס הייבן זיך אָן שטעט מיט קליינע יידישע ישובים, ביז צו די ברעגן פון דעם אַמאַזאָנען, ווו עס געפינט זיך דער טראָפּיש־אַמאַזאָנען־טייך מיט געדיכטע, דיקע, נישט אויסגעפאָרשטע וועלדער אין בעלעם און מאַנאַוז — געפינען זיך קליינע יידישע ישובים. עס איז שווער אָנצוגעבן די גענויע צאָל יידן אין בראַזיל היינט צו טאָג, אָבער עס איז זיכער אַז זי גרייכט אַריבער הונדערט טויזנט. די געשיכטע פון די יידן אין בראַזיל הייבט זיך פאַקטיש אָן אַ סך פריִער ווי אין אַלע אַמעריקעס. דאָרט איז געגרינדעט געוואָרן די ערשטע יידישע קהילה אין דער נייער וועלט.

דער גרעסטער טייל אַנטלאָפענע פון דער פּאָרטוגעזישע אינקוויזיציע האָבן געפונען אַ רויִקע היים אין בראַזיל, וועלכע איז דאַן דעראָבערט געוואָרן פון האָלאַנד. זיי האָבן געגרינדעט די ערשטע יידישע קהילה אין פּערנאַמבוקאָ — רעסיפע. עס זענען אויך אָנגעקומען גרופּעס יידן פון האָלאַנד, צווישן זיי אַ רב

מיטן נאָמען רבינו יצחק אבואב דע פאָנסעקאַ, אַ זון פון מאַראַנען. דאָס איז פּאַקטיש געווען דער ערשטער רב אויפן אַמעריקאַנער קאָנטינענט. די ערשטע קהילה „צור־ישראל" האָט אַפילו געהאַט אַ חזן, משה דע אגוליאַר. די קהילה איז זיך אַזוי צעוואַקסן, אַז זי איז אַריבערגעשטיגן אין איר צאָל די ווייסע נישט־ייִדן. דער באַרימטער האָלענדיש־ייִדישער געלערנטער, מנשה בן ישראל, האָט דאַן באַזוכט די קהילה וואָס האָט באַקומען אַ נאָמען אין האָלאַנד. ביזן היינטיקן טאָג געפינען זיך אין פערנאַמבוקאָ שפּורן פון יענער צייט, ווי אַזוי דער ייִדישער פערטל האָט דאַן אויסגעזען.

אין יאָר 1649 האָט פּאָרטוגאַל געשיקט אַן עקספּעדיציע, כדי צוריק צו דעראָבערן בראַזיל. די ייִדן באַטייליקן זיך דירעקט אין קאַמף; דער רב פּראָקלאַמירט תעניתים און דערמוטיקט ייִדן צום קאַמף. גאַנצע פינף יאָר האָט געדויערט דער קאַמף, און ווען עס איז געלונגען די פּאָרטוגעזער צו פאַרטרייבן די האָלענדער פון בראַזיל, זענען זיך די ייִדן פון דאָרט ווידער צעלאָפן. אַ טייל זענען אַנטלאָפן צוריק קיין האָלאַנד, די איבעריקע זענען אַנטלאָפן צו די נאָענטע אינדזלען, וואָס האָבן געהערט צו האָלאַנד: סורינאַם, קוראַסאַאָ, טרינידאַד, ווירדזשין־אינדזלען, באַרבאַדאָס און דזשאַמייקאַ. אַ קליינע גרופּע פון זיי האָט זיך אַרויסגעלאָזט זוכן אַ נייע היים און געלאַנדעט אין ניו־אַמסטערדאַם פּאָרט — די איצטיקע ניו־יאָרק. דאָס זענען געווען די דריי און צוואַנציק ערשטע ייִדן וואָס האָבן אין יולי פון יאָר 1654 געלאַנדעט אין ניו־אַמסטערדאַם.

לויט דעם בראַזיליענישן היסטאָריקער פּעדראָ קאַלמאָן, אין זיין בוך „די בראַזיליענער היסטאָריע", קומט אויס, אַז שוין אין יאָר 1506 זענען קיין בראַזיל געקומען די ערשטע ייִדישע איינוואַנדערער, דאָס זענען געווען פאַרפאָלגטע פון דער אינקוויזיציע, און זיך באַזעצט אין דער שטאָט באַהיאַ. פון די דערמאָנטע מאַראַנישע איינוואַנדערער איז שפּעטער געגרינדעט געוואָרן די ערשטע ייִדישע קהילה. דאָס זעלבע קומט אויס לויטן בוך „שיקזאַל און לייסטונגען פון ייִדן אין בראַזיל" פון קורט לעווענשטאַם, ווו דער מחבר ציטירט דאָס בוך פון זשאָאַן דע קאַבאַל אונטערן קוריאָזן נאָמען „אונדזערע זיידעס — די ייִדן". אין יאָר 1903 האָט האַראַסיאַ דע קאַרוואַליאַ אָפּגעדרוקט אַ גרעסערע אָפּהאַנדלונג אונטערן נאָמען „דער כף פון זשאָאַן קאַמאַליאַ", ווו ער באַהאַנדלט די אונטערשריפט פון דעם גרינדער פון גרעסטן בראַזיליענער שטאָט, וועלכער איז געווען פון ייִדישן אָפּשטאַם, און אין דער אונטערשריפט קען מען לייענען אַ „כף" און „צדיק" וואָס דאָס זענען ראשי תיבות פון „כהן צדק". אָט די און צענדליקער אַנדערע פאַקטן ווייזן אָן אויף די שפּורן פון אַמאָליקער ייִדישער פאַרגאַנגענהייט. די וואָס זענען פאַרבליבן אין בראַזיל האָבן זיך אויסגעמישט מיט די בראַזיליענער און אַריינגעדרונגען אין דער בראַזיליענער אַריסטאָקראַטיע און קאַ־

טוילישן אַדל, און אַ סך הויכע אַדעליקע בראַזיליענער האָבן אין זיך ייִדיש בלוט. פון יענער תקופה זענען בלויז פאַרבליבן געשיכטלעכע ציפערן און דאַטעס.

דער צווייטער פעריאָד פון ייִדישער איינוואַנדערונג קיין בראַזיל האָט זיך אָנגעהויבן אין איצטיקן יאָרהונדערט, ווען אין צאַרישן רוסלאַנד זענען פאַר־געקומען פאָגראָמען אויף ייִדן, און אויף דער איניציאַטיוו און הילף פון באַראָן הירש, זענען רוסישע ייִדן געקומען קיין בראַזיל אין די קאָלאָניעס וואָס זענען געגרינדעט געוואָרן פון דעם ייִדישן פילאַנטראָפּ: די קאָלאָניעס „קוואַטרא איר־מאַנס" (פיר ברידער) און „פיליפּסאָן".

דער דריטער פעריאָד פון ייִדישער איינוואַנדערונג קיין בראַזיל האָט זיך אָנגעהויבן צווישן דער ערשטער און לעצטער וועלט־מלחמה, ווען ייִדן פון פאַר־שיידענע לענדער זענען געקומען קיין בראַזיל, צוערשט מיט דעם באַגריף „מאַכן אַ טאַלער" און נאָכדעם צוריקפאָרן אין די היימישע שטעטלעך. מ'קען זאָגן, אַז די ערשטע וואָס האָבן „אַנטדעקט" בראַזיל זענען די בעסאַראַבער ייִדן, וועלכע געפינען זיך טאַקע דאָרט ביזן היינטיקן טאָג אין אַ מאַיאָריטעט. און יאָרן לאַנד איז טאַקע בראַזיל געווען אַ מין אַמעריקע פאַר די ייִדן פון בעסאַראַ־בער שטעטלעך, וואָס פלעגן אַהינקומען „מאַכן אַ טאַלער" און ווידער צוריק־פאָרן אין די היימישע שטעטלעך און... ווידער צוריקקומען. ביז עס האָבן זיך אָנגעהויבן די אומרוּיקע יאָרן נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה: די פּאָליטישע לאַגע איז כסדר פאַרשאַרפט געוואָרן, לענדער האָבן געהאַלטן אין איין בייטן זייער רעזשימס, און עס איז נישט געווען מער ווו צוריקצופאָרן... האָבן ייִדן זיך אָנגעהויבן עקאָנאָמיש און געזעלשאַפטלעך איינצופונדעווען אין לאַנד. דער אָנהייב פון ייִדישן פּרנסה־קוואַל איז געווען — דער „קלִיענטעלטשיק"; דאָס טראָגן אַ פּעקל אויף די פּלייצעס, אָנבאָטן דער בראַזיליענער פּרוי פון „אַלדאָס גוטס". די בראַזיליענער, בטבע אַ פריינטלעך פאָלק, האָבן די ייִדישע קלאַפּערס גאָר פריינטלעך אויפגענומען, האָבן געקויפט מיט ברייטער האַנט אַלץ נויטיקע אויף אויסצאָלן, און די מסחרים זענען אַוועק נישט שלעכט. אַ סך הומאָריסטישע עפּיזאָדן דערציילט מען פון יענעם קלאַפּער־פעריאָד. די קלִיענטעלטשיקעס האָבן געלעבט אין גרויס אָרעמקייט און ענגשאַפט, — צו דריי־פיר אין אַ צימער — יעדער האָט געהאַט אַ קאַטרע (אַן אויפגעשטעלט לייוונטן בעטל) אָבער אויף די רעכענונגען און קאָנטראַקטן, וועלכע זיי האָבן געמאַכט מיט די קונים, האָט יעדער געהאַט אַן אויפשריפט מיט אַ פירמע: למשל, שמואל — האָט געהאַט „קאַסאַ סאַמועל" (דאָס הויז פון שמואלן...), חיים — האָט געהאַט „קאַסאַ כאַימע"... האָט אַמאָל פּאַסירט, אַז אַ קונה האָט געוואָלט אויסבייטן אַ סחורה וואָס ער האָט געקויפט און געקומען אויפן אָנגעגעבענעם אַדרעס זוכן די פירמע „קאַסאַ

כאימע״... און גאַר געטראָפן אַן אָרעם צימער מיט פיר לייוונטע בעטלעך: — דאָס דריטע בעטל — האָט מען אים אַנגעוויזן — איז „קאַסאַ כאימע״...

פון אַט די „קאַסאַ כאימעס״ און „שמואלס״ זענען אויסגעוואַקסן פאַבריקן, גרויסע פּראַכטפולע געשעפטן אין די שענסטע געגנטן פון ריאָ דע זשאַנייראָ, סאַן פּאַולאָ, פּאָרטאָ אַלעגרע, קוריטיבאַ, בעזשאַ האָריזאָנטע, פּערנאַמבוקאָ, באַהיאַ, און אַפילו אין די ווייטסטע געגנטן בעלעם און מאַנאַוז, ביי די ברעגן פון אַמאַזאָנען־טייך. און אויב עס זענען נאָך ביז היינט פאַרבליבן ייִדן ביי דעם מסחר, אָנשטאָט טראָגן אַ פּעקל אויף די פּלייצעס אונטער דער בראַזיליענער ברענענדיקער זון, פאָרט ער היינט מיט אַ מאָדערנעם אויטאָמאָביל און דער־גרייכט פלעצער און קונים, וועלכע ער האָט קיינמאָל נישט געקענט דערגרייכן מיט דעם פּעקל אויף די פּלייצעס...

בעלעם איז געווען דער לעצטער ייִדישער ישוב וואָס איך האָב באַזוכט אין בראַזיל. זי געפינט זיך אין דער פּראָווינץ פּאַרא און זי פאַרמאָגט דעם הייסעסטן קלימאַט אין בראַזיל. צוויי הונדערט מייל אַוועק, געפינען זיך נאָך דאָרט ביזן היינטיקן טאָג קאַניבאַלן און אינדיאַנער וואָס האָבן נאָך אין זייער לעבן נישט געזען קיין ווייסן מענטש.

דעם שטח איבער גאַנץ נאָרד־בראַזיל ביז בעלעם האָב איך באַדאַרפט דורכ־מאַכן מיט אַ „קאָנסאָליישאַן״־אַעראָפּלאַן, — אַ מין „פליענדיקע פּעסטונג״, וואָס מאַכט די רייזע אַן אָפּשטעל אין זעקס שעה צייט. ווען איך בין אָנגעקומען אין דער באַשטימטער צייט ווען דער אַעראָפּלאַן דאַרף אָפּפליען, האָט זיך אָנגע־הויבן די שטענדיקע געשיכטע פון „קאַלמאַ״ און „אַטראַז״, — דער אַעראָפּלאַן האָט פאַרשפּעטיקט פיר שעה צייט. פון די פיר זענען געוואָרן זעקס און זיבן...

בעת מען האָט אָפּגעוויגן אונדזער באַגאַזש, איז מיר אויסגעקומען צו שטיין נעבן אַ מענטש מיט אַ מאָדנעם הולך, אַן אָפּגעברענט ברוין פּנים, אָבער קלוגע ייִדישע אויגן, וואָס האָבן מיך באַטראַכט.

— אַ ייִד?

— וואָס דען? — האָט ער מיר גלייך אָפּגעענטפערט. — אַ גוי?

— וווהין פאָרט איר?

— קיין בעלעם — האָב איך געענטפערט.

— אויב אַזוי, פאָרן מיר צוזאַמען. — האָט ער מיר שנעל אָפּגעענטפערט.

אַמניבוסן האָבן אונדז געפירט צום לופט־פאָרט פון וואַנען אונדזער רייזי־קער אַעראָפּלאַן האָט באַדאַרפט אָפּגיין. מיט מיר איז אויך געפאָרן דער ייִד, וועלכער האָט זיך פאַר מיר פאָרגעשטעלט, אַז ער הייסט זלמן־לייב, אָבער — האָט ער זיך צוריקגעכאַפּט — מען רופט מיך „זלמן פון בעלעם״. זיצנדיק אין אַעראָפּלאַן זענען מיר געוואָרן שכנים. „זלמן פון בעלעם״ האָט זיך פאַר

מיר אויסגערעדט דאָס האַרץ: — מ׳ווינט אַזוי ווייט פאַרוואָרפן... וואָס קען מען טון, דאָס ביסל פּרנסה — מישטיינס געזאָגט, מ׳דאַרף לעבן, מ׳מוז לעבן...

ווען איך בין אין דער פרי אַרויס אין גאַס פון האָטעל אַווענידאַ, ווו איך האָב געוווינט, האָב איך דערפילט ווי הייסע כוואַליעס האָבן מיך אַרומגעכאַפּט, ווי טויזנטער קלאַמערן וואָלטן מיך געשטיקט ביים האַלדז. כאָטש עס איז גראָד געווען אַ פאַרוואָלקנטער טאָג, זענען מיינע קליידער געווען ווי אָפּגעגאָסן מיט שווייס. זלמן פון בעלעם האָט מיך פאַרגעשטעלט פאַרן דאָרטיקן ביסל אונדזערע ייִדן: צען ייִדן — אַלע אין ווייסע לייכטע הויזן און בלויז זומערדיקע העמדער — זענען געזעסן ביי צוזאַמענגערוקטע טישלעך, געטרינקען „קאַפּעזינאָס", און זיך מיט מיר דערפרייט ווי מיט אַן אבן טוב. נאָכדעם ווי מען האָט זיך אָפּגעגעבן דעם ערשטן שלום־עליכם, האָבן זיך גלייך אָנגעהויבן טענות און באַשולדיקונגען צו... צו די ייִדן פון דער וועלט: — וואָס וועט דער סוף זיין מיט אונדז דאָ? — האָט געפרעגט אַ ייִד מיט אַ קאַליר אין פּנים, וואָס איז שווער געווען צו באַשליסן צו וואָס פאַר אַ קאַליר דאָס געהערט — בלייך, ווייס, אָדער גאָר געל, ווי די דאָרטיקע איינגעבוירענע. — פון ריאָ דע זשאַניירא אַהערצו דויערט אַריבער אַ וואָך צייט מיט דער שיף; מיר זענען אָפּגעריסענע פון ייִדן; פאַרוואָס — האָט דער ייִד ווייטער געפרעגט — שיקט מען צו אונדז דעלעגאַטן, און נישט קיין לערער אָדער רבנים... פאַרוואָס נעמט זיך דאָס ייִדישע פאָלק נישט קיין ביישפּיל פון דער קאַטוילישער קירכע... וואָס שיקט אין די וויטסטע געגנטן פון די אַמאַזאָנען מיסיאָנערן? איר קענט זיי דאָ באַגעגענען אויף שריט און טריט... אונדזערע קינדער וואַקסן אויף פרעמדע פון אונדז... וואָס וועט מיט זיי פאַסירן?... דער ייִד איז שטיל געבליבן, ווי די ווערטער וואָלטן אים זייער ווייַ געטון, פּונקט ווי זיי האָבן מיר געשניטן דאָס האַרץ קוקנדיק אויף די צען ייִדן וואָס זענען אַהערצו פאַרוואָרפן, ערגעץ ווו אין עק וועלט, מיט אַזאַ קאַפּריזנעם קלימאַט, און דאָס האַרץ וויינט אין זיי, קוקנדיק ווי זייערע קינדער גייען פון זיי אינגאַנצן אַוועק.

פאַראַן אין בעלעם אַפילו אַ באַדייטנדיקע ספרדיש־ייִדישע געמיינדע, פון יאָרנלאַנג איינגעפונדעוועט, מיט אַ שיל און אַנדערע רעליגיעזע פונקציעס. שפּורן ווייזן אָן, אַז דאָרט האָבן זיך געפונען ייִדן מיט אַ דריי, פיר הונדערט יאָר צוריק, דאַן ווען זיי האָבן געהאַט זייערע קהילות אין באַהיאַ און פערנאַמבוקאָ. אַן אַלטער בית־עולם געפינט זיך דאָרט אין סאַמע מיטן שטאָט, וואָס איז איצט פאַרצוימט מיט אַ מויער. די ספרדישע ייִדן דאָרט געהערן כמעט אַלע צום רייכן קלאַס און וווינען שוין דאָרט הונדערטער יאָרן. אָבער צווישן אונדזערע ייִדן און די ספרדישע איז נישט פאַראַן קיין גאָר נאָענטע פאַרבינדונג. חוץ איינער וואָס האָט זיך ווי עס איז אַריינגעריסן צו די ספרדים, —

אַ גאַליציאַנער ייִד מיטן נאָמען שלאנגער, וואָס פאַרלייקנט זיין גאַליציאַנער אָפּשטאָם... און „שפּריכט דויטש“. איר טרעפט דערפאַר צווישן אונדזער ביסל ייִדן דאָרט האַלבע־ייִדן — דאָס הייסט פון געמישטע חתונות; ייִדן האָבן חתונה מיט נישט־ייִדישע פרויען, ווייל נישטאָ דאָרט, אין אַזאַ ווייטן טראָפּישן ווינקל, קיין ייִדישע מיידלעך.

שפּעט ביינאַכט, ווען מיין אַעראָפּלאַן האָט מיך נאָך אַ באַזוך פון פינף טעג באַדאַרפט אַוועקטראָגן קיין סורינאַם; ווען דער שאָפער פון דער פּאַן אַמע־ריקאַן־ליניע האָט מיך אויפגעוועקט — האָב איך דורך דעם שיין פון דעם איינציקן האָטעל־לאַמטערן דערזען שטיין „זלמנען פון בעלעם“ אין זיין „הולך“: די לאַנגע ווייסע, לייוונטענע הויזן און ברייטן שטאָפּענעם קאַפּעליוש ביז איבער די אויערן, — פאָרט געזונט — האָט ער מיר געדריקט מיין האַנט און גיט איבער אַ גרוס צו די ייִדן פון דער גאַנצער וועלט...

אינהאַלט פאַרצייכענונג

מיט דער באַן פון ניו־יאָרק קיין מעקסיקע — 7
מיט דער באַן פון מעקסיקע קיין גואַטעמאַלאַ — 23
מיט אַן אָמניבוס פון גואַטעמאַלאַ קיין סאַן סאַלוואַדאָר — 47
ניקאַראַגואַ — דאָס לאַנד פון טייכן און וואולקאַנען — 56
קאָסטאַ ריקאַ — דאָס לאַנד פון דעמאָקראַטיע און יידן־שנאה — 67
אַ באַזוך אין פאַנאַמאַ קאַנאַל — 78
קאָלאָמביאַ — דאָס לאַנד פון קאָנטראַסטן — 92
ווענעזועלאַ — דאָס לאַנד פון שוואַרצן גאָלד — 114
קוראַסאַאָ אַן אינדזל מיט אַ רייכער יידישער פאַרגאַנגענהייט — 129
אַ באַזוך אין סורינאַם — 140
ביי פאַרבלאָנדזשעטע און עלנטע יידן אין טרינידאַד — 153
מיט אַ הייפעלע יידן אויפן בריטישן אינדזל באַרבעדאָס — 163
אויפן טייוולס אינדזל — 173
עקוואַדאָר — דאָס לאַנד פון טויזנט פאַרבן אַן קאָלירן — 186
מיט יידן אין וויט פאַרוואָרפענע ווינקלען — 200
פערו — דאָס לאַנד פון די אינקאַס — 215
טשילע — דאָס לאַנד פון בערג, זון און זאַרגלאָזיקייט — 233
מיט אַן אויטאָמאָביל פון טשילע קיין אַרגענטינע — 247
אַרגענטינע — דער שמעלץ־טאָפּ פון דרום־אַמעריקע — 254
מאָזעסוויל — אַ יידיש שטעטל אין אַרגענטינע — 282
באָליוויע — דער דאַך פון דער וועלט — 287
אורוגוואַי — די שווייץ פון לאַטיין־אַמעריקע — 304
אויף די חורבות פון אַ יידישער קאָלאָניע אין בראַזיל — 315
איבער בראַזיליאַנער שטעט: פון פּאָרט אַלעגרע ביז בעלעם — 323